STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07736

HAYIM ARLOZOROV BUKH

Chaim Arlosoroff

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

חיים אַרלאָזאָראָוו בוך

DAVID & SOPHIE SISLIN
DETROIT, MICHIGAN

חיים אַרלאָזאָראָוו

חיים אַרלאָזאָראָוו בוך

צו זיין צענטן יאָרצייט

רעדאַגירט פון

שלמה גראָדזענסקי

אַרויסגעגעבן פון
חיים אַרלאָזאָראָוו צווייג (137)
אידיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד
דעטראָיט, 1944

Copyright, 1944

Printed in U.S.A.
PARISH PRESS, INC., 151 West 25th Street, New York 1, N. Y.
10

אינהאַלט

געשטאַלט און לעבן:

שלמה גראַדזענסקי

שטריכן צו אַ פּאָרטרעט 11

ברוך צוקערמאַן

מיינע באַגעגענישן מיט חיים אַרלאָזאָראָוו 34

יוסף שפּרינצאַק

עפּיזאָדן 59

דאָראַ און עליזה אַרלאָזאָראָוו

קינדהייט- און יוגנט-יאָרן 64

יעקב פּיכמאַן

פּרילינגס-טעג 75

י. לופּבאַן

די לעצטע צוויי יאָר 80

מ. שערטאָק

ביים רודער 88

גערדאַ

אַ פול לעבן 97

געקליבענע שריפטן:

ניו-יאָרק און ירושלים 103

פּעטער קראָפּאָטקין 185

דער נאָך-מלחמה׳דיקער נאַציאָנאַליזם און די אידן .. 214

זשענעווער טאָגבוך 238

די בריטישע באַאַמטנשאַפט אין ארץ ישראל 268

„דער זיבעטער דאָמיניאָן" 280

דער קלאַסן-קאַמף אין דער ארץ ישראל׳דיקער ווירק-לעכקייט 294

די לעצטע רעדע 305

בריוו 311

*

חיים אַרלאָזאָראָוו׳ס שריפֿטן זיינען געזאַמלט געוואָרן אין זיבן בענד (כתבי חיים אַרלוזורוב, הוצאת א. י. שטיבל בהשתתפות מרכז פּועלי ארץ ישראל, תל־אביב, תרצ״ד־ה). צווישן די דאָזיקע כתבים געפֿינען זיך עטלעכע ביכער: די ניט־פֿאַרענדיקטע געשיכטע פֿון קאָלאָניזאַציע אין דער וועלט (תולדות ההתישבות בעולם), „דער אידישער פֿאָלקס־סאָציאַליזם״, „די קאָלאָניזאַציע־פֿינאַנסן פֿון דער אידישער אַגענטור״ („כספי ההתישבות של הסוכנות היהודית״).

מיר האָבן פֿון זיינע גרעסערע אַרבעטן אויסגעקליבן זיינע „בריוו וועגן אַמעריקאַנער אידנטום״. עס איז איבעריק צו זאָגן, פֿאַרוואָס דאָס איז געטאָן געוואָרן — דאָס איז אַ טעמע, וואָס דאַרף זיין באַזונדערס אינטערעסאַנט דעם לייענער פֿון דעם דאָזיקן באַנד. עס איז אָבער פֿאַראַן נאָך אַ סיבה. מיר גלויבן, אַז צווישן אַרלאָזאָראָוו׳ס אַרבעטן איז „ירושלים און ניו־יאָרק״, וועלכע ער האָט, לײדער, ניט באַוויזן צו פֿאַרענדיקן, איינע פֿון די רייפֿסטע און וואָגיקסטע. עס איז צו באַוואונדערן ווי פֿריש און אַקטועל די דאָזיקע באַטראַכטונגען וועגן לעבן און גורל פֿון דעם אידישן קיבוץ אין אַמעריקע זיינען פֿאַרבליבן עד היום, דרײַצן יאָר נאָכדעם ווי זיי זיינען געשריבן געוואָרן.

דער עסעי וועגן פּעטער קראָפּאָטקין איז איינע פֿון אַרלאָזאָראָוו׳ס יוגנט־אַרבעטן. ער איז געווען אַ צוואַנציק־יעריקער בחור, בעת ער האָט דעם עסעי געשריבן. שפּעטער האָט ח. אַרלאָזאָראָוו גאַנץ מערקבאַר געענדערט זיין בליק אויף די פּראַגעס, וואָס ער באַרירט אין דעם דאָזיקן עסעי. אָבער מיר האָבן געהאַלטן פֿאַר נויטיק דעם עסעי צו געבן דערפֿאַר, וואָס עס גיט אַן אַריינבליק אין איינעם פֿון די מקורות פֿון חיים אַרלאָזאָראָוו׳ס גייסטיקער וועלט און אויך אַלס אַ מוסטער פֿון זיין יוגנטלעכן שאַפֿן. דער סטיל פֿון עסעי וועט דעם לייענער מסתּמא אָפּט אויסקומען האַרטלעך און איבערגעלאָדן מיט אַקאַדעמישער טערמינאָלאָגיע; אָבער מיר האָבן זיך באַמיט אויף ווי ווייט מעגלעך טריי איבערצוגעבן דעם סטיל פֿון אָריגינאַל.

פֿון חיים אַרלאָזאָראָוו׳ס אַרטיקלען וועגן אַקטועל־ציוניסטישע ענינים זיינען אין דעם באַנד אַריין די אָפּהאַנדלונגען וועגן דעם „זיבעטן דאָמיניאָן״ און „די בריטישע באַאַמטנשאַפֿט אין ארץ ישראל״. די צוויי אַרטיקלען זיינען אַרויסגעוואַקסן פֿון חיים אַרלאָזאָראָוו׳ס באַשעפֿטיקונג מיט דרינגענדיקע מאָמענט־פּראָבלעמען. זייער מחבר האָט זיי בשעתם דיקטירט צו דעם רעדאַקטאָר פֿון דעם פֿאָלגנדיקן באַנד און זיי זיינען פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אין „פֿאַרן פֿאָלק״, דעם אָרגאַן פֿון דער צעירי־ציון התאחדות פּאַרטיי.

די אַרבעט וועגן „נאָך־מלחמהדיקן נאַציאָנאַליזם און די אידן״ איז אויך אַ פּראָדוקט פֿון אַ באַשטימטער סיטואַציע. די דאָזיקע פּראָבלעם איז אין די שפּעטערע צוואַנציקער יאָרן געשטאַנען פֿאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג. דעמאָלט האָט זיך פֿיל געדוכט, אַז די נאַציאָנאַלע אידעע האַלט ביים אַראָפּגיין פֿון דעם היסטאָרישן סדר־היום פֿון דער געשיכטע — און זיי האָבן זיך געזאָרגט וועגן גורל פֿון ציוניזם אין אָט דער סיטואַציע. די לאַגע האָט זיך זינט דעמאָלט גרינטלעך געענדערט — אָבער אַרלאָזאָראָוו האָט אין דער שטודיע באַרירט אַזוי פֿיל פּראָבלעמען פֿון דויערנדיקער באַדייטונג פֿאַרן ציוניזם, אַז מיר האָבן געהאַלטן פֿאַר נויטיק זי איינצושליסן אין דעם באַנד.

עס איז ניט פֿאַראַן וואָס צוצוגעבן צו דעם פּרעכטיקן „זשענעווער טאָג־בוך“, וואָס גיט דעם לייענער אַן אַריינבליק ניט נאָר אין וויכטיקע אַספּעקטן פֿון דער ציוניסטישער פּאָליטיק, נאָר אויך אין חיים אַרלאָזאָראָוו׳ס פּערזענלעכקייט און מענטאַליטעט.

מיט צוויי אויסנאַמען זיינען אַלע אָפּשאַצונגען און אַרטיקלען וואָס זיינען אַריין אין דער ערשטער אָפּטיילונג פֿון בוך דערשינען אין ארץ ישראלדיקע זשורנאַלן און צייטונגען אין די ערשטע יאָרן נאָך אַרלאָזאָראָוו׳ס טויט. פֿאַר דעם באַנד זיינען ספּעציעל געשריבן די „שטריכן“ פֿון דעם רעדאַקטאָר און די זכרונות פֿון ח׳ ברוך צוקערמאַן. זאָל ער באַדאַנקט זיין פֿאַר דעם דאָזיקן שיינעם ביישטייער צום זאַמלבוך.

אַ גרויסער טייל פֿון דעם בוך איז געווידמעט חיים אַרלאָזאָראָוו׳ס פּערזענלעכקייט און לעבן. עס איז אָבער כּדאַי גלייך אין אָנהייב צו פֿאַרצייכענען די וויכטיקסטע דאַטעס אין זיין ביאָגראַפֿיע:

ער איז געבוירן געוואָרן פֿעברואַר 1899 אין ראָמני (אוקראַינע), אַ זון פֿון שאול אַרלאָזאָראָוו, אַ סוחר און אַ תּלמיד־חכם. אין זיין פֿריער קינדהייט האָבן זיך זיינע עלטערן איבערגעצויגן קיין דייטשלאַנד. ער האָט שטודירט אין גימנאַזיעס אין ליק, קעניגסבערג און בערלין און אין דער בערלינער אוניווערזיטעט, פֿון וועלכער ער האָט באַקומען דעם דאָקטאָר־טיטול. אין יאָר 1919 האָט ער געגרינדעט דעם דייטשן „הפּועל הצעיר“ און געוואָרן דער רעדאַקטאָר פֿון זיין מאָנאַט־שריפֿט „די אַרבייט“. זינט 1921 איז ער געווען אַ מיטגליד פֿון ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט. ארץ־ישראל האָט ער צום ערשטן מאָל באַזוכט אין 1921; זינט 1924 איז ער געווען אַ פּערמאַנענטער תּושב. אין 1926 האָט אים דער ועד לאומי געשיקט אין אַ דעלעגאַציע צום פֿעלקער־בונד. ער האָט צוויי מאָל באַזוכט די פֿאַראייניקטע שטאַטן: אין 1927 — אַלס מיטגליד פֿון דער קרן היסוד דעלעגאַציע און אין 1928־29 — אַלס שליח צו דער אַמעריקאַנער „התאחדות“ פּאַרטיי. אין יאָר 1931 איז ער דערווײלט געוואָרן אַלס מיטגליד פֿון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע און לייטער פֿון איר פּאָליטישן דעפּאַרטאַמענט אין ירושלים. אויף דעם דאָזיקן פּאָסטן איז ער געשטאָרבן; כ״ב סיוון, תּרצ״ג, איז ער דערמאָרדעט געוואָרן אויפֿן ברעג ים אין תּל־אביב.

דער אַרבעטער־קוואַרטאַל „קרית חיים“ לעבן חיפֿה, און די אַרבעטער־ישובים גבעת חיים און כּפֿר חיים אין עמק חפֿר טראָגן זיין נאָמען.

צום שלוס — אַ האַרציקן דאַנק די חברים פֿון דעם אַרלאָזאָראָוו צווייג (137) פֿון אידיש נאַציאָנאַלן אַרבעטער פֿאַרבאַנד אין דעטראָיט פֿאַר דעם דאָזיקן דענקמאָל, וואָס זיי האָבן געשטעלט דעם לערער און פֿירער, נאָך וועמען דער צווייג טראָגט אַ נאָמען. אַ באַזונדערן יישר־כּוח דעם ספּעציעלן אַרלאָזאָראָוו־בוך קאָמיטעט און די חברים ד. זיסלין און משה שיוועער פֿאַר זייער דערמוטיקונג און הילף ביים צוגרייטן דאָס בוך.

זינט דעם טויט פֿון חיים אַרלאָזאָראָוו האָבן פֿיל פֿון אונז געפֿילט די באַדערפֿעניש צו געבן דעם אידיש־לייענענדיקן עולם, באַזונדערס אונזערע אייגענע חברים, די מעגלעכקייט זיך צו באַקענען מיט זיין ירושה. דער פֿאַרזוך איז געמאַכט געוואָרן איצט, צו זיין צענטן יאָרצייט. מיר ווילן האָפֿן, אַז דאָס פֿאָרליגנדיקע בוך וועט אין אַ געוויסער מאָס נאָכקומען די דאָזיקע באַדערפֿעניש.

ש. ג.

געשטאַלט און לעבן

שלמה גראָדזענסקי

שטריכן צו אַ פּאָרטרעט

די צען יאָר וואָס זיינען פאַרגאַנגען זינט חיים אַרלאָזאָראָווס טויט, זיינען צווישן די געשעעניש־רייכסטע תקופות אין דער געשיכטע פון אונזער ציוויליזאַציע — און צווישן די סאַמע אימה׳דיקסטע אין אונ־זער אידישן ספר הזכרונות. גאַנצע וועלטן זיינען פאַרשוואונדן געוואָרן אין דעם מבול וואָס איז אין די יאָרן איבער אונז געקומען. מיר לעבן אין אַ צייט, וואָס האָט פאַרלוירן די פּערספּעקטיוו, אין וועלכער געשעענישן, דערשיינונגען און מענטשן באַקומען זייער פּלאַץ און זינען. פיל דערשיינונגען און מענטשן, וואָס זיינען אונז ערשט מיט צען יאָר צוריק געווען זעלבסטפאַרשטענדלעך און נאָענט — זיינען אונז איצט געוואָרן מורא׳דיק פרעמד און ווייט. און פון דער אַנדערער זייט, דוכט זיך אָפטמאָל, אַז מיר אָטעמען די לופט פון אַלטע צייטן, וואָס עס האָט זיך געדוכט, אַז זיי זיינען שוין אויף אייביק פאַרגליווערט געוואָרן צווישן די געלע בלעטער פון פאַרשטויבטע געשיכטע־ביכער. און דאָך: די דאָזיקע געשטאַלט, די געשטאַלט פון חיים אַרלאָזאָראָוו, איז דורך די יאָרן ניט מטושטש געוואָרן און עס האָט זיך ניט אויס־געוועפט דער וויטאָג, וואָס עס האָט איבערגעלאָזן זיין אומדערוואַר־טעט־אומפאַרשטענדלעכער סוף.

*

אַז מיר טראַכטן וועגן דעם דאָזיקן לעבן, דערמאָנען מיר זיך קודם־כל וועגן זיין קורצן דויער: צו 34 יאָר איז שוין אויף דעם דאָזיקן לעבן געקומען דער סוף. דערמאָנט מען זיך, וואָס חיים אַרלאָזאָראָוו האָט אין דעם דאָזיקן לעבן דערגרייכט, דעם פּלאַץ וואָס ער האָט זיך דעראָבערט אין ציוניזם און אין דער ארץ ישראל׳דיקער אַרבעטער־באַוועגונג, די פאַרערונג און ליבע, וואָס האָבן אים שוין ביים לעבן אַרומגערינגלט, די האָפענונגען, וואָס מען האָט אויף אים געלייגט —

מוז מען נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל נשתומם ווערן פֿון דעם רייכטום און שוואונג פֿון דעם דאָזיקן פֿריצייטיק אָפּגעהאַקטן לעבן.

שוין ביי חיים אַרלאָזאָראָווס לעבנס־צייט האָט די דאָזיקע יונגע רייפֿקייט אַרויסגערופֿן שטוינונג און באַוואונדערונג. ניט לאַנג צוריק האָב איך, בלעטערנדיק אין זיינע שריפֿטן, זיך אָנגעשטויסן אָן זיינעם אַ בריוו פֿון יאָר 1929, געשריבן פֿון ניו־יאָרק. אין דעם בריוו האָט ער זיין מוטער דערציילט וועגן דער פֿייערונג פֿון זיין דרייסיקסטן געבורטס־טאָג. לייענענדיק דעם דאָזיקן בריוו, וועלכן חיים אַרלאָזאָראָוו האָט געשריבן בעת ער האָט שוין פֿאַרנומען איינע פֿון די אָנגעזעענסטע פֿירער־פּאָזיציעס אין וועלט־ציוניזם, ערב זיין איבערנעמען דעם וויכטיקסטן פּאָסטן אין דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע, האָט ווידער אַרומגענומען אַ געפֿיל פֿון אומגלויבלעכקייט. בלויז דרייסיק יאָר! און דאָך, איז עס דאָך טאַקע אַזוי געווען. איך בין דאָך אַליין יענעם געבורטס־טאָג אָוונט געווען אין דעם קליינעם צימערל אין האַרלעם, אין וועלכן ער האָט געוואוינט מיט זיין פֿאַמיליע. אַ קורצע צייט פֿריער בין איך געשטאַנען לעבן אים בעת ער האָט זיך רעגיסטרירט אין דער שטאָטישער ביבליאָטעק אויף דער צווייטער עוועניו און דער אַכטער גאַס, און האָט דער ביבליאָטעקאַרן אָנגעגעבן זיין עלטער: 29 יאָר. איך האָב דעמאָלט אַ דערשטוינטער אַ קוק געטאָן אויף זיין פּנים, אויף זיין שאַרף אויסגעפֿורעמטן, געשלאָסענעם, רייפֿן אויסדרוק. אין דעם דאָזיקן פּנים איז שוין ניט געבליבן דער מינדסטער סימן פֿון יוגנטלעכער צעשוואומענקייט, פֿון יענער בלאָנדזשענדיקער אומבאַשטימטקייט, וואָס ביי די מערסטע מענטשן קען מען זי נאָך געפֿינען שפּעט אין די דרייסיקער.

ער איז געווען ניט מער ווי דרייסיק יאָר אַלט, אין יענעם יאָר וואָס ער האָט מיט אונז פֿאַרבראַכט אין אַמעריקע. און דאָך האָט ער שוין הינטער זיך געהאַט אַזאַ לאַנגן וועג, אַזויפֿיל דעראָבערונגען און דערגרייכונגען. זיין וועג צום פֿאָלק און זיין קולטור, צו זיינע ווערטן און זיין באַפֿרייאונגס־באַוועגונג איז דאָך ניט געווען קיין לייכטער, קיין זעלבסטפֿאַרשטענדלעכער. אַ זון פֿון אַ מזרח־אידישער פֿאַמיליע, וואָס האָט זיך אין זיינע פֿריסטע קינדער־יאָרן באַזעצט אין דייטשלאַנד, איז ער דערצויגן געוואָרן אין אַ סביבה, אין וועלכער די פֿולשטענדיקע אַסימילאַציע איז שוין ניט געווען „אידעאַלאָגיע" אָדער „אידעאַל", נאָר דער „נאָרמאַלער צושטאַנד". דאָס דייטשע אידנטום איז געווען אַ קיבוץ, וואָס האָט שוין געהאַלטן נאָך דער

אַסימילֿאַציע. כּדי צו דערגרייכן זיין פּערזענלֿעכע אידישע זעלֿבסט־באַשטימונג, האָט אַ איד אין אַזאַ סביבה אין זיך געדאַרפֿט מאָבילֿיזירן כּמעט העראָאישע כּוחות. צווישן די דייטשע אידן, וואָס האָבן דאָס געוואָגט צו טאָן, איז חיים אַרלֿאָזאָראָוו געווען איינער פֿון די גאַנצסטע און ראַדיקאַלֿסטע. די צייט און די סביבה, אין וועלֿכער ער איז רייף געוואָרן, האָבן דעם יונגן מענטשן ווייניק דערמוטיקט אין זיינע אָנשטרענגונגען צו געפֿינען אַ וועג צו זיין שטאַם. די ערשטע וועלֿט־מלחמה האָט דעם יונגן דייטשן דור איבערגעלאָזט אַ ירושה פֿון אַנטוישונג און ציניזם, פֿון איין זייט, און נעגאַטיווער בונטאַרישקייט און אוטאָפּיזם — פֿון דער אַנדערער. עס איז דעמאָלֿט געווען פֿילֿ „לייטישער" צו זאָגן „ניין", ווי „יאָ". און דאָס האָט דאָך זיכער אָפּגע־לֿירט צו דעם טעמפּעראַמענט פֿון דעם אַסימילֿירטן אידן. אים איז זיכער אָנגעקומען פֿילֿ לייכטער אינגאַנצן אָוועקצומאַכן מיט דער האַנט די שווערע, קלֿיינלֿעכע, אומבאַפֿרידיקנדיקע ווירקלֿעכקייט, איידער זיך צו קאָנצענטרירן אויף אַ טאַט, אויף איין טאַט, אויף אַ באַשטימטער באַגרענעצטער אויפֿגאַבע, וואָס פֿאָדערט פֿון מענטשן זיין גאַנצע אויפֿמערקזאַמקייט און איבערגעבנקייט.

חיים אַרלֿאָזאָראָוו האָט זיין וועג אויסגעקלֿיבן אין די ערשטע יוגנט־יאָרן. נאָך זיצנדיק אויפֿן שולֿ־באַנק פֿון דער גימנאַזיע, האָט ער זיך בעגעגנט מיט ישראלֿ רייכערט, אַן ארץ ישראלֿ'דיקן אַרבע־טער, וואָס האָט אין דייטשלֿאַנד שטודירט לֿאַנדווירטשאַפֿט. פֿון ישראלֿ רייכערטן האָט חיים אַרלֿאָזאָראָוו צום ערשטן מאָלֿ געהערט וועגן לֿעבעדיקן ציוניזם, וועגן אידישן ישוב און דעם אידישן אַרבעטער, וועגן „הפּועלֿ הצעיר", וועגן א. ד. גאָרדאָן. אָט די באַגעגעניש איז געווען דער אַנטשיידנדיקער מאָמענט אין זיין לֿעבן. וואָרעם בעצם איז דער מקור פֿון חיים אַרלֿאָזאָראָווס גלֿויבן און טעטיקייט ניט געווען קיין אָפּגערונדעטע „אידעאָלֿאָגיע", ניט קיין טעאָרעטישע סיס־טעם, נאָר אַ „סיסטעם פֿון לֿאָיאַלֿיטעטן". ער איז געווען אַ מענטש מיט אַ זעלֿטענער סאָציאָלֿאָגיש־עקאָנאָמישער בילֿדונג, מיט ראַפֿינירטע אַנאַלֿיטישע פֿעאיקייטן, און אין קאַמף מיט אַ קעגנער האָט ער, ווען עס האָט זיך געהאַנדלֿט וועגן אידעאָלֿאָגישע שטרייט־פֿראַגן, זיך אָפֿט־מאָלֿ מיט דעם באַנוצט — צומאָלֿ אַפֿילו אויף אַן איבערטריבענעם אופֿן. אָבער ניט דאָס איז געווען דער מקור פֿון זיין גלֿויבן און לֿעבן; דער מקור איז געווען דער איינמאָלֿיקער אַקט פֿון באַקערונג צום ציוניזם, אין די קינדער־יאָרן. דעמאָלֿט איז אויף אייביק געשלֿאָסן

געוואָרן דער נשמה־בונד פֿון חיים אַרלאָזאָראָוו מיטן ציוניזם און דער אידישער אַרבעטערשאַפֿט אין ארץ ישראל.

זיינע ערשטע אינטערעסן זיינען געווען אין דער ספֿערע פֿון קונסט און פּאָעזיע (קורט בלומענפֿעלד האָט וועגן אים אַמאָל געזאָגט, אַז ער איז געווען אַ ציוניסט Von Goethes Gnaden) אין דער קינדהייט און די פֿרייע יוגנט־יאָרן האָט ער געפֿלאַטערט אין דער וועלט פֿון געטהע און העלדערלין, רילקע און סטעפֿאַן געאָרגע. ער האָט אַליין געשריבן פֿערזן, איבער וועלכע עס איז געלעגן דער צויבערלעכער אָפּשיין, וואָס די גרויסע מייסטער וואָס ער האָט פֿאַרגעטערט, האָבן געוואָרפֿן אויף זיין יונגער, נאָך שיינקייט־הונגע־ריקער נשמה. דער שורש פֿון זיינע סאָציאַלע אָנשויאונגען איז אויך געלעגן אין דעם „קעניגרייך פֿון שיינקייט". ביז זיין ערשטן באַזוך אין ארץ ישראל (אין יאָר 1921) איז חיים אַרלאָזאָראָוו געווען דער פֿירער פֿון דייטשן „הפּועל הצעיר", אַ ציוניסטישער קרייז, וואָס האָט זיך געראַנגלט מיטן אָרטאָדאָקסישן, מאַרקסיסטישן סאָציאַליזם. די אַנטשיידנדיקע איינפֿלוסן אין דעם דאָזיקן קרייז זיינען געווען דער „אידעלער אַנאַרכיסט" גוסטאַוו לאַנדאַוער און דער רעליגיעזער דענקער מאַרטין בובער, מיט זיין אייגנאַרטיקער אויסטייטשונג פֿון די סאָציאַלע לערעס פֿון אַלטן אידנטום. ביי חיים אַרלאָזאָראָוו איז שוין דעמאָלט געווען גאַנץ בולט דער ניכטערער „מתנגדישער" מהות פֿון זיין אופֿן דענקען. אָבער דאָך איז ער אויך גאַנץ שטאַרק גע־שטאַנען אונטער דער השפּעה פֿון דעם דערמאָנטן אַנאַרכיסטיש־רעליגיעזן געדאַנקענגאַנג, וואָס איז דעמאָלט געווען זייער פּאָפּולער אין דער ציוניסטישער יוגנט אין דייטשלאַנד. אָבער ער, מיט זיין ניכ־טערקייט און סאָלידקייט, האָט פֿאַר זיינע אַנאַרכיסטישע שטרעבונגען געזוכט אַ פֿעסטערן יסוד — אין קראָפּאָטקינס שטודיעס וועגן דער ראָלע פֿון דער קעגנזייטיקער הילף אין דער נאַטור און דער מענטש־לעכער געזעלשאַפֿט, אין דער ליטעראַטור פֿון די רוסישע „נאַראָד־ניקי" און סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן. אין די שפּעטערדיקע יאָרן, נאָכדעם ווי ער האָט זיך אין יאָר 1921 צוריקגעקערט קיין דייטשלאַנד, האָט חיים אַרלאָזאָראָוו די דאָזיקע אוטאָפּישע „נאַרישקייטן" אומ׳רח־מנות׳דיק עלימינירט פֿון זיין האָריזאָנט. ער האָט זיך אַפֿילו געהאַלטן פֿאַר אַ מעסיקן מאַרקסיסט. אָבער דער עיקר האָט ער גרינטלעך זיך באַקענט מיט צוויי נייע ספֿערעס פֿון לעבן און דענקען — מיט דער ענגלישער דעמאָקראַטיע און דער ארץ ישראל׳דיקער אַרבעטער־

באַוועגונג. פֿון זיי האָט ער געלערנט די גרויסע חכמה פֿון צמצום (אָדער ווי עס האָט אַמאָל געזאָגט דער דענישער שריפֿטשטעלער הערמאַן באַנג: מיר מוזן לערנען די גרויסע קונסט קליין צו זיין) אין ארץ ישראל האָט ער געלערנט ווי גרויס עס זיינען די קרבנות און וויתורים, ניט נאָר פֿיזישע נאָר אויך אינטעלעקטועלע, וואָס עס פֿאָדערט אַזאַ איינציקאַרטיקע אויפֿגאַבע ווי דער אויפֿבוי פֿון אַ אידיש לאַנד אונטער די שווערע באַדינגונגען און ווי ווייניק עס פּאַסן זיך אַריין אין דער דאַזיקער ווירקלעכקייט טרוימען, וואָס זיינען געבוירן געוואָרן אונטער גאָר אַנדערע באַדינגונגען — אין אַ וועלט, וואָס איז איבערגעזעטיקט מיט דיסצופּלין, מיט אָרגאַניזאַציע, מיט מאַכט. פֿון דער ענגלישער געשיכטע און דעם ענגלישן לעבן האָט ער גע־לערנט, אַז געזעלשאַפֿטלעכע ווערטן באַקומען אַ באַדייטונג בלויז דעמאָלט ווען זיי ווערן אַריינגעבויט אין באַשטימטער סאָציאַלער סביבה און טראַדיציע, אין די באַגריפֿן, זיטן און אינסטיטוציעס פֿון אַ פֿאָלק. אָבער די דאַזיקע אויסניכטערונג, די דאַזיקע מורא פֿאַר צו־ברייטע, וועלט־אַרומנעמענדיקע און וועלט־איבערקערנדיקע אי־דעאָלאָגיעס און פּלענער, האָט ניט פֿאַרניכט דעם פֿרייהייטלעך־סאָ־ציאַליסטישן שורש אין חיים אַרלאָזאָראָווס וועזן. אַז מען פֿלעגט זיך אַמאָל צעשמועסן וועגן „אַמאַליקע יאָרן" פֿלעגט אַרלאָזאָראָוו ערגעץ פֿון אַ טישקעסטל אַרויסנעמען אַן אַלט העפֿט — זיינע אַן אַרבעט וועגן די מעגלעכקייטן וואָס אַ ברייטע עלעקטריפֿיקאַציע איז עלול צו עפֿענען פֿאַר דער דעצענטראַליזאַציע פֿון דער אינדוסטריע — וואָס איז דאָך אַ פֿאָרבאַדינג פֿאַר אַן אַנאַרכיסטישער געזעלשאַפֿטס־אָרדענונג. „איך היט אָפּ דעם מאַנוסקריפּט. אפֿשר וועלן מיר דאָס נאָך אַמאָל דאַרפֿן האָבן". דערביי פֿלעגט ער דערמאָנען דעם שלוס פֿון זיין יוגנט־אַרבעט וועגן פּעטער קראָפּאָטקין, אין וועלכער ער רעדט וועגן דעם אַנאַרכיזם, ווי דעם היסטאָרישן עטאַפּ, וואָס וועט קומען נאָך דער עטאַבלירונג פֿון דעם מלוכה־סאָציאַליזם. אָבער גלייך פֿלעגט ער אביסל שעלמיש צוגעבן: „דערווייל איז נאָך פֿאַראַן פֿיל צו טאָן ביז מיר וועלן האַלטן ביי דער קומענדיקער מלוכה־סאָציאַליסטישער אָרדענונג".

די ניין חדשים, וואָס חיים אַרלאָזאָראָוו האָט אין 1920־21 פֿאַר־בראַכט אין ארץ ישראל זיינען געוועזן אַן אַנטשיידנדיקער ווענד־פּונקט אין זיין לעבן. במשך פֿון אָט די חדשים האָט דער אידישער ישוב דורכגעמאַכט זיין ערשטע דערוואַכונג פֿון דעם חלום פֿון דער

באַלפור־דעקלאַראַציע. אין אָט די חדשים זיינען פֿאָרגעקומען די ערשטע אַראַבישע „געשעענישן". אַרלאָזאָראָוו איז געווען צווישן די יעניקע, וואָס האָבן מיט וואָפֿן אין די הענט פֿאַרטיידיקט תּל־אָביב קעגן די אַראַבישע אָנגרייפֿער. ער האָט צוזאַמען מיט זיינע חברים דורכגעמאַכט די אָנטווישונג אין הערבערט סעמיועל, דעם ערשטן „נציב יהודה". ער האָט אין משך פֿון די דאָזיקע חדשים געלערנט, אַז די פֿאַרווירקלעכונג פֿון ציוניזם איז פֿאַרבונדן מיט פֿיל, פֿיל גרעסערע שוועריקייטן, ווי ער האָט ווען עס איז געטראַכט. און שוין אין זיין ערשטן אַרטיקל, וואָס איז געשריבן געוואָרן נאָך די פֿרילינג־אומרוען אין יאָר 1921 וואָרנט ער: מען דאַרף די דאָזיקע שטערונגען נעמען ערנסט. דאָס זיינען ניט קיין פֿאַרבייגייענדיקע דערשיינונגען. באַזונדערס פֿאָדערט ער אויף, אַז די ציוניסטישע באַוועגונג זאָל ניט מבטל זיין די באַדייטונג פֿון דער אַראַבישער נאַציאָנאַלער באַוועגונג. ער אידעאַליזירט ניט די דאָזיקע באַוועגונג. ער ווייסט, אַז אירע טרעגער זיינען אַ צאָל אַראַבישע פֿעאָדאַלע משפּחות, וואָס נוצן אויס מאַסן־פֿאַראורטיילן און מאַסן־סענטימענטן אין זייער קאַמף פֿאַר מאַכט און פּריווילעגיעס. אָבער מיט סאָציאָלאָגישע אַנאַליזן און מאָראַלישע פֿאַרדאַמונגען קען מען ניט מבטל מאַכן דעם רעאַלן געוויכט פֿון דער אַראַבישער נאַציאָנאַלער באַוועגונג, מיט וועלכן די ענגלענדער מוזן זיך אויך רעכענען.

*

זיבן יענע חדשים אין ארץ ישראל האָט דער פּילזייטיקער אַרלאָזאָראָוו אויפֿגעהערט צו זיין אַ „שפּאַצירער אין די וועלט פֿון גייסט". זיינע איבערלעבונגען אין ארץ ישראל האָבן אים געצוואונגען אויסצוקלייבן זיין פּלאַץ און זיין אויפֿגאַבע אין דער אַרבעט און אין די קאַמפֿן, וואָס ער האָט געזען אויפֿן וועג צו דער פֿאַרווירקלעכונג פֿון ציוניזם. דער אַרלאָזאָראָוו, וועלכן מיר האָבן באַגעגנט אין די שפּעטע צוואַנציקער יאָרן, איז שוין געווען אַ מענטש מיט באַשטימטע, באַגרענעצטע אויפֿגאַבן. אָדער אפֿשר איז ריכטיקער צו זאָגן, אַ מענטש מיט איין אויפֿגאַבע: ציוניזם. דער ציוניזם איז געווען דער צענטער פֿון זיין דענקען, פֿון זיינע שמועסן, מסתּמא פֿון זיינע חלומות. אָבער עס איז געווען דער צענטער פֿון אַ ברייטער סקאַלע פֿון אינטעלעקטועלע און זעלישע אינטערעסן און ליידנשאַפֿטן. אין דעם דאָזיקן פּונקט האָבן זיי זיך אַלע באַגעגנט. כּמעט אַלץ וואָס ער האָט געלייענט, געהערט, געטראַכט, האָט זיך ערגעץ באַרירט מיט דער

צענטראַלער אידעע פֿון זיין לעבן. מען האָט מיט אים געדאַרפֿט אַמאָל פֿאַרברענגען אַ טאָג, כּדי צו זען וואָס עס הייסט לעבן מיט אַן אידעאַל, מיט אַן אויפֿגאַבע. פֿון די באַמערקונגען וועגן דער מאָרגן־צייטונג, וואו יעדעס שטיקל נייעס — אַ פּאָליטישער אָפּמאַך פֿון וואַטיקאַן אָדער אַן אָפּצאָל אויף אייער אין דענעמאַרק — איז באַטראַכט געוואָרן קודם כּל פֿון דעם שטאַנדפּונקט פֿון דער מעגלעכער ווירקונג אויף אונזער אַרבעט, ביז דעם שמועס בייט מיטאָג עסן און דעם זיי־געזונט ביי דער טיר שפּעט אין דער נאַכט — האָט זיך אַלץ געוויקלט אַרום איין צענטראַלער „טעמע". קליינינקייטן און גורל־פֿראַגן — די לעצטע צושריפֿט פֿון דעם אָרגאַניזאַציע־דעפּאַרטמענט ביי דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, די קומענדיקע פֿאַרזאַמלונג פֿון דעם פּאַרטיי־פֿאַריין אין די בראָנקס, דער לעגיסלאַטיווער ראַט אין ארץ ישראל — ער האָט קיין זאַך ניט דורכגעלאָזן אָן אַ קאָמענטאַר. אָבער יעדער ענין איז ביי אים סובלימירט געוואָרן, צו יעדן ענין האָט ער געבראַכט יאָרן פֿון דענקען און פֿאָרשן. פֿאַר אונזערע פּראָווינציאַלן איז דאָך אַזוי ענג אין די ראַמען פֿון ציוניזם — ער האָט וועגן יעדער קליינינקייט גערעדט אַזוי ווי עס וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן אַ לעבנס־פּראָבלעם פֿון אַ גרויסער אימפּעריע.

די ציוניסטישע עפֿנטלעכקייט האָט ווייניק געוואוסט וועגן דער שפּע פֿון אינטערעסן פֿון דעם ציוניסטישן פּאָליטיקער און טריבון חיים אַרלאָזאָראָוו. ער האָט זיך אַליין באַמיט צו פֿאַרבאָרגן אָט די אַלע „פּערזענלעכע אָפּנויגן", ער האָט, ווי עס ווייזט אויס, מיט זיך געדאַרפֿט פֿיל קעמפֿן כּדי צו דערגרייכן די אינטעלעקטועלע קאָנצענטראַציע פֿון זיינע רייפֿע יאָרן. אָבער איבער זיינע פֿילע אינטערעסן און באַגאַבונגען האָט דירידזשירט אַ שטאַרקער, עקשנות'דיקער ווילן. אַ מענטש, וואָס גייסטיקע ברייטקייט און ברייטהאַרציקייט איז געווען דער הויפּט־שטריך פֿון זיין פּערזענלעכקייט, איז פֿאַר אים שטענדיק געשטאַנען די אויפֿגאַבע זיך מצמצם צו זיין, אונטעראָרדענען זיינע אימפּולסן און תּשוקות צו תּכלית פֿון דער זאַך, וועלכער ער האָט געשוואוירן זיין טרייען דינסט אין די קינדער־יאָרן. זעלטן, און דאָס אויך בלויז צו נאָענטע פֿריינד, פֿלעגט זיך אַנטפּלעקן אַרלאָזאָראָוו דער קינסטלער — דער געצוימטער דיכטער. ער פֿלעגט, דוכט זיך, אויפֿלעבן בעת ער פֿלעגט האָבן די געלעגנהייט צו אַנטפּלעקן זיין „זינד". די בעסטע אַנטאָלאָגיע פֿון דער דייטשער פּאָעזיע האָב איך געהערט פֿון אים—בעל פּה. זיין געשמאַק אין פּאָעזיע איז געווען פֿון דעם

סאַמע ראַפֿינירטסטן מין. אין זיין ליבע פֿאַר „זיינע" דיכטער האָבן זיך אַנטפּלעקט די גרונט־מאָטיוון פֿון זיין פּערזענלעכקייט. אין דער פּאָעזיע האָט אים ניט געצויגן צו דער פֿליסנדיקער, „ראָמאַנטישער" שורה, צו דער זעלבסט דראַמאַטיזאַציע פֿון אינדיווידועלן לעבן, נאָר צום מאָנומענטאַלן, „סקולפּטורעסקן" וואָרט, וואָס איז אַ מאָנומענט פֿון דעם אייביקן און איבערפּערזענלעכן אין מענטשן. ער האָט ליב געהאַט דעם אַלטן „אָלימפּישן" געטהע, דעם זעערישן העלדערלין, טאָמאַס האַרדי, דעם דיכטער פֿון דער דאָרפֿישער לאַנדשאַפֿט און דער מאָלער פֿון אינעם גורל־יאָך געשפּאַנטן מענטשן.

אָבער דעם קינסטלער חיים אַרלאָזאָראָוו, האָט מען געקענט געפֿינען ניט נאָר אין זיין באַציאונג צו ליטעראַטור און קונסט. דאָס קינסטלערישע אין אַרלאָזאָראָוון איז אויך ניט פֿאַרלוירן געגאַנגען אין יענע יאָרן, אין וועלכע ער איז שוין אינגאַנצן געשטאַנען אין רשות פֿון דער פּאָליטיק. און ניט נאָר דאָס קינסטלערישע אַליין — גענויער וואָלט געווען צו זאָגן: דאָס גייסטיקע, דאָס עטישע, דאָס העכסטע אין אים. אַרלאָזאָראָוו איז געווען אַ געשיקטער פּאָליטיקער. און דאָס הייסט דאָך — אַ מייסטער פֿון „דער קונסט פֿון מעגלעכן". ער איז געווען אַ ניכטערער אָפּשאַצער פֿון מענטשן, פֿון פּאָליטישע סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס, פֿון מאַכט. אַלס אויסטייטשער פֿון פּאָליטישע טאַטזאַכן און געשעענישן האָט ער אָפֿטמאָל געגאָסן קאַלט וואַסער אויף הייסע קעפּ. אָבער מען האָט אין זיין קעגנוואַרט געפֿילט, אַז אויך זיין פּאָליטיק ציט איר יניקה פֿון אַ העכערער, מער לויטערער ספֿערע, אַז דער דאָזיקער געשייטער פּאַרטיי־פֿירער און סטראַטעגיקער לאָזט זיך, אין לעצטן סך־הכּל דיקטירן פֿון אימפּעראַטיוון, וואָס זיינען דעם דורכשניטלעכן פּאָליטיקער גאַנץ פֿרעמד.

די בולטסטע אייגנשאַפֿט אין דעם פּאָליטיקער חיים אַרלאָזאָראָוו איז געווען דאָס לעכצן נאָך פֿולער, אומגעטיילטער פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט. ער איז געווען אַ צוגעלאָזטער מענטש, אַ האַרציקער חבר און „גוטער ברודער". איידער ער האָט „גענומען שטעלונג" צו אַ פֿראַגע, האָט ער זיך פֿריער באַראַטן בוכשטעבלעך מיט צענדליקער מענטשן. ער איז שטענדיק געווען גרייט צו לערנען פֿון יעדן איינעם. אָבער די לעצטע פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿאַר אַן אַנטשיידונג האָט ער געטראָגן אַליין. אַרלאָזאָראָוו איז געווען אַ ליידנשאַפֿטלעכער דעמאָקראַט, און ניט נאָר אין דער „אידעאָלאָגיע", נאָר אין זיין פּערזענלעכער הנהגה. אָבער, מען האָט געפֿילט (ער האָט זעלטן גערעדט וועגן די

זאָכן), אַז לויט זיין אויפפאַסונג, אָדער, ריכטיקער געזאָגט, לויט זיין לעבנס־געפיל, ליגט די דעמאָקראַטיע הויפּטזעכלעך אין דער ספערע פון רעכט און געלעגנהייטן — דאָרטן דאַרף הערשן אין זיין גאַנצער האַרבקייט דער פּרינציפּ פון גלייכקייט. אָבער אין דער ספערע פון פליכטן, אין דער אַרבעטס־צעטיילונג פון דעם סאָציאַלן אָרגאַניזם, קען גילטיק זיין בלויז דער פּרינציפּ פון היעראַרכיע. פאַר דער פּריווילעגיע פון פירערשאַפט דאַרף באַצאָלט ווערן אַ שווערער פּרייז. פירן הייסט נעמען אויף זיך אַן עול, וואָס דער דורכשניטלעכער מענטש קען ניט אָדער וויל ניט טראָגן. דער דאָזיקער עול איז אויך אַ גרויסע זכיה, אַ קוואַל פון פרייד און באַפרידיקונג. און דער פּרייז פון דער דאָזיקער פּריווילעגיע איז — שטיין איינער אַליין פאַר דער שווערער ברירה, אַליין טראָגן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר נצחונות און מפּלות.

אַרלאָזאָראָוו איז געווען אַ מענטש מיט גרויסע אַמביציעס. ער האָט זיי געטראָגן מיט אָפענעם שטאָלץ — מיט שטאָלץ און עניוות צוגלייך. ער האָט די דאָזיקע אַמביציעס קיינמאָל ניט באַהאַלטן אונטער דעם צודעק פון קאָלעקטיווער אַנאָנימיטעט. און דאָך — און אפשר מעג מען זאָגן, גראָד דערפאַר — איז ניט געווען קיין אַנדערער אין ציוניסטישן לאַגער, וואָס האָט געהאַט אַזאַ הויכע יראת־הכבוד׳דיקע קאָנצעפּציע פון די פאָדערונגען פון זיין אמט, פון יעדן ציוניסטישן אמט, ווי ער. דער באַגער נאָך רום איז פאַר אים געווען איינער פון די נאָבלסטע מענטשלעכע אימפּולסן — אַ באַגער איבער וועלכן עס לויערן נסיונות און סכנות און וועלכער טראָגט אין זיך די טראַגישסטע און דערהויבנדיקסטע פּאָטענצן.

פּאָליטיק איז פאַר אים ניט געווען, ווי עס פּרעטענדירט דער דורכשניטלעכער אידישער פּאַרטיי־אינטעליגענט, אַ לאַסט און פליכט, אַ פּערזענלעכע מאַרטירערשאַפט פאַר אַ סאָציאַלן ענדציל, אָדער בלויז אַ מיטל אויף צו ברענגען אויף דער וועלט אַ משיח׳ישע אָרדענונג, אין וועלכער פּאָליטיק וועט ווערן אינגאַנצן איבעריק. פּאָליטיק, האָט מען געפילט אין זיין קעגנוואַרט, איז פאַר אים איינע פון די העכסטע, דראַמאַטישסטע, וועזנטלעכסטע מענטשלעכע טעטיקייט־ספערעס. אין די גרענעצן פון דער דאָזיקער ספערע, אין די שפּאַנונגען פון אידעע אוןווירקלעכקייט, פירערשאַפט און נאָכפאָלגערשאַפט, מיטל און ציל, פשרה און אינטראַנסיגענץ, מאַסן־פאַרערונג און איינזאַמקייט —

שפּילן זיך אָפּ און קומען צום אויסדרוק די טיפסטע מעגלעכקייטן פון דער מענטשלעכער עקזיסטענץ.

אַרלאָזאָראָוו האָט ליב געהאַט די פּאָליטישע טעטיקייט. ער האָט געפילט, אַז זיין גורל, זיין נאַטור, האָט אים באַשטימט פאַר דער ראָלע, כאָטש די קליינלעכקייטן פון פּאָליטישן לעבן האָבן אים גאַנץ אָפט דורכגענומען מיט עקל. אָבער צופּיל האָט זיך זיין וועזן, דאָס עיקרדיקסטע אין אים, דאָס קינסטלערישע, זיך געניטיקט אין דעם דאָזיקן „שפּיל", אַז ער זאָל פון דעם קענען אינגאַנצן אַוועקגיין.

יאָ, אַ „שפּיל". אָבער אַן אויסדרוק פון העכסטן, פון דעם מע־טאַפיזישן קערן אין מענטשן. אַ „שפּיל" לויט זייער האַרטע שטרענגע כללים. ער האָט געקענט זיין אַ שאַרפער קעגנער — אָבער זיין געווער איז שטענדיק געווען שאַרף און זויבער. Fair play איז פאַר אים ניט געווען קיין פּוסט וואָרט, נאָר אַ הייליק געבאָט. אין זיין קרייז, צווישן זיינע נאָענטע, האָט ער קיינמאָל ניט געקענט פאַר־טראָגן קיין לייכטן ביטול צו אַ קעגנער. איך דערמאָן זיך, ווי ער האָט מיר איינמאָל געגעבן אַ זשורנאַל און געבעטן דאָרטן איבער־צו לייענען אַן אַרטיקל. פריער האָט ער פאַרדעקט דעם נאָמען פון שרייבער. איך האָב דעם אַרטיקל איבערגעלייענט און אויסגעדריקט אַ זייער ניט־באַגייסטערטע מיינונג. דער שרייבער איז געווען אַ מענטש, וואָס האָט אַרלאָזאָראָוון פאַרשאַפט זייער פּיל עגמת־נפש, אים כמעט גע'רודפ'ט. אָבער ער האָט זיך מיט מיר געשפּאַרט וועגן דעם אַר־טיקל. עפּעס איז דאָך פאַראַן אין דעם אַרטיקל און אין זיין שרייבער. איך האָב ניט מסכים געווען און האָב געטראַכט: אַרלאָזאָראָוו צווינגט זיך צו זיין גערעכט צו זיין קעגנער. אָבער דער דאָזיקער אינצידענט האָט אין מיר איבערגעלאָזט אַ יראת הכבוד פאַר דער ריטערלעכקייט פון אָט־דעם „האַרטן פּאַרטיי־מענטש".

אַן ענגלישער שריפטשטעלער, הערבערט ריד, האָט אַמאָל געשריבן אַ בוך וועגן דעם Sense of Glory. דער „זין פאַר גלאָריע" איז, לויט הערבערט ריד, דאָס מענטשלעכסטע אין מענטשן, דער „מותר האדם מן הבהמה". פון אים שטאַמט אַלדאָס דערהויבנדיקע אין מענטש־לעכן לעבן און אין דער געשיכטע פון מענטשלעכן מין — די פעי־איקייט צוליידן און דולדן, מקריב צו זיין דאָס רעאַל־אוממיטלבאַרע פאַרן ווייטן און אומזיכערן, דעם היינט — פאַרן מאָרגן. אָט דער „זין פאַר גלאָריע" האָט פון אַרלאָזאָראָוון אַרויסגעשטראַלט און פאַר־

שטריכן צו א פארטרעט

צויבערט אלע די וואס האבן אים ליב געהאט. ציוניזם איז פאר אים געווען די היינטצייטיקע אנטפלעקונג פון דער גלאריע פון דעם אייגנטלעכן אידישן געשיכטלעכן גורל. ער האט געהאט אן אינסטינקטיוון ווידערווילן קעגן דער גייסטיקער באדנלאזיקייט און אוטאפיסטישער אייטלקייט, וואס איז דער מקור פון אזויפיל אומגעלומפערטער אידישער „רעוואלוציאנערישקייט”. אין איינעם פון זיינע בריוו דערציילט ער, אז דער ועד הפועל פון דער הסתדרות האט אויף אים ארויפגעלייגט די אויפגאבע צו באגלייטן די צוויי „עסטעטישע קאמוניסטן” ארטור האליטשער און ערנסט טאלער, וואס זיינען געקומען קיין ארץ ישראל אויף א באזוך. „איך האב ניט”, שרייבט ער, „קיין באזונדער סימפאטיע פאר דעם דאזיקן טיפ — ער איז, לויט מיין געשמאק, צו פיל אלץ־ליבנדיק, צו ווייך”. דערפאר שטייט ער מיט יראת־הכבוד פאר דער געשטאלט פון דיזראעלי, „וואס זיין לעבן און אנטוויקלונג האבן ניט געצויגן זייער יניקה, ווי ביי פיל אידן, פון רעוואלוציאנערישקייט, נאר זיינען געוואקסן ארגאניש, דורך כאוועו די טראדיציע און די פארהייליקטע רעכט, אויס א טיפער פארשטענדעניש פאר אלץ וואס איז געווארן און עקזיסטירט”. אין שטיפערישע מינוטן פלעגט ער זיך דערקלערן פאר א „טארי־סאציאליסט”. ארלאזאראוו איז געווען א גליענדיקער, גלויביקער סאציאליסט. עס איז אין אים אבער ניט געווען קיין שמץ דעמאגאגיע. ער האט פיינט געהאט די פוילעניש אין דער קאפיטאליסטישער ארדענונג, אבער ער האט זיך און אנדערע ניט לייכט געמאכט די אויפגאבע פון בויען א נייע, בעסערע ארדענונג. ער האט געוואוסט, אז דאס וועט געשען בלויז אויב די בויער פון דער נייער ארדענונג וועלן זיך ארויסווייזן צו זיין בעסערע, פעאיקערע, מוטיקערע מענטשן, ווי די יעניקע וועמענס פלאץ זיי ווילן פארנעמען — ווען זיי וועלן ווייניקסטנס באזיצן די זעלבע ארגאניזיר פעאיקייט, דיסציפלין און ניכטערקייט ווי זייערע קעגנער. און דער ציל פון אט די אלע אנשטרענגונגען איז ניט קיין גן־עדן, נאר בלויז א לעבן פון זינפולער ארבעט און מענטשלעכער ווערדע פאר אלעמען, פאר די וואס קענען דאס ניט דערגרייכן אין דער איצטיקער ארדענונג.

ער האט זיך געהאלטן פאר א מארקסיסט — און ער איז דאס מסתמא געווען — איך וואלט אבער געזאגט: א מארקסיסט מיט א שמייכל. עס האט אים בכלל געפעלט די פעאיקייט וועגן זיך צו געברויכן די זעלבע „יסט” מיט דער געוויינלעכער כמורנער זעלבסט־

חשיבות. ווען ער האָט געלערנט און געטראַכט, האָט ער עס געטאָן לשמה. ניט זייענדיק קיין „טעאָרעטיקער", דאָס הייסט קיין מאָדערנער מגיד, האָט ער זיך צום אינטעלעקטועלן לעבן באַצויגן צו ערנסט, אַז ער זאָל זיינע גייסטיקע ווערטן און אַרייננבליקן עקספּלואַטירן פֿאַר קליינלעכע פּאַרטיי־צוועקן, כּדי צו פֿלעכטן פּאַרטיי־פּראָגראַמען אָדער כּדי אַרויסצורופֿן די באַוואונדערונג פֿון אַן אומוויסנדן עולם. ער איז געווען אינטעלעקטועל אַ צו שעמעוודיקער מענטש, אַז ער זאָל קענען פּרעטענדירן, אַז וועלכע עס איז וויסן־סכעמע איז עפּעס מער ווי אַ לפּי־ערכ׳דיקע און צייטווייליקע אַפּראָקסימאַציע פֿון לעצטן, אומדערגרייכבאַרן אמת.

ער איז אָבער געווען אַ מאַרקסיסט אין אַ באַשטימטן זין. ער האָט אַקצעפּטירט די אַלגעמיינע שטריכן פֿון מאַרקס׳ טעאָריע פֿון דער געזעלשאַפֿטלעכער אַנטוויקלונג, ווי וועגווייזער אין די אַקטועלע פּראָבלעמען פֿון דער צייט. עס איז אָבער געווען אַן אויסגעלייטערטער נאָך־מאַרקס׳שער מאַרקסיזם. זיינע לערער זיינען געווען ווערנער זאָמבאַרט און מאַקס וועבער, וועלכע זיינען צו זייערע אייגענע אָנשויאונגען אויך געקומען דורך אַ גערענגל מיטן מאַרקסיזם. די וויסנשאַפֿטלעכע שול אין וועלכער אַרלאָזאָראָוו איז אינטעלעקטועל אויסגעפֿורעמט געוואָרן, איז אַרויסגעגאַנגען פֿון מאַרקס׳ הנחות וועגן דעם פּראָדוקציע־אופֿן און דער קלאַסן־גלידערונג ווי די פֿאַקטאָרן וואָס דעטערמינירן דעם אינהאַלט און די ריכטונג פֿון די סאָציאַלע און פּאָליטישע קאַמפֿן פֿון דער צייט. אָבער זי איז געגאַנגען אַביסל ווייטער: זי האָט פֿון דעם דאָזיקן דעטערמיניזם אויך ניט אויסגעשלאָסן דעם מאַרקסיזם אַליין און זי איז געקומען צום שלוס, אַז די לעצטע דעטערמינירנדיקע פֿאַקטאָרן זיינען פּאָרט אידעען, קולטורן, נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע טראַדיציעס.

*

חיים אַרלאָזאָראָוו האָט געשטאַמט פֿון אַ גוט־סיטואירטער בירגערלעכער רוסיש־אידישער פֿאַמיליע, וואָס האָט זיך בעת ער איז געווען אַ קליין קינד באַזעצט אין דייטשלאַנד. ער איז געווען אַ פֿערצן־יאָריק אינגל בעת עס איז צו אים דערגאַנגען דער רוף פֿון דער ארץ ישראל׳דיקער אַרבעטערשאַפֿט. דער געדאַנק פֿון חלוצ׳ישער פֿאַרווירקלעכונג איז געווען זיין טיפֿסטע יוגנט־איבערלעבניש. אָבער צו פֿאַרווירקלעכונג איז עס דאָך ביי אים ניט געקומען. זיינע פֿעאיקייטן און זיינע אַמביציעס האָבן אים באַשערט צו פירן אַ בירגער־

לעכן לעבן. אָבער דער שטעמפּל פֿון זיינע יוגנט־טרוימען איז קיינמאָל ניט אָפּגעמעקט געוואָרן. אין זיין ערנסט, אין יעדן וואָרט און אין יעדן טראָט זיינעם האָט מען געפֿילט מיט וואָס פֿאַר אַן ערנסטער פֿאַראַנט־וואָרטלעכקייט עס האָט אים אָנגעפֿילט דאָס באַוואוסטזיין, אַז אים איז געגעבן געוואָרן דער מאַנדאַט און דער צוטרוי פֿון די יעניקע וואָס שטרעבן אין זייער פּערזענלעכן לעבן צו פֿאַרווירקלעכן דעם מאַקסימום פֿון אונזערע סאָציאַלע אידעאַלן. ווען ער פֿלעגט זיך ווײַצלען וועגן זיין constituency נהלל, (אין די לעצטע יאָרן האָט ער ליב געהאַט צו טראַכטן אין ענגלישע פּאָליטישע טערמינען) איז עס געווען פֿיל מער ווי איראָניע. עס איז אין דעם געלעגן אַ גרויסער שטאָלץ, וואָס האָט זיך דווקא גענומען פֿון באַוואוסטזיין פֿון דעם גרויסן אונטערשייד צווישן זיין לעבן און דעם לעבן פֿון די, וועמענס פֿירער ער איז געווען. און ער איז געווען אַ צופֿיל גייסטיק־זיבערער מענטש, אַז ער זאָל דאָס דאָזיקע באַוואוסטזיין פּרובירן פֿאַרטושן דורך רעדנערישער רעטאָריק. אין אונזער באַוועגונג זיינען פֿאַראַן אַ סך ביורא־מענטשן און פּראָפֿעסיאָנעלע פֿירער, וואָס האָבן זיך ליב צו צעגיסן וועגן דער שיינקייט פֿון חלוציזם, וועגן דעם גליק פֿון ליידן, אַרלאָזאָראָוו, געדענק איך, פֿלעגט זיך אָנטזאָגן צו באַטייליקן זיך אין יאָרצייט־פֿאַרזאַמלונגען צום אָנדענק פֿון א. ד. גאָרדאָן. דאָס אומדערגרייכבאַר־פּערפֿעקטע טאָר ניט פּראָפֿאַנירט ווערן דורך גרינגע יום־טוב־רייד. צו אים מעג זיך צורירן בלויז דער וואָס איז אַליין אויפֿן וועג צו אים.

מיר אַלע, וואָס זיינען אים נאָענט געווען, האָבן שוין דעמאָלט, אין די צוואַנציקער יאָרן פֿון זיין לעבן, געפֿילט, אַז מיר שטייען פֿאַר אונזער לערער, פֿאַר דעם וואָס האָט אַ רעכט צו זיין אַ לערער און וועגווייזער דערפֿאַר וואָס ער אַליין האָט ביז צום סוף דורכגעטראַכט און פֿאַרויסגעשפּירט דעם וועג אויף וועלכן ער האָט זיך פֿאַרנומען. ער האָט אונז געגעבן דאָס געפֿיל, אַז עס איז ניטאָ קיין איין שוועריקייט, קיין איין מניעה, קיין איין פֿאַרבאָרגענע גרוב וואָס ער האָט ניט פֿאָרויסגעזען און איינערלעך דורכגעלעבט, אַז דער וועג שטייט שטענדיק פֿאַר זיינע אויגן אין זיין גאַנצער מורא׳דיקער אָפֿנקייט, און ער איז גרייט — גלייביק, עקשנותדיק. און מיר זיינען אים דערפֿאַר גרייט געווען צו פֿאָלגן.

ער איז געווען אַ רבי וואָס געצויגן צו אים האָט דווקא מתנגדים. זיין עשירות האָט ניט פֿאַרויסגעזעצט, ווי עס איז דער שטייגער ביי

חסידישע וואונדער־רבּים, (באַזונדערס היינטיקע, מאָדערן־אידישע) די אָרעמקייט פון אַן עדה פאַרגאַפטע, פון מתיקות־קרעצנדיקע שיריים־כאַפּער. מען האָט תּיכּף געפילט, אַז ער אַליין זוכט ניט דעם חסיד, נאָר דעם חבר. אויב מיר האָבן כּמעט אומבאַוואוסטזיניק פריידיק מקבּל געווען זיין גייסטיקע אויטאָריטעט איז עס ניט געווען דער־פאַר וואָס ער האָט אונז באַצויבערט מיט די דרכים פון אַ „העכערן וועזן״, וואָס מיר לעבן אין זיין זכות. דאָס איז שוין לכתחילה געווען אויסגעשלאָסן. ער האָט צופיל געקענט לאַכן און צו ווייניק געקענט מאַכן ערנסטע מינעס. ער פלעגט אַ סך, אַ סך לאַכן — און ניט וועגן אַנדערע מענטשן. די נאָענטקייט צו אים האָט ניט אַנטוישט. פאַרקערט: וואָס גוט־ברודערישער, אינטימער, צוגעלאָזטער ער איז געוואָרן מיט איינעם פון אונז, אַלץ טיפער, אַלץ גלייביקער איז געוואָרן דער יראת־הכּבוד, מען קען אַפילו זאָגן, אַז אַלץ גרעסער איז גע־וואָרן די דיסטאַנץ צו אים.

מיר האָבן זיך געפילט ווי זיינע תּלמידים שוין דורך דער אינטענסיווער אינטעלעקטועלער שפע פון זיין פערזענלעכקייט, וואָס האָט, דוכט זיך גאָר ניט געהאַט קיין סוף. מיר האָבן שטענדיק געוואוסט: וואָס מיר זאָלן ניט באַרירן אין אונזער שמועס, וואָס פאַר אַ פראַגע מיר זאָלן ניט אַוועקשטעלן — אויף אַלץ וועט קומען אַן עכאָ, און נאָכדעם וועלן מיר עס שוין זען אין אַ נייער פערספּעקטיוו, אין שייכות מיט אַנדערע זאַכן, ווי מיר האָבן זיך עס קיינמאָל ניט פאַר־געשטעלט.

פאַרשטייט זיך, אַז ער איז ניט געווען קיין פּוסק־אַחרון און קיין אַלץ־ווייסער. מיר זיינען צו אים ניט געגאַנגען פרעגן שאלות — אָבער ער האָט געהאַט די פעאיקייט די פראַגן אַרויסצורייסן פון זייער איזאָלאַציע און זיי לעבעדיק צו מאַכן.

און נאָך עפּעס האָבן מיר געוואוסט: דאָרטן וואו עס ענדיקן זיך אַלע פראַגן און אַלע ענטפערס, וואו דער אינטעלעקט שטייט אינגאַנצן קראַפטלאָז און ווירקונגסלאָז — ערשט דאָרטן געפינט זיך די אמת׳ע קראַפט פון זיין פערזענלעכקייט, דער כּוח פון פערזענלעכן אַנטשלוס. ער האָט אונז איינמאָל דערציילט, ווי אַזוי ער און זיינע פריינד האָבן זיך איינמאָל פאַרזאַמלט אין מיטן פון די אומרוען פון יאָר 1921, בעת עס האָט זיך אין אַ מינוט געדוכט, אַז עס קומט שוין „דער סוף פון דעם גאַנצן ענין״, און האָבן צווישן זיך גערעדט ווי צו באַגעגענען דעם דאָזיקן סוף. איך וועל ניט איבערגעבן די איינצלהייטן פון דעם

דאָזיקן שמועס. איך האָב אָבער דעמאָלט געפּילט ווי פּשוט, ווי זעלבסטפֿאַרשטענדלעך דאָס איז געווען ביי אים.

ווען איינעם אַ חבר, איינעם פֿון אונזערע בעסטע פּיאָנערן, וועמען ער האָט שטאַרק ליב געהאַט, האָט ער אַמאָל געזאָגט, אַז ער האָט אַ „פּנים פֿון אַן אַלטן רוימער״. אין אים האָט אויך געלעבט אַן אַלטער רוימער, וואָס גייט אין קאַמף מיט דעם אַנטשלוס צו קומען צוריק מיט נצחון — אָדער אינגאַנצן ניט קומען צוריק.

אין זיין ניינצנטן לעבנס־יאָר איז צו אים דערגאַנגען די ידיעה וועגן זיין פֿאָטערס טויט. דאָס ליד אין וועלכן ער האָט דעמאָלט געבראַכט צום אויסדרוק זיין טרויער, גיט אונז אפֿשר דעם בעסטן אַריינבליק אין זיין פּערזענלעכקייט, אין זיין עטאָס: (דאָס ליד איז געשריבן געוואָרן אין דייטש. אַזוי ווי דער אָריגינאַל איז קיינמאָל ניט פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן, ווערט דאָ געבראַכט אשר באַראַש׳ס העברעאישע איבערזעצונג):

למות אב

האהבה אבי לי נתן\
לא גמלתיו: עודי עולל\
לא ידעתי ערך המתן,\
והגבר בי את הרוך שלל.

ימים יבואו וגדלתי בן\
מחמל נפשי, בו רגשי ידלק —\
לו את אשר הוא לא חלק\
אגמול, ואשר לי לא יתן.

כי הוא, הגבר, וכן רעיונו\
ילכו בנתיבות לו בחר,\
אך בכוסף אלוה הלך־אונו,\
אם לנכדי יהי השכר.

בחיק העתים עיני תחון\
את שחוק־החיים ברוח נכון;\
כל איש הלאה יך כדור־זהבו,\
אך גם אחד אחור לא השיבו *

* „די ליבע וואָס מיין פֿאָטער האָט מיר געגעבן, האָבן איך אים ניט צוריקגעקערט; אַ קינד, האָב איך ניט געוואוסט דעם ווערט פֿון דער מתּנה און דער

שלמה גראָדזענסקי

*

חיים אַרלאָזאָראָוו איז אַריינגעטראָטן אין אַקטיוון דינסט פֿון ציוניזם אין אָנהויב פֿון אַן עפּאָכע — די עפּאָכע פֿון דער באַלפֿור־דעקלאַראַציע און דעם מאַנדאַט. שוין ביי זיינע ערשטע טריט אין דער ציוניסטישער עפֿנטלעכקייט האָט מען געפֿילט: עס איז געקומען אַ נייער כּוח, אַ טיפּ מענטש, וועלכן די נייע צייט און די נייע באַדינגונגען האָבן געפֿאָדערט. בעת ער איז געשטאָרבן האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע עפּאָכע אין ציוניזם — עס איז געקומען די גרויסע פּראָבע פֿון דער אידישער נאַציאָנאַלער באַוועגונג. און דווקא ער, וועלכער איז צו דער ציוניסטישער פֿירערשאַפֿט געקומען כּמעט אין דער קינדהייט, דירעקט פֿון שול־באַנק, איז געווען דורכגעדרונגען מיט דעם נאָגנדיקסטן אומרו וועגן די סכּנות און נסיונות, וואָס האָבן זיך פֿאַרן ציוניזם געעפֿנט מיט דער נייער תּקופֿה. ער האָט זיך שטענדיק געזען ווי אַ דינער, ווי אַ סאָלדאַט פֿון דער לעבנס־זאַך פֿון זיין פֿאָלק. צו דעם דאָזיקן דינסט האָט ער זיך געגרייט מיט דעם הייליקן ציטער פֿון אַ חלוץ, וואָס גייט צום ערשטן מאָל אַרויס אויף הכשרה, וואָס שטייט פֿאַר דער גרויסער פּראָבע פֿון זיין לעבן.

דער יונגער ענטוזיאַסט פֿאַר דער גרויסער וועלט־פּאָעזיע שטודירט ניט קיין פֿילאָלאָגיע אָדער ליטעראַטור. דער יונגערמאַן, וועמען עס האָט געצויגן צו די גרויסע אומליזבאַרע פּראָבלעמען פֿון דער פֿילאָזאָפֿיע, שטודירט פּאָליטישע עקאָנאָמיע, פֿינאַנץ־וועזן, אימפּעריאַלע פּראָבלעמען, די אינטערנאַציאָנאַלע קרעדיט־סיסטעם. גרויסע מעגלעכקייטן האָבן זיך געעפֿנט פֿאַר זיין פֿאָלק, פֿאַר זיין באַפֿרייאונגס־טאַט. די דאָזיקע געלעגנהייטן דאַרפֿן אויסגענוצט ווערן. מען דאַרף מייסטערן האַרטע פּראָבלעמען, מען דאַרף באַהערשן דעם „שטאָף פֿון דער געשיכטע”. מען טאָר קיין איין רגע ניט פֿאַרגעסן, אַז די געלעגנהייטן זיינען אַזעלכע אומבאַשטימט־עלאַסטישע, אַזעלכע גליטשיקע. אָט ליגן זיי אין דיין האַנט — און כּהרף עין פֿליען זיי אַוועק.

מאַן האָט אין מיר די צאַרטקייט אַוועקגענומען. טעג וועלן קומען און איך וועל האָדעווען אַ געליבטן זון, אין וועמן מיין געפֿיל וועט פֿלאַמען — אים וועל איך אָפּגעבן דאָס וואָס ער האָט מיט מיר ניט געטיילט, און וועט מיר קיינמאָל ניט געבן. וואָרעם ער, דער מאַן, און זיין געדאַנק וועלן גיין אויף וועגן, יואָס ער וועט זיך אויסקלייבן, אָבער מיט בענקשאַפֿט וועל איך באַגלייטן זיין פֿעסטן גאַנג, אויב מיין איינִיקל וועט באַקומען דעם שכר. אין שויס פֿון דער צייט צערטלט מיין אויג דעם שמייכל פֿון לעבן מיט אַ רעזיגנירט געמיט. יעדער איינער וואַרפֿט ווייטער זיין גאָלדענע פּילקע, אָבער קיינער וואַרפֿט זי אים ניט צוריק”.

שטריכן צו אַ פּאָרטרעט

מיר דאַרפֿן גרייט זיין. מיר טאָרן ניט פֿאַרשפּעטיקן. דער יונגער אַרלאָזאָראָוו קאָנצענטרירט זיך אויף זיין הכשרה, הכשרה צו דינען דער זאַך, דעם פֿאָלק. „זייטיקע" אינטערעסן ווערן עלימינירט, ווערן אָפּגערוקט און אָפּגעלייגט אויף לייכטערע צייטן, אויף פֿרייערע שעה'ן. עס איז פֿאַראַן אַן עיקר אין לעבן — ער דאַרף שטענדיק שטיין פֿאַר די אויגן, ער טאָר קיין רגע ניט צורו לאָזן דעם געוויסן, די אויפֿמערקזאַמקייט.

ער גרייט זיך — צו וואָס? דאָס איז אים אַליין נאָך אין גאַנצן ניט קלאָר. וואו ער קערט זיך, זעט ער פֿאַרנאַכלעסיקטע שטחים פֿון אַרבעט, בלויזן און לעכער. די אַזוי גערופֿענע אויפֿבוי־אַרבעט, די ווירטשאַפֿטלעכע בויאונג, ווערט געפֿירט פֿון האַנט צום מויל, אָן אַ מעטאָד און אָן אַ פּלאַן. קען אַ לאַנד קאָלאָניזירט ווערן אויף אַזאַ אופֿן — בעת אונזערע מעגלעכקייטן זיינען אַזעלכע סדום־שמאָלע, בעת מיר זיינען אַרומגערינגלט מיט שונאים? און אַז דער פּלאַן וועט שוין זיין — וואו וועלן מיר נעמען די מיטלען אים דורכצופֿירן? קען אַזאַ איינציקאַרטיקע קאָלאָניזאַציע, ווי די וואָס שטייט אונז פֿאַראויס אין ארץ ישראל, אויב מיר מיינען טאַקע ערנסט מיטן גאַנצן ענין, דורכגעפֿירט ווערן מיט דער הילף פֿון די מיזעראַבעלע פֿאָנדן, וואָס מיר קענען זאַמלען צווישן אַ פֿאָלק, וואָס איין טייל פֿון אים איז מורא'דיק אָרעם און דער צווייטער — מורא'דיק טעמפּ און פֿאַנטאַזיעלאָז? אַרלאָזאָראָוו איז דער ערשטער וואָס שטעלט אויפֿן ציוניסטישן סדר־היום, מיט דער גאַנצער בויטקער גרינטלעכקייט און דורכגעטראַכטקייט, די פֿראַגע פֿון אַן אונטערנאַציאָנאַלער הלוואה (אין זיין דייטשן בוך „די פֿינאַנץ־פֿראַגן פֿון דער אידישער אַגענטור").

אָפּטמאָל דוכט זיך, אַז דאָס איז זיין אייגנטלעכער געביט, זיין אַרבעטס־פֿעלד. אָבער — ניין! דער יונגער, ברוויזנדיקער קאָפּ רוט ניט. מען האָט אונז געגעבן די דעקלאַראַציע און דעם מאַנדאַט. אָבער לאַיד דזשאָרדזש האָט אונז דאָך שוין בשעת מתן מאַנדאַט געוואָרנט, אַז מיר זאָלן אויסנוצן די געלעגנהייטן, וואָס זיינען באַשטעטיקט געוואָרן פֿון פֿעלקער־בונד, איידער דער „ים וועט פֿאַרפֿרירן ווערן". און אָט ווערן פֿון טאָג צו טאָג גרעסער די אייז־קריעס אויף דער אויבערפֿלאַך. מיר האָבן די הבטחות און התחייבותן פֿאַרשטאַנען אויף אונזער אופֿן — און זיי, וועלכע האָבן די הבטחות געגעבן, האָבן אין זיי אַריינגעלייגט גאָר אַנדערע כוונות. יעדנפֿאַלס, אַזוי זאָגן זיי — איצט. קענען מיר זיך באַנוגענען מיט כעס און פּראָטעסטן, מיט

אָפּשפּרעכן דרינגענדיקע סכּנות און זיך פֿאַרלאָזן אויף גאָטס באַראָט? די פּאָליטישע פּראָבלעמען פֿון ציוניזם לאָזן חיים אַרלאָזאָראָוון ניט צורו. טאָג און נאַכט, פּשוטו כּמשמעו, ראַנגלט ער זיך מיט זיי. עס איז ניטאָ קיין אַנדערער, וואָס זאָל אַזוי שטאַרק איינזען די סכּנה פֿון זיך פֿאַרפֿיקסירן אויף „פּאָליטיק". עס איז ניטאָ קיין איינער, וואָס זאָל אַזוי קלאָר פֿאַרשטיין די באַדייטונג און אַזוי טיף מיטלעבן די פֿרייד פֿון די דערגרייכונגען פֿון „יום קטנות". אָבער קיינער פֿילט אויך ניט אַזוי שאַרף ווי ער, אַז אויסער דעם „יום קטנות" איז אויך פֿאַראַן אַ יום הדין, אַ טאָג פֿון לעצטער אַנטשיידונג. און פֿאַר דעם דאָזיקן יום הדין איז ער פֿול מיט ציטער. ער קוקט אויף דער אַרומיקער וועלט און אויף זיין צייט מיט ניכטערע אויגן. ער ווייס, אַז אין לעצטן סך הכּל איז די צוקונפֿט פֿון אונזער ווערק אָפּ־הענגיק פֿון איין אויסערלעכן כּוח — פֿון דער מאַנדאַט־מאַכט. דאָס פֿאַרלאָזן זיך אויף אַנדערע פֿאַקטאָרן, כּלומרשטע אינסטרומענטן פֿון וועלט־יושר, וואָס וועלן די דירעקטע הערשער איבער ארץ ישראל לערנען די פֿליכטן פֿון אָנשטענדיקייט, איז אַ אילוזיע. כּמעט ביז צום סוף פֿון זיין לעבן האָט אַרלאָזאָראָוו געגלויבט אין אַ פֿאַר־שטענדיקונג מיט דער מאַנדאַט־מאַכט — אַ פֿאַרשטענדיקונג, וואָס איז געבויט אויפֿן אויסגלייך פֿון די אידישע און בריטישע כּוונות און אויף אַ פֿאַרפֿליכטנדיקער געמיינזאַמער אַרבעטס־פּראָגראַם. דער וועג איז ניט קיין לייכטער. צוויי פֿעלקער, מיט גרונט־פֿאַרשיידענע מענטאַליטעטן, טעמפּעראַמענטן — און אינטערעסן; אַ באַאַמטנשאַפֿט וואָס איז דערצויגן געוואָרן אין דער אַדמיניסטראַציע פֿון פֿעלקער פֿון אַ גרונט־אַנדערן קולטור־מעמד. און מיר לעבן אין אַ „גלעזערנעם מויער". דער קלענסטער אויפֿטו ווערט באַגלייט מיט אַ מבול פֿון ווערטער און וויכּוחים־טאַראַראַם. מיר מוזן זיך לערנען די קונסט פֿון דער שטילער טאַט, פֿון אויסדויער, פֿון עקשנות.

מיר מוזן זיך לערנען די פֿאַר אונז נייע קונסט פֿון מלוכה־בוי. חיים אַרלאָזאָראָווס „הכשרה" קאָנצענטרירט זיך אַלץ מער און מער אויף דעם דאָזיקן „לימוד". ער לערנט מיט מתמיד'ישער גרינט־לעכקייט די שפּראַך, די קולטור, די גייסטיקע און פּאָליטישע טראַ־דיציעס פֿון דעם פֿאָלק, וואָס אין זיינע הענט ליגט דער מאַנדאַט. ער ווערט אַ בן־בית אין דער דאָזיקער וועלט. מען קען אויך צוגעבן: ער איז פֿול מיט דרך־ארץ, מיט אַ צניעות'דיקער ליבע פֿאַר דער דאָזיקער פֿיל־מיספֿאַרשטאַנענער וועלט. אָבער ער איז ניט קיין פֿאַר־

בלענדעטער סענטימענטאַלער פֿאַרערער פֿון פֿרעמדן. ער ווייס: פֿאַר אונדז איז דאָס אַ וואַנט, וואָס דאַרף דורכגעבראָכן ווערן. דאָס פֿאָלק, וואָס האָט געשאַפֿן דעם באַגריף „דזשענטלמען" האָט אַ דאָפּלטע מאָס פֿאַר „דזשענטלמען" און „ניט־דזשענטלמען". און מיר זיינען נאָך זייער ווייט פֿון צו האָבן דערגרייכט די דאָזיקע „מדרגה". אָבער מיט פּראָטעסטן, מיט אַפּעלירן צום יושר, מיט באַרימען זיך מיט אונדזער יחוס וועלן גאָרניט דערגרייכן. אונדזער באַדייטונג וועט אין דעם לעצטן סך־הכּל באַשטימט ווערן לויט אונדזער כּוח.

בעת חיים אַרלאָזאָראָוו איז אויפֿן זעכצנטן ציוניסטישן קאָנגרעס דערווײַלט געוואָרן אין דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע, איז זיין „טעאָרעטישע הכשרה" געווען זייער אַ באַדייטנדיקע. עס הייבט זיך אָן די תּקופֿה פֿון „פּראַקטישער הכשרה". אַלס לייטער פֿון דעם פּאָליטישן דעפּאַרטמענט פֿון דער אידישער אַגענטור ווערט ער געשטעלט פּנים אל פּנים מיט די רעאַליטעטן, וועלכע ער האָט געקענט פֿון דער צווייטער האַנט. ער איז געצוואונגען פֿיל זאַכן „איבערצולערנען". און ער לערנט — לערנט כּסדר. אָבער איצט לערנט ער ניט בציבור. ער איז אַן „עפֿנטלעכער מאַן". און ער, וועלכער איז פֿון יוגנט אָן דורכגעדרונגען מיט אַ טיפֿער פֿאַרשטענדעניש פֿאַר דעם, וואָס איינער פֿון זיינע לערער, מאַקס וועבער, האָט גערופֿן דעם אונטערשייד צווישן דער „פּאָליטיק פֿון אידעאָלאָגיע (געזינונג)" און „פּאָליטיק פֿון פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט", ווייס ווי זיך צו באַהערשן, ווי צו שווייגן — און וואַרטן. אָבער זיינע נאָענטע און מיטאַרבעטער ווייסן, אַז אַרלאָזאָראָווס ציוניסטיש־פּאָליטישער געדאַנק איז ניט פֿאַרגליווערט געוואָרן. ער איז איבערצייגט, אַז דער פּעריאָד פֿון סטאַביליטעט, וואָס איז געקומען נאָך ווערסאַל, דערנענטערט זיך צו זיין סוף. דאָס אייז, וועגן וועלכן לאָיד דזשאָרדזש האָט גערעדט, האַלט זיך ביים ברעכן. ער שפּירט, אַז עס קומט אַ נייער וועלט־שטורעם. ער איז ניט מבטל די שטורעם־צייכנס וואָס באַווייזן זיך אין דייטשלאַנד אין די ערשטע דרייסיקער יאָרן.

די דריי יאָרן, וואָס חיים אַרלאָזאָראָוו האָט אָפּגעגעבן אַלס לייטער פֿון דער ציוניסטישער פּאָליטיק אין ירושלים זיינען נאָך פֿאַר דער ציוניסטישער עפֿנטלעכקייט כּמעט אינגאַנצן אַ פֿאַרשלאָסן בוך. משה שערטאָק, זיין מיטאַרבעטער און נאָכפֿאָלגער, האָט וועגן דעם דאָזיקן פּעריאָד געזאָגט: „ווען און אויב עס וועט אַמאָל געעפֿנט ווערן די ליטעראַטור, וואָס געפֿינט זיך אין די אַרכיוון פֿון דעם דאָזיקן הויז

(די אידישע אַגענטור), וואָס איז צעוואָרפֿן אין פֿאַרשיידענע קאָנווערטן, אין פֿאַרשיידענע נאָטיצן און פּראָטאָקאָלן און בריוו און מעמאָראַנדומס און גרעסערע אַרבעטן, וועט די אידישע וועלט, וועט די ציוניסטישע וועלט, וועלן פֿיינט און אפֿשר אויך די בלוט־פֿאַרגיסער וויסן, ווי אַזוי אַרלאָזאָראָוו האָט געפֿירט דעם קאַמף פֿון דעם אידישן פֿאָלק אויפֿן פּאָסטן, אויף וועלכן דאָס אידישע פֿאָלק האָט אים געשטעלט״. און דאָך איז די דאָזיקע תקופֿה אויך געווען בלויז אַ הקדמה, די לערן־יאָרן פֿון אַ אידישן שטאַטסמאַן.

פֿאַר דער דאָזיקער שליחות פֿון אַ אידישן, ציוניסטישן שטאַטס־מאַן האָט אַרלאָזאָראָוו באַזעסן אַלע אייגנשאַפֿטן: פֿענאָמענאַלע אוצ־רות פֿון וויסן און אומגעשטילטן דורשט דאָס דאָזיקע וויסן צו פֿאַרגרעסערן און באַרייכערן; אַ שאַרפֿן חוש צו אונטערשיידן צווישן עיקר און טפֿל; קוועקזילבערדיק־שנעלע אָריענטירונג־פֿעאיקייטן אין נייע סיטואַציעס; אַ פּערזענלעכקייט וואָס האָט אַרויסגערופֿן צוטרוי אין יעדן ניט־בייזווילליקן מענטשן; דעם סוד פֿון וויסן ווען און ווען וואָס צו רעדן — און צו שווייגן; אומאויסשעפּלעכע אַרבעטס־לוסט און אַרבעטס־ענערגיע; די פֿעאיקייט צו איבערזעצן דאָס אייגנסטע און אינטימסטע אין באַגריפֿן, וואָס זאָלן פֿאַרשטענדלעך זיין דעם ווייטן און פֿרעמדן; אַ גלויבן אין דער נויטווענדיקייט און מעגלעכקייט פֿון ציוניזם, וואָס קיין שום אַנטוישונג האָט ניט געקענט אויסלעשן.

אין פֿיר־און־דרייסיקסטן יאָר פֿון זיין לעבן איז ער פֿאַר אונז געשטאַנען אין אָנהייב פֿון זיין יונגער שפּראָצנדיקער רייפֿקייט. היינ־טער אים זיינען געווען די יאָרן פֿון זוכן, פֿון אַקומולירן וויסן און דערפֿאַרונג, וואָס זיינען נויטיק געווען פֿאַר זיין אַרבעט און זיין דינסט — די יאָרן פֿון „הכשרה״. פֿון אים האָט געווייט מיט קראַפֿט און מיט פֿעסטקייט, מיט צוזאָג און צוקונפֿט. ער איז גרייט געווען פֿאַר דער אַרבעט, פֿאַר וועלכער זיין גאַנצע ביז־דעמאָלטיקע טעטיקייט איז בלויז געווען אַ פֿאָרשול.

*

זכרונות פֿון ליכטיק־אומפֿאַרגעסלעכע טעג האָבן ניט אָפּגעלאָזן בעת דער אַרבעט פֿון צוגרייטן צום דרוק דאָס פֿאָרליגנדיקע בוך. גאָר אַ גרויסער טייל פֿון די אַרבעטן, וואָס דאָס דאָזיקע בוך אַנטהאַלט זיינען געשריבן אָדער פֿאַרטראַכט געוואָרן אין אַמעריקע. יעדע שורה האָט עפּעס דערמאָנט — שעה׳ן און טעג מיטן לערער און חבר, אַ וואָרט, אַ שמייכל, אַ זשעסט.

שטריכן צו אַ פּאָרטרעט

דאָס יאָר 28־1929, וואָס חיים אַרלאָזאָראָוו האָט מיט אונדז פֿאַר־בראַכט אין אַמעריקע בעת זיין צווייטן באַזוך, וועט בלייבן אַ ליכטיקער זכּרון ביי אַלע די וואָס האָבן עס איבערגעלעבט פֿון נאָענטן, וואָס האָבן זיך געטיילט מיט זיינע פּלענער און אָנשטרענגונגען. ער איז אַהער געקומען כּדי דורכצופֿירן אַן אויפֿגאַבע, וואָס ער האָט זיך געשטעלט אויף זיין ערשטן באַזוך, אַלס מיטגליד פֿון דער קרן היסוד דעלעגאַציע — צו העלפֿן זיין פּאַרטיי, צעירי־ציון „התאַחדות", זיך צו פֿאַרוואַנדלען אין אַן אַרבעטס־פֿעאיקן אינסטרומענט פֿאַר דער דערציאונג פֿון אַ נייעם ציוניסטישן דור אויפֿן אַמעריקאַנער באָדן. ער האָט אונדז פֿאַר־לאָזן אַן אַנטוישטער. ער האָט באַוויזן דורכצופֿירן בלויז אַן אומ־באַדייטנדן טייל פֿון זיינע פּלענער. עטלעכע בראָשורן זיינען געבליבן ווי אַ זכר פֿון אַ פּלאַן פֿאַר אַ פֿאַרצווייגטער שריפֿטלעכער אַרבעטער־ציוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע־ און דערציאונגס־ליטעראַטור אין דער ענגלישער שפּראַך. מער האָבן די מיטלען ניט געקלעקט — און אפֿשר אויך ניט די פֿאַרשטענדעניש פֿון זיין קרייז.

מיר האָבן אים אַנטוישט — אָבער ער האָט אונדז, זיינע פֿריינד און חברים, איבערגעלאָזט באַרייכערטע און פֿאַרצויבערטע. אָט שטייט פֿאַר די אויגן דאָס צימערל אין וועלכן ער האָט מיט זיין פֿאַמיליע געוואוינט, אויף דער 145טער גאַס. צוליב זיין שוואַכער ידיעה אין אידיש, פֿלעגט ער מיר דיקטירן זיינע אַרטיקלען פֿאַר דעם „פֿאַרן פֿאָלק", דעם אָרגאַן פֿון דער „התאַחדות". צו זען אים אין פּראָצעס פֿון שאַפֿן, פֿון פֿאָרמולירן זיינע געדאַנקען, איז געווען אַ גרויסע, באַלערנ־דיקע איבערלעבונג. ער האָט יעדן זאַץ פֿריער איבערגעטראַכט אומ־צאָליקע מאָל. אָבער אין דער לעצטער רגע, בעת עס האָט געדאַרפֿט איבערגעשריבן ווערן אויפֿן פּאַפּיר, האָט ער אַלץ איבערגעטראַכט פֿונדאָסניי. נאָך יעדן זאַץ זיינען אויפֿן פֿאַרשרייבער און צוהערער געפֿאַלן פֿראַגעס אָן אַ שיעור: ביזטו מסכּים? גלויבסטו, אַז עס איז גענוג באַגרינדעט? און אין מיטן פֿאַרגעסט ער אין גאַנצן וועגן אַרטיקל — און עס שטראָמט אַן אומגעצוואונגענער שמועס וועגן דעם גאַנצן ענין. און ווידער ווערט דער אַרטיקל דיקטירט. געדאַנק נאָך געדאַנק ווערט פֿאָרמולירט, זאַץ נאָך זאַץ ווערט פֿאָרמירט — ביז עס שטייט דער גאַנצער בנין. און ערשט דעמאָלט, אויסגעשעפּט און פּטור פֿון פֿליכטן, קומט אַ געמיטלעכער געשפּרעך. ער דערציילט וועגן זיין פֿאַמיליע — וועגן אירע צוויי שרשים, דעם אוקראַאינישן און ליטווישן, וועגן רבנים און אַנאַרכיסטן, רייכטום־זוכער און גליק־זוכער, און

פֿאַרענדיקט מיט אַביסל חשבון הנפֿש וועגן זיך אַליין, זיין וועג, זיינע דערגרייכונגען און צוקונפֿט. דער טאָן — אַ שטיפֿערישער, הומאָריס־טישער. אָבער זיצנדיק אין באַן, אויפֿן וועג אַהיים, קענסטו ניט טראַכטן וועגן קיין שום אַנדער זאַך, ווי די דאָזיקע לויטערע געשטאַלט, וואָס האָט זיך דיר היינט ווידער אַנטפּלעקט אין איר גאַנצער רייכקייט.

און אָט שטייט ווידער פֿאַר די אויגן דער זומער 1928, אין דאָרף, אין „קעמפּ עססער‟, אין וועלכן מיר האָבן דעמאָלט אָפּט פֿאַרבראַכט. פֿרייטאָג־צו־נאַכטס. איך ברענג אים פֿון שטאָט אַ פּעקל צייטונגען און ביכער. ווי ער וואַרפֿט זיך עס אַרויף אויף זיין „טרף‟! און אויף מאָרגן — אַ לאַנגער שפּאַציר איבער דאָרף־וועגן און שאָטנדיקע וואַלד־שטעגן. דער שמועס שפּרינגט פֿון איין טעמע צו דער צווייטער: פּאָ־ליטיק, מענטשן, ליטעראַטור. צו אַלץ גיט ער עפּעס צו אייגנס, עכטס. אָבער עס פֿאַרכאַפּט ניט נאָר די ערודיציע, דער אינטעלעקט, נאָר דער עיקר די מאָראַלישע פּערספּעקטיוו, אין וועלכער דאָס אַלץ ווערט געזען, דער זינען פֿאַר first things first, די עניוות פֿאַר אַלדאָס עכטע און וויכטיקע, פֿאַר עכטער גרויסקייט, וואו זי זאָל ניט זיין. אַ געפֿיל פֿון גליק נעמט דיך אַרום, וואָס אַזאַ איינער איז מיט אונז, — דער דאָזיקער אַלץ דורכזיכטיק מאַכנדיקער אינטעלעקט, דאָס דאָזיקע פּיעטעט־פֿולע הארץ.

ער איז פֿון אונז אַוועק אויף זיין העכסטן, לעצטן פּאָסטן. די גרוסן וואָס מיר האָבן וועגן אים געהערט, דער נייער טאָן אין זיינע ווערטער האָבן עדות געזאָגט, אַז חיים אַרלאָזאָראָוו וואַקסט מיט זיינע אויפֿגאַבעס און פֿאַראַנטוואָרטלעכקייטן. עס האָט אים מער ניט גע־רייצט דאָס געפֿיל, אַז ער פֿאַרשווענדט זיינע ענערגיעס אויף קליי־ניקייטן, בעת ער וואָלט זיך געקענט ווידמען די אויפֿגאַבן פֿאַר וועלכע ער איז קוואַליפֿיצירט. זיין „אַמביציע‟ איז באַפֿרידיקט געוואָרן. עס איז אים איבערגעגעבן געוואָרן אַן אמת שווערער יאָך — איינער פֿון די שווערסטע און אומדאַנקבאַרסטע, אָבער ער האָט אין אים געפֿונען פֿרייד, ווי ער האָט בכלל, אפֿשר מער ווי יעדער אַנדערער אין אונזער מחנה, געפֿונען פֿרייד און אַ לעבנס־זינען אין ציוניזם. מיר זיינען אַלע זיכער געווען: ער וועט ניט בלייבן שטיין אויף איין אָרט, ער וועט וואַקסן. ער וועט כּסדר רייפֿער ווערן, פֿעסטער ווערן. ער וועט זיך אויך באַפֿרייען פֿון געוויסע „שוואַכקייטן‟, וואָס ער האָט איבערגענומען פֿון דער סביבה אין וועלכער ער איז אויפֿגעוואַקסן — פֿון דעם דייטשן אַקאַדעמישן „זשאַרגאָן‟, וואָס האָט זיך נאָך אַביסל געלאָזט שפּירן

שטריכן צו אַ פּאָרטרעט

אין זיין באַגריפֿן־שפּראַך, פֿון אַ געוויסער פּאָלעמיש־פּאַרטייאישער איבערגעשפּיצטקייט, וואָס האָט אָפֿט דענערווירט מענטשן ניט פֿון זיין מחנה. ער וועט שלאָגן נאָך טיפֿערע וואָרצלען אין דעם גייסטיקן באָדן פֿון ישוב, פֿון דער ארץ ישראל׳דיקער אַרבעטערשאַפֿט. מיר זיינען זיכער געווען: עס וואַקסט אַ פֿירשפּרעכער פֿון זיין פֿאָלק — אָט דער אויף וועלכן מיר אַלע וואַרטן.

אָבער עס איז ניט געשען. דער דור האָט ניט זוכה געווען.

ב. צוקערמאַן

מיינע באַגעגענישן מיט חיים אַרלאָזאָראָוו

א.

קאַרגע דרייצן יאָר האָב איך אים געקענט. דורך דער צייט האָב איך אים עטלעכע מאָל באַגעגנט. כמעט יעדע באַגעגעניש אונטער נייע באַדינגונגען און אַפֿילו אין נייע לענדער: לאָנדאָן, ניו־יאָרק, ארץ־ישראל, וואַרשע און ווידער ארץ־ישראל. פֿון איין באַגעגעניש ביז דער צווייטער איז ער געוואַקסן: אין אייגענער פֿאַרטיפֿונג, אין כּוח פֿון הסברה, אין חשיבות אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. מיט יעדער נייער באַגעגעניש איז געוואַקסן מיין אינטערעס צו פֿאַרשטיין: מה טיבו של אדם זה?

אין די קאַרגע 40 יאָר פֿון געזעלשאַפֿטלעכע אַרבעט, וואָס איז מיר, אין מיין ביז־איצטיקן גורל, באַשערט געווען, האָב איך געהאַט דאָס גרויסע גליק צו באַגעגענען אַ באַדייטנדיקע צאָל פֿון אידישע פֿירער פֿון די לעצטע צוויי דורות. יעדער מענטש איז דאָך אַ גאַנצע וועלט פֿאַר זיך. יעדער באַגאַבטער מענטש אוודאי און אוודאי. עס איז מיר פֿונדעסטוועגן ניט שווער אָנגעקומען צו דערגרונטעווען זיך צו דער אייגנאַרטיקע פֿון די מערסטע אידישע פֿירער, וועלכע איך האָב באַגעגנט. כּמעט אין יעדן באַזונדערן פֿאַל האָב איך זיך גאַנץ גרינג דערקליבן צו די גייסטיקע קוואַלן פֿונוואַנען דער געגעבענער מענטש האָט געשעפּט, וועלכע האָבן געהאָלפֿן פֿאָרמירן זיין אייגנאַרטיקע פּערזענלעכקייט. אינם פֿאַל פֿון חיים אַרלאָזאָראָוו איז עס מיר ניט אַזוי גרינג אָנגעקומען. איך מוז מודה זיין אַז אַפֿילו היינט, האָבנדיק געהאַט דיסקוטירט מיט אים כּמעט אַלע פֿראַגן וואָס האָבן אינטערעסירט דעם אידישן מענטשן אין די לעצטע צענדליקער יאָרן, פֿראַגן

פֿון אידישן קיום, פֿון ישראל בעמים; פֿראַגן פֿון ווירטשאַפֿט, פֿון סאָציאַלער באַציאונג, פֿון פּאָליטיק, פֿון קולטור; האָבנדיק געלייענט כמעט אַלץ וואָס זיין פֿעדער האָט ווען אַרויסגעבראַכט; האָבנדיק געהערט אַ ריי פֿון זיינע רעדעס, בין איך נאָך אַלץ ניט זיכער צי קען איך אַלזייטיק דעם דאָזיקן מענטשן, וואָס האָט געלעבט — ליידער, אַזוי קורץ — צווישן אונז אונטערן נאָמען חיים אַרלאָזאָראָוו. ווען מיר קומט אויס צו פֿאַרטראַכטן זיך וועגן אים האָב איך דאָס געפֿיל, אַז איך זע אים בלויז אַ טייל־ווייזן, אַז אַ חלק פֿון דעם עולם בפֿני עצמו, וואָס האָט געהייסן אַרלאָזאָראָוו, בלייבט אַלץ פֿאַר מיר פֿאַרבאָרגן.

וואָלט עס דעריבער געווען אַ ניט־באַרעכטיקטע געוואַגטקייט, ווען איך זאָל פֿאַרזוכן צו געבן אַ פֿולשטענדיקע אָפּשאַצונג פֿון חיים אַרלאָזאָראָוו. אַלץ וואָס איך פֿאַרמעסט זיך איז צוריק צו ברענגען אין זכרון די פֿאַרשיידענע באַגעגענישן און געשפּרעכן אונזערע, ווי ווייט זיי האָבן פֿאַררעגיסטרירט אין מיין ווען זיין פּערזענלעכקייט. אפֿשר וועט דורכדעם צוגעגעבן ווערן ערגעץ אַ שטריך צו דער דערגענצונג פֿון דעם אַרלאָזאָראָוו־בילד, וואָס זיינע הויפּט־שטריכן וועט דער לייענער מוזן זוכן אין זיינע אייגענע ווערק, סיי די וואָס אָט דער ספֿר ברענגט אים און סיי די, וועלכע ער דאַרף נאָך זוכן אַנדערשוואו.

ב.

אונזער ערשטע באַגעגעניש איז געווען: אַ צוזאַמענשטויס און ניט זייער קיין אײדעלער פֿון מיין זייט. דאָס איז פֿאָרגעקומען ביי דער ציוניסטישער וועלט־קאָנפֿערענץ, אָפּגעהאַלטן אין לאָנדאָן אין יולי 1920, די ערשטע ציוניסטישע וועלט־צוזאַמענקונפֿט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. יענע קאָנפֿערענץ איז געווען זייער אַ ברויזנדיקע. אויף יענער קאָנפֿערענץ איז עס געקומען צו אַ שאַרפֿן געראַנגל צווישן די ווייצמאַן און בראַנדייס אָנהענגער. אויף יענער קאָנפֿערענץ האָט עס געדאַרפֿט באַטראַכט ווערן דער נאָרדוי־פֿאָרשלאַג, תּיכּף אַריבערצופֿירן אַ האַלבן מיליאָן אידן נאָך ארץ ישראל, וואָס האָט אויפֿגעברויזט די געמיטער. אויף יענער קאָנפֿערענץ איז געגרינדעט געוואָרן דער קרן היסוד, וועגן וועלכן עס האָבן עקזיסטירט שאַרפֿע קעגנזעצלעכע מיינונגען, סיי וועגן דער עצם גרינדונג, סיי וועגן דעם אופֿן ווי צו זאַמלען דאָס געלט, סיי אויך וועגן דער באַציאונג פֿון דער ציוניסטישער באַוועגונג צום פּריוואַטן קאַפּיטאַל. אויף יענער קאָנפֿערענץ האָבן געדאַרפֿט אָנגעצייכנט ווערן די ליניעס

פֿאַר דעם צוזאַמענשטעל פֿון די ארץ ישראל־אַמטן, וואָס האָבן געדאַרפֿט, פֿון דער אידישער זייט, איבערנעמען די רעגולירונג פֿון דער אידישער עליה קיין ארץ ישראל. דער ענין איז אויך פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קאַמפּס־פּונקט צווישן די פֿאַרשיידענע פֿראַקציעס אין ציוניזם. איך ווייס ניט ווי אַנדערע, איך האָב דורכגעלעבט די קאָנפֿערענץ מיט אַלע נערוון. די ציוניסטישע אַרבעטער־פֿראַקציעס זיינען נאָך ניט געווען פֿאַראייניקט. אין דער פֿראַגע פֿון צוזאַמענשטעלן די ארץ ישראל־אַמטן זיינען זיי געווען שאַרף צעטיילט אין זייערע מיינונגען. מיר, די פּועלי ציון, האָבן זיך דאַן געפֿונען אין זייער אַ שווערער לאַגע. עטלעכע טעג נאָך דער לאָנדאָנער קאָנפֿערענץ האָט געדאַרפֿט אין ווין פֿאָרקומען אונזער אייגענע וועלט־קאָנפֿערענץ. מיר האָבן דערוואַרט אַ שפּאַלטונג אין אונזערע רייען, וואָס איז טאַקע אויך געשען. דער לינקער טייל פֿון אונזער באַוועגונג האָט זיך ניט געוואָלט באַטייליקן אין ציוניסטישע וועלט־קאָנגרעסן און וועלט־קאָנפֿערענצן. ער איז טאַקע קיין לאָנדאָן ניט געקומען. אונזער רעכטער פֿליגל איז דאַן געווען זייער שוואַך. אינגאַנצן האָבן מיר פֿאַרמאָגט 8 דעלעגאַטן אין לאָנדאָן. די צעירי ציון האָבן געהאַט אַרום 35 דעלעגאַטן. זיינען מיר נאַטירלעך געשטאַנען „אויף דער וואַך פֿון אונזערע אינטערעסן". דאָס האָט נאָך צוגעגעבן צו אונזער נערוועזיטעט. ווי איינער וואָס האָט ניט אָפּט באַזוכט וועלט־צוזאַמענפֿאָרן איז מיין נערוועזיטעט געווען נאָך שטאַרקער. צווישן די ענינים פֿאַר וועלכע מיר האָבן זיך איינגעשטעלט, איז געווען אונזער פֿאָרשלאַג, אַז צו די ארץ ישראל־אַמטן זאָלן צוגעלאָזט ווערן פֿאַרטרעטער אויך פֿון אַזעלכע קערפּערשאַפֿטן, וואָס געהערן ניט צום ציוניסטישן קאָנגרעס, אויב זיי גיבן זיך אָפּ מיט עליה קיין ארץ ישראל. אין זינען האָבן מיר געהאַט, אַז סיי אונזערע לינקע פּועלי־ציון חברים, הויפּטזעכלעך אין פּוילן, סיי אַרבעטער־גרופּן וואָס אָרגאַניזירן זיך בלויז פֿאַר עליה, זאָלן אויך האָבן אַ צוטריט צו די ארץ ישראל־אַמטן און זיי באַאיינפֿלוסן. די צעירי ציון דאַקעגן זיינען געשטאַנען אויפֿן שטאַנדפּונקט, אַז בלויז קערפּערשאַפֿטן וואָס געהערן צום ציוניסטישן וועלט־קאָנגרעס זאָלן צוגעלאָזן ווערן צו די ארץ ישראל־אַמטן. האָבן מיר מיט טויזנט אויגן נאָכגעקוקט וואָס די צעירי ציון טוען.

האָט פּאַסירט, אַז די אַרבעטער־פֿראַקציעס האָבן גאָר וועגן אַן אַנדער פֿראַגע, אַן ענין אין וועלכן זיי זיינען געווען אייניק, געפֿאָדערט אַ „ראָל־קאָל" אָפּשטימונג. דאָס פּרעזידיום איז געווען קעגן. איז

אַרום דעם פֿאָרגעקומען אַ שאַרפֿער געראַנגל. איך בין געשטאַנען אונטן אין זאַל און מיטגעהאָלפֿן פֿאָדערן אַ „ראָל־קאָל”. מיין וואוקס און מיין שטימע האָבן מיך „אויסגעצייכנט” פֿון צווישן די פֿאָדערער. לאָרד ראָטשילד, וואָס האָט דאַן פּרעזידירט, האָט אָנגעשריגן אויף מיר. איך האָב, אין היץ פֿון געראַנגל, זיך נאָך מער פֿאַר׳עקשנ׳ט. אַ וואָרט קעגן אַ וואָרט, אַן אויסגעשריי קעגן אַן אויסגעשריי, — דער געשעצטער לאָרד האָט זיך אָנגעברוגז׳ט און פֿאַרלאָזן דעם פֿאָרזיץ און אַפֿילו אַראָפּ אינגאַנצן פֿון דער פּלאַטפֿאָרמע. איינער פֿון די דעלעגאַטן האָט אָנגעהויבן מיך שטאַרק אויסרעדן. איך האָב אים געענטפֿערט. הייבט זיך אויף פֿון די צעירי ציון בענק אַ יונגיטשקער בחור׳ל, גייט צו צו מיר און, אָנצייגנדיק אויף דעם דעלעגאַט מיט וועמען איך פֿיר דעם „געשפּרעך” אויפֿן הויכן טאָן, זאָגט ער: „איר ווייסט ווער דאָס איז? — דאָס איז דאָך פּראָפֿעסאָר יהודה!” שטאַרק צעוואַרעמט פֿון דער גאַנצער סצענע און וועלכער איך בין פּלוצלונג אַריינגעשלעפּט געוואָרן, האָב איך אויף דעם בחור׳ל אויפֿגעהויבן אויגן ביט זייער ווייכע, אַ מאַך געטאָן מיטן האַנט אויף ניט זייער קיין איידעלן אופֿן און האָב נאָך דערצו, זיכער ניט בקול דממה דקה, אָפּגעענטפֿערט: „און אַז פּראָפֿעסאָר יהודה, איז וואָס?”

דער יונגער בחור׳ל האָט זיך אַזוי שטיל צוריקגעקערט צום בענקל, ווי שטיל ער האָט זיך פֿון אים פֿריער אויפֿגעהויבן. וואָס ער האָט געטראַכט וועגן מיר קען איך זיך בלויז פֿאָרשטעלן. אָבער וואָס איך האָב געטראַכט וועגן אים געדענק איך גאַנץ גוט. די היץ פֿון דער גאַנצער סצענע האָט מיך שנעל אָפּגעלאָזן. דער רוגז אויפֿן יונגן בחור׳ל האָט זיך פֿאַרוואַנדלט — וואָס זאָל איך מיך שעמען? — אין נאָך אַ ביטערערן רוגז אויף זיך אַליין. דאָס גאַנצע אויסזען זיינס, דער אופֿן ווי ער איז צוגעגאַנגען, זיין אָננעמען זיך פֿאַר דעם כּבֿוד פֿון אַזאַ תּלמיד חכם ווי פּראָפֿעסאָר יהודה און דער אופֿן ווי ער האָט מקבל געווען מיין בזיון האָט מיך ניט נאָר אַנטוואָפֿנט, עס האָט מיך אויך שטאַרק צערודערט. איך האָב זיך דערפֿילט גאָרניט אין אָרדענונג מיט מיין געוויסן. דער בחור׳ל האָט מיך שטאַרק פֿאַראינטערעסירט. כ׳בין צוגעגאַנגען צום חבר לעאָן כאַזאַנאָוויטש (ער איז צו דער לאָנדאָנער קאָנפֿערענץ געקומען בלויז ווי אַ גאַסט. אין דעם קאַמף צווישן די פּראָ־קאָנגרעסיסטן און אַנטיס אין אונזער באַוועגונג האָט ער אָנגענומען אַ נייטראַלע שטעלונג. קיין דעלעגאַט איז ער דעריבער ניט געווען. אָבער אין די באַראַטונגען פֿון אונזער

קליינער פראַקציע האָט ער זיך יאָ באַטייליקט.) און אים געפרעגט ווער דער בחור'ל איז. האָט ער מיר געענטפערט: דאָס איז חיים וויקטאָר אַרלאָזאָראָוו.

דעם דאָזיקן נאָמען האָב איך מיט עטלעכע טעג פריער געהערט פון אַ פּאָר אייראָפּעאישע חברים. זיי האָבן גערעדט וועגן אים, ווי וועגן אַ נייעם פיל פאַרשפּרעכנדיקן יונגענמאַן, וואָס איז נתגלה געוואָרן אויף דער מיט־אַ־פּאָר־וואָכן־פריער אָפּגעהאַלטענער „התאחדות"־קאָנ־פערענץ אין פּראָג. פיל מער פאַר מיר האָט כאַזאַנאָוויטש אויך ניט געוואוסט. כ'האָב געפרעגט אייניקע ארץ ישראל'דיקע חברים, גאָר גוט האָבן זיי אים נאָך אויך ניט געקענט. ער איז נאָך ביז דאַן אין ארץ ישראל ניט געווען. אָבער אין ארץ ישראל גופא האָט שוין זיין נאָמען דערגרייכט. אונזערע ארץ ישראל'דיקע פועלי ציון האָבן אים באַטראַכט פאַר אַ זייער שאַרפן פּאַרטיי־קעגנער אונזערן. אָבער אַלע רעדן וועגן אים מיט גרויס דערוואַרטונג פאַר דער צוקונפט. מיין אינטערעס צו אים איז געשטיגן.

כ'האָב אים נאָך דער זיצונג אויפגעזוכט, געבעטן אַנטשולדיקונג, געפרעגט אויב ער קען זיך פערזענלעך מיט פּראָפעסאָר יהודה; אויב ער איז גרייט מיך פאַר אים אָפיציעל פאַרצושטעלן, כדי איך זאָל אויך פון אים בעטן מחילה. דער יונגער בחור'ל — צו וועמענס גאַנצן מהות דער שווערער נאָמען אַרלאָזאָראָוו האָט זיך גאָר ניט געפּאַסט, — האָט מיט שמחה אָנגענומען מיין בקשה. די פּראָצעדור פון איבער־בעטן פּראָפעסאָר יהודה איז פאָרגעקומען. פּרטים זיינען דאָ ניט וויכטיק. אָבער דורך דעם איז אויסגעוואַקסן אַ פריינדשאַפט צווישן אַרלאָזאָראָוו און מיר. דער ערשטער טיפערער געשפּרעך איז טאַקע פאָרגעקומען באַלד נאָך דער איבערבעטונגס־פּראָצעדור.

דער אינהאַלט פון געשפּרעך האָט זיך נאַטירלעך געדרייט אַרום די ענינים פון סדר היום פון דער קאָנפערענץ. באַלד איז פאַר מיר קלאָר געוואָרן דער מערקווירדיקער כוח הסברה פון אָט דעם יונגן בחור'ל. ווען מיר האָבן באַרירט די פראַגע וועגן צוזאַמענשטעל פון די ארץ ישראל־אַמטן האָט ער אין איין הרף־עין קלאָר געמאַכט פאַר מיר די באַדייטונג פון אָט די קאָמיטעטן, וועלכע וועלן צום ערשטן מאָל אין אידישן גלות האָבן דורכצופירן כמעט מלוכה־אויפגאָבן. טאַקע דערפאַר מוז מען זיין שטאַרק פאַרזיכטיק וועגן זייער צו־זאַמענשטעלונג. ניט יעדע גרופּע וואָס אָרגאַניזירט זיך צוליב עליה מעג האָבן אַ דעה אין די דאָזיקע אַמטן. דאָס קען אַנפאַרטרויט ווערן

מיינע באַגעגענישן מיט חיים אַרלאָזאָראָוו

נאָר צו אַזעלכע קערפּערשאַפֿטן, וואָס זיינען געבונדן צו אַ נאַציאָנאַלער דיסציפּלין. אונזער נאַציאָנאַלער דיסציפּלין־כוח ליגט אין ציוניסטישן קאָנגרעס. דערפֿאַר קענען נאָר אַזעלכע וואָס זיינען אונטערגעוואָרפֿן דער קאָנגרעס־דיסציפּלין אָנפֿאַרטרויט ווערן מיט דער אָנפֿירונג פֿון אָט די אַמטן.

איך מוז מודה זיין: דער יונגער בחור'ל האָט מיך ווידער צעטומלט. קיין זקן בין איך אויך נאָך ניט געווען, אָבער כ'בין געווען מיט 12 יאָר עלטער פֿון אים. האָב שוין געהאַט דערפֿאַרונג אין אונזער באַוועגונג. זיין פּשוט'ע הסברה און זיין צוגיין צו אַן אָרגאַניזאַטאָרישער פֿראַגע מיט אַזאַ טיף־דרינגנדיקער לאָגיק, גענומען אין ראַם פֿון אַ גרויס־צוגיקער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק האָט מיר שטאַרק אימפּאָנירט. דערצו בין איך עס דווקא געווען דער פֿאַרטרעטער פֿון אונזער קליינער פֿראַקציע אין יענער קאָנפֿערענץ־קאָמיסיע, וואָס האָט זיך באַשעפֿטיקט מיט דער פֿראַגע פֿון די ארץ ישראל־אַמטן. איך האָב זיך דאָס אונטערגענומען צו פֿאַרטיידיקן דעם פּונקט פֿאַרקערטן שטאַנדפּונקט. אויף דער ערשטער זיצונג פֿון דער קאָמיסיע האָב איך עס טאַקע געטאָן. פֿון די צעירי ציון איז אין יענעם קאָמיטעט געווען חבר יוסף שפּרינצאַק. קוקנדיק צוריק צו יענער צייט און קענענדיק איצטער גוט דעם חבר שפּרינצאַק שטעל איך זיך פֿאָר, ווי ער האָט אינערלעך גע'חוזק'ט פֿון מיר, ווען ביי דער צווייטער זיצונג פֿון דער קאָמיסיע האָב איך שוין וועגן דעם ענין געשטאַמלט, ניט גערעדט. ער האָט זיכער ניט געוואוסט, אַז זיין יונגער חבר אַרלאָזאָראָוו האָט עס אַזוי "פֿאַר'סמ'ט" זיין „קעגנער" אין דער קאָמיסיע.

דאָס איז געווען ניט דער איינציקער געשפּרעך אונזערער ביי יענער קאָנפֿערענץ. געבליבן איז מיר נאָך שאַרפֿער אין זכרון נאָך איין געשפּרעך. כדאי אים צו פֿאַרצייכענען. איך קען ניט גאַראַנטירן פֿאַר פּינקטלעכקייט פֿון נוסח, איך בין אָבער אַבסאָלוט ערם פֿאַרן תּוכן. דאָס איז געווען נאָכדעם ווי דער גאַנצער קרן היסוד־פּלאַן איז פֿון דער קאָנפֿערענץ אָנגענומען געוואָרן. מיין פֿראַקציע האָט מיר געגעבן דעם כבוד צו באַגריסן דעם באַשלוס אין אונזער נאָמען. איך האָב ניט געהאַט פֿיל וואָס אָנצובאָטן דער קאָנפֿערענץ אין סכומים וואָס מיר קענען פֿאַרשפּרעכן דעם קרן היסוד. האָב איך געבראַכט דער קאָנפֿערענץ דעם פֿאַרשפּרעכן, אין נאָמען פֿון דער ארץ ישראל'דיקער אַרבעטערשאַפֿט, די מוסקול־קראַפֿט פֿאַר דער בוי־אַרבעט. פֿון דער קאָנפֿערענץ איז עס דווקא גוט אויפֿגענומען געוואָרן. מיינע אייגענע

פֿראַקציע־חברים זיינען גאָר שטאַרק צופֿרידן געווען. אָבער איין שאַרפֿן קריטיקער האָב איך תּיכּף נאָכן שלוס פֿון דער קאָנפֿערענץ באַקומען. אַרלאָזאָראָוו איז צו מיר צוגעגאַנגען מיט אַ כאַראַקטעריסטישער פֿאַר אים עפֿענונג פֿון אַ געשפּרעך. „מיר איז שטאַרק געפֿעלן געוואָרן״, האָט ער געזאָגט, „ניט אייער איצטיקע רעדע, נאָר אייער האַנדלונג מיט אַ פּאָר טעג פֿריער. איך רעכן דעריבער אַז איך קען מיט אייך רעדן אָפֿן. מוז איך אייך זאָגן, אַז אַ פֿאַרטרעטער פֿון אידישע אַרבעטער, ספּעציעל אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, דאַרף זיין זייער פֿאַר־זיכטיק, ספּעציעל ווען ער קומט פֿון אַמעריקע, מיט פֿאַרשפּרעכונגען. מילא דאָס וואָס איר רעדט אין נאָמען פֿון די ארץ ישראל׳דיקע אידישע אַרבעטער בין איך אייך מוחל. וואָס דען זאָלט איר טאָן? רעדן אין נאָמען פֿון די רעכטע פּועלי ציון, וועמענס רייען עס זיינען אַזוי שיטער!״ און גלייך פֿאַרכאַפּט ער זיך. „גלויבט מיר, עס רעדט צו אייך ניט אַן עקסטרעמער־פּאַרטיי־קעגנער. איך וויל אַוודאי, אַז אייער צד זאָל מנצח זיין אין אייער באַוועגונג. אָבער מיט דער מוסקול־קראַפֿט וואָס איז אייך דערוויל געבליבן וועט מען קיין לאַנד ניט קענען אויפֿבויען. דאָס איז אָבער ניט דער עיקר. מיין טענה צו אייך איז גאָר אַן אַנדערע. דאָס וואָס מיר נעמען זיך איצט אונטער וועט זיין אומגעהויער שווער. דערפֿאַר איז עס געווען אַזאַ ביטערע דיסקוסיע אַרום קרן היסוד. איך בין פֿאַרן קרן היסוד. מיין גאַנצע פֿראַקציע אויך. אין מיר לעבט אָבער אַ טיפֿער אומרו. די אַרגומענטן פֿון די מצדדים פֿון געדאַנק, אַז די פֿינאַנצירונג פֿון דער ארץ ישראל־אַרבעט מוז קומען דורך אינוועסטירונגען און ניט דורך נדבות האָבן אין זיך קראַפֿט. זיי גייען אַוודאי אַוועק צו עקסטרעם. אָן דער פֿינאַנצישער ראָלע פֿון אַזאַ נאַ־ציאָנאַלן קאַפּיטאַל, ווי דער קרן היסוד וועט דאַרפֿן ווערבירן, וועלן זיין זייער ווייניק בעלנים אויף אינוועסטירן פּריוואַטן קאַפּיטאַל, אָבער איינציקע פֿון אייערע אַמעריקאַנער בראַנדייס־אָנהענגער האָבן אין די קאָמיסיעס אַרויסגעבראַכט וויכטיקע געדאַנקען. איר זייט געווען דער איינציקער אַמעריקאַנער רעדנער, וואָס איז ניט געווען געבונדן מיט דער בראַנדייס־דיסציפּלין. דערצו פֿאַרטרעט איר דאָך די פּועלי ציון. פֿון אייך האָב איך דערוואַרט עטלעכע וואָגיקע ווערטער דווקא קעגן די טענות פֿון די אַמעריקאַנער בראַנדייסיסטן. איר האָט זיך אָבער באַנוגנט מיט סתּם אַ באַגריסונג, מיט סתּם אַ צוזאָג פֿון אידישער מוסקול־קראַפֿט. וואָס אויך וועגן דעם ווייס איך ניט צי איר האָט געדאַרפֿט רעדן. די אידישע אַרבעטער פֿון ארץ ישראל

וועלן אַוודאי זייער אַרבעט צוטראָגן. וועגן זיי האָט געדאַרפֿט און געמעגט רעדן אַן ארץ ישראלדיקער חבר. ווייניקער פֿאַר וועמען עס איז זייט איר געווען באַרעכטיקט צו רעדן אין זייער נאָמען. אין דער איצטיקער ארץ ישראל׳דיקער מוסקול־קראַפֿט האָט אייער אַמעריקע זייער אַ קליינעם חלק. די מוסקול־קראַפֿט וואָס וועט אין דער באַגנטער צוקונפֿט קומען קיין ארץ ישראל וועט זיין אַן אייראָפּעאישע. די אידישע מוסקול־קראַפֿט וואָס געפֿינט זיך אין אַזאַ באַדייטנדער מאָס אין אייער מדינה איז, ווי ווייט מיר איז באַקאַנט, גאַנץ ווייט פֿון גרייטקייט זיך אַריבערצוטראָגן קיין ארץ ישראל. אָט וועגן דעם האָט דווקא איר אונז געדאַרפֿט עפּעס זאָגן: קענען מיר האָפֿן כאָטש ווען עס איז אויף אָט דער מוסקול־קראַפֿט? ווער זאָל וועגן דעם האָבן גערעדט ווען ניט איר?״

צום דריטן מאָל אויף יענער קאָנפֿערענץ האָט מיר אָט דער יונגער בחור׳ל צעטומלט. און מערקווירדיק, ער האָט דאָך פֿון מיר אַוועקגענומען יענע ביסל ווערטער־לויב וואָס איך האָב פֿון מיינע אייגענע חברים געקראָגן. אַנגענעם איז עס דאָך ניט געווען. אָבער דער דירעקטער אופֿן פֿון זיין רעדן האָט ניט נאָר ניט באַליידיקט, פֿאַרקערט, עס האָט אַרויסגערופֿן אייגענעם חשבון הנפֿש. מיין אינטערעס אין אים איז נאָך מער געשטיגן.

מיר זיינען זיך צעפֿאָרן. איך בין געפֿאָרן צוריק קיין אַמעריקע. ער איז געבליבן נאָך זייער אַ קורצע צייט אין אייראָפּע און אָנהייב 1921 איז ער צום ערשטן מאָל געפֿאָרן קיין ארץ ישראל.

ג.

אונזער נעקסטע באַגעגעניש איז שוין פֿאָרגעקומען אין 1926 אין ניו־יאָרק. איך האָב די גאַנצע 6 יאָר נאָכגעפֿאָלגט זיין טעטיקייט. שלינגנדיק אַלץ וואָס איז דאַן פֿון דער ארץ ישראל׳דיקער אַרבעטער־באַוועגונג געקומען קיין אַמעריקע, האָב איך שטענדיק געזוכט און גענישטערט ידיעות וועגן זיין טעטיקייט. די ידיעות זיינען געווען זייער מאָגערע און זייער זעלטענע. ער האָט דאַן בכלל פֿאַרבראַכט אַ קורצע צייט אין ארץ ישראל; מיר שיינט אַז ווייניקער פֿון אַ יאָר. פֿאַרוואָס מען האָט פֿון אים דאַן ניט געהערט ווייס איך ניט. איך שטעל מיר נאָר פֿאָר, אַז ווען ער איז אָנגעקומען קיין ארץ ישראל האָט ער קודם כל געוואָלט לערנען, פֿאַרשטיין דעם נייעם ישוב. אַרלאָזאָראָוו האָט זיכער געפֿילט, אַז איידער עמעצער דערלויבט זיך

מישן אין ענינים פון אידישן ישוב, מוז ער אים, דעם ישוב, קענען ניט בלויז פון געהערטע רעדעס, געליינענטע אַרטיקלען אָדער אַפילו געאַנט פון ווייטן מיט דעם כּוח פון דער אייגענער פאָרשטעלונגס־קראַפט, אַפילו אַן אַרלאַזאָראָווישע. האָט ער מן הסתם זיך מער פאַר־טיפט, ווי גערעדט, מער געשטודירט ווי שוין אַרויסגעזאָגט מיינונגען. עפּעס האָט אָבער פון זיין פעדער דאַן יאָ דערגרייכט אין אַמעריקע. דאָס איז געווען אַן אָפּשאַצונג וועגן די יפו׳ער געשעענישן פון 1921. שוין אין יענעם אָנהייב האָט מען געקענט דערשפּירן זיין אייגנאַר־טיקן צוגאַנג צו פראַגן.

שפּעטער האָבן אָנגעהויבן אָנקומען העפטן פון „אַרבעטס־פאָלק״ אין אידיש און „די אַרבעט״ אין דייטש, וואָס ער האָט מיטרעדאַגירט אין בערלין. דאָרטן האָבן אָנגעהויבן דערשיינען זיינע גרעסערע אַר־בעטן איבער ציוניזם, דער אַרבעטער־באַוועגונג, סאָציאַליזם, אינטער־נאַציאָנאַלע פּאָליטישע באַציאונגען. זיין אַנאַליטישער כּוח און כּוח הסברה זיינען מיט יעדן נייעם אַרטיקל, מיט יעדן נייעם רעפעראַט וואָס ער האָט געהאַלטן אויף די צוזאַמענפאָרן פון „התאחדות״, אָדער אויף ציוניסטישע וועלט־צוזאַמענקונפטן אַלץ בולט׳ער געוואָרן. איך האָב געפּרובירט זוכן אינפאָרמאַציע: פון וואַנען קומט דער מענטש? וועלכע אידישע און וועלטלעכע דערציאונגס־פּראָצעסן האָט ער דורכגעמאַכט? פון וואַנען קומט צו אים אַזאַ טיפער וויסן אַפילו אין ענינים פון פינאַנצן? ער האָט דאַן פיל גערעדט און געשריבן וועגן דעם.

נאָך העכער הייבט ער אָן שטייגן ווען ער קומט צום צווייטן מאָל קיין ארץ ישראל. דאָס מאָל בלייבט ער שוין ניט קיין נחבא על הכּלים. ער טרעט אויף מיט די וויכטיקסטע רעפעראַטן סיי אויף די טריבונעס פון דער הסתדרות, סיי אויף דער טריבונע פון דער כּנסת ישראל. זיינע רעדעס ווערן איבערגעגעבן אין פולן אין דער ארץ ישראל׳דיקער פּרעסע. זיי נעמען אַרום די גאַנצע אידישע, ציוניסטישע, סאָציאַליסטישע און וועלט־פּאָליטישע פּראָבלעמאַטיק. אומעטום איז ער אינדערהיים. און איך טראַכט אַלץ: פונוואַנען איז עס צו אים געקומען? אַזוי ווי אַרלאַזאָראָווס אויסזען ביי אונזער לאַנדאַנער באַ־געגעניש האָט פאַרמאָגט אין זיך עפּעס ישיבה־בחור׳ישעס, האָב איך אין געדאַנק געפּרובירט אים פאַרבינדן מיט איינע פון די שיטות־הלימוד אין די ישיבות, וועלכע זיינען מיר באַקאַנט געווען. כ׳האָב אים געזוכט צו פאַרבינדן מיט דער ספּעציעלער לאָגיש־אַנאַליטישער שיטה פון ר׳ שמעון שקאָפּ, ביי וועמען איך האָב זוכה געווען אַ יאָר

צייט צו לערנען אין דער טעלזשער ישיבה. ביי דער לאָנדאָנער באַגעגעניש בין איך נאָך ניט געווען מיט אים אינטים גענוג צו פֿרעגן אים אַליין. פֿון דערוויטן האָט זיך מיר געדוכט, אַז איך זע אַ קשר צווישן אים און ר׳ שמעונ׳ס שיטה. דערמאָן איך זיך אָבער אַז שוין אין לאָנדאָן האָב איך געמערקט אַ שטאַרקן ווידערשפּרוך צווישן זיין ישיבה־בחור׳ישן אויסזען און צוויי דערשיינונגען אין אים. די ערשטע — זיין אידישע שפּראַך. ניט פֿון ישיבה־בחור׳ישע מקומות שטאַמט זי. צווייטנס — זיין יוגנט. ער איז געווען צו יונג צו קענען האָבן שוין דאַן דורכגעמאַכט אַ באַדייטנדע טיפֿע־ווירקונג־איבערלאָזנדיקע ישיבה־דערציאונג און שוין אָנזאַמלען אַזאַ ערודיציע, אַזאַ אוצר פֿון באַקאַנטשאַפֿט מיט וועלט־ענינים, ספּעציעל מיט סאָציאַלער און פּאָליטישער עקאָנאָמיע, וועלכע פֿאָדערן לאַנגע צייטן פֿון שטודירן. ביין, דוכט זיך, ניט קיין ישיבה־פּראָדוקט.

די רעטעניש אַרלאָזאָראָוו ווערט מיר נאָך מער אומקלאָר, וואָס ווייטער איך באַקען זיך מיט דער מעטאָדע פֿון זיין דענקן און זיין צוגאַנג צו סאָציאַלע פֿראַגן. זיין מעטאָדע איז געווען פֿאַר מיר צו מאַרקסיסטיש, איך בין דעריבער מיט אים ניט מסכים. איך בין דאַן געווען פֿיל מער נעגאַטיוו צום מאַרקסיזם, ווי אַפֿילו היינט. אָבער זיין מאַרקסיזם איז אויך געווען אַן אייגנאַרטיקער. רופֿט עס אין מיר אַרויס נאָך מער באַוואונדערונג.

מיין נעגאַטיווע באַציאונג צום מאַרקסיזם האָט זיך גענומען פֿון דעם איבערטריבענעם אופֿן ווי די דעמאָלטיקע אידישע סאָציאַליסטישע גאַס האָט דער מאַרקסיזם אויפֿגענומען. ניט נאָר איז עס פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ נייער שלחן־ערוך דאָגמאַטיק, לויט וועלכן מען דאַרף איינשטעלן דעם גאַנצן ספֿר החיים, נאָך פֿיל מער — אַ באַציאונג ווי אמת׳ע פֿרומע אידן האָבן געהאַט צו תורת משה! הפך בה והפך בה דכולא בה — אַזוי האָבן אידישע סאָציאַליסטישע שרייבער און רעדנער דאַן דעם יונגן אידישן דור מחנך געווען אין מאַרקסיזם. אַ שאַרפֿע קאָנקורענץ איז אָנגעגאַנגען צווישן די אידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, ווער ווועמען עס וועט איבערשטייגן אין טריי־קייט צו דער מאַרקסיסטישער דאָגמאַטיק. אין דעם ערשטן יאָר־צענדליק פֿון איצטיקן יאָרהונדערט האָט דער מאַרקסיסטישער צויבער אַזוי פֿאַרכאַפּט די אידישע אַרבעטער־גאַס, אַז אַ ניט־מאַרקסיסט איז געווען ווי אַ מענטש ניט פֿון דער וועלט. ווי יעדער טיף־פֿילאָזאָפֿישער געדאַנק איז אויך דער מאַרקסיזם דורך זיין פּאָפּולאַריטעט פֿאַר־

גרעבט געוואָרן. די מאַטעריאַליסטישע אויפֿפֿאַסונג פֿון דער געשיכטע איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מין מאַגן־איבער־אַלעס „פֿילאָזאָפֿיע", וואָס האָט שאַקירט. אָבער דאָ דערשיינט פֿאַר אייך אַ מאַרקסיסט פֿון אַ פֿיל אײדעלערן שטאָף. דאָס איז אויך ניט געווען קיין מאַרקסיזם וואָס צאָלט דעם נייטיקן צינז דער צייט און דער מאָדע. ערשטנס, ווען אַרלאָזאָראָוו האָט אָנגעהויבן רעדן און שרייבן איז שוין די תקופֿה פֿון צופֿיל פֿאַרמאַטעריאַליזירטן מאַרקסיזם געווען פֿאַראיבער. צווייטנס, איז אינעם קרייז אין וועלכן ער האָט משפּיע געווען און פֿון וועלכן ער איז מושפּע געוואָרן, מאַרקסיזם ניט געווען קיין מטבע עוברת לסוחר. זיין מאַרקסיסטישע מעטאָדע איז אַלזאָ געווען, סיי נאָך אַ צוגאָב־באַווייז פֿון דער אָריגינאַליטעט פֿון אַרלאָזאָראָווס דענקען, סיי נאָך אַ צוגאָב־דערשיינונג — וויניקסטנס פֿאַר מיר — די רעטעניש אַר־לאָזאָראָוו נאָך טיפֿער צו מאַכן.

ווען איך האָב זיך דערוואוסט אַז ער קומט קיין אַמעריקע איז אין מיר נאָך מער פֿאַרשאַרפֿט געוואָרן דער אינטערעס אויסצו־געפֿינען: מה טיבו של אדם זה?

איך מוז גלייך מוסר מודעה זיין: קיין פֿולשטענדיקן ענטפֿער אויף דער פֿראַגע האָב איך ביז היינט נאָך ניט באַקומען. איך האָב שוין זינט דאַן געלייענט אייניקע ביאָגראַפֿיעס וועגן אים. איך ווייס שוין, למשל, אַז סיי זיין זיידע דער רב פֿון ראָמני, וואָס אין אוקראַינע, סיי זיין טאַטע, דער גרויסער למדן פֿון זעלביקן ראָמני, סיי זיין מאַמע וואָס האָט אין אים אַריינגעגאָסן דעם מאור שבליטא (זי האָט געשטאַמט פֿון אַ ליטווישן שטעטל אין סואוואַלקער גובערניע) האָבן משפּיע געווען אויף דער געשטאַלטונג פֿון זיין אייגנאַרטיקער פערזענלעכקייט. איך ווייס שוין אויך, אַז די דערציאונג וואָס ער האָט אין זיינע קינדער־יאָרן באַקומען אין אַ דייטשן שטעטל ביי דער רוסישער גרענעץ האָט געהאָלפֿן צוגעבן פֿאַרשיידנאַרטיקייט צו זיין גייסטיקער געשטאַלט. אָבער אַפֿילו מיט די אַלע דערקלערונגען איז די פֿיל־זייטיקייט פֿון דעם דאָזיקן מענטשן, זיין פֿאַרמאָגן אין זיך עלעמענטן פֿון אַ באַדייטנדן פּאָעט זייט ביי זייט מיט די עלעמענטן פֿון אַ קאַלטן אויסגערעכנטן מאָדערנעם פּאָליטיקער, דערביי אַריינדרינגען לעומקא דדינא פֿון די שווערסטע סאָציאַל־פּאָרפּלאָנטערטע פֿראַגן און קענען זיי נאָכהער אַזוי איינפֿאַך און קלאָר מסביר זיין, — אַזאַ פֿילזייטיקייט דערשיינט צווישן מענטשן אַזוי זעלטן, אַז דערקלערן עס פֿולשטענדיק איז אפֿשר גאָר־

ניט מעגלעך. וועל איך מיך בעסער אומקערן צו מיין אָנגעצייכנטן וועג און דערציילן וועגן אונזערע ווייטערע באַגעגענישן.

ד.

קיין אַמעריקע איז ער צום ערשטן מאָל געקומען נאָך זיין קאַפּיטל „גענף". דער ארץ ישראלדיקער אידישער ישוב האָט געשיקט אַ ספּעציעלע דעלעגאַציע קיין גענף, כדי פֿאַרצובערענגען פֿאַר דער מאַנדאַטן־קאָמיסיע פֿון פֿעלקער־בונד די טענות פֿון ישוב קעגן דער בריטישער אַדמיניסטראַציע. זיין „גענפֿער טאָג־בוך" איז אַ וויכטיקער פּאָליטישער דאָקומענט מיט וועלכן יעדער ערנסטער ציוניסט דאַרף זיך באַקענען. מען קען דאָרטן זען פֿיל זאַכן וואָס זיינען געווען כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אַרלאָזאָראָוון. מען קען פֿון דעם אויך לערנען די וויכטיקסטע קאַמף־פּרשיות אונזערע קעגן דער מאַנדאַט־מאַכט. מען קען פֿון דעם אויך באַקומען אַ פֿאָרשטעלונג, ווי אַ פֿעלקער־בונד קאָמיסיע פֿונקציאָנירט בכלל. אַרלאָזאָראָוו איז אַהין געקומען אַלס איינער פֿון דריי פֿאַרטרעטער. די אַנדערע צוויי זיינען געווען מאיר דיזענגאָף און הרב עוזיאל. אין דער אַרבעט פֿון אָט דער דעלעגאַציע האָט ער, דער אינגסטער, זיכער פֿאַרנומען דעם ערשטן אָרט. דאָס האָט געהויבן זיין אָנזען אין די אויגן פֿון דער אידישער וועלט. ווייצמאַן האָט אים איניקע חדשים שפּעטער איינגעלאַדן מיטצופֿאָרן אין שליחות פֿון קרן היסוד קיין אַמעריקע. ער האָט די איינלאַדונג אָנגענומען. זיין גאַנצע פּרשה אַמעריקע, סיי פֿון זיין ערשטן באַזוך, סיי פֿון צווייטן, פֿאַרנעמט אין אָט דעם ספֿר אַ געהעריקן פּלאַץ. דער לייענער נייטיקט זיך ניט אין מיינע פּרושים וועגן דעם. איך וויל נאָר דערציילן וועגן אַ באַגעגעניש וואָס איז פֿאָרגעקומען טאַקע ביי מיר אין הויז, אין די לעצטע טעג פֿון זיין ערשטן באַזוך. צווישן אַנדערע פֿראַגן וואָס האָבן אַרומגענומען אַלץ וואָס האָט אונז אַלעמען אינטערעסירט (עס זיינען געווען דערביי אויך איניקע חברים פֿון צ. ק. פֿון פּועלי ציון און צוויי חברים פֿון צ. ק. פֿון די צעירי ציון.) און וועלכע ער האָט שפּעטער באַרירט אין זיינע בריוו וועגן אַמעריקע, זיינען מיר געבליבן אין זכּרון די שאַרפֿע דיסקוסיעס אַרום צוויי פּונקטן: א. די פֿראַגע וועגן דער אידישער יוגנט אין אַמעריקע און ב. די פֿראַגע ווי ווייט דאַרף דאָס אַמעריקאַנער אידנטום דורכגיין דורך די פּראָצעסן פֿון אַסימילאַציע און די אַנטוישונגען וואָס מוזן נאָכפֿאָלגן, ביז דאָס אַמעריקאַנער אידנטום וועט זיך דערשלאָגן צו

דער אידישער רענעסאַנס-באַוועגונג און וועט זיך אין איר אין אַ געהעריקער מאָס באַטייליקן.

אין ביידע פֿראַגן איז מיר אויסגעקומען צו זיין דער ראש המדברים קעגן אים, ווייל מיר זיינען געשטאַנען אויף קעגנערישע פּאָזיציעס. איך האָב פֿאַרנומען אַ מער אָפּטימיסטישן שטאַנדפּונקט, ער — אויב מען קען עס אַזוי אויסדריקן — אַ מער פּעסימיסטישן.

שווער צו דעפֿינירן וועגן וואָס עס האָט זיך געהאַנדלט. ווייל אַרלאָזאָראָוו ווען ער איז צוגעגאַנגען צו אַן ענין האָט ער אין אים אַריינגעבראַכט מקורות׳דיקייט. (דאַרף איך נאָך אונטערשטרייכן, אַז ער האָט אויך דעמאָלט אַלעמען פֿאַרוואונדערט מיט דעם טיפֿן פֿאַר-שטיין פֿון אַמעריקאַנער אידנטום און די פּראָצעסן וואָס ער מאַכט דורך? די זעלבע פֿאַרוואונדערונג האָב איך געפֿילט כּמעט אין אַלע אונזערע שפּעטערדיקע באַגעגענישן. איך וועל דעריבער דאָס מער ניט ווידערהאָלן.) דער פּעסימיזם אָדער אָפּטימיזם האָט זיך דעריבער ניט באַוועגט אַרום דעם, צי דאָס אַמעריקאַנער אידנטום איז כּולו רע אָדער כּולו טוב; עס האָט זיך ניט געהאַנדלט אין דעם, צי די אידישע יוגנט אין אַמעריקע איז אינגאַנצן פֿאַרלאָרן פֿאַר אונז, אָדער זי איז שוין איצטער אַ גרויסער כּוח פֿאַר אונזערע נאַציאָנאַלע צילן. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַנאַליזירן פּראָצעסן וואָס קומען אין אונז פֿאָר. אַרלאָזאָראָוו האָט אָפּגעשאַצט, אַז די פּראָצעסן וועלן זיין זייער שווערע, אַז די אָנשטרענגונגען וואָס מיר מוזן דעריבער מאַכן, מוזן זיין זייער גרויסע און באַלדיקע, אַז פֿאַרלירן אַ יאָר קען ווערן אַ בכיה לדורות. איך פֿון מיין זייט האָב געמיינט, אַז ער מאָלט דאָס בילד צו שוואַרץ, אַז אין אַמעריקאַנער אידנטום הויבן שוין אָן צייטיק ווערן כּוחות, וואָס וועלן אַפֿילו פֿאַרטיק זיין פֿאַר הגשמה עצמית. איך האָב אַביסל אַ שפּיל געטאָן מיט מיין בטחון אין נצח ישראל. דאַן איז געקומען זיין ענטפֿער, וואָס איז מיר געבליבן אין זכרון עד היום הזה. ווידעראַמאָל קען איך ניט גאַראַנטירן פֿאַרן נוסח, אָבער פֿאַרן תּוכן בין איך ערב:

נצח ישראל — אוודאי! אָבער ישראל אַליין מוז פֿיל כּוחות ווידמען פֿאַר זיין קיום, כּדי נצח ישראל זאָל בלייבן אַן אייביקער אמת אין אונזער געשיכטע. ער האָט אין מיין שטעלונג געפֿונען אַ ווידערהאָלונג פֿון דעם טעות וואָס די אידישע אָרטאָדאָקסיע האָט געמאַכט אין וואַרטן בחיבוק ידים אויף משיח. ער האָט באַטראַכט מיין שטעלונג ווי אַ פֿאַרשלעפּערונגס-מיטל פֿאַר אונזער געוויסן. ער האָט גענומען דאַן

אונז געבן קלעפּ איינע נאָך די אַנדערע. קלעפּ, איבערהויפּט פאַר וואָס מיר האָבן זיך זעלבסט פאַרצוימט אין אַן ענגער ראַם. ער האָט געזאָגט: מיר רעדן דאָ כסדר וועגן דעם אידישן אַרבעטער. דער אַמעריקאַנער אידישער אַרבעטער פון היינט, ווי איך האָב אים דאָ געטראָפן, וועט לאַנג קיין אַרבעטער ניט זיין און וועט זיכער אַליין קיין בויער פון ארץ ישראל ניט ווערן. אָבער די אידישע יוגנט אין אַמעריקע, זי קען נאָך געקנאָטן ווערן און אַריינגעגאָסן ווערן אין נייע מענטשלעכע און אידישע פורעמס. געדענקט, אויב אונזערע באַוועגונגען וועלן דאָ ניט שטעלן דעם טראָפּ אויף אידישער יוגנט זיינען מיר פאַרלאָרן. אפשר זייט איר גערעכט, אַז איך קוק מיט צו שוואַרצע ברילן, אָבער דאַן ווערט אייער שולד נאָך גרעסער. אויב איר זעט יאָ די כוחות וואָס הייבן אָן צייטיק ווערן צווישן דער אַמעריקאַנער אידישער יוגנט, וואו זיינען די כלים, וועלכע איר גרייט צו פאַר דער ענערגיע וואָס די דאָזיקע כוחות וועלן גענערירן? אויב איר גרייט עס ניט צו, צי באַשטייט ניט די געפאַר אַז עס וועלן זיך געפינען סאָציאַלע מיראַזשן, וואָס וועלן די יוגנט אַוועקשלעפּן פון אונז?

שאַרף און שניידנדיק איז אויך געווען זיין קריטיק איבער אונזער איינמאַרענירן זיך בלויז אין אידיש, ווען די אידישע יוגנט מוז דורך דער שפּראַך אין וועלכער זי לעבט געוואונען ווערן. עס וועט אייך ניט באַשערט זיין קיין בעסערע מערכה ווי די אידן פון אייראָפּע. ניט נאָר מוזן מיר צו דער דייטשער אידישער יוגנט גיין מיט דער דייטשער שפּראַך, נאָר אייערע פירער, אַפילו באָראָכאָוו בכבודו ועצמו, האָבן געמוזט גיין צו דער רוסיש־אידישער יוגנט מיט דער רוסישער שפּראַך. איר שטעלט אויף פּעטישן און דינט צו זיי. דינט זיך איר אַליין צו זיי וויפל אייער האַרץ גלוסט, אָבער מאַכט ניט פון די פּעטישן קיין באַריערן צווישן דער אידישער רענעסאַנס־באַוועגונג און דער אַמעריקאַנער אידישער יוגנט. די אידישע רענעסאַנס־באַוועגונג קען אויף אייער יוגנט ניט מוותר זיין. די אידישע געשיכטע וועט עס אייך קיינמאָל ניט מוחל זיין.

ניט אַזוי פעסט איז געווען זיין אַרויסטריט קעגן מיר אין דער אָפּשאַצונג צי מוז דאָס אַמעריקאַנער אידנטום דורכמאַכן דעם גאַנצן דערנער־וועג פון אַסימילאַציע, כדי דורך דעם דאָזיקן וועג רייף צו ווערן פאַר דער רענעסאַנס־באַוועגונג. דאָ איז ער נוטה געווען אָנ־צונעמען מיינע אָנווייזונגען אויף אייניקע דערשיינונגען פון חלוצישע געוויקסן אויפן אַמעריקאַנער באָדן. ער האָט אויך אָט די פרשה גוט

געקענט. ער האָט געוואוסט פֿון דעם פֿאַרזוך וואָס דער פֿאַרשטאָרבענער חבר ד״ר וואַלדשטיין האָט געמאַכט צו אָרגאַניזירן דווקא אין אַמעריקע די ערשטע חלוצישע גרופּע און טאַקע אונטערן נאָמען „החלוץ״. ער האָט געוואוסט וועגן דער פּרשה פֿון האכּר הצעיר, פֿון בערל קליי, פֿון אליעזר יפֿה. ער האָט געקענט בעל פּה דעם גאַנצן יזכּור־בוך וואָס מיר האָבן אַרויסגעגעבן נאָך אין 1917. ער האָט געקענט די גאַנצע פּרשה פֿון דער לעגיאָן־באַוועגונג. ער האָט זיין אַרגומענטאַציע, אַז דאָס זיינען אַלץ שפּראָצונגען ניט פֿון אַמעריקאַנער באָדן נאָר פֿון אייראָפּעאישן — שנעל געמילדערט, ווען איך האָב אים געזאָגט, אַז טאַקע דערפֿאַר וואָס דאָס אַמעריקאַנער אידנטום, אַלס אַ גאַנצער, שטאַמט פֿון אייראָפּע איז ער דאָך ניט קיין פּוסטער חלל. ער פֿאַרמאָגט דאָך עפּעס אין זיך. ער האָט דאָך עפּעס מיטגעבראַכט מיט זיך. דאָס קען דאָך ווערן אַ דאַמבע קעגן דעם אַסימילאַציע־שטראָם. זיין קריטיק קעגן אונז איז אָבער דאַן נאָך שאַרפֿער געוואָרן. אייערע זינד — האָט ער געזאָגט — ווערן דורכדעם נאָך ניט גרינגער. אָנגעמענדיק טיילווייז אייער אָפּשאַצונג ווערן אייערע פֿליכטן נאָך גרעסערע און די זינד פֿון זייער פֿאַרנאַכלעסיקונג נאָך שווערערע. וואָס טוט די גאַנצע ציוניסטישע־באַוועגונג אין אַמעריקע, וואָס טוט אונזער אַרבעטער־ציוניסטישע באַוועגונג, כּדי די דאָזיקע דאַמבע צו שטאַרקן? אַ דאַמבע קען זיך אַמאָל אָפּרייסן אינגאַנצן. און פֿון היוכן טעאָרעטישן הימל האָט ער אונז באַלד אַראָפּגעשטעלט אויף דער פּראַקטישער ערד. עס האָט אין אים געברענט אַ הייליקער פֿייער, ווען ער האָט וועגן דעם גערעדט. אַזוי טיף האָט ער דורכגעלעבט דאָס געפֿיל, אַז די אַמעריקאַנער ציוניסטישע באַוועגונג דערפֿילט ניט איר היסטאָרישע פֿליכט. נאָך ערגער: זי באַגרייפֿט גאָרניט וואָס עס איז אין איר האַנט פֿון דער געשיכטע איבערגעגעבן געוואָרן, זי ווייס ניט אַז החיים והמות פֿון נאַציאָנאַלע אידישע האָפֿענונגען האָט דער שר האומה איר פֿאַרטרויט — אַזוי טיף האָט ער עס דורכגעוויטיקט, אַז ער האָט זיין געוויינלעך־באַלאַנסירטן טאָן פֿאַרלוירן. מיט אייזערנע ריטער־ווערטער האָט ער אונז געשמיסן. פֿיל שאַרפֿער ווי אין זיין שפּעטערדיקן באַרימטן בריוו וועגן אַמעריקאַנער ציוניזם צו די מיטגלידער פֿון אַקציאָנס־קאָמיטעט, האָט ער צו אונז דאַן גערעדט. ער האָט אונז געהאַלטן מער פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר דער לאַגע ווי די אַלגעמיין־ציוניסטישע פֿירער.

ווען די היץ פֿון דעם געשפּרעך האָט זיך איינגעשטילט און די

אַטמאָספערע איז געוואָרן אַ לייכטערע און וויסנדיק אַז ער גרייט זיך אָפּצופאָרן, האָב איך אויסגעדריקט אין עטלעכע געזעגענונגס־ווערטער מיין האָפענונג, אַז ער וועט נאָך פאַרנעמען וויכטיקערע פּאָזיציעס אין אונזער רעגעסאַנס־באַוועגונג, באַזירט אויף זיינע פעאיקייטן אַלס פּאָליטיקער, וואָס איך האָב באַמערקט אין זיינע שריפטן און אין זיינע געדרוקטע רעדעס. אייניקע פון מיינע פאַרטיי־חברים האָבן עס מיר שפּעטער ניט געקאָנט מוחל זיין. זיי האָבן געדענקט אַז איך האָב איבערגעכאַפּט די מאָס, אַז די דיסקוסיע צווישן אונז האָט זיי נאָר באַוויזן, אַז ער, אַרלאָזאָראָוו איז אַ גוטער פאַרטיי־מאַן; ער האָט גוט פאַרטיידיקט זיין שטאַנדפּונקט. זיין פאַרטיי באַציט זיך צו אידיש ניט מיט אַזאַ אינטימער האַרץ־באַציאונג ווי אונזער פאַרטיי — דערפאַר איז אים געווען גרינג אונז צו וואָרענען ניט צו מאַכן קיין פעטיש פון אידיש. זיין פאַרטיי באַקעמפט די קלאַסן־ליניע, דערפאַר איז אים אַזוי גרינג אָוועקצוואַרפן די רייד וועגן אַרבעטער־קלאַס און קאָנצענטרירן זיך בלויז אויף דער אידישער יוגנט. בקיצור, ער האָט זיין פאַרטיי־ליניע אָנגעהאַלטן. איך האָב מיין פאַרטיי־ליניע פאַרטושט. זייער אומצופרידנקייט מיט מיר וואָלט נאָך געווען פיל שטאַרקער, ווען זיי וואָלטן געוואוסט, אַז דאָס איז געווען ניט דאָס ערשטע מאָל וואָס אַרלאָזאָראָוו האָט מיך „אַראָפּגעפירט" פון דער פאַרטיי־ליניע. זיי האָבן עס צוגעשריבן צו מיין שוואַכקייט. אפשר זיינען זיי געווען גערעכט. איך האָב עס צוגעשריבן, און שרייב עס נאָך איצטער צו, צו אַרלאָזאָראָווס שטאַרקייט.

ה.

בעת זיין צווייטן באַזוך אין אַמעריקע, האָבן מיר זיך נאָטירלעך פיל מאָל באַגעגנט. פילע געשפּרעכן געפירט. ניט איין מאָל צו די אויבנדערמאָנטע צוויי פראַגן זיך אומגעקערט. אָבער די נעקסטע באַגעגעניש וואָס איז מיר געבליבן איינגעקריצט אין זכרון איז פאָרגעקומען ווידער אין לאָנדאָן, אין דער צייט פון דער זיצונג פון אַקציאָנס־קאָמיטעט אָנהייב זומער 1932.

דורך דער צווישנצייט איז ער געגאַנגען מעלה מעלה. עס האָט שוין דאַן אין ארץ ישראל עקזיסטירט די פאַראייניקטע פאַרטיי אונטערן נאָמען מפא"י. ער איז לכתחילה געווען קעגן דער פאַראייניקונג. ער האָט זיך אָבער שנעל אַריינגעלעבט אין דער נייער לאַגע. אין דער גרעסערער ראָם פון דער פאַראייניקטער פאַרטיי און אין דער הסתדרות

האָבן זיך נאָך ברייטער פֿונאַנדערגעוויקלט זיינע פֿעאיקייטן. ער האָלט כסדר אין שטייגן. ביז די ארץ־ישראל׳דיקע אידישע אַרבעטערשאַפֿט פֿאַרטרויט אים דעם העכסטן פּאָסטן וואָס אירער אַ מיטגליד קען פֿאַרנעמען: ער ווערט איר קאַנדידאַט פֿאַר דער פּאָליטישער פֿירער־שאַפֿט פֿון גאַנצן ציוניזם און ער ווערט טאַקע אויפֿן 17טן ציוניסטישן קאָנגרעס צו דעם אַמט דערוויילט. איך טרעף אים שוין אַלזאָ אַלס לייטער פֿון פּאָליטישן דעפּאַרטמענט.

זיינע ערשטע ווערטער זיינען געווען: אייער וואונש איז מקוים געוואָרן. צי ווייסט איר אָבער וואָס איר האָט מיר דאַן ביי אייך אין הויז צוגעוואונשן?

און ער וויקלט פֿונאַנדער איין פרשה נאָך דער צווייטער, וואָס אידישע רעפּרעזענטאַנץ מיינט. ער איז אַריינגעפֿאַלן אין אַן אינערער סתּירה. צוזאַמען מיט אונז אַלעמען האָט ער ניט געהאַט קיין גרויס דרך־ארץ פֿאַר דעם, וואָס מיר האָבן אָנגערופֿן „שתּדלנות־פּאָליטיק״; פֿון דער צווייטער זייט האָט ער געהאַט די איינשטעלונג אַז אונזער כּוח ליגט אין קעגנזייטיקן הסכם, ניט אין קאַמף. די דאָזיקע איינשטע־לונג האָט ער געהאַט סיי בנוגע אונזער באַציאונג צו די אַראַבער, סיי בנוגע אונזער באַציאונג מיט ענגלאַנד. אָבער קומענדיק פּנים־אל־פּנים מיט אידישער פּאָליטישער רעפּרעזענטאַנץ האָט ער דער־שפּירט, אַז אויך דאָ איז טעאָריע און פֿעסטשטעלן ריכט־ליניעס איין זאַך און פֿירן פּראַקטיש פּאָליטישע פֿאָרשטייערשאַפֿט — אַן אַנדערע זאַך. ניט גרינג איז צו דערשלאָגן זיך צו אַ קעגנזייטיקן הסכם, ווען די קעגנ־זייטיקייט הינקט, ווען דער צווייטער שותּף אין דער קעגנזייטיקייט איז שטאַרק. ער קען טאָן וואָס ער וויל און איך מוז טאָן, אין די מערסטע פֿאַלן, אויך וואָס ער וויל. און ער ציט אַ פֿאַרגלייך צווישן דעם פֿון אונז אויסגעלאַכטן אידישן שתּדלן און אים אַליין.

אונזערע זיידעס שתּדלנים האָבן פֿאַר זיך געהאַט אַ קלאָרע לאַגע. פֿאַר זיי איז דער אויסדרוק „תּולעת יעקב״ געווען אַ קלאָרע פֿאַרשטעלונג פֿון דער פּאָליטישער לאַגע פֿון אידישן פֿאָלק. זיי האָבן דערפֿון געצויגן קאָנסעקווענצן. האָבן קיין אָנשטעלן ניט געמאַכט. האָבן געוואוסט: זיי קענען נאָר בעטן רחמים. זייער סטראַטעגיע איז באַשטאַנען אין אויספֿירן דעם ריכטיקן מאָמענט ווען דער שררה איז אין אַ גוטער שטימונג. זיינען זיי געווען שטאָלצע אידן? — זיכער, שטאָלצער ווי מיר אַלע האָבן געמיינט. נאָר ווען מען פֿאַרזוכט דעם טעם פֿון זיין אַ אידישער פּאָליטישער פֿאָרשטייער קען מען עס פֿאַרשטיין.

אָן אינערער גבורה, אפשר אַפילו אָן דער אינערער זיכערקייט פֿון אַ מין אַתה־בחרת׳ניזם, קען אַ מענטש די דערנידעריקונג פֿון שטיין כעני בפתח, וואָס ווערט גענערט פֿונעם באַוואוסטזיין פֿון אייגענער שוואַכקייט, ניט איבערטראָגן. סיידן ער איז אינערלעך גאָרנישט. אַזעלכע האָבן אָבער צו קיין אידישע שתדלנות ניט דערגרייכט. די וואָס האָבן יאָ דערצו דערגרייכט האָבן אינערלעך פיל פֿאַרמאָגט. דעריבער האָט נאָך אַ גאָר גרויסע מאָס פֿון גייסטיקער גבורה, — לאָמיר זאָגן אָפֿן — אַ מין געפיל פֿון שטיין העכער אַפילו איבערן שררה צו וועמען מען קומט בעטן רחמים — געקענט שטאַרקן דאָס האַרץ אויסצוהאַלטן. לויט אַלע וואַרשיינלעכקייטן האָבן זיי פֿון אמת׳ער אמונה — ניט די פֿאַרפּאָליטיזירטע פֿאַרפּאַרטייאישטע רעליגיע פֿון היינט (אַ רמז אויף דער פּאָליטיק פֿון אַ געוויסן מזרחי־פֿאָרשטייער פֿון יענער צייט פֿון וועלכן אַרלאָזאָראָוו האָט געהאַט אויסצושטיין פיל שוועריקייטן) — זייער אינערע קראַפֿט געשעפּט. הלוואי פֿאַרמאָג איך יענע גבורה. זי וואָלט מיר שטאַרק אַרויסגעהאָלפֿן ביי פֿאַרשיידענע געלעגנהייטן.

איך האָב אויך דאָס געפיל, האָט ער ווייטער געצויגן דעם געשפּרעך, אַז קעגן אַזאַ איינגעוואָרצלטע פּאַרטיי־שנאה און פּאַרטיי־קנאה, וואָס באַגעגנט מיך, האָט זיך דער אַמאָליקער שתדלן ניט געדאַרפֿט קעגנשטעלן. איך בין ניט גורס דעם נוסח „אם הראשונים כבני אדם אנחנו כחמורים״. עס האָבן אין די אַמאָליקע צייטן אויך געקעמפּט צווישן זיך תּקיפֿים. יעדער איינער וואָס האָט געמיינט, אַז אים קומט דער כתר־שתדלן האָט זיך מיט אייגענע מענטשן אַרומגערינגלט און האָט אַ מין „פּאַרטיי״ אויפֿגעשטעלט און אַ „קאַמף״ פֿאַר זיך געפֿירט. ווען אָבער דער העברעאישער מאַפּו אָדער דער אידישער „מענדעלע״, די הויפּט־קעמפֿער קעגן תּקיפֿות אין אידישן לעבן, וואָלטן אויפֿגעשטאַנען פֿון זייערע קברים און וואָלטן זיך באַקענט מיט דער היינטיקער פּאַרטיי־שנאה־קנאה, וועלכע פֿאַרקליידט זיך נאָך מיט אַן איצטלא דקדושה, וואָלטן זיי מחילה געבעטן ביי יענע תּקיפֿים קעגן וועמען זיי האָבן דעמאָלט געקעמפּט.

דער געשפּרעך האָט זיך דאַן אַנטוויקלט אַרום דער פּערזאָן וואוקאָפּ. אַרלאָזאָראָוו האָט מיט אַ טאָג פֿריער געמאָלדן ביי דער זיצונג פֿון אַקציאָנס־קאָמיטעט, אַז וואוקאָפּ האָט אים פֿאַרזיכערט אַ אידישע עליה קיין ארץ ישראל פֿון ווייניקסטנס הונדערט טויזנט אין די פֿינף יאָר פֿון זיין — וואוקאָפּס — רעזשים, וואָס האָט זיך

דאַן אָנגעהויבן. אין יענע צייטן, נאָך דעם טרויעריק באַרימטן פּאַס־פּילד־פּאַפּיר, מיט זיין „סטאָפּ־אימיגריישאַן" פּאַראָרדענונג, איז די דאָזיקע ידיעה באַטראַכט געוואָרן ווי אַ זייער וויכטיקע פּאָליטישע דערגרייכונג. ווען מיטגלידער פון אַקציאַנס־קאָמיטעט האָבן אָנגעוויזן, אַז פיל אַנדערע פּונקטן פון דעם פּאַספּילד־פּאַפּיר, זייער ביטערע פאַר אונז, בלייבן נאָך בתּקפם, האָט אַרלאָזאָראָוו אויף דעם געענטפערט, אַז די בריטישע פּאָליטיקער מיט וועמען ער האָט די דאָזיקע פראַגן אויפגענומען, האָבן אַלע געהאַט איין ענטפער: „וואָס ווילט איר נאָך? — מיר גיבן דאָך אייך וואוקאַפּן". אין וואוקאַפּן האָט אַלזאָ געדאַרפט ליגן די גאַראַנטיע, אַז די שלעכטע סעיפים אין דעם פּאַספּילד־פּאַפּיר וועלן קיין שליטה ניט האָבן. אַלע האָבן דעם ענטפער אָנגענומען. הייסט דאָך דאָס, אַז וואוקאָפּ איז אַ מענטש פון אַ באַזונדערער קאַטעגאָריע. איז נאָכדעם ווי ער האָט מיר דערציילט וועגן די שווע־ריקייטן פון זיין אַ אידישער פאַרשטייער, האָב איך אים אַרויפגעפירט אויף דער וואוקאָפּ־טעמע: דערוואַרטעט איר מיט וואוקאָפּן אויך אַזעלכע שוועריקייטן?

זיין ענטפער האָט מיך איבערראַשט:

— איר געדענקט —האָט ער אָנגעהויבן — אונזער געשפּרעך ביי אייך אין הויז? איר האָט דעמאָלט גערעדט וועגן אימפּאָנדעראַ־ביליען, וועגן נצח ישראל, וועגן כוחות וואָס לאָזן זיך ניט אַריינגיסן אין דער מאַטעריאַליסטישער אויפפאַסונג פון דער געשיכטע; איר האָט דאַן געבראַכט אַ רייע פון פאַקטן פון אונזער געשיכטע, וואָס קענען אַנדערש ניט פאַרשטאַנען ווערן. איך בין דאָס געוועזן דער קאַלטער מאַטעריאַליסטישער גזלן: נאָר ממשות׳דיקס! נאָר זאַכן וואָס קענען באַנומען ווערן מיט אונזערע פיזישע חושים! נאָר מאַכט־־פאַרהעלטענישן. איך וויים, אַז אייניקע פון אייערע חברים האָבן אייך פאַרגעוואָרפן, וואָס איר האָט זיך געלאָזט פון מיר באַזיגן. זאָג איך אייך: דער נצחון איז געווען קעגנזייטיק. אַמשאַרפסטן האָב איך עס דערשפּירט דווקא אין מיטן אַ געשפּרעך מיט וואוקאָפּן. אין דעם מענטשן ליגט אַ מיסטישער כוח. ער רעדט, דאַכט זיך, פּאָליטיק פון דער וועלט און עפּעס שטראַלט פון אים אַרויס וואָס איז ווייט פון „דער וועלט"יקייט. ווען איך וואָלט ניט מורא געהאַט פאַר מאַכן צו שנעלע אויספירן, וואָלט איך געדאַרפט זאָגן: אין דעם דאָזיקן מענטשן לעבט דער פּאָליטיש־בריטישער אינטערעס אין ארץ ישראל בלויז 20 פּראָצענט. 80 פּראָצענט לעבט דוכט זיך אין אים דער באַ־

וואוסטזיין, אַז ער איז פֿון דער השגחה אויסגעקליבן געוואָרן צו ווערן דער דורכפֿירער פֿון דער הבטחה פֿון גאָט פֿון ישראל צום פֿאָלק ישראל. און ווען דער דאָזיקער געפֿיל איז אויף מיר געקומען, האָט עס מיטגעבראַכט מיט זיך די דעראינערונג אָן יענעם געשפּרעך. איר זייט דער ערשטער מיט וועמען איך טייל מיך מיט אָט דעם געפֿיל. און מיט אַ כאַראַקטעריסטישן פֿאַר אים שמייכל, האָט ער פֿאַרענדיקט:

„אויב איך וועל דאַרפֿן אַ סך יאָרן זיין אַ אידישער פֿאַרשטייער — ווער ווייסט וואוהין איך וועל נאָך פֿאַרקריכן".

ד

אונזער נעקסטע באַגעגעניש איז פֿאָרגעקומען אָנהייב מאַי 1933 אין וואַרשע, בלויז עפּעס מער ווי 10 חדשים שפּעטער. אָבער וואָס פֿאַר אַ 10 חדשים! אין ליכט פֿון די איצטיקע פּאַסירונגען גענומען, זיינען יענע חדשים אָוודאי געווען מילדע און רואיקע. אָבער אַר־לאָזאָראָוו האָט שוין אין יענע 10 חדשים דערשפּירט דעם אָנקום פֿון אַ שטורעם וואָס קען אונז מיטן וואָרצל אויסרייסן.

צווישן לאָנדאָן און וואַרשע האָב איך אים געטראָפֿן אויך אין ארץ ישראל. און אָקטאָבער 1932 האָב איך מיט מיין משפּחה עולה געווען קיין ארץ ישראל. איך בין אָבער פֿאַרבליבן אין ארץ ישראל בלויז אַ גאַנצן חודש, האָב איך אים איינמאָל געטראָפֿן. ער איז געווען זייער שטאַרק באַשעפֿטיקט. האָט ער מיר בלויז אָנגעזאָגט מיטן האַרבן וואָרט, איך זאָל ניט אָפּפֿאָרן פֿון ארץ ישראל איידער מיר האָבן אַ געלעגנהייטן פֿאַר אַ גוטן heart to heart talk. די געלעגנהייט איז אָבער ניט געקומען. איך האָב געמוזט אָפּפֿאָרן אין שליחות פֿון קרן היסוד קיין פּוילן. ווען ער איז אָנגעקומען קיין וואַרשע בין איך נאַ־טירלעך געווען צווישן די וואָס האָבן אים מקבל פּנים געווען. זיינע ערשטע ווערטער זיינען געווען: איצטער וועלן מיר האָבן אַ געלעגנ־הייט פֿאַר דעם heart to heart talk. קומט צו מיר ווי שנעל נאָר איר קענט. איך נייטיק זיך זייער אַראָפּצורעדן זאַכן פֿון האַרצן. איר זייט דער פּאַסיקסטער מענטש פֿאַר דעם. דערביי האָט ער צוגעגעבן: איר געדענקט אונזער ערשטע באַגעגעניש? (דאָס איז געווען דאָס ערשטע און דאָס איינציקע מאָל, וואָס ער האָט עס מיר דערמאָנט). שוין דאַן האָב איך געפֿילט אַז מיט אייך קען מען רעדן אָפֿן. נאָך זיכערער בין איך אין דעם געוואָרן ווען איר האָט מיך מקבל פּנים

געווען ביי אייך אין הויז. איך נייטיק זיך זייער און זייער אין אַזאַ חבר. און שמייכלענדיק פֿאַרענדיקט: אפֿשר איז דאָס אויך מן השמים?

מיר האָבן זיך געטראָפֿן. דאָס איז געווען דער לענגסטער געשפּרעך מיט אים אין די שווערסטע באַגעגעניש פֿון אַלע. ער איז געקומען קיין וואַרשע נאָך אַ באַזוך פֿון דייטשלאַנד. היטלעריזם האָט שוין אָנגעהויבן ווייזן נעגל, הויפּטזעכלעך קעגן אידן. די אידישע גאַס האָט געהאַט איין ענטפֿער: באָיקאָט. אַוודאי איז ער אויך געווען פֿאַרן באָיקאָט. אין אים האָט אָבער געברענט דער ווילן צו ראַטעווען די דייטשע אידן. ער האָט געוואוסט: איין רעטונג איז געבליבן — יציאר גרמניה. און ווי אַלעמאָל איז ער ניט געבליבן בלויז ביי אַ פֿאַר־מולירטער לאָזונג. אַ גאַנצן ביז צום קלענסטן דעטאַל אויסגעאַרבעטן פּלאַן האָט ער געבראַכט. אַ ליקווידאַציע־באַנק האָט ער פֿאַרטראַכט דורך וועלכע צו קענען אַרויסראַטעווען אידישן פֿאַרמעגן. ניט נייטיק אַריינצוגיין אין פּרטים. ווער עס האָט געלייענט אָדער וועט לייענען זיינע שריפֿטן וועט זיך אַליין דערמיט באַקענען. איך ברענג עס נאָר אַלס די נייטיקע קאַנווע אויף וועלכע ער האָט פֿאַר מיר אויסגעמאָלן דאָס דעמאָלטיקע בילד פֿון דייטשן אידנטום, פֿון דער ציוניסטישער פּי־רערשאַפֿט און פֿון מכשולים און תקלות, וואָס מען לייגט אויפֿן וועג. בעיקר האָט ער געברענט קעגן די וואָס ווילן נאָך אַלץ ניט זען דעם פּראָצעס פֿונעם אומגליק־שטראָם, וואָס האָט זיך קעגן אונז געעפֿנט.

וועט איר גלייבן — האָט ער גערעדט — אַז עס זיינען נאָך דאָ אידן אין דייטשלאַנד וואָס האָפֿן נאָך אַז היטלער וועט ענדערן זיין טאַקטיק בנוגע אידן? זיי מיינען, אַז ער וועט זיך אָנזעטיקן מיט אונזער האָב און גוטס, מיט אַ ביסל בלוט אונזערס, און וועט שטילן זיינע בעסטיאַלישע באַגערן, — דאַן וועט גרינגער ווערן. דאַן וועט מען נאָך ווייטער קענען לעבן אין דייטשלאַנד. דאָס דייטשע פֿאָלק איז פֿאָרט אַ קולטור־פֿאָלק. צו ווייט וועט עס זיך שעמען צו גיין. — ער האָט איינזיצן ניט געקענט. ער האָט זיך אויפֿגעהויבן פֿון אָרט, גענומען שפּאַצירן מיט די כאַראַקטעריסטישע אַרלאַזאַראָוו־שפּרייזן איבער ציי־מער — ברייטע און אַזעלכע האַרטע שפּרייזן — פֿאַרלייגט די הענט איבערן קאָפּ און שוין מער געשריען ווי גערעדט: וואָס טוט מען! ווי עפֿנט מען זייערע אויגן! זיי אַליין וועלן אונטערגיין! דער גרויסער היסטאָרישער שאַנס אויסצונוצן דעם גרויסן אומגליק און ראַטעווען, ראַטעווען און דאָס געראַטעוועטע אַריינגיסן אין די קאַנאַלן פֿון בוי־אַרבעט אין ארץ ישראל, וועט לאַיבוד גיין.

מיינע באַגעגענישן מיט חיים אַרלאָזאָראָוו

ער האָט זיך צוריקגעזעצט, צוריקגעקראָגן זיין באַלאַנסירטן טאָן און אָנגעהויבן שווין שטילער:

די אידישע וועלט מחוץ דייטשלאַנד קאָנצענטרירט איר גאַנצע אויפמערקזאַמקייט אויפן באַיקאָט. וואָס אַנדערש זאָל אַ שוואַך פאָלק טאָן? אונזער הילפלאָזיקייט פאַרשאַרפט די נויטווענדיקייט פאַר בלויז נעגאַטיווע קאַמפס־מיטלען. אָבער וואָס קענען מיר דערמיט אויפטאָן? קען מען האָפן אַז אַ באַדייטנדער טייל פון ניט־אידן וועלן מיטהעלפן אין באַיקאָט? און וועלן אידן אין דער וועלט לאַנג קענען אויסהאַלטן דעם באַיקאָט? אויב אידן אַליין זאָלן דעם באַיקאָט פירן, צי איז ניטאָ די געפאַר, אַז מער ווי דער באַיקאָט וועט טרעפן היטלערן וועט ער טרעפן יענע אידן, וואָס פירן דעם באַיקאָט? ער איז דאַן איבערגעגאַנגען צו אַ דיסערטאַציע וועגן אימפאָרט און עקספאָרט, וואו דער געדאַנק וואָס ער האָט געזוכט אַרויסצוברענגען איז געווען, אַז אין אַזאַ קעגנזייטיקן קאַמף קען היטלער באַיקאָטירנדיק די אידן מחוץ דייטשלאַנד שנעלער אונטערגראָבן זייערע ווירטשאַפטלעכע פאָזיציעס, ווי דאָס וועלט־אידנטום קען אונטערגראָבן דייטשלאַנדס ווירטשאַפטלעכע פאָזיציעס. אַלס אויסדרוק פון צאָרן — אַוודאי באַיקאָט; אַלס ווירטשאַפטלעכער קאַמפס־וואָפן זייער צווייפלהאַפט אין זיין ווירקונגס־קראַפט. אָבער צאָרן פאַרבלענדט. הילפלאָזיקייט רעדט איין: באַנוץ זיך מיט דעם איינציקן דיר געבליבענעם מיטל. וואָלט עס קיין גרויס אומגליק ניט געווען, ווען די זעלביקע בלינדקייט און הילפלאָזיקייט וואָלט זיך ניט אַוועקגעלייגט אין וועג פון דער גרויסער רעטונגס־אַקציע, וועלכע איז מעגלעך, פון דער גרויסער בוי־אַרבעט אין ארץ ישראל, וואָס קען קומען אַלס באַגלייטער פון דער רעטונגס־אַקציע.

און דער קאַלטער אַנאַליטיקער אַרלאָזאָראָוו האָט זיך צע׳חלומט אויפן וואָר. מיט אומגעהויערער פינקטלעכקייט, ווי ער וואָלט געהאַלטן אַ רעפעראַט פאַר אַ פאָרום וואָס דאַרף און קען באַשליסן גרויסע שיקזאַל־זאַכן אין וועלכע ער איז פאַראינטערעסירט, האָט ער פאַר מיר פונאַנדערגעוויקלט זיינע פלענער. אפשר האָט ער מיך אויסגענוצט פאַר אַ „רעפעטיציע״ פון די רעפעראַטן, וואָס ער האָט טאַקע שפעטער געהאַלטן פאַר די פויליש־אידישע פאַרשטייער, פאַר די פויליש־ציוניסטישע פירער. ווי גרויס איז דער אידישער פאַרמעגן אין דייטשלאַנד? ווי גרויס איז דער חלק וואָס קען אַרויסגעפירט ווערן? וועלכע מאַטעריאַלן זיי וואָלטן געקענט און געדאַרפט מיטנעמען, וואָס

זאָל קענען באַנוצט ווערן אין דער ארץ ישראל׳דיקער בוי־אַרבעט? וויאַזוי דורך אינטערנאַציאָנאַלע פינאַנץ־פאַרבינדונגען דעם דאָזיקע קאַפּיטאַל זיכער צו מאַכן פאַר אונז? ווי אַזוי דער גרויסער אידישער קאַפּיטאַל וואָס די דייטשע אידן וואָלטן אַרויסגעראַטעוועט וואָלט גע־קענט איינגעשפּאַנט ווערן אין פינאַנץ־וואָגן וואָס שלעפּט צו לאַנגזאַם דעם פּראָצעס פון אונזער בוי־אַרבעט! און ער האָט שוין געזען פאַר זיך: נייע שטחים אויפגעבויטע, נייע אינדוסטריען אויפגעשטעלטע. אַ שפע צעגיסט זיך איבערן גאַנצן לאַנד. אונזערע שכנים געניסן אויך דערפון. דער גאַנצער נאָענטער מזרח קען גענענדערט ווערן. אַ פאַרשטענדיקונג מיט אונזערע שכנים קען אויף דעם באַזיס גע־בויט ווערן. ער פאַרכאַפּט זיך. האַ, ווער רעדט עס אַזוי, איך? פון ערגעץ האָב איך עס גענומען. איך באַגיי אַ פּלאַגיאַט. אייער סירקין האָט אַזוי גערעדט. ניין. ער וואָלט עס בעסער געמאַכט. ניט אַלעמאָל האָב איך אייער סירקינען באַגריפן. געווען אַפילו מאָמענטן, ווען — זאָל ער מיר מוחל זיין — איך האָב געמיינט אַז ער האָט זיך צו שטאַרק איבערגעגעבן זיין פאַנטאַזיע. ניין. ער איז געווען גערעכט. נאָר מיט גרויסצוגיקן שוואונג און פאַרנעם קען מען אַ אין־גלות־פאַרזונקענעם־פאָלק האָפן צו פאַרוואַנדלען אין אַ בוי־כוח. וואָלט דער ציוניזם היינט פאַרמאָגט אַ צענדליק גרויסע וויזיאָנערן, וואָלטן מיר דאַן געקאָנט אַליין דעמאָנסטרירן דעם אמת פון מעז יצא מתוק. ניטאָ אָבער אַזעלכע.

איך זע אים נאָך איצטער ווי אַ לעבעדיקן אין יענעם מאָמענט. ריזיק אויסגעוואַקסן אין און דורך דער פאַרצווייפלונג. רעדן רייד איך ניט. וואָס זאָל איך רעדן? אין האַרצן וועקן זיך האָפענונגען: דו, אַרלאָזאָראָוו, ווייסט די מכשולים דורכברעכן. מיר געזעגענען זיך אין אַ מאָדנער שטימונג. איך גיי אַוועק פון אים צעבראָכן און דאָך דערהויבן. איך בין אַנוועזנד ביי זיינע רעפעראַטן. ער פאַרלאָזט וואַרשע פריער פאַר מיר. ער דאַרף באַזוכן לעמבערג, פּראָג און נאָך אַנדערע אידישע קיבוצים. אין אַ חודש אַרום רעדן מיר אָפּ צו טרעפן זיך אין ארץ ישראל.

ז

אין אַ חודש אַרום טרעפן מיר זיך טאַקע אין ירושלים. איך בין אָנגעקומען מיט עטלעכע טעג פריער פון אים. געטראָפן האָב איך אים אין גאַס אין פרימאָרגן פון יענעם שוואַרצן טאָג פון זיין דער־

מאָרדונג. איך האָב יענעם טאָג געדאַרפֿט אָפּפֿאָרן קיין עין חרוד. געווען דאָרט אַ צוזאַמענפֿאָר פֿון דער מועצות הפּועלות. איך בין איינגעלאַדן געוואָרן צו דערציילן וועגן דער באַוועגונג אין פּוילן, ליטע און לעטלאַנד, וואו איך האָב פֿאַרבראַכט דעם ווינטער אין קרן היסוד אַרבעט. מיר רעדן אָפּ אַ באַגעגעניש. ווידער ביי מיר אין הויז, אָבער שוין ניט אין ניו־יאָרק נאָר אין ירושלים. איך פֿאָר קיין עין חרוד. מיט מיר איז מיין גאַנצע משפּחה. איך הייב אָן אַריינזאַפּן אין זיך דעם ארץ ישראל וואָס איז מגשים אונזערע טיפֿסטע בענקשאַפֿטן. אַ גליקסגעפֿיל נעמט מיך אַרום. חברים אין עין חרוד פֿאַרטיפֿן נאָך מער דעם געפֿיל. איך גיי שלאָפֿן זייער שפּעט. שוועך זיך אָפּצורייסן פֿון אַ כאַראַקטעריסטישער „שיחה" מיט חברים אין ארץ ישראל בכלל, נאָך שווערער אין עין חרוד. איך שעפּ אַריין מיט אַלע פֿיבערן פֿון דער נשמה ניט נאָר וואָס חברים דערציילן, נאָר אויך וואָס זיי סימ־באָליזירן. און יעדער איינער איז דאָך אַ סימבאָל. אַמנאָענטסטן און אַמטיפֿסטן־פֿאַרבונדן ווער איך יענעם אָוונט מיט חבר לעפּקאָוויטש־לביא. על משכבי טראַכט איך וועגן זיין חלוצ׳ישן לעבן. איך הייב נאָר אָן איינדרימלען. דער עין חרוד׳ישער גלאָק קלינגט. איך כאַפּ זיך אויף. אין חדר האוכל זיינען שוין דאָ אַ סך חברים. אַלע אַרומ־געקלעפּט אַרום דעם טאָפּל פֿון מודעות. איך גיי צו. אַ קליינע מודעה מיט אַ שוואַרצן ראַם אַרומגענומען: חיים אַרלאָזורוב נרצח! קיין וואָרט פֿון קיינעם קען מען ניט אַרויסקריגן. קיין וואָרט קומט פֿון אייגענעם מויל ניט אַרויס. שטום און שטיל קער איך זיך מיט מיין פֿאַמיליע צוריק אין צימער, וואָס איז אונז פֿון אַ יונגער חברים־פּאָר אָפּגעטראָטן געוואָרן. שטום און שטיל ווערן מיר באַלד מיטגעטראָגן אין אַ גרויסן געפּאַקטן טראָק פֿון עין חרוד קיין תּל־אָביב. די מינוטן ציען זיך ווי טעג. די שעה׳ן — ווי יאָרן. ענדלעך אָנגעקומען. אַן אומגעהויער גרויסע וואָך אַרום דעם צימער וואו ער ליגט. איך דער־שלאָג זיך נאָענט. איך דערזע זיין פּנים. נעכטן האָב איך דאָך מיט אים גערעדט. ווי איז עס מעגלעך? ווי אַזוי איז עס געשען?

צי איז דען מעגלעך צו פֿאַרגעסן אַזאַ טאָג?

* * *

קאָרגע דריי חדשים שפּעטער האָב איך זיך אומגעקערט צוריק קיין פּוילן. דאָס מאָל שוין אין פֿאַרבינדונג מיט אַ נייער אַקציע: מפּעל אַרלאָזאָראָוו. מיר האָט מען פֿאַרטרויט אָנצופֿירן די אַקציע צווישן

פוילישן אידנטום. כ׳האָב זי געפּירט אונטער אַ נייער לאָזונג. געשעפּט האָב איך די לאָזונג פון אַ פּראַגע וואָס לאה פּרעגט אין אַנסקיס „דיבוק״ נאָכן טויט פון חנן: וואָס ווערט פון די ניט־אויסגעלעבטע טעג און יאָרן פון מענטשן וועמעס לעבן ווערט פאַרשניטן יונגערהייט? מיין לאָזונג איז געווען: די ענערגיע פון די ניט אויסגעלעבטע טעג און יאָרן פון חיים אַרלאָזאָראָוו מוז אַריינגעגאָסן ווערן אין אידישע מוס־קולן און זייער קראַפט דאַן אָנגווענדן אין דער ארץ ישראל׳דיקער בוי־אַרבעט. אַזוי איז עס אויך געשען. דורכן מפעל אַרלאָזאָראָוו, מיט דער הילף פון קרן קימת און קרן היסוד זיינען אויפגעשטעלט געוואָרן פונקטן אויף זיין נאָמען אין וועלכע אידישע מוסקול־קראַפט ווערט אין הייליקן באָדן אַריינגעגאָסן, אין אידישע אינדוסטריעס אַריינגעווענדעט און ווערן אין מאָנומענטן פאַר זיין זכרון פאַרוואַנדלט. אָבער —

לאָזונגען פאַר בוי־אַרבעט האָבן אונז קיינמאָל ניט געפעלט. די ארץ ישראל בוי־אַרבעט האָט זיך דעריבער אין דער נייער מפעל אַרלאָזאָראָוו לאָזונג ניט גענייטיקט. אין אַרלאָזאָראָוון אַליין האָט, אָבער, סיי דער ציוניזם, סיי די ארץ ישראל בוי־אַרבעט, סיי דאָס אידישע פאָלק אַלס גאַנצע ניט אויפגעהערט זיך צו נייטיקן אין משך פון די איבער 10 יאָר צייט וואָס איז פאַרביי פון יענער פינצטערער נאַכט אין תל־אָביב, ווען אַ מערדער־האַנט האָט אָפּגעשניטן דעם אַזוי יונגן, אַזוי פיל־פאַרשפּרעכנדיקן לעבן פון חיים אַרלאָזאָראָוו.

ניו־יאָרק, ערב ראש השנה, התש״ד.

יוסף שפּרינצאַק

עפּיזאָדן

עס איז פֿאַראַן אַ באַדערפֿעניש צו דערציילן וואָס מען האָט אַליין בייגעוואוינט פֿון דעם וואונדערלעכן וואוקס פֿון אַ נייעם שטאַרקן כּוח — פֿון אַ שנעלן, זיכערן, פֿעסטן, זיגרייכן וואַקסן, וואַקסן ביז צום שפּיץ — דעם העכסטן נאַציאָנאַלן אַמט. עס ווילט זיך דערציילן — עס איז דאָ וואָס צו דערציילן — פֿון דער ערשטער באַגעגעניש־סטאַנציע אויפֿן ווילסאָן־וואָקזאַל אין פּראָג, ביז דער לעצטער אָפּשיידס־סטאַנציע אויפֿן הויף פֿון „הדסה“־שפּיטאָל אין תּל־אָביב — אַ תּקופֿה פֿון דרייצן יאָר, אַ שטורעמדיק קאַפּיטל אין לעבן פֿון דעם ציון־בויענדיקן פֿאָלק, אַ לאַנגע ריי פֿון געשעענישן און מעשׂים, פֿון אָנהויבן און אָנשטרענגונגען, פֿון אינטימע באַגעגענישן, פֿון ראַנגלענישן און אינערלעך־ברויזנדיקער דיסקוסיע. און אַלץ דרייט זיך אַרום עיקר — אַרום שיבֿת ציון און דאָס דערוואַכן פֿון פֿאָלק צו זיין נאַציאָנאַלער און מענטשלעכער באַפֿרייאונג.

די ערשטע באַריכטן דערגרייכן איבער דער גרענעץ צו די „שומרי היש“ („די היטער פֿונם עקזיסטירנדיקן“) אין די מלחמה־יאָרן. זיין איבעררבאַשנדע דערשיינונג אויף דעם „התאַחדות“־צוזאַמענפֿאָר אין פּראָג, זיין רעפֿעראַט וועגן „אונזער סאָציאַליזם“. בליקן פֿון ליבע און צופֿרידנקייט פֿון דעם זקן שבחבורה, א. ד. גאָרדאָן, זיינען געווענדט צו דעם מוזיניק פֿון דער דריטער עליה, וויקטאָר־חיים. נאָך פּראָג — בערלין. אין קליינעם צימער פֿון דער „הפּועל הצעיר“־ביוראָ אויף דער דאָראָטייען שטראַסע און אין דער מוטערס הויז אויף דער אייזנאַכער שטראַסע. די מוטער און איר זון. פֿרייטאָג־צו־נאַכטן — די איידעלע שבת־אָוונטן אין דער מוטערס הויז לעבן אין זכּרון פֿון די ערשטע שליחים פֿון אַרבעטנדיקן ארץ ישׂראל צו דער מערבֿ־אייראָפּעאישער יוגנט. די שפּאַצירן אויף די בערלינער גאַסן און זיין מו־

טיקער אופֿן רעאַגירן אויף אַ פּערזענלעכן אַנטיסעמיטישן אָנפֿאַל אין אַ געסל לעבן דער פֿרידריך־שטראַסע.

ער ברעכט איבער זיינע שטודיען און פֿאָרט אָפּ קיין ארץ ישראל, כּדי מקיים צו זיין זיין חלוצישע אויפֿגאַבע. צווישן די פּיאָנערן פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג האָט די דערשיינונג פֿון אָט דעם נייעם כּוח אַרויסגערופֿן פֿיל פֿרייד. דער ערשטער מאַי — דער ערשטער בלוטיקער אויסברוך נאָך דער באַלפֿור־דעקלאַראַציע, אַרלאָזאָראָווס אַקטיווע באַטייליקונג אין דער זעלבסטשוץ אין נוה שלום. דער אָנהויב פֿון זיין אַקטיוויטעט אין דער פּאַרטיי, אין דער וואָכנשריפֿט, אין דער פֿירערשאַפֿט פֿון דער באַוועגונג, אין די רעגיאָנאַלע צוזאַמענפֿאָרן. דער אינטימער קרייז פֿילט, אַז פֿאַרן יונגן חבר ליגט אַ גרויסע צוקונפֿט און באַאיינפֿלוסט אים צוריקצופֿאָרן פֿאַרענדיקן זיינע שטודיען. און ווידער אַמאָל בערלין — אין דער הויפּט־ביוראָ פֿון דער באַוועגונג און אין רער ענגער היים פֿון „הפּועל הצעיר״. אומאויפֿהערלעכע אַרבעט אין דעם קרייז פֿון זיינע טרייע תּלמידים, פֿון וועלכן עס קומען ארויס און עס זיינען אַרויסגעקומען צענטראַלע פֿיגורן אין אונזער באַוועגונג. אַן אָוונט אין אַ קליינעם, באַזונדערן צימער אין דער „ראָמאַנישעס קאַפֿע״ — אַ קליינער קרייז פֿריינט פּייערט אַרלאָזאָראָווס דאָקטאָראַט, דאָס מאָל — ניט וויקטאָר, נאָר ד״ר חיים אַרלאָזאָראָוו. די ערשטע גלענצנדיקע אויפֿטריטן אויף ציוניסטישע קאָנגרעסן און צוזאַמענקונפֿטן. זיין צווייטע „עליה״ קיין ארץ ישראל, זיין שאַרפֿער אַנאַליז פֿון דיווירטשאַפֿטלעך־פֿינאַנציעלע אַספּעקטן פֿונם אויפֿבוי. זיין כּסדר׳דיק פֿרעדיקן די אידעע פֿון אַ נאַציאָנאַלער הלוואה אַלס אַ מיטל פֿאַר דער פֿאַרווירקלעכונג פֿון אַ גרויסצוגיקער קאָלאָניזאַציע. זיין אַקטיוויטעט אין די רייען פֿון דער אַרבעטערשאַפֿט. זיין ערשטע מיסיע אין נאָמען פֿון גאַנצן ישוב — די שליחות קיין זשענעווע. דער גרויסער צוטרוי פֿון פֿאַרשיידענע טיילן פֿון ישוב. די מיינונג פֿון דעם ענגלענדער גרימשאָו, פֿונם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־אַמט, וועגן אַרלאָזאָראָווס באַזוך אין זשענעווע: „וואו איז ער... וואו איז״ [עס איז אים שווער געווען אַרויסצורעדן דעם אויסערגעוויינלעכן נאָמען], „וואו איז דער וואונדערבאַרער רעדנער, וועלכער איז געווען אין זשענעווע, דער טאַלאַנטפֿולער יונגער שטאַטסמאַן?...״, האָט גרימשאָו געפֿרעגט ווען ער האָט באַזוכט ארץ ישראל. נאָכדעם איז געקומען זיין באַזוך אין אַמעריקע, דער שאַרפֿער אַנאַליז פֿון דער דאָרטיקער ציוניסטישער באַ־

וועגונג און זיין פּראָגנאָז וועגן דער ירידה פֿון דער באַוועגונג אונטער די הערשנדיקע אומשטענדן. עס פֿאָלגט דער אָנהויב פֿון זיין טעטי־קייט אין לאָנדאָן. ער באַאָבאַכט די ענגלישע פּאָליטיק, שטודירט, זאַמלט קענטענישן און גרייט זיך פֿאַרן פּרעכטיקסטן קאַפּיטל — פֿאַר דער פּאָליטישער טעטיקייט פֿון די לעצטע צוויי יאָר.

קאַפּיטל נאָך קאַפּיטל, סטאַנציע נאָך סטאַנציע — לעבנס־סטאַנ־ציעס און פֿאַקטישע סטאַנציעס אין לענדער און הויפּט־שטעט. די דריקנדיקע טעג אין לאָנדאָן ביים סוף פֿון קריזיס אין 1926, און די פֿאַרזוכן צו ראַטעווען די לאַגע. די שרעקלעכע נעכט אין לאָנדאָן אין 1929, דערוואַרטנדיק נייעס פֿון צפֿת און חברון. מען מוז זיך איילן קיין ירושלים. עס איז שווער צו פֿאַרגעסן ווי מיר האָבן זיך געזעגנט אויף דער וויקטאָריאַ־סטאַנציע. „צו וואָס דאַרף איך פֿאַר־בלייבן אין לאָנדאָן?“ איז געווען זיין אומעטיקע פֿראַגע.

ווידעראַמאָל לאָנדאָן אין די נאָך־פּאַספֿילד טעג. זיין דאַנק־רעדע נאָך סנעלס רעפּעראַט אין אַנגלאָ־פּאַלעסטינע קלוב — אַ סטיליסטיש מייסטערווערק, אַ פֿאַרכאַפּנדיקער אויסדרוק פֿון אונזערע פֿאָדערונ־גען און פֿון זיכערקייט אין דער גערעכטיקייט פֿון אונזער זאַך. אין דערזעלבער צייט די קלוגע, ערודיציע־רייכע, גלענצנד־אַריענטירטע — אין אויסדרוק און פֿאָרמולירונג — אַרבעט אין דער פּאָליטישער קאָמיסיע, אין דער צייט פֿון די זיצונגען פֿון דעם בריטישן קאַבינעט (אין פֿאַרבינדונג מיט מעקדאָנאַלדס בריוו צו ווייצמאַנען). דאָס איז געווען די פּרעלודיע צו זיין פּאָליטישער אַרבעט אין דער עקזעקוטיווע.

און נאָך אַ נסיעה קיין לאָנדאָן — צו דער זיצונג פֿון ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט. אין זיין שיף־קאַבינע האָט ער געאַרבעט טאָג און נאַכט. די קאַבינע איז געווען פֿול מיט פּאַפּירן, ביכער און פֿאַרשיי־דענע מעמאָראַנדומס. אין וואַגאָן צווישן ווענעציע און לאָנדאָן האָבן מיר זיך געטראָפֿן מיט אַ גרופּע אינדישע סטודענטן און אינטע־לעקטואַלן, גאַנדיסטן און נייטראַלע, אַלע דערצויגענע אויף דער ענגלי־שער קולטור. עס האָט זיך פֿונאַנדערגעפֿלאַקערט אַ לאַנגער שמועס וועגן אינדיע, וועגן דער אימפּעריע, וועגן אונזער ווערק אין ארץ ישׂראל און וועגן אונזערע נאָענטע פּערספּעקטיוון.

„מען וועט אייך אויך אָפּנאַרן“ — האָבן די אינדיער געמורמלט. עס איז געווען אינטערעסאַנט צו באַאָבאַכטן די אינדיער. זיי האָבן געשטוינט זעענדיק זיין בקיאות אין זייערע ענינים. „איר האָט שוין אַמאָל באַזוכט אינדיע?“ האָבן זיי געפֿרעגט.

זייערע טיפֿע אויגן זיינען געווען קאָנצענטרירט אויף דעם אידישן שטאָטסמאַן פֿון ירושלים. און מיר האָבן געטראַכט: אָט דער מאַן וועט אַמאָל רעדן צו די פֿעלקער פֿון מזרח.

אין לאָנדאָן האָט ער אויף דער זיצונג פֿונעם אַקציאָנס־קאָמיטעט אָפּגעגעבן אַ באַריכט פֿון דעם ערשטן יאָר פֿון זיין טעטיקייט. ער האָט דעם ערשטן מאָל געהאַלטן ניט קיין אָפּאָזיציע־רעדע, ניט קיין פּאָלעמישע רעדע; ער האָט גערעדט ווי אַן אויטאָריטאַטיווער פּאָליטישער פֿירער, וועלכער האָט געוואונען דעם צוטרוי פֿון אַלע ריכטונגען אין ציוניזם.

אַפֿילו די אָפּאָזיציע פֿון קעגנער איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן.

און עס הויבט זיך אָן דאָס לעצטע יאָר. יענער קאַפּיטל טעטיקייט, וועלכער האָט זיך אַזוי העל פֿונאַנדערגעוויקלט פֿאַר די אויגן פֿון אונז אַלעמען. אַ שווער קאַפּיטל. די קאָמפּראָמיטאַציע־פּאַרזוכן פֿון אַ פּיינטלעכער פּאַרטיי, אַן אַטמאָספֿערע פֿון פּערזענלעכע רייבונגען. אָבער אין דער באַוועגונג, אין ישוב — אַלע דורכגעדרונגען מיט איין געפֿיל: „דרך כוכב מיעקב״ — אַ נייער שטערן אויפֿן הימל פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג.

און צוריק צום אָנהויב, צו די מלחמה־יאָרן. אינעווייניק — שווערד און הונגער, אינדרויסן — בלאָקאַדע. עס האָט זיך געדוכט, אַז דער פֿולשטענדיקער חורבן לויערט אויף אונז. דאָס געדרוקטע וואָרט האָט געשמעקט מיט געפֿאַר, די צייטשריפֿט האָט מען דערשטיקט, דעם אָפֿעציעלן רעדאַקטאָר אַריינגעזעצט אין טורמע, דער פֿאַקטישער רעדאַקטאָר — דער שאַפֿער פֿון אָרגאַן — איז אין מצרים. מיר האָבן געטראַכט וועגן אַן אָרגאַן פֿון די חברים אין אויסלאַנד. דעמאָלט האָבן מיר אָוועקגעשיקט אַ בריוול צו אַ געטרייען חבר אין בערלין, צו ישראל רייכערט, מיט אַ פֿאָדערונג: קאָנצענטרירט אַ גרופּע מענטשן, שאַפֿט אַן אָרגאַן, דרוקט עפּעס וואָס זאָל דינען אַלס אַ צייטווייליקער גייסטיקער מקלט פֿאַר די וועלכע וועלן איבערלעבן די שרעקלעכע מלחמה־יאָרן... נאָך איידער דאָס בריוול האָט דערגרייכט זיין ציל זיינען צו אונז דערגאַנגען אויסטערלישע און דערפֿרייענדיקע ידיעות וועגן די נייע קעמפֿער און אויסטייטשער פֿון אונזער אידעע. אין מערב־אייראָפּע האָט זיך אָנגעהויבן צווישן דער יוגנט און דער אינטעליגענץ אַ באַוועגונג אַרום דעם ארץ ישראל אַרבעטס־געדאַנק. מען דאַרף די מלחמה־שאַנד און דעם חורבן פֿון מזרח־אייראָפּעאישן אידנטום מכפר זיין דורך דעם אויפֿבוי פֿון ציון אויף נייע סאָציאַלע

יסודות. מיר האָבן באַקומען די בלעטער פֿון דער „יידישער רונדשוי“, אין וועלכן מיר האָבן געלייענט וועגן אונזערע נייע פֿריינד; וועגן באַוואוסטע אינטעלעקטועלן און קולטור־מענטשן. עס האָבן זיך דער־טראָגן ידיעות וועגן עפּעס אַ „צענטראַלן ועד“ פֿון „הפּועל הצעיר“, וועגן דעם דערשיינען פֿון העפֿטן מיטן נאָמען „די אַרבייט“. מיר האָבן דערהערט וועגן רובאַשאָווס אַרבעט אין די דייטשע קרייזן. מיר האָבן באַקומען בובערס „דער יודע“ מיט א. ד. גאָרדאָנס אַ בריוו. מיר האָבן זוכה געווען צו האָבן מיט אונז וויקטאָר חיים אַרלאָזאָראָוו, וועלכער איז געשטאַנען אין צענטער פֿון די נייע אויפֿברויזנדיקע ציוניסטישע כּוחות אין מערב־אייראָפּע — אויפֿן וועג צום אַרבעטנדן ארץ ישׂראל.

13 יאָר זיינען פֿאַרגאַנגען. ווידעראַמאָל האָבן מיר פֿון בערלין באַקומען די „יידישע רונדשוי“, ווידעראַמאָל נייעס פֿון דייטשלאַנד. די הערשאַפֿט פֿון שׂנאה און רעאַקציע. אין די גאַסן — שייטערהויפֿנס מען ברענט ביכער, וועלכע פּרעדיקן דעם חלום פֿון די נביאים, מענטשלעכע גלייכקייט און פֿעלקער־פֿרידן. און אין דער נייער דייטש־לאַנד ווערט מיט בלוט און פֿייער געשריבן אַ מגילה פֿון יסורים און פֿאַרניכטונג פֿאַרן אידנטום אין גלות אַשכּנז. עס איז קלאָר: אי־מיגראַציע פֿון דייטשלאַנד ווערט אַ קאַטעגאָרישע נויטווענדיקייט, און זי מוז איצט גיין קיין ארץ ישׂראל. דער יונגער מענטש, וועלכער איז אויפֿגעוואַקסן אין דייטשלאַנד און וועלכער איז געוואָרן דער פֿירער פֿון דער באַוועגונג, האָט דערפֿילט אַז ער מוז גיין אין לאַנד פֿון זיין יוגנט, כּדי אויסצוטרעטן אַ וועג פֿאַר דער שיבת ציון פֿון דייטשן אידנטום.

מיר האָבן אים דערמוטיקט צו מאַכן די רייזע. אויף דער דאָזיקער לעצטער רייזע האָט דער יונגער פֿירער זיך ווידער געטראָפֿן מיט דער מחנה אין אייראָפּעאישן גלות — אין לאָנדאָן, דייטשלאַנד, עסטרייך, פּוילן און טשעכיע. עס איז געווען אַ טריאומף־רייזע, אַן אָפּשייד פֿון דער באַגייסטערטער יוגנט־אַרמיי, וועלכע איז אויסגעוואַקסן אויך אַ דאַנק זיין אינספּיראַציע, טאַלאַנט און איבערגעבנקייט.

דער שיקזאַל האָט געוואָלט, אַז ער זאָל אויך פּראָג באַזוכן — דאָרט וואו ער איז צום ערשטן מאָל דערשינען פֿאַר דער פֿאַראייניקטער מחנה פֿון מזרח און מערב און פֿון דעם אַרבעטנדן ארץ ישׂראל.

נאָך דעם אָפּשייד איז געקומען דער שאָס און דער פֿאָדעם פֿון לעבן און האָפֿענונג האָט זיך איבערגעריסן.

דאָראַ און עליזה אַרלאָזאָראָוו

קינדהייט־ און יוגנט יאָרן

1

אַז מען פרעגט אונזער מוטער איינצלהייטן וועגן חיים׳ס ערשטע לעבנס־יאָרן, ענטפערט זי געוויינלעך: ער איז געווען ווי אַלע געזונטע קינדער — אַ רואיק און ליבלעך אינגל.

ווען ער איז געווען אַ חודש אַלט האָט אונזער מוטער געקויפט דורך אַ פריינד, אַ ציוניסט פון פינסק, עטלעכע קאָלאָניאַל־באַנק אַקציעס און האָט זיי פאַרשריבן אויף חיים׳ס נאָמען. אַזוי האָט חיים דערהאַלטן זיין ערשטן רעגיסטרירטן ברית. אונזער מוטער היט נאָך עד היום אָפּ די דאָזיקע אַקציעס און קוויטירונגען. זיין נאָמען איז דעמאָלט געווען וויטאַלי סאַאולאָוויטש אַרלאָזאָראָוו.

אין עלטער פון דריי אַ האַלב יאָר האָט אונזער מוטער פאַר אים אַבאָנירט דעם רוסישן קינדער־זשורנאַל „סוועטליאַטשאָק״. ער פלעגט זיך גערן איינהערן ווען מען פלעגט אים פאָרלייענען פון דער דאָזיקער ציטונג. ער פלעגט כסדר פאָדערן מען זאָל לייענען נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, און האָט זיך אַליין אָנגעהויבן אויסצוצייכענען אַלס דעק־לאַמאַטאָר. רוסיש איז געווען זיין איינציקע שפּראַך. אַביסל שפּעטער הייבט ער אָן צו באַזוכן אונזער פאָטערס ביוראָ. דער בוכהאַלטער ווייזט אים דעם אַלף־בית אויפן אַלפאַבעטישן רעגיסטער און חיים הייבט אָן לייענען.

אין האַרבסט 1905 הייבט ער אָן צו לערנען. דער שריפטשטעלער שלמה שוב האָט געזאָלט זיין זיין העברעאישער לערער, אָבער די ערשטע לעקציע ווערט אָפּגעלייגט, ווייל חיים ווערט קראַנק אויף סקאַרלאַטין. אויפן דריטן טאָג פון זיין קראַנקהייט זיצט חיים אין בעט און עסט פון אַ טעלער. פּלוצלונג פליט דורכן פענצטער אַריין אַ שטיין און צעברעכט דעם טעלער אויף פיצלעך. דאָס איז געווען

אַן אָנזאָג פֿון די פּאָגראָמען אין 1905. דער קראַנקער אינגל ווערט, האַלב אָנגעטאָן, צוזאַמען מיט דער גאַנצער פֿאַמיליע אַרויסגעפֿירט דורך אַ קליינעם פֿענצטער, אין גאָרטן פֿון אַ קריסטלעכער שכנה. די שכנה האָט אונז פֿאַרבאַהאַלטן אין וואַש־צימער, צוזאַמען מיט אירע אייגענע קינדער. מיר האָבן איבערגענעכטיקט אויף דעם שטיינערנעם דיל, און אויף מאָרגן האָבן מיר זיך איבערגעקליבן אין אַ האָטעל אין אומגעגנט — ביי אונז אינדערהיים איז ניט פֿאַרבליבן קיין איין גאַנצע שויב.

אַרום יענער צייט איז ביי אונז רייף געוואָרן דער באַשלוס זיך איבערצוקלייבן קיין דייטשלאַנד; אין שטאַלופּענען, אַ קליין שטעטל אויף דער רוסישער גרענעץ, האָבן געוואוינט אונזערע קרובים. נאָך זייענדיק אין ראָמני האָט אונזער מוטער אַנגאַזשירט אַ דייטשע דערציערין פֿון קעניגסבערג פֿאַרן פֿינף־יאָריקן חיים. חיים האָט אַביסל פֿאַרשטאַנען די דייטשע שפּראַך, אַזוי אַז עס איז אים ניט אָנגעקומען שווער אַריינצוטרעטן אין דער דייטשער שול. אונטערן איינדרוק פֿון די פּאָגראָמען האָבן מיר, קינדער, זיך אָפּגעזאָגט צו רעדן רוסיש. ביסלעכוויז ווערט רוסיש די געהיימע שפּראַך פֿון אונזערע עלטערן. חיימ׳ן הייבן מיר אָן צו רופֿן וויקטאָר. די דערציערין בלייבט מיט אונז גאַנצע פֿינף יאָר. זי איז געווען זייער אַ שטרענגע פֿרוי. חיימ׳ן האָט זי באַזונדערס געגעבן אַ שטרענגע פּרייסישע דערציאונג. ווען זי פֿלעגט אים כאַפּן מאַכנדיק איין טעות אין אַ גאַנצער זייט אַריטמעטישע איבונגען, פֿלעגט זי די זייט אַרויסרייסן פֿון העפֿט און מיט דעם שמייסן חיימ׳ן עטלעכע מאָל איבערן פּנים, און די זאַך פֿלעגט זיך דעמאָלט אָנהייבן פֿונדאָסניי. דאָס פֿלעגט זיך צייטנווייז ווידערהאָלן גאַנצע פֿינף מאָל.

וואָס עס איז געווען אוממעגלעך אין ראָמני — צוליב די באַזונדערע אומשטענדן — אַז העברעאיש זאָל זיין חיימ׳ס ערשטער לימוד, איז מעגלעך געוואָרן אין שטאַלופּענען. אַ מאַן, וועלכער איז, ווי דער פֿאָלקס־וויץ זאָגט, געווען אַ גאַנצע שטאָט: אַ שוחט, אַ חזן, אַ רב און לערער — האָט אין יאָר 1906 אָנגעהויבן מיט חיימ׳ען לערנען העברעאיש, אין אַ גרויסן קלאַס. ער האָט ניט באַוויזן אין חיימ׳ן אַנצורעגן אַ שטאַרקן אינטערעס צו דער שפּראַך.

אין האַרבסט 1906 הייבט וויקטאָר אָן צו באַזוכן אַ רעאַל־שול. ער רעדט דייטש מיט אַ פֿרעמדן אַקצענט. אַרום פּסח ווערן אָפּגעהאַלטן די עקזאַמענס פֿון צווייטן קלאַס, און דאָס קליינוואַרג גיט אַ

פֿאַרשטעלונג, אין וועלכער חיים שפּילט די הויפּט־ראָליע. גאָר גיך ווערט ער דער ערשטער שילער אין זיין קלאַס, און האַלט אָן זיין פּאָזיציע ביז ער ענדיקט די שול, כאָטש ער ווייזט ניט אַרויס קיין באַזונדערע אָנשטרענגונגען. עס דויערט ניט לאַנג ביז זיינע קאָמפּאָ־זיציעס ווערן פֿאָרגעלייענט פֿאַר זיין קלאַס. ער איז זייער באַליבט צווישן זיינע חברים. ווען זיי האָבן שוועריקייטן מיט זייערע לעקציעס קומען זיי צו אים אין הויז, און זיי אַנטדעקן גיך אַז אויך ביי אַנדערע געלעגנהייטן, אין פֿאַרשיידענע שפּילן, איז אַנגענעם צו פֿאַרברענגען מיט וויקטאָרן. אונזער פֿאָטער פֿאָרט אָפּט אַוועק פֿון דער היים, און די מוטער גיט וויקטאָרן אַ גרויסע מאָס פֿרייהייט. זי האָט פֿאַר אירע דריי קינדער צוויי צימערן: איין שלאָף־צימער און איין כמעט ליידיקן צימער, וועלכער דינט אַלס שפּיל־צימער.

אין דעם דאָזיקן שפּיל־צימער ווייזן זיך אַרויס וויקטאָרס שעפֿע־רישע פֿעאיקייטן. דאָ דערשיינט ער צום ערשטן מאָל אַלס אַן אמת׳ער פֿירער: ער באַהערשט די קינדער ניט מיט צוואַנגס־מיטלען, ניט דורך כבוד־זוכעניש, ער שטערט קיינמאָל ניט און ער רייסט זיך ניט אַריין אין קיין שפּיל — ער באַצויבערט די קינדער מיט זיין ענטוזיאַזם און פֿאַנטאַזיע, מיט זיין ברייטהאַרציקייט, וועלכע איז אָפֿן פֿאַר אַלעמען, און אַלע געניסן פֿון איר, מיט זיין לאָיאַליטעט. אַזוי אַרום שפּילט וויקטאָר שטענדיק אַזעלכע ראָלן, ווי דער דאָקטער, וועלכער היילט קראַנקע, דער גענעראַל, וועלכער פֿירט זיינע סאָלדאַטן און דער קאַ־פּיטאַן, וועלכער שטייט ביים רודער פֿון שיף אין וועמעס באַפֿעלן די מאַטראָזן פֿאָלגן שטענדיק.

די קינדער רעדן שטענדיק וועגן וויקטאָרן אין זייערע היימען און אַלע ווילן אים האָבן אַלס הויפּט־גאַסט ביי זייערע געבורטס־טאָגן. אַזוי האָט ער אויפֿגעשלאָגן נאָך זייענדיק אַ קינד אין דעם קליינעם פּרייסישן שטעטל, וואָס האָט געהאַט אַ אידישן ישוב פֿון 25 פֿאַ־מיליעס, אַ בריק צו דער קריסטלעכער וועלט, וואָס איז ניט צעשטערט געוואָרן ביז זיין טויט. דער בירגערמייסטער, דער גלח און די אָפֿי־צירן — אַלע האָבן זיך צו אים פֿאַרהאַלטן ווי צו אַ פֿריינד, אַלע פֿלעגן אים איינלאַדן צו זוכן די פּאַסכאַ־אייער און צו „אָפּראַמען" דעם ווייַנאַכטס־בוים. באַזונדיק קריסטן פֿלעגט ער עסן בלויז אייער און קעז, ער האָט זיך געהאַלטן באַוואוסטזיניק און שטאָלץ אידיש. צו זיין געבורטסטאָג, וועלכער פֿאַלט אויס פורים־צייט, פֿלעגט ער אַלע־מען איינלאַדן אַהיים און אונזער מוטער פֿלעגט די געסט באַשענקען

מיט אַ שפּע פֿון פֿרייד, סורפּריזן און יום־טוב׳דיקייט. די וואוין־דער־לויבעניש, וועלכע מיר זיינען פֿונדעסטוועגן געצוואונגען געווען צו באַנייען יעדן יאָר, האָבן מיר גרינג באַקומען.

וויקטאָר איז ביסלעכווייז אַלץ מער דורכגעדרונגען געוואָרן מיטן דייטשן גייסט. צום קיסר׳ס געבורטס־טאָג פֿלעגט ער מיט גרויסן ענטוזיאַזם דעקלאַמירן פּאַטריאָטישע לידער, על פּי רוב פֿאַר אַ גרעסערן עולם. ער האָט געקענט אויף אויסנווייניק גאַנצע פֿראַגמענטן פֿון קערנערס באַפֿרייאונגס־דראַמען, און אין די שפּילן מיט זיינע פֿרייַנד פֿלעגט ער האָבן די ראָליע פֿון דעם באַנדאַזשירטן העלד (אין קערנערס דראַמע), וועלכער פֿאַלט אין קאַמף פֿאַרן פֿאָטערלאַנד.

אונזער מוטער איז אַרום יענער צייט געווען שטאַרק באַזאָרגט וועגן זיין אידישער דערציאונג, וועגן גרויסן מאָמענט פֿון בר־מצוה. ווען זי האָט דערפֿילט אַז וויקטאָר דרייט זיך אַרויס פֿון שרייבן זיינע העברעאישע קאָמפּאָזיציעס, לאָדט זי איין אַ העברעאישן לערער פֿון נירוואַלן, וועלכער באַזוכט אונז אַ פּאָר מאָל אַ וואָך. וויקטאָר זאָגט זיך אָפּ צו האַלטן די „דרשה״, וואָס דער לערער האָט פֿאַר אים אָנגעשריבן. ער אימפּראָוויזירט, מיט דערפֿאָלג, אָן אייגענע רעדע. אַרום אַ האַלב יאָר פֿאַר זיין בר־מצוה באַמערקט די מוטער, אַז אַ בר־מצוה בחור וואָלט געדאַרפֿט דאַוונען. וויקטאָר איז מסכים און ווערט אַ „פֿרומער איד״; ער פֿאַרשפּעטיקט פֿון צייט צו צייט אין שול, ווייל ער האָט נאָך ניט געענדיקט לייגן תּפֿילין.

אין זיין שול לערנט מען ניט קיין לאַטיין. וויקטאָר געפֿינט צייט אויף צו נעמען פּריוואַטע לעקציעס. ער מאַכט פֿאָרטשריט אין זיינע לאַטיינישע שטודיען און ער גרייט זיך אַריינצוטרעטן אין דער רע־פֿאָרמיסטישער גימנאַזיע אין קעניגסבערג.

בשעת זיין וואַקאַציע אַרבעט וויקטאָר אויס אַ שיינעם בוי־פּלאַן. אויף אַ ליידיקן שטח ניט ווייט פֿון אונזער הויז שטייען פֿיר לינדן־בוימער אין דער פֿאָרעם פֿון אַ קוואַדראַט. וויקטאָר וויל דאָרטן, אין דער הויך, בויען אַ הויז. ער דערציילט וועגן זיין פּלאַן בלויז די נאָענטסטע פֿריינד. ווען עס פֿלעגט ווערן פֿינצטער פֿלעגן זיי דאָרטן פֿון ערגעץ ברענגען ברעטער. אַ קורצע צייט שפּעטער האָבן זיינע נאָענטסטע פֿריינד געהאַט אַ פּלאַץ, וואוהין צו אַנטלויפֿן פֿון דעם טאָג־טעגלעכן לעבן, איינע פֿון די שענסטע וואוינונגען, וואָס מיר האָבן געזען אין אונזער לעבן.

זייער שוועך איז אים געווען צו נעמען אָפּשייד פֿון שטאָלופּענען אין 1913. אין דער רעפֿאָרמיסטישער גימנאַזיע אין קעניגסבערג, צו וועלכער וויקטאָר האָט זיך צוגעגרייט, איז ניט געווען קיין פֿרייער פּלאַץ אין פֿאַסיקן קלאַס. ער איז אַריינגעטרעטן אין דער רעאַל־גימ־נאַזיע. עס האָבן אים געפֿעלט געוויסע קענטענישן, וועלכע זיינען נויטווענדיק פֿאַר די שטודיען אין דער רעאַל־גימנאַזיע. אין אַ קורצער צייט דעריאָגט ער די שול. נאָך דעם דאָזיקן דערפֿאָלג הויבט ער זיך אָן צופּאַסן צום סטודענטישן לעבנס־שטייגער. די פּעריאָדע צווישן זיין גראַדואירן פֿון דער מיטל־שול ביז זיין אַריינטרעטן אין אוניווער־זיטעט גייט פֿאַרביי זייער גיך. וויקטאָר איז אויסגעבונדן מיט אַלץ וואָס האָט אַ שייכות מיטן לעבנס־שטייגער פֿון די סטודענטן. ער באַ־שטעלט פּאָסטקאַרטן מיט אַ הערב, וועלכן ער צייכנט אַליין, אויף וועלכן עס שטייט אין לאַטיין דער לאָזונג: „ערע איז אונזער פֿאָן!" ער לערנט די קונסט פֿון פֿעכטן און ווערט איינער פֿון די בעסטע פֿעכטער. אויפֿן וואַנט פֿון זיין צימער הענגט אַ גרויסער גאָלדן־זילבערנער פּאַנצער, מיט שווערדן פֿון ביידע זייטן.

די מוטער זאָרגט אַז ער זאָל פֿאָרזעצן זיינע העברעאישע לימודים. באַראָן, אַ ברודער פֿון דער שריפֿטשטעלערין דבורה באַראָן, איז גע־ווען דער בעסטער, ליבסטער לערער וואָס מען קען זיך פֿאָרשטעלן. מיר האָבן אים אַלע ליב געקראָגן. ער האָט דער ערשטער אין חיימ'ן פֿאַרפֿלאַנצט די ליבע צו דער העברעאישער שפּראַך. איינמאָל האָבן שמריהו לעווין און אַלפֿרעד קליי עפּנטלעך גערעדט וועגן דעם שפּראַכן־קאַמף *. אונזער מוטער האָט איר זון גענומען צו דער פֿאַרזאַמלונג און זי האָט באַמערקט וואָס פֿאַר אַ טיפֿע איבערלעבעניש דאָס איז געווען פֿאַר חיימ'ן.

אין יולי 1914 מאַכט מען חיימ'ן אַן אָפּעראַציע אין נאָז. די עלטערן זעען ווי דאָס אינגל גייט צו דער אָפּעראַציע, ניט אַ פּינטל טוענדיק מיט אַן אויג. מען רופֿט אים מיט רעכט: אַ העלד.

אין שפּיטאָל ווערט וויקטאָר קראַנק אויף די נירן. ער איז אין שפּיטאָל ווען די מלחמה ברעכט אויס. ער ווייס ניט, אַז אין איינעם פֿון די ערשטע טעג נאָך דעם פּראָקלאַמירן פֿון דער מלחמה איז ביי אונז אין הויז דערשינען אַ פּאָליציאַנט און האָט אונז איבערגעגעבן

---

* דייטש אָדער העברעיש אין די שולן פֿונם „הילפֿס־פֿאַריין דויטשער יודען" אין ארץ ישראל.

אַ באַפֿעל צו פֿאַרלאָזן די פֿעסטונג־שטאָט אין משך פֿון 24 שעה. נאָר צוליב דעם צופֿאַל וואָס וויקטאָר איז געווען קראַנק זײַנען מיר געראַטעוועט געוואָרן פֿון אַרויסגעשיקט צו ווערן, ווי אַנדערע רוסישע בירגער, קיין רוסלאַנד. וויקטאָר ווייס נאָר, אַז זײַן פֿאָטערלאַנד איז אין געפֿאַר, און ער, דער פּופּצן־יאָריקער, בעט זײַנע עלטערן, אַז זיי זאָלן אים דערלויבן זיך אָנצושליסן אָן דער אַרמיי. די עלטערן זאָגן אים אָפּ די דערלויבעניש, און וויקטאָר דערקלערט, אַז ער וועט פֿאָלגן די דאָקטוירים נאָר מיטן תּנאַי אַז די עלטערן זאָלן אים העלפֿן אַרײַנטרעטן אין דער אַרמיי אַלס וואָלונטיר.

אַרום 8 טעג שפּעטער זײַנען מיר אַרײַנגעשטיגן אין אַ וואַגאָן וועלכער איז אָפּגעגאַנגען קיין לייפּציג. עס האָבן זיך געטראָגן קלאַנגען, אַז מען לאָזט קיין פֿרעמדע ניט אַרײַן קיין בערלין. ערשט אויף דער בערלינער סטאַנציע איז קלאָר געוואָרן, אַז עס איז ניט מער ווי אַ קלאַנג, און אונזערע עלטערן האָבן באַשלאָסן צו פֿאַרלאָזן דעם וואַגאָן נאָך אַ רייזע פֿון 36 שעה.

2

מיר באַזעצן זיך אין בערלין. די הויפּט־זאָרג פֿון די עלטערן איז אויך דאָרטן — די קינדער. מען דאַרף פֿאַר זיי ווידער זוכן פּאַסיקע שולן — באַזונדערס פֿאַר וויקטאָרן, וועמען עס זײַנען געבליבן בלויז נאָך עטלעכע יאָר ביזן פֿאַרענדיקן די גימנאַזיע, ביז ער וועט אַרײַן אין אוניווערזיטעט און וועט — ווי דער פֿאָטער האָט געפּלאַנעוועט — אָנהייבן שטודירן מעדיצין. עס האָט צוגעשפּילט דער מזל, און די עלטערן האָבן אין ווערנער סימענס׳ רעאַל־גימנאַזיע געפֿונען אַ שול, אין וועלכער וויקטאָר איז גאַנץ שנעל געוואָרן אַ בן־בית. דאָס איז, לויט די באַגריפֿן פֿון יענער צײַט, געווען אַ מאָדערנע שול, אין וועלכער עס איז די שילער געגעבן געוואָרן אַ גרויסע מאָס אויטאָנאָמיע און צווישן די לערער און תּלמידים האָט געהערשט אַ פֿרייע, פּערזענלעכע באַציִונג. די צווייטע זאָרג, וואָס איז געלעגן אויף אונזערע עלטערן איז געווען צו געפֿינען אין זייער נײַעם וואוין־פּלאַץ אַ נײַעם קוואַל פֿון פּרנסה. באַלד איז קלאָר געוואָרן, אַז דאָס איז פֿאַר נײַ־אָנגעקומענע אויסלענדער אַן אוממעגלעכקייט, און אַזוי ווי קיינער האָט דעמאָלט ניט געגלויבט, אַז די מלחמה וועט דויערן מער ווי אַ האַלב יאָר, האָט דער פֿאָטער סוף 1914 באַשלאָסן צו פֿאַרלאָזן די פֿאַמיליע און פֿאָרן קיין רוסלאַנד,

כדי ער זאָל פֿון דאָרטן, וואו ער וועט קענען זיך פֿאַרנעמען מיט זיינע געשעפֿטן, קענען שיקן דער פֿאַמיליע די נויטיקע לעבנס־מיטלען. מיר האָבן ניט געאַנט, אַז מיר געזעגענען זיך מיט אים צום לעצטן מאָל. תשעה באב 1918, איז דער פֿאָטער געשטאָרבן פֿון כאָליערע אין פעטראָגראַד, גראָד בעת ער האָט געהאַלטן ביים צוריקפֿאָרן צו אונז.

אַזוי איז אונזער מוטער געבליבן אַליין מיט אונז דריי, אַזוי ווי עס האָט אין דער פֿאַרגאַנגענהייט פּאַסירט גאַנץ אָפֿט, בעת דער פֿאָטער איז אין משך פֿון חדשים אָפּגעפֿאָרן אויף זיינע געשעפֿטס־רייזעס. אָבער איצט איז דאָס געווען אַ פּערמאַנענטער צושטאַנד. וואָס פֿאַר אַ גוטע, קלוגע דערציערין זי איז אונז געווען, האָבן מיר פֿאַרשטאַנען ערשט מיט יאָרן שפּעטער.

נאָך אין דעצעמבער 1914, אין דעם חודש וואָס דער פֿאָטער איז פֿון אונז אַוועקגעפֿאָרן, איז די מוטער געגאַנגען אין בערלינער „פּאַלעסטינע־אַמט" זוכן אַ גוטן העברעאישן לערער פֿאַר וויקטאָרן. דעם זעלבן חודש האָט וויקטאָר אָנגעהויבן לערנען העברעאיש מיט ישראל רייכערט. רייכערט איז געווען דער ערשטער ארץ ישראל איד וואָס איז אַריינגעקומען צו אונז אין שטוב, דער ערשטער פֿון וועמען וויקטאָר האָט געהערט וועגן דעם נייעם אידישן לעבן. וויק־טאָרס אינטערעס אין ארץ ישראל האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן, און איז גאָר שנעל פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ געוואַלטיקער התלהבות, אין אַן אינטענסיווער ליבע פֿאַרן אידישן פֿאָלק און זיין גורל. פֿון איצט אָן זיינען אַלע זיינע געדאַנקען, אַלע זיינע מעשים און אַספּיראַציעס געווידמעט דעם פֿאָלק. מיט אַ פֿיבערדיקן אימפּעט שטודירט וויקטאָר העברעאיש, אידישע געשיכטע, די געשיכטע פֿון ציוניזם. אַ יאָר נאָכדעם ווי וויקטאָר — אָדער חיים, ווי ער הויבט זיך אָן צו רופֿן — האָט דורכגעמאַכט זיין ערשטע העברעאישע לעקציע, פּירט ער שוין פּראָפּאַגאַנדע, אַז זיינע קליינע שוועסטער זאָלן אויך לערנען העברעיש. ער גרינדעט אַ ציוניסטישן קרייז אין זיין שול, וועלכער עס באַזוכן פֿיל אידישע תּלמידים. די בעסטע צווישן זיי באַטראַכטן דעם יונגן חיים אַלס זייער פּירער. איינער פֿון זיי, ראָבערט שטערנאַו, דערציילט:

„...האַרבסט 1916, אין מיטן פֿון דער מלחמה, אין דער בער־לינער גימנאַזיע, אין וועלכער מיר, פֿופֿצן־זעכצן יעריקע האָבן גע־לערנט. די מערסטע אידישע תּלמידים אין דער שול זיינען געקומען פֿון רייכע, מערב־אייראָפּעאישע היימען. מיט אונזער גאַנצער גרינט־

לעכער אַסימילאַציע און אונזער גאַנצן 'דייטשטום', האָט ביי פֿיל צווישן אונז, נאָך דער באַגייסטערונג פֿון די ערשטע מלחמה־יאָרן, אויפֿגעפֿלאַמט אַ ווידער־ווילן צו דער גרויסער פֿעלקער־הריגה. אונזער גייסטיקע דערוואַכונג איז געקומען צום אויסדרוק אין קעגנערשאַפֿט צו דער מלחמה, צו דער מלחמה־שטיצנדיקער בורזשואַזיע און צו יעדער נאַציאָנאַלער אידעע. עס האָט אונז אינגאַנצן געפֿעלט יעדער פּאָזיטיווער ציל.

„אין יענער צייט איז אין אונזער קרייז אַריינגעקומען אַ אידישער שילער, וואָס האָט געבראַכט אַ גאַנצע רעוואָלוציע אין אונזער לעבן. חיים אַרלאָזאָראָוו, אָדער — ווי ער האָט ביי אונז געהייסן אין דער ערשטער צייט, וויקטאָר — איז דעמאָלט געווען אַ זיבעצניעריקער. ער האָט באַזוכט דעם העכסטן קלאַס אין אונזער גימנאַזיע. מיט אונז, די שילער פֿון די נידעריקערע קלאַסן, פֿלעגט ער זיך באַגעגענען צוויי מאָל אַ וואָך, ביי דער „רעליגיאָנס־אונטערריכט”־שעה, אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט אַלע אידישע תּלמידים פֿון די העכערע קלאַסן.

„מען רעדט וועגן חיים אַרלאָזאָראָוו, ווי וועגן אַ זון פֿון מערב־אייראָפּעאישן אידנטום. מיר האָבן אים ניט באַטראַכט ווי איינעם פֿון אונז. מיר האָבן אין אים געזען דעם מזרח־אייראָפּעאישן אידן. דער רוסישער קלאַנג פֿון זיין פֿאַמיליע־נאָמען, זיין אויסזען, וועלכער איז, לויט אונזער איינדרוק געווען אַן אויסלענדישער און אַפֿילו זיין עטוואָס פֿרעמדע אויסשפּראַך — אַט די אַלע זאַכן האָבן געשאַפֿן אַ תּהום פֿון פֿרעמדקייט צווישן אונז.

„'רעליגיאָנס־אונטערריכט' איז געווען די איינציקע לערן־שעה אין וועלכער מיר, די אידישע תּלמידים, האָבן צווישן זיך אָפֿן גערעדט. בלויז אין די שעהן האָבן מיר, די אידישע תּלמידים געפֿילט — ניט געקוקט אויף אונזערע אויסערלעך אַקצענטירטע פֿאַרבינדונגען מיט אונזערע קריסטלעכע חברים — אַז מיר געפֿינען זיך צווישן זיך, און דער לערער האָט אַרויסגעוויזן פֿיל פֿאַרשטענדעניש פֿאַר אונזער באַגער אויסצובררייטערן ווי וויט מעגלעך די ראַם פֿון אונזער אידישער לערן־שעה. אַנשטאָט אַ פֿאָרמעלע לעקציע וועגן אידנטום זיינען די דאָזיקע שעהן פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין שמועסן וועגן אַלע פֿראַגן, וואָס האָבן אונז באַשעפֿטיקט: וועגן מלחמה, סאָציאַליזם, שאָוויניזם אאַז"וו. עס האָבן זיך פֿונאַנדערגעפֿלאַקערט שטורעמדיקע וויכּוחים — און אין אָט די וויכּוחים איז געשאַפֿן געוואָרן אַ ספּעציעלע נאָענטקייט

צווישן אונז און חיים אַרלאָזאָראָוו. גאָר שנעל איז דער פּירער פֿון די דאָזיקע וויכּוחים געווען ניט דער לערער, נאָר ער, דער זיבעצניעריקער גימנאַזיסט. ער האָט אונז געגעבן אַ נייע לעבנס־וויזיע. אַנשטאָט דער צו־איינפֿאַכער רעוואָלוציאָנערער נעגאַציע, האָט ער אונז געגעבן עפּעס פּאָזיטיווערס: ער האָט פֿאַר אונז אַנטפּלעקט דאָס אידישע לעבן, אונזער שייכות צו דער אידישער טראַדיציע און דעם ציוניזם — די אידישע אויפֿגאַבע פֿון אונזער צייט.

„אַ דאַנק אים האָט ביי אונז, זיינע יונגערע חברים, גענומען אַ סוף צו דער נעפּלדיקער בלאָנדזשעניש צווישן פּאַציפֿיזם, קאָסמאָ־פּאָליטיזם און אומקלאָרע חלומות וועגן דער סאָציאַלער איבערקע־רעניש. אין אָנהויב האָבן מיר קעגן זיין איינפֿלוס רעוואָלטירט. אין זיין אידישן נאַציאָנאַליזם האָבן מיר לכתחילה געזען בלויז אַ באַוועגונג וואָס וויל פֿאַרמערן די נאַציאָנאַלע גרענעצן אין אַ וועלט, וואָס ליידט אַזוי אויך פֿון דער נאַציאָנאַליסטישער פֿאַרבלענדעניש. אָבער עס האָט לאַנג ניט גענומען ביז ער האָט געפֿאַנגען אונזערע הערצער. זיין פּערזענלעכקייט האָט אונז פֿאַרכאַפּט: זיין שאַרפֿע לאָגיק, זיין פּער־זענלעכער צויבער, זיין ענִיוות פֿאַר די מיינונגען פֿון דעם קעגנער, די פֿאַרשטענדעניש וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן פֿאַר יעדער ערלעכער מיינונג — אָט די אַלע אייגנשאַפֿטן וואָס האָבן אים שפּעטער געמאַכט פֿאַרן פּירער פֿון דעם גאַנצן ציוניזם, זיינען שוין געווען בולט אין יענער צייט.

„אין יענער צייט האָט ער זיך באַפֿרייט פֿון דעם דייטשן נאָמען וויקטאָר און זיך אָנגעהויבן רופֿן חיים. מיר זיינען געווען פֿון אַכט ביז צען תּלמידים און חברים, וואָס האָבן זיך אַרום אים קאָנצענטרירט — אַ גאַנץ קליינער, באַגרענעצטער קרייז. חיים אַרלאָזאָראָוו איז פֿאַר אונז געווען אַ פּירער, אין וועמנס אויטאָריטעט מיר האָבן קיינמאָל ניט געצווייפֿלט. דער קרייז האָט זיך באַפֿעסטיקט אין זיין מוטערס הויז, וואו מיר פֿלעגן זיך צוזאַמענקומען יעדן טאָג. דאָרטן האָט אונז חיים אַרלאָזאָראָוו, וועלכער האָט אַליין ערשט אָנגעהויבן ערנסט שטודירן העברעאיש, געגעבן אונזערע ערשטע העברעאישע לעקציעס.

„בעת עס איז אין יאָר 1917 קיין דייטשלאַנד אָנגעקומען דאָס בוך ‚יזכּור‘ האָט מען מיט חיים אַרלאָזאָראָוו אין משך פֿון טעג ניט גע־קענט רעדן. דאָס בוך האָט אים אויפֿגערודערט ביז די טיפֿענישן פֿון דער נשמה. שפּעטער האָט ער, אַליין אַ טיף־אויפֿגעברויזטער, פֿאַר אונז אין משך פֿון לאַנגע שעהן געלייענט פֿון דעם בוך. דעמאָלט האָט

ער אין אונז אויפֿגעוועקט דעם ווילן נאָך פּערזענלעכער, אוממיטלבאַרער באַטייליקונג אינעם אויפֿבוי פֿון לאַנד.

„אין אונזער קרייז, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען 'תּקות ציון', האָט חיים אַרלאָזאָראָוו אָרגאַניזירט אַן אמת'ן שטודיר-סעמינאַר. איינ-מאָל אַ וואָך פֿלעגט איינער פֿון אונז, אונטער זיין השגחה, רעפֿערירן וועגן אַ אידישער טעמע. מיר האָבן זיך געשעמט צו ברענגען פֿאַר חיים אַרלאָזאָראָוון אַ ניט-פֿאַרענדיקטע אַרבעט. מיר פֿלעגן אַרבעטן פֿלייסיק, אין דער האָפֿענונג, אַז אונזער אַרבעט וועט אים געפֿעלן ווערן. די טעמעס פֿון אונזערע רעפֿעראַטן זיינען געווען: תּקופֿות אין דער אידישער געשיכטע, ארץ ישראל קענטעניש, די געשיכטע פֿון ישוב און אַלע פּראָבלעמען פֿון דעם ציוניזם — וועגן אָט די אַלע ענינים האָבן מיר דיסקוטירט מיט יוגנטלעכער באַגייסטערונג. די לייצעס פֿון דעם וויכּוח זיינען תּמיד געלעגן אין זיינע הענט און אַז מיר האָבן זיך פֿאַרפּלאָנטערט — זיינען מיר שטענדיק געווען זיכער, אַז חיים וועט אונז געפֿינען דעם אויסוועג.

„אָבער אונזערע באַגעגענישן און די נאָכמיטאָגן וואָס מיר האָבן פֿאַרבראַכט צוזאַמען זיינען ניט געווען אינגאַנצן געווידמעט בלויז אידישע ענינים. ער האָט אונז אויך באַקענט מיט די גרויסע שאַ-פֿונגען פֿון דער דייטשער ליטעראַטור: העלדערלין, רילקע, ליליענ-קראָן, דעהמעל. אַפֿילו געטהען האָט ער לעבעדיק געמאַכט פֿיל מער ווי אונזער שול. זיין אידישקייט און מענטשלעכקייט זיינען געווען אַן אָרגאַנישע איינהייט. זיין השפּעה אויף אונז האָט זיך טאַקע גענומען פֿון דער דאָזיקער פֿילזייטיקייט.

„איין מאָל האָב איך אים באַגעגנט אין גאַס. אַז אויפֿגערעגטער איז ער צו מיר צוגעגאַנגען און באַוויזן דאָס ביכל, וואָס ער האָט געהאַלטן אין האַנט —רילקעס 'ליד פֿון לעבן און טויט פֿון דעם קאָרנעט קריסטאָף רילקע'. ער האָט אָקאָרשט אַליין איבערגעלייענט דאָס בוך. ער האָט אָבער מיך גלייך גענומען אַהיים, כּדי עס צו לייענען פֿאַר מיר. אין הויז האָט ער, רייטנדיק אויף אַ שטול, פֿאַר מיר פֿאַר-געלייענט די מענלעך-צאַרטע פּאָעמע. ווען ער איז געקומען צו דער שטעלע, וואו דער יונגער אָפֿיציר לאָזט וויסן זיין מוטער, אַז ער איז געוואָרן דער פֿאָן-טרעגער פֿון זיין באַטאַליאָן, און רופֿט אויס מיט באַגייסטערונג: מוטער! איך טראָג די פֿאָן! — האָב איך געפֿילט, ווי אַרלאָזאָראָוו אַליין וואָלט געווען דער שטאָלצער פֿאָן-טרעגער.

דאָרא און עליזה אַרלאָזאָראָוו

”אַרלאָזאָראָווס פֿירערשאַפֿט האָט זיך אין יענער צייט ניט באַ־גרענעצט אויף אונזער ענגן קרייז. די שול, וועלכער מיר האָבן דע־מאָלט באַזוכט, האָט אים געגעבן פֿיל געלעגנהייטן פֿאַר פֿירער־שאַפֿט. אונזער גימנאַזיע איז געווען איינע פֿון די מאָדערנסטע שולן אין דייטשלאַנד. דער פּראָגרעסיוער לייטער האָט אין דער שול איינ־געפֿירט אַ ברייטע שילער־אויטאָנאָמיע. דער 'שילער־פּאַרלאַמענט' האָט פֿאַרהאַנדלט וועגן פֿיל ענינים וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות מיט די תלמידים. און אָט אין דעם 'שילער־פּאַרלאַמענט' איז אַרלאָזאָראָוו אַ לאַנגע צייט געווען דער פֿאָרזיצער און וועג־ווייזער. ביי די קריסט־לעכע שילער איז אַזוי גרויס געווען דער צוטרוי און די פֿאַרערונג פֿאַר חיים אַרלאָזאָראָוו, אַז זיי האָבן דעם אַמט איבערגעגעבן דעם פֿרעמדן אידן (ער איז געווען אַ רוסישער אונטערטאַן). דאָ אין דעם מיניאַטור־פּאַרלאַמענט, וואו עס האָבן געברויזט דיסקוסיעס און קאָ־מיסיעס, ווי אין דער גרויסער פּאָליטישער וועלט, האָט חיים געשטעלט זיינע ערשטע פּאַרלאַמענטאַרישע טריט. דאָ האָט ער אָנגעהויבן אַרויס־ווייזן פֿעאיקייטן צו יענער צוזאַמענאַרבעט מיט ניט־אידן, מיט וועלכער ער האָט זיך שפּעטער אַזוי אויסגעצייכנט.

„אָבער איבער אַלעמען איז געשטאַנען זיין איבערגעבנקייט צו די אידישע ענינים. בעת ער איז, אין פֿרילינג 1917, אַריינגעטראָטן אין אוניווערזיטעט איז זיין גרעסטע זאָרג געווען, אַז אין אונזער גימ־נאַזיע זאָל, צוזאַמען מיט אים, ניט פֿאַרשווינדן די ציוניסטישע התלהבות וואָס ער האָט דאָרטן איינגעפֿלאַנצט. יעדן איינעם פֿון אונז, וואָס איז פֿאַרבליבן אין דער גימנאַזיע האָט ער געגעבן אַ באַזונדערע אויפֿ־גאַבע אין דער אַרבעט פֿון 'ציוניזירן' די אינגערע שילער.

„1916 און 1917 זיינען געווען די ערשטע פֿירער־יאָרן אין לעבן פֿון חיים אַרלאָזאָראָוו. גלייך נאָכן פֿאַרלאָזן די שול האָט ער זיך געשטעלט גרעסערע אויפֿגאַבן. אָבער די דאָזיקע יוגנט־תקופֿה איז דער ערשטער רינג אין דער קייט פֿון זיין פּאָליטישער אַנטוויקלונג“.

יעקב פיכמאַן

פרילינגס־טעג

מיט דרייצן יאָר צוריק, ווען אַ סך זאַמד־שטרעקעס האָבן זיך נאָך געצויגן אַרום תּל־אָביב, און צווישן איין אימיגראַנטן־שיף און אַ צווייטער איז אַ לאַנגע שטילקייט געהאַנגען איבער דער יונגער שטאָט — האָט מען גרינג געקענט דערקענען יעדן נייעם עולה. ווען ער איז געקומען, אַ הויכער, דאַרער, בלאַסער בחור, אָבער אַ גלייכער און אַ פֿעסט־שפּרייזנדיקער, מיט אויגן וועלכע האָבן דורכדרינגנדיק גע־קוקט דורך די ברילן־גלעזער, ווי דורך בלאַנקנדיקע שויבן, האָבן מיר אים גלייך באַמערקט. עס האָט זיך איינגעקריצט אין זכּרון די אַביסל אויסטערלישע געשטאַלט פֿון אַ בן־תּורה און אַ תּלמיד חכם, אָבער מיט עפּעס אַ נייעם צוגאָב, מיט עפּעס וואָס איז אויסערגעווייגלעך און ניט אידיש. אַפֿילו זיין שוואַרצער מאַנטל, מיט די פֿלאַטערדיקע עקן, האָט אויסגעזען אויסטערליש — ער האָט דערמאָנט אַ ישיבה־בחור, וועלכער איז אָקאָרשט אַרויס פֿון ישיבה, וועמענס אויגן עס געוואוינען זיך ביסלעכווייז צו צו דער וואָכעדיקער אַטמאָספֿערע. ווען מען האָט אים געזען שפּרייזנדיק אָן אַ היטל און מיט ברייטע טריט איבער די גאַסן פֿון תּל־אָביב, האָט זיך געדוכט, אַז ער מאַרשירט דירעקט און האַפֿערדיק צו אַן אומבאַקאַנטן, ווייטן ציל.

עס איז מעגלעך, אַז מיר זעען אים אַזוי רעטראָספּעקטיוו. ס׳איז אָבער קלאָר, אַז מען האָט שוין דעמאָלט אָנגעהויבן מערקן דעם דאָזיקן יונגן בחור, וועלכער האָט פֿאַרקערט אין אַ קרייז וואָס האָט געבענקט נאָך דעם „מענטשן פֿון מאָרגן”, אויף וועמען אַלע האָבן אַרויסגעקוקט מיט דערוואַרטונג. מיר האָבן אין אונזער באַוועגונג געהאַט אַ סך טאַלאַנטפֿולע מענטשן, אָבער מיר האָבן געוואָלט זען פֿרייערע מענטשן, מענטשן מיט אַ גלייכערן גאַנג — מענטשן וועלכע זאָלן געבן אַ נייעם ריטם אונזערע ענערגיעס, וועלכע זיינען ווי וואַסער

וואָס לויפֿט אין אַלע ריכטונגען. דער יונגער מענטש, וועלכער האָט געמאַכט דעם איינדרוק פֿון אַביסל אַן אָפּגעקילטן, וועלכער איז אויס־געוואַקסן אין אַ טראַדיציעלאַזער אַטמאָספֿערע—האָט אין זיך געטראָגן אַ נייעם פּאַטאָס און אַ נייע נאַאיוויטעט; אַ גלויבן אינם מענטשן, וועלכער האָט נאָך אין זיך די מעגלעכקייט פֿון אַ נשמה־תּיקון. ער איז ניט געווען באַלאַסט מיט דער אידישער חכמה־זאַגעריי, מיטן דעמאָנסטראַטיוון ראַדיקאַליזם, מיט דער געטאָ־טענדענץ זיך צו שפּאַרן. זיין חריפֿות איז געווען סינטעטיש — אַ געלונגענער סינטעז פֿון לערע און טאַט — אַ באַגאַבונג, וועלכע מיר באַגעגענען ביי אונז ניט זייער אָפֿט. ער האָט באַזיצט יענע טייערע אינטעלעקטועלע „טרוקנקייט״ — אויך אַ זייער זעל־טענע דערשיינונג ביי אונז — הינטער וועלכער מען קען פֿאַרנעמען די פֿאַרבאָרגענע, אומפֿאַרגענגלעכע מוזיק פֿון האַרצן.

* *
*

דאָס אַנציענדיקסטע אין אים איז געווען דער יוגנטלעכער צויבער און דער רייפֿער הומאָר. ער איז געווען פֿרי־דערוואַקסן, צו ערנסט פֿאַר זיין עלטער, אָבער עס האָט אין אים געבליט אַ סך יוגנטלעכקייט. אַ תּלמיד־חכם — איז ער אָבער ניט געווען קיין קנעכט פֿון דער וויסנשאַפֿט. איך געדענק ווי ער איז באַגייסטערט געוואָרן, ווען עס איז אין דעם זשורנאַל „מעברות״ דערשינען אַ קורצער עסיי וועגן דעם דייטשן דיכטער העלדערלין, צוזאַמען מיט איבערזעצונגען פֿון זיינע אויס־געוויילטע לידער. עס האָט מיך געפֿרייט צו געווינען נאָך אַ פֿאַרערער פֿאַר דעם דיכטער פֿון לויטערן וואָרט — אַ זאַך וואָס איך האָב כּלל ניט דערוואַרט. דעמאָלט האָב איך פֿאַרשטאַנען, אַז צווישן אונז געפֿינט זיך אַ מענטש פֿון אַ נייעם טיפּ — אַ מענטש, פֿאַר וועמען „הלכה״ און „אַגדה״ זיינען צוויי עלעמענטן פֿון גלייכן ווערט לגבי דער פֿולקייט פֿון לעבן, לגבי דער הייליקייט פֿון לעבן.

נאָך אַ קורצער צייט האָבן מיר שוין געוואוסט, אַז אויף זיין ביכער־פּאָליצע קען מען געפֿינען סטעפֿאַן געאָרגעס לעצטן באַנד לידער ביי דער זייט פֿון לעצטן, וויכטיקן וויסנשאַפֿטלעכן בוך. סטעפֿאַן געאָרגע, דער שטרענגער דייטשער דיכטער, וועלכער האָט אויף פּאָעזיע געקוקט ווי אויף אַ פֿונדאַמענט און אָנשפּאַר פֿאַר דער נאַציאָנאַלער קולטור, איז געווען זיין באַליבטער דיכטער, וועמנס פּערזון ער האָט געקענט אויף אויסנווייניק. און כאָטש ער איז אַ דאַנק זיין גאַנצער דערציאונג

פֿרילינגס-טעג

ניט געווען פֿעאיק שלמותדיק אָפּצושאַצן דאָס העברעאישע שאַפֿן, איז ער מיר דאָך געוואָרן טייער צוליב זיין אַלגעמיינעם צוגאַנג צו דער ליטעראַטור. וויפֿל פֿירער אונזערע קענען זיך באַרימען מיט אַזאַ פֿאַרשטענדעניש פֿאַר אונזערע אמת'ע קולטור־ווערטן?

עס איז געווען אוממעגלעך ניט צו פֿילן אין זיין קעגנוואַרט, אַז ער האָט אַ גרויסע צוקונפֿט. ער האָט פֿאַרמאָגט אַ שאַרפֿע, פֿלינקע, טרעפֿנדיקע תּפֿיסה, אַן אומפֿאַרגלייכלעכע אָריענטאַציע, אַ וואונדערבאַרע ערודיציע. איך געדענק ווי איך האָב אים איינגעלאַדן צו שרייבן פֿאַרן „מעברות״ אַן אַרטיקל וועגן פּעטער קראָפּאָטקין, וועלכער איז געווען גייסטיק זייער נאָענט מיר אַליין און אויך דעם אָרגאַן פֿון „הפּועל הצעיר״, וועלכן איך האָב רעדאַגירט. איך בין דערשטוינט געוואָרן ווען איך האָב עטלעכע טעג שפּעטער איבערגעלייענט זיין אַרבעט, וועלכע האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַן אומפּאַסנדער קענטעניש פֿון דער טעמע און איז געווען געשריבן אין אַ געבענטשטן „פּראָזאַאישן״ סטיל, אין וועלכן עס איז געקומען צום אויסדרוק דעם מחבר'ס אויסערגעוויינלעכע גייסטיקע רייפֿקייט. ווער אַפֿילו פֿון די באַגאַבטסטע צווישן אונז איז פֿעאיק צו אַזאַ פּשטות, אַזאַ אינהאַלטס־ילער זאַכלעכקייט אין עלטער פֿון איין און צוואַנציק יאָר?

* *
*

די דאָזיקע אינטעלעקטועלע דורכזיכטיקייט, צוזאַמען מיט אַ פֿאַרבאַהאַלטענעם, איינגעהאַלטענעם אידעאַליזם האָט אים באַלד דערהויבן איבער זיין סביבה. די אַטמאָספֿערע, אין וועלכער אַרלאָזאָראָוו איז אויפֿגעוואַקסן איז געווען באַהויכט מיטן גייסט פֿון אַ געזעלשאַפֿטלעכן און קינסטלערישן רענעסאַנס. זי איז געווען דורכגעדרונגען מיט אַ נייער צאַרטקייט, מיט אַ ווילן אַראָפּצונעמען דעם יאָך פֿון דעם כמורנע־דאָגמאַטישן סבל הירושה אין דעם סאָציאַליזם. דער יונגער אַרלאָזאָראָוו, וועלכער האָט אין זיך איינגעזאַפּט די לערע פֿון גוסטאַוו לאַנדאַוער, פֿון דעם דאָזיקע נאָבעלן מענטשן, האָט פֿיינט געהאַט דעם דאָגמאַטיזם, דעם ביוראָקראַטישן אופֿן פֿון דענקען, אַפֿילו ווען ער איז פֿון רעוואָלוציאָנערן „אָפּשטאַם״; ער האָט פֿיינט געהאַט יעדע פֿאַרשקלאַפֿונג, יעדע גייסטיקע פֿאַרגליווערטקייט, ניט ווייניקער ווי ער האָט פֿיינט געהאַט יעדע פֿאַרנעפּלטע, אילוזאָרישע ראָמאַנטיק.

ער האָט פון דרויסן, פון דער פרעמדער וועלט, געבראַכט גרונט־שטיינער פאַרן פּראָגראַמאַטישן יסוד פון „הפועל הצעיר". ער האָט פאָרטגעזעצט דאָס ווערק פון א. ד. גאָרדאָן, וועלכער האָט אים אויפ־גענומען מיט פרייד, אין אים דערזעענדיק אַ דערציערישן כּוח, וועלכער דאַרף די אַרבעטער־אידעאָלאָגיע באַפרייען פון דער פאַרהאַרטעווע־טער קאָרע פון פרעמדע קאָנצעפּציעס. ווען ער האָט באַהאַנדלט, אין זיין עסיי וועגן פּעטער קראָפּאָטקין, די אויפפאַסונג פון דעם רוסישן אַנאַרכיסט, וועלכער האָט, אין קעגנזאַץ צו מאַרקס און דאַרווין — וואָס האָבן באַטראַכט דעם „קאַמף פאַרן לעבן" און דעם קלאַסן־קאַמף אַלס די טרייב־קרעפטן פון דער סאָציאַלער אַנטוויקלונג — אַוועקגע־שטעלט דעם געזעץ פון קעגנזייטיקער הילף אַלס דעם יסוד פון אמתן פּראָגרעס — האָט ער, אייגנטלעך, דערמיט אויסגעדריקט זיין איי־גענעם גלויבן און געפיל: אויב מען קען די גאולה ניט דערגרייכן מיטן כּוח פון ליבע, קען זי אַוודאי ניט דערגרייכט ווערן מיטן כּוח פון שנאה.

אין די ווייטערדיקע יאָרן האָט אַרלאָזאָראָוו, אָן צווייפל, צוגעגעבן נייע שטריכן צו זיין וועלט־אויפפאַסונג: ער איז געוואָרן מער פּאָזיטיוו (אין סאָציאַליסטישן זין); ער איז געצוואונגענערהייט געוואָרן ניכ־טערער, פאַרזיכטיקער, פּראַקטישער. אָבער פון אַלע זיינע מעשים און אויפטרעטונגען האָט אַרויסגעלויכטן דער יונגער בחור, וועלכן איך האָב געקענט אין 1920, ווען ער איז ערשט אַרויס פון דער שול פון משה העס און גוסטאַוו לאַנדאַוער, פון די דענקער, וואָס האָבן זייער סאָציאַליזם טיף פאַרבונדן מיט דער וויזיע פון פאָלק און מענטש.

* *
*

זיין שנעלער געזעלשאַפטלעכער אויפשטייג האָט אַרויסגערופן באַוואונדערונג. עס איז צווישן אונז ניט געווען קיין איינער, וועמען עס האָט ניט געפרייט דאָס דאָזיקע גלענצנדיקע וואַקסן, דער דאָזיקער מענטשלעכער סינטעז, וועלכער האָט זיך אַזוי געראָטן איינגעגעבן, וועלכער האָט אַזוי פיל צוגעזאָגט. ער האָט יעדע שוועריקייט אויפ־געהויבן מיט אַ צויבער־האַנט, האָט געוואונען נצחונות אָן אָן אָנ־געשטרענגטן אָטעם, האָט געשפּרונגען איבער שטרויכלונגען, קיין זאַך האָט ניט געקענט אָפּשטעלן זיין גאַנג. אין זיין באַפרייטער פער־זענלעכקייט איז ניט געווען קיין שפּור פון יענער מיאוס׳ער „גבאות",

פֿרילינגס-טעג

וואָס מיר געפֿינען אין אַזאַ גרויסער מאָס, צום באַדויערן, אַפֿילו אין אונזערע בעסטע פֿירער פֿון אַלטן שניט. אַז ער פֿלעגט שטיין אויף דער נאַציאָנאַלער טריבונע פֿלעגט פֿון זיך אַליין ברייטער ווערן דער אינטעלעקטועלער שטח אַרום אים. עס פֿלעגט פֿאַרשווינדן יעדער שאָטן פֿון קליינלעכער פאַרטייאישקייט, פֿון פערזענלעכער קליינקעפיקייט. אין דעם פֿאַרנעם פֿון זיין דענקען איז געלעגן זיין געוויסן און אמת.

* *
*

די לעצטע יאָרן זיינען אונזערע באַגעגענישן געווען צופֿעליקע. מיר פֿלעגן בענקען נאָך יענע צייטן ווען מיר האָבן די אָוונטן פֿאַרבראַכט שפּאַצירנדיק אין שאָטן פֿון די שטערן אויף נחלת בנימין, אין שמועסן וועגן פּאָעזיע און ליטעראַטור, און פֿלעגן איינער דעם אַנדערן צוזאָגן, אַז מיר וועלן נאָך אינגיכן האָבן אַ געלעגנהייט ווידער זיך צו באַגעגענען און באַנייען די גוטע יוגנט־יאָרן.

מיר וועלן ניט פֿאַרגעסן די דאָזיקע מענטשלעכע שיינקייט, וועלכע אַ נידערטרעכטיקע האַנט האָט פֿון אונז אַוועקגעריסן; דעם דאָזיקן פּראַכטפֿולן לעבן, פֿון וועלכע דער טויט האָט צוגענומען אַ סך מער ווי די לעבעדיקע האָבן פֿון אים גענאָסן.

י. לופּבאַן

די לעצטע צוויי יאָר

נאָך דעם זיבעצנטן ציוניסטישן קאָנגרעס האָט זיך אָנגעהויבן דער לעצטער, גלענצנדיקסטער, אָבער אויך דער קורצסטער פּעריאָד אין אַרלאָזאָראָווס לעבן. אויפֿן וועג פֿון באַזעל קיין ארץ ישראל באַטייליקט ער זיך אין קאָנגרעס פֿון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, און ער רעפֿערירט אין אַ קאָמיסיע וועגן דער קאָלאָניזאַציע־פּראָבלעם. באַלד ביי זיין אָנקומען קיין ארץ ישראל ווערט ער באַגעגנט מיט דעם לאָזונג פֿון דעם אָפּאָזיציע־כאָר: „נאָר ניט אַרלאָזאָראָוו!". ער טרעט אַריין אין אַמט נאָך אונטער טשענסעלאָרס ממשלה און איז זוכה צו טרינקן פֿון טשענסעלאָרס לעצטן „ביטערן בעכער": די דריי הונדערט סערטיפֿיקאַטן. גלייך ביי זיין ערשטער באַגעגעניש מיטן נייעם הויך־קאָמיסאַר ווערט צווישן זיי געשאַפֿן אַ באַציאונג פֿון פּערזענלעכער פֿריינדשאַפֿט. אַרלאָזאָראָווס גייסטיקע פּערזענלעכקייט, וועלכע האָט געצויגן איר יניקה פֿון דריי קולטורן — די העברעאישע, דייטשע און ענגלישע — וואָס זיינען אין אים געוואָרן איינס, האָט געררייצט און פֿאַרצויבערט סער אַרטור וואוקאָפּן. די דאָזיקע פֿריינדשאַפֿט איז מיט דער צייט טיפֿער געוואָרן: זיי האָבן זיך פֿאַרהאַלטן ווי אַ גלייכער צו אַ גלייכן, כאָטש זיי פֿלעגן זיך אָפֿט צוזאַמענשטויסן אין זייערע אָפֿיציעלע ראָליעס. די דאָזיקע פֿריינדשאַפֿט האָט פֿאַר אַרלאָזאָראָוון אויך געעפֿנט וויכטיקע פּאָליטישע שאַנסן. ער האָט אין זיין אַמט אַריינגעלייגט זיין גאַנצע ענערגיע און טאַלאַנט. ער האָט סוף כּל סוף געקראָגן די געלעגנהייט צו שטעלן צום עקזאַמען פֿון דער טאָג־טעגלעכער ווירקלעכקייט די פּאָליטישע ריכטליניען, די אַנאַליזן פֿון דער פּאָליטישער סיטואַציע און די רעפֿאָרם־פֿאָרשלאַגן, וועלכע ער האָט פֿריער אָנגעצייכנט פֿאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג בכלל און פֿאַר דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג בפֿרט. אַלס

זיין ערשטע אויפֿגאַבע האָט ער באַטראַכט די אָנשטרענגונגען צו צעברעכן אָדער איבערצוקלעטערן די „גלעזערנע וואַנט" וואָס דער־לאָזט ניט די בריטיש־אידישע פֿאַרשטענדיקונג, צו דערציען ציוניס־טיש די בריטישע אַדמיניסטראַציע אין ארץ ישראל אַזוי, אַז זי זאָל האָבן אַן אמת׳ערע אָפּשאַצונג פֿון אונזער אַרבעט. ער האָט, פֿאַרשטייט זיך, ניט דערוואַרט, אַז דאָס זאָל געשען מיט איין מאָך פֿון דער האַנט. עס איז אים געווען קלאָר, וואָס פֿאַר אַ שווערע מניעות עס שטייען אין וועג, איבער וואָס פֿאַר אַ טראַדיציעס און האַרטער רוטין מען דאַרף זיך מתגבר זיין. ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס קען געטאָן ווערן נאָר מיט פּאַמעלעכדיקע און געמאָסטענע טריט. ער האָט די אַרבעט אָנגעהויבן סיסטעמאַטיש און מיט התמדה, און האָט זיך אָנגעשטויסן אויף שטרויכלונגען און שטערונגען, וועלכע זיינען אַפֿילו פֿאַר אים אַליין געווען אומדערוואַרטעט.

ער האָט געפּרוּווט פֿאַרריכטן דעם חסרון, וועלכן ער האָט תּמיד קריטיקירט: דאָס פֿעלן פֿון באַציאונגען מיט דער בריטישער באַ־אַמטנשאַפֿט, אויסער דעם אָפֿיציעלן קאָנטאַקט. זיין הויז איז געוואָרן אַ צענטער. כּמעט יעדע וואָך זיינען דאָרט פֿאָרגעקומען געזעלשאַפֿטס־אָונטן מיט דער באַטייליקונג פֿון די הויכע רעגירונגס־באַאַמטע און דעם ירושלים׳ער דיפּלאָמאַטישן קאָרפּוס. ער האָט זיך אַזוי גוט אַריינגעפּאַסט אין זיין נייער ראָליע, אַז עס האָט זיך געדוכט, אַז ער איז מיט איר געבוירן געוואָרן. עס האָט זיך ניט געפֿילט קיין גע־קינסטלקייט אין זיין קאָרעקטן אָונט־אַנצוג, ממש ווי עס איז ניט געווען געקינסטלט, ווען ער האָט אָנגעטאָן זיין הוט צו בענטשן די חנוכּה־ליכט אין זיין מוטערס הויז אין בערלין. ער פֿלעגט זאָגן, אַז די „רעס־פּובליקאַ" פֿאָדערט עס, און מען מוז זיך צופּאַסן. זיינע באַציאונגען מיטן הויך־קאָמיסאַר האָבן אים געמאַכט פּאָפּולער צווישן די באַאַמטע. אַלע האָבן זיך מיט אים געוואָלט באַגעגענען. די וואָס זיינען געווען באַקאַנט מיט אים פֿלעגן אים באַזוכן ניט נאָר ווייל עס איז געווען אַן אָפֿיציעלע פֿליכט דאָס צו טאָן, נאָר אויס אינטערעס אין זיין געזעלשאַפֿט, כּדי צו פֿירן אַ שמועס מיט אים. זיי האָבן פֿאַר זיך געזען אַ מאַן, פֿון וועמען זיי האָבן עפּעס געקענט לערנען, פֿון וועמען מען האָט געקענט הערן אַ טרעפֿנדיקע, ליכט־וואַרפֿנדיקע באַ־מערקונג אויף וועגן ענינים, וואָס האָבן אוממיטלבאַר צו טאָן מיט זייערע אייגענע אויפֿגאַבן און אינטערעסן, וועגן בריטישע פּאָליטישע פּראָבלעמען, קאָלאָניזאַציע, עקאָנאָמיק און אַזוי ווייטער. זיינע שמועסן

זיינען שטענדיק געווען גלענצנדיק און לאַקאָניש. אין זיין גייסטיקן זאַפּאַס האָבן זיך געפֿונען אַזעלכע שיינע און גלענצנדע „כלים“, אַז זיי פֿלעגן אַרויסרופֿן באַוואונדערונג אַפֿילו ביי די אינטעליגענטסטע פֿון די באַאַמטע. ער איז געווען אַ בקי אין דער גאַנצער ענגלישער ליטעראַטור, אין אירע אַלע אוצרות פֿון געדאַנק און דיכטונג. שעה'ן פֿלעגן זיך ציען די דאַזיקע שמועסן, ביז זיי פֿלעגן אַרויסוואַקסן פֿון דער פֿאַרגליווערטער פֿאָרמאַליטעט, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אָפֿיציעלע באַציאונגען. ער האָט אָבער שטענדיק די דאָזיקע באַגעגענישן אויסגענוצט פֿאַר זיין צוועק, כדי אויפֿצוקלערן די ציוניס־טישע אינטערעסן און דאָס אידישע ווערק אין ארץ ישראל. און נאָך אַזאַ צוזאַמענקום פֿלעגט אַוועקגעוואָרפֿן ווערן דער פֿראַק מיטן גאַנצן אָפֿיציעלן „מונדיר“ און ער פֿלעגט זיך זעצן צום טיש, איבער די פֿאַרטפֿעלן און מעמאָראַנדומס, ביז שפּעט אין דער נאַכט.

טאָג־טעגלעך, פֿון שעה צו שעה, וואַקסן די זאָרגן, ווערן אינ־טענסיווער די געראַנגלען און קאַמפֿן. „קליינינקייטן“ פֿאָדערן אָפֿטמאָל ניט ווייניקער ערנסטע און פֿאַרזיכטיקע אויפֿמערקזאַמקייט ווי די גרוי־סע ענינים. יעדע רגע קען ערגעץ אויסברעכן אַ געפֿאַר — מען דאַרף יעדע רגע גרייט זיין זיך אַנטקעגנצושטעלן. מען דאַרף, קודם כל, פֿאַרמיידן נייע שטרויכלונגען, מבטל מאַכן נייע גזרות. ער פֿלעגט זאָגן, אַז ער איז געצוואונגען צו פֿירן אַ „שוצגרוב־קאַמף“, אין וועלכן מען קען קיין פֿאַרטשריט ניט באַמערקן, די טראַנשייען דינען אָבער אַלס אַ שוץ קעגן אַ צוריקשטויס און קעגן סורפּריזן. פֿונדעסטוועגן איז אויך געמאַכט געוואָרן אַ ביסל פֿאָרטשריט, עס איז פֿאַרגעקומען אַן ענדערונג אין די באַציאונגען, עס איז אַ ביסל לויזער געוואָרן די פּאָליטישע געשפּאַנטקייט. דער ישוב און דער ציוניזם האָבן אָנ־געהויבן צו אָטעמען, ניט זייער פֿריי, אָבער דאָך געאָטעמט. אַרלאָ־זאָראָוו ברעכט דורך אַ וועג פֿאַר אַ באַנייטער עליה, דערווייל ניט קיין צופֿרידנשטעלנדיקע אין פֿאַרנעם, אָבער דאָך אַן אימיגראַציע פֿון צענדליקער טויזנטער. ביסלעכווייז הויבן אַרלאָזאָראָוס קעגנער אָן צוצוגעבן, אַז ער איז דער ריכטיקער מאַן אויפֿן ריכטיקן פּלאַץ. ער אַנטוואָפֿנט זיינע קעגנער מיט זיינע טאַטן, אַזוי ווי ער פֿלעגט זיי פֿריער אַנטוואָפֿענען מיט זיינע רעדעס פֿון דער טריבונע. ער איז תמיד מאָביליזירט, תמיד אויף דער וואַך; ער קעמפֿט ענערגיש, שטאָלץ, דורכגעדרונגען מיטן באַוואוסטזיין פֿון זיין אייגענער ערע, און דער ערע פֿון דער זאַך, וועלכער ער רעפּרעזענטירט. ער פֿאַרמיידט

מפלות, ער ברעכט דורך אַ וועג פֿאַר קעגנזייטיקער פֿאַרשטענדיקונג און נייע פּאָליטישע זיגן אין דער צוקונפֿט. ער רעפֿערירט אין פּלע־נום פֿון דער צווייטער סעסיע פֿון דער „אספֿת הנבחרים" און אין דער געשלאָסענער פּאָליטישער קאָמיסיע, און שטעלט די אָפּאָזיציע. דאָס זעלבע קומט אויך פֿאָר אויף דער זיצונג פֿונם „אַקציאָנס־קאָמיטעט" מיט אַ פּאָר חדשים שפּעטער; די צוגעגרייטע אַטאַקע קעגן אים פֿאַרשווינדט ווי מען וואָלט זי פֿאַרטריבן מיט אַ צויבער־שטעקעלע. אַלע זיינען זיך מודה, אַז ער האָט טאַקע עפּעס אויפֿגעטאָן, אַז ער שפּילט זיין ראָליע ווי עס באַדאַרף צו זיין.

ער אַרבעט אומאויפֿהערלעך, טאָג און נאַכט. צייטנווייז פֿאַרברענגט ער זיינע נאַכט־שטונדן אין אַן אויטאָמאָביל צווישן תּל־אָביב און ירושלים. אינעווייניק, אין דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע, וויל עמע־צער אים דיסקרעדיטירן. אויך אויסער דער עקזעקוטיווע וואַקסט די קנאה צו זיין דערפֿאָלג. אָבער דאָס שרעקט אים ניט איבער. פֿאַר־קערט, דאָס שטאַרקט אים און גיט אים אויטאָריטעט אין זיין אַרבעט. ער ראַנגלט זיך מיט אַלע שטערונגען. ער פּרוּווט דעראָבערן און פֿאַרניכטן נאָך אַ צושיידנדיקע וואַנט: די וואַסער־וואַנט פֿון ירדן. מיט גרויס פֿאַרזיכטיקייט און טאַקט און מיט אַ ווייטזעענדיקן פּאָליטישן בליק מאַכט ער קליינע דורכברוכן אין דער דאָזיקער וואַנט, גרייט צו דעם באָדן, שאַפֿט פֿאַרבאַדינגונגען. די פֿינאַנציעלע לאַגע פֿון דער עקזעקוטיווע ווערט אַלץ דריקנדיקער און שווערער, און דערלאָזט ניט קיין באַלדיקע, ממשות׳דיקע אַרבעט. דאָס גיט אים אויך ניט די מעגלעכקייט צו טאָן וואָס ער וואָלט געוואָלט, אויף דעם וואָס ער האָט באַטראַכט אַלס איינעם פֿון אונזערע הויפּט־פֿראָנטן, דעם אַראַבישן פֿראָנט.

פֿונדעסטוועגן פֿאַרנאַכלעסיקט ער ניט אַפֿילו אויף קיין איין מינוט אויך דעם דאָזיקן אַרבעטס־געביט. דער דאָזיקער קאַפּיטל אַרבעט איז פֿאַר דער אויסערלעכער וועלט דערווייל געבליבן מער פֿאַרבאָרגן ווי באַקאַנט. אַ פֿריינד האָט געזאָגט אין זיין רעדע אין ביורא פֿון דער אידישער אַגענטור: „ווען מען וועט אַמאָל פֿאַרעפֿנט־לעכן די ליטעראַטור, וועלכע איז איצט פֿאַרשלאָסן אין די אַרכיוון פֿון דעם דאָזיקן הויז (די פֿאַרוואַלטונג פֿון דער אידישער אַגענטור), וועלכע מען דאַרף אויפֿזוכן אין אַ צאָל פֿאַרטפֿעלן, נאָטיצן, בריוו, מעמאָראַנדומס און גרויסע אַרבעטן, וועט די גאַנצע אידישע וועלט, די גאַנצע ציוניסטישע וועלט וויסן, וועלן פֿיינט און אפֿשר אויך

די מערדער, וויסן וויאַזוי אַרלאָזאָראָוו איז געשטאַנען אויפֿן פּאָסטן, אויף וועלכן דאָס אידישע פֿאָלק האָט אים אָוועקגעשטעלט, ווי אַזוי ער האָט פֿאַרדינט דעם צוטרוי, וואָס מען האָט אים געשאָנקן, ווי ער האָט באַקרוינט מיט אַן אָרעאָל פֿון העראָאיזם זיין אַמט און דעם שטול, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט אַ ליידיקן נאָך זיך".

די פֿאַרטיי און די גאַנצע אַרבעטער־באַוועגונג האָט געוואוסט, וואָס פֿאַר אַ נאָבעלן און לאָיאַלן רעפּרעזענטאַנט זי האָט אויפֿן פֿאַר־אַנטוואָרטלעכן פּאָסטן אין ציוניזם. ירושלים איז געוואָרן דער צענטער פֿון פּאָליטישער אַקטיוויטעט, סיי צוליב דעם, וואָס דער הויך־קאָמיסאַר האָט געקראָגן אַ ברייטערע אויטאָריטעט און אַנטשיידונגס־מאַכט, סיי צוליב דער שוואַכקייט פֿון דער ציוניסטישער רעפּרעזענטאַציע אין לאָנדאָן, צוליב ווייצמאַנס אָפּוועזנהייט. אַרלאָזאָראָוו האָט געפּרואווט אויסנוצן די דאָזיקע סיטואַציע, כּדי אויסצוברייטערן די פּאָליטישע ליניע אויסער די גרענעצן פֿון די טאָג־טעגלעכע זאָרגן. ער האָט די פֿאַרטיי ניט געלאָזן רוען. ער האָט פֿאַר איר יעדן מאָל פֿונאַנדערגע־וויקלט נייע פּרינציפּיעלע און טאַקטישע פּראָבלעמען אויפֿן פּאָלי־טישן געביט. איין פּראָבלעם, מיט וועלכער ער האָט זיך אינטענסיוו באַשעפֿטיקט, האָט ער אַרויסגעשטעלט אויפֿן סדר היום פֿון די זיצונגען פֿון דעם צענטראַל־קאָמיטעט פֿון דער פֿאַרטיי און אויפֿן פֿאַרטיי צו־זאַמענפֿאָר — דאָס איז די פּראָבלעם פֿון דעם „ארץ ישראלדיקן שטאַט און דער איבערגאַנגס־פּעריאָדע". די אינטערוועניץ פֿון דער ארץ ישראל'דיקער רעגירונג אין דעם עקאָנאָמישן לעבן און אין קאָלאָ־ניזאַציע־לעבן פֿון לאַנד האַלט אין איין וואַקסן, מיר גיבן איר די נויטיקע מיטלען, פֿון אונזערע שטייערן און טאַריף אָפּצאָלונגען זאַמלט זיך ביי דער רעגירונג אָן אַ גרויסער געלט־איבערפֿלוס, און זי מוז דערפֿאַר זוכן גרעסערע טעטיקייטס־געביטן. וואָס פֿאַר אַ חלק האָבן מיר אין דעם? וואָס האָבן מיר דערפֿון? אָט די פּראָבלעם האָט אים ניט געלאָזן רוען, און ער האָט געפּרואווט אויסאַרבעטן די מעטאָדן פֿון קאָאָפּעראַציע מיט דער רעגירונג אויף דעם דאָזיקן געביט.

אין די רייען פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג האָט געהאַלטן אין וואַקסן באַוואונדערונג פֿאַר אים. ער איז אפֿשר דער איינציקער מענטש אין ציוניזם און אין אונזער באַוועגונג, וועלכער טראַכט ניט בלויז

וועגן מאָמענט און וועגן מאָרגנדיקן טאָג, נאָר מאַכט דעם גרעסערן חשבון פֿון אונזער ווערק. ער זעט פֿאָראויס די אַנטוויקלונגס־ליניען פֿון דער צוקונפֿט, ער זעט פֿאַר זיך די גרויסע שוועריקייטן, מיט וועלכע מיר דאַרפֿן זיך ראַנגלען; ער זעט די אינערלעכע שטרויכלונגען, וועלכע עס ליגן אין ציוניזם פֿאַר אַ מענטשן, וועלכער וויל האַנדלען אויף אַ צוועקמעסיקן און פֿאַראַנטוואָרטלעכן אופֿן, און וויל זיך ניט לאָזן אַריינשלעפּן אין פּאָליטישן אַוואַנטוריזם. אַ צייט פֿאַר דעם 18טן ציוניסטישן קאָנגרעס הייבט ער אָן ערנסט צו רעדן וועגן זיך צוריקציען פֿון זיין פּאָליטישן אַמט. ער וויל ווידעראַמאָל אָנהויבן אַרבעטן אין דער פּאַרטיי, זי צוגרייטן פֿאַר אַ גרויסער געזעלשאַפֿטלעכער און פּאָליטישער אָפּענסיווע. די חברים ווילן וועגן דעם ניט הערן. זיי באַטראַכטן זיין פּאָליטישע טעטיקייט אַלס די אַנטשיידנדיקסטע אַרבעט פֿאַרן ציוניזם און פֿאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג. עס ברעכן אויס די דייטשע געשעענישן. ער האַלט עס פֿאַר זיין פֿליכט צו פֿאָרן אַהין, צום דייטשן אידנטום און באַזונדערס צום דייטשן ציוניזם, פֿון וועלכן ער שטאַמט אַליין אָפּ, וואָס זיין אַנטוויקלונג האָט ער אַוועקגעגעבן ניט ווייניק ענערגיע און פֿעאיקייט.

ער פֿאָרט אַוועק. ווידעראַמאָל אַ לאַנגע נסיעה אין משך פֿון אַ קורצער צייט איבער אַ גרויסן טייל פֿון אייראָפּע: דייטשלאַנד, ענגלאַנד, טשעכאָסלאָוואַקיע, פּוילן, עסטרייך. אין יעדן לאַנד — אַנדערע פּראָבלעמען. אין דייטשלאַנד — פֿאַרהאַנדלונגען מיט דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע וועגן עליה־פּראָבלעמען, וועגן דער איינוואַנדערונג און קאָלאָניזאַציע פֿון דייטשע אידן קיין ארץ ישראל; פֿאַרהאַנדלונגען מיט די דייטש־אידישע פֿירער וועגן טראַנספֿערירן אידישן קאַפּיטאַל קיין ארץ ישראל. אַרלאָזאָראָוו שלאָגט פֿאָר צו גרינדן אַ ליקווידאַציע־באַנק. אידישע קאַפּיטאַליסטן האָבן מורא צו קאָנצענטרירן זייער געלט אין איין אָרט, ווייל עס וועט גרינגער מאַכן פֿאַר היטלערן צו קאָנפֿיסקירן דאָס געלט. אַרלאָזאָראָוו שלאָגט פֿאָר אַז דער פֿאַרוואַלטער פֿון באַנק זאָל זיין אַן ענגלענדער, וועלכער זאָל באַשטימט ווערן פֿון דער ענגלישער רעגירונג. ער פֿאָרט קיין לאָנדאָן, פֿאַרהאַנדלט וועגן דעם ענין מיט דעם קאָלאָניאַל־מיניסטער. דער מיניסטער איז געניגט מסכים צו זיין, בעט אַרלאָזאָראָוון פֿאָרצושלאָגן אַן ענגלענדער פֿון די רעגירונגס־קרייזן, וועלכער האָט לויט

זיין מיינונג די נויטיקע פֿעאיקייטן פֿאַר אַזאַ אַרבעט. אַרלאָזאָראָוו שלאָגט פֿאָר עטלעכע נעמען, און דער מיניסטער קלייבט אויס איינעם פֿון זיי. אין עסטרייך, טשעכאָסלאָוואַקיע, פּוילן האָט ער זיצונגען מיט די פֿירער פֿון די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס; ער האָלט רעדעס אויף מאַסן־מיטינגען צום ציוניסטישן קאָנגרעס.

אַ חודש האָט געדויערט זיין לעצטע רייזע. אויף מאָרגן נאָך זיין צוריקקומען איז שנעל, אין אַן אויסערגעוויינלעכער שעה, צונויפֿגע־רופֿן געוואָרן אַ זיצונג פֿון דעם צענטראַל־קאָמיטעט. עס איז געווען דאָנערשטיק, אַרום ניין אַזייגער. אַלע זיינען געווען פֿאַרנומען ביי זייער אַרבעט — פֿונדעסטוועגן האָט מען אַוועקגעוואָרפֿן אַלץ מיט וואָס מען איז געווען באַשעפֿטיקט און געקומען אין פֿאַרטיי־הויז אויף דער זיצונג. עס איז געווען זייער מאָדנע. עפּעס מיסטעריעזעס האָט אַלעמען געטריבן צו גיין צו דער דאָזיקער באַגעגעניש מיט חיים אַרלאָזאָראָוון, וועלכע. איז פֿאַר אונז געווען די לעצטע. געוויינלעך איז שווער צו האָבן אַ פֿול־באַזוכטע „מרכז"־זיצונג, אַפֿילו אין אַ פֿון פֿאָראויס באַשטימטער צייט. דאָס מאָל זיינען צו דער זיצונג געקומען כמעט אַלע מיטגלידער פֿון תּל־אָביב און ירושלים. אַרלאָזאָראָוו איז געשטאַנען מיט זיין רעכטער פֿוס אויף אַ שטול, און האָט שטייענדיק אָפּגעגעבן אַ באַריכט פֿון זיין רייזע, זיך באַזונדערס אָפּשטעלנדיק אויף דער אידישער לאַגע אין דייטשלאַנד, אויף דער אימיגראַציע פֿון דאָרטן, אויף דער הילפֿס־אַרבעט פֿאַר די דייטשע אידן, די אידיש־דייטשע קינדער, זיין שמועס מיטן קאָלאָניאַל־מיניסטער אַאַז"וו. ער האָט פֿאַר די פֿאַרזאַמלטע פֿונאַנדערגעוויקלט גרויסע פּלענער, מען האָט געקענט זען ווי עס רעגן זיך אין אים נייע אַרבעטס־קרעפֿטן. אין מיטן טאָג ווערט די זיצונג איבערגעהאַקט. אַרלאָזאָראָוו פֿאָרט קיין ירושלים. ער דאַרף זיך באַגעגענען מיטן הויך־קאָמיסאַר, מיט וועמען ער פֿאָרט מאָרגן קיין בן־שמן, און כּפֿר הנוער. ער וויל ביים הויך־קאָמיסאַר קריגן אַ צאָל אַריינפֿאָר־דערלויבענישן פֿאַר קינדער פֿון דייטשלאַנד, מחוץ דעם אַלגעמיינעם סקעדיול — מען באַשליסט פֿאָרט־צוזעצן די זיצונג דעם קומענדיקן זונטיק...

זונטיק? אָה, דער גורל איז געווען זייער אַכזריותדיק. מיר האָבן אים געזען פֿאַר דעם באַשטימטן דאַטום... ביי זיין טויטן־בעט. עס איז געווען ווי עמעצער וואָלט אַ בלאָז געטאָן אויף דער מיטאָג־זון און זי אויסגעלאָשן. און מאָדנע: איצט, ווען ער איז געלעגן אַ פֿאַר־

גליוּוערטער, איז זיין פנים געווען ענלעך צו יענעם, וועלכן מיר האָבן דערזען, ווען ער איז אַרויסגעשטיגן פֿון וואַגאָן, ווען ער איז דאָס ערשטע מאָל אָנגעקומען אין לאַנד. אַ בלאַסער און אַ דאַרער. נאָר די ברילן האָבן געפֿעלט, און דאָס לעבן איז שוין מער ניט געווען אין די פֿאַרשלאָסענע אויגן. אָבער דער שמייכל, יענער שמייכל, וועלכער האָט גערוט אויף זיין פנים ווען ער איז אין לאַנד אָנגעקומען, פֿול מיט לעבן און יוגנט, מאַרשירנדיק אַנטקעגן זיין גרויסער לעבנס־טאַט, האָט אויך איצט, ביים אָפּשייד, גערוט אויף זיין פנים, בעת ער איז געלעגן אויפֿן טויטן־בעט, באַקראַנצט מיט אַ דערנער־קרוין.

מ. שערטאָק

ביים רודער*

שטאַרקע באַגערן און מעכטיקע פֿאַרווירקלעכונגס־פּאָטענצן האָבן געלעבט אין חיים אַרלאָזאָראָוון. ער איז אין אים געווען גרויסער בטחון און גרויס געדולד. יאָרן האָט ער געוואַרט אויף דעם מאָמענט, ווען ער וועט גערופֿן ווערן צום רודער, און ווען דער מאָמענט איז ענדלעך געקומען — האָט ער דעם רודער גענומען אין פֿעסטע, זיכערע הענט. ער האָט איבערגענומען דעם רודער פֿון דער פּירערשאַפֿט אָן ווייטאָגן און אָן צופּאַסונגס־ווייען. ווי אַ דערפֿאַרענער און אויסגעפּרובירטער קאַפּיטאַן איז ער צוגעטראָטן צו זיין אויפֿגאַבע.

זיין פּערזענלעכקייט האָט אין זיך געטראָגן פֿאַרשיידענע, ווייטע וועלטן. געבוירן אין רוסלאַנד, איז ער דערצויגן געוואָרן אין דייטשלאַנד; אַ צווייג פֿון אַ מיוחס׳דיקן רבנים־שטאַם, איז ער געווען אַ מענטש מיט אַ הויכער, מאָדערנער מערב־קולטור; אַ נאַציאָנאַלער איד מיט אַלע זיינע חושים, איז ער געווען אַ סאָציאַליסט ביז די טיפֿענישן פֿון זיין באַוואוסטזיין; אויפֿגעוואַקסן אין די רייען פֿון דער יונגער ציוניסטישער אינטעליגענץ, האָט ער זיך מיט זיין גאַנצער נשמה פֿאַרבונדן מיט דער אַרבעטער־באַוועגונג, מיט דער חלוצישער באַוועגונג אין ארץ ישראל. אין זיין פּערזענלעכקייט זיינען די אַלע מחיצות געפֿאַלן און זייער פּלאַץ האָט פֿאַרנומען איין וואונדערלעכער, האַרמאָנישער סינטעז פֿון אַ יונגען אידישן פֿירער. ער איז געווען אַ שטאָלצער מענטש, פּערזענלעך שטאָלץ, שטאָלץ מיט זיין אידישקייט, שטאָלץ מיט זיין סאָציאַליזם, שטאָלץ מיט זיין אַרבעטער־באַוואוסטזיין. זיין שטאָלץ האָט זיך ניט גענויטיקט אין אויסערלעכע קינסטלעכע עפֿעקטן, וואָרעם שטענדיק האָט אים באַגלייט דער גרויסער בטחון אין זיין קראַפֿט. ער האָט קיין טאָג און קיין רגע

* פֿון אַ רעדע.

ביט פֿאַרגעסן, אַז ער איז אַ שליח, דער שליח פֿון אַ מחנה. אַזאַ שליחות־באַוואוסטזיין האָט אַן ספֿק יעדער אמת׳ער פֿירער אין ציוניזם, ווי פֿירער פֿון אַנדערע נאַציאָנאַלער באַפֿרייאונגס־באַוועגונגען — דאָס באַוואוסטזיין פֿון שליחות וואָס זאָגט, אַז מער ווי דו ביסט באַרופֿן צו פֿירן די מחנה, דאַרפֿסטו פֿון דער מחנה געפֿירט ווערן, דאַרפֿסטו ברענגען צום אויסדרוק און פֿאַרקערפּערן די באַהאַלטענע אַספּיראַציעס פֿון די מאַסן, וואָס האָבן דיך אויסגעקליבן אַלס זייער שליח, דאַרפֿסטו רעדעוודיק מאַכן די טיפֿסטע באַגערן פֿון פֿאַליטיש ניט באַרעדעוודיקע מענטשן. אָבער אַ דאָפּלטע מאָראַלישע קראַפֿט מוז אַזאַ שליחות־געפֿיל באַזיצן אין אַ סאָציאַלער באַפֿרייאונגס־באַוועגונג און זיבן־פֿאַך שטאַרק מוז דאָס דאָזיקע געפֿיל זיין אין אַ נאַציאָנאַלן באַפֿריי־אונגס־ווערק וואָס ווערט פֿאַרקערפּערט אין פּיאָנערישער שאַפֿונגס־אַרבעט — אין אַ מחנה אין וועלכער עס לעבט דאָס געפֿיל פֿון ברודער־בונד, פֿון טאָג־טעגלעכן שטיין אַקסל צו אַקסל אויף אַלע פֿראָנטן פֿון דער גרויסער טאָט. אָט דאָס דאָזיקע גליק־געפֿיל פֿון מאַסן־ברודערשאַפֿט, וואָס איז צוגעטיילט געוואָרן יעדן איינעם וואָס האָט געפֿונען זיין פּלאַץ אין דער ארץ ישראל׳דיקער אַרבעטער־מחנה, האָט דעם שליחות־באַוואוסטזיין אין אַרלאָזאָראָוון דערהויבן צו גאָר אַ הויכער מדרגה. און אַזוי ווי ער האָט זיך שטענדיק געפֿילט ווי אַ שליח פֿון דעם אַרבעטער־ציבור, האָט ער דעם אַרבעטער־ציבור (און זיך אַלס איינעם פֿון זיינע גלידער) תּמיד געזען ווי דעם שליח פֿון דער נאַציע. ער איז געוואָרן דער סימבאָל פֿאַר דער קאָנצענטראַציע פֿון די בעסטע פֿאָלקס־כּוחות אין דעם אַרבעטער־ציבור.

ווען ער פֿלעגט אויפֿטרעטן אויף אַן אַרבעטער־פֿאַרזאַמלונג צו רעפֿערירן וועגן די פּאָליטישע פּראָבלעמען און פּלאַנטערס מיט וועל־כע ער האָט זיך געראַנגלט, ווען ער פֿלעגט זיך פֿאַר אַן אַרבעטער־עולם אַראָפּרעדן פֿון האַרצן וועגן די נסיונות און דילעמעס וואָס ער האָט איבערגעלעבט אין די לעצטע צוויי יאָר, האָט ער אַרויס־גערופֿן ביי אַלעמען אַ געפֿיל פֿון מעכטיקער ברודערשאַפֿט און גע־מיינזאַמער דערהויבונג. עס איז קלאָר געווען, וואָס עס איז דער מקור פֿון וועלכן דער מענטש שעפּט דעם כּוח צו פֿירן זיין שווערן קאַמף. און דער עולם פֿלעגט ביי אַזאַ באַגעגעניש דערהויבן ווערן צו דער מדרגה פֿון באַוואוסטזיניקייט און אחריות, וואָס האָט שטענדיק דורכ־געדרונגען דעם פֿירער. עס איז געווען אַ געפֿיל פֿון גרויסן שטאָלץ, וואָס אין דער באַוועגונג ווירקט אַזאַ כּוח.

חיים אַרלאָזאָראָווס טויט איז געווען אַן אבידה פֿאַרן גאַנצן ציוניזם. ווי טאַטע מאַמע, וואָס באַווײנען זייער באַליבט קינד, ווען זיי האָבן פֿאַרלוירן גראָד דעמאָלט בעת עס האָבן זיך אין אים אָנגעהויבן באַווייזן די ערשטע פֿעאיקייטן, און זיי דערמאָנען אים יעדן יאָר, דעם טאָג פֿון זיין בר־מצוה און דעם טאָג פֿון זיין רייף ווערן, און שטעלן זיך שטענדיק פֿאַר די געשטאַלט פֿון דעם קראַפֿטפֿולן מאַן, וואָס וואָלט פֿאַר זיי געשטאַנען, ווען זייער קינד וואָלט געווען לעבן געבליבן — אַזוי וועט דאָס אידישע פֿאָלק יאָר־איין יאָר־אויס דער־מאָנען דעם אָנדענק פֿון דעם יונגן פֿירער, וועלכער האָט ביים טויט נאָך געהאַלטן ביים אָנהויב פֿון זיין באַרג־אַרויף וועג. אָבער אויב פֿאַרן גאַנצן פֿאָלק איז זיין טויט אַ קוואַל פֿון צער און טרויער, איז עס אַ ברענענדיקער ווייטאָק פֿאַר יענער שיכט, וועמען זיין פּער־זענלעכקייט איז געגעבן געוואָרן במתנה. איך זאָג, זי איז איר גע־געבן געוואָרן במתנה, וואָרעם עס איז ניט געווען קיין אָרגאַנישע נויטווענדיקייט פֿאַר דעם אויפֿקום פֿון אַזעלכע פּערזענלעכקייטן ווי חיים אַרלאָזאָראָוו אין אַרבעטער־ציבור.

דער אַרבעטער־ציבור אין ארץ ישראל, די חלוצישע מחנה, האָט פֿון זיך אַרויסגעגעבן פֿיל באַדייטנדיקע מענטשן. ער האָט די כוחות אַרויסגעגעבן אַדאַנק דעם באַפֿעל פֿון זיין גורל, צוליב די אָרגאַנישע פֿונקציעס, וואָס ליגן אויף אים. די פֿירער פֿון אַרבעטער־צבור, זיינע אינטעלעקטועלע וואָרט־זאָגער, זיינע קאָלאָניזאַציע־מענטשן, זיינע אָרגאַניזאַטאָרן זיינען אַרויסגעוואַקסן פֿון דערווירקלעכקייט פֿון דעם אַרבעטער־ציבור, פֿון זיין קאַמף און שאַפֿן. און דער אַרבעטער־ציבור האָט פֿון דעם גורל באַקומען יענע פֿירערשאַפֿט וואָס ער פֿאַר־דינט. דער אַרבעטער־ציבור קען שטאָלץ זיין מיט פֿיל באַגאַבטע פּערזענלעכקייטן. אָבער עס איז שווער זיך פֿאָרצושטעלן אַן אבידה, וואָס זאָל איבערלאָזן אַזאַ אומדערזעצבאַרן ליידיקן פּלאַץ ווי חיים אַרלאָזאָראָוו. דאָס איז ניט דערפֿאַר וואָס ח. אַרלאָזאָראָוו איז געווען אַן אויסדערוויילטער צווישן די אַרבעטער־פֿירער, נאָר דערפֿאַר וואָס ער איז צווישן זיי געווען דער איינציקאַרטיקער, דער יחיד־סגולה. עס איז ניט געווען קיין אָרגאַנישע נויטווענדיקייט, אַז אין אַרבעטער־ציבור זאָל אויפֿקומען און פֿון אים זאָל אַרויסוואַקסן אַ מענטש מיט אַזעלכע פֿעאיקייטן פֿאַר אויסערלעכער רעפּרעזענטאַנץ, פֿאַר קאַמף כלפּי חוץ, פֿאַר אויסדרוק כלפּי חוץ. אַרלאָזאָראָווס ספּעציפֿישער טאַלאַנט איז געלעגן אין זיין עפֿעקטיווקייט, אין דער פֿעאיקייט צו מאָביליזירן

אין יעדער נויטיקער שעה אַלע כּוחות וואָס זיינען אין אים געווען פֿאַרבאָרגן. ער האָט געהאַט די פֿעאיקייט צו זיין שטענדיק גרייט צום קאַמף און צו אַקטיוויזירן און ברענגען צו אַן ענערגישן און קאָנצענטרירטן אויסדרוק אַלע מעגלעכקייטן וואָס האָבן אין אים געשלומערט.

אין משך פֿון די לעצטע צוויי יאָר פֿון זיין לעבן איז חיים אַרלאָזאָראָוו געשטאַנען אויפֿן העכסטן פּאָסטן פֿון ציוניזם. אין משך פֿון דער דאָזיקער צייט איז ער געצוואונגען געווען צו בייטן זיינע וואָפֿן. עס איז ביי אים צוגענומען געוואָרן די פּען, וואָס האָט אים פֿאַרבונדן מיטן ברייטן עולם. ער האָט זיך ניט געקענט אָפּגעבן מיט פּובליציסטישע אַרבעט. עס איז ביי אים צוגענומען געוואָרן די „רעדע־פֿרייהייט". עס זיינען אויף אים אַרויפֿגעלייגט געוואָרן שווערע קייטן. אַנשטאָט צו רעדן צו זיינע ברידער און סטימולירן זייער דענקען, איז ער געשטעלט געוואָרן קעגן אויסערלעכע כּוחות. ער האָט זיך געראַנגלט צווישן די פֿיר ווענט, אויסער דעם געהער־פֿעלד פֿון דער עפֿנטלעכקייט. דערפֿאַר וועט נאָך פֿאַר דער עפֿנטלעכקייט פֿיל יאָרן בלייבן פֿאַרשלאָסן זיין געשטאַלט אין אָט די צוויי יאָר און דאָס פּנים וואָס ער האָט אין דער צייט געפּרואווט געבן דער ציוניסטישער פּאָליטיק. ער האָט געוואוסט, אַז די עפֿנטלעכקייט קען ניט זען זיין אמת׳ע געשטאַלט און ער האָט די צרה אויך אויפֿגענומען ווי אַ פּרייז וואָס ער דאַרף צאָלן פֿאַר דער פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט וואָס ער טראָגט אויף זיך. וואָרעם ניט נאָר האָט די עפֿנטלעכקייט אים ניט געזען אין זיין אמת׳ער געשטאַלט ווי אַ פּאָליטישער קעמפֿער, נאָר עס איז געווען אַ טיפֿער קאָנטראַסט צווישן זיין אָפֿענעם אויפֿטרעטן אין דער אייגענער מחנה און זיין אויפֿטרעטן פֿאַר פֿרעמדע. אויב עס זיינען ביי אונז פֿאַראַן מענטשן וואָס זיינען גאַנצע העלדן אויף ציוניסטישע טריבונעס, וואָס צווישן אונז פֿאַראַדירן זיי אַלס אומקאָמפּראָמיסלעכע קעמפֿער, אָבער ווען זיי באַגעגענען זיך בחדרי חדרים מיט ניט־אידן, בויגן זיי דעם רוקן און פֿאַרלירן דעם גלייכגעוויכט — איז זייער גלענצנדיקער היפּוך געווען חיים אַרלאָזאָראָוו. מיר האָבן אים אַלע געקענט ווי אַ פּרעדיקער פֿון מעסיקייט, פֿון זעלבסט־באַהערשונג און פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט, ווי אַ מענטש וואָס איז כּסדר געקומען צום עולם מיט פֿאָדערונגען פֿון ישוב הדעת, פֿאָדערונגען וואָס דער עולם האָט ניט געקאָנט באַכקומען. ער האָט טאַקע דערפֿאַר, צוליב די דאָזיקע פֿאָדערונגען צום יחיד אין דער באַוועגונג, אַז זיי

זאָלן זיך דערהויבן צו דער מדרגה פֿון העכערן באַוואוסטזיין און דער האַרבער פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿונם פֿירער, אַז זיי זאָלן דורכטראַכטן יעדן וואָרט און טאָן, קעגן זיך אַרויסגערופֿן שווערע קריטיק מצד ווייטע און נאָענטע. מעסיקייט האָט ער געפּרעדיקט כּלפּי פּנים, אָבער זיין קאַמפּס־קראַפֿט האָט זיך אַנטפּלעקט אין זיינע צוזאַמענשטויסן מיט אויסערלעכע פֿאַקטאָרן. און ווען דער מאַטעריאַל וועגן די דאָזיקע קאַמפֿן וואָלט פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן, וואָלטן אַלע געזען אַ נייע אַנטפּלעקונג פֿון אידישן שטאָלץ און אידישער תּקיפֿות און עס וואָלט צוגעקומען נאָך אַ קראַנץ פֿון רום אויף זיין קאָפּ.

אין אָט דעם קאַמף כּלפּי חוץ האָט ער צוגעשריבן אַ גרויסע באַדייטונג דער קונסט פֿון סטראַטעגיע. דער פּאָליטישער קאַמף איז פֿאַר אים געווען אין זיין מהות אַן עקזיסטענץ־קאַמף, און אין זיין פֿאָרעם — אַ קונסט. איך דאַרף זאָגן: דאָס קינסטלערישע איז בכלל געווען אַ גרונט־שטריך אין זיין כאַראַקטער — קונסט און קונסט־ליבע. ער איז זינט די יוגנט־יאָרן געווען אַ ליבהאָבער פֿון דעם שיינעם. זיין האַרץ איז געווען ברייט אָפֿן אויפֿצונעמען דאָס שיינע, דאָס פֿאַרעמפּולע, דאָס פּלאַסטישע. זיין לינגוויסטישער טאַלאַנט, זיין ליבע פֿאַרן עפּיגראַם, פֿאַרן טרעפֿלעכן וואָרט, פֿאַרן פֿאָלירטן זאַג, זיין ליבע פֿאַר דער ליטעראַטור און דער פּאָעזיע, זיין זעלטענער ליטעראַרישער זכּרון, זיין זכּרון פֿאַר פּאָעזיע, זיין מוזיק־ליבע, זיין ליבע צו דער שיינקייט אין מענטשן און די פֿעאיקייט צו געפֿינען שיינקייט אין מענטשן, זיין ליבע צום חלוץ, ניט נאָר ווי צו אַ טרעגער פֿון דער נאַציאָנאַלער שליחות, נאָר ווי צו אַן אַנטפּלעקונג פֿון הערואיזם און שיינקייט, זיין באַוואונדערונג פֿאַר דער קליידונג פֿון דער חלוצישער יוגנט — אָט די אַלע זאַכן האָבן געשעפּט זייער יניקה פֿון אָט דעם מקור אין זיין נשמה.

עס איז אים געגעבן געוואָרן די פֿעאיקייט צו פֿאַראייניקן אינהאַלט און פֿאָרעם. ער איז שטאָלץ געווען וואָס ער האָט געשטאַמט פֿון רוסישן אידנטום, וואָס ער איז זעליש געווען פֿאַרוואָרצלט אין אונזער ברייטן ציבור, וואָס ער איז פֿעאיק געווען זיך גייסטיק צו שפּייזן דירעקט פֿון דער אוממיטלבאַרער אידישער עמפּינדונג. אָבער ער האָט זיך ניט געקענט באַפֿרייען פֿון די פֿאָרמען פֿון אַ מענטשן וואָס איז דערצויגן געוואָרן אין מערבֿ־איראָפּע. ער האָט צו זיין פּאָליטישער אַרבעט געבראַכט ניט נאָר פֿעסטע בוי־מאַטעריאַלן, ניט נאָר שווערע שטיקער אוממיטלבאַרער אידישער קראַפֿט, ניט נאָר אַ אידישן לעבנס־

אינסטינקט, אַ ווילן צו לעבן און צו זיגן, נאָר אויך אַרכיטעקטאָנישע פֿעאיקייטן, די פֿעאיקייט צו קינסטלערישן בויען, דעם טאַלאַנט צו געבן זיינע געדאַנקען און ווערטער אַ קינסטלערישע פֿאָרעם. מען האָט זיך אויף אים באַקלאָגט, וואָס צו שווערע און אַנטשיידנדיקע באַגעגענישן מיט רעגירונגס־פֿאָרשטייער גייט ער איינער אַליין. ער פֿלעגט ענטפֿערן, אַז זיין אויפֿגאַבע איז אַ קינסטלערישע אויפֿגאַבע, און דער קינסטלער האָט דאָס רעכט צו פֿאָדערן פֿאַר זיך פֿרייהייט אין זיין שאַפֿן. ער האָט געהאַט די פֿעאיקייט צו בויען זיינע שמועסן, צו ריכטן זיינע שמועסן אַזוי, אַז ער זאָל טרעפֿן אין זיין קעגנערס שוואַכסטן פּונקט. אָבער ער האָט געהאַט די פֿעאיקייט ניט נאָר זיך צוצוגרייטן און באַוואָפֿענען אין פֿאָראויס, נאָר אויך צו באַגעגענען איבעררעשונגען מיט אַ שנעלער תּפֿיסה און טרעפֿלעכן ענטפֿער. עס האָט אים קיינמאָל ניט געפֿעלט קיין אַרגומענט. ער איז שטענדיק גרייט געווען צום אַנגריף און זיינע פֿיילן האָבן קיינמאָל ניט פֿאַרפֿעלט צו טרעפֿן אין ציל.

די לעצטע צוויי יאָר האָבן אים געצוואונגען מקיים צו זיין געוויסע „מצוות", וואָס זיינען אים געווען זייער פֿרעמד. צו דער דאָזיקער זאַך איז ער אויך צוגעטראָטן ווי אַ קינסטלער. די צופּאַסונג צו די באַ־גריפֿן פֿון יענער שיכט, צווישן וועלכער ער האָט געדאַרפֿט אויפֿטרעטן ווי אַ גלייכער צווישן גלייכע, איז פֿאַר אים געווען אַ שפּיל, אַ זאַך וואָס האָט זיך צו אים ניט צוגעקלעפּט, וואָס האָט אים ניט געענדערט, וואָס איז געבליבן אויסער אים, וואָס איז ניט אַריינגעדרונגען אין זיין וועזן. ער האָט געהאַט איין וואָרט: די Res-publica פֿאָדערט עס דער אידנשטאַט פֿאָדערט עס. לייכט, שפּילעוודיק האָט ער מקיים געווען די אַלע פֿאָרמאַליטעטן וואָס זיין אמת האָט אויף אים אַרויפֿגעצוואונגען. זיין ענערגישער אינטעלעקט האָט אים געגעבן די מעגלעכקייט צו שטיין אַזוי ווי פֿונדערווייטנס און זיך באַטראַכטן מיט פֿרעמדע אויגן, אַביסל שפּאָטן פֿון זיך אַליין און פֿילאָזאָפֿירן בנוגע זיין אויסערלעכן לעבנס־שטייגער. אָט די פֿעאיקייט צו פֿילאָזאָפֿירן וועגן זיך אַליין האָט אים באַפֿרייט פֿון פּוסטער גאווה און אויפֿגעבלאָזנקייט און מעגלעך געמאַכט צו טראָגן אָוונט־קליידער אויף אַ גלענצנדיקער צו־זאַמענקונפֿט פֿון עלעגאַנטער געזעלשאַפֿט און מיט דער זעלבער לייכט־קייט דעם פֿאָלגנדיקן פֿרימאָרגן צו פֿאָרן אין אַן אַרבעטער־בלוזע צו אַ פּאַרטיי־„כינוס".

ער איז גרייט געווען, ווען דאָס וואָלט נויטיק געווען, צו פֿאַר־

לאָזן דעם רודער מיט דער זעלבער לייכטקייט מיט וועלכער ער האָט אים געהאַלטן אין די הענט. ער איז גרייט געווען אויפֿן באַפֿעל פֿון דער באַוועגונג צו בייטן איין ראָלע אויף דער צווייטער. ער איז צווישן אונז געווען באַקאַנט אַלס אַ מענטש פֿון קאַלטן שכל, אַ ניכטערער, אַן ערנסטער, אַ מענטש מיט געמאָסטענע טריט, אַן אויסגערעכנטער. עס האָבן געחידושט אָט די אַלע אייגנשאַפֿטן אין אַ מענטש פֿון חיים אַרלאָזאָראָווס עלטער. די מענטשן וואָס זיינען אים געווען מער אָדער ווייניקער נאָענט האָבן ניט געקאָנט פֿאַרשטיין, פֿונוואַנען עס נעמט זיך זיין אינערלעכע זיכערקייט און אומגעשטערטער גלייכגעוויכט, די רואיקייט און קאַלטבלוטיקייט, מיט וועלכער ער האָט אויפֿגענומען יעדן קלאַפּ און זיין שטענדיקע פֿעאיקייט זיך צו „אָריענטירן", אויסצובינדן אַ פּלאָנטער, צו זען ליכט אין דער פֿינצטערניש. יעדע שווערע רגע, יעדער דערשיטערנדיקער מאָמענט וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט אין די לעצטע צוויי יאָר, טעראָר אין עמק, פּאָליטישע אויפֿטרייסלונגען, דערשרעקנדיקע קלאַנגען — האָט ער אויפֿגענומען ווי אַ דערפֿאַרענער געאיבטער קאַפּיטאַן.

אָבער אַרלאָזאָראָוו האָט אויך געהאַט מאָמענטן פֿון זאָרג און ציטער, מאָמענטן פֿון טיפֿן אינערלעכן אויפֿברויז. אין די טיפֿענישן פֿון זיין האַרצן האָט געגליט די ציוניסטישע תשוקה נאָך פֿאַרווירקלעכונג. זיין גאַנץ וועזן איז געווען אַ געשריי נאָך קראַפֿט, נאָך מעשים, נאָך אַ ברייטן און פֿעסטן לעבן. ער האָט געוואָלט האַנדלען ווי דאָס אַלץ וואָלט שוין געווען אַ ווירקלעכקייט. ער האָט זיך געוואָלט פֿילן ווי אין אַן איינגעפֿונדעוועטער מלוכה, ניט ווי איינער וואָס שטרעבט צו אַ אידנשטאַט, ניט ווי אַ בויער פֿון אידנשטאַט, נאָר ווי אַ קאַפּיטאַן פֿון אַן עקזיסטירנדיקן אידנשטאַט. עס זיינען פֿאַראַן ווערטער וואָס מען וועט אין זיין פּאָליטישן לעקסיקאָן ניט געפֿינען. איך גלויב, אַז אויב מען וועט דורכלייענען דעם גאַנצן אוצר פֿון תורה שבכתב וואָס ער האָט איבערגעלאָזן אין דעם אַרכיוו פֿון דער אידישער אַגענטור — מעמאָראַנדומס, בריוו, פּראָטאָקאָלן פֿון שמועסן — וועט מען דאָרטן קיין איינמאָל ניט געפֿינען דאָס וואָרט „מאָראַל", וועט מען דאָרטן קיין איינמאָל ניט געפֿינען דאָס וואָרט „קריוודע", וועט מען דאָרטן ניט געפֿינען פֿיל אַנדערע ווערטער וואָס זיינען ביי אונז אַזוי גאַנגבאַר, וואָס מיר הערן אַלע ניט אויף צו באַנוצן. דאָס איז ניט דערפֿאַר וואָס אַרלאָזאָראָווס קאַמף האָט ניט פֿאַרמאָגט קיין מאָראַלישן פּאַטאָס, אָדער דערפֿאַר וואָס די איינציקע וואָפֿן מיט וועלכער ער האָט

זיך באַנוצט זײַנען ניט געווען קיין מאָראַלישע, ניט דערפֿאַר וואָס אין זײַנע ווערטער זײַנען ניט געווען קיין קריוודעס און קיין תּרעומות. ער האָט אָבער די דאָזיקע אויסדרוקן פֿײַנט געהאַט. זיי האָבן בײַ אים אַרויסגערופֿן אַן עקל. זיי זײַנען פֿאַר אים געווען סינאָנימען פֿאַר שוואַכקייט, הילפֿלאָזיקייט, פֿאַר רעזיגנאַציע פֿון אַ מאַכטלאָז פֿאָלק אין אָנזיכט פֿון גורל, די רעזיגנאַציע פֿון אַ פֿאָלק וואָס איז געצוואונגען אויסדריקלעך צו באַטאָנען דאָס וואָס קיין שום פֿאָלק דאַרף ניט באַטאָנען, אַ פֿאָלק וואָס שטייט אביונ'דיק אין דער וועלט און פּראָקלאַמירט זיך אַלס אַ מאָראַלישער כּוח, רעקלאַמירט די אייגענע מאָראַלישקייט, אַנשטאָט זײַן מאָראַל און גערעכטיקייט צו באַהויפּטן דורך אַ ״ע־מאָנסטראַציע פֿון קראַפֿט, דורך באַהויפּטן זיך ווי אַ טאַטזאַך, ווי אַ קאָנקרעטער פֿאַקטאָר, וואָס באַזיצט די קראַפֿט צו פֿאַרטיידיקן זײַן קיום. אָט דער דאָזיקער ווילן צו קראַפֿט האָט חיים אַרלאָזאָראָוון ניט געלאָזן רוען. און עס זײַנען געווען אַזעלכע מאָמענטן — אַ שפּעטע נאַכט־שעה נאָך אַ זעכצן־שעה'דיקן אַרבעטס־טאָג אָדער אינמיטן פֿון טעגלעכן קאָך, אָדער אַ רגע ווען אַ מענטש פֿאַלט פּלוצלינג אַוועק און פֿרעגט זיך: וואוהין גיי איך? וואָס איז דער תּכלית? וואָס דערגרייך איך? וואָס טו איך אויף? איז דאָס דער וועג? עס זײַנען געווען אויפֿטרייסלנדיקע מאָמענטן, ווען עס איז געקומען די ידיעה וועגן אַ מפּלה אָדער אַן אַנטוישונג, ווען עס איז ברוטאַל קלאָר געוואָרן, אַז אַלע באַמיאונגען זײַנען געווען אומזיסט, אַז עס האָט ניט געהאָלפֿן דער טאַלאַנט און דאָס וויסן, די אָנשטרענגונגען און די התמדה, אַז עס העלפֿט ניט די געדולד און ניט דער טאַקט, די שווערע אַרבעט און די צעשטערונג פֿון דער אייגענער רו און דעם פּריוואַטן לעבן — קיין זאַך העלפֿט ניט, דער ענין רוקט זיך ניט פֿון פּלאַץ. דאָ און דאָרטן זעט מען יאָ אַביסל פֿאָרטשריט, אָבער די זאַך רירט זיך ניט פֿון אָרט. עס איז פֿאַראַן אַן אײַזערנע וואַנט און מען דאַרף זי דורכברעכן, אָבער מען קען זי ניט דורכברעכן. און — וואָס וועט זײַן? ווי אַזוי וועט קומען די פֿאַרווירקלעכונג? ווי אַזוי וועלן מיר דערגרייכן דעם אידנשטאַט? עס זײַנען געווען זייער אכזריות'דיקע, זייער ביטערע מאָמענטן. דעמאָלט איז די נשמה אויפֿגעריסן געוואָרן ביז צו די טיפֿענישן, ער איז צעשטערט געוואָרן די אינערלעכע שלוה, עס איז אינגאַנצן אויפֿגעטרייסלט געוואָרן דאָס גלײַכגעוויכט. דעמאָלט פֿלעגן אויסברעכן ביטערע, נערוועזע וויכּוחים.

מ. שערטאָק

איינמאָל איז געווען אַזאַ וויכּוח צווישן אים און אַן אַנדער חבר. ער האָט געזאָגט: וואָס וועט זיין? מיר פֿאַרווירקלעכן ניט דעם ציוניזם. מיר שטעלן איין טראָט פֿאָרויס — און מאַכן גלייך צוויי טריט אויף צוריק. מיר האָבן שוין אַלץ אויספּרובירט, וואָס וועט זיין אונזער גורל? די צייט איז קעגן אונז. מיר טאָרן ניט וואַרטן. האָבן מיר טאַקע אַלץ פּרובירט? און ער האָט געפֿאָדערט אַ תּשובה: זאָג, וואָס זאָלן מיר טאָן? זיין חבר האָט געענטפֿערט: איך בין גרייט מיין גאַנצן לעבן צו דריקן מיטן שטערן די וואַנט, אפֿשר וועט זי דורכ־געבראָכן ווערן; און אויב זי וועט ניט דורכגעבראָכן ווערן, און איך וועל פֿאַלן, וועל איך מיין זון שטעלן אויף מיין פּלאַץ און איך וועל אים אויסשטאָטן מיט די זעלישע כּוחות וואָס עס פֿאָדערט דאָס שטיין אַ גאַנץ לעבן מיטן שטערן צוגעדריקט צו דער וואַנט. און ער האָט זיין חבר געענטפֿערט: דו ביסט אַ איד אָבער קיין ציוניסט ביסטו ניט. אונזערע אבות און אורעלטערן זיינען דורות־לאַנג געשטאַנען מיט שטערנס צוגעדריקטע צו דער אייזערנער וואַנט און זיי האָבן זייערע קינדער צוגעגרייט אַזוי צו שטיין מיט האָפֿענונג און דער תּפֿילה, אַז די וואַנט זאָל דורכגעבראָכן ווערן — און די וואַנט איז ניט דורכ־געבראָכן געוואָרן. דאָס איז אַן עכטע, אַ אידישע איינשטעלונג, אָבער ניט קיין ציוניסטישע איינשטעלונג. דער ציוניזם איז אַ בונט קעגן דער דאָזיקער איינשטעלונג.

און מיר זיינען זיכער געווען, אַז אויב עס וועט קומען אַ רעוואָ־לוציאָנערע סיטואַציע, אויב אין אונזער אויפֿגעברויזטער עפּאָכע און סביבה, וועט קומען אַ לאַגע, וואָס וועט פֿאָדערן אַ נחשון־שפּרונג, אַ לאַגע וואָס זאָל מעגלעך מאַכן זיך אַ רייס צו טאָן באַרג־אַרויף, וועט דער דאָזיקער מעסיקער מאַן, דער מענטש מיטן קאַלטן שׂכל, שטיין בראש פֿון די געוואָגטע נחשונ׳ס, בראש פֿון די באַרג־קלעטערער.

גערדאַ

אַ פול לעבן

מיר אַלע, וועלכע האָבן אים געקענט אין זיינע גאָר יונגע יאָרן, פֿלעגן פֿילאָזאָפֿירן וועגן זיין גרויסקייט אין דער צוקונפֿט. מיר האָבן שוין דעמאָלט געוואוסט, אַז ער איז אַן אויסערגעוויינלעכער רעדנער, אַז ער האָט אַ טיפֿע נייגונג צו פּראָבלעמען פֿון אַ פּאָליטישן כאַראַקטער און צום לעבנס־וועג פֿון אַ שטאַטסמאַן. מיר האָבן געזען זיין ליבע צו דער געשטאַלט פֿון דיזראַעלי, זיין אינטערעס אין די לעבנס־גע־שיכטעס פֿון אַנדערע ענגלישע שטאַטס־מענער, זיין באַוואונדערונג פֿאַר דער פּאַביאַנער געזעלשאַפֿט אין לאָנדאָן. אַ צאָל פֿון זיינע פֿריינד האָבן פֿון אים געלערנט זיך צו אינטערעסירן אין דער ענגלישער פּאָליטיק. אפֿשר דערפֿאַר האָבן מיר צוגעשריבן אַזאַ וויכטיקייט צו חיימ׳ס בילדונג, און מיר האָבן געוואָלט אַז זי זאָל זיין ברייט און גרינטלעך. דאָס איז געווען אַ טייל פֿון אונזער חלום וועגן אַ לעבן פֿון אַ שטאַטסמאַן לויטן ענגלישן מוסטער. מיר האָבן געוואָלט זען אַ גרינטלעכן שטאַטסמאַן, וואָס זיין וויסן שטייט אין דינסט פֿון דער קונסט פֿון פּאָליטיק, אַ שטאַטסמאַן, וועלכער מעסט די קעגנוואַרט מיטן מאָסשטאַב פֿון היסטאָרישע מאָדעלן און שאַפֿט אַליין אין זייער גייסט.

מיר פֿלעגן אים שטענדיק בעטן, ער זאָל זיך ניט איילן, ער זאָל אַ טייל פֿון זיין צייט אָפּגעבן צום לערנען. ער איז דאָך געווען קאָמיש יונג, ער איז נאָך ניט געווען גענוג אַלט צו האָבן וואַל־רעכט בעת ער איז געוואָרן דער פֿירער פֿון אַ ריכטונג אין ציוניזם. אונז האָט געשראָקן די דאָזיקע דערשיינונג פֿון אַ וואונדער־קינד. מיר האָבן מורא געהאַט פֿאַר דער פּריציייטיקער בליאונג, וועלכע איז געפֿערלעך פֿאַר אַ פּאַמעלעכדיקן אויסרייפֿן און פֿאַר אַ שפּע׳דיקער ערנטע.

ער האָט זיך צו די דאָזיקע וואָרנונגען און קריטיק צוגעהערט מיט פֿיל פֿאַרשטענדעניש. ער האָט געגלוסט זיך צו פֿאַרנעמען מיט גרינט־

לעכע שטודיען, אין אים האָט געלעבט אַ ליבע צו דער וויסנשאַפֿט. ער האָט אָבער קיינמאָל ניט געקענט אינגאַנצן פֿאַרבלייבן אין לערנצימער; די באַוועגונג האָט אים צופֿיל געצויגן. אומאויפֿהערלעך פֿאָדערט מען פֿון אים צו רייזן, רעדן, שרייבן. אויך זיינע וויסנשאַפֿטלעכע אַרבעטן: „דער פֿאָלקס סאָציאַליזם״, „די קאָלאָניזאַציע־פֿינאַנצן״, „בריוו וועגן אַמעריקאַנישן אידנטום״ האָבן ניט קיין שייכות מיט „טעאָריע״. זיי זיינען אויסגעוואַקסן פֿון די באַדערפֿענישן פֿון דער באַוועגונג און פֿון דער פּאָליטיק, וועלכע האָבן זיך מיט דער וויסנשאַפֿט באַנוצט ווי מיט אַ הילפֿס־מיטל.

עס האָבן זיך תמיד געפֿונען אויפֿגאַבן, וואָס אַנדערע האָבן ניט געקענט אויספֿירן. אָבער ניט דער אויסערלעכער דרוק אַליין האָט אים אָפּגעריסן פֿון די ביכער. ער אַליין האָט זיך קיין לאַנגע צייט ניט געקענט איינהאַלטן ביים שרייב־טיש. דער עיקר איז אין זיין לעבן געווען די טריבונע: „נעמען די מאַסן אין די הענט״, דיסקוטירן, קעמפֿן פֿאַר זיינע אידעען, אַנאַליזירן, אויסאַרבעטן סטראַטעגישע פּלענער. ער האָט געלעבט אין דער אַטמאָספֿערע פֿון עפֿנטלעכן לעבן.

מיר האָבן דאָס גוט פֿאַרשטאַנען. פֿונדעסטוועגן האָבן מיר געוואָלט שאַפֿן אַביסל אָרדענונג אין דעם גאַנג פֿון דעם דאָזיקן שטורעמדיקן לעבן, אים אַרויספֿירן אויף אַן אויסגעפֿלאַסטערטן וועג. איצט ווייסן מיר די סיבה פֿון אונזער דורכפֿאַל. אין די 34 יאָר האָט זיך געדאַרפֿט אַריינפּרעסן אַ פֿול מענטשן־לעבן. עס איז נגזר געוואָרן, אַז דער דאָזיקער פֿילפֿאַרביקער שיקזאַל זאָל דאַרפֿן זיך אַריינפּאַסן אין אַ באַשרענקטער צייט־מאָס. ער האָט ניט געקענט וואַרטן. ער האָט ניט געקענט מאַכן קיין לאַנג־אָטעמדיקע פּלענער. דערפֿאַר האָט ער אַלץ געכאַפּט מיט פֿולע הויפֿנס.

דערפֿאַר האָט ער קיינמאָל ניט געהאַט קיין אָפּרו. ער האָט קיינמאָל ניט געוואוסט וואָס עס הייסט אַן אַרבעט, וואָס אירע גרענעצן און איר צייט זיינען גענוי באַשטימט. אַנדערע אַרבעטן און אַרבעטן שווער, און נאָכדעם קומט דאָך די רו, קומט אַ צייט פֿון גאָרניט טאָן, די צייט פֿון לעבן. ביי אים איז עס אַזוי ניט געגאַנגען; ער האָט קיינמאָל ניט געענדיקט. דאָס ליכט איז אָנגעצונדן געוואָרן פֿון ביידע זייטן. ער פֿלעגט אַרבעטן און לייענען גאַנצע נעכט. ער האָט ניט געהאַט קיין צייט אויף צו שלאָפֿן, קראַנק צו זיין, ער האָט כמעט ניט געהאַט קיין צייט צום עסן. ער האָט געשפּרייזט מיט אַ כמעט־דערשרעקנדן,

אינטענסיוון ריטם. וואָס ער האָט ניט געטאָן: געשריבן אַרטיקלען, געהאַלטן רעדעס, זיך געטראָפן מיט מענטשן, געלייענט לירישע לידער, שטודירט די געשיכטע פון קאָלאָניזאַציע — אַלץ איז געטאָן געוואָרן אימפּעטיק און איילנדיק. אין די 24 שעה פון מעת־לעת איז אַריינגעפּרעסט געוואָרן אַלץ וואָס עס לאָזט זיך אין דעם דאָזיקן צייט־אָפּשניט אַריינפּרעסן.

עס איז גוט וואָס עס איז אַזוי געווען.

ניט דער וויסנשאַפטלער איז געוואַקסן, נאָר דער טריבון. דווקא אין לעצטן יאָר, ווען ער איז געשטאַנען אויפן העכסטן און געפּער־לעכסטן פּאָסטן, ווען ער האָט געאַרבעט איבער די כוחות, ווען ער האָט זיך אָנגעשטויסן אויף אַ סך שוועריקייטן, ווען ער איז געצוואונ־גען געוואָרן צו קעמפן, ווען ער האָט זיך באַגעגנט מיט קעגנער — ערשט דעמאָלט איז ער געווען — ער אַליין.

עס וואָלטן געקענט קומען נאָך צענדליקער יאָרן פון דעם דאָזיקן לעבן. די קויל האָט אָבער ניט געטראָפן אין אַן אומרייפן וואָרצל, נאָר אין אַ פולקאָם רייפער פּרי. דער טויט האָט געמאַכט אַ סוף צו דער פולער גאַנצקייט. זיין לעבן האָט זיך אומאויפהערלעך אַנטוויקלט אויף איין ליניע, העכער און העכער, ביז דער טויט האָט צו דעם געמאַכט אַ סוף. ער איז אפשר געשטאָרבן אַזוי ווי ער האָט זיך עס קיינמאָל ניט פאָרגעשטעלט — אָבער עס קען זיין אַז אַזוי ווי ער האָט גע'חלומ'ט אין זיין אונטערבאַוואוסטזיין. ער איז באַערדיקט געוואָרן, אפשר, ווי ער האָט געוואָלט באַערדיקט ווערן.

נעקליבענע שריפטן

ניו־יאָרק און ירושלים

בריוו וועגן אַמעריקאַנער אידנטום

ערשטער בריוו

אין דיינע בריוו האַלטסטו אין איין איבערחזרן איין און די זעלבע פֿראַגע, וואָס אַמאָל זאָגסטו זי אַרויס קלאָר און אַן אַנדער מאָל איז זי באַגלייט מיט צווייפֿל און זאָרג: — וואוהין גייט דאָס אַמעריקאַנער אידנטום? מיט וואָס פֿאַר אַ מאָס זאָלן מיר, די בירגער פֿון דעם נייעם אידישן היימלאַנד אין ארץ ישראל, מעסטן די אַנטוויקלונג פֿון דעם דאָזיקן אַמעריקאַנער אידנטום? וואָס זיינען די קרעפֿטן וואָס ווירקן אין דעם דאָזיקן גרויסן גלות־צענטער — דעם נייסטן, דעם גרעסטן, דעם רייכסטן און אויך אויגנשיינלעך זיכערסטן פֿון אַלע גלות־לענדער? טראָגט דער דאָזיקער קבוץ אין זיך בכלל קרעפֿטן? און וואָס טראָגן זיי אין זיך פֿאַר דער צוקונפֿט פֿון אידישן לעבן? פֿירן זיי אפֿשר גאָר צו ירידה און אונטערגאַנג? איך חידוש זיך ניט וואָס די דאָזיקע פֿראַגן באַשעפֿטיקן דיך אַזוי שטאַרק. זיי האָבן דאָך מיך אויך פֿאַרכאַפּט פֿון דער סאַמע ערשטער מינוט וואָס איך האָב אַרויפֿגעשטעלט מיין פֿוס אויף דעם אַמעריקאַנער קאָנטינענט.

יעדעס מאָל וואָס איך טראַכט וועגן אונזער היים, שטעל איך זיך פֿאָר: אַט זיצט איר דאָרטן, די ערשטע הונדערט טויזנט אין אונזער קליין, אָרעם און וויסט לאַנד, איר פֿרייט זיך מיט יעדן בוים וואָס ווערט פֿאַרפֿלאַנצט אין אַ אידישער קאָלאָניע, מיט יעדן הויז וואָס ברייטערט אויס די גרענעצן פֿון דער שטאָט, מיט יעדן קינד וואָס לערנט זיך שטעלן די ערשטע טריט אויף דעם נייעם בעטאָן־שאָסיי, מיט יעדן נייעם מענטשן וואָס אַ שיף ברענגט צו אונזערע ברעגן; איר חשבונט צוזאַמען אַן אייל צו אַן אייל און אַ דונאַם צו אַ דונאַם און ציילט מיט ציטער יעדע נייע הונדערט קאָלאָניסטן. יעדעס בוך וואָס ווערט געדרוקט אויף אונזער שפּראַך — איז אַ געשעעניש, יעדע

קאַסטן אָרגאַנזשן וואָס ווערט אָנגעלאָדן אויף אַ שיף — אַן עקאָנאָמישע דערגרײכונג. און אין דער זעלבער צייט לעבט אויף יענער זייט ים אַ אידישער קבוץ וואָס ווען אינגיכן ציילן פינף מיליאָן נפשות; אַ פאָלק וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַ רינג אין דער קייט פון אַ מעכ־טיקער ווירטשאַפט, וואָס איר גלייכן איז נאָך ניט געווען אין דער געשיכטע, וואָס פון די שיריים פון אירע לוקסוסן און פאַרשווענדעטע קאַפּיטאַלן וואָלטן גאַנצע פעלקער געקענט לעבן צו זאַט; אַ פאָלק וואָס איז טיף פאַרוואָרצלט אין באָדן פון אַ קאָנטינענט וואָס איז באַשאָנקן געוואָרן מיט אומפאַרגלייכלעכע אוצרות פון גאָלד און אייזן, קופּער און אויל, ווייץ און בוימוואָל — און דערפאַר אויך מיט גע־וואַלטיקע מעגלעכקייטן פון ציוויליזאַציע.

כדי איך זאָל דיר קלאָר מאַכן ווי גרויס עס איז דער ווירט־שאַפטלעכער כח פון דעם אַמעריקאַנער אידנטום, איז גענוג צו דער־מאָנען איין פּרט. הערבערט הואווער האָט ניט לאַנג צוריק אָפּגע־שאַצט די יערלעכע הכנסה פון די פאַראייניקטע שטאַטן אויף בערך 90 מיליאַרד דאָלאַר. לאָמיר אָננעמען, אַז די הכנסה פון די אידן אין אַמעריקע אַנטשפּרעכט בלויז זייער פּראָצענט אין דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג — דאָס איז בערך 4% פון די 90 מיליאַרד דאָלאַר אָדער אַרום דריי און אַ האַלב מיליאַרד דאָלאַר אַ יאָר. פאַקטיש איז די יערלעכע הכנסה פון די אַמעריקאַנער אידן פיל גרעסער, וואָרים די אַמעריקאַנער באַפעלקערונג שליסט דאָך אויך איין די מאַסן נעגער, סלאַוואַקן, איטאַליענער און פּאָליאַקן וואָס זייער דורכשניטלעכע הכ־נסה איז דאָך פיל נידעריקער פון דער אידישער. זיצט איר דאָך אוודאי געפּלעפּטע און דערשטוינטע און שטעלט זיך די פראַגע: וואָס איז די באַדייטונג פון די דאָזיקע מיליאָנען מענטשן פאַר אונז, ניט נאָר פאַרן אויפבוי פון דעם נייעם אידישן מלוכה־לעבן, ניט נאָר ווי אַ קוואַל פון עקאָנאָמישער הילף, נאָר דער עיקר ווי אַ רעזערוואואַר פון קראַפט, ווי אַ קולטור־פּאָזיציע, ווי אַ רעזערוו־אַרמיי? און וואָס פאַר אַ באַדייטונג האָבן מיר פאַר זיי — ניט נאָר ווי אַן אָביעקט פון הילף און מיספאַרשטענדעניש נאָר דער עיקר ווי אַ קראַפט־צענטער, ווי אַ קולטור־קוואַל, ווי דער ציל־פּונקט פון זייערע שטרעבונגען?

מען דערציילט, אַז ווען עס זיינען געקומען קיין ניו־יאָרק די ערשטע אידישע אימיגראַנטן, ספרדישע אידן וואָס זיינען געקומען פון האָלאַנד דירעקט אָדער אומדירעקט דורך מערב־אינדישע אינז־לען און דורך די דרום־שטאַטן, האָט דער גאָווערנאָר פּיטער סטיי־

וועסענט געזאָגט: „לאָמיר זיך היטן! די דאָזיקע באַשעפֿענישן זײַנען אַזוי ווי הײַשעריקן. אַז עס באַווײַזן זיך די ערשטע פֿון זיי, איז דאָס אַ סימן אַז אינגיכן וועלן גאַנצע מחנות פֿון זיי באַדעקן די ערד". אין משך פֿון העכער צוויי הונדערט יאָר איז זײַן וואָרנונג ניט מקוים געוואָרן: עס איז געווען ניט מער ווי אַ באַנאַלע פֿראַזע, דער פּראָדוקט פֿון דעם אַלטן פֿאָראורטייל וועגן אידן. איינמאָל, בעת לאָנגפֿעלאָו האָט שפּאַצירט אין איינער פֿון די האַפֿן־שטעט פֿון ניו־ענגלאַנד, האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף אַ חרוב'ער אידישער שול, וואָס איז געשטאַנען אין מיטן פֿון אַ וויסטן אידישן בית־עולם. די אויסטערלישע אידיש־פּאָרטוגעזישע נעמען אויף די מצבות זײַנען שוין געווען גאַנץ אָפּגעריבן. קיינער האָט ניט אַכטונג געגעבן אויף דער אַלטער שול און די אָפּגעלאָזענע קברים. לאָנגפֿעלאָו האָט געמאַכט אַ פּשוט'ן און קלאָרן אויספֿיר: אַ פֿאָלק שטאַרבט און טויטע פֿעלקער שטייען ניט אויף קיין תחית־המתים. ער האָט ניט פֿאָרויסגעזען די צוקונפֿט.

ווער האָט דעמאָלט געקענט דערוואַרטן, אַז אין משך פֿון אַ קורצער צײַט וועלן קומען געשעענישן וואָס וועלן די דאָזיקע לאַגע אײַנגאַנצן ענדערן, און פּיטער סטײַוועסענט'ס נבואה וועט דאָך מקוים ווערן? עס איז געקומען די כוואַליע אידישע אײַנוואַנדערער פֿון דײַטשלאַנד, פֿון די „מענטשן פֿון 1848" — עקסטרעמע דעמאָקראַטן, זין פֿון פֿאַרמעגלעכע סוחרים־פֿאַמיליעס מיט פּראָטעסטאַנטיש־רעפֿאָרמאַטאָרישע אָנשויאונגען. נאָך זיי האָט זיך אַ לאָז געטאָן אַ מבול פֿון אידישער מאַסן־אײַנוואַנדערונג פֿון רוסלאַנד, פּוילן, רומעניע, גאַליציע — איין כוואַליע נאָך דער אַנדערער. ווער וואָלט זיך עס דעמאָלט געקענט פֿאָרשטעלן, אַז הײַנט וועט די צאָל אידן אין אַמעריקע זײַן גרעסער ווי די גאַנצע באַפֿעלקערונג פֿון די ניו־ענגלאַנד שטאַטן אין יענער צײַט? קיינער האָט זיך ניט געקענט פֿאָרשטעלן, אַז עס וועט קומען דער טאָג ווען אַן אויסלענדישער סאָציאָלאָג ווי אַנדרע זיגפֿריד וועט, קוקנדיק אויף די גאַסן פֿון ניו־יאָרק אין די נאָכמיטאָג־שטונדן, די אַזויגערופֿענע rush hours, זאָגן אַז אָפֿטמאָל דאַכט זיך אים, אַז ער געפֿינט זיך אין איינער פֿון די גרויסע אַלטע מזרח־שטעט: נינוה, בבל אָדער אַנטיאָכיע.

מען דאַרף ניט זײַן איינער פֿון אונזערע משיח'ישע מחשבי־הקץ, וואָס חלומ'ען וועגן דעם זיבעטן פֿון אונזער סוד הקיום אָדער זײַן אַ נאָכפֿאָלגער פֿון יענער אידישער געשיכטס־פֿילאָזאָפֿיע, וואָס האָט גע־

שאַפֿן די באַקוועמע שיטה וועגן אידישע רעטונגס־צענטרען, וואָס אַנט־פּלעקן זיך גראָד דעמאָלט ווען זיי זיינען נויטיק, כּדי צו שטיין אַ דערשטויינטער פֿאַר דעם אַמעריקאַנער אידנטום וואָס איז אַזוי אויס־געוואַקסן איבער נאַכט, אין משך פֿון דער קורצער תּקופֿה פֿון 50 אָדער 70 יאָר. יאָ, דאָס איז זיכער געווען אַן אצבע אלוהים אין אונזער נאַציאָנאַלער געשיכטע. אַפֿילו אויב מיר זאָלן די דערשיינונג באַטראַכטן ווי אַ פּראָדוקט פֿון עקאָנאָמישע ענדערונגען און סאָציאַלע טראַנספֿאָר־מאַציעס אין מזרח אָדער צענטראַל־אייראָפּע, נעמט דאָס ניט אַוועק דעם גרויסן היסטאָרישן זכות פֿון דעם דאָזיקן פֿענאָמען. דאָס רוסישע אידנטום זיצט איצט איזאָלירט אויף די חורבות פֿון זיין קולטור אוןווירטשאַפֿט. דאָס אידנטום אין די נייע שטאַטן קאָרטשעט זיך אין די יסורים פֿון אַ כראָנישן קריזיס און אַ האָפֿנונגסלאָזיקייט, וואָס זייער איינציקע מעגלעכע לייזונג קען נאָר זיין אַ גרויסע מאַסן־אויסוואַנ־דערונג — ווען עס וואָלט געווען וואוהין צו גיין. אין אָט דעם מאָמענט דערשיינט אויף דער סצענע דאָס אַמעריקאַנער אידנטום. דאַרף מען זיך וואונדערן וואָס אַלע אויגן זיינען געווענדט אויף דעם דאָזיקן אידנטום? קען זיך דען פֿאַר אונז שטעלן אַן אַנדער פֿראַגע ווי — וואוהין?

אָבער אום צו ענטפֿערן אויף דער דאָזיקער פֿראַגע, דאַרף איך דיר פֿריער עפּעס דערציילן וועגן דעם אַלגעמיינעם הינטערגרונט אויף וועלכן עס שפּילט זיך אָפּ דאָס לעבן פֿון די אַמעריקאַנער אידן. די אידישע ווירקלעכקייט אין אַמעריקע איז ענג פֿאַרקניפּט מיט די באַ־דינגונגען פֿון דער אַלגעמיינער סביבה. ערשט נאָך דעם ווי מיר וועלן אָנצייכענען עטלעכע גראָמעטרישע פּונקטן, וועלן מיר זיך קענען אומ־קערן צו דער גרונט־פֿראַגע, וואָס דו האָסט געשטעלט.

צווייטער בריוו

כּדי צו פֿאַרשטיין די יסודות פֿון אַמעריקע אין יאָר 1929, דאַרפֿסטו זיך, לויט מיין מיינונג, קודם כּל אָפּשטעלן ביי דעם פֿאַקט, וואָס קען דינען אַלס אַ שליסל צו דער איצטיקער לאַגע — דאָס פֿאַרמאַכן די טויערן פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַאַטן פֿאַר דער מאַסן־אימיגראַציע פֿון אייראָפּע. ביז היינט האָט מען נאָך ניט אָנגעהויבן צו פֿאַרשטיין, אַפֿילו אין אידישע קרייזן, אַז די פּראַקטישע רעזולטאַטן פֿון דער דאָזיקער איינוואַנדערונגס־פּאָליטיק רירן זיי אָן דירעקט — אַז דער טאָג אין וועלכן די אַמעריקאַנער אימיגראַציע־באַשרענקונגען זיינען דערגאַנגען ביז צום שליסן די טויערן פֿון לאַנד איז געווען דער ערשטער

טאָג פֿון אַ נייער תּקופֿה אין דער אַנטוויקלונג פֿון אַמעריקע. איך קווינקל זיך נישט צו זאָגן, אַז דאָס איז געווען דער וויכטיקסטער און רעזולטאַטן־פֿולסטערווענדפּונקט אין דער אַמעריקאַנער געשיכטע זינט אַן אייראָפּייִשער אימיגראַנט האָט צום ערשטן מאָל געשטעלט זיין פֿוס אויף די ברעגן פֿון מאַסאַטשוסעטס. אין אַ געוויסן זין האָט זיך אין דעם טאָג אין וועלכן דער אימיגראַציע געזעץ איז אַריין אין קראַפֿט ערשט אָנגעהויבן די אַמעריקאַנער געשיכטע. צייטנווייז איז זיך שווער צו באַפֿרייען פֿון דעם געפֿיל, אַז פֿאַר דיר שטייט אַ גרויס, מעכטיק פֿאָלק וואָס איז בלויז צען יאָר אַלט. אמת, עס זיינען שוין פֿאַראַן יונגע אַמעריקאַנער קולטור קריטיקער, וואָס וואַרפֿן בענקנדיקע בליקן אויף צוריק; וואָס זינגען ליבּ־געזאַנגען דער גרויסער אַמעריקאַנער פֿאַרגאַנגענהייט און פֿאַרגלייכן זי, מיט אַ צעבראָכן האַרץ, מיט דער היינטיקער ירידה. איינער פֿון די דאָזיקע קולטור־קריטיקער, לואיס מאָמפֿאָרד, האַלט, אַז די „גאָלדענע עפּאָכע” פֿון דער אַמעריקאַנער קולטור איז געווען די צייט אין וועלכער עס האָבן געלעבט וואָלט וויטמאַן, ראַלף וואַלדאָ עמערסאָן און הענרי טאָראָ. ווען איך הער די דאָזיקע מאָדערנע קלאָג־לידער דערמאָנט עס מיך אָן יענע בלייכע, ראָמאַנטישע אינגלעך וואָס בעת זיי זיינען זיבעצן יאָר אַלט הויבן זיי שוין אָן צו באַקלאָגן די פּראַכט און גליק פֿון זייער יוגנט. אַ גוטער פֿריינט מיט אַ ביסל שכל הישר וואָלט זיי לייכט געקאָנט עפֿענען די אויגן און איבערצייגן, אַז זיי האַלטן נאָך אַפֿילו ניט ביים אָנהויב פֿון דער אַנטוויקלונג פֿון זייערע מעגלעכקייטן און דעם באַוואוסטזיין פֿון זייער יוגנט־קראַפֿט. די דאָזיקע קולטור־קריטיק קען פֿאַרשטאַנען ווערן בלויז ווי אַ ראָמאַנטישע מעלאַנכאָליע, וואָס פּרובירט איבעררוקן די אַמעריקאַנער „גאָלדענע צייט” אין דער ווייטער פֿאַרגאַנגענהייט. דער וואָס קוקט אויף דעם ענין דירעקט אָן היסטאָרישע פֿאָראורטיילן מוז צוגעבן, אַז עס איז נאָך ניט אויפֿגעגאַנגען די זון פֿון דער אַמעריקאַנער קולטור.

דאָס שליסן פֿון די טויערן, מיט אַלע שרעקלעכע רעזולטאַטן וואָס עס האָט געבראַכט פֿאַר מיליאָנען מענטשן, האָט אַמעריקע געגעבן דעם שטויס אָנצוהויבן אַנטוויקלען אירע אייגענע מעגלעכקייטן. דורך דעם דאָזיקן אַקט האָט אַמעריקע אויפֿגעהערט דינען ווי אַן עקספּערימענטן־סטאַנציע פֿאַר אייראָפּע. עס איז געקומען דער סוף צו די עקספּערימענטן פֿון אייראָפּעער אין אַמעריקע—אַנשטאָט דעם האָט זיך אָנגעהויבן דער זעלבסטשטענדיקער היסטאָרישער עקספּערימענט

פֿון אַמעריקע. ערשט מיטן שליסן פֿון די טויערן איז דאָס לאַנד, אַלס גאַנצע, אַריינגעטראָטן אין אַ איבערגאַנגס־פּעריאָד פֿון ענדערונגען, טראַנספֿאָרמאַציעס און עקאָנאָמישע סאָציאַלע און קולטורעלע איבער־שיכטונגען, וואָס זיינען אַלע פֿאַרבונדן מיטן אָפּשטעלן פֿון דער אימיג־ראַציע. כמעט אויף אַלע געביטן פֿון לעבן האָבן זיך אָנגעהויבן נייע אַנטוויקלונגען, וואָס אין אָנהויב האָט קיינער ניט באַמערקט זייער רעוואָלוציאָנערן כאַראַקטער. זייער ווירקונג וועט זיך ערשט אַנטפּלעקן אין די קומענדיקע יאָרן. לאָמיר נעמען, אַלס ביישפּיל פֿון דער עקאָ־נאָמישער ספֿערע, דעם געבוי פֿון דער אַמעריקאַנער אינדוסטריע.
כּל זמן די איינוואַנדערונג האָט קיין אַמעריקע געשטראָמט אָן אויפֿהער, איז דער געאָגראַפֿישער בוי־פּלאַץ פֿון דער אינדוסטריע באַשטימט געוואָרן, ווי מען פֿלעגט זאָגן, לויט „דער אָריענטאַציע פֿון דער אַרבעט״. אַזוי ווי דער אַרבעטס־פּרייז איז געווען, אין פֿאַרגלייך מיט די פּרייזן פֿון די רוי־שטאָפֿן און עלעקטרישער קראַפֿט, זייער אַ הויכער, האָט די ביליקע אַרבעט וואָס איז אַזוי ברייט אָנגעבאָטן געוואָרן מצד די „גרינע״ אימיגראַנטן געדינט אַלס יסוד פֿון דער היסטאָרישער פּרי־ווילעגירטער פּאָזיציע פֿון וועלכער עס האָבן גענאָסן די אינדוסטריע־צענטרען אויף די ברעגן פֿון אַטלאַנטישן ים. אָבער אַזוי שנעל ווי די טויערן זיינען פֿאַרשלאָסן געוואָרן, און עס איז אָפּגעשטעלט געוואָרן דער רעזערוו־צושטראָם פֿון פּרימיטיווע מאַסן און די אַרבעטס־פּרייזן זיינען סטאַביליזירט געוואָרן, האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּראָצעס פֿון ענדערונגען וואָס האָט זיך נאָך עד היום ניט פֿאַרענדיקט. טראַנספּאָר־טאַציע־קאָסטן זיינען געוואָרן דער אָנגעווייטיקטער פּונקט אין חשבון פֿון די פּראָדוקציע הוצאות. די אינדוסטריע האָט זיך אָנגעהויבן איבער־רוקן צו די קוואַלן פֿון רוי־שטאָף. די שיך־אינדוסטריע אויפֿן אַט־לאַנטישן ברעג האָט זיך איבערגעקליבן אין די פּאַשע־סטעפּעס פֿון די דרום־מערב־שטאַטן אָדער אין די פּאָרטן, אין וועלכע עס ווערן געפֿירט די לעדער־טראַנספּאָרטן פֿון דרום־אַמעריקע. די מעטאַל־אינ־דוסטריע קלייבט זיך אַריבער אין די געגנטן פֿון די קוילן־ און מעטאַל־גרובן. די אונטערשיידן אין דעם אַרבעטס־פּרייז פֿון מזרח און דרום הויבן אָן צו ווערן אַ צוציאונגס־קראַפֿט פֿון דער אינדוסטריע אין דער „סאַוט״, ניט ווייניקער ווי עס איז אַמאָל געווען דער ניי־געקומענער „גרינער״ אימיגראַנט. דער דרום הויבט אָן צו ווערן אַן אינדוסטריעלער צענטער און אין ניו ענגלאַנד שליסן זיך די טעקסטיל פֿאַבריקן. די דרום־שטאַאטן, וואָס האָבן זיך זינט דעם בירגער־קריג געפֿונען אין

אַ צושטאַנד פֿוןווירטשאַפֿטלעכן שטילשטאַנד, באַמיען זיך מיט אַלע כּוחות צו דערמוטיקן און פֿאַרשנעלערן די דאָזיקע טענדענץ. אַזוי ווי אַ בעל־מום האַלט אין איין פּראָקלאַמירן וועגן זיין פֿעלער, האַלטן זיי אין איין לויבן זייערע „מעלות": ביליקע אַרבעטס־הענט, די אָפּוועזנהייט פֿון סאָציאַלע שוץ־געזעצן, נידעריקע שטייערן. לענג־אויס די באַן־ליניעס קען מען אָפֿט זען אַזעלכע משונה׳דיקע אַנאָנסן: „קומט קיין אַלאַבאַמאַ און צאָלט פּראָפֿיטן פֿון אייערע אָפּגעשפּאָרטע שטייערן".

אַז דו ווערסט זיך אויסמאָלן די רעזולטאַטן פֿון דער דאָזיקער אַנטוויקלונג אין אירע ערשטע סטאַדיעס, ווערסטו גרינג פֿאַרשטיין ווי ווייט זי קען פֿירן אין איר פֿולן פֿאַרנעם. איינע פֿון די דאָזיקע רעזולטאַטן איז, צום ביישפּיל, די אַנטשטייאונג פֿון אַ ווייסער רעפּובליקאַנישער פּאַרטיי אין דעם „סאָלידן דרום" און דער פֿאַקט, וואָס אין פֿיר דרום־שטאַטן האָט הואווער באַקומען אַ מערהייט. אַ צווייטער רעזולטאַט: דאָס איבעררוקן פֿון דעם קאַמפּס־פֿעלד פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג, אין איר קאַמף פֿאַרן רעכט זיך צו אָרגאַניזירן, פֿון דעם מזרח־טייל פֿון לאַנד וואו די אָפֿיציעלע אַרבעטער־יוניאָנס זיינען פֿאַרזונקען אין באַלעבאַטישקייט, און וואו זיי שלאָפֿן געשמאַק אויף די לאָרבער־קראַנצן, אין דעם יאָמער־טאָל פֿון דער אינדוסטריעלער אַרבעטערשאַפֿט אין טענעסי און די צוויי קאַראָליינעם. אַ דריטער רעזולטאַט: די ענדערונגען אין דער קוואַנטיטעט סחורות וואָס ווערן טראַנספּאָרטירט מיט דער אייזנבאַן — אַ דערשיינונג, וואָס אירע רעזולטאַטן וועלן קלאָר ווערן ערשט שפּעטער, אָבער וואָס איצט איז שוין זיכער, אַז עס מוז רואינירן די אייזנבאַן־ליניעס, באַזונדערס די קלענערע; עס איז אַפֿילו פֿאַראַן אַ ספֿק, צי די אייזנבאַן־ליניעס, וועלכע געפֿינען זיך איצט אין די הענט פֿון ניט גענוג קאָאָרדינירטע פּריוואַטע געזעלשאַפֿטן, וועלן בכלל קענען דורכפֿירן די אָרגאַניזאַציע־ענדערונגען, וואָס עס פֿאָדערן זיך כּדי זיי זאָלן ווייטער בלייבן עקזיסטירן. גלייכצייטיק האָט דער זעלבער פֿאַקטאָר אויך אַן אַנדער ווירקונג: די אויסוואַנדערונג פֿון מאַסן נעגער פֿון די דרום־שטאַטן אין די שטאַטן פֿון צפֿון־מזרח, וואָס האָט זיך זייער פֿאַרשטאַרקט אַלס רעזולטאַט פֿון דער ברענענדיקער נאָכפֿראַגע אויף אַרבעטס־הענט אין דער לעצטער וועלט־מלחמה. די דאָזיקע נעגער האָבן פֿאַרנומען די ליידיקע אַרבעטס־פּלעצער אין די אומקוואַליפֿיצירטע אַרבעטס־צווייגן און געשאַפֿן נייע נעגער־קוואַרטאַלן אין ניו־יאָרק, אין שיקאַגאָ און אין יעדער אַנדער גרויסער שטאָט אין צפֿון. אַזוי איז צוגעקומען

אַ נייער פּרעמדער און אויסטערלישער מענטשן־עלעמענט צו דעם סאָציאַלן מיש־מאַש אין די דאָזיקע שטעט.

די דאָזיקע סיטואַציע, אַ סיטואַציע פֿון איבערגאַנג און איבער־שיכטונג, האָט זיך אָפּגערופֿן ניט נאָר אויפֿןווירטשאַפֿטלעכן לעבן, נאָר אויך — אויב מיר זאָלן אַ קוק טאָן אויף דער צווייטער זייט פֿון דער מטבע — אויף דער דערציאונג און דעם קולטור־לעבן. כּל־זמן די אימיגראַציע האָט אומאויפֿהערלעך אַריינגעשטראָמט אין לאַנד, איז אויף דער דערציאונג און דעם קולטור־לעבן געלעגן אַ שטעמפּל פֿון אימיגראַציע. אין אויסלאַנד איז באַקאַנט געווען אַ מענטשלעכער טיפּ וואָס טראָגט דעם נאָמען „יענקי" — אַ געלט־גייציקער, אַ האַר־טער מענטש, וועלכער באַזיצט, אמת, אויך אַ חוש פֿאַר הומאָר. אָבער דער דאָזיקער טיפּ איז געווען ניט מער ווי אַ קאַריקאַטור פֿון דער אמתער אַמעריקע. ווי עס ווייזט אויס, האָט מען אין אויסלאַנד ניט געוואָלט זען עפּעס אַנדערש ווי די דאָזיקע קאַריקאַטור פֿון אַמעריקע. פֿאַקטיש האָט דאָס אַמעריקאַנער קולטור־לעבן אין יענער צייט מיט זיך פֿאָרגעשטעלט אַ פֿאַרבנרייכע פּאַנאָראַמע פֿון טיפּן און דערשיי־נונגען, זיטן און שפּראַכן, סאָציאַלע גרופּירונגען און אינסטיטוציעס. אַזוי איז שוין, אייגנטלעך, געווען אין דער קאָלאָניאַלער עפּאָכע: די רייכע שיף־אייגנטימער און סוחרים אויף די ברעגן פֿון ניו־ענגלאַנד און די קולטור־וועלט פֿון באָסטאָן, ניו־פּלימוטה, סאַלעם, אַנט־קעגן די פּרייהייט־שכור'ע יעגער און וואַלד־איינוואוינער וואָס האָבן געלעבט אין גראָבע, כּמעט ווילד־פּרימיטיווע אומשטענדן; די לייכט־זיניקע דזשענטלמען־פּלאַנטאַטאָרן און שטאָטס־פֿילאָזאָפֿן ביי דער זייט פֿון די פֿאַנאַטישע פּרעדיקער פֿון פּוריטאַניזם און די וואַנדערנ־דיקע „מגידים" אין די אָרעמע קירכעס, וואָס זיינען געווען צעוואָרפֿן אין די וועלדער. ניט בלויז ניו־יאָרק אַליין (וועלכע איז לויט דער מיינונג פֿון איין שרייבער אינגאַנצן ניט קיין טייל פֿון אַמעריקע), האָט דעמאָלט מיט זיך פֿאָרגעשטעלט אַ געמיש פֿון געשטאַלטן און אַ פֿאַרבנרייכע שפּע פֿון קולטור־טיפּן, נאָר אויך די לאַנדווירטשאַפֿט־לעכע שטאָטן פֿון מיטל־מערב מיט זייערע סקאַנדינאַווישע און דייי־טשישע געגנטן, מיט זייערע שטעטלעך, דערפֿלעך, טעאַטערס, צייי־טונגען, יום־טובים און לידער. דאָס הייסט ניט, אַז דעמאָלט איז אינ־גאַנצן ניט פֿאָרגעקומען קיין „אַמעריקאַניזאַציע"־פּראָצעס. אָבער כּל־זמן די אימיגראַציע־כוואַליעס האָבן זיך כּסדר געטראָגן צו די ברעגן פֿון לאַנד איז דער דאָזיקער פּראָצעס געווען אַ פּאַמעלעכדיקער, אַביסל

אַ מטושטש׳דיקער, אַמאָל אַ פֿאַרשטעלטער און אַמאָל האָט ער זיך אינגאַנצן אָפּגעשטעלט — אַלץ איז געווען אָפּהענגיק פֿון דעם פֿאַרנעם פֿון דער אימיגראַציע. בעת די טויערן זיינען אָבער געשלאָסן געוואָרן און דער קולטורעלער רעזערוואָר־קוואַל פֿון די אייראָפּעאישע לענדער איז אינגאַנצן אָפּגעשניטן געוואָרן, האָט דער דאָזיקער פּראָצעס באַקומען די פֿולע איבערהאַנט. אין דעם זעלבן מאָמענט האָט אויך די איינהייטלעכע אַמעריקאַנער דערציִאונג אין די פֿאָלקס־שולן און הויך־שולן, וואָס נעמען אַרום לויט אַ באַשטימטער אָפֿיציעלער פּראָגראַם אַלע שטאַטן פֿון דעם אַטלאַנטישן ים ביז דעם פּאַציפֿישן און פֿון דעם מעקסיקאַנישן אויסגוס ביז די גרויסע אָזערעס, אָנגעהויבן אויסצואיבן איר געוואַלדיקע ווירקונג אויף דער געשטאַלטונג פֿון דער אַמעריקאַנער קולטור. מען דערציילט, אַז אַ פֿראַנצויזישער מיניסטער האָט זיך איינמאָל באַרימט, אַז אין די שולן פֿון זיין לאַנד איז ניטאָ קיין איין שעה ווען אַלע תּלמידים איבערן גאַנצן לאַנד זאָלן ניט שטודירן די זעלבע לעקציע. אָט אַזאַ צענטראַליזאַציע, וואָס איז ביי דעם פֿראַנצויז געווען ניט מער ווי אַ פּוסטע באַרימעריי, איז אין אַמעריקע, כאָטש גייסטיק מער ווי פּראַקטיש, געוואָרן אַ ווירקלעכקייט אין אַן אומגעהייערן מאָסשטאַב. עס איז אַ מין גיגאַנטישע מאַשין וואָס איר פּראָדוקציע איז — די יוגנט פֿון אַ מיליאָנען־פֿאָלק וואָס ווערט אויסגעגאָסן אין קליינע פֿורעמס, ווערט איינגעפּאַקט לויטן עלטער, איז אינגאַנצן פֿון איין שטיק, ווערט דערצויגן דורך איין לייען־בוך, האָט דעם זעלבן בליק אויף „סוקסעס״ און ווערט געהאָדעוועט אויף דעם זעלבן קולט פֿון דעם איין און איינציקן אַמעריקאַניזם און אויף איין ספּאָרט־אידעאַל. צום גוטן אָדער צום שלעכטן פֿאַרנעמט די דאָזיקע מענטשלעכע אַנגראָ־פּראָדוקציע אַלץ מער און מער די ערשטע רייען — זי רעפּרעזענטירט מיט זיך די נייע אַמעריקאַנער קולטור. עס וואַקסט איצט אויף דער ערשטער דור, וואָס איז אויפֿגעהאָדעוועט געוואָרן אָן דעם מינדעסטן אייראָפּעאישן איינפֿלוס. דער דאָזיקער דור שטעלט מיט זיך פֿאָר דעם אַמעריקאַנער צוקונפֿט־טיפּ. דער דאָזיקער פֿאַקט טראָגט אין זיך וויכטיקע קאָנסעקווענצן פֿאַר אַלע געביטן פֿון דעם אַמעריקאַנער לעבן.

דריטער בריוו

דער אַלטער אַמעריקאַנער אידעאַליזם, נאָך וועלכן עס בענקען אַזוי שטאַרק די פּעסימיסטישע קולטור־קריטיקער, איז געווען אַן

אידעאַליזם פֿון אַ קאָלאָניאַל אימיגראַציע־לאַנד. אויך ער וועט מוזן דורכמאַכן אַ שווערן קריזיס, אַלס אַ רעזולטאַט פֿון דער ענדערונג אין די באַדינגונגען, וואָס האָבן אים געבראַכט אויף דער וועלט און פֿון וועלכע ער האָט געצויגן זיין יניקה.

איינוואַנדערונג און קאָלאָניזאַציע האָבן שטענדיק געשעפּט פֿון ספּעציפֿישע קוואַלן, וואָס האָבן סטימולירט אידעאַליזם. דער ערשטער קוואַל איז די אָביעקטיווע לאַגע פֿון דעם לאַנד אַליין, ווי זי שפּיגלט זיך אָפּ אין דעם זעלישן לעבן און די אינטעלעקטועלע השגות פֿון זיינע איינוואוינער. דאָס לאַנד געפֿינט זיך אין אַ צושטאַנד פֿון דעראָבערונג און קאָלאָניאַלער אויסשפּרייטונג. גאַנצע לענדער גאַרן נאָך פּיאָנירן, נאָך מענטשן וואָס זאָלן קומען און מיט זייער אַקער־אייזן צום ערשטן מאָל עפֿענען דאָס האַרץ פֿון די האַרטנעקיקע סטעפּעס. כּל־זמן דער צוטריט צום באָדן איז אַ פֿאַרהעלטנישמעסיק גרינגער און אַ ביליקער, איז גרויס די נאָכפֿראַגע אויף אַרבעטנדיקע הענט אין אַלע צווייגן פֿון דער אינדוסטריע און דעם האַנטווערק. פֿון דאַנען קומט די פֿאָדערונג נאָך אַ גרעסערער איינוואַנדערונג. אויף דער דאָזיקער עקאָנאָמישער באַדערפֿעניש ווערט אויפֿגעבויט די גאַנצע סיסטעם פֿון אידעאַליזם — אָנהויבנדיק פֿון די פֿאַלשע טעאָריעס פֿון רוסאָ, וואָס רעדן וועגן דער באַנייאונג פֿון מענטשן וועלכער אַנטלויפֿט פֿון דער אייראָפּעאישער ירידה אין שויס פֿון די אייביקע וועלדער, און ענדיקנדיק מיט דער טעאָריע פֿון אַזיל־רעכט פֿאַר יעדן ליידנדן און געקריוודעטן מענטשן און דער פֿליכט צו פֿאַרטיידיקן יעדן גע׳רודפֿ׳טן און געמאַטערטן אין דער וועלט. די פּאַרטיי פֿון די Know Nothings (דאָס הייסט, „די וואָס ווילן פֿון גאַרניט ניט וויסן" אויסער פֿון אַמעריקע), די פֿיינד פֿון די פֿרעמדע, איז געווען אַ קליינע און פֿאַרהאַסטע מינדערהייט. אַפֿילו היינט קען מען אין ניו־יאָרק געפֿינען אַלטע רוסישע אידן, וואָס דערציילן ווי אַזוי מען האָט זיי מיט פֿערציק אָדער פֿופֿציק יאָר צוריק מקבל פּנים געווען מיט ליבגעזאַנגען און התלהבות און זיי אָפּגעגעבן כּבוד, ווי די אומשולדיקע קרבנות פֿון צאַרישער דעספּאָטיע און רעליגיעזע רדיפֿות. זינט דעמאָלט זיינען פֿאַרגאַנגען ניט מער ווי פֿערציק יאָר — אָבער עס דוכט זיך, אַז עס איז אַ גאַנצע אייביקייט. דאָס לאַנד איז דעמאָלט געווען יונג, די באַפֿעלקערונג — אַ שיטערע. די מעגלעכקייטן זיינען געווען כּמעט אומבאַגרענעצטע. די קאָנקורענץ האָט נאָך ניט געדריקט ביז צום קליינלעכן קאַמף פֿאַרן שטיקל ברויט. די קלאַסן־אונטערשיידן

האָבן נאָך ניט געשפּילט אַזאַ פֿיינלעכע ראָליע אין די צווישן־מענטשלעכע באַציאונגען. עס איז נאַטירלעך, אַז אויף אַזאַ באָדן זאָלן בליִען די אידעאַלן פֿון גלייכקייט פֿון יעדן איינעם וואָס טראָגט אַ צלם אלהים, פֿון „גלייכע געלעגנהייטן״ פֿאַר יעדן מענטשן צו וואַקסן און שטייגן, פֿון דעם יחידס רעכט טעטיק צו זיין ווירטשאַפֿטלעך אָן שטערונגען און אָן באַפֿעלן פֿון אויבן.

דער צווייטער מקור פֿון וועלכן עס האָט זיך געשפּייזט דער ספּעציפֿישער אידעאַליזם פֿון דעם קאָלאָניאַל־לאַנד, איז געווען דער אַזוי־גערופֿענער „פֿראָנטיר״ — די גרענעץ פֿון דעם קולטור־ישוב ביז וועלכער די פּיאָנערן זיינען אַריינגעדרונגען. די פֿאָרשונגען פֿון דעם אַמעריקאַנער היסטאָריקער טורנער האָבן געוואָרפֿן פֿיל ליכט אויף דעם דאָזיקן פֿאַקטאָר. אין זיין בוך The Frontier in American History האָט ער באַוויזן, אַז די אַמעריקאַנער גרענעץ־ישובים, וואָס זיינען געווען געוואוינט צו אַ שווערן לעבן, אין אַ ווילדער סביבה, אַ לעבן פֿון פֿרייהייט, גלייכהייט און פּערזענלעכער פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט, מיט זייערע איינוואוינער וואָס האָבן זיך געשטיצט אויף זיך אַליין און ניט געהאַט קיין צוטרוי אין ביוראָקראַטיע, זיינען שטענדיק געווען די טרעגער פֿון דעם פּאָליטישן און סאָציאַלן ראַדיקאַליזם אין דער אַמעריקאַנער געשיכטע. עס איז כאַראַקטעריסטיש וואָס די איינציקע אָריגינעל־אַמעריקאַנישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג, די I. W. W., איז ניט געקומען פֿון די אינדוסטריעלע צענטרען, פֿון די אַספֿאַלט טראָטואַרן פֿון די גרויסע שטעט, נאָר פֿון דעם „פֿראָנטיר״, פֿון די לאַגערן פֿון די וואַלד־אַרבעטער אין מערב, פֿון די קוילן־גרעבער שטעטלעך אין קאָלאָראַדאָ, פֿון די נאַכטפֿייערן פֿון די טראַטווע־פֿירער אין קאַנאַדע. אַפֿילו אין די פּאָליטישע באַציאונגען פֿון די לאַנדווירטשאַפֿטלעכע שטאַטן אין מערב־טייל פֿון אַמעריקע איז עד היום פֿאַרבליבן עפּעס פֿון דעם גייסט פֿון „פֿראָנטיר״. איבער די פּאַפּירן, וואָס זיינען אָנגעהויפֿט אויף די טישן פֿון די רעגירונגס־ביוראָס און שטאַטלעגיסלאַטורן, בלאָזט אַ פֿרישער ווינט וואָס קומט פֿון די אַרומיקע וועלדער, דער אַגרעסיווער ווינט פֿון אידעאַליזם רייסט אויף פֿענצטער, רייניקט אויס אינסטיטוציעס און באַנייט די יוגנט פֿון אינסטיטוציעס, אידעאַלן און זייערע טרעגער וואָס שטייען שוין אויף דעם שוועל פֿון אונטערגאַנג.

דער דריטער מקור, וועלכער איז ניט ווייניקער וויכטיק פֿון די פֿריערדיקע, איז דער אימפּאָרט פֿון פֿאַרטיקע אידעאַלן, וואָס קומען

צוזאַמען מיט דער איינוואַנדערונג. די אימיגראַנטן האָבן מיט זיך גע־בראַכט ניט נאָר זייערע אַרבעטס־מכשירים, זייער ביבל, זייערע אַבער־גלויבנס, זייערע מאכלים, געטראַנקען און קליידער, נאָר אויך מוחות און דעם פּראָדוקט פֿון די דאָזיקע מוחות — אידייען, אידעאַלן און פֿאַנטאַזיעס; רעזולטאַטן פֿון אַ לענגערער היסטאָרישער אַנטוויק־לונג אין זייערע פֿאָטערלענדער. זיי האָבן אין דעם נייעם לאַנד מיטגעבראַכט ניט נאָר דעם סטאַטישן לעבנס־שטייגער פֿון זייערע געבורטס־לענדער, נאָר אויך די באַגריפֿן פֿון דער אַלטער היים וועגן דעם וואָס די געזעלשאַפֿט דאַרף זיין. אידעאַלן, וואָס זיינען רייף גע־וואָרן אונטער אַן אַנדער זון, זיינען מיט יעדער אימיגראַנטן־שיף געבראַכט געוואָרן צו די ברעגן פֿון עליס־איילאַנד. יעדע אימיגראַנטן־כוואַליע האָט געבראַכט איר מתנה: די איינוואַנדערער פֿון יאָר 1630 האָבן געבראַכט זייער „מלכות השמים" און זייער פּוריטאַנישן ראַדי־קאַליזם; אין יאָר 1700 בערך זיינען שוין אַוודאי קענטיק געווען די שפּורן פֿון די „נאַטירלעכע רעכט" און די לערעס פֿון גראָציוס; אין יאָר 1800 זיינען פֿון אייראָפּע אַריינגעשמוגלט געוואָרן יאַקאָבינישע אידייען, נאַפּאָלעאָן־קולט — פֿראַנצויזישע פּראָדוקטן — שנאה קעגן דעספּאָטיע און פּיעטיסטישע פֿרומקייט; אין יאָר 1848 דערגרייכן צו די ברעגן פֿון דער גרויסער רעפּובליק עפּיגאָנישע רעפּובליקאַנער טע־אָריעס, ראַדיקאַל־דעמאָקראַטיש פֿריזירט; אין יאָר 1890 קומט פֿון דייטשלאַנד די סאָציאַליסטישע טעאָריע מיט אַלע אירע פּרטים און ניואַנסן און מיט איר טיפֿער שנאה צו ביסמאַרקן; אין יאָר 1900 בערך ווערט פֿון רוסלאַנד אימפּאָרטירט אַ נייע געשיכטס־פֿילאָזאָפֿיע און אַ סאָציאַליסטישער משיחיזם. אָט די אַלע אַלטע אידייען און אידע־אַלן ווערן פֿאַרפֿלאַנצט אין דעם נייעם באָדן. און כּל זמן די מאַסן־אימיגראַציע האָט מיט זיך יעדן יאָר געבראַכט רעזערוו־אַרמייען פֿון געזינונגס־חברים, איז ניט פֿאַרלוירן געגאַנגען די האָפֿענונג, אַז די דאָזיקע אידעאַלן וועלן שלאָגן וואָרצלען און זיך פֿונאַנדערבליִען אין דעם נייעם לאַנד.

ביי דער זייט פֿון די דאָזיקע גרויסע שטראָמען זיינען געווען קליינע פֿאַמעלעך־פֿליסנדיקע ריטשקעס, וועלכע מען דאַרף אויך ניט מבטל זיין. כּמעט אין יעדן ברייט אָפֿענעם לאַנד קומט מיט דער אימיגראַציע אַ גרויסע צאָל פֿון יחידים וואָס לויט זייער זעלישער סטרוקטור זיינען זיי על־פּי־רוב אין אַ גרויסער מאָס אויסצואיבן אַן איינ־פֿלוס אויף דעם כאַראַקטער פֿון זיינע פּאָליטישע און סאָציאַלע אידע־

אַלן. דאָס זײַנען פּאָליטישע פֿירער וואָס זײַנען פֿאַרטריבן געוואָרן פֿון זייערע געבורטס־לענדער, גע׳רודפֿ׳טע פּרעדיקער און פּאַרטיי־שרײַבער און כּל׳ערליי פּאָליטישע פֿליכטלינגען, וואָס זוכן זיך אַ מקום מקלט. עס איז כּמעט ניט געווען קיין איין רעוואָלוציאָנערע אָדער קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע כוואַליע אין אייראָפּע, וואָס האָט צו די ברעגן פֿון אַמעריקע ניט געבראַכט אַ צאָל באַגאַבטע מענטשן פֿון דעם דאָזיקן פֿירער־טיפּ — די טשאַרטיסטן־באַוועגונג אין ענגלאַנד און די לאַנדווירטשאַפֿטלעכע אומרוען אין אירלאַנד, די פּאַריזער קאָמונע און דער פּוילישער אויפֿשטאַנד. ניט נאָר אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן, נאָר אַפֿילו אין אויסטראַליע און ניו־זעלאַנד האָבן די דאָזיקע מענטשן געשפּילט בולט׳ע ראָליעס אין די קאָלאָניאַלע רעפֿאָרם־באַוועגונגען. דאָרטן זײַנען זיי געוואָרן די טרעגער פֿון פּאָליטישן אידעאַליזם, דאָרטן האָבן זיי געפֿונען די געלעגנהייט אים צו געבן אַ שטאַרקערן אויסדרוק ווי אין זייערע געבורטס־לענדער, וועלכע האָבן ניט אָפּגעשאַצט זייערע באַמיאונגען.

צו דעם דאָזיקן טיפּ דאַרפֿן אויך צוגערעכנט ווערן די אידעאַליסטן און רעפֿאָרמאַטאָרן וואָס האָבן זייערע געבורטס־לענדער פֿאַרלאָזן ניט אויס צוואַנג, נאָר אויס אַנטוישונג. נאָך דעם ווי זיי האָבן ניט באַוויזן צו פֿאַרווירקלעכן זייערע חלומות אין זייערע היימען, האָבן זיי פֿרייוויליק הינטער זיך פֿאַרברענט אַלע בריקן און אַוועק אין דעם קאָלאָניאַל־לאַנד כּדי דאָרטן צו פֿאַרווירקלעכן זייער וויזיע. דער יונגפֿרוילעכער באָדן פֿון סטעפּ און אורוואַלד האָבן די הערצער געמיניעט ווי דער נאַטירלעכער פּלאַץ פֿאַר מוסטערהאַפֿטע, גוט־געפּלאַנטע און גוט־אַדמיניסטרירטע שטאַטן, אין וועלכע עס זאָל פֿאַרווירקלעכט ווערן די אָדער יענע מאַקסימום־פּראָגראַם. סען־סימאָניסטן און מאָרמאָנען, יעזואיטן און אַנאַרכאָ־קאָמוניסטן האָבן צווישן זיך קאָנקורירט אין שאַפֿן קאָנקרעטע מוסטערן פֿון זייערע שטרעבונגען אין דער נײַער וועלט. מיט הונדערט יאָר צוריק האָט אַ סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע אין עלזאַס אויסגעאַרבעט אַ פּראָגראַם פֿון אויסוואַנדערונג קיין טעקסאַס, כּדי דאָרטן, וואו מען דאַרף ניט מורא האָבן פֿאַר קיין רעגירונג מיט פֿאָראורטיילן, צו בויען אַ מוסטער־קאָלאָניע אין איינקלאַנג מיט זייער פּאַרטיי־פּראָגראַם. אויך מיר, אידן, האָבן געהאַט אונזער נאַציאָנאַלן חלק אין דער דאָזיקער סאָציאַלער שטרעמונג דורך דער עם־עולם באַוועגונג, וואָס האָט זיך קיין אַמעריקע אַרויסגעלאָזן אין איין און דער זעלבער צײַט מיט דער ארץ־ישראל׳דיקער בילו־באַוועגונג, מיט אַ פּראָגראַם פֿון מוסטער־קאָלאָניזאַציע.

ציענדיק זיין יניקה פֿון אָט די אַלע און ענלעכע קוואַלן, האָט ברייט געשטראָמט דער טייך פֿון אידעאַליזם אין דעם קאָלאָניאַלן איינוואַנדערונגס־לאַנד. די יונגע פֿאַראייניקטע שטאַטן (און אויך די אַנדערע אימיגראַציע־ און קאָלאָניזאַציע־געביטן אויף יענער זייט ים) זיינען אין דער אַלטער וועלט באַטראַכט געוואָרן ווי פֿרייהייטס־פֿעסטונגען, ווי אַ ברייט פֿעלד פֿאַר סאָציאַלע און פּאָליטישע רעפֿאָרמעס, ווי אַ מעכטיקע סאָציאַלע לאַבאָראַטאָריע און אַ וויכטיקע עקספּערימענטאַל־סטאַנציע, ווי אַ מקום מקלט פֿאַר גע'רודפֿ'טע — דאָס הייליקע לאַנד פֿון פּראָגרעס, דעמאָקראַטיע און מענטשלעכער ברידערלעכקייט.

אָבער אין דער מאָס וואָס דאָס לאַנד האָט זיך אַנטוויקלט און דער טעמפּאָ פֿון דער קאָלאָניאַלער עקספּאַנסיע איז שוואַכער געוואָרן, וואָס דער פֿרייער באָדן איז פֿונאַנדערגעטיילט געוואָרן צווישן פּריוואַטע באַזיצער, וואָס די האַפֿן־שטעט זיינען פֿולער געוואָרן מיט אַרבעטס־זוכער — איז אַלץ מער און מער אָפּגעבליאַקעוועט געוואָרן די שיין פֿון דעם אידעאַליזם און ער איז אַלץ מער פֿאַרשטופּט געוואָרן אין אַ ווינקל. דער „פֿראָנטיר" רוקט זיך אַלץ ווייטער און ווייטער, ביז וואַנען ער ווערט אינגאַנצן פֿאַרשוואונדן — צוזאַמען מיט די טרוימען וואָס ער האָט געשאַפֿן. נייע טענדענצן, גאָר ניט קיין אידעאַלע, שווימען אויף. די אַנטוויקלונג פֿון יענע פּראָדוציר־כּוחות, וואָס זיינען אַנטדעקט געוואָרן אין דער תּקופֿה פֿון דעראָבערונג, די קאָאָרדינירטע פֿאַר־טיידיקונג פֿון דעם נאַציאָנאַלן רייכטום כּלפּי חוץ, דאָס אָפּהיטן פֿון דעם הויכן לעבנס־סטאַנדאַרט קעגן קאָנקורענץ פֿון ביליקער אימיג־ראַנטן־אַרבעט, די פֿאַרטיידיקונג פֿון די ראַסן־אייגנשאַפֿטן קעגן דער „אומריינקייט" פֿון די „מינדערווערטיקע" אימיגראַנטן־פֿעלקער — אָט דאָס זיינען די פֿאָדערונגען פֿון דער נייער עפּאָכע. די פּאַרטיי פֿון די Know Nothings באַקומט אַלץ מער און מער אָנהענגער. אין דעם מאָמענט וואָס די טויערן פֿון לאַנד ווערן פֿאַרהאַקט — ווערט פֿאַר־זיגלט דער גורל פֿון דעם אַלטן אידעאַליזם. די אַלטע אידעאַלן הויבן זיך אָן אויסצוּוועפּן, די סאָציאַלע און פּאָליטישע באַוועגונגען וואָס זיינען געבויט געוואָרן אויף זייער יסוד טרעטן אַריין אין דער סטאַדיע פֿון אַלטקייט, זיי פֿאַרלירן זייער צוציאונגס־קראַפֿט — און עס הויבט זיך אָן די דעגענעראַציע. אומאויפֿהערלעכע אינערלעכע קאָנפֿליקטן אין פֿאַרשטיינערטע אָרגאַניזאַציעס, שטענדיקע שפּאַלטונגען און אומ־אויפֿהערלעכע רעאָרגאַניזאַציעס — דאָס זיינען די סימנים פֿון דער אויפֿלייזונג. די דאָזיקע באַוועגונגען ווערן אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זייערע

פּעדעסטאַלן און ווערן פֿאַרוואַנדלט אין ווינקל־באַוועגונגען, וועמען קיינער שענקט ניט קיין אויפֿמערקזאַמקייט. דאָס איז דער גורל פֿון אַלע אימפּאָרטירטע אידעאָלאָגיעס און אַלע באַוועגונגען וואָס שטיצן זיך אויף אימיגראַנטן־מאַסן, דער גורל פֿון דער אַלטער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, וואָס האָט אַהער געבראַכט איר פּאַרטיקע פּראָגראַם, וואָס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אין אַ דייטשער, רוסישער אָדער עסטרייכישער „פֿאַבריק" און האָט זיך אינגאַנצן געשטיצט אויף דעם אימיגראַנטן־קוואַרטאַל. דאָס איז דער סוף פֿון אַלע דייטשישע קולטור־פֿאַריינען און טעאַטער־געזעלשאַפֿטן, פֿון אַלע רעפֿאָרם־באַוועגונגען און ליבעראַלע קרייזן פֿון דעם דאָזיקן טיפּ. סטאַגנאַציע, אויפֿלייזונג, רע־אָרגאַניזאַציע, ווינקל־עקזיסטענץ און פֿונאַנדערפֿאַל. עס קומען די שווערע איבערגאַנגס־צייטן, ווען די אַלטע אידעאַליסטן פֿאַרצווייפֿלען אין זיך אַליין און אין אַמעריקע.

און פֿונדעסטוועגן איז דאָס ניט מער ווי אַ נויטווענדיקע היסטאָרישע סטאַדיע. אויף דעם באָדן, וואָס איז באַמיסטיקט געוואָרן מיט אַלטע טרוימען און טרוימער, מיט רעפֿאָרמעס און רעפֿאָרמאַטאָרן, קען אויסוואַקסן אַ נייער, היימישער, אַמעריקאַנער אידעאַליזם. דאָס מאָל וועט עס ניט זיין קיין פּראָדוקט פֿון אַ קאָלאָניאַל אימיגראַציע־לאַנד, נאָר פֿון דעם רייפֿן און אייגנאַרטיקן לעבן פֿון אַ ריזיקן כּלל. די ערשטע קאָנטורן פֿון דעם דאָזיקן נייעם אידעאַליזם שפּראָצן שוין היינט אַרויס אויפֿן האָריזאָנט.

פּערטער בריוו

אין דער אַנטוויקלונג פֿון דעם אַמעריקאַנער אידנטום שפּיגלען זיך אָפּ מיט אַ טראַגישער גענויקייט אַלע טענדענצן פֿון דער אַלגעמיינער אַנטוויקלונג. איך האָב דאָ באַגעגנט אַן אַלטיטשקן אידן, איינעם פֿון די ווייניקע וואָס זיינען נאָך פֿאַרבליבן פֿון זיין טיפּ, געקליידט אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע און מיט אַ גרויסער שיינער באָרד. אַז איך האָב אים געפֿרעגט אויף וואָס פֿאַר אַ שפּראַך ער רעדט האָט ער געענטפֿערט מיט אַ שמייכל: „פֿון וואַנען זאָל איך קענען רעדן ענגליש? איך בין דאָך אין אַמעריקע בלויז 26 יאָר". דער דאָזיקער אַלטיטשקער איז אין אַ געוויסער הינזיכט אַ סימבאָל פֿון דעם אַמעריקאַנער אידנטום אין דער פּעריאָד פֿון מאַסן־אימיגראַציע.

דער בולט־סטער שטריך פֿון דעם אַמעריקאַנער אידישן לעבן אין יענער תּקופֿה איז געווען קאָנסאָלידאַציע—די אינערלעכע קריסטאַ־

ליזאַציע, ווי איין סאָציאַלער קערפּער, און די אָפּגעשלאָסנקייט פון דער אויסערלעכער וועלט. דאָס איז געווען די „גאָלדענע תּקופה" פון דער איסט־סייד. פון דעם ערשטן אימיגראַנטן־דור, די ספרד׳דישע אידן, איז געבליבן אַ קליין אומבאַדייטנד הייפל, וואָס איז נאָך דעם אינגאַנצן פאַרשוואונדן. די אידישע איינוואַנדערער פון דייטשלאַנד, וואָס האָבן געשלאָגן וואָרצלען אין דעם נייעם באָדן און זיך צוגעוואוינט צו דער ראַליע פון שליחי צבור פאַר די אַלגעמיינע אידישע אינטערעסן, זיינען אויך רעדוצירט געוואָרן צו אַ קליינער מינדערהייט. די „געפאַר" פון דעם איינגעוואַנדערטן אידישן המון פון מזרח־איראָפּע האָט אויף דער דאָזיקער מינדערהייט אָנגעוואָרפן אַ שרעק און באַדראָט איר קולטור־פּאָזיציע, איר סאָציאַלן פּרעסטיזש און פּאָליטישער פרייהייט. די דייטשע אידן האָבן זיך איזאָלירט און דעמאָנסטראַטיוו אָקצענטירט די דאָזיקע איזאָלאַציע. אָבער אין יענער צייט האָט זיך אָנגעהויבן די גאָלדענע עפּאָכע פון דער איסט־סייד.

שטעל זיך פאַר דריי ברידער פון איין פאַמיליע, וואָס זיינען פון ביאַליסטאָק, ראָמני אָדער וואָלקאָוויסק, געקומען קיין ניו־יאָרק אין אָנהויב פון דעם איצטיקן יאָר הונדערט. דער איינגסטער איז, לאָמיר זאָגן, געווען אַ בונדיסט וואָס האָט מיט זיך מיטגעבראַכט זיין גרייטע בונדיסטישע אידעאָלאָגיע. אין גאַס אויף איסט בראָדוויי אָדער סעקאָנד עוועניו באַגעגנט ער הונדערטער און טויזנטער געזינונגס־פריינד. זיי גרינדן דעם ערשטן אַרבעטער־פאַריין, די ערשטע אידישע טעגלעכע אַרבעטער־צייטונג, און אָרגאַניזירן אַ קולטור־אָרגאַניזאַציע מיטן נאָמען „אַרבעטער־רינג". אַפילו היינט, בעת איך גיי אין אָוונט פאַרביי דער „פאָרווערטס"־געביידע און זע ווי דער נאָמען פון דער צייטונג שיינט אַרויס, אין אידיש און ענגליש, אין גיגאַנטישע עלעקטרישע בוכשטאַבן פון דער נאַכט־פינצטערניש, וואָס הילט איין מאַנהעטן און ברוקלין, שטיי איך אַ פאַרגאַפטער פאַר דעם מוט און דעם גלויבן פון די גרינדער פון דער אַלטער אידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין דעם דאָזיקן פלאַץ. וואָס אַרט מיר איצט וואָס זיי זיינען געווען „קאָסמאָפּאָליטן"? דער עיקר איז: ווער זיינען דאָס געווען אָט די, וואָס האָבן געוואָגט זיך צו נעמען קנעלן מיט דעם מעכטיקן לאַנד דעם וועג וואָס פירט „פאָרווערטס"? זיי זיינען געווען קליינע האַנטווערקער, שניידער און שוסטער, וואָס אין זייערע היימישע שטעטלעך האָבן זיי ניט געזען קיין גרעסערע קאַפּיטאַל־אַקומולאַציע ווי אַ ניי־מאַשין אָדער אַ האַנטווערקערס אַרבעטס־בענקל — און דאָך האָבן זיי געהאַט

דעם מוט צו פֿאַרנעמען אין שטורם פֿון קאַפּיטאַליסטישער אַקומולאַציע די טריט פֿון אַ נייער גערעכטער און יושר׳דיקער אָרדענונג, וואָס האַלט ביים קומען. דער צווייטער ברודער איז, לאָמיר זאָגן, אין זיין געבורטס־־לאַנד געווען אַ חובב ציון. ער האָט פּינסקערס אויטאָ־עמאַנ־סיפּאַציע געקענט כּמעט אויף אויסנווייניק, האָט געוואוסט וועגן קאַטאָ־וויץ, סמאָלענסקי און אחד־העם און אַוודאי וועגן באַזעל און נאָרדאָוס פּראָגראַם. מיט דער הילף פֿון עטלעכע טויזנט געזינונגס־פֿריינד האָט ער געלייגט דעם ווינקל־שטיין פֿון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. אויך אין דעם פֿאַל מוז מען שטיין אַ פֿאַרגאַפֿטער, אַ פֿאַרשטומטער און פֿאַרכאַפּטער פֿאַר דער דאָזיקער שפּע פֿון אידעאַישער טרייקייט און בלינדער האַרטנעקיקייט. נאָך היינט קען מען געפֿינען פֿיל פֿון די דאָזיקע ברידער, וואָס דערווייל האָבן זיך 35 יאָר לעבן אָראָפּגע־רוקט אויף זייערע קעפּ אין פֿאַרוואָרפֿענע שטעטלעך אין נעבראַסקאָ אָדער אַפֿילו אין טענעסי, און מען מוז נשתומם ווערן צו זען ווי זיי שטייען אויף אין איין קלאָרן פֿרימאָרגן, פֿאַרשליסן די טיר פֿון דער קראָם אין „מעין סטריט" און שלעפּן זיך פֿון הויז צו הויז, פֿון ביוראָ צו ביוראָ, פֿון קראָם צו קראָם צו פֿירן מיט צענדליקער גלייכגילטיקע אָדער קעגנערישע אידן דיסקוסיעס וועגן ארץ ישראל, חלוצים, באַלפֿור־דעקלאַראַציע און פֿון זיי נעמען דעם בייטראַג פֿאַר דעם אויפֿבוי פֿון דעם אידנשטאַט אָדער פֿאַר דער אידישער נאָכמיטאָג־שול אין שטעטל. דער דריטער, עלטערער ברודער, איז בכלל ניט געגאַנגען אין די דרכים פֿון זיינע ברידער. דער אידייען־באַגאַזש וואָס ער האָט אַריינ־געפֿירט אין דעם נייעם לאַנד, אַ באַגאַזש אויף וועלכן דער קאָנטראָל־באַאַמטער אין עליס־איילאַנד האָט ניט אַרויפֿגעלייגט זיין האַנט, איז פֿאַרשלאָסן און פֿאַרזיגלט זינט ימי בראשית. עס איז אַ סחורה, וואָס איז עלטער פֿון ביאַליסטאָק און ראָמני צוזאַמען — דאָס איז די גייסטיקע פֿעסטונג פֿון דעם אַלטן אָרטאָדאָקסישן אידנטום. עס זיינען פֿאַראַן תּרי"ג מצוות און מען דאַרף זיי אַלע מקיים זיין. דאָס איז געווען זיין וועג אין דעם נייעם לאַנד זינט דעם ערשטן טאָג, וואָס ער איז אַהין געקומען. ער האָט זיינע חברים ניט געדאַרפֿט לאַנג זוכן. עס פֿעלן ניט אין די גאַסן פֿון דער איסט־סייד קיין שולן מיט ישיבות און חסידישע קלייזלעך. דאָ דאַרף מען זיך גאָרניט וואונדערן וועגן דער האַרטנעקיקייט און טרייקייט, וואָרעם עקשנות איז פֿון אייביק אָן געווען דער סאַמע יסוד פֿון דער אידישער אָרטאָדאָקסיע.

אָבער דאָס אַלץ, די דאָזיקע גאַנצע פאַרבנרייכע וועלט פון אינסטי־טוציעס און אידעאָלאָגיעס, פון באַוועגונגען און פאַרמען, וואָס איז אַנטשטאַנען אַרום די דאָזיקע ברידער איז אַן אָפּגעזונדערטער און כמעט פאַרשלאָסענער לעבנס־קרייז, וואָס האָט ניט קיין שום וועזנ־טלעכע שייכות מיט דער נייער סביבה. דאָס אַמעריקאַנער אידנטום פון דער אימיגראַציע־עפּאָכע איז אַ שטיק אידיש לעבן, וואָס איז קינסטלעך איבערגעפלאַנצט געוואָרן פון יענער זייט ים. ס׳איז איין גרויסע ביאַליסטאָק אָדער הונדערט ביאַליסטאָקס, וואָס זיינען אַרויס־געריסן געוואָרן פון זייער באָדן, טראַנספּאָרטירט געוואָרן מעבר לים, און ווידער פאַרפלאַנצט געוואָרן אויף אַ קליינעם אינזל, וואָס ליגט ביי די ברעגן פון דעם גרויסן קאָנטינענט. דאָס דאָזיקע אידישע לעבן רעדט, זינגט, שפּילט טעאַטער און פאַררופט פאַרזאַמלונגען — און אַלץ אויף דער פאָלקס־שפּראַך וואָס איז אַהער געבראַכט געוואָרן און פאַרפלאַנצט געוואָרן. די זיטן און דער לעבנס־שטייגער פון דער דאָ־זיקער סביבה זיינען זייער אויסטערליש, ממש גראָטעסק, און פּאַסן זיך בשום אופן ניט אַריין אין דער אַמעריקאַנער געשיכטע און סביבה. אירע שטרעבונגען און ווערטן זיינען אימפּאָרטירטע. אַ אידישער עפנטלעכער לאָקאַל אין ניו־יאָרק, פון וואָס פאַר אַ ריכטונג ער זאָל ניט זיין, איז אויף גאַנצע הונדערט פּראָצענט ענלעך צו אַ לאָקאַל אין ביאַליסטאָק אָדער קאָוונע. די זעלבע בילדער, די זעלבע דעקאָראַציע, די זעלבע אויפשריפטן. עס מאַכט דעם איינדרוק אַזוי ווי אַ שטורם־ווינט וואָלט דאָס אַלץ אַרויסגעריסן פון זיין פּלאַץ און פאַרטראָגן איבער דעם אַטלאַנטישן אָקעאַן. די אויפמערקזאַמקייט פון דעם דאָזיקן אידנטום איז געווענדט דער פאַרגאַנגענהייט פיל מער ווי דער צוקונפט. עס איז ניט גרינג אַריינצוטראָגן אין דעם באַוואוסטזיין פון די דאָזיקע אימיגראַנטן די פּסיכאָלאָגישע דערקענטניש, אַז פון היינט אָן און ווייטער דאַרף זיי ניקאַראַגואַ זיין נעענטער ווי וואַרשע, הוואווער — ווי טראָצקי און פּילסודסקי, און אַז הוואווערס פּאָליטיק אין ניקאַראַגואַ האָט אַ מער קאָנקרעטע שייכות מיט זיי ווי די פּאָליטיק פון דעם ליט־ווישן דיקטאַטאָר וואָלדעמאַראַס. כל זמן די טויערן זיינען געווען אָפן האָט יעדע שיף געבראַכט צו די ברעגעס פון אַמעריקע נייע מחנות לאַנדסלייט, קרובים, באַקאַנטע וואָס האָבן אַריינגעשטראָמט ניי בלוט אין דער אידישער שפּראַך, וואָס האָבן געבראַכט נייע גרוסן פון „חבת ציון״, פון דעם „בונד״ און פון דער ישיבה, וואָס האָבן דערציילט וועגן טראָצקין און פּילסודסקין און געבראַכט די לעצטע נייעס פון די „איי

גענע״. כּל זמן די טויערן זײַנען געווען אָפֿן, איז ניט שווער געווען צו שטאַרקן די פֿאַרשידענע אידישע באַוועגונגען וואָס האָבן געווירקט אין דער דאָזיקער אימיגראַנטן־מאַסע. עס איז גענוג געווען, אַז מען זאָל אין די דאָזיקע מאַסן אויפֿוועקן דעם באַוואוסטזײַן פֿון דעם קאָנ־טראַסט צווישן זיי און די עלטערע שיכטן פֿון די אידישע אימיגראַנטן, די פֿון דײַטשלאַנד שטאַמענדיקע „יאַהודים״, אַז מען זאָל אָפּפֿרעגן די אויטאָריטעט פֿון די אַמעריקאַנער אידישע פֿירער און זיי שטעמפּלען אַלס ניט־דעמאָקראַטיש און ניט־אידיש, אַז מען זאָל אָרגאַניזירן די אימיגראַנטן־מאַסע אָן דער הסכּמה פֿון די אָנערקענטע און בכּבֿוד׳יקע אידישע פֿירער. די ערשטע תּקופֿה אין דער אינערלעך פּאָליטישער אַנטוויקלונג פֿון דעם אידישן אימיגראַנטן־המון שטייט אונטערן צייכן פֿון דעם קאַמף קעגן די „יאַהודים״. די „יאַהודים״ און זייערע פֿירער האָבן זיך אויך צוגעטוליעט איינער צום צווייטן, און זיך אָפּגעזונדערט פֿון דער „גרינער״ מאַסע — כאָטש זיי האָבן קיינמאָל ניט מותּר געווען אויף אַ געוויסער פּראָטעקציע־פּאָליטיק, ווי די פֿאַרטיידיקונג פֿון אימיגראַנטן־רעכט, הילף צו די נײַגעקומענע, אײַנבירגערונג.

אַלץ איז געווען גוט און שיין, כּל זמן די טויערן זײַנען געוון אָפֿן. אָבער וואָס וועט געשען איצט, ווען די אימיגראַציע ווערט אַלץ מער און מער אײַנגעשרענקט און איז כּמעט אינגאַנצן אָפּגעשטעלט געוואָרן? דאָס מזרח־אייראָפּייִשע אימיגראַנטן־אידנטום איז אַרײַנגעטראָטן אין אַ נײַער תּקופֿה, אין אַ שווערן איבערגאַנגס־קריזיס. דאָס אימיגראַנטן אידנטום הויבט אָן פֿאַרגליווערט צו ווערן, זיך אויפֿצולייזן און אָנ־נעמען נײַע פֿאָרמען.

פֿינפֿטער בריוו

איך וואָלט ניט געוואָלט, אַז דו זאָלסט מײַנע ווערטער אין דעם לעצטן בריוו אויסטײַטשן, אַזוי ווי איך זאָל האָבן געזאָגט, אַז דער „אַמעריקאַניזאַציע״־פּראָצעס — ניט אין דעם זינען פֿון פֿאָרמעלער אײַנבירגערונג, נאָר פֿון סאָציאַלער אַסימילאַציע — האָט אינגאַנצן נישט געלאָזט קיין שפּורן אויף דער מזרח־אייראָפּייִשער אימיגראַנטן־מאַסע. דאָס וואָלט דאָך געווען שווער צו גלויבן. פֿון דער קאָנסאָלי־דירטער מאַסע פֿון די צענדליקער טויזנטער האָבן שטענדיק געהאַלטן אין איין אַראָפּפֿאַלן לויזערע אויבערשיכטן, און אַ טייל פֿון זיי האָבן זיך אינגאַנצן דערווײַטערט פֿון דעם לעבנס־שטייגער און טראַדיציעס פֿון דער אימיגראַנטן־מאַסע און זײַנען אַוועק אויף נײַע וועגן. אָבער

די דאָזיקע אָפּגעריסענע גרופּעס, וועלכע מען האָט געגעבן דעם זידלנאָמען „אָלרייטניקעס“, האָבן מיט זיך פֿאָרגעשטעלט ניט מער ווי אַ פּעריפֿערישע שיכט, אַ גרופּע אימיגראַנטן וואָס האָט געהאַט דאָס גליק עקאָנאָמיש אויפֿצושטייגן העכער אָדער שנעלער פֿון זייערע ברידער, אָדער זיינען פֿאַרוואָרפֿן געוואָרן ערגעץ אין אַ זייטיקן ווינקל פֿון לאַנד. אָבער די מאַסע פֿון די צענדליקער טויזנטער, וואָס זיינען נאָכדעם אויסגעוואַקסן אין מיליאָנען, און האָבן געפֿירט אַ לעבן פֿון splendid isolation איז אין זייער אַ קליינער מאָס באַרירט געוואָרן פֿון דער אַמעריקאַניזאַציע. די פֿלעצער פֿון די אָפּטריניקע האָבן שנעל פֿאַרנומען נייע אימיגראַנטן. די פֿרישע גרוסן וואָס מען האָט כסדר געבראַכט פֿון דער אַלטער היים האָבן שנעל אָפּגעווישט דעם זכר פֿון די אָפּגעפֿרעמדטע. די מזרח־אייראָפּיאישע אימיגראַציע האָט אין אַ געוויסער מאָס פֿאַרלאַנגזאַמט און עטוואָס פֿאַרטושט דעם אַמעריקאַניזאַציע־פּראָצעס. אָבער ווען די טויערן זיינען פֿאַרשלאָסן געוואָרן איז דער דאָזיקער אַמעריקאַניזאַציע־פּראָצעס וואָס איז פֿריער באַטראַכט געוואָרן ווי אַ פּעריפֿערישע דערשיינונג, פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גרונט־שטריך פֿון אַמעריקאַנער אידנטום, וואָס איז פּלוצלינג געבליבן אָן אַ רעזערוו־אַרמיי, אָן אַ צושטראָם פֿון נייַ בלוט. עס איז מער ניט געווען קיין ענין פֿון פֿאַראיינצלטע פֿאַלן, נאָר אַ סטאַדיע פֿון היסטאָרישער אַנטוויקלונג. בעל כּרחם זיינען אַלע אַמעריקאַנער אידן אַריין אין דעם פּסיכאָלאָגישן מדבר פֿון די „אָלרייטניקעס“. אַחוצדעם איז מיטן שליסן פֿון די טויערן דער דאָזיקער פֿאָרמלאָזער המון, וואָס ביז דעם מאָמענט איז אוממעגלעך געווען פֿאָרויסצוזען ווי ווייט ער וועט וואַקסן, פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קבוץ מיט באַשטימטע דימענסיעס. מען קען וועגן דעם אַמעריקאַנער אידנטום זאָגן, אַז עס איז, אין אַ געוויסער מאָס, געוואָרן אויס אַלגעבּרעאישער איינס — פֿון איצט אָן און ווייטער איז עס אַן אַריטמעטישער איינס, אַ סטאַטיסטישע ציפֿער.

זאָל מיר דערלויבט זיין צו מאַכן אַ זייטיקע באַמערקונג וועגן אַן אַקטועלן פּאָליטישן ענין. איך גלויב, אַז די סאָציאָלאָגישע דערקלערונג פֿאַר דעם באַרימטן הסכּם צווישן די אַמעריקאַנער ציוניסטן און ניט־ציוניסטן דאַרף מען זוכן אין דער אויבנדערמאָנטער ענדערונג. מען האָט געזוכט אויסטייטשן דעם אָנשלוס פֿון דער מאַרשאַל־וואַרבורג גרופּע אָן דער אידישער אַגענטור ווי דאָס אַריינטרעטן פֿון דער אידישער גרויס־בורזשואַזיע אין דעם ציוניסטישן אויפֿבוי־ווערק. אָבער די דאָזיקע טעאָריע, מיט אַלע אירע פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע

קאָנסעקווענצן, איז אויסגעזויגן פֿון פֿינגער. זי קען אונז ניט דערקלערן פֿאַרוואָס די גרויס־בורזשואַזיע, דאָס הייסט דער קלאַס וואָס איז אַממערסטן איינגעוואָרצלט אין דעם עקאָנאָמישן און סאָציאַלן באָדן פֿון דער באַשטייענדיקער אָרדענונג, זאָל פּלוצלינג זיך אָנהויבן פֿילן אַזוי אומזיכער, אַז ער זאָל זיין געצוואונגען צו רעווידירן זיין שטעלונג בנוגע ארץ ישראל. די ריכטיקע דערקלערונג פֿאַר דער דאָזיקער רעטעניש געפֿינען מיר אין דער אינערלעכער לאַגע פֿון אַמעריקאַנער אידנטום. דאָס מזרח־אייראָפּייאישע אידנטום אין אַמעריקע ווערט פֿאַרפֿלייצט פֿון אַ שטראָם פֿון שטאַרקער אַמעריקאַניזאַציע, וועלכן מען קאָן ניט אָפּהאַלטן אָדער פֿאַרטושן, און דערנענטערט זיך זייער שנעל צו דער קולטור פֿון די אַלטע דייטש־אידישע שיכטן. מצד דער אימיגראַציע דראָט ניט קיין שום קולטורעלע אָדער סאָציאַלע געפֿאַר. פֿון דער אַנדערער זייט שטייט די אַלטע דייטש־אידישע שיכט, וואָס האָט אַמאָל געפֿירט דעם אידישן קהל־לעבן, וואָס רעדט אין זיין נאָמען און זוכט איצט אַ וועג ווי אַזוי צו פֿאַרזיכערן איר פּלאַץ אין דער צוקונפֿטיקער פֿירערשאַפֿט פֿון אַמעריקאַנער אידנטום, פֿון וועלכן די פֿיר מיליאָן „מזרח־אידן" זיינען איצט און אויף שטענדיק אַן אינטעגראַלער טייל. די אידישע אַגענטור איז דער פּאַסיקסטער אינסטרומענט צום דערגרייכן דעם דאָזיקן ציל, זי איז דער יסוד פֿאַר אַ קעגנזייטיקער פֿאַרשטענדיקונג צווישן די פֿאַרשידענע שיכטן אידישע אימיגראַנטן אויפֿן באָדן פֿון אַמעריקאַניזם.

אַמעריקע האָט איצט אויפֿגעהערט צו דינען ווי אַן עקספּערימענטאַל־סטאַנציע פֿאַרן אייראָפּייאישן אידנטום. עס האָט זיך אָנגעהויבן די געשיכטע פֿון דעם זעלבסטשטענדיקן עקספּערימענט וואָס טראָגט דעם נאָמען אַמעריקאַנער אידנטום. אָבער אויף דעם שוועל פֿון דער דאָזיקער תּקופֿה שטייט אַ שווערער איבערגאַנגס־קריזיס, וואָס ווירקט אויף אַלע געביטן און אַלע פֿאָרמען פֿון אידישן לעבן, אויף דער סאָציאַלער צופּאַסונג און איבערשיכטונג, אויף די פֿאַרשידענע סטרוקטור־ענדערונגען — דער קריזיס וואָס האָט אַרומגענומען דעם אידישן המון זינט דעם טאָג אין וועלכן עס האָט זיך אָפּגעשטעלט די אימיגראַציע און וועלכער האָט זיך נאָך איצט אויך ניט פֿאַרענדיקט.

די דאָזיקע שווערע איבערגאַנגס־צייט, וואָס צעשטערט אַלטע און שאַפֿט נייע פֿאָרמען, לייגט אַרויף איר שטעמפּל אויף דעם סאָציאַלן אָרגאַניזם אַלס אַ כּלל, זיינע אינסטיטוציעס, שטייגער און זיטן און אויך אויף די יחידים, זייערע פֿירונגען און טראַדיציעס. וואָס איז שייך

דעם קריזיס אין זיינע קאָלעקטיווע פֿאָרמען, קומט ער אַמבולט׳סטן צום אויסדרוק אין דער לאַגע פֿון דער פֿאָלקס־שפּראַך, פֿון אידיש. יעדער איינער וואָס קוקט אויף אַמעריקע אָן פֿאָראורטיילן — און איך מוז דיר זאָגן, אַז איך בין אין דער דאָזיקער פֿראַגע געווען פֿריי פֿון פֿאָראורטיילן און בין גרייט געווען איבערצייגט צו ווערן פֿון יעדן איינעם — מוז צוגעבן מיט אַבסאָלוטער זיכערקייט, אַז דער גורל פֿון אידיש איז שוין פֿאַרזיגלט. איך רעד פֿאַרשטייט זיך וועגן אידיש אַלס אַ פֿאָלקס־שפּראַך, די שפּראַך פֿון טאָג־טעגלעכן געברויך אין אַרבעט און האַנדל, דאָס הייסט, אידיש אַלס אַ לעבעדיקע קולטור. עס איז מעגלעך, אַז עס זיינען נאָך היינט פֿאַראַן מענטשן וואָס וועבן זיך פֿאַרשידענע חלומות. מען קען גרינדן קולטור־אָרגאַניזאַציעס אויף פֿירן פּראָפּאַגאַנדע, מען קען זיך אויך באַמיען צו שיקן וואָס מער קינדער אין די נאָכמיטאָג־שולן און זיי לערנען מיט מאַטעריאַל צו לייענען און שרייבן אידיש; מען קען אָנווייזן אויף דער גרויסער צירקולאַציע פֿון דער טעגלעכער אידישער פּרעסע. עס איז אַפֿילו מעגלעך אַז די דאָזיקע לאַגע זאָל נאָך דויערן פֿיל יאָרן. דאָס ענדערט אָבער ניט אויפֿן מינדעסטן אופֿן די אַלגעמיינע ריכטונג פֿון דער היסטאָרישער טענדענץ. די לעבנס־שפּראַך פֿון אַמעריקאַנער אידנטום, די טאָג־טעגלעכע שפּראַך, די שפּראַך פֿון שפּיל, אַרבעט און האַנדל, איז היינט אין דער איבערוועגנדיקסטער מאָס די ענגלישע שפּראַך און זי דערוואַרט פֿון טאָג צו טאָג אַן אַלץ גרעסערן פּלאַץ. דער עיקר איז וואָס מיט דעם אָפּשטעל פֿון דער אימיגראַציע זיינען אַבסאָלוט און אומפֿאַרמיידלעך באַשטימט געוואָרן די מאַטעמאַטישע גרענעצן פֿאַרן קיום פֿון אידיש אַלס אַ פֿאָלקס־שפּראַך. אירע יאָרן זיינען געציילטע. איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געפֿילט די גאַנצע טראַגישע ביטערקייט פֿון דער דאָזיקער זיכערקייט, ווי איך האָב עס געפֿילט אין אַמעריקע. אין שטוב פֿירט נאָך די באָבע ווייטער אַ אידישן לעבנס־שטייגער. זי קען ניט רעדן קיין שום אַנדער שפּראַך, כאָטש זי פֿאַרשטייט מער אָדער ווייניקער די שפּראַך פֿון דער סביבה. די עלטערן רעדן נאָך צווישן זיך ווייטער אידיש, די אינטימע הויז־שפּראַך. דאָס ביסל ענגליש, וואָס זיי האָבן זיך אויסגעלערנט ביי דער אַרבעט אָדער אין קראָם, איז נאָך געבראָכן און שווער־באַוועגלעך. אַמאָל טרעפֿט מען קינדער, וואָס האָבן פֿון דער באָבען אָדער פֿון די שמועסן פֿון די עלטערן אויפֿגעכאַפּט עפּעס פֿון דער אויסטערלישער שפּראַך, אָבער זייער לעבנס־שפּראַך איז בלויז ענגליש. און וואָס וועט זיין די שפּראַך פֿון זייערע קינדער? איך מאַך

דאָ אַן עקספּערימענט, וואָס איך פֿלעג שטענדיק פֿאָרשלאָגן געסט אין ארץ ישראל. איך גיי אַרויס אין גאַס, באַזונדערס אין די אָרעמערע געגנטן אין דער ניו־יאָרקער דאַון־טאַון, אין אַ פּראָלעטאַרישע סביבה וואו דער ווידערשטאַנדס־כוח פֿון אידיש דאַרף זיין באַזונדערס שטאַרק, און איך לייג צו אַן אויער צו די שמועסן פֿון די קינדער. כ׳האָב נאָך ניט באַגעגנט קיין איין קינד אין פֿריען שול־עלטער (לאָמיר זאָגן אַ זעקס־יאָריקן), וואָס זאָל מיט זיינע חברים רעדן אָדער זיך שפּילן אויף וואָסער עס איז אַנדער שפּראַך אויסער ענגליש. די קינדער גייען אין די מלוכה־שולן; פֿאַרברענגען זייער גאַנצע יוגנט אין די פֿאָלקס־ און מיטל־שולן און אין קאַלעדזש, איינגעשלאָסן אין דער צוויבערספֿערע פֿון דער ענגלישער קולטור. אַפֿילו אין דער אידישער נאָכמיטאָג שול — און איך האָב געזען פֿיל גוטע אידישע שולן — איז גענוג אַז דער לערער זאָל זיך אומקערן צום לוח, אַז די די קינדער זאָלן צווישן זיך אָנהויבן פֿליסטערן — אויף ענגליש. דעם לערער ענטפֿערן זיי אויף אידיש, אמת, מיט אַן ענגלישן אַקצענט, אָבער אַזוי שנעל ווי זיי פֿאַרלאָזן דעם קלאַס־צימער, שוין ביים אָנטאָן די מאַנטלען, נאָך איידער זיי פֿאַרמאַכן די טיר, שטראָמט שוין אין זייער מויל זייער נאַטירלעכע לעבנס־שפּראַך — ענגליש. עס איז מעגלעך, אַז דאָס זעלבע קומט אויך פֿאָר מיט די איטאַליענישע אָדער דייטשישע באָבעס, עלטערן אָדער קינדער — אָבער דאָס איז דאָך נישט קיין טרייסט. מען מוז מודה זיין אַז אַ שפּראַך, אַ גערעדטע מאַסן־שפּראַך, איז ניט קיין ענין וואָס קען געשאַפֿן ווערן אָדער אָפּגעשאַפֿט ווערן לויט עמעצנס אַ קאַפּריז, עס איז ניט קיין זאַך וואָס איז אָפּהענגיק פֿון זשורנאַליסטן־פֿאַריינען אָדער טעאַטער־קלובן. אַזאַ שפּראַך מוז קודם כל האָבן וואָרצלען אין דעם פּרוכטבאַרן באָדן פֿון אָביעקטיווע, סאָציאַלע און עקאָנאָמישע, באַדינגונגען וואָס פֿאַרזיכערן איר עקזיסטענץ און אַנטוויקלונגס־מעגלעכקייטן. ס׳איז משונה׳דיק וואָס דווקא די וואָס פּראָקלאַמירן זיך אַלס מאַרקסיסטן פּרובירן עס אָפּלייקענען. אידיש אַלס פֿאָלקס־שפּראַך האָט זיך אַנטוויקלט און געהאַט אַ קיום אין אַ סביבה, אין וועלכער עס האָט געהערשט אַ פֿאָר־קאַפּיטאַליסטישע אָדער פֿרי־קאַפּיטאַליסטישע עקאָנאָמישע און סאָציאַלע אָרדענונג, בעת דער אַלגעמיינער קאָנטאַקט פֿון אידן מיט דער ניט־אידישער וועלט איז געווען אַ ניט־סטאַבילער און ניט־קאָמפּליצירטער, בעת די קעגנזייטיקע סאָציאַלע באַציאונגען אין די ראַמען פֿון אַ פֿעסטער און סטאַבילער צעכן־אָרדענונג האָבן געטראָגן אַ באַגרענעצטן קאַסטן־כאַראַקטער און

די נאַציאָנאַלע קולטור פֿון דעם מערהייטס־פֿאָלק איז מערסטנטייל געוועזן אַ ניט־אָנציענדיקע פּויערים־קולטור. אויב עס איז אמת, אַז די דאָזיקע באַדינגונגען ענדערן זיך איצט אויך אין רוסלאַנד, פּוילן און רומעניע — איז דאָרטן מן הסתּם אויך ניטאָ קיין אויסוועג פֿון דעם פּראָצעס פֿון דער שפּראַך־אַסימילאַציע. מען זעט שוין אויך דאָרטן גאַנץ קלאָר אַלע אירע סימנים. עס דאַרף דערפֿאַר קלאָר זיין ווי אַנ־דערש עס מוזן ווירקן די דאָזיקע אַנטוויקלונגס־געזעצן אין אַ לאַנד ווי אַמעריקע, דאָס לאַנד פֿון דעם פֿאָרגעשריטענסטן און רייפֿסטן קאַפּי־טאַליזם, וואו יעדער יחיד ווערט געטראָגן אויף די כוואַליעס פֿון אַ ברוטאַלן עקזיסטענץ־קאַמף, וואו אַלע פֿאַרווייַלונגען, ספּאָרט, טעאַטער און קאָמוניקאַציע־מיטלען זיינען ברייט אָפֿן פֿאַר די מאַסן און די ענג־לישע קולטור איבט אויס אַ מאַגנעטישע ווירקונג. די דאָזיקע געזעצן פֿון דער שפּראַך־אַסימילאַציע ווירקן, אמת, אין אַ מער פֿאַמעלעכדיקן טעמפּאָ, אַפֿילו אין די דייטשישע און סקאַנדינאַווישע לאַנדווירטשאַפֿט־לעכע געגנטן, וואָס פֿאַלן אַרונטער אונטער דער השפּעה פֿון דער ענג־לישער קולטור. דאָס איז אָבער זיכער אומפֿאַרמיידלעך ביי די אידישע מאַסן, וואָס לעבן אין די גרויסע שטעט (ווייניקסטנס 75% פֿון אַלע אַמעריקאַנער אידן, אויב ניט מער, זיינען קאָנצענטרירט אין די צען גרעסטע שטעט פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן). אין דער מזרח־איי־ראָפּעאישע אימיגראַציע־תּקופֿה האָט מען נאָך געקענט פֿאַרקוקן די ווירקונג פֿון די דאָזיקע געזעצן פֿון דער שפּראַך־אַסימילאַציע, מען האָט זיך נאָך געקענט איינרעדן אַז מיט יעדן איינוואַנדערער ווערט געשאַפֿן אַ נייע פּאָזיציע פֿאַר דער אידיש־קולטור. דער אמת איז, אַז דעמאָלט איז דאָס אויך געוועזן אַ לעכערדיקע טאָרבע. אָבער נאָך דעם ווי די טויערן זיינען געשלאָסן געוואָרן האָט זיך אַרויסגעוויזן מיט אַ מורא׳דיקער קלאָרקייט, אַז אידיש האָט ניט קיין וואָרצלען אין די ספּעציפֿישע עקזיסטענץ־באַדינגונגען פֿון אַמעריקאַנער אידנטום און אַז זי איז קיינמאָל ניט געוועזן מער ווי אַן אויסדרוקס־פֿאָרם פֿון דער מזרח־אייראָפּעאישער אימיגראַציע־תּקופֿה.

דער שפּראַך־קריזיס איז זיכער דער שווערסטער קריזיס וואָס עס מאַכט איצט דורך דער אַמעריקאַנער אידישער קבוץ, ער איז אָבער זיכער ניט דער איינציקער. אַז מען קוקט זיך צו אויף די לאַנדס־מאַנשאַפֿטן וואָס זיינען געבויט געוואָרן אויפֿן יסוד פֿון היימאַט־דער־אינערונגען און נאַטירלעכע שכנות־געפֿילן, זעט מען אויף זיי אַ בלאַסקייט, וואָס זאָגט געוויינלעך עדות אויף אַן ערנסטער קראַנקהייט.

אַזוי ווי די ביאַליסטאָקער לאַנדסמאַנשאַפֿט איז אַמאָל געווען צווישן די בליענדיקסטע און לעבעדיקסטע פֿון די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס, דאַרף מען זיך נישט חידושן וואָס זי איז נאָך עד היום אין אַ גאַנץ געזונטן צושטאַנד. אָבער אַ פֿאַריין פֿון די קינדער פֿון די „פּראָגרעסיווע ביאַליסטאָקער" איז אַ פֿולשטענדיקער אַבסורד. די דאָזיקע קינדער זיינען שוין ניט ביאַליסטאָקער לאַנדסלייט, נאָר בירגער פֿון פֿילאַ־דעלפֿיע, שיקאַגאָ, לאָס אַנדזשעלעס. אַז זיי פֿאַרלאָזן דעם קאָלעדזש — וועפּט זיך שנעל אויס זייער „פּראָגרעסיוויזם". עס ווערן אויך אַנ־דרימלט די פֿאַרשיידענע הילפֿס־אָרגאַניזאַציעס פֿאַר די אימיגראַנטן און די אָרדנס פֿאַר קעגנזייטיקער הילף, וואָס זיינען אין זייער צייט געווען אַ מזרח־אייראָפּעאישע אימיטאַציע פֿון די פֿאַרשיידענע „פֿריי־מויערער"־לאָדזשן. אויף זייער פּלאַץ קומען נייע פֿאָרמען פֿון אָרגאַ־ניזאַציעס און קערפּערשאַפֿטן, וואָס זייערע נעמען ווערן באַצייכנט דורך מאָדנע ענגלישע און גריכישע ראשי־תּיבות. די אַמעריקאַנער ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, אַ שטאַרקער בנין וואָס איז אויפֿגעבויט געוואָרן אויף די יסודות פֿון יוגנט־דעראינערונגען און פֿאַמיליע־טראַדיציעס, שטייט אמת פֿעסט דערפֿאַר וואָס זי שטיצט זיך אויף די דאָזיקע טיפֿע סענטימענטן און אויף דעם ארץ ישראל אויפֿבוי־ווערק — אָבער זי איז אויך פֿאַרבליבן אָן לעבנספֿעאיקע יורשים. די אידישע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס ראַנגלען זיך און זיינען דאָך אויך פֿאַרגליווערט געוואָרן, וואָרעם זיי האָבן ניט קיין צוקונפֿט־יורשים און האָבן כּמעט אינגאַנצן פֿאַרלאָרן זייער צוציאונגס־קראַפֿט. און אַפֿילו דער צויבער פֿון דעם קאָמוניזם אין דער אידישער סביבה האָט זיך אויך אַרויסגעוויזן ווי אַ פֿאַרבייגייענדיקער, סענסאַ־ציאָנעלער סטימולאַנט.

דער אידישער יחיד וואָס איז אַרויסגעריסן געוואָרן פֿון זיין וואַרעמען ווינקל, פֿון דעם פֿאַרשלאָסענעם אימיגראַנטן־אידנטום, וואָס האָט זיך אָפּגעריסן פֿון דער פֿאָלקס־מאַסע און זיך געלאָזט אַוועקשלעפּן מיטן מעכטיקן שטראָם פֿון אַמעריקאַנער לעבן דאַרף נאָך אויך אי־בערשווימען פֿיל שטרויכלונגען ביז וואַנען ער וועט ווידער געפֿינען פֿאַר זיך אַן אַחיזה און באָדן אונטער די פֿיס. דער דאָזיקער איבער־גאַנגס־צושטאַנד איז פֿאַר אים אַ צושטאַנד פֿון מפֿקיר זיין זיין גורל צום שטראָם פֿון אומזיכערקייט, צעטומלעניש און „קנעכטשאַפֿט אין פֿרייהייט" („עבֿדות בתוך חרות"). די ערשטע סטאַנציע אויף דעם דאָזיקן וועג איז דער געראַנגל מיט דעם אייגענעם שיפֿלות־געפֿיל און

די גרענעצלאָזע איבערשאַצונג פֿון דעם ווערט פֿון דער אַמעריקאַנער סביבה. דאָס איז דער זעלישער קאַמף, וועלכן עס מוז דורכמאַכן יעדער פֿרעמדער וואָס ווערט צום ערשטן מאָל געשטעלט פּנים אל פּנים מיט אַ וועלט וואָס איז אויסגעגאָסן פֿון איין שטיק; אין ערשטן מאָמענט האָט ער ניט קיין אַנדער אַמביציע ווי צו ווערן אַ טייל פֿון דער דאָזיקער מאַסע. די דרויסנדיקע וועלט פֿאַרבלענדט אים די אויגן מיט איר פּראַכט, מיטן גלאַנץ פֿון דעם פֿאַרווײַלונגס־קוואַרטאַל, מיט דער עשירות פֿון דער מיליאַנערן־גאַס, מיט דער שיינקייט פֿון אוניווער־זיטעטס־הויז, מיט דער רחבות פֿון דער נייער היים, דעם רום פֿון אירע שטאַטסמענער, די שפּע פֿון איר לעבנס־גענוס. אַנטקעגן דעם זעען דאָך אויס אַזוי קליינלעך די גאַסן פֿון דעם אידישן קוואַרטאַל, אין וועלכן ער האָט פֿאַרבראַכט זיינע יוגנט־יאָרן. און עס איז דאָך איבעריק צו זאָגן ווי אומזיבער און מרה־שחורה׳דיק עס זעט אין זיינע אויגן אויס דאָס אידישע שטעטל מעבר לים, כאָטש ער האָט עס קיינמאָל ניט געזען. ווי שטאָלץ די מענטשן שפּרייזן דאָ, ווי פֿריי זיינען זייערע באַוועגונגען און ווי ליכטיק עס איז די צוקונפֿט וואָס עס דערוואַרט דאָ אַלעמען. דער רעזולטאַט פֿון דער דאָזיקער גרענעצ־לאָזער באַוואונדערונג צוזאַמען מיט דער בטול־באַציאונג צו זיך אַליין — דאָס איז די מימיקרי, וועלכע איז די ערשטע און גרעבסטע פֿאָרם פֿון דער אַסימילאַציע. פֿון דעם פּונקט און ווייטער איז אַלץ אָפּהענ־גיק פֿון דער פּערזענלעכקייט פֿון דעם באַטראָפֿענעם מענטש. אַמאָל באַשרענקט זיך די מימיקרי בלויז אויף אויסערלעכע זאַכן, אויך זשעסטן און קערפּערלעכער האַלטונג, אויפֿן אַנצוג און שניפּס, אויף דער וואָ־דעוויל־פֿאַרשטעלונג און דעם אויטאָמאָביל, אויף דעם ענטוזיאַזם פֿאַרן באַל־שפּיל און באָקס; אין אַנדערע פֿאַלן דערגרייכט די מימיקרי ביז די טיפֿערע ספֿערן פֿון לעבן, ביז עסטעטישע אָפּשאַצונגען, מיינונגען וועגן ליטעראַטור און קונסט, וויסנשאַפֿטלעכע נייגונגען און אָפּנויגן. וואָרעם אייגנטלעך זיינען דאָך אויך די אויסערלעכע מימיקרי־אַקטן ניט מער ווי סימפּטאָמען פֿון אינערלעכע באַציאונגען. איך קען ניט פֿאַרגעסן ווי טאַציטוס שילדערט אין זיין ביאָגראַפֿיע פֿון געניוס יוליוס אַגריקאָלאַ די נייגונג פֿון די אַלטע גריכן נאָכצומאַכן די רוימער אין זייער קליידונג און זייערע „פֿאַרפֿירערישע, אויסגעלאַסענע געוואוינ־הייטן, ליידיקגיין, בעדער, שיין־געדעקטע טישן — אַט די אַלע פֿאַר־שקלאַפֿונג־מיטלען, וואָס די תּמימות׳דיקע איינגעבוירענע האָבן באַ־טראַכט אַלס קולטור״. פֿון דער אַנדער זייט, דאַרף מען דעם מקור

פֿון דער מימיקרי וואָס נעמט זיך פֿון שפֿלות־געפֿיל (אַפֿילו ווען ער נעמט אָן ראַפֿינירטע קולטור־פֿאָרמען), זוכן אין דער פסיכישער אומ־זיכערקייט, אין דעם אומצוטרוי צו די אייגענע אייגנשאַפֿטן און אין פֿעלן פֿון אַן אייגענעם זעלישן יסוד.

אָבער דאָס איז בלויז די ערשטע סטאַדיע, וואָס פֿירט צו אַ צווייטער, וועלכע איז אויך ניט ווייניקער כאַראַקטעריזירט דורך מאַנגל אין אינערלעכער זיכערקייט און פֿאַרקריפּלטע ווערט־אָפּשאַצונגען, כאָטש אירע סימפּטאָמען און אויסדרוקס־מיטלען זיינען פֿון גאָר אַן אַנדער מין. אין דעם מאָמענט וואָס דער מענטש איז זיך מתגבר איבער דעם שפֿלות־געפֿיל, נאָך דעם ווי די אויסערלעכע מימיקרי־פֿאַרזוכן ווערן געקרוינט מיטן נצחון אין אַ גרעסערער אָדער קלענערער מאָס, קומט די אומפֿאַרמיידלעכע רעאַקציע. די דאָזיקע רעאַקציע קומט צום אויסדרוק אין סנאָביזם. אין אָט־דער סטאַדיע מאַכט מען דעם אָנשטעל פֿון אַ הונדערט און פֿופֿציק פּראָצענטיקן אַמעריקאַנער, מען פֿאַרגעסט דעם אייגענעם ניט אינגאַנצן געהויבענעם אָפּשטאַם, מען גריסט ניט עפֿנטלעך די אַמאָליקע פֿריינד און מען קוקט פֿון אויבן אַראָפּ אויף דער פֿאַרגאַנגענהייט — דער אייגענער פֿאַרגאַנגענהייט און דער פֿאַרגאַנגענהייט פֿון די אומגליקלעכע צוריקגעשטאַנענע. אָט די סטאַדיע צייכנט זיך אויך אויס מיט אַ פֿאַרבנרייכער שפּע פֿון טיפּן, פֿון דעם גרעבסטן ביז דעם ראַפֿינירטסטן און קאָמפּליצירטסטן — כאָטש די לעכערלעכקייט פֿון די לעצטע ווערט ליידער זעלטן באַמערקט. דער סאַמע האַמטעטנער טיפּ איז יענער וועמען עס שטייט ניט אָן צו לייענען די ענגלישע זייט אויף דער אידישער טעגלעכער צייטונג — דערפֿאַר וואָס זי איז פֿול מיט גרייזן, כאָטש ער אַליין האָט זיך ערשט ניט לאַנג צוריק דערוואוסט, אַז זיין אויטאָמאָביל איז אויף ענגליש אַ „זי", און כאָטש דער קולטורעלער אַמעריקאַניזירטער איד באַמערקט גאָרניט די דאָזיקע שפּראַך־גרייזן — פּשוט דערפֿאַר וואָס דער אינהאַלט אינטערעסירט אים פֿיל מער פֿון די גראַמאַטישע קלייניקייטן וואָס וואַרפֿן זיך אַזוי אין די אויגן פֿון דעם ניי־צוגעקומענעם סנאָב. דער מער ראַפֿינירטער טיפּ לאַדט צו זיך איין אויף אָוונטברויט מאָדערנע אַמעריקאַנער פּאָעטן און יונגע אַנטראָפּאָלאָגן, כּדי צו פֿירן דיסקוסיעס וועגן דעם אונטערשייד צווישן דער אַמעריקאַנער און ענגלישער שפּראַך און וועגן דער „זינלאָזיקייט" פֿון דער ראַסן־טעאָריע.

ניט אַלע אידן גייען דורך די דאָזיקע צוויי סטאַדיעס מיט דער זעלבער שנעלקייט. מענטשן מיט אַ שאַרפֿער אינטעליגענץ, וועמען עס

איז געגעבן געוואָרן אַ שטיקל חוש פֿאַר זעלבסטקריטיק, באַנוגענען זיך מיט עטלעכע יאָר בעת אַנדערע בלייבן שטעקן אין דער אײנער אָדער אין דער צווייטער סטאַדיע ביז צום לעצטן טאָג פֿון זייער לעבן. כ׳האָב געזען עלטערן, וואָס זייער שׂפֿלות־געפֿיל איז אַזוי גרויס, אַז זיי ציטערן ממש פֿאַר זייערע „אַמעריקאַניזירטע" קינדער, דערפֿאַר וואָס זיי פֿאַרשטייען ניט זייערע צווייפֿלהאַפֿטע וויצן אָדער געוויסע פּראָפֿעסיאָנעלע ספּאָרט־אויסדרוקן, דערפֿאַר וואָס זייערע טיש־מאַנירן זיינען ניט אינגאַנצן קיין צופֿרידשטעלנדיקע, דערפֿאַר וואָס זיי קענען ניט פֿאַרבינדן דעם שניפּס ווי עס באַדאַרף צו זיין. מען קען צווישן אַמעריקאַנער אידן געפֿינען פֿילע היימען, וואו די עלטערן לאַנגווייליקן זיך לאַנגע שעה׳ן מיט די קינדער ביים שפּילן ברידזש אָדער גאָלף אָנשטאָט צו טאָן עפּעס וואָס וואָלט זיי פֿיל מער באַפֿרידיקט. אָבער דאָס וואָלט דאָך באַוויזן, אַז זיי געהערן ניט גאַנצע הונדערט פּראָצענט צו דער ראַסע פֿון די גאָלף־ און ברידזש־שפּילער. און פֿונדעסטוועגן מוז דער אַמעריקאַנער איד פֿריער דורכגיין די דאָזיקע סטאַדיעס און פֿילע אַנדערע סטאַדיעס איידער ער קען פֿאַר זיך געפֿינען אַ פֿעסטן פּלאַץ אין דעם שטראָם וואָס טראָגט אים. ערשט נאָך דעם ווי ער וועט דאָס בייקומען, נאָך דעם ווי ער וועט אַריינגיין און אַרויסגיין בשלום פֿון דעם דאָזיקן „פּרדס", וועט ער זוכה זיין צו דערגרייכן אַ זעלישן גלייכגעוויכט און אינערלעכע פֿרייהייט. כּל־זמן אַ מענטש איז ניט געוואָרן פֿריי, האָט ער מורא, איז ער באַדנלאָז און אינערלעך צעריסן. ערשט ווען ער באַפֿרייט זיך אינערלעך, ווערט ער זיין אייגענער בעל־הבית און ווערט פֿעאיק צו זוכן די אידישע און מענטשלעכע נשמה־יסודות, וואָס לעבן אין אים, און זיי כאָוועןן אין פֿולער פֿרייהייט. ערשט דעמאָלט ווערט דער באָדן ווידער פֿרוכטבאַר און פֿעאיק אויפֿצונעמען די קערנדלעך פֿון אידישע און מענטשלעכע אידעאַלן.

זעקסטער בריוו

נעכטן זיינען מיר אין עסצימער פֿון אַ „קעמפּ", וואָס געפֿינט זיך אין אַ וואַלד אין וועסטשעסטער קאַונטי, געזעסן אין דער געזעלשאַפֿט פֿון אַ גרופּע אידישע אינטעליגענטן, וואָס די מערסטע פֿון זיי שטאַמען פֿון רוסלאַנד, מיטגלידער פֿון פֿאַרשיידענע פּאַרטייען און שטרעמונגען. ווידער איז אויפֿגעשוואומען די פֿראַגע: וואוהין גייט דאָס אַמעריקאַנער אידנטום, וואָס איז פֿאַרכאַפּט געוואָרן אין אַזאַ מעכטיקן היסטאָרישן שטראָם? וואוהין פֿירט דער דאָזיקער וועג, אַפֿילו אין דער ווייטער

צוקונפֿט? עס זיינען געהערט געוואָרן פֿאַרשיידענע ענטפֿערס — אין איינקלאַנג מיט פֿאַרשיידענע פּאַרטיי־פּראָגראַמען, וועלט־אַנשויאונגען און פּערזענלעכן טעמפּעראַמענט. פֿון אַלע פֿראַגן, אַפֿילו די וואָס האָבן געטראָגן אַ מאַסקע פֿון אָפּטימיסטישער זיכערקייט, אַפֿילו פֿון די פֿון וועלכע עס האָט זיך געהערט דער עכטער בטחון פֿון אַ פֿעסטער פּערזענלעכקייט, האָבן אַרויסגעקלונגען אַקאָרדן פֿון זאָרג, אומזיכער־קייט און אַמאָל אויך פּשוטער פּחד. ווען מען טראַכט זיך אַריין אין דעם פּסיכאָלאָגישן מקור, פֿון וועלכן דער דאָזיקער פּחד קומט, מוז מען קומען צום שלוס, אַז דאָס איז די טענדענץ צו מאַכן אומבאַרעכ־טיקטע אַנאַלאָגיעס צווישן די לעבנס־פֿאָרמען פֿון די אידישע מאַסן אין מזרח־אייראָפּע און אין דער „נייער וועלט". דער שאָטן פֿון רו־סישן אידנטום האָט אַריינגעקוקט דורך די פֿענצטער פֿון אונזער עס־צימער און אויפֿגעוועקט אַ זאָרג און אַן אימה פֿאַר דעם גורל פֿון דעם נייעם אידנטום, וואָס אַנטשטייט אין אַמעריקע. עס מאַכט ניט אויס וואָס די דאָזיקע צושטאַנדן, וועגן וועלכע מען האָט זיך דאָ דערמאָנט — די דאָזיקע זכרונות זיינען שוין אויך גאַנץ אָפּט צוואַנציק אָדער פֿינף־און־צוואַנציק יאָר אַלט — עקזיסטירן שוין היינט ניט אין דער ווירקלעכקייט פֿון דעם אידישן לעבן אין יענע לענדער. עס איז אויך ניט וויכטיק, וואָס מיר האָבן שוין היינט אין מערב־אייראָפּע הינטער זיך 150 יאָר אידישע געשיכטע זינט דער עמאַנציפּאַציע — אַ פּעריאָד, וואָס האָט געשאַפֿן נייע אידישע לעבנס־פֿאָרמען, אויפֿן באָדן פֿון די נייע באַדינגונגען. עס איז אויך ניט וויכטיק וואָס טעאָרעטיש און לאָגיש האָבן מיר זיך שוין לאַנג פֿאַרשטענדיקט וועגן דעם נייעם אידישן טערמין וואָס הייסט „די ספּעציפֿישע באַדינגונגען פֿון אידישן לעבן אין אַמעריקע". די דאָזיקע „ספּעציפֿישע באַדינגונגען" זיינען אין דער אמתן ניט מער ווי אַ טעאָרעטישע סכעמע, וואָס האָט נאָך ניט אָנגענומען קיין בלוט און פֿלייש און פּאַסט זיך ניט אַריין אין קיין שום בילד, וואָס מען קען זיך אויסמאָלן אויפֿן יסוד פֿון די היסטאָרישע דערפֿאַרונגען אין אַנדערע קולטור־סביבות, ווי אַ פֿאָרם וואָס טראָגט אין זיך עפּעס אַ צוקונפֿט פֿאַר דעם אַמעריקאַנער אידנטום. און כאָטש די ליפּן חזר'ן איבער אָפּטימיסטישע פֿאָרמולעס, איז זייער שווער אויפֿן האַרצן. אָט האָבן מיר פֿאַר זיך אַ מאַסע פֿון פֿיר און אַ האַלבן מיליאָן אידן, איין מיליאָן מער ווי אין פּוילן און אין גאַליציע, אַ מיליאָן מער ווי אין דער היינטיקער רוסלאַנד — אָבער ווי אַ נאַציאָנאַל־פּאָליטישער אָרגאַניזם עקזיסטירט דאָס דאָזיקע אידנטום ניט. אַפֿילו

דער אידישער קאָנגרעס, די „דעמאָקראַטישע רעפּרעזענטאַנץ פֿון אַמעריקאַנער אידנטום“, האָט מורא זיך צורירן צו עפּעס, וואָס טראָגט אין זיך וועלכע עס איז אָנצוהערעניש אויף רעכט פֿון נאַציאָנאַלן אָדער פּאָליטישן כאַראַקטער. קיין אָפֿיציעלע אידישע וואַל־קאַנדידאַטן זיינען ניטאָ. בעת די וואַלן באַמיען זיך אַלע אידישע צייטונגען צו איבערשטייגן איינער דער אַנדערער מיט פֿאַרזיכערונגען, אַז עס איז חס וחלילה ניטאָ קיין ספּעציעלער אידישער „וואָוט“ — אַ פֿאַרזיכערונג, וואָס רופֿט פֿאַרשטייט זיך אַרויס פֿאַרדאַכטן. אָבער כּלפּי פּנים ענדערט דאָס ניט די לאַגע. נאָך מער: מען גיט צו, אַז אַן אַמעריקאַנער אידנטום, ווי אַ נאַציאָנאַל־פּאָליטישער אָרגאַניזם, איז אין אַמעריקע ניט מעגלעך. עס שטייט אויך אין ווידערשפּרוך צו דער קאָנסטיטוציע פֿון אַמעריקאַנער שטאַט. די דאָזיקע מלוכה, אַ היסטאָרישער געמיש פֿון פֿופֿציק ווייסע פֿעלקער, אָנערקענט ניט קיין מערהייט־נאַציעס און קיין נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. די אַמעריקאַנער מלוכה קען זיך ניט דערלויבן צו אָנערקענען אַזעלכע זאַכן, אויב זי וויל זיך אַליין ניט ליקווידירן. דער אַמעריקאַנער כּלל וויל זיין מלוכה ניט בויען ווי אַ פֿעדעראַציע פֿון אייראָפּעאישע נאַציאָנאַליטעטן, נאָר ווי איין אַמעריקאַנער נאַציע. עס איז מעגלעך, אַז ווען די דאָזיקע אַמעריקאַנער נאַציע וועט זיך אָנהויבן אויסקריסטאַליזירן זאָל זיך אויפֿהויבן די שווערע און קאָמפּליצירטע פֿראַגע פֿון די נעגער אָדער די אייגנאַרטיקע אידישע פֿראַגע, אַפֿילו אַ קאַטוילישער קאָנפֿליקט — אָבער מען קען זיך בשום אופֿן ניט פֿאָרשטעלן, אַז עס קען קומען צו דער עפֿנטלעכער אָנערקענונג פֿון דעם נאַציאָנאַלן פּרינציפּ. הייסט עס, אַז פֿאַר נאַציאָנאַל־פּאָליטישע פֿאָדערונגען איז אין אַמעריקע ניטאָ קיין פּלאַץ. די אידישע פֿאָלקס־שפּראַך פֿאַרלירט כּסדר דעם באָדן, די פֿולשטענדיקע שפּראַך־אַסימילאַציע איז בלויז אַ פֿראַגע פֿון צייט. וואָס בלייבט אונז? די אידישע נאַציאָנאַלע פּאַרטייען שטייען אויף איין פּלאַץ אָדער גייען אויף צוריק — אפֿשר טאַקע דערפֿאַר וואָס זיי האָבן ניט קיין „לאַנדעס־פּאָליטיק“ און קיין „סיים“. די געבאָטן פֿון דער אידישער רעליגיע זיינען שוין ניט מחייב הונדערטער טויזנטער אידן, וואָס ווילן פֿירן אַ אידיש לעבן, און פֿאַר אַנדערע הונדערטער טויזנטער זיינען זיי ניט מער ווי אַ פּוסטע פֿאָרם, אָן לעבעדיקן גייסט און אָן לעבנס־וואַרעמקייט. וואוהין פֿירט דער וועג? וואָס איז פֿאַרבאָרגן אין שויס פֿון דער צוקונפֿט?

„וואָס בלייבט?“ איז אָבער אַ פֿראַגע, וואָס מען קען שטעלן בלויז אַזוי לאַנג מען גייט צום אַמעריקאַנער אידנטום צו מיט אַ פֿאָרויסבאַשטימטער מאָס, מיט גרייטע סכעמאַטישע באַגריפֿן וועגן נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע, אַ באַזונדער שפּראַך, פּאָליטישע פּאַרטייען — און מען וויל אָט די אַלע זאַכן אַרויפֿצווינגען אויפֿן אַמעריקאַנער אידישן לעבן. דעמאָלט מוז דיך טאַקע באַפֿאַלן אַן אימה און פֿאַרצווייפֿלונג. אָבער ווען מען וואַרפֿט פֿון זיך אַראָפּ דעם יאָך פֿון די דאָזיקע פֿאָראורטיילן, וואָס שטאַמען פֿון גאָר אַנדערע לעבנס־באַדינגונגען, און מען טרעט צו צום אַמעריקאַנער אידישן לעבן מיט אַ מאָסשטאַב וואָס איז אַרויסגעוואַקסן פֿון דאָזיקן לעבן גופֿא — וויקלט זיך פֿאַר אונדז פֿונאַנדער גאָר אַן אַנדער בילד. דעמאָלט דערזעט מען פֿאַר זיך אַ שפֿע פֿון אינערלעכע און אויסערלעכע כּוחות וואָס זיינען אַרויסגעוואַקסן פֿון די ספּעציפֿישע היסטאָרישע באַדינגונגען פֿון אַמעריקאַנער אידנטום, כּוחות וואָס האָבן זיך אַנטוויקלט אין דער סביבֿה פֿון דער אַמעריקאַנער קולטור און האָבן אין זיך איינגעזאַפּט די פֿאַרב פֿון דעם אַמעריקאַנער באָדן; אַ שפֿע פֿון פֿאָרמען, אַ טייל קלאָרע און קריסטאַליזירטע און אַ טייל, וואָס הייבן ערשט אָן זיך אויסצופֿורעמען — אָבער אין זיי אַלעמען ברויזט אַ ניי אידיש לעבן און זוכט זיך אַ שעפֿערישן אויסדרוק. מיט וואָס קען מען דאָס פֿאַרגלייכן? — צו דעם שיקזאַל פֿון קאָלאָמבוס. אַזוי ווי ער, וועלן מיר אויך אויף דער דאָזיקער רייזע ניט געפֿינען דעם געזוכטן וועג צו דער שוין לאַנג באַקאַנטער אינדיע, אָבער אונזערע באַמיאונגען וועלן דאָך ניט זיין אומזיסט — וואָרעם פֿאַר אונז וועט זיך אַנטפּלעקן אַ ניי און אומבאַקאַנט לאַנד, וואָס איז כּלל ניט אָרעמער פֿון דעם באַרימטן וואונדערלאַנד. דאָס נייע, שפּראָצנדיקע אַמעריקאַנער אידנטום איז אויך אַן אומבאַקאַנט, גרויס, פֿאַרבנרייך און קרעפֿטיק לאַנד אויף דער מאַפּע פֿון אונזער פֿאָלקס־לעבן. אַ לאַנד מיט בולטע אייגנשאַפֿטן — קלימאַט, באָדן־קוואַליטעטן, נאַטור־אוצרות, פֿאַרפֿלייצונגען און טריקענישן. מען דאַרף דאָס אַמעריקאַנער אידנטום נעמען ווי עס איז, ווי אַ ספּעציפֿיש שטיק אידישע געשיכטע, ווי אַן אייגנאַרטיקער עקספּערימענט אין אידישן לעבן.

עס איז אפֿשר כּדאַי זיך אַ רגע אָפּצושטעלן ביי דעם דאָזיקן געדאַנק און אים פֿאָרמולירן אין מער אַלגעמיינע טערמינען. אין יענעם גרויסן יאָר, אין יאָר 1897, אין וועלכן די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע האָט אָפּגעהאַלטן איר ערשטן קאָנגרעס אין באַזעל, איז אויך געגרינדעט געוואָרן דער צווייטער פּאָליוס פֿון אידישן לעבן, „דער

אידישער אַרבעטער בונד אין רוסלאַנד, ליטע און פּוילן", דער שאַרפֿסטער קעגנער פֿון ציוניזם. פֿאַרשיידענע און אַנטקעגנגעזעצטע שטאַנדפּונקטן אין דעם אַנאַליז פֿון דער אידישער ווירקלעכקייט האָבן די דאָזיקע צוויי באַוועגונגען אַרויסגערופֿן צום לעבן. דער ציוניזם, די ערשטע ברייטע פֿאָרם פֿון אַ נאַציאָנאַלער אידישער באַוועגונג אין דער נייער צייט, האָט זיך געהאַלטן ביי דער איינהייט און אייגנאַרט פֿון דער אידישער נאַציע — ניט געקוקט דערויף, וואָס עס האָט איר געפֿעלט אַ טעריטאָריעלע באַזע, ניט געקוקט אויף דער אָפּוועזנהייט פֿון אַ צענטער אין דער גרויסער צעשפּרייטקייט. „מיר זיינען אַ פֿאָלק, איין פֿאָלק", האָט הערצל געזאָגט. פֿון דעם דאָזיקן אַנאַליז איז אויך אַרויסגעדרונגען דער הויפּט־ציל, — די דערוווערבונג פֿון דער טעריטאָריעלער באַזע, דאָס שאַפֿן פֿון דעם נאַציאָנאַלן צענטער, די קאָנצענטראַציע פֿון די צעשפּרייטע. פֿון דער אַנדער זייט האָט דער „בונד", און נאָך אים, כאָטש ניט אין דעם זעלבן נוסח, די פֿאַרשיידענע באַלעבאַטישע און סאָציאַליסטישע אַסימילאַציע־שטרעמונגען געזאָגט, זיך שטיצנדיק אויף קאַרל מאַרקס, אַז די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפֿט און ווירטשאַפֿט האָבן זיך געפֿונען אין פֿאַרשיידענע לענדער אין פֿאַרשיידענע אַנטוויקלונגס־סטאַדיעס; דערפֿאַר שאַפֿן זיי פֿאַרן אידישן לעבן אין די פֿאַרשיידענע ווירטשאַפֿטלעכע זאָנעס אַזעלכע פֿאַרשיידענע באַדינגונגען, אַז עס וואָלט געווען אַ שגעון צו רעדן וועגן איין אידישער וועלט־נאַציע, דער יסוד פֿון אַ אידישער פּאָליטיק. דער „בונד" האָט באַוואוסטזיניק באַשרענקט זיין אַרבעטס־פּראָגראַם אויך אין געאָגראַפֿישע טערמינען, זיך באַגרענעצנדיק אויף דעם רוסישן ווירטשאַפֿטס־געביט, און האָט בכּיוון אויסגעמיטן צו שאַפֿן איין פֿאַרבאַנד פֿון דעם רוסישן „בונד" מיט די בונדיסטישע פֿאַריינען אין אַנדערע לענדער. אַז מיר וואַרפֿן היינט, העכער דרייסיק יאָר שפּעטער, אונזער בליק אויף די דאָזיקע פּראָגראַמאַטישע קעגנזאַצן — קענען מיר מיט זיכערקייט זאָגן, אַז דער אמת איז אינגאַנצן געווען אויף איין צד, אונזער צד? איך גלויב, אַז ניט אינגאַנצן. היינט, בעת דער ציוניזם איז געוואָרן דער צענטראַלער כּוח אין אידישן לעבן, ווען זיין הויפּט־ציל — אַ אידישע ארץ ישראל — איז געוואָרן דער קנין פֿון כּמעט דעם גאַנצן אידנטום, מעגן מיר דאָס אָנערקענען און צוגעבן. עס איז ניטאָ קיין צווייפֿל וועגן דעם ציל פֿון ציוניזם; עס קען אויך קיין צווייפֿל ניט זיין וועגן דעם אמת פֿון זיין הויפּט־געדאַנק, אַז אַלע אידן אין דער וועלט אין אַלע זייערע צעשפּרייטקייטן שטעלן מיט זיך פֿאָר איין כּלל, ניט נאָר גע־

שיכטלעך, אין זייערע קולטור־טראַדיציעס, אין דער גרונט־פאַרב פון זייער טעמפעראַמענט, אין זייער גרונט־באַציאונג צו דער וועלט, נאָר אויך אַ כלל אין זייער היסטאָרישן גורל און זייער צוקונפט־ווילן, — דאָס הייסט אַ נאַציע אין דעם פולסטן היסטאָרישן זינען פון וואָרט. און עס איז ניטאָ, גלויב איך, קיין מער אַנטשיידנדער באַווייז דער־פאַר ווי — דאָס נייע אידנטום אין אַמעריקע. אָבער פון דער אַנדער זייט, קען מען ניט לייקענען דעם פאַקט, אַז עס איז זייער שווער אַריינצוצווינגען דעם דאָזיקן אידישן כלל, וועלכער איז פאַרשפּרייט צווישן אַלע נאַציעס אויף דער וועלט, אין איין סכעמע, וועלכע לאָזט זיך איבערזעצן אין דער שפּראַך פון אַן איינהייטלעכער פּראָגראַם. די פאַרשיידענע סטאַדיעס פון דער ווירטשאַפטלעכער אַנטוויקלונג, די אונטערשיידן אין דעם כאַראַקטער פון די פאַרשיידענע אידישע ישובים, די פאַרשיידענע סאָציאַלע רעזשימען און מלוכה־קאָנסטיטוציעס שאַפן אַ פאַרבנרייכע שפע פון באַדינגונגען און באַציאונגען, וואָס פורעמען דאָס אידישע לעבן אין פאַרשיידענע לענדער און לאָזן זיך אויס פון אַלע סדום־בעטלעך, אין וועלכע מען וויל זיי אַריינשפּאַרן. סכעמאַ־טיש קען מען היינט באַשטימען די פאָלגנדע גרונט־טיפן, אין וועלכע עס אַנטפלעקן זיך היינט די הויפּט־פאָרמען פון דעם אידישן לעבן אין אונזער צייט.

פלאַץ	כאַראַקטער פון אידישן ישוב	סאָציאַלער און פּאָליטישער רעזשים	נאַציאָנאַלע רעכט, וואָס זיינען אָנערקענט אין דער מלוכה־קאָנסטיטוציע
פוילן	שטאָטישע מאַסן־ישובים	קאַפּיטאַליסטיש	יאָ
פאַרייניקטע שטאַטן	שטאָטישע מאַסן־ישובים	הויך־קאַפּיטאַליסטיש	ניין
סאָוועטן־פאַרבאַנד	שטאָטישע מאַסן־ישובים	סאָציאַליסטישע דיקטאַטור	יאָ
מערב־אייראָפּע	צעשפּרייטע שטאָטישע ישובים	הויך־קאַפּיטאַליסטיש	ניין
באַלטישע מלוכות	צעשפּרייטע שטאָטישע ישובים	פרי־קאַפּיטאַליסטיש	יאָ
ארץ ישראל	טעריטאָריעלער ישוב		

עס איז נאָך היינט שווער צו זאָגן, צי מען קען שוין זען אין די אידישע ישובים פון דרום־ און צענטראַל־אַמעריקע, וואָס האַלטן אין

אײן װאַקסן פֿאַר אונזערע אויגן, און װעלן זיך נאָך פֿאַרמערן אין צאָל און באַדײַטונג אין די קומענדיקע צענדליקער יאָרן, די קאָנטורן פֿון אַ נײַעם זיבעטן גרונט־טיפּ פֿון אַ אידישן קבוץ. צו די דערמאָנטע גרונט־טיפּן קען מען נאָך צוגעבן עטלעכע סעקונדערע טיפּן און ניואַנסן. זײ אַלע צוזאַמען שטעלן מיט זיך פֿאַר אַ פֿאַרבנרײַך בילד פֿון דעם פּאָליטישן און װירטשאַפֿטלעכן הינטערגרונט, אויף װעלכן עס שפּילט זיך אָפּ דאָס אידישע לעבן פֿון אונזער צײַט.

יעדער טיפּ האָט זײַן אײגענע פֿאָרם. יעדער אײנער פֿון די דאָזיקע גרונט־טיפּן האָט אויך געמוזט שאַפֿן זײַן אײגענע פּאָליטישע שיטה און לעבנס־שטײגער. איך האָב בכיװן געזאָגט פּאָליטישע שיטה און ניט פּאָליטישע טאַקטיק, דערפֿאַר װאָס די אונטערשײדן װעגן װעלכע איך האָב גערעדט גײען װײַט אַרויס פֿון די גרענעצן פֿון טאַקטיק און דרינגען אַרײַן אין די סאַמע טיפֿענישן פֿון דעם ממשות׳־דיקן אינהאַלט פֿון זײערע אַרבעטס־פּראָגראַמען. און איך האָב בכיװן געזאָגט לעבנס־סטרוקטור און ניט אָרגאַניזאַציע־פֿאָרם, דערפֿאַר װאָס די דערמאָנטע אונטערשײדן גײען װײַט אַרויס פֿון די מעכאַנישע גרענעצן און לײגן אַרויף זײער שטעמפּל אויף אַלע דערשײַנונגען פֿון דעם געזעלשאַפֿטלעכן לעבן. אַפֿילו װען עס װאָלט שוין הײַנט עקזיסטירט דער נאַציאָנאַלער אידישער װעלט־קאָנגרעס אויף דעמאָקראַטישע יסודות, צו װאָס מיר אַלע, נאַציאָנאַלע אידן, אין די פֿאַרשײדנסטע פּאַרטײען שטרעבן — װאָלט זײַן אַרבעטס־פּראָגראַם זיך אויך געמוזט רעכענען מיט אָט די אַלע עקזיסטירנדע אָביעקטיװע אונטערשײדן. אַנדערש קען די דאָזיקע פּראָגראַם װערן אָן אינהאַלטלאָזע סכעמע, פֿיל מער ענלעך צו אַ פּראָגראַם פֿון אַן אינטערנאַציאָנאַל װי צו אַ פּראָגראַם פֿון אַ לאַנד־פּאַרלאַמענט. אַפֿילו די מער אָדער װײניקער שטאַרקערע דיסציפּלין און געשלאָסענע פּראָגראַם פֿון דער ציוניסטישער באַװעגונג קען ניט פֿאַרקוקן די דאָזיקע באַדינגונגען אָדער זיך מיט זײ ניט רעכענען. אין דער מאָס װאָס זי האָט פֿאַרזען די דאָזיקע ספּעציפֿישע באַדינגונגען זײַנען אַלע אירע פֿאָרמולעס געבליבן אָן אַ לעבנס־אָטעם. דער דײַטשישער ציוניזם, אײנער פֿון די ראַדיקאַלסטע גרופּעס אין ציוניזם אין נאַציאָנאַלן זין און די זױבערסטע — אין אידעאָלאָגישן זין, פֿאָדערט ניט קײן נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע פֿאַרן דײַטשישן אידנטום. דער אַמעריקאַנער ציוניזם, װאָס פֿונקציאָנירט אין אַ קבוץ פֿון פֿיר און אַ האַלב מיליאָן אידן, האָט בכלל ניט קײן „קעגנװאַרט־פּראָגראַם״ פֿאַר דעם אַמעריקאַנער אידנטום. דערפֿאַר אָבער

געניסן די פֿינף טויזנט אידן אין עסטאָניע די פֿולסטע נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע אין דער אידישער וועלט אויסער ארץ ישׂראל. די אָפּי־ציעלע אידישע אינסטיטוציעס אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד וואָס באַקעמפֿן, פֿון איין זייט, דעם אידישן נאַציאָנאַליזם ווי אַ „בורזשוואַזע המצאָה" שאַפֿן, פֿון דער אַנדער זייט, אַ פּאָליטישע פּראָגראַם, וואָס שטרעבט דורך קאָלאָניזאַציע־אַרבעט צו פֿאַרוואַנדלען דעם אידישן שטאָטישן ישוב אין אַ טעריטאָריעלן ישוב און צו שאַפֿן אידישע אויטאָנאָמע ראַיאָנען. יעדע איינע פֿון די דאָזיקע דערשיינונגען איז אַ פּראָדוקט פֿון באַשטימטע אייגנאַרטיקע אַנטוויקלונגס־באַדינגונגען.

אָט פֿון דעם שטאַנדפּונקט דאַרף מען דאָס נייע אַמעריקאַנער אידנטום באַטראַכטן ווי אַן אייגנאַרטיקע היסטאָרישע דערשיינונג, ווי אַן איינצלפֿאַל וואָס האָט ניט קיין גלייכן אין דער אידישער געשיכטע. אָט דאָס האָב איך געמיינט ווען איך האָב געזאָגט, אַז דער מאָסשטאַב פֿאַר דער אָפּשאַצונג פֿון אַמעריקאַנער אידנטום דאַרף גענומען ווערן פֿון אַמעריקאַנער אידישן לעבן גופֿא. אוודאי איז דאָס אַמעריקאַנער אידנטום אַן אָרגאַנישער טייל פֿון אידישן פֿאָלק — ניט נאָר צוליב זיין אָפּשטאַם און פּסיכאָלאָגיע, געשיכטע און טראַדיציע, נאָר אויך צוליב זיין היסטאָרישן גורל, וועלכער ווערט בולטער פֿון טאָג צו טאָג — און דערפֿאַר אויך צוליב זיינע צוקונפֿט־צילן. דאָס אַמעריקאַנער אידנטום איז ניט אַנדערש פֿון אַלע אַנדערע צווייגן פֿון אידישן שטאַם, אין ירושלים און אין אָדעס, אין בערלין און ריגע, לעמבערג און בוענאָס איירעס, אָבער עס אַנטוויקלט זיך דאָך אין אייגנאַרטיקע היס־טאָרישע באַדינגונגען. אונטערן דרוק פֿון די דאָזיקע באַדינגונגען האָט דאָס אַמעריקאַנער אידנטום געשאַפֿן ענערגיעס און לעבנס־פֿאָר־מען, וואָס זייער גלייכן האָט אפֿשר קיינמאָל ניט עקזיסטירט און וועט אפֿשר קיינמאָל ניט עקזיסטירן. דערפֿאַר קען עס ניט פֿאַרגליכן ווערן מיט קיין שום אַנדערן אידישן קבוץ.

זיבעטער בריוו

עס איז פֿאַראַן אַן אַנדער סיבה פֿאַרוואָס מיר מוזן זיך אָפּזאָגן פֿון די אָנגענומענע מאָסשטאַבן, אויב מיר ווילן ערלעך און גערעכט אורטיילן וועגן דער צוקונפֿט פֿון דעם אַמעריקאַנער אידנטום. מיר, ארץ ישׂראל־אידן, אָדער אונזערע געזינונגס־פֿריינד אין די אייראָ־פּעאישע לענדער, האָבן זיך געשאַפֿן גאַנצע בערג מיט פּראָגראַמען, דעפֿיניציעס און באַגריפֿן וואָס מיר באַנוצן יעדן טאָג ניט ווייניקער

ווי די מעטרישע טערמינען און די נעמען פֿון מטבעות, וואָס צירקולירן אין אונזערע וואוינלענדער; די דאָזיקע נעמען און באַגריפֿן דינען אונז אַלס סאָציאָלאָגישע אינסטרומענטן, וואָס מיר באַנוצן בנוגע מענטשן, יחידים און קבוצים. מיר קרוינען יחידים און קבוצים מיט די נעמען נאַציאָנאַליסטן און קאָסמאָפּאָליטן, ציוניסטן און אַסימילאַטאָרן, פֿרומע און פֿרייע, סאָציאַליסטן און באַלעבאַטים. יעדע דעפֿיניציע און יעדער באַגריף אַנטשפּרעכט פֿאַר אונז אַ באַקאַנטע וועלטאַנשויאונג, אַ באַשטימטע אַרבעטס־פּראָגראַם, אַ פּערמאַנענטן גייסטיקפּאָליטישן טיפּ, אַ ספּעציפֿישע אָרגאַניזאַציע. יעדעס וואָרט און יעדער באַגריף איז אַ קענצייכן פֿאַר אַ באַשטימטן לאַגער און אַ ליניע וואָס טיילט אים אָפּ פֿון אַנדערע לאַגערן. מיר ווייסן כּמעט אויף זיכער וויפֿיל פֿון די דאָזיקע באַגריפֿן ווידערשפּרעכן זיך און אין וואָס פֿאַראַ מאָס זיי טוען עס. אַזוי האָבן מיר דורך פֿאַרשיידענע אָנשטרענגונגען און באַמיאונגען געשאַפֿן אַ ריי באַגריפֿן־אַסאָסיאַציעס, וואָס זיינען פֿאַר אונז קלאָר און לאָזן זיך ניט אָפּפֿרעגן. די דאָזיקע באַגריפֿן־אַסאָסיאַציעס זיינען ניט סתם שילדן, נאָר ממשות׳דיקע פּסיכאָלאָגישע קראַפֿט־אָפּמעסטער. זיי האָבן פֿאַר אונז דעם צויבער פֿון מאַגישע ווערטער, זיי וועקן אין אונז אויף געפֿילן פֿון צופֿרידנקייט אָדער אומצופֿרידנקייט, פֿאַרטיידיקונגס־ אָדער אָנגריפֿס־אימפּולסן, ווייטקייט אָדער נאָענטקייט. אָבער בעת מיר לאָזן זיך שווימען אין ים פֿון אַמעריקאַנער אידישן לעבן, דערזעען מיר, צו אונזער שטוינען, אַז אונזערע באַליבטע און טייערע מעסט־אינסטרומענטן טויגן טיילווייז ניט און טיילווייז זיינען זיי פֿאַרפֿירעריש, אַזוי ווי זיי וואָלטן פֿאַרזשאַווערט געוואָרן פֿון דער ים־אַטמאָספֿערע.

אָבער אַז מיר ווען זיך גוט צוקוקן, וועט גאָרניט שווער זיין צו פֿאַרשטיין די דאָזיקע דערשיינונג. מיר מוזן זיך דאָך שטעלן די פֿראַגע, פֿון וואַנען נעמט זיך די צויבער־קראַפֿט פֿון די דאָזיקע פֿאָרמולעס, אָט די אייגנשאַפֿט זייערע צו צעטיילן מענטשן און זיי פֿאַרוואַנדלען אין טויט־פֿיינד. אַז מיר ווען זיך אין דעם גוט אַריינטראַכטן וועלן מיר זען, אַז די דאָזיקע פֿאָרמולעס באַזיצן אַזאַ צויבער ניט דערפֿאַר וואָס זיי זיינען אַזעלכע לאָגיש־אומפֿאַרמיידלעכע קאַטעגאָריעס. לאָגיש קען מען אפֿשר דערפֿינדן אַ טעאָרעטישע קאָמבינאַציע פֿון אַנטקעגנגעזעצטע פֿאָרמולעס און אַזוי אַרום לייזן אַלע סתּירות. דער כּוח פֿון אונזערע פֿאָרמולעס ליגט דערין, און בלויז דערין, וואָס זיי זיינען היסטאָרישע קאַטעגאָריעס. יעדע איינע פֿון די דאָזיקע דעפֿי־

ניציעס און באַגריפֿן איז ניט נאָר אַן אויסדרוק פֿון אַ באַשטימטער טעאָריע, נאָר אויך פֿון דער איינשטעלונג פֿון אַ גאַנצן דור אין אונזער נייער אידישער תּקופֿה, וואָס איז אויסגעפּרובירט געוואָרן און אויסגעפֿורעמט געוואָרן אין גייסטיקע און סאָציאַלע קאַמפֿן. אַזוי ווי איין תּקופֿה קומט נאָך דער צווייטער און איין דור ירשנט אַ צווייטן, קומט אויך איין פֿאָרמולע נאָך דער צווייטער ווי אַ קאַמפֿס־לאָזונג; און אַזוי ווי איין היסטאָרישע באַוועגונג איז געשטאַנען קעגן דער צווייטער אין אומקאָמפּראָמיסלעכן קאַמף, אַזוי און בלויז אַזוי שטייען די פֿאַרשיידענע פֿאָרמולעס איינע קעגן דער צווייטער ווי אומפֿאַראיינבאַרע קעגנזאַצן. לאָגיש זיינען „בורזשואַזיע״ און „סאָציאַליזם״ ניט קיין אַבסאָלוטע קעגנזאַצן; עס זיינען געווען גאַנצע תּקופֿות אין דער היסטאָרישער ווירקלעכקייט ווען די סאָציאַליסטישע באַוועגונג איז געווען כּמעט אויסשליסלעך אַ „בירגערלעכע״ באַוועגונג — פֿון די סען־סימאָניסטן און אָוועניסטן ביז די פֿאַביאַנער. דער זיווג צווישן דער סאָציאַליסטישער פּראָגראַם און דער פּראָלעטאַרישער באַוועגונג איז אין פֿילע לענדער געקומען בלויז אַלס רעזולטאַט פֿון באַשטימטע און אייגנאַרטיקע היסטאָרישע באַדינגונגען. ערשט זינט דעמאָלט, אַלס אַ רעזולטאַט פֿון אַנטוויקלונגען וואָס זיינען געקומען שפּעטער, איז אין יענע לענדער דער קעגנזאַץ צווישן „בירגערלעך״ און „סאָציאַליסטיש״ געוואָרן אַ היסטאָריש־אומלייזבאַרע סתּירה. ערשט נאָכדעם ווי עס גייט אונטער די זון פֿון איין היסטאָרישער תּקופֿה און עס הויבט אָן אויפֿצוגיין די זון פֿון נייע סאָציאַלע שיכטן הויבן אָן ווייכער צו ווערן די האַרטע באַגריפֿן און די קעגנזאַצן פֿון צענדליקער יאָרן הויבן אָן מטושטש צו ווערן און פֿאַרשווינדן און עס באַווייזן זיך נייע קאַמפֿס־חברים און נייע קעגנער. אין לעבן פֿון די אידישע מאַסן אין מזרח־אייראָפּע איז אַמאָל אויך פֿאָרגעקומען אַזאַ אָרגאַנישע אַנטוויקלונג; אין משך פֿון לאַנגע תּקופֿות האָט איין דור פֿאַרביטן דעם צווייטן אין קאַמף פֿאַר דער געשטאַלטונג פֿון דעם אידישן לעבן. איין באַוועגונג איז אַרויסגעוואַקסן פֿון דער צווייטער אָדער פֿון קאַמף קעגן דער צווייטער. חסידות און רבנות, השכּלה און נאַציאָנאַליזם, בונדיזם, עמאַנציפּאַציע, רעפֿאָרם־אידנטום, ציוניזם — איין גייסטיקע כוואַליע נאָך דער צווייטער האָט זיך געריסן צום ברעג פֿון דער צייט און יעדע איינע פֿון זיי האָט מיט זיך מיטגעטראָגן אַ נייע שיכט ערד. יעדע איינע פֿון אונזערע פּאַרטיי־פּראָגראַמען טראָגט דעם נאָמען פֿון איינער פֿון די דאָזיקע שיכטן, יעדע איינע פֿון זיי

שטעלט מיט זיך פֿאַר דעם לעבנס־קאַמף פֿון אַ גאַנצן דור, וואָס איז פֿאַרגליווערט געוואָרן אין אַ כעמיש־מאַגישער פֿאָרמולע. אָט פֿון דעם נעמט זיך דער צויבער פֿון דער דאָזיקער פֿאָרמולע, איר פֿאַראייניקנדיקע און צעשפּליטערנדיקע קראַפֿט.

אָבער דאָס אַמעריקאַנער אידנטום האָט קיינמאָל ניט דורכגעמאַכט די דאָזיקע אָרגאַנישע אַנטוויקלונג. דאָס וואָס איז אין לעבן פֿון אייראָפּעאישן אידנטום געקומען אין אַ היסטאָרישן נאָכאַנאַנד, איינס נאָך דעם צווייטן, ווי אַ פּראָצעס פֿון אָרגאַנישן וואוקס, איז אין אַמעריקע, אין דער סביבה פֿון אימיגראַנטישן המון, געקומען איינס לעבן דעם צווייטן און איינס צוזאַמענגעמישט מיט דעם צווייטן. איין שיף האָט אויף דער איסט־סייד געבראַכט אַ גרופּע חסידים פֿון אַ פֿאַרוואָרפֿן ווינקל אין סלאָוואַקיע אָדער גאַליציע, אַ גרופּע אידישיסטיש־סאָציאַליסטישע אינטעליגענץ פֿון דער ווילנער „אידישער וועלט“, עטלעכע הונדערט פֿאַמיליעס אוקראַאינישע חובבי ציון, אידישע בעלי־מלאָכות וואָס האָבן זיך פֿאַר אַמעריקע געגרייט אין לאָנדאָן, אין אַ סביבה פֿון קולטורעלער, רעליגיעזער און פּאָליטישער פֿרייהייט — און אַ מאַסע געשטאַלטלאָזע סתם־אידן פֿון פֿאַרשיידענע לענדער און פֿאַרשיידענע באַדינגונגען. דאָס וואָס איז פֿאַר די איינע געווען אַן ענין פֿון כּמעט־פֿאַרגעסענע זכרונות און אַלטע מעשׂיות, איז פֿאַר די אַנדערע געווען דער פֿעסטער און ריינער אמת פֿון זייער טאָג־טעגלעכן לעבן. אַנדערע האָבן אויפֿגעציטערט ווען זיי האָבן געהערט די נייע און געוואַגטע מיינונגען און אמתן וואָס זיינען פֿאַר די ערשטע געווען אָפּגעלעבטע, אומשעדלעכע באַנאַליטעטן. נאָך פֿאָרנדיק צוזאַמען אויף דער שיף האָבן זיי איינער דעם צווייטן באַקעמפֿט, פֿאַרלאַכט, געזידלט און גע׳רודפֿ׳ט. אויף יעדער איינער פֿון די דאָזיקע אימיגראַנטן־גרופּעס האָט געווירקט דער ספּעציפֿישער צויבער פֿון זיין באַגריפֿן־סיסטעם, וואָס איז מיט אים צוזאַמען געוואַקסן און איז אין איר געבורטס־לאַנד געווען אַן אָרגאַנישע איינהייט. אין דער אַמעריקאַנישער אידישער גאַס האָבן זיי געלעבט צוזאַמען, איינער ביי דער זייט פֿון דער צווייטער, אַזוי ווי אַ יום־טוב־פּראָצעסיע אין אַ היסטאָרישן געדענק־טאָג, ווען מענער און פֿרויען פּוצן זיך אויס אין קאָסטיומען, אוניפֿאָרמען און כּלי זין פֿון אַלע היסטאָרישע תּקופֿות, פֿון אַלטערטום, מיטל־אַלטער, ראָקאָקאָ, פֿון פֿערצנטן יאָר־הונדערט ביז דעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט — און אַלע מאַרשירן געאָרעמט אין איין מחנה. אָבער מיט דעם האָט זיך דאָס נאָך ניט געענדיקט. אַזוי

שנעל ווי דער דאָזיקער פֿאַרבנרייכער המון האָט געשטעלט זיינע פֿיס אויפֿן אַמעריקאַנער באָדן, האָבן זיך פֿאַר אים געעפֿנט די טויערן פֿון דער אָפֿיציעלער עמאַנציפּאַציע. אָט די אַלע, די אידן פֿון צאַרישן „תחום" און פֿון די פֿאַרוואָרפֿענע שטעטלעך פֿון דער האַבסבורגער מאָנאַרכיע, צוזאַמען מיט די אַנטלאָפֿענע פֿון די אַנדערע לענדער פֿון פּאָליטישער אונטערדריקונג, זיינען מיט איינמאָל, ווי די אַנדערע אימיגראַנטן וואָס זיינען שוין פֿאַרבייגעשוואומען די פֿרייהייטס־סטאַטוע, געוואָרן די פֿרייע בירגער פֿון אַ מעכטיקער רעפּובליק. נאָך איידער עס זיינען געפֿאַלן די געטאָ־ווענט פֿון די אימיגראַנטן־קוואַרטאַלן האָט שוין די עמאַנציפּאַציע זיי געגעבן אַלע פּאָליטישע רעכט. עס הויבט אָן וואַקסן אין זיי בירגערלעכער שטאָלץ און אַן עכטער פּאַטריאָטישער סענטימענט — אויס דאַנקבאַרקייט, באַוואונדערונג און ענטוזיאַזם פֿאַר דער דאָזיקער אומבאַגרענעצטער פֿרייהייט. צוזאַמען דערמיט קומט דאָס געפֿיל פֿון אָנגעהעריקייט צו אַ גרויסער קאָסמאָפּאָליטישער דעמאָקראַטיע, אין וועלכער דער מענטש און זיין ווערק זיינען אַלץ; די ראַסע, די רעליגיע, די פֿאַרגאַנגענהייט — כמעט גאָרניט. נאָך מער, די געטאָ וואָס געניסט פֿון אַלע רעכט און איז באַלאָדן מיט שטיקלעך זכרונות און ברעקלעך טראַדיציע, געמישט מיט אַ פֿאַרשכורנדיקן גלייכקייטס־געפֿיל, עקזיסטירט אין אַ תקופֿה וואָס איז גאָר אַנדערש פֿון דער תקופֿה, וואָס דאָס דייטשע אידנטום האָט דורכגעלעבט נאָך משה מענדעלסאָן און די „מאַספֿים", בעת די עמאַנציפּאַציע, די גלייכבאַרעכטיקונג און די בירגערלעכע פֿרייהייט, האָבן אַלץ געשטעלט אין שאָטן און געפֿירט צו שנעלער אַסימילאַציע, מאַסן־שמד און עקסטרעמער רעפֿאָרם־אידישקייט. בעת דער נייער אַמעריקאַנער בירגער אָדער זיין זון טרעט אַריין אין געזעלשאַפֿטלעכן לעבן געפֿינט ער אויך אויסער די געטאָ־ווענט די אידישע נאַציאָנאַלע באַוועגונג, די אידייע פֿון ארץ ישראל אויפֿבוי, די אויפֿגעלעבטע העברעאישע קולטור און הונדערטער אַנדערע פֿאַקטאָרן און פֿאָרמען פֿון אַ דערוואַכטן אידישן זעלבסט־באַוואוסטזיין און נאַציאָנאַלער זעלבסט־פֿאַרטיידיקונג — כאָטש די אַלע זאַכן ווערן אים דערלאַנגט ווי אימפּאָרט־פּראָדוקטן און אין פֿון אויסלאַנד געבראַכטע נוסחאות. די דאָזיקע באַוועגונגען און כוחות, וואָס ווירקן אין דער סביבה פֿון אימיגראַנטן־המון, וואַרפֿן שפּעטער זייערע שטראַלן אויך אויסער די גרענעצן פֿון דער דאָזיקער סביבה און ציען אַריין אין זייער קרייז אויך די פֿריער געקומענע אידישע גרופּעס — די „יאַהודים" און די

פֿאַרבליבענע ספֿרדישע אידן. אין דער דאָזיקער איבערגאַנגס־צייט, אין וועלכער עס לעבט דאָס אַמעריקאַנער אידנטום, זעען מיר דערפֿאַר אַ מאָדנעם געמיש פֿון געטאָ און השכלה, עמאַנציפּאַציע־שכרות און ציוניזם, זעלבסט־דערוואַכונג און קאָסמאָפּאָליטישע פֿאַנטאַזיעס.

אין דער דאָזיקער איבערגאַנגס־צייט איז געשאַפֿן געוואָרן אַ גינסטיקע לאַגע וואָס קען, פֿון אונזער שטאַנדפּונקט, מאַכן דעם איינ־דרוק פֿון אַ תהו ובהו. יעדער אַמעריקאַנער איד אין אונזער צייט איז — זיך באַנוצנדיק מיט אונזער קאָנווענציאָנעלער טערמינאָלאָגיע אין אַן איבערגעטריבענער, גראָטעסקער פֿאָרם — אַ פֿריידענקער־אָר־טאָדאָקס־קאָסמאָפּאָליט־אַסימילאַטאָר־נאַציאָנאַליסט־ציוניסט. די מחי־צות וואָס די פֿריערדיקע דורות האָבן אויפֿגעשטעלט מיט אַזעלכע שווערע אָנשטרענגונגען זיינען איינגעפֿאַלן אין קאָפּ פֿון דעם דאָזיקן אידן און דער פֿאַרכּשופֿטער קרייז איז געוואָרן אַ דורכגאַנג־טיר. איך דערמאָן זיך די פֿייערלעכע דערעפֿענונג פֿון אַ זיצונג פֿון אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס, אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט צוויי באַ־רימטע סענאַטאָרן. אַ מיטגליד פֿון דער ציוניסטישער אַדמיניסטראַציע, וועלכער איז, ווי מען האָט מיר דערציילט, אויס ציוניסטישע מאָטיוון געוועזן אַ קעגנער פֿון דער אידישער אַגענטור, האָט אין אַ לאַנגער רעדע זיך אָפּגעשטעלט אויף דער אידישער פֿראַגע אין רומעניע און געפֿאָדערט די אינטערווענציע פֿון דער אַמעריקאַנער רעגירונג. ער האָט זיין רעפֿעראַט אָנגעהויבן מיט די פֿאָלגנדע ווערטער: „פֿאַר אונז, אַמעריקאַנער אידן, איז די אידן־פֿראַגע געלייזט געוואָרן נאָך מיט 150 יאָר צוריק, בעת עס איז געשאַפֿן געוואָרן די קאָנסטיטוציע פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן, אָבער — —”, אַ זאַך וואָס מען האָט ניט געקענט הערן אַפֿילו ניט פֿון דעם פֿאַנאַטישסטן און האַרטנעקיקסטן „דייטש פֿון מאָזאַאישן גלויבן” אין בערלינער „צענטראַל פֿאַריין”. פֿון דער אַנדער זייט, זעען מיר אַ אידישע און העברעאישע דערציאונג וואָס געפֿינט זיך — אין דער מאָס וואָס זי איז ניט אָרטאָדאָקסיש־רעליגיעז, — אין די הענט פֿון אָרגאַניזאַציעס, וואָס לויט אונזערע באַגריפֿן קען ניט זיין קיין פֿראַגע, אַז זיי זיינען „אַסימילאַטאָריש”, קרייזן וואָס וועלן טאָקע מיט ביידע הענט אָפּוואַרפֿן יעדע פּראָגראַם וואָס טראָגט אין זיך דעם מינדעסטן אידישן נאַציאָנאַליזם. אָט האָט דער שיקאַגער מיליאָנער דזשוליוס ראָזענוואַלד, וועלכער שטייט מיט ביידע פֿיס אין עקסטרעמען אַנטי־ציוניסטישן לאַגער, ניט לאַנג צוריק געזאָגט אין אַן אינטערוויאו וואָס איז פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אין דער

פרעסע, אַז אַזוי ווי ער האַלט אַז עס איז ניטאָ קיין מעגלעכקייט, אַז די אַסימילאַציע פון אַמעריקאַנער אידן זאָל פאַרווירקלעכט ווערן אין די קומענדיקע הונדערט יאָר, גלויבט ער, אַז עס איז געוואונשן צו פירן אַ אידישע דערציאונגס־ און קולטור־אַרבעט. פון דער אַנדער זייט טוט די אַמעריקאַנער ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע גאָרניט אויפן געביט פון דערציאונג. אין פילע אָרטאָדאָקסישע שולן וואָס טראָגן דעם נאָמען „תלמוד תורה" קנעלן די לערער, וואָס זיינען אָפטמאָל מיטגלידער פון ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע פאַרטייען, מיט די קינדער וואָס זיינען געצוואונגען צו טראָגן היטלען אויף די קעפ, — אַחד־העם און ביאַליק און אַפילו שניאור און טשערניכאָווסקי. אויף די ווענט פון די דאָזיקע אינסטיטוציעס זעט מען גאַנץ אָפט בילדער פון טעאָדאָר הערצל, אַחד־העם און ברענער; אָבער עס טרעפט אויך, אַז די קעפ אויף די דאָזיקע פאָטאָגראַפיעס זיינען, לויט דער פאָדערונג פון די תלמוד־תורה־דירעקטאָרן, באַדעקט מיט פאַסן שוואַרץ פאַפיר — אויפן פלאַץ פון יאַרמולקעס, כדי די קינדער זאָלן פאַר די אויגן ניט האָבן קיין שלעכטן ביישפיל. דאָס איז דער הויכפונקט פון דעם גייסטיקן תהו ובהו. ווען מען נעמט צוזאַמען דאָס ביסל פרטים, וואָס זיינען דאָ צופעליק און בחפזון דערמאָנט געוואָרן און מען כופלט זיי לויט דער צאָל פון די אַמעריקאַנער אידן, האָט מען פאַר זיך דעם שליסל צו דעם באַגריפן־כאַאָס, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר דער אי־בערגאַנגס־צייט אין אַמעריקאַנער אידנטום.

מיר ווען, הייסט עס, צום אַמעריקאַנער אידנטום ניט צוגיין מיט דעם מאָסשטאַב פון קאָנווענציאָנעלע באַגריפן; מיר ווען זיך פרובירן דערגרונטעווען צו די אינערלעכע געזעצן פון זיין לעבן, צו דיווירטשאַפטלעכע, סאָציאַלע און קולטורעלע דערשיינונגען, טרייב־קרעפטן און טענדענצן, וואָס אַנטפלעקן זיך אין דעם דאָזיקן לעבן.

אַכטער בריוו

די שילדערונג פון דיין באַזוך אין דעם אַרבעטער־לאַגער פון דער עלעקטריציטעט־סטאַנציע אויפן ירדן, וואָס איך האָב נעכטן באַקומען מיט דער פאָסט, האָט מיך טיף גערירט. מיר האָבן געמאַכט נאָך אַ וויכטיקן שריט צום אויפבוי פון אונזער לאַנד אין גרויסן מאָסשטאַב. איך בין זיכער, אַז די ידיעות, וואָס האָבן זיך פון דעם דאָזיקן ווינקל געטראָגן אין אידישע שטעט און דערפער פון ארץ ישראל, האָבן עלעק־טריזירט נייע כוחות, געשטאַרקט אָפגעשוואַכטע נערוון — נאָך איידער

דער ערשטער קילאָוואַט פֿון עלעקטרישן שטראָם האָט דערגרייכט די ליניעס. אַ מחנה פֿון טויזנט חברים, זון פֿאַרברוינטע בחורים און מיידלעך; צוויי נייע נעמען — תל אור און נהרים — זיינען צוגעקומען אויף אונזער געאָגראַפֿישער מאַפּע; דער ירמוק איז אַרויסגעפֿירט געוואָרן פֿון זיין אַלטער טויזנטיעריקער בעט און אַריינגעגאָסן געוואָרן אין נייע פּרוכטבאַרע קאַנאַלן; אַ וואַסער־דאַמבע איז געבויט געוואָרן לעבן כּנרת; אין האַרץ פֿון דער וויסטע איז אויפֿגעשטעלט געוואָרן אַ ווערק, וואָס וועט צושטעלן מאָטאָר־קראַפֿט צו דער אידישער אינדוסטריע און לאַנדווירטשאַפֿט אין משך פֿון פֿילע יאָרן; די פֿאַרשטעלונגען פֿון דער „הבימה״ און נהרים; נייע פּאָזיציעס וואָס זיינען דעראָבערט געוואָרן פֿאַר דער אידישער אַרבעט, פּאָזיציעס וואָס זייער פֿיזישער פֿאַרנעם איז קלענער פֿון זייער אוממיטלבאַרער באַדייטונג — דאָס אַלץ טראָגט מיט זיך בטחון, צוקונפֿט, אַרבעטס־פֿרייד, לעבנס־קראַפֿט.

ניט ווילנדיק טראָגט זיך מיין געדאַנק אַריבער פֿון דאַנען צו יענעם עניין, וועגן וועלכן איך האָב דיר געוואָלט דערציילן, ווי אַן אַריינפֿיר צו אַ שילדערונג פֿון דער אַנטוויקלונג און די פֿאַרשידענע עקאָנאָמישע טענדענצן אין אַמעריקאַנער אידנטום פֿון אונזער צייט. דאָס איז די לאַגע פֿון דער אידישער אַרבעט אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן. אָבער דער געדאַנק שטויסט זיך גלייך אָן אויף אַ שטערונג. דאָס בילד פֿונם עלעקטריציטעט־ווערק אויפֿן ירדן מאַכט שוין צופֿיל בולט דעם אונטערשייד צווישן „דאָ״ און „דאָרט״. און אַז מיר וועלן זיך אין דעם עניין גוט אַריינטראַכטן, וועלן מיר זען, אַז דאָס איז דער עיקר׳דיקער און גרונט־אונטערשייד צווישן דער פּאָזיציע פֿון דער אידישער אַרבעט אין ארץ ישראל און אין אַלע אַנדערע לענדער, איינגעשלאָסן די פֿאַראייניקטע שטאַטן און דער סאָוועטן־פֿאַרבאַנד.

מיר זיינען דערצויגן געוואָרן אויפֿן באַגריף, אַז אַמעריקע איז דאָס לאַנד אין וועלכן עס געפֿינט זיך די שטאַרקסטע און מאָדערנסטע אידישע אַרבעטס־פּאָזיציע אין דער וועלט. עס איז דאָך דאָס לאַנד פֿון דער שטאַרקסטער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג, פֿון די פֿאַרגעשריטנסטע פּראָפֿעסיאָנעלע און קולטור־אָרגאַניזאַציעס. איך וועל באַלד קלאָר מאַכן אויף ווי ווייט דער דאָזיקער באַגריף שטימט מיט דער איצטיקער לאַגע און וואוהין די איצטיקע אַנטוויקלונג פֿירט. וואָס איך וועל איצט זאָגן האָט אַ שייכות צו דעם בלי־פּעריאָד פֿון דער באַוועגונג, בעת די מאַסן־אימיגראַציע האָט געשטראָמט מיט פֿולער

קראַפֿט, בעת די צאָל אידישע אַרבעטער איז געוואַקסן פֿון יאָר צו יאָר און די צאָלמעסיקע און אָרגאַניזאַציאָנעלע קראַפֿט פֿון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג האָט דערגרייכט איר הויכפּונקט, ניט וויכטיקער ווי עס האָט אַ שייכות צו דעם ענין וועגן וועלכן מיר רעדן. אַפֿילו אין דער צייט פֿון איר העכסטן אויפֿבלי און וואוקס איז דער אידישער אַרבעטער אין אַמעריקע געווען פּאַררוקט און איינגעקלאַמערט אין אַ קליינער צאָל ווירטשאַפֿטס־צווייגן. דאָס זיינען אייגנטלעך געווען פֿינף צווייגן: פּרויען־ און מענער־קליידער, פּוטערוואַרג, לעדער־טאַשן, זייגערמאַכעריי און אַ צאָל קאָנסום־אינדוסטריעס וואָס האָבן הויפּטזעכלעך געדינט דעם אידישן מאַרק — ווי בעקערייען און דרוקערייען אין די אידישע קוואַרטאַלן. אידישע סאָציאָלאָגן און פּאָליטיקער האָבן שוין ניט איינמאָל אָנגעוויזן, אַז די דאָזיקע אַרבעטס־צווייגן געהערן צו די טעכניש סאַמע צוריקגעשטאַנענסטע. דאָס הייסט, אַז מעכאַניש זיינען זיי ווייניק אַנטוויקלט און דער אַרבעטס־לוין וואָס זייערע אַרבעטער באַקומען איז אַ פֿאַרהעלטניסמעסיק נידעריקער. אין דער אימיגראַציע תּקופֿה האָבן די דאָזיקע אינדוסטריעס מיט זיך פֿאַרגעשטעלט די אַזוי גערופֿענע „שוויץ־סיסטעם". דערצו דאַרף מען נאָך צוגעבן, אַז די מערסטע פֿון די דאָזיקע צווייגן געהערן צו די טיפּישע סעזאָן־אינדוסטריעס, וואָס זיינען זייער שטאַרק אָפּהענגיק פֿון מאָדע־ און קאָניונקטור־ענדערונגען, און זיי זיינען דערפֿאַר אומזיכערע אַרבעטס־פּאָזיציעס. אָבער די דאָזיקע שטריכן זיינען ניט וויכטיק פֿאַר דעם ענין וועגן וועלכן מיר רעדן. פֿון שטאַנדפּונקט פֿון דער נאַציאָנאַלער עקאָנאָמיק איז דאָ אַנטשיידנד־וויכטיק גאָר אַן אַנדער מאָמענט. אַט די אַלע ווירטשאַפֿטס־צווייגן, אין וועלכע די אידישע אַרבעט איז קאָנצענטרירט, געפֿינען זיך אויף דער לעצטער גרענעץ פֿון דער סאַמע אויסערלעכסטער פּעריפֿעריע פֿון דער אַמעריקאַנער ווירטשאַפֿט. דאָס זיינען די אַרבעטס־צווייגן וואָס זיינען אַממערסטן אָפּגערוקט פֿון די צענטראַלע פּאָזיציעס פֿון דער נאַציאָנאַלער ווירטשאַפֿט. אין די דאָזיקע צענטראַלע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס האָט די אידישע אַרבעט אין אַמעריקע — ווי אין אַלע אַנדערע לענדער, אויסער ארץ ישראל — קיין שום דריסת רגל.

די צענטראַלע פּאָזיציעס, וועלכע זיינען פֿאַר אידן געשלאָסן, פֿאַרנעמען אין דער ווירטשאַפֿט דעם זעלבן צענטראַלן פּלאַץ ווי דאָס האַרץ, די לונגען און די פֿאַרשידענע דריזן אין לעבעדיקן קערפּער. אמת, אַזוי ווי אַנדערע טיילן פֿון קערפּער, זיינען זיי אויך אַרויסגעוואַקסן

פֿון איין צעל און איין שטאָף, אָבער פֿונדעסטוועגן שטעלן זיי מיט זיך פֿאָר די איידלסטע צעלן־קאָמבינאַציעס, וואָס קענען ניט פֿאַרביטן ווערן דורך קיין אַנדערע. די מינדעסטע שטערונג אין זייער פֿונקציאָנירן, דער מינדעסטער שאָדן פֿאַר זייער געוועב, קען אָפּשטעלן די טעטיקייט פֿון דעם גאַנצן קערפּער, אים פּאַראַליזירן. ווי אַ קענער פֿון דער מאָדערנערווירטשאַפֿט וויסטו זיכער דעם פּלאַץ וואָס די דאָזיקע ווירטשאַפֿטלעכע גרונט־פּאָזיציעס פֿאַרנעמען אין אַזאַ לאַנד ווי די פֿאַראייניקטע שטאַטן. דאָרטן וואו דער אַקער ברעכט אויף דעם באָדן פֿון דעם מיסיסיפּי־טאָל געפֿינט זיך איין מעכטיקע גרונט־פּאָזיציע פֿון דער אַמעריקאַנער ווירטשאַפֿט; די קוילן־גריבער אין פּענסילווייניע — זיינען אַ צווייטע גרונט־פּאָזיציע; די אויל־פֿעלדער פֿון אָקלאַהאָמאַ און טעקסאַס — אַ דריטע פּאָזיציע; די עלעקטריצי־טעט־ווערק אין ניאַגראַ, סט. לאָרענס, אַלאַבאַמאַ — אַנדערע פּאָזיציעס; די מעטאַל־גיסערייען פֿון פֿאַרייניקטן שטאָל־טראַסט — נאָך אַנדערע פּאָזיציעס. צו דעם קרייז פֿון די דאָזיקע ווירטשאַפֿטלעכע גרונט־פּאָזיציעס געהערן ניט נאָר די רוי־שטאָף־ און קראַפֿט־קוואַלן פֿונם לאַנד, אָדער די פֿאַרשידענע טראַנספּאָרט־ליניעס, נאָר אויך די צענטראַלע פֿאַבריקאַציע־אינדוסטריעס. נאָך אַ קורצער תּקופֿה פֿון צוואַנציק יאָר, קען מען שוין אין דעם דאָזיקן חשבון אַריינרעכענען אויך די אויטאָמאָבילן־אינדוסטריע, שוין ניט־רעדנדיק וועגן דער כעמישער אינדוסטריע און דער מאַשין אינדוסטריע. יעדער קריזיס, יעדע שטערונג, סטרייק, אָדער בכלל אויפֿטרייסלונג אין איינער פֿון די דאָזיקע ווירטשאַפֿטס־פּאָזיציעס ווירקט גלייך אויף אַלע אַנדערע ווירטשאַפֿטלעכע פּאָזיציעס ביז צו די וויטסטע ווינקלען פֿון דעם עקאָנאָמישן לעבן און רופֿט אומעטום אַרויס נייע קריזיסן און שטערונגען וועלכע טראָגן אין זיך אַן ערנסטע געפֿאַר פֿאַרן קיום פֿון דער גאַנצער נאַציאָנאַלער עקאָנאָמיק. אויב מען קען זיך טעאָרעטיש פֿאָרשטעלן אַ גענעראַל־סטרייק אין אַלע אויבנדערמאָנטע אַרבעטס־צווייגן, קען מען אין פֿאָרויס זיכער זיין אַז דער רעזולטאַט פֿון אַזאַ סטרייק מוז זיין — אַ מורא׳דיקע אויפֿטרייסלונג פֿון דעם גאַנצן סאָציאַלן לעבן אין אַמעריקע אין משך פֿון געציילטע טעג.

אין אָט די אַלע ווירטשאַפֿטס־צווייגן האָט די אידישע אַרבעט ניט קיין דריסת רגל. די אויסנאָמען זיינען באמת זעלטנהייטן. דאָס איז אַ פֿאַקט וואָס טראָגט אין זיך ווייט־גייענדיקע סאָציאַלע און עקאָנאָמישע רעזולטאַטן. מיט דעם ווערט ניט געמאַכט קיין שום אָפּשאַצונג

פֿון דער רעלאַטיווער באַדייטונג פֿון די אידישע אַרבעטס־צווייגן. עס איז אָן צווייפֿל קלאָר, האָב איך לעצטנס געזאָגט אויף אַ פֿאַרזאַמלונג פֿון אַ פּראָפֿעסיאָנעלן פֿאַריין פֿון אידישע טאַשן־מאַכער, אַז מען קען זיך די גאַנצע מאָדערנע קאַפּיטאַליסטישע קולטור ניט פֿאָרשטעלן אָן לעדער־טעקעס און פּרויען־טאַשן. אידישע מיטל־קלאַס פֿרויען אין אַמעריקע וועלן זיכער האַלטן פֿאַר אַ משוגע׳נעם יעדן איינעם וואָס וואַגט צווייפֿלען אין דער וויכטיקייט פֿון פּוטערס און בריליאַנטן. און וואָס איז שייך דער קליידער אינדוסטריע, געהערט זי דאָך — צוליב דער עלאַסטישקייט פֿון דעם באַגריף „קלייד" — צוזאַמען מיט שפּייז און וואוינונגען צו יענע דריי זאַכן אויף וועלכע עס שטייט, לויט דער אָנגענומענער מיינונג, די וועלט. די אידישע פֿאַרמער — אַ קליינע מינדערהייט אין אַמעריקאַנער אידנטום — אויף וויפֿל זיי פֿאַרנעמען זיך טאַקע מיט לאַנדווירטשאַפֿט, ניט מיט זומער־האָטעלן, אַרבעטן זייער שווער כּדי אַרויסצובאַקומען אַ שטיקל ברויט פֿון דער ערד. אָבער דאָס אַלץ ענדערט ניט דעם אַלגעמיינעם ביטערן פֿאַקט, אַז די אידישע אַרבעט ווערט אין איר אַנטשיידנדיקסטן טייל פֿאַררוקט העט־ווייט אין די סאַמע שוואַכסטע און אָפּגעשטאַנענסטע ווירטשאַפֿטס־צווייגן, צווייגן וואָס זיינען פֿון שטאַנדפּונקט פֿון דער נאַציאָנאַלער עקאָנאָמיק פֿון צווייטן ראַנג. מען קען אויך אויסאַרבעטן אַ טעאָרע־טישן פּלאַן פֿון אַ גענעראַל־סטרייק אין אַלע אידישע אַרבעטס־צווייגן — אָבער אַזאַ סטרייק וועט קיינעם ניט אָנטאָן קיין שאָדן, די לעבנס־נערוון פֿון דער אַמעריקאַנער ווירטשאַפֿט וועלן פֿון אַזאַ סטרייק ניט ליידן. עטלעכע אָרגאַניזאַציאָנעלע ענדערונגען, אַביסל צופּאַסונג — און דער קאַמף וואָלט זיך געענדיקט אָן קיין שום שינויים אין דעם נאָרמאַלן גאַנג פֿון דער אַמעריקאַנער ווירטשאַפֿט. איך בין פֿיל מאָל געשטאַנען אַ פֿאַרגאַפֿטער פֿאַר די גיגאַנטישע וואַסער־דאַמבעס אין קאָלאָראַדאָ אָדער קאַליפֿאָרניע, איך בין אַריבער די מעכטיקע בריקן איבער די ברייטע טייכן, מען האָט מיך געפֿירט דורך די גרויסע אַרבעטס־זאַלן און דעם דונערן פֿון די גרויסע האַמערן — און תּמיד פֿלעג איך צו זיך זאָגן אַביסל מיט ביטערקייט, אַביסל אין פֿאַרצווייפֿלונג און אַביסל אייפֿערזיכטיק — אָט אין די אַלע זאַכן נעמען די אידן נישט קיין שום אָנטייל. אויך צווישן די אינזשיניערן, אַרכיטעקטן און בוימייסטער וואָס האָבן געשאַפֿן די פּלענער פֿאַר די דאָזיקע בריקן, עלעקטריציטעט־ווערק און דאַמבעס און די וואָס אַדמיניסטרירן זיי טרעפֿט מען זייער זעלטן אַ אידן.

די גרונט־פּאָזיציעס פון דער נאַציאָנאַלער אַרבעט גיט קיין שום פאָלק ניט איבער אין פרעמדע הענט. אַ ביטערע ווירטשאַפטלעכע אָרעמקייט אָדער עקאָנאָמישע צוריקגעשטאַנענקייט קענען אַמאָל צווינגען אַ לאַנד צו אַנטלייען, פאַרמשכונ׳ען, פאַרקויפן אָדער אינגאַנצן אַוועקגעבן די גרונט־פּאָזיציעס פון דעם נאַציאָנאַלן קאַפּיטאַל. דער אַלגעמיינער פאַרקויף פון דער עסטרייכישער אינדוסטריע צו אַמעריקאַנער קונים, דאָס אַריינדרינגען פון פרעמדע אין דער דייטשער ווירטשאַפט נאָך דער מלחמה, די פינאַנציעלע פאַרשקלאַפונג פון די דרום־ און צענטראַל־אַמעריקאַנישע רעפּובליקן זיינעןביישפּילן פון דער נויט, וואָס צווינגט אַמאָל אַ לאַנד צו אַזעלכע קאָנצעסיעס. אָבער פאַרקויף־דאָקומענטן, ליי־פּאַפּירן און אַפּאָטעקן־אָפּמאַכן זיינען ניט מער ווי יורידישע דאָקומענטן. יעדע רעוואָלוציע, יעדע ענדערונג אין דער אַלטער לעגאַלער אָרדענונג, יעדע אַנטשעדיקונגס־קאָמיסיע, יעדער פּאַרלאַמענט־באַשלוס קענען בטל מאַכן די דאָזיקע דאָקומענטן און ווידער עטאַבלירן די רעכט פון נאַציאָנאַלן קאַפּיטאַל. אָבער די ווירטשאַפטלעכע גרונט־פּאָזיציעס, די צענטראַלע פּאָזיציעס פון דער נאַציאָנאַלער אַרבעט, ווערן קיינמאָל ניט אַוועקגעגעבן צו אַנדערע. אַזאַ זאַך קען מען זיך אַפילו ניט פאָרשטעלן. אַפילו אין סאָוועטן־פאַרבאַנד וואָס קאָכט מיט אידישער קאָלאָניזאַציע און האָט זיך אַזוי שטאַרק געזאָרגט פאַרן שאַפן פון אידישע קאָלאָניזאַציע־ראַיאָנען האָבן מיר אויך ניט געהערט וועגן אַזעלכע זאַכן. דאָס וואָס עטלעכע צענדליק טויזנט דעסיאַטין ערד איז אין דער אוקראַינע אָפּגעטיילט געוואָרן פאַר דעם דאָזיקן צוועק ענדערט ניט דעם דאָזיקן פאַקט. איך האָב קיינמאָל ניט געהערט, אַז די רוסישע רעגירונג זאָל אויסדריקן איר גרייטקייט מוותר צו זיין אויף איינער פון די גרונט־פּאָזיציעס פון דער רוסישער ווירטשאַפט און אַרבעט, כדי מעגלעך צו מאַכן דאָס שאַפן פון אַ אידישער אַרבעט־ און ווירטשאַפטס־פּאָזיציע אין אַ זעלבסטשטענדיקן אידישן ראַיאָן. אַזאַ זאַך איז קיינמאָל ניט פאָרגעשלאָגן געוואָרן — ניט אין די קוילן־גרובן פון דעם דאָנעץ־טאָל, ניט אין די עלעקטריציטעט־ווערק, ניט אין די אויל־ראַיאָנען אין גרוזיע און אויך ניט אין די מינעראַל־דיסטריקטן פון אוראַל. דאָס איז די באַזונדערע „פּריווילעגיע" פון דעם אידישן פאָלק, פון דעם פאָלק וואָס איז אומעטום אַ גאַסט איבער נאַכט—אַפילו אין דעם נאַציאָנאַל־געמישטן פאָלק וואָס טראָגט דעם נאָמען אַמעריקאַנער נאַציע — „פריי" צו זיין פון דער „שוואַרצער אַרבעט" און אויך פון דער שווערער פאַראַנטוואָרט־

לעכקייט וואָס אָט די אַלע טעטיקייטן טראָגן מיט זיך און דערביי געשטופּט צו ווערן צו ניט ווייניקער שווערע אַרבעטן, וואָס זיינען אָבער אויך מער פּרוכטלאָז, האָפנונגסלאָז און מאַכטלאָז.

איך ווייס גאַנץ גוט ווי אַנדערש דאָס אַלץ איז פון דער אַטמאָספערע אין וועלכער מיר לעבן אין ארץ ישראל. איך האָב כמעט מורא, אַז דו האָסט שוין פאַרגעסן די גלות־ווירקלעכקייט און פילסט אפשר ניט דעם גאַנצן אָפּגרונט־טיפן אונטערשייד. עס איז כדאַי צו פאַרברענגען אַ שטיקל צייט אין חוץ לארץ כדי דאָס צו שפּירן פון נאָענטן. אונזער לאַנד איז קלענער און אָרעמער פון אַנדערע לענדער. די דרייסיק טויזנט אידישע אַרבעטער זיינען צאָלמעסיק אַ קלענערע גרופּע ווי די אָרגאַניזירטע אידישע אַרבעטער אין אַמעריקע. אין רוסלאַנד גיט די רעגירונג דער אידישער קאָלאָניזאַציע פיל מער דירעקטע הילף, ווי די בריטישע אין ארץ־ישראל, און פונדעסטוועגן, — אַפילו אָפּגעזען פון אַלע היסטאָרישע, ראָמאַנטישע און מיסטישע סענטימענטן—איז אַזוי וואונדערלעך די פאַרשיכור'נדיקע לופט פון דער דעראָבערנדער אידישער אַרבעט אין ארץ ישראל. פון יאָר צו יאָר דרינגט די אידישע אַרבעט אַריין אַלץ טיפער אין די גרונט־פּאָזיציעס פון דעם לאַנדסווירטשאַפט. אויב דאָס עלעקטריציטעט־ווערק אויפן ירדן, די אַקס אַרום וועלכער עס דרייען זיך אַלע גרויסע עלעקטריפיקאַציע־פּלענער, איז אַזאַ גרונט־פּאָזיציע — האָט דאָך זי געשאַפן און בויט זי די אידישע אַרבעט; אויב דער עמק, די זאַנגע פון תבואה און מילך, און דער גרינס־גאָרטן אַרום חיפה, איז אַ צווייטע גרונט־פּאָזיציע, פירט דאָך די אידישע האַנט דעם אַקער און דעם גראַב־אייזן אויף דעם דאָזיקן באָדן; אויב די זאַנגע פון די ציטרוס־פּלאַנטאַציעס, דער פּראָדוקציע־צענטער פון אונזער מאַנאָפּאָל סחורה, וואָס ווערט געשאַפן פאַרן וועלט־מאַרק, איז אויך אַזאַ פּאָזיציע — ווערט זי דאָך פון סעזאָן צו סעזאָן און שריט נאָך שריט אַלץ מער און מער דעראָבערט דורך דער אידישער אַרבעט; אויב דער ים־ברעג איז אַ נייע, ערשט אַנטשטייענדיקע גרונט־פּאָזיציע — קעמפט דאָך די אידישע אַרבעט פאַר איר חלק אין דער דאָזיקער אויפבוי אַרבעט און האָט זיך אַפילו פאַרזיכערט דאָס יורידישע רעכט אויף דעם דאָזיקן אַנטייל. אויב די מינעראַלן־אוצרות פון ים המלח זיינען אַזאַ צוקונפטיקע פּאָזיציע — וועט די אידישע אַרבעט אין איר אויך אַריינדרינגען הונדערטער מעטער אונטער דעם וואַסער־פלאַך. אין דער טראָפּישער היץ פון סדום און עמורה וועט זי זיך דעראָבערן דאָס דאָזיקע רעבט פון דער ערשטער

מינוט אָן אָדער נאָך אַן עקשנות׳דיקן קאַמף אין משך פֿון יאָרן. די זיכערקייט, די צוקונפֿט־אַספּיראַציע, די שאַפֿונגס־פֿרייד און דער לעבנס־כּוח, וואָס טראָגן זיך פֿון תּל אור האָבן טיפֿע וואָרצלען אין לאַנד. דער יאָך פֿון אַחריות פֿאַר דעם דאָזיקן שטיקל ערד, וואָס טראָגט דעם נאָמען ארץ ישראל, און וואָס ליגט אינגאַנצן אויף אונזערע פּלייצעס, די נצחון־פֿרייד וואָס ליגט אין דער דאָזיקער אַחריות, די שוואַרצע און שווערע אַרבעט וואָס די אַנטוויקלונג פֿון דעם לאַנד לייגט אויף אונז אַרויף — דאָ און ניט אין קיין שום אַנדער פּלאַץ דווקא אויף אונז — דאָס זיינען די וואָרצלען.

ניינטער בריוו

אָבער ווי באַשרענקט עס זאָל ניט זיין די ספֿערע פֿון דער אידישער אַרבעט אין אַמעריקע, און וואָס עס זאָל ניט זיין דער ווערט פֿון דער דאָזיקער אַרבעט, איז זי פֿונדעסטוועגן אין משך פֿון אַ לאַנגער צייט צאָלמעסיק און אָרגאַניזאַציאָנעל געווען דער שטאַרקסטער שטיץ־פּונקט פֿון דער אַלוועלטלעכער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג. איר צאָל, איר אָרגאַניזאַציאָנעלע געשלאָסנקייט, איר אָרגאַניזיר־קראַפֿט האָבן כּסדר געהאַלטן אין איין שטייגן. אָבער איך וואָלט ניט געווען טריי דער ווירקלעכקייט, ווען איך וואָלט געזאָגט, אַז היינט גיבן נאָך אויך די אידישע אַרבעטס־פּאָזיציעס אין אַמעריקע דעם זעלבן איינדרוק פֿון פֿעסטקייט און לעבנס־קראַפֿט. פֿאַר מיר, וועלכער איז דאָ געקומען שוין עטלעכע יאָר נאָך דעם אָפּשטעלן פֿון דער אימיגראַציע, איז דאָס שוין געווען ניט מער ווי אַ לעגענדע פֿון אַ ווייטער פֿאַרגאַנגענהייט. אין ליכט פֿון דער טראַדיציע און אין טיפֿן צובונד צו אַלץ, וואָס טראָגט דעם נאָמען אידישע אַרבעט, קען איך אין סאַמע בעסטן פֿאַל בלויז זאָגן, אַז איך זע די אידישע אַרבעט ווי אַ פֿעלז וואָס דער ווינט און דער רעגן האָט צעריבן און די פֿייכטקייט האָט אונטער אים געגראָבן אַזוי טיף, אַז ער האַלט איצט ביים צעפֿאַלן ווערן. איך האָב דאָ אין זינען די פּאָליטישע צעשפּליטערונג פֿון דער אַמעריקאַנער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אונזער צייט, וואָס שפּיגלט זיך אָפּ אין שווערע און פֿאַרביטערטע אינערלעכע קאַמפֿן וואָס ווערן געפֿירט מיט אַ ברוטאַלער שנאה, וואָס בלויז „ווינקל באַוועגונגען״ (לויט אַ טרעפֿלעכן אויסדרוק פֿון חיים גרינבערג) זיינען צו איר מסוגל. דאָס איז אפֿשר ניט מער ווי יענער קאַמף וואָס צעשפּליטערט היינט די אַרבעטער־באַוועגונג אין דער גאַנצער וועלט אין אַן איסט־סיידער

אויפֿלאַגע, וואָס דער טעמפּעראַמענט, דער דאָגמאַטיזם און פּאַרטיי־פּאַנאַטיזם פֿון דער איסט־סייד האָבן אים בלויז צוגעגעבן אַ געוויסע גראָטעסקע קרומקייט. מיט דעם וויל איך ניט זאָגן, אַז די יוניאָנס, וואָס באַשטייען כּמעט אינגאַנצן פֿון אידישע אַרבעטער, וואָס אידישע אַרבעטער האָבן זיי אויפֿגעבויט, וועלכע זיינען געווען די קאָנסטרוק־טיווסטע און פּראָגרעסיווסטע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס אין לאַנד, זיינען אינגאַנצן אַראָפּ פֿון דער בינע; פֿאַרקערט, פֿיל פֿון זיי ווי, די „אַמאַל־געמייטעד קלאָטהינג וואָירקערס", שטייען נאָך היינט אין די ערשטע רייען, אָבער די צאָל אידישע אַרבעטער אין דער מיטגלידער־שאַפֿט — צווישן די פֿירער האַלט עס נאָך ניט אַזוי ווייט — ווערט אַלץ קלענער און קלענער. איינער פֿון די פֿירער האָט מיר אויפֿן אַמאַלגעמייטעד צוזאַמענפֿאָר אין סינסינעטי געזאָגט, אַז דער פּראָ־צענט אידן אין דער מיטגלידערשאַפֿט פֿון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע באַטרעפֿט היינט ניט מער ווי 26—28. אָבער דער עיקר איז דער ווירטשאַפֿטלעכער יסוד פֿון דער דאָזיקער דערשיינונג, דער וואַקסנדער חורבן פֿון דער אידישער אַרבעט, וואָס מיר זעען דאָ פֿאַר זיך זינט עס האָט זיך אָפּגעשטעלט דער שטראָם פֿון דער אימיגראַציע.

אויף פֿיר הויפּט־אופֿנים קומט צום אויסדרוק דער דאָזיקער איבערברוך אויפֿן פּראָנט פֿון אידישער אַרבעט. זיי זיינען: איבער־שיכטונג, פּאַרעלטערונג, אַרויסשטופּונג און אויסשליסונג.

דאָס וואָס איך האָב דאָ בכּיוון גערופֿן מיטן נאָמען איבער־שיכטונג איז אַ פּראָצעס, וואָס אידישע סאָציאָלאָגן האָבן שוין ניט איינמאָל געשילדערט באַטראַכטנדיק עס — זיי מאַכן, לויט מיין מיינונג, אַ טעות — אַלס אַ סימפּטאָם פֿון עקאָנאָמישן אויפֿשטייג. איינער פֿון אונזערע פּריינט האָט די זאַך דעפֿינירט אַביסל בעסער און שאַרפֿער: „שטייגן אין דער אַרבעט הייסט ביי אַ אידישן אַרבעטער אין אַמעריקע — אַוועקגיין פֿון דער אַרבעט". געוויינלעך זוכט מען פֿאַר דער דאָ־זיקער דערשיינונג אַ דערקלערונג אין דעם אידישן אינדיווידואַליזם, אין דער אידישער שטרעבונג צו עקאָנאָמישער זעלבסטשטענדיקייט, צו זיין אַן „אייגענער באַלעבאָס". מען קען צווייפֿלען, צי די דאָזיקע פּסיכאָלאָגישע דערקלערונג איז טאַקע אַ צופֿרידנשטעלנדיקע — אָבער וועגן דעם עצם פֿאַקט קען ניט זיין קיין צווייפֿל. דער אידישער אַר־בעטער איז אַ גוטער שפּאָרער. ביי דער ערשטער געלעגנהייט באַנוצט ער זיינע אָפּשפּאָרונגען כּדי זיך צו שאַפֿן אַ זעלבסטשטענדיקע עק־זיסטענץ־פּאָזיציע, — אַפֿילו אַ קליינע און אומוויכטיקע, אַבי ווערן

אויס לוין־אַרבעטער ביי זיין ברויט־געבער. זיינע לעבנס־באַדינגונגען אַלס „זעלבסטשטענדיקער באַלעבאָס״ זיינען אָפּטמאָל ניט קיין גריג־גערע אָדער לייכטערע ווי פריער. די הכנסה פון אַ „גראָסערי־קרעמער״ אָדער אַ קליינעם אַגענט פון פאַרזיכערונגס־געזעל־שאַפט איז ניט העכער ווי די פון אַ מער אָדער ווייניקער קוואַליפי־צירטן אַרבעטער, אַפילו אין די אידישע אַרבעטס־צווייגן און ניט געקוקט אויף די סעזאָן־ענדערונגען. דערפאַר קען ער ניט קומען אַהיים פינף אַזייגער און געניסן פון זיינע אָפּרו־שעה׳ן. דער קליינער קרעמער, שוין אָפּגערעדט פון דעם פעדלער, און זיין פרוי, גיבן זייער געשעפט אַוועק אַ ממש גרענעצלאָזע אַרבעטס־וואָך; שבת נאָכ־מיטאָג און שבת־צו־נאַכט איז געוויינלעך די פאַרנומענסטע צייט פון דער וואָך. בעת זייערע אָפּגעכאַפּטע מאָלצייטן האָבן זיי ניט די געלעגנהייט אַפילו אָנצוקוקן זייערע בני־בית. דערצו קומט די שטענ־דיקע זאָרג וועגן געשעפט, קרעדיט, חובות אָפּצאָלונגען — און דאָך איז די שטרעבונג צו זעלבסטשטענדיקייט שטאַרקער פון אַלע צווייפלען. עס איז מעגלעך אַז עס אַנטשיידט דאָ די האָפענונג אויף אַ רעלאַטיוון אויפשטייג, וואָס מען זעט טאַקע ניט פאַר זיך, אָבער וועלכער קען דאָך קומען „מיט דער צייט״. די דאָזיקע האָפענונג נעמט זיך פון דעם שטאַרקן צוטרוי אין די אייגענע פעאיקייטן, פון קאַלקולאַציעס און זעלבסט פייניקונג. ווי די זאַך זאָל ניט זיין, אומעטום געפינט מען טויזנטער געוועזענע אַרבעטער וואָס זיינען איצט קליינע הענדלער, אַגענטן און פעדלער. עס זיינען פאַראַן אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, גאַנצע פאַריינען פון אַרבעטער־רינג, באַזונדערס אין די דרום־ און מערב־שטאַאַטן, צווישן זיי זייער „ראַדיקאַלע״ און „לינקע״ גרופן, אין וועלכע מען טאָר עד היום ניט דערמאָנען מיט קיין וואָרט דאָס אַרבעטנדע ארץ ישראל, אין וועלכע מען קען ניט געפינען קיין אַרבעטער.

דאָס וואָס איך האָב גערופן מיטן נאָמען פאַרעלטערונג איז אויך זייער אַ פשוטע און דורכזיכטיקע דערשיינונג. די אימיגראַנטן פון די יאָרן 1890 און 1900 זיינען דאָס גאַנצע לעבן געווען באַשעפטיקט אַלס שניידער, שוסטער און פוטערוואַרג־אַרבעטער. אין משך פון די דאָזיקע דרייסיק יאָר האָבן זיי אָנגעזאַמלט אַביסל קאַפּיטאַל און צום סוף אַוועק פון דער אַרבעט. דאָס דאָזיקע קליינע קאַפּיטאַל איז צייטנ־ווייז פאַרקערפּערט געוואָרן אין דער פאָרם פון זין און טעכטער וואָס זיינען געוואָרן אַדוואָקאַטן, דענטיסטן, סעקרעטאַרן, דירעקטאָרן — און זיינען בכוח אויסצולייזן דעם פאַרעלטערטן טאַטען פון דער גע־

פֿענגניש פֿון דעם „שאַפּ״. מען קען ניט זאָגן, אַז דער אידעאַל צו לעבן אויף רענטע איז אַזוי פֿאַרשפּרייט צווישן דעם קליין־בירגערטום אין אַמעריקע ווי למשל, ביי דער פֿאַרמעגלעכער בורזשואַזיע אין פֿראַנקרייך און אַמעריקע, באַזונדערס אין ספּעקולאַציע־געשעפֿטן. דער פּראָצעס פֿון פֿאַרעלטערונג וואָלט דערפֿאַר צאָלמעסיק ניט אָנגענומען אַזאַ ברייטן פֿאַרנעם, ווען אין דער אַמעריקאַנער אידישער אַרבעטערבאַוועגונג וואָלט עקזיסטירט דער נאַטירלעכער סדר הדורות וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פֿאַרן פּראָלעטאַרישן גורל, ווען יונגע אַרבעטסהענט וואָלטן פֿאַרנומען דעם פּלאַץ פֿון פֿאַרעלטערטע הענט. אָבער דער דאָזיקער נאַטירלעכער המשך איז אין אַ גרויסער מאָס אָפּגעהאַקט געוואָרן אַ דאַנק דער יוגנט וואָס גייט אַריבער אין אַנדערע ווירטשאַפֿטס־צווייגן. דערפֿאַר איז די פֿאַרמינערונג פֿון דעם אַרבעטערקלאַס צוליב פֿאַרעלטערונג אַזאַ וויכטיקער פֿאַקטאָר.

די צוויי אַנדערע פֿאַקטאָרן, די אַרויסשטופּונג און די אויסשליסונג, זיינען אַ רעזולטאַט פֿון אַ צוזאַמענשטויס צווישן דער אידישער אַרבעט און דער אויסערלעכער ניט־אידישער וועלט. די אַרויסשטופּונג פֿון דעם אידישן אַרבעטער פֿון דער אַרבעט איז אַ רעזולטאַט פֿון ריין עקאָנאָמישע פֿאַקטאָרן, פֿון דער קאָנקורענץ מצד דער ביליקער אַרבעט אין אַלע אירע פֿאָרמען. כאָטש די מאַסן אידישע אַרבעטער זיינען שטענדיק פֿאַררעכנט געוואָרן צווישן די סאַמע נידעריק־באַלוינטע אַרבעטער אין אַמעריקע, זיינען דאָך פֿאַראַן אַנדערע ראַסן־גרופּעס וואָס זייערע לעבנס־סטאַנדאַרטן, און דערפֿאַר אויך זייערע לוין־פֿאָדערונגען, זיינען נידעריקער אַפֿילו ווי די פֿון די אידן. דאָס זיינען די סלאָוואַקישע, פּוילישע, אוקראַאינישע און טיילווייז אויך איטאַליענישע אַרבעטער. אַ פֿאָרשונג פֿון דעם צוזאַמענשטעל פֿון די אינדוסטריע אַרבעטער אין מאַסאַטשוסעטס לויט זייער נאַציאָנאַלן אָפּשטאַם, באַווייזט אַז שוין פֿאַר דער גרויסער וועלט־מלחמה איז צווישן זיי געווען צו מערקן אַ בולט׳ע נייגונג צו איבערשיכטונג. צווישן 1900 און 1913 איז דער פּראָצענט אימיגראַנטן, וואָס זיינען געקומען פֿון ענגלאַנד געפֿאַלן פֿון 19 אויף 11, פֿון די אירלענדישע אימיגראַנטן — פֿון 30 אויף 13, פֿון די קאַנאַדער ענגלענדער — פֿון 16 אויף 3, פֿון די קאַנאַדער פֿראַנצויזן — פֿון 21 אויף 17. פֿון דער אַנדערער זייט איז געשטיגן דער פּראָצענט פּאָליאַקן (וואָס זיינען אין צענזוס פֿון יאָר 1890 אינגאַנצן ניט דערמאָנט געוואָרן) אויף 14% אין יאָר 1913. צו זיי זיינען נאָך צוגעקומען פּאָרטוגעזער, ליטווינער, אַרמעניער און

סיריער. אַלס רעזולטאַט פֿון די וואַנדערונגען פֿון די נעגער פֿון די דרום אין די צפֿון שטאַטן, וועלכע זיינען שטאַרק געוואַקסן אין די לעצטע 15 יאָר, איז אַ וויכטיקער טייל פֿון דער שווערער קוואַליפֿי־צירטער אַרבעט פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין „שוואַרצער אַרבעט” אין דאָפּלטן זינען פֿון וואָרט. אַלס רעזולטאַט דערפֿון איז אין דער לוין־אַרבעטער שיכט, וואָס ליגט אין דער שכנות פֿון דער שוואַרצער אַרבעט, דער עיקר אין דער קליידער אינדוסטריע, געוואַקסן דער אָנבאָט פֿון אַרבעטס־הענט. באַזונדערס אָבער האָט צום פֿאַלן פֿון דעם אַרבעטס־לוין בייגעטראָגן דאָס דערשיינען פֿון די פֿרויען פֿון די דאָזיקע פֿעלקער אַלס קאָנקורענטן אויפֿן אַרבעטס־מאַרק, אַ ירושה פֿון דער אינדוסטריעלער אַרבעטס־מאָביליזאַציע אין דער וועלט־מלחמה. דער אַרבעטס־לוין פֿון די דאָזיקע פֿרויען איז על פּי רוב אַ צוגאָב־הכנסה אין דער הויז־ווירטשאַפֿט — און אַזוי ווי די דאָזיקע פֿרויען זיינען געוואוינט צו נעמען די אַרבעט אַהיים (בעת אַמאָל איז זי געמאַכט געוואָרן אין פֿאַבריק), היטן זיי אויך ניט אָפּ די רעגולערע אַרבעטס־שעה׳ן, און עס ווערט זייער שווער צו פֿאַרטיידיקן די דאָזיקע לוין־פּאָזיציעס. די ציילונגען לויטן נאַציאָנאַלן אָפּשטאַם וואָס זיינען דורכגעפֿירט געוואָרן אין די גרויסע פֿאַך־יוניאָנס פֿון דער קליידער אינדוסטריע, שפּיגלען קלאָר אָפּ די רעזולטאַטן פֿון דער דאָזיקער טענ־דענץ. נאָך שטאַרקער אָבער איז די דאָזיקע טענדענץ צווישן די אַרבעטער־מאַסן, וואָס זיינען ניט אָרגאַניזירט אין די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַריינען. דער רעאַלער אַרבעטס־לוין פֿון די דאָזיקע אַרבעטער איז, אמת, לויט אייראָפּעאישע מאָסשטאַבן, אַ גאַנץ הויכער, אָבער ער ווייזט ניט אַרויס קיין טענדענץ צו שטייגן; פֿאַרקערט, ער ווייזט אַפֿילו אַרויס אַ לאַנגזאַמע טענדענץ צו אַ פֿאַרהעלטניסמעסיקער ירידה.

אויסשליסונג הייסט, דאָס בכּיוון׳דיקע שליסן די טירן קעגן דער אידישער אַרבעט מצד ניט־אידישע אַרבעטס־געבער און אַרבעטס־פֿאַרוואַלטער. דאָס באַרירט אַרבעטער אין האַנדלס־הייזער, סטענאָ־גראַפֿן, ביוראָ־ און אַדמיניסטראַציע־באַאַמטע און אַפֿילו באַאַמטע מיט טעכנישער בילדונג, אינזשינערן און אַרכיטעקטן — אין געוויסע פֿאַכן ניט ווייניקער, און אַפֿילו מער, ווי פֿיזישע אַרבעטער. אפֿשר האָסטו שוין געהערט וועגן דעם, אַז אַפֿילו אין דער „פֿרייסטער מלוכה אין דער וועלט”, אין „לאַנד פֿון אומבאַגרענעצטע מעגלעכקייטן”, עק־זיסטירט די דאָזיקע דערשיינונג וואָס איז טיילוויז אַ רעזולטאַט פֿון ראַסן־שנאה און פֿאַנאַטיזם און טיילוויז — פֿון פּשוט׳ע געלט־חשבונות.

אָבער די דאָזיקע טענדענצן גייען פֿיל ווייטער ווי דו קענסט זיך פֿאָרשטעלן. עס איז אַ גאַנצער יום־טוב ווען מען נעמט אין די הענט איינע פֿון די גרויסע צייטונגען אין ניו־יאָרק, שיקאַגאָ אָדער פֿילאַדעלפֿיע און מען געפֿינט דאָרטן ניט קיין אַנאָנסן וועגן שטעלעס מיט דער באַמערקונג „בלויז קריסטן” אָדער „פּראָטעסטאַנטן זייַנען געוואונטשן”. עס איז קלאָר ווי דער טאָג, אַז נאָך אַ גרעסערע צאָל פֿירמעס האַלטן זיך אָפּ, צוליב קאָמערציעלע טעמים אָדער סתּם אויס העפֿלעכקייט, צו זאָגן אָפֿן אין די אַנאָנסן וואָס זיי ווילן — אָבער בעת זיי נעמען אָן אַ באַשלוס וועגן אַן אַפּליקאַנט אויף אַ שטעלע, טוען זיי דאָס לויט אַ באַשטימטער סיסטעם. צייטנווייז ווערט די אַפּליקאַציע אָנגענומען אָדער אָפּגעוואָרפֿן בלויז לויט אויסערלעכע סימנים — אויסזען, נאָמען, אַדרעס אָדער אַקצענט. אַ כאַראַקטעריסטישע שילדערונג פֿון דער לאַגע האָב איך געלייענט אין אַן אַנגלאָ־אידישער צייטשריפֿט, וואָס דערשייַנט אין אַ גרעסערער שטאָט אין אָהייאָ. אַ פֿרוי, אַ באַאַמטע אין אַ פּריוואַטער אַרבעטס־אַגענטור, דערציילט ווי אַזוי זי האָט זיך באַמיט צו באַקומען אַ ביוראָ־שטעלע אין אַ געשעפֿט פֿאַר אַ יונג אידיש מיידל מיט אַ אידישן נאָמען און מיט דאָקומענטן וואָס זאָגן אויספֿירלעך עדות אויף אירע קוואַליפֿיקאַציעס. אירע קאָלעגינס און אויך דער לייטער פֿון דער ביוראָ האָבן זי אַנטמוטיקט, זאָגנדיק אַז עס האָט ניט קיין זין זיך צו פֿאַרנעמען מיט דער דאָזיקער אַפּליקאַנטקע. פֿון איר אויספֿאָרשונג האָט זי זיך דערוואוסט, אַז פֿילע פֿירמעס באַטראַכטן אַפֿילו ניט די אַפּליקאַציעס פֿון אידישע אַרבעטער. „זיי זייַנען אויסערלעך זייער העפֿלעך, פֿאַרשרייבן דעם נאָמען און דעם אַדרעס, אָבער טוען מער גאָרניט וועגן דעם”. בכלל שטויסן מיר זיך אָן אויף פֿאַרשידענע דערקלערונגען וועגן די דאָזיקע דיסקרימינאַציעס, וואָס ווייזן ווי ברייט עס איז זייער פֿאַרנעם. איינעם פֿון די דערשיטערנדיקסטע אויסדרוקן פֿון דער דאָזיקער לאַגע האָב איך לעצטנס געלייענט אין דער ליבעראַלער וואָכנשריפֿט „די ניישאָן” אונטער דער איבערשריפֿט „בלויז אַ טאָכטער פֿון קריסטוסעס ראַסע”. אַ יונג מיידל אַ געוועזענע סטודענטקע מיט גרויסע שפּראַכן קענטנישן, פֿון אידיש־רוסישן אָפּשטאַם, האָט געמאַכט ניט־געלונגענע באַמיאונגען צו געפֿינען אַ פּאַסנדע שטעלע אַלס איבערזעצערין אָדער קאָרעספּאָנדענטין. אַז זי האָט געזען, אַז דאָס וועט איר ניט געלינגען, האָט זי, אויס פֿאַרצווייפֿלונג, גענומען זוכן אַרבעט אין אַ צאָל פֿאַבריקן — און האָט אומעטום זיך אָנגעשטויסן אָן דער פֿאָרמולע „בלויז

קריסטן". זי װענדט זיך צום רעדאַקטאָר פֿון „ניישאָן" מיט דער פֿראַגע: „איז ניט גענוג צו זיין אַ טאָכטער פֿון קריסטוסעס ראַסע כּדי צו באַקומען אַרבעט אין אַ ניו־יאָרקער געשעפֿט?" אַן אַנדער ביישפּיל: אין אַ ניו־יאָרקער טעגלעכער צייטונג שרייבט אַ יונגערמאַן נאָך דריי חדשים זוכן אַ שטעלע אַ בריװ אונטערן נאָמען „ראַסן שװערי־קייטן": „...אָבער אומזיסט זיינען געװען אַלע מיינע באַמיאונגען. אַ יונגער איד, װאָס זוכט אין ניו־יאָרק אַ שטעלע, פֿילט זיך כּמעט װי אַ פֿאַרברעכער. אויב דו האָסט דעם מוט אויסצוזאָגן דיין נאַציאָנאַלן אָדער רעליגיעזן אָפּשטאַם ביסטו, ניט געקוקט אויף דיין בילדונג און אַנדערע קװאַליפֿיקאַציעס, — אַ פֿאַראורטיילטער אין פֿאָרויס. און זיי פֿאַרגעסן קיינמאָל ניט צו שטעלן די דאָזיקע פֿראַגע". צום סוף פֿון זיין בריװ פֿאַרגעסט דער שרייבער ניט צו דערמאָנען זיין ברודער, װאָס איז געפֿאַלן אין פֿראַנקרייך אין דער לעצטער מלחמה און די פּאַטריאָטישע רעדעס, װאָס ער אַליין האָט געהאַלטן מיט צװעלף יאָר צוריק זייענדיק אַ שילער אין אַ מיטל־שול, בעת ער האָט נאָך שטאַרק געגלויבט אין דער „אַמעריקאַנער גלייכקייט".

און פֿונדעסטװעגן װעלן מיר, זיך באַנוצנדיק מיט אַן אויסדרוק פֿון עדואַרד בערנשטיין, „זיך פֿאַרזינדיקן אין פֿאַראיינפֿאַכונג", אויב מיר װעלן זאָגן, אַז דער אויפֿלייזונגס־פּראָצעס פֿון די אידישע אַרבעטס־פּאָזיציעס אַנטװיקלט זיך אין אַ גלייכער ליניע, אַן אַנדערע באַגלייט־דערשיינונגען. ניין! עס זיינען אויך פֿאַראַן קעגן־כּוחות, קאָנטער־טענדענצן. אידן, און דװקא פֿון דעם יונגן דור, דרינגען אַריין אין אַרבעטס־צװייגן, װאָס זיינען פֿאַר אונזערע מענטשן געװען פֿאַרשלאָסן. אַזױ זיינען אין ניו־יאָרק פֿאַראַן עטלעכע טויזנט אידישע טעקסי־שאָפֿערן; נאָך װיכטיקער און װערטפֿולער איז דאָס דערשיינען אויפֿן אַרבעטס־מאַרק פֿון אידישע בוי־אַרבעטער, שלאָסער, פֿאַרבער און בוי־סטאָלער. אין די עלעקטראָ־טעכנישע פֿאַכן זעען מיר אַפֿילו אַ שטאַרקן רעלאַטיװן װאוקס פֿון אידישע אַרבעטס־קרעפֿטן; אַ דאַנק דעם פֿאַרברייטערטן באַנוצן זיך מיט ראַדיאָ־מכשירים האָבן די דאָזיקע צװייגן באַקומען אַ נייעם שטופּ — אָבער דאָס ענדערט אינגאַנצן ניט אָדער זייער װייניק די גרונט־ליניע פֿון דעם דאָזיקן פּראָצעס. ערשטנס, דערפֿאַר װאָס דער מענטשן־מאַטעריאַל, װעלכער דרינגט אַריין אין די נייע פֿאַכן, איז צו קליין אין צאָל צו דעקן דעם דעפֿיציט, װאָס מיר האָבן געליטן אין דער אידישער אַרבעטס־פּאָזיציע בכלל; צװייטנס, דערפֿאַר װאָס אין פֿיל פֿון די דאָזיקע צװייגן איז דער צייטװייליקער

כאַראַקטער פֿון דער אידישער אַרבעט נאָך מער בולט ווי אין די אַלטע אַרבעטס־צווייגן. וויפֿיל צייט וועט פֿאַרגיין ביז וואַנען דער קליינער אידישער טאַפּעצירער אָדער הויז־מאָלער וועט פֿאַרוואַנדלט ווערן אין אַ זעלבסטשטענדיקן „דעקאָראַטאָר" אָדער בוי־קאָנטראַקטאָר, וועלכער באַשעפֿטיקט שוין אַליין אַרבעטער און אפֿשר דווקא ניט קיין אידישע? די קאָנטראַקטאָרן אין עלעקטראָטעכנישן פֿאַך נעמען זעלטן אָן אידן אַלס לערלינגען אָדער געהילפֿן, טאָקע דערפֿאַר וואָס זיי ווייסן פֿאַרויס, אַז דער אידישער אַרבעטער וועט לאַנג ניט בלייבן ביי דער אַרבעט, און נאָך דעם ווי ער וועט באַקומען אַביסל פֿאַך־קענטעניש און וועט אָנהויבן ווערן נוצלעך פֿאַרן געשעפֿט, וועט ער אַליין ווערן אַ קליינער זעלבסטשטענדיקער קאָנטראַקטאָר, — דאָס הייסט, אַ קאָנקורענט, וואָס וועט זיך עפֿענען אַ קראָם ערגעץ אין נאָענטער שכנות מיט זיין פֿריערדיקן באַלעבאָס. ניין! די זון פֿון דער אידישער אַרבעט האַלט ניט אין שטייגן. צווישן די פֿירער פֿון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע זיינען פֿאַראַן ניט ווייניק ערלעכע מענטשן, וואָס די אַנטוישונג אין זייער אייגענער באַוועגונג האָט אין זיי אויפֿגעוועקט גלויבן און סימפּאַטיע פֿאַר ארץ ישראל, וואו עס גייט אויף אַ נייער מאַרגנשטערן פֿון אידישער אַרבעט.

צ ע נ ט ע ר ב ר י ו ו

היינט דריקט אויף מיר זייער שווער דיין פֿראַגע: אויב אַזוי — וואָס וועט זיין דער עקאָנאָמישער גורל פֿון אָט די אַלע „אַנדערע", סיי די וואָס זיינען קיינמאָל ניט געווען פֿאַרבונדן מיט דער אַרבעטערשאַפֿט און סיי די וואָס זיינען אויסגעוואַקסן אויף איר באָדן? אָט דאָס גאַנצע בילד, וואָס ליגט אויף אַזאַ טונקלען הינטערגרונט, לייגט זיך דיר גאָרניט אויפֿן שכל — וואָרים עס שטייט אין אַזאַ שאַרפֿער סתירה צו אַלץ וואָס די פֿאָלקס־פֿאַנטאַזיע האָט זיך אויסגעמאָלן וועגן דעם „לאַנד פֿון אומבאַגרענעצטע מעגלעכקייטן". מענטשן האָבן געהערט בלויז וועגן בעלי הצלחה און די שיין וואָס עס שטראַמט פֿון די דאָזיקע ווייניקע שטערן איז פֿיל בולט׳ער פֿון די מיליאָנען אָרעמע, גראַשענע ליכטלעך. מיר הערן אַזויפֿיל וועגן געצייל „געשעפֿטן־גיגאַנטן", —גרויסע וויסנשאַפֿטלער, פֿינאַנסיסטן, קינסטלער, אָט די אַלע וואָס האָבן דערגרייכט דעם באַרג־שפּיץ — אָבער ווער קוקט זיך אַרום אויף די צענדליקער טויזנטער קליינע סוחרים, אויסזיכטסלאָזע סטודענטן, קורצזיכטיקע באַנק־באַאַמטע און

פֿאַרשידענע אַנאָנסן אַגענטן, וואָס וועלן קיינמאָל ניט זוכה זיין צו דער־גרייכן אַהין, און עס איז זיי באַשערט צו גיין זייער וועג פֿאַמעלעך און מיט גרויסער מי? ווייניק אַמעריקאַנער — ווייניקער ווי אין יעדן אַנדער פֿאָלק — ווייסן וועגן דער לעבנס־מי פֿון די פֿילע; און פֿיל, פֿיל מער ווי אין יעדן אַנדער לאַנד, מער ווי עס איז גוט פֿאַרן גייסטיקן געזונט פֿון פֿאָלק, ווייס מען, דאָ וועגן די גליקן פֿון די גע־ציילטע. מען פֿלעגט דאָ אויף אַ קינסטלעכן אופֿן די באַרימטע לעגענדע וועגן דעם פֿעלדמאַרשאַל־סצעפּטער וואָס ליגט אין דעם רוקזאַק פֿון יעדן סאָלדאַט אין דער אַמעריקאַנער ווירטשאַפֿט — אַ לעגענדע אין וועלכער עס איז געלעגן אַ שטיקל אמת אין איר צייט, אין דער קאָלאָניאַלער עפּאָכע, אָבער האָט שוין איצט פֿאַרלאָרן יעדן זינען. אַלע גיגאַנטישע אינסטרומענטן פֿון דער מאָדערנער מאַסן־פּראָפּאַגאַנדע — די פּרעסע, באַזונדערס די „טאַבלאָידס״ (די בילד־צייטונגען), דער פֿילם, מאַסן־זשורנאַלן — זיינען פֿאַרנומען מיטן אויפֿלעבן די באַ־רימטע סענטימענטאַלע מעשה וועגן דעם אָרעמען אינגל, וואָס האָט אין אָנהויב פֿאַרקויפֿט שוועבעלעך און צייטונגען און איז צום סוף געוואָרן אַ מיליאָנער ווי וואַנאַמייקער אָדער אַ גרויסער גאָווערנאָר ווי אַל. סמיט אָדער אַן אינדוסטריאַליסט ווי פֿאָרד אָדער אַ גרויסער דערפֿינדער ווי עדיסאָן. אָט די דאָזיקע שרייענדיקע „סוקסעס״־פּראָ־פּאַגאַנדע וועקט אויף אין די מאַסן זוניקע חלומות, און סטימולירט די סאָציאַלע קאַמפּס־אינסטיקטן — וואָרעם זי פֿאַרזיכערט אַז דער קלאַסן־גורל פֿון דעם יחיד איז ניט קיין אומפֿאַרענדערלעכער פֿאַקט, פֿון וועלכן ער קאָן ניט אַנטלויפֿן.

עס איז באַקאַנט און זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, אַז אין דעם אַמע־ריקאַנער אידנטום זיינען אויך פֿאַראַן אַזעלכע דערפֿאָלגרייכע גרופּן, וואָס געהערן צו דער דינער שיכט וואָס פֿאַרנעמט דעם אויבנאָן אין דער ווירטשאַפֿטלעכער פּיראַמידע — באַנקירן, גרויסע געשעפֿטס־מענער, אַדוואָקאַטן פֿון גרויסע קאָרפּאָראַציעס, ערשט־קלאַסיקע דאָק־טוירים — און אויך אין דעם אָרויפֿגעשטיגענעם מיטל־קלאַס, ווי פֿאַרשידענע מינים דירעקטאָרן, פֿאַבריקאַנטן און ספּעקולאַנטן. פֿון דער דאָזיקער שיכט קומען די מיטגלידער פֿון פֿאַרשידענע „דזשאָינט״־קאָמיטעטן, די פּרעזידענטן פֿון די אָרדנס און די פֿאַרשידענע צדקה־פֿעדעראַציעס, די ווינטער־געסט אין פֿלאָרידע און די זומער־געסט אין מעין, די פֿאַסאַזשירן פֿון דער Bibby-line, די גרינדער פֿון פֿאַר־שיידענע פֿאָנדן און די הויפּט־רעדנער אויף כּלערליי באַנקעטן. עס

איז ניט אינגאַנצן באַקאַנט און עס ווערט ניט ווי געהעריק אָפּגעשאַצט דער פֿאַקט, אַז אונטער די ווירטשאַפֿטלעכע באַדינגונגען, אין וועלכע עס לעבן די דאָזיקע אידישע גרופּן, אין דער ספֿערע פֿון קאַפּיטאַל, חזר'ן זיך איבער די זעלבע דערשיינונגען, וואָס זיינען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דעם ספּעציפֿישן כאַראַקטער פֿון די אידישע אַרבעטס־פּאָזיציעס. אויך דאָ האָט זיך דער אידישער קאַפּיטאַל און די אידישע ווירטשאַפֿטלעכע טעטיקייט קאָנצענטרירט אין פֿאַרהעלטניסמעסיק ווייניק צווייגן פֿון דער אַמעריקאַנער ווירטשאַפֿט. אויך דאָ ווערט דער איד געשטופּט פֿון די צענטער־פּאָזיציעס פֿון דער ווירטשאַפֿט אין די פּעריפֿעריע־פּאָזיציעס, אין אומזיכערע און צו געפֿאַר אויסגעזעצטע אינדוסטריעלע געביטן, געביטן וואָס זיינען אָפּהענגיק פֿון מאָדע־ענדערונגען, קאָניונקטור, ספּעקולאַציע און סעזאָן. די ווירטשאַפֿטס־צווייגן אין וועלכע די אידישע בורזשואַזיע איז קאָנצענטרירט זיינען הויפּטזעכלעך, קליידער־פּראָדוקציע, דימענטן־האַנדל, פֿילם־אידוסטריע, באָדן־טראַנסאַקציעס און בערזע־ספּעקולאַציע. אין גרויסן באַנק־וועזן באַשרענקט זיך דער אידישער איינפֿלוס אויף אַ צאָל געזעלשאַפֿטן פֿון דייטשישע אידן מיט אַלטע טראַדיציעס, ווי קוהן, לאָאוב ענד קאָמפּאַני, זעליגמאַן ענד קאָמפּאַני; די גאָר גרעסטע צווישן זיי באַהאַלטן זיך אונטער אַנדערע נעמען ווי מאָרגען, נעי, היגנסאָן, פּאָסטער ענד קאָמפּאַני. צווישן די גרויסע פּאָסט־באַשטעלונג־געשעפֿטן שטעלט מיט זיך פֿאָר די פֿירמע סירס־ראָבאַק קאָמפּאַני, וועלכע ווערט קאָנטראָלירט פֿון דזשוליוס ראָזענוואַלד, אַן איינציקאַרטיקע דערשיינונג. מען געפֿינט ניט כמעט קיין סימן פֿון אידישן איינפלוס אין קיין איינעם פון די chain stores. אין דער שווערער אינדוסטריע, ווי קוילן, שטאָל, עלעקטריציטעט, אייזנבאַנען, אויטאָמאָבילן און אין דער כעמישער אינדוסטריע איז דער איינפֿלוס פֿון אידישן קאַפּיטאַל און אידישער איניציאַטיוו פֿיל קלענער ווי מען קען זיך פֿאָרשטעלן. די שליסל־פּאָזיציע פֿון דעם פֿאַמיליען־טראָסט גוגענהיים אין דער קופּער־אינדוסטריע איז דער איינציקער אויסנאַם־פֿאַל. כּדי צו פֿאַרשטיין די דאָזיקע פֿאַקטן, דאַרף מען נאָך צוגעבן, אַז אין אָט די אַלע ווירטשאַפֿטס־געביטן ווייזט דער אַמעריקאַנער איד חלילה ניט אַרויס מער טאַלאַנט אָדער גרעסערע פֿעאיקייטן ווי ניט־אידן. דווקא דער יענקי איז אַלס סוחר ניט ווייניקער קלוג, ניט ווייניקער ניכטער און אַפֿילו ניט ווייניקער אַנטשלאָסן אין כאַראַקטער ווי זיין אידישער קאָלעגע. ער איז ניט צווישן די ערגסטע אַלס פֿאַרקויפֿער, און אַלס

לייטער פֿון אַ מאָדערנער ווירטשאַפֿט שטייגט ער דעם אידן אַריבער. אָבער אויב דו ווערסט די דאָזיקע אידן זאָגן, אַז זייער פּאָזיציע איז ניט געקוקט אויף דעם אויסערלעכן גלאַנץ וואָס זי פֿאַרמאָגט, אַ וואַקל־דיקע, אַז זי טראָגט אין זיך ניט קיין צוקונפֿט־זיכערקייט — וועלן זיי דיר ניט גלויבן. און אויב דו ווערסט זיי זאָגן, אַז זייער פּאָזיציע אין דער היינטיקער אַמעריקאַנער ווירטשאַפֿט איז שוואַכער און ווייניקער וואָגיק ווי די פּאָזיציע פֿון דער אידישער בורזשואַזיע אין דער פֿאַר־רעוואָלוציאָנערער רוסישער ווירטשאַפֿט — וועלן זיי דיך אָנקוקן פֿאַרגאַפֿטע. אַ ציטער נעמט זיי דורך, ווען זיי דערמאָנען זיך ווי מאַכטלאָז דער פֿאַרמעגלעכער אידישער מיטל־קלאַס אין רוסלאַנד איז געווען אַקעגן זיין שיקזאַל — און די דאָזיקע רוסישע אידן האָבן דאָך פֿונדעסטוועגן געהאַט אין זייערע הענט וויכטיקע און איינפֿלוסרייכע פּאָזיציעס אין דער צוקער־אינדוסטריע, אין די נאַפֿט־קוואַלן און די וועבערייען אין די מערב־ראַיאָנען, אין דער טאַבאַק־אינדוסטריע, אין עקספּאָרט פֿון תבואה און געהילץ. דאָס ספּעציפֿישע געוויכט פֿון אָט די אַלע פּאָזיציעס אין די ראַמען פֿון דער אומאַנטוויקלטער רוסישער ווירטשאַפֿט פֿאַר דער מלחמה איז געווען פֿיל, פֿיל באַדייטנדער פֿון די פּאָזיציעס וואָס די אידישע בורזשואַזיע אין אַמעריקע האָט דעראָבערט אין די ראַמען פֿון דער אַמעריקאַנער ווירטשאַפֿט. מען דאַרף לאָזן די געשיכטס־פֿילאָזאָפֿן צו באַשליסן, צי די דאָזיקע פֿאַרגלייכן האָבן אַ באַדייטונג. אָבער די פֿאַקטן אויף וועלכע די פֿאַרגלייכן שטיצן זיך זיינען אָן יעדן צווייפֿל ראַיעלע.

נאָך ווייניקער באַקאַנט און ווייניקער אָפּגעשאַצט איז דער פֿאַקט, אַז אויך אויפֿן געביט פֿון קאַפּיטאַל, אַזוי ווי אויפֿן געביט פֿון אַרבעט, זיינען פֿאַראַן ניט ווייניק פֿאַלן פֿון דיסקרימינאַציע קעגן אידן. די דאָזיקע דערשיינונגען ווערן אַלץ בולט'ער וואָס גרעסער עס ווערט די צאָל מזרח־אייראָפּעאישע אידן, וואָס פּרובירן אַריינדרינגען אין די „מיוחס'דיקע" געביטן פֿון דער ווירטשאַפֿט, וואָס מער זיי קלאַפּן אין די טירן פון דער מלוכה פון די Vested interests. ווי שווער עס איז, צום ביישפּיל, ווי כמעט אוממעגלעך עס איז פֿאַר אַ „יונגער" אידי־שער באַנק אַריינצודרינגען אין די עטאַבלירטע וואָל סטריט קרייזן. אָט דערציילט מען וועגן אַ יונגער אידישער באַנק־געזעלשאַפֿט Manufec-turers Trust Company, וואָס האָט אין משך פון אַ קורצער צייט שטאַרק מצליח געווען אונטער דער לייטונג פֿון צוויי רוסישע אידן. די געזעלשאַפֿט האָט אָפּגעקויפֿט אַן אַלטע באַנק, וואָס עקזיסטירט שוין

הונדערט יאָר, און אין דעם זכות זיך פּרובירט איינקויפן אַ פּלאַץ אין וואָל־סטריט. אָבער די הערשנדיקע קרייזן אין דער באַנק־וועלט, מענטשן וואָס טראָגן נאָך די נעמען פֿון די „ערשטע פֿאַמיליעס" פֿון די אַלטע האָלענדישע קאָלאָניסטן, האָבן דאָס ניט געוואָלט דערלאָזן; עס איז ניט געווען קיין טאַקטישער מאַנעוור וואָס זיי האָבן דערביי נישט אויסגענוצט. זיי האָבן זיך אָפּילו ניט אָפּגעהאַלטן פֿאַר אַ פּראָצעס. מען זאָגט אַפילו, אַז עס איז דערגאַנגען ביז אַ באַשלוס וועגן אַ מין „חרם". דער סוף איז געווען אַז די „דערפֿאָלגרייכע" באַנק האָט איינגעזען, אַז דער פֿאַרזוך וועט זיי קאָסטן צופֿיל געלט און האָט זיינע רעכט איבערגעגעבן אַן אַנדער באַנק וואָס ווערט געפֿירט פֿון אַן איטאַליענישער געזעלשאַפֿט. אינטערעסאַנט איז, וואָס אַפילו איטאַליענער וואָס געהערן ניט צו די סאַמע בכבודיקסטע אַמעריקאַנער, זיינען דאָך כשר — אַבי מען קען מיט זייער הילף פּטור ווערן פֿון דער געזעלשאַפֿט פֿון די „שיניס". אַוודאי וועט מען דיר זאָגן, אַז אַזעלכע ביישפּילן זיינען ניט כאַראַקטעריסטיש און אַז אין דער אַמעריקאַנער געשעפֿטס־וועלט הערשט דער כּלל Business is business, און זי רעכנט זיך ניט מיט ראַסע און רעליגיע. אָבער דער דאָזיקער כּלל איז ניט אַזוי פּשוט, ווי ער קוקט אויס פֿון אויבן אויף. און אויב עס ליגט אין אים אַפילו אַ שטיקל אמת, איז ער גילטיק בלויז לגבי דעם מיטל־קלאַס, אָבער ניט לגבי דער סמעטענע פֿון דער געשעפֿטס־וועלט. ווער עס פֿאַרזעט אינגאַנצן די דאָזיקע דערשיינונג, איבערטרייבט אויף זיין אייגענעם שטייגער.

אָבער איך זע, אַז אַט די אַלע זאַכן שטילן ניט דיין נייגיריקייט; פֿאַר אַלעמען ווילסטו וויסן, וואָס עס איז די עקאָנאָמישע לאַגע פֿון דעם ברייטן מיטל־קלאַס פֿון אַמעריקאַנער אידנטום. דער דאָזיקער קלאַס איז דאָך שטענדיק און אומעטום די בולט'סטע סאָציאַלע שיכט אין דער אידישער געזעלשאַפֿט. דו ווילסט מן הסתם, אַז איך זאָל דיר זאָגן, אַז דער דאָזיקער מיטל־קלאַס לעבט אין עקאָנאָמישן וואוילשטאַנד און איז שטאַרק צופֿרידן מיט זיין מערכה. האָבן מיר דען ניט געזען די דאָזיקע מענטשן בעת זיי קומען צו אונז אין ארץ ישראל אַלס טוריסטן אָדער ווען זיי קומען אויף אַ באַזוך אין זייערע שטעטלעך אין ליטע און פּוילן, מיט זייערע פּנים'ער וואָס שיינען פֿון זאַטקייט און דעם באַוואוסטזיין פֿון זייער אייגענער חשיבות? איך בין ניט זיכער, צי מיין ענטפֿער וועט דיך צופֿרידנשטעלן. דער אמת איז אַט די אַלע קלאַנגען, וואָס טראָגן זיך איבער דער וועלט, וועגן דער הצלחה און

וואוילשטאַנד פֿון די דאָזיקע מאַסן, נעמט זיך בלויז דערפֿון וואָס זייער לעבנס־סטאַנדאַרט — פֿאַרגעניגנס און קאָמפֿאָרטן — איז פֿיל העכער פֿון די סטאַנדאַרדן פֿון ענלעכע שיכטן אין אַנדערע לענדער. עס איז דוכט זיך, נישטאָ קיין איין פּלאַץ אויף דער וועלט, וואו די דאָזיקע ברייטע מיטל־שיכט זאָל אין אַזאַ מאַסן־מאַסשטאַב בכוח זיין אויס־צוגעבן אַזויפֿיל געלט אויף וואוינונגען און מעבל, אויף פֿאַרגעניגנס און זייטיקע זאַכן. דער דאָזיקע הויכער לעבנס־סטאַנדאַרט איז ניט מער ווי איין אויסדרוק פֿון דעם אַלגעמיינעם וואוילשטאַנד וואָס הערשט אין אַ יונג, פֿאַרהעלטניסמעסיק שיטער־באַפֿעלקערט לאַנד, וואָס איז רייך אין נאַטור־אוצרות און אויסגעשטאַט מיט די בעסטע טעכנישע פּראָדוציר־קרעפֿטן. אַפֿילו די אַרבעטער־שיכטן, וואָס זייער לוין איז נידעריק, אַפֿילו די אָרעמסטע שיכטן, באַקומען זייער טייל פֿון דער דאָזיקער אַלגעמיינער עשירות; מען זעט עס אין זייער לעבנס־סטאַנ־דאַרט. דער דאָזיקער הויכער לעבנס־סטאַנדאַרט איז איינע פֿון די פֿילע סיבות פֿאַרוואָס די דאָזיקע שיכטן פֿאַרלאָזן זיך אויף גאָט און האָבן ניט קיין אינטערעס אין קיין שום זאַך אויסער אין אויבערפֿלעכ־לעכע סאָציאַלע רעפֿאָרמען. אָבער דער דאָזיקער לעבנס־סטאַנדאַרט זאָגט גאָרניט וועגן דער ווירטשאַפֿטלעכער פּאָזיציע פֿון די דערמאָנטע גרופּן אָדער זייערע אַנטוויקלונגס־טענדענצן אין דער נאָענטער צו־קונפֿט.

לאָמיר אַלס ביישפּיל נעמען איינעם פֿון די דאָזיקע אידישע סוחרים — דער באַזיצער פֿון אַ שפּייז־געשעפֿט, אַ גאַלאַנטעריי־קראָם, אַ קראָם פֿון מוזיק־אינסטרומענטן אָדער מעבל. עס איז אמת, אַז ער האָט אַ שיינע דירה און עטלעכע וויג־שטולן אויף זייער וועראַנדע. אין הויז שטייט אַ „וויקטראָלאַ" און אַ פּיאַנאָ פֿאַר די טעכטער, אויף די ווענט אַ צאָל בילדער פֿון אַמעריקאַנער פּרעזידענטן. די פֿאַמיליע פֿאַר־ברענגט דעם זומער אין לייקוואוד אָדער פֿאַין לעיק. די קינדער לערנען, פֿאַרשטייט זיך אין קאָלעדזש און פֿאָרן אפֿשר אַפֿילו אין אוניווער־זיטעט אַריין אין אַ פּריוואַטן אויטאָמאָביל — אָבער דאָס אַלץ לייקנט ניט אָפּ דעם פֿאַקט וואָס ניט נאָר איז דער דאָזיקער סוחר געצוואונגען צו אַרבעטן שווער פֿון אינדערפֿרי ביז שפּעט ביינאַכט כדי צו דעקן די הוצאות פֿון זיין הויז, ניט נאָר דאַרף ער אויסשטיין אַ שווערן קאָנקור־רענץ־קאַמף מצד מענטשן פֿון דער זעלבער שיכט, נאָר אויך אַז זיין גאַנצע סאָציאַלע פּאָזיציע געפֿינט זיך אונטער אַ שטענדיקן אומדער־טרעגלעכן דרוק און אין שטענדיקער געפֿאַר. דער דרוק און די געפֿאַר

קומען מצד די געשעפֿטס־פֿאַרייניקונגען פֿון דעם גרויסן קאַפּיטאַל וואָס זיינען זייער מעכטיק און גוט אָרגאַניזירט. ער איז אויך דער אָביעקט פֿון דער משוגע׳נער יאַגד פֿון די chain stores, אין זייער קאַמף פֿאַר מערק. איך בין זיכער, אַז דו ווייסט ניט ווייניקער פֿון מיר די באַדייטונג פֿון די chain stores אין דעם אַמעריקאַנער לאַחדים־האַנדל. ערשט ניט לאַנג צוריק האָבן זיי קאָנטראָלירט בלויז עטלעכע געשעפֿטס־הייזער אין געציילטע צווייגן — וואולוואוירטה און אַטלאַנטיק־פּאַסיפֿיק, צום ביישפּיל — און איצט דרינגען זיי אַריין אין פֿיל אַנדערע געביטן. עס זיינען פֿאַראַן chain stores פֿון מעדיקאַמענטן און טאַ־באַק, פּרויען־זאַכן און בעקערייען, וועשערייען, קאָנפֿעקטן, מוזיק־אינסטרומענטן, בענזין, מענער־זאַכן און פֿלייש־האַנדל. די גרעסטע פֿון די chain stores, „אַטלאַנטיק־פּאַסיפֿיק״, האָט אין יאָר 1858 אָנ־געהויבן מיט איין קראָם, און היינט האָט זי איבערן גאַנצן לאַנד בערך 18 טויזנט קראָמען. דער סטאַטיסטישער־אַמט פֿון דער אַמעריקאַנער רעגירונג האָט ניט לאַנג צוריק דורכגעפֿירט אַן אויספֿאָרשונג וועגן דעם קליין־האַנדל אין אַכט שטעט — שיקאַגאָ, באַלטימאָר, פּראָווידענס, קענסאַס סיטי, סיאַטל, דענווער, אַטלאַנטאַ און סיראַקיוז — און איז געקומען צום אויספֿיר, אַז דער טייל פֿון די פּריוואַטע געשעפֿטן אין דעם דאָזיקן געוואַלדיקן האַנדלס־אומזאַץ באַטרעפֿט ניט מער ווי אַ ביליאָן דאָלאַר. דאָס איבעריקע געהערט צו די chain stores און דע־פּאַרטמענט געשעפֿטן. מיר וועלן דעם זין פֿון די דאָזיקע ציפֿערן גענוי פֿאַרשטיין בלויז דעמאָלט, ווען מיר וועלן אַריינגעמען אין חשבון דעם שנעלן טעמפּאָ מיט וועלכן די chain stores זיינען אַריינגע־דרונגען אין דעם אַמעריקאַנער דעטאַל־האַנדל. סטאַטיסטיקער פֿון אַ געוויסער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, וואָס האָבן מיט אַ צייט צוריק געוואָלט דורכפֿירן אַן אויספֿאָרשונג וועגן די לעבנס־הוצאות, זיינען איבערראַשט געוואָרן ווען עס האָט זיך פּלוצלונג אַרויסגעוויזן, אַז די מערסטע זעלבסשטענדיקע קראָמען וואָס זיינען געווען אין יענער געגנט און וואָס האָבן אויך געדינט אַלס מאַטעריאַל פֿאַר אַ פֿריערדיקער אויספֿאָרשונג — זיינען היינט אינגאַנצן פֿאַרשוואונדן און אויף זייער פּלאַץ זיינען געקומען chain stores. עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז בעת די chain stores דערגרייכן ביז צו דעם אידישן קוואַרטאַל, ווערן אַלע קרעמער פֿאַרוואַנדלט אין אַ „סטאַדע וואָס ווערט באַפֿאַלן פֿון דעם וואָלף״. דער מורא׳דיקער און ברוטאַלער פּראָצעס פֿון עקאָ־

נאָמישער אַרויסשטופּונג הויבט זיך אָן און פֿאַלט מיט זיין גאַנצער שווערקייט אויפֿן קאָפּ פֿון דער אידישער מאַסע.

אָבער דער דאָזיקער אַנטוויקלונגס־פּראָצעס גייט אויך ניט אין קיין גלייכער ליניע. די סוחרים־מאַסע גיט זיך גלייך ניט אונטער, קען זיך ניט אונטערגעבן. זי מוז נעמען געוויסע שוץ־וואָפֿן אין די הענט. זי איז געצוואונגען דאָס צו טאָן.

איינע פֿון די פֿאַרשפּרייטסטע מעטאָדן איז זיך אַרויסצודרייען געאָגראַפֿיש. אויב די סכנה פֿון די chain stores דראָט איבער אַ קראָם אין פֿילאַדעלפֿיע, פֿירט מען זי איבער קיין קליוולאַנד; און אויב זי דערגרייכט אויך אַהין — וואַנדערט זי איבער קיין עקראָן, אָהייאָ. און פֿון דאָרטן קען זי אויך וואַנדערן ווייטער. דאָס לאַנד איז ברייט און עס וועלן נאָך פֿאַרגיין אַ שיין ביסל יאָרן ביז וואַנען די האַנט פֿון דער „אַטלאַנטיק־פּאַסיפֿיק" וועט דערגרייכן קיין טעקסאַס. עס טרעפֿט אַמאָל אויך, אַז די כוואַליע הויבט אָן גיין אויף צוריק. פֿון עקראָן וואַנדערט דער סוחר צוריק קיין פֿילאַדעלפֿיע אָדער שיקאַגאָ, אין די קאָמפּאַקטע אידישע קוואַרטאַלן, מיט דער האָפֿענונג, אַז ער וועט דאָך געפֿינען אַ שפּאַלט אין וועלכן ער וועט זיך קענען אַריינשטופּן.

דער צווייטער פֿאַרטיידיקונגס־מעטאָד איז — דאָס קאָנצענטרירן זיך אויף איין טיפּ סחורה. אויב דער אידישער שפּייז־קרעמער אין אַמסטערדאַם סטריט איז געצוואונגען זיך צוריקצוציען, אונטערן דרוק פֿון דער chain store, איז ער מוותּר אויף די מערסטע סחורות און באַפֿעסטיקט זיך אין אַ קליינער צאָל פֿון זיי — אַזעלכע וואָס דאַרפֿן שטרענג אָפּגעהיט ווערן, וואָס ווערן שנעל קאַליע אָדער וואָס זייער קוואַליטעט אָדער פֿרישקייט האָבן אַ ספּעציעלע אָנציאונג פֿאַרן קונה, אַפֿילו אַז ער דאַרף באַצאָלן אַ העכערן פּרייז (אייער, פּוטער, ברויט, סמעטענע). דאָס זעלבע טוט אויך דער קליידער־סוחר, וועלכער קאָנצענטרירט זיך אויף אַ צאָל לוקסוס־אַרטיקלען אָדער ספּעציעלע האַנט־אַרבעטן. דאָס זיינען אַזעלכע סחורות, וואָס דער קליינער סוחר קען פֿאַרקויפֿן מיט גרעסערן דערפֿאָלג ווי דער אַנגראָ־געשעפֿט און עס לוינט זיך דאָ ניט צו קאָנקורירן מיטן „קליינעם מאַן".

אַ דריטער וועג, וואָס פֿירט צו שרעקלעך דעסטרוקטיווע רעזולטאַטן, איז דאָס צוריקטרעטן פֿון דער אידישער מאַסע צו די ווייטסטע, צווייפֿלהאַפֿטסטע און געפֿערלעכסטע, צו די מיאוס'טע און קליינלעכסטע פּעריפֿעריע־פּאָזיציע פֿון האַנדלס־לעבן. אין אַזעלכע פֿאַלן פֿאַרלאָזט ניט דער געשעפֿטס־מאַן, וואָס ווערט אַרויסגעשטופּט דורך די chain

stores די שטאָט, נאָר ער קלייבט זיך אַריבער פון דעם בעסערן קוואַר־טאַל אין אַ זייטיקער, פאַרוואָרפענער גאַס, ביז ער דערגרייכט אַ שטיקל צייט שפּעטער — צום נעגער־קוואַרטאַל. פילע טויזנטער אידישע געשעפטס־לייט האָבן היינט אַ דורכאויס נעגערשע קליענטור. זייערע קונים זיינען די לייכטזיניקע און לייכט־קריגערישע אַפריקאַנער וואָס וויסן נאָך נישט וואָס עס איז אַזוינס אַ חשבון. אַנשטאָט די געוויינלעכע קאָנווענציאָנעלע פאָרמען פון האַנדל קומט דאָס פאַרקויפן אויף אויס־צאָלונגען. אָט די דאָזיקע אויסצאָלונגען זיינען אין אַמעריקע גאַנץ פאַרשפּרייט, באַזונדערס וואָס איז שייך באַשטימטע הויז־אַרטיקלען ווי מעבל, גראַמאָפאָנען, אויטאָמאָבילן, אייז־קאַסטנס, „ענציקלאָפּעדיאַ בריטאַניקאַ״, ניי־מאַשינען, געווויסע טיפן האַנט־ביכער. עס זיינען דאָ עקאָנאָמיסטן וואָס דערקלערן דעם וואוקס פון chain stores דערמיט וואָס ברייטע שיכטן אַרבעטער זיינען אַזוי שטאַרק באַלאָדן מיט אָפּ־צאָלונגען, אַז זיי זיינען געצוואונגען צו שפּאָרן בנוגע שפּייז און אַנ־דערע עלעמענטאַרע באַדערפענישן, און זיי מוזן דערפאַר זוכן דעם ביליקסטן פּלאַץ וואו זיי צו קויפן. דער אידישער געשעפטס־מאַן ווערט אַן אייפערזיכטעקער פּרעדיקער פון קויפן אויף אויסצאָלונגען, ער גייט אַרויף און אַראָפּ די טרעפּ פון הייזער, רעדט איין די באַלעבאָסטעס און זייערע מענער צו קויפן, און שלעפּט זיך נאָך דעם אַרום וואָך־איין וואָך־אויס כדי אויפצומאָנען די אָפּצאָלונגען. מעבל און גראַמאָפאָנען, אייזקאַסטנס און ענציקלאָפּעדיעס, דרינגען אַזוי אַרום אַריין אין די אָרעמע הויזווירטשאַפטן.

אין די דרום־שטאַטן גייען דיביידע פאָרמען פון עקאָנאָמישער צוריקשטופּונג צוזאַמען: דער אויסצאָלונגס־מסחר אין נעגער־קוואַרטאַל, מיט אַלע סכנות וואָס זיינען דערמיט פאַרבונדן און מיט דער גאַנצער בקיאות אין אָנגעווענדטער פּסיכאָלאָגיע וואָס פאָדערט זיך דערצו. דאָס איז שוין די לעצטע גרענעץ פון דעם לאחדים־האַנדל אין אַמעריקע.

דאַקעגן טרעפט אַמאָל, אַז מיט דער מאָדערנער ווירטשאַפטלעכער אַנטוויקלונג עפענען זיך מיט אַמאָל אין האַנדלס־לעבן נייע ווירקונגס־געביטן. די דאָזיקע געביטן שאַפן אַמאָל, באַזונדערס אין אָנהויב, נייע מעגלעכקייטן פאַר אינדיווידועלער איניציאַטיוו. עס פאַרגייען יאָרן ביז וואַנען די chain store, וואָס איז אינגאַנצן געבויט אויף מאַסן־באַ־דערפענישן דרינגט אַריין אין די דאָזיקע האַנדלס־ווינקלען. דערווייל, ווייניקסטנס, אין דער פּיאָנערישער תקופה, עפנט זיך פאַר דעם קליינעם געשעפטס־מאַן אַ פרייַ אַרבעטס־פעלד. מערסטנטייל איז דאָס נייע

פֿעלד, פֿון שטאַנדפּונקט פֿון עקאָנאָמישער חשיבות, גאָרניט ענלעך אויפֿן פֿעלד וואָס איז דעראָבערט געוואָרן דורכן „שונא", דעם האַנדל מיט שפּייז־אַרטיקלען אָדער קליידער — ער איז אָבער בכּוח אין משך פֿון עטלעכע יאָר צו באַזאָרגן אַ באַשטימטע שיכט מיט די לעבנס־סטאַנדאַרדן פֿון דעם מיטל־קלאַס. אַ כאַראַקטעריסטישער מוסטער פֿון אַזאַ מין אַרבעטס־פֿעלד איז דער האַנדל מיט פֿאַרשיידענע עלעקטרישע אינסטרומענטן — פֿון אַ טיי־קעסל ביז אַן אייזקאַסטן. אַ דאַנק דער אַנטוויקלונג פֿון דער ראַדיאָ אין די לעצטע יאָרן האָט זיך דאָס דאָזיקע האַנדלס־פֿעלד אָנגעהויבן אומדערוואַרטעט און אויסערגעוויינלעך צו פֿאַרשפּרייטן. אָפֿטמאָל איז דאָס נייע געביט אויך ניט מער ווי אַ ברעקל וואָס איז אַראָפּגעפֿאַלן פֿון טיש פֿון דער וואַקסנדער גרויס־אינדוסטריע. „אַז די מלכים בויען — זיינען די בעלי העגלה פֿאַרנומען". אַ וויכטיקער מוסטער דערפֿון איז אין די לעצטע יאָרן דער האַנדל וואָס איז פֿאַרבונדן מיטן געוואַלדיקן וואוקס פֿון דער אויטאָמאָביל־אינדוסטריע. באַזונדערס נאָכדעם ווי עס האָט זיך איינגעבירגערט די אַזוי־גערופֿענע „טיפּן־מאָדע", דער מנהג אויסצובייטן דעם אַלטן אויטאָמאָביל אויף אַ נייעם, כּדי צו סטימולירן דעם קאָנסום. אויסער דעם פֿאַרקויף פֿון אויטאָמאָבילן פֿאַר זיך אַליין ווערט דער דאָזיקער געשעפֿט איינגעטיילט אויף צוויי הויפּט־צווייגן: פֿאַרקויף און אויסטויש פֿון אַלטע אויטאָמאָבילן און האַנדל מיט ברוכוואַרג פֿון מעטאַל און גומי. דער ערשטער צווייג געפֿינט זיך אין אידישע הענט בלויז טיילווייז, דער צווייטער — כּמעט אינגאַנצן. אַז מען פֿאָרט פֿאַרביי די דאָרפֿישע ישובים פֿון מיטל־מערב, ווערט מען דערשטוינט פֿון די גרויסע ברוכוואַרג־סקלאַדן. דאָס זיינען גענוצטע אויטאָמאָבילן, וואָס די קליינע סוחרים קויפֿן איין ביי די פֿאַרמער און וועלכע ווערן אָנגעהויפֿט אין די סקלאַדן. מיט עטלעכע יאָר צוריק איז נאָך ניט געווען קיין זכר פֿון דעם דאָזיקן צווייג. היינט, אָבער, איז ער מפֿרנס דירעקט אָדער אומדירעקט הונדערטער מיטל־קלאַס אידן אין אייאָוואַ, נעבראַסקאַ, מיזורי און קענזאַס. אין דער מאָס וואָס זיי גייען אַריבער צום נייעם, דערווייל פּראָפּיטאַבלען צווייג, ווערט אַביסל אָפּגעשוואַכט דער פּראָצעס פֿון זייער אַרויס שטופּונג פֿון די פֿריערדיקע האַנדלס־צווייגן.

עס פֿאַרשטייט זיך, אַז אָט די אַלע ראַנגלענישן און אַרויסדרייעענישן שטויסן זיך אָן אַ נאַטירלעכער גרענעץ, און אין דער מאָס וואָס מען דערנענטערט זיך צו דער גרענעץ ווערט אַלץ באַשרענקטער דער רעטונגס־פּלאַץ. ווילנדיק אָדער ניט־ווילנדיק, שטעלט זיך די פֿראַגע

וועגן דער צוקונפֿט, אָבער ווען מען שטעלט די דאָזיקע פֿראַגע צו איינעם פֿון די וואָס זיינען נאָך גרייט צו הערן וועגן אַזעלכע „ניט־אידישע״ און „ניט־אַמעריקאַנישע״ זאַכן ווי צוקונפֿט זאָרגן, ענטפֿערט ער, אַז אויך אין דער נייער ווירטשאַפֿט וועט דער איד זיכער געפֿינען אַ פּלאַץ, און אפֿשר גאָר אַ נייעם פּלאַץ. אויב די chain stores וועלן די אידן אַרויסשטופּן פֿון זייערע זעלבסטשטענדיקע געשעפֿטס־אונטערנעמונגען וועלן צענדליקער טויזנטער אידישע סוחרים, און קודם כּל זייערע זין און טעכטער, געפֿינען באַשעפֿטיקונג אַלס באַאַמטע טאַקע אין די דאָזיקע געשעפֿטס־אונטערנעמונגען, וואָס האָבן זיי אַרויס־געשטופּט. אין אַ געוויסער מאָס זיינען אפֿשר די דאָזיקע פּערספּעקטיוון באַרעכטיקטע. לאָמיר אָבער ניט פֿאַרזען דעם פֿאַקט, אַז די דאָזיקע אַנטוויקלונג מוז פֿירן צו אַ טיף־גייענדיקער רעוואָלוציע אין דער אי־דישער ווירטשאַפֿט אין אַמעריקע, וואָס איר אינהאַלט קען זיין בלויז — די ביוראָקראַטיזאַציע פֿון דער אידישער עקאָנאָמיק, דער איבער־גאַנג פֿון אינדיווידואַליזם צו אינסטיטוציאָנאַליזם. מיט רעכט האָט אַ גרויסע צייטונג, וואָס האָט דעם דאָזיקן ענין באַהאַנדלט פֿון אַן אַלגעמיינעם שטאַנדפּונקט, אָנגעוויזן אויף דעם רעוואָלוציאָנערן כאַ־ראַקטער פֿון דער דאָזיקער אַנטוויקלונג. פּונקט ווי די אינדוסטריעלע רעוואָלוציע פֿון דעם אַכצנטן יאָרהונדערט האָט דעם זעלבסטשטענדיקן בעל מלאכה וואָס האָט געאַרבעט אַליין, מיט זיינע אייגענע אינסטרו־מענטן, פֿאַרוואַנדלט אין אַ לוין־אַרבעטער — פֿאַרוואַנדלט אויך די נייע רעוואָלוציע דעם מענטשן וואָס איז אין משך פֿון יאָרן געשטאַנען אין דער שפּיץ פֿון אַ קליינער זעלבסטשטענדיקער אונטערנעמונג — אין אַן אַרבעטנדיקן באַאַמטן, אַן אָנגעשטעלטן אין אַ געשעפֿטס־אונטערנעמונג. פֿון אַ אידישן שטאַנדפּונקט, מוז די דאָזיקע רעוואָלוציע פֿירן צו וויכ־טיקע ענדערונגען. די גאַנצע אידישע לעבנס־טראַדיציע, די גאַנצע קראַפֿט און האָפֿענונג פֿון דעם אידישן יחיד, האָבן געצויגן זייער יניקה פֿון דער מעגלעכקייט צו דערגרייכן, דורך פּערזענלעכער אי־ניציאַטיוו און האַרטנעקיקייט, דורך צופּאַסונג צו זיך־בייטנדיקע קאָניונקטורן און עלאַסטישקייט אין דער פֿאַרוואַלטונג פֿון דעם אייגענעם געשעפֿט — צו דעם העכסטן פּלאַץ אין איינעם פֿון די ווירטשאַפֿטס־צווייגן. דאָס וואָס די נייע ווירטשאַפֿטלעכע אָרדענונג פֿאַרשפּרעכט אים ווייניקער זאָרג און מער רו און באַקוועמלעכקייט אין זיין לעבן איז טאַקע אַ קאָמפּענסאַציע פֿאַרן פֿאַרלוסט פֿון זיין זעלבסטשטענדיקייט און די האָפֿענונג צו שטייגן העכער. אין דער גרויסער געשעפֿטס־אָרגאַניזאַציע

איז דער שטח פֿון זעלבסטשטענדיקער טעטיקייט פֿאַר אַלעמען זייער אַ באַגרענעצטער — אויסער אַ קליינער צאָל דירעקטאָרן. עס איז ניט אויסגעשלאָסן, אַז אַ איד זאָל אַמאָל דערקלעטערן ביז צום שפּיץ, וואָרעם אמת פֿעאיקע געשעפֿטס־לייטער זיינען פֿאַראַן זייער ווייניק, און יעדע אונטערנעמונג זוכט זיי מיט זיבן אויגן. אָבער די גרויסע מאַסע באַאַמטע קען אויף דעם ניט האָפֿן. דאָס איז אָפּהענגיק ניט נאָר פֿון פּערזענלעכער איניציאַטיוו, נאָר אויך פֿון דער פֿעאיקייט זיך איינ־צוגלידערן אין אַ קאָמפּליצירטער אַדמיניסטראַטיווער מאַשין. יעדער איינער מוז פֿאָלגן די געזעצן פֿון דער אַלגעמיינער סיסטעם כאָטש ער אַליין נעמט ניט קיין אָנטייל אין דעם שאַפֿן די דאָזיקע געזעצן — אַנשטאָט דער אינדיווידואַליסטישער דעמאָקראַטיע קומט די אָרגאַ־ניזירטע דיסציפּלין, וועלכע איז אפֿשר מער עפֿעקטיוו, אָבער דריקט אויך מער אויפֿן יחיד. מען וואָלט עס געקענט פֿאַרגלייכן מיט דעם אי־בערגאַנג פֿון די ריטער־צוגן אין מיטל־אַלטער צו דער מאָדערנער מאַסן־אַרמיי. עס איז אַ גרויסער צווייפֿל, צי דער איד איז פֿעאיק צו זיין אַקטיוו און זיך פֿילן גליקלעך אין דער ראָליע פֿון אַ קליין שרייפֿל אין אַ גרויסער היעראַרכישער אָרגאַניזאַציע. מענטשן פֿון אַנדערע ראַסן האָבן זיכער גרעסערע פֿעאיקייטן אויף דעם דאָזיקן געביט, סיי אַלס לייטער און סיי אַלס געלייטעטע. און נאָך עפּעס: עס איז ניט גוט וואָס אידן זיינען אין זייער קאַריערע אין אַזאַ גרויסער מאָס אָפּהענגיק פֿון דעם דירעקטאָרס חסדים. עס איז זייער שווער צו קעמפֿן קעגן אינסטינקטן, באַזונדערס אין דער ספֿערע פֿון באַשטימונגען, אָפּזאָגונגען און טראַנספֿערן, אין וועלכער עס איז נישטאָ קיין שום שוץ קעגן באַיקאָט און אַדמיניסטראַטיווע שיקאַנעס. כּדי אויסצומיידן אַלע שטרויכלונגען וואָס לויערן אויפֿן אָנגעשטעלטן אין אַזאַ געשעפֿטס־אָרגאַניזאַציע, פֿאָ־דערט זיך אַ גרויסע מאָס מימיקרי, אַ מידה וואָס מען דאַרף קיינעם ניט מקנא זיין.

היוצא מדברינו: אויב דער ביוראָקראַטיזירונגס־פּראָצעס פֿון דערווירטשאַפֿט זאָל באמת אַרומנעמען גרויסע שיכטן פֿון דעם אידישן מיטל־קלאַס אין אַמעריקע, מוז עס מיט דער צייט פֿירן דערצו, אַז אַן אַמ־ביציעזע און רירעוודיקע שיכט זאָל פֿאַרוואַנדלט ווערן אין אַ מיטל־מעסיקער און מינדערווערטיקע מאַסע, וואָס איז אין איר גרעסטער צאָל פֿאַר׳משפּט צו אַבסאָלוטער פּאַסיוויטעט.

ניו־יאָרק און ירושלים

עלפֿטער בריוו

אויף אַ קורצער רייזע איבער אַ צאָל שטעטלעך אין אָהייאָ האָב איך זיך אויף עטלעכע שעה אָפּגעשטעלט אין קליוולאַנד. מיינער אַ באַקאַנטער, אַ יונגער זשורנאַליסט, איז צו מיר געקומען אויף אַ באַזוך. אין משך פֿון דעם שמועס האָט ער מיר איבערגעגעבן אַן אינטערעסאַנט שטיקל אינפֿאָרמאַציע. אין קליוולאַנד, וואָס איר אַלגעמיינע באַפֿעלקערונג באַטרעפֿט איצט 975 טויזנט איינוואוינער, וואוינען איצט אַרום הונדערט טויזנט פּאָליאַקן און אַן ענלעכע צאָל אידן. לויט דער לעצטער סטאַטיסטיק געפֿינען זיך איצט אין קליוולאַנד און אומגעגנט אַרום 30 פּוילישע אַדוואָקאַטן און 1900 אידישע. אַז איך האָב געהערט די דאָזיקע מעשה, האָב איך געזאָגט: „ווען טעאָדאָר הערצל, אַ יונגער אַדוואָקאַט פֿון דער איד־עסטרייכישער פּראָלעטאַרישער אינטעליגענץ, וואָלט מיט 40 יאָר צוריק ניט געשריבן זיין 'אידנשטאַט' אין ווין — וואָלט אים מיט דרייסיק יאָר שפּעטער געשריבן איינער פֿון זיינע קאָלעגן אין קליוולאַנד".

אָט דער דאָזיקער קליינער פֿאַקט וואַרפֿט אַ שטיקל ליכט אויף דער עקאָנאָמישער פּראָבלעם פֿון אַ שיכט, וואָס האַלט כסדר אין איין וואַקסן אין דער מאָדערנער ווירטשאַפֿט בכלל און אין דער אַמעריקאַנער ווירטשאַפֿט באַזונדערס — אַ שיכט אין וועלכער אידן פֿאַרנעמען אַ דיספּראָפּאָרציאָנעל גרויסן פּראָצענט. די דאָזיקע שיכט נעמט אַרום ניט נאָר די פֿרייע פּראָפֿעסיעס: אַדוואָקאַטן און דאָקטוירים, קינסטלער, וויסנשאַפֿטלער און זשורנאַליסטן — נאָר אויך די גרויסע מאַסע פֿון פֿאַרשידענע אַגענטן, רייזע־אַגענטן, טעכנישע באַאַמטע, עקספּערטן, ספּעציאַליסטן, פֿאַריין־סעקרעטאַרן, — אָט דעם דאָזיקן גאַנצן מין וואָס טראָגט דעם נאָמען Overhead trader (הוצאה־ספּעציאַליסטן). אין משך פֿון די לעצטע 50 יאָר איז די דאָזיקע שיכט געוואַקסן מיט אַ פֿיל גרעסערן טעמפּאָ ווי דער פּראָדוצענטן־קלאַס. לויט דעם צענזוס פֿון יאָר 1920 געהערן צו דער דאָזיקער קאַטעגאָריע 6 מיליאָן מענטשן אָדער 14% פֿון אַלע עקאָנאָמיש־טעטיקע. אין דער שטאָט ניו־יאָרק אַליין זעט דאָס דאָזיקע בילד אויס אַזוי:

צווישן 2,531,412 עקאָנאָמיש־טעטיקע זיינען געווען:

10.087	אַקטיאָרן און אַקטריסעס
8,201	קינסטלער און סקולפּטאָרן
6,014	שרייבער און רעפּאָרטערס

82,683	בוכהאַלטער און קאַסירער
4,054	גייסטלעכע
206,232	באַאַמטע (אויסער האַנדלס־אַנגעשטעלטע)
11,499	אַדוואָקאַטן און ריכטער
16,658	דירעקטאָרן
15,393	מוזיקער און מוזיק לערער
9,976	דאָקטוירים
119,235	האַנדלס־אַגענטן
33,594	שול־לערער

אַז מען כאַפּט אַ קוק אויף דער לאַנגער רשימה פּראָפעסיעס, וואָס רינגלען אַרום דעם אמתן פּראָדוצענט — ווערט פינצטער אין די אויגן. עס זיינען דאָ פאַראַן פּראָדוקציע אינזשיניערן, הוצאה־קאַלקולאַטאָרן, „עפישענסי־אינזשיניערן", שטייער־עקספּערטן, קרעדיט־יועצים, סטאַטיסטיקער, מאַרק־פאָרשער, געשעפטס־אָרגאַניזאַטאָרן, אַנאָנסן־אַגענטן, קאַנסום־ספּעציאַליסטן, באַראַטער וועגן „פּאָבליק רילײשאַנס", באַראַטער וועגן באַציאונגען מיט אַרבעטער, אינוועסטיציע־עקספּערטן, אאַז"וו. ר. דזש. וועלטש האָט אין דעם זשורנאַל „סענטשורי" אויסגערעכנט, אַז דער אייגנטימער פון אַ מיטעלער טעקסטיל־פאַבריק צאָלט אויס פאַרשיידענע עקספּערטן (געשעפטס־אינזשיניערן, אַדוואָקאַטן אאַז"וו) 36,152 דאָלאַר אין שכירות, און פאַרשידענע האַנדלס־אָרגאַניזאַציעס — 5,152 דאָלאַר. און איצט שטעל זיך נאָך פאָר די מעכטיקע מחנה פון אַסעקוראַציע־אַגענטן, פּרייזן־עקספּערטן און רייזנדע אַגענטן פון אַלע מינים. די יערלעכע הכנסה פון די לעבנס־פאַרזיכערונג געזעלשאַפטן אין אַמעריקע האָט אין יאָר 1928 באַטראָפן 3,017,800,322 דאָלאַר ; פון די פייער פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפטן — אין יאָר 1920 — אַרום 1,074,000,000 דאָלאַר. עדוואַרד באָק האָט אויסגערעכנט אַז אויף „פובליסיטי" איז אין יאָר 1923 אויסגעגעבן געוואָרן 1,284,000,000 דאָלאַר. די ערשטע רעקלאַמע־אַגענטור, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1864, האָט היינט אַן אומזאַץ פון 15 מיליאָן דאָלאַר. עס איז ניט שווער אויסצורעכענען וויפל אַגענטן, אַדוואָקאַטן און עקספּערטן די דאָזיקע געזעלשאַפטן דאַרפן באַשעפטיקן כדי צו דערגרייכן אַזעלכע פּראָפיטן און זיי מעגלעך צו מאַכן לעגאַל און טעכניש.

דאָס שטראָמען פון אידן, באַזונדערס דעם יונגן, אַמביציעזן דור, אין אָט די אַלע עקאָנאָמישע צווייגן איז שטאַרק אין אַלע לענדער

און באַזונדערס, פֿאַרשטייט זיך, אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן. מען פֿילט עס אפֿשר ניט אַזוי שטאַרק אין די סטאַבילע אַרבעטס־פּאָזיציעס. די גרויסע „ערשטקלאַסיקע" טעכנישע ביוראָס פֿון אַרכיטעקטן און אינזשי־ניערן און אויך די באַרימטע כעמישע לאַבאָראַטאָריעס זיינען ווייט ניט „פֿאַראידישט". אַדרבה, אויב דו וועסט רעדן מיט אַ אידישן יונגן אַרכיטעקט, כעמיקער, אָדער אינזשיניער וועסטו הערן מיט וואָס פֿאַר אַ ציטער ער טראַכט וועגן דעם טאָג, אין וועלכן ער וועט דאַרפֿן קלאַפּן אין די טירן פֿון די דאָזיקע אונטערנעמונגען, כּדי דאָרטן צו זוכן אַ שטעלע. אַלץ וואָס איך האָב דיר דערציילט אין פֿריערדיקע בריוו וועגן די גרויסע שוועריקייטן וואָס שטייען אין וועג פֿון דעם אידן צו די ניט־זעלבסטשטענדיקע אַרבעטס־פּאָזיציעס איז אויך גילטיק לגבי די דאָזיקע פּראָפֿעסיאָנאַלן: שוועריקייטן ביים אַריינקומען און ניט ווייניקער — ביים שטייגן צו אַ העכערן פּאָסטן. צווישן אַלע פּראָפֿעסיעס, וואָס זיינען געבויט אויף סטאַביליטעט אין דער אַרבעט, איז פֿאַראַן בלויז איינע אין וועלכער דער אידישער קאַנדידאַט שטויסט זיך ניט אָן אויף קיין ווידערשטאַנד — ראַבינערטום. און כאָטש דאָס ראַבינערטום האָט זיך זיינע אייגענע אומאַנגענעמע אייגנשאַפֿטן — די אָפּהענגיקייט פֿון דעם „באָארד", דער ניט־זיכערער בודזשעט (באַזונדערס אין די קליינע געמיינדעס) — וואַרפֿן זיך אויף דער דאָזיקער סחורה אַפֿילו יונגע אַקאַדעמיקער, וואָס מאַכן כּלל און כּלל ניט דעם איינדרוק פֿון רבנישע טיפּן. פֿאַרשטייט זיך, אַז די דאָזיקע פּראָפֿעסיע, ווי זי האָט זיך אַנטוויקלט אונטער די באַזונדערע אַמעריקאַנער אומשטאַנדן, באַגרענעצט זיך כּלל ניט אויף די פֿונקציעס פֿון דער אָפּגעלעבטער טראַדיציאָנעלער רבנות, נאָר האָט אָנגענומען איבערראַשנדיקברייטע סעקולערע פֿאָרמען. דער ראַבינער, באַזונדערס אין די קהילות אויסער ניו־יאָרק, איז אַ מין געמיש פֿון אַ פּרעדיקער, אַ פּריסטער (אין קאַטוילישן זינען), אַ שליח צבור, אַמאָל אויך דער אָפֿיציעלער פֿאַרשטייער כּלפּי דער ניט־אידישער געזעלשאַפֿט אין שטאָט, אַ פּאָפּולערוויסנשאַפֿטלעכער לעקטאָר, אַ פֿאָרזיצער פֿון פֿאַרשיידענע קאָמיטעטן, קלובן און פֿאָנדן און אין מער זעלטענע פֿאַלן — אויך אַ פּאָליטישער רעדנער און פּאָליטישער פֿירער. אָבער אַפֿילו אין אַ קבוץ מיט פֿיר מיליאָן נפֿשות מוז דאָך די צאָל טרעגער פֿון דעם דאָזיקן קאָמפּליצירטן און סינטעטישן אַמט זיין אַ באַגרענעצטע.

דערפֿאַר איז נאַטירלעך, וואָס אידן שטופּן זיך אַזוי אין די זעלבסטשטענדיקע ווירטשאַפֿטס־צווייגן, אין די פֿרייע פּראָפֿעסיעס. אויף די

נידעריקערע שטאַפּלען ווערן זיי זעלבסטשטענדיקע פֿאַרזיכערונגס־אַגענטן אָדער דענטיסטן; אויף די העכערע שטאַפּלען — אַדוואָקאַטן, פֿאַרשיידענע הייל־ספּעציאַליסטן, געשעפֿטס־ אָדער רעקלאַמע־עקס־פּערטן. עס וואַקסט כּסדר די צאָל אידן וואָס ציט זיך אין די דאָזיקע פּראָפֿעסיעס. אָבער דער איינדרוק, אַז זייער צאָל אין די פּראָפֿעסיעס איז אַזאַ גרויסע, ווערט ניט באַשטעטיקט דורך דער סטאַטיסטיק: עס נעמט זיך דערפֿון וואָס דער קאָנסומענטן־קרייז, וואָס באַשעפֿטיקט די דאָזיקע פּראָפֿעסיאָנאַלן אָדער פֿאַרמיטלער גייט ניט אַרויס פֿון די גרענעצן פֿון דעם אידישן קבוץ. אָט קעגן דעם דאָזיקן רעלאַטיוון עודף זוכט דער איד כּל־ערליי תּחבולות. און אויך דאָ איז דער גרינגסטער אויסוועג דאָס אַנטלויפֿן ערגעץ אין אַ פֿאַרוואָרפֿן ווינקל, וואָס איז ווייניק אַנטוויקלט און האָט אַ קליינע באַפֿעלקערונג. אָבער אויך דער דאָזיקער וועג קען בלויז לאַנגזאַמער מאַכן די „פּראָדוקציע״ פֿון דעם דאָזיקן אינטעליגענטן־פּראָלעטאַריאַט; ער קען אים ניט אינ־גאַנצן אָפּשטעלן. און עס זיינען פֿאַראַן גענוג סימנים, וואָס זאָגן עדות דערויף. איינער פֿון זיי איז דער סקאַנדאַל פֿון ambulance chasing אין ניו־יאָרק. אַ צווייטער סימן איז די פֿאַרמערונג פֿון געהיימע אַד־וואָקאַטן, פֿאַרשיידענע כּל־יכול׳דיקע אַגענטורן אויף אַלע געביטן און אַ משוגע׳נע שפֿע פֿון פֿאַרמיטלער אין רעקלאַמע־פֿאַך. אין באַשטימטע שיכטן פֿון די „פֿרייע״ פּראָפֿעסיעס קומט פֿאָר אַ שווערע קאָנקורענץ וואָס שטופּט מענטשן אין פֿאַרשיידענע, ענגע, פֿינצטערע און פֿאַרוואָר־פֿענע ווינקלען, אויף כּל־ערליי בלינדע און קרומע וועגן און שטעגן פֿון עקאָנאָמישן לעבן. אָבער די דאָזיקע קאָנקורענץ האָט אויך שטאַרק סטימולירט דעם טעמפּאָ פֿון דער אַרבעט אין די פֿרייע פּראָפֿעסיעס און האָט זי דערפֿירט צו אַ זעלטענער פּראָדוקטיוויטעט אין קוואַליטעט און קוואַנטיטעט. דער אידיש־אַמעריקאַנישער פּראָפֿעסיאָנאַל — דער דאָקטאָר, אַדוואָקאַט און אינזשיניער — אַרבעט פֿיל שווערער און אָנגעשטרענגטער און געניסט ווייניקער רו ווי זיינע קאָלעגן אין אייראָפּע.

און מיר שטייען דאָך נאָך ערשט אין אָנהויב פֿון דעם דאָזיקן פּראָ־צעס. דער אמת׳ער געלאַף פֿון דעם יונגן אידישן דור צו באַשטימ־טע פּאָזיציעס אין די פֿרייע פּראָפֿעסיעס האָט זיך דאָך נאָך ניט אָנגע־הויבן. דערווייל זעען מיר דאָך נאָר די ערשטע דורות פֿון דעם אידישן אימיגראַציע־המון, די וואָס האָבן פֿאַרלאָזן די ענגשאַפֿט פֿון דער אי־

מיגראַנטן־געטאָ און אַרויפֿגעקלעטערט צו דער מדרגה פֿון אַן אַמע־ריקאַנער פּראָפֿעסיאָנאַל.

לאָמיר נעמען אַלס ביישפּיל די אַמעריקאַנער ליטעראַטור און פּרע־סע. דער אַנטייל פֿון אידן אין דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור און צייַ־טונגס־וועזן — אויסער דער אידישער ספֿערע, דאָס הייסט די ספֿערע פֿון דער אידישער שפּראַך — איז נאָך דערוויַיל ניט זייער בולט. באַ־זונדערס איבערראַשנדיק איז דער דאָזיקער פֿאַקט, ווען מען פֿאַר־גלייכט אַמעריקע מיט די אַנדערע לענדער אין וועלכע די אידישע עמאַנציפּאַציע ציילט שוין עטלעכע צענדליק יאָר — פֿאַר אַלעמען דייטשלאַנד און עסטרייך, אָבער אויך פֿראַנקרייך. וויכטיקע אידישע שרייבער, אַזעלכע וואָס לאָזן זיך פֿאַרגלייכן מיט אַ יעקב וואַסערמאַן אַרטור שניצלער, סטעפֿאַן צוויַיג, פֿראַנץ ווערפֿל, האַנרי בערגסאָן, זיינען אין דער ענגליש־אַמעריקאַנער ליטעראַטור ניטאָ. זייער צאָל איז אַפֿילו קליין צווישן די זשורנאַליסטן. אַפֿילו צווייטראַנגיקע „שטערן" פֿון דעם טיפּ לודוויג לואיסאָן אָדער וואַלדאָ פֿראַנק זיינען אויך זעלטן צווישן אַמעריקאַנער אידישע שרייבער. אָבער ווי ווערט די לאַגע אויסזען אין דרייסיק יאָר אַרום? אין ני־יאָרקער טאָג־צייטונג פֿירט יעדע וואָך דורך אַ קאָנקורס מיט אַ פּרייז פֿאַר דעם בעסטן, תּמצית'דיקסטן און טרעפֿלעכסטן אַרטיקל וועגן אַ וויכטיקער געשעעניש פֿון דער וואָך. אַז מען קוקט יעדע וואָך דורך די רשימה פֿון די באַטייליקטע אין דעם קאָנקורס, די פּרייז־געווינער און זייערע פֿאָטאָגראַפֿיעס, זעט מען וואוהין די טענדענץ גייט. און ווען עס וועט קומען די שעה, און אַ קליינער טייל פֿון די דאָזיקע יונגע אידן וועט זיך לאָזן שווימען אין דעם ים פֿון דער אַמעריקאַנער פּרעסע און ליטעראַטור — וועט זיך אויפֿהויבן דער געשריי וועגן דער „פֿולשטענדיקער פֿאַראידישונג פֿון דער אַמע־ריקאַנער ליטעראַטור און פּרעסע".

איך שרייב דיר די דאָזיקע שורות אין באַן. אַ שניי־שטורם שמייסט אויף די פֿענצטער. אינדרויסן זעט מען אין גרויען ליכט פֿון דעם ווינ־טערדיקן טאָג וואונדערלעכע שטעטלעך. אין משך פֿון עטלעכע שעה ביסטו דורכגעפֿלויגן אַ העלפֿט פֿון דער געאָגראַפֿיע און געשיכטע פֿון גאַנצן ערד־קוגל, וואָס עס שפּיגלט זיך אָפּ אין די נעמען פֿון די דאָזיקע שטעטלעך אויפֿן באָדן פֿון אָהייאָ: קליוולאַנד און מאַקעדאָניע, קאַנטאָן און ראַווענאַ, וואַרען און טאָלידאָ. אַז איך פּרוביר פֿאַרגלייכן דיווירטשאַפֿטלעכע מערכה פֿון דער אידישער מאַסע אויף דער דאָזיקער ערד מיט דער לאַגע פֿון יעדן אַנדערן קבוץ אין דעם צעשמעטערטן

אידנטום, מוז איך זאָגן אַז די אידן פֿון אָהייאָ האָבן זיך ניט אויף וואָס צו באַקלאָגן. זייער יערלעכע הכנסה איז אַ צופֿרידנשטעלנדיקע, זייער לעבנס־סטאַנדאַרט איז אַ פֿאַרהעלטניסמעסיק הויכער. אָבער וואָס שטייט הינטער אָט דעם אַלעם? וואָס איז דער יסוד פֿון אָט דעם אַלעם? וואָס זיינען די גאַראַנטיעס פֿאַר דער צוקונפֿט? זיי ווערן אַרויסגעשטופּט פֿון דער אַרבעט, פֿון די פֿאַרמיטלונגס־פּאָזיציעס פֿון דער נאַציאָנאַלער ווירטשאַפֿט, זיי האָבן ניט קיין וואָרצלען, זיי זיינען פֿאַררוקט אין די גרענעץ־געביטן פֿון ווירטשאַפֿטלעכן לעבן, וואו די קאָניונקטור־סכּנות זיינען באַזונדערס דראָענדיק, וואו די שווערד פֿון קאָנקורענץ פֿאָכעט מיט דער גאַנצער קראַפֿט, וואו די chain stores טרייבן אומ׳רחמנות׳דיק פֿון די שוואַכע פּאָזיציעס. יעדע אויפֿטרייסלונג אין פֿלאָרידאַ, יעדע איבערקערעניש אין דער ניו־יאָרקער בערזע — איז אַ טאָג פֿון אומגליק און טרויער אין דער געשיכטע פֿון דעם אַמעריקאַנער אידנטום. רעדט פֿון מיר אַרויס אַן איבערטריבענע פֿאַרצווייפֿלונג? זיינען דאָס בלויז קאָשמאַרן פֿון אַ שוואַרץ־זעער? פֿיל אַמעריקאַנער אידן וועלן ענטפֿערן מיט אַ קלאָרער, בטחון־פֿולער שטים: זיכער! אַוודאי! וואָרעם פֿאַר זיי עקזיסטירט בלויז זייער חיי־שעה און איצט האָבן זיי אַ Good time. נאָכמער, די צופֿרידנקייט, דער בטחון, די פּסיכאָלאָגיע פֿון happy end, וואָס באַהערשן זייער סביבה האָבן אויך זיי פֿאַרכאַפּט. איך גלויב, אַז אַפֿילו אויב זיי זאָלן אויף דער וואַנט דערזען די פֿייערדיקע אותיות וואָס האָבן זיך אַנטפּלעקט צו בלשצר — וועלן זיי מיינען, אַז דאָס איז אַ ליכט־רעקלאַמע. אָבער איז פֿאַראַן וועלכע עס איז באַרעכטיקונג פֿאַר דעם דאָזיקן בטחון? די דאָזיקע אידן זעען מיר אויס ווי פּאַסאַזשירן אויף אַ שיף, וואָס פֿאַרווײלן זיך זאָרגלאָז אויפֿן דעק אין דער זון, בעת יעדער פּשוט׳ער מאַטראָז קען זען, אַז דער באַראָמעטר און דער ווינט־מעסטער און דער סייסמאָגראַף האַלטן כּסדר אין איין צעקלאַפּן דעם דאָזיקן בטחון. אויף דער שיף וואַרטן שווערע טעג, טעג פֿון רעגן און אפֿשר אויך פֿון שטורעם.

צוועלפֿטער בריוו

איך וויל דיר ווידער דערציילן וועגן אַ כאַראַקטעריסטישער באַגעגעניש. איך האָב זיך ערשט איצט צוריקגעקערט פֿון אַ party אין אַ פּריוואַט־הויז, ביי אַ פֿאַמיליע וואָס געהערט צו דער סמעטענע פֿון דעם מיטל־קלאַס און וואוינט אין איינער פֿון די פֿאַרמעגלעכע געגנטן

אין ניו־יאָרק. עס איז געווען אַן אייגנאַרטיקע געזעלשאַפֿט. יעדע וואָך קומען זיך צונויף אין אַ הויז אין בּאָראָ פּאַרק 25 אָדער 30 יונגע אידישע מענער און פֿרויען, די מערסטע פֿון זיי ערשט־געבּאַקענע אַדוואָקאַטן, יונגע דאָקטוירים, סטודענטן וואָס האַלטן ביים „ענדיקן" און אַ צאָל יונגע געשעפֿטסלייט. דער צוועק איז — ווי די באַלעבּאָסטע האָט עס פֿאַר מיר פֿאָרמולירט מיט שיינענדיקע אויגן — „קלאָר צו מאַכן אַ צאָל וויכטיקע ענינים". אָבער די טעמע פֿון אָט דעם אָוונט וואָס האָט נאָך אַ קורצער און קלאָרער איינלייטונג פֿון איינעם פֿון די אָנוועזנדע — געפֿירט צו אַ לאַנגער, און דעטאַלן־רייכער דיסקוסיע, איז געווען דזשיימס בּרענטש קאַבּעל (James Branch Cabell) קאַבעל, אַ זון פֿון אַן אַריסטאָקראַטישער פֿאַמיליע אין דרום, אין ווירדזשיניאַ דוכט זיך, האָט זיך אונטערגענומען אויפֿצולעבן דעם מיטלאַלטער — אָט דעם קאַפּיטל געשיכטע וואָס עס איז די אַמעריקאַנער צו זייער באַדויערן ניט באַשערט געווען צו האָבן. ער טוט דאָס דורך שרייבּן ראָמאַנען, וואָס זייער שטאָף איז גענומען פֿון דער ריטער־ראָמאַנטיק און זיינען אויך געשריבן אין סטיל פֿון יענע צייטן. אין דער יונגער אַמעריקאַנער ליטעראַטור שטייט קאַבעל ווי אַ פֿעאָדאַלער שלאָס, וועלכער איז דורך דעם שגעון פֿון אַן אַמעריקאַנער מולטימיליאָנער שטיקערווייז אַריבערגעבראַכט געוואָרן פֿון יענער זייט אַטלאַנטיק און דאָ איז ער ווידער אַמאָל צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן און באַצירט די נייע אַמעריקאַנער לאַנדשאַפֿט. אַז מען וויל קען מען קאַבעלן אָפּגעבן כבוד, אַביסל דערפֿאַר וואָס ער שאַפֿט ליטעראַטור צום רום פֿון אַן אויסזיכטסלאָזן אידעאַל — און אפֿשר אויך צוליב זיין שיינעם, כאָטש עטוואָס געקינסטלטן סטיל. אָבער וואָס פֿאַר אַ שייכות האָט דזשיימס בּרענטש קאַבעל מיט אַ גרופּע אידישע יונגעלייט און פֿרויען אין בּאָראָ פּאַרק וואָס קומען זיך צונויף פֿון צייט צו צייט כּדי קלאָר צו מאַכן „וויכטיקע פּראָבּלעמען"? ווי אַזוי קלייבּן זיך 25־30 אידישע יונגע מענטשן צוזאַמען אין יאָר 1929 כּדי צו „נעמען שטעלונג" דווקא צו אַזאַ מין שרייבער? וואָס, רבונו של עולם, איז די פֿאַרבינדונג צווישן די דאָזיקע אידישע חקרנים און דעם דרומ'דיקן אַריסטאָקראַט, וואָס טרוימט וועגן די גבורות פֿון מיטלאַלטער וואָס זיינען פֿאַר אונז, אין אונזער היסטאָרישער דערפֿאַרונג, געווען ניט קיין עפּאָפּייעס און ניט קיין גבורות, ניט קיין קעניגלעכער גלאַנץ און ניט ריטער־געזאַנגען, נאָר אימה פֿאַר די קרייץ־צוגן און דער אינקוויזיציע, אידישע לויף־„קאָנטעסטן" אין נוסח פֿון אַלטן רוים, געלע לאַטע, קאָפּ־

שטייער און תּליה? וואו ליגט די חשיבות פֿון אַזאַ אָוונט? ער איז וויכטיק ווי אַ — סימבאָל.

אַלץ וואָס עס איז פֿאָרגעקומען אין די פֿיר ווענט פֿון דעם דאָזיקן צימער אין באָראָ פּאַרק איז בלויז אַ מיניאַטור פֿון דער סאָציאַלער לאַגע, אין וועלכער עס געפֿינט זיך דאָס גאַנצע אַמעריקאַנער אידנטום — זיין איינזאַמקייט, פֿאַרשלאָסנקייט און סאָציאַלע מימיקרי. דרייסיק יונגע אידישע מענטשן זיצן און דיסקוטירן צווישן זיך דזשיימס ברענטש קאַבעל. פֿיר מיליאָן אַמעריקאַנער אידן לעבן אינגאַנצן צווישן זיך — און מאַכן כּלפּי חוץ אַן אָנשטעל פֿון היסטאָרישע אַמעריקאַנער.

אָט די דאָזיקע איזאָלאַציע פֿון דעם גלייכבאַרעכטיקטן אַמעריקאַנער אידנטום, דאָס עצם שאַפֿן פֿון דעם באַזונדערן אָרגאַניזם וואָס טראָגט דעם נאָמען „אידישע געזעלשאַפֿט” איז אַ געוויינלעכע דערשיינונג אין יעדן לאַנד וואו די צאָל אידן שטייגט אַריבער, אַבסאָלוט אָדער רעלאַטיוו, די גרענעצן פֿון אַ באַשטימטן מינימום. אַן אומזיכטבאַרע וואַנט רינגלט אַרום דאָס אידישע סאָציאַלע לעבן אין דייטשלאַנד, אין עסטרייך און אַפֿילו אין ענגלאַנד, ניט געקוקט אויף דער פֿולער בירגערלעכער גלייכבאַרעכטיקונג. עס איז לויט מיין מיינונג אַ טעות דאָס צוצושרייבן אינגאַנצן אָדער אַפֿילו אין אַן אַנטשיידנדיקער מאָס דער ניט־אידישער מערהייט, וואָס איז פֿיינדלעך אָדער איזאָלירט זיך פֿון די אידן. אַוודאי האָט דער דאָזיקער פֿאַקטאָר געשפּילט און שפּילט נאָך איצט אַ וויכטיקע ראָלע, אָבער גאָר אַ וויכטיקע ראָלע שפּילט דאָך אויך די שטרעבונג פֿון די אידן אַליין (כאָטש זי איז ניט שטענדיק אינגאַנצן אַ באַוואוסטזיניקע) זיך אויסצולעבן געזעלשאַפֿטלעך צווישן אייגענע, צווישן מענטשן פֿון זייער אייגענעם מין. מען פּרובירט דאָס אַמאָל צו דערקלערן דערמיט, וואָס עס איז פֿאַראַן אַ מין ראַסישע נייגונג צו סאָציאַלער סאָלידאַריטעט. ווען מען שטעלט זיך אָבער די פֿראַגע, וואָס איז די אַנטשיידנדיקסטע סיבה פֿון דעם דאָזיקן אימפּולס, קען, דוכט זיך מיר, ניט זיין קיין אַנדער ענטפֿער ווי דער — עס איז דער ווילן זיך צו פֿילן פֿריי, דער ווילן צו אַנטלויפֿן פֿון דער הערשנדיקער מאַכט פֿון דער מערהייט, אַ הערשאַפֿט וואָס איז אָפֿיציעל אין ערגעץ ניט פּראָקלאַמירט געוואָרן, און פֿונדעסטוועגן שפּירט מען זי אומעטום, צו אַנטלויפֿן פֿון אָט דעם משונה׳דיקן דרוק וואָס באַלאַסט דעם מענטשן, זיינע זיטן, זיין האַלטונג, זיין באַוועגונג, זיינע רעאַקציעס, זיינע נאַטירלעכע טעות׳ן און זיין גאַנצן לעבנס־סטיל אין דער פֿרעמדער סביבה. „צווישן אונז

אַליין" — איז דער טייטש: פֿרייהייט. איז דער טייטש: דענקען, רעדן, פֿילן, עסן, זינגען, לאַכן, טרינקען; אָדער ניט דענקען, ניט רעדן, ניט פֿילן, ניט עסן, ניט זינגען, ניט לאַכן, ניט טרינקען — אין יענער מאָס און גראָד אין יענער צייט, וואָס עס פֿאָדערט די אייגענע נשמה און דאָס אייגענע וועזן. אָבער דער כּוח פֿון דער מערהייט איז שטאַרקער פֿון דיר, ער ברעכט דורך די אומזיכטבאַרע וואַנט און דרינגט אַריין אין דיין אייגענער פֿאַרשלאָסענער לעבנס־סביבה. דאָס געפֿיל פֿון פֿרייהייט און אומגעצוואונגענקייט, וואָס דער גלייכבאַרעכטיקטער איד האָט אין דער „אידישער געזעלשאַפֿט", איז זייער אַ באַגרענעצטער, די „אידישע געזעלשאַפֿט" געפֿינט זיך ניט אין קיין פּוסטן חלל, די אידישע געזעלשאַפֿט אָטעמט אָטמאָספֿערע פֿון דער אַלגעמיינער סביבה און נעמט איבער דעם דענק־סטיל און די געדאַנק־אינהאַלטן, די זיטן און מאַניערן, מיינונגען און פֿאָראורטיילן, די ווערט־סקאַלעס פֿון דער דאָזיקער סביבה. דעמאָלט קומען אָט די אַלע מאָדנע אַנטפּלעקונגען פֿון דעם ווילן זיך צו אַסימילירן — אין דער איזאָלאַציע, פֿון נאָכמאַכן די סביבה — אין דער איינזאַמקייט. אָט דאָס גיט עס דער „אידישער געזעלשאַפֿט" איר „לאָקאַלן קאָלאָריט". די דאָזיקע סאָציאַלע מימיקרי האָט, ווי אַ סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישער מעכאַניזם, אַ טאָפּלטע אויפֿגאַבע: ערשטנס, שטאַרקט זי דעם זעלבסט־צוטרוי פֿון דער איזאָלירטער מינדערהייט, גיט זי אַ מין זעלבסט־באַרעכטיקונג פֿאַר זיך אַליין; צווייטנס, גיט זי דער איזאָלירטער גרופּע אַ מין „הכשר" פֿאַר דער אַרומיקער סביבה. זי זאָגט: „יאָ, מיר זונדערן זיך טאַקע אָפּ. אַזוי ווילט איר דאָך — אָבער מיר ווילן עס אויך, און פֿונדעסטוועגן זיינען מיר, חלילה, ניט קיין שלעכטע בירגער און ניט קיין לאַנד־פֿאַררעטער. זעט, אייערע זיטן זיינען — אונזערע זיטן, אייער אויסזען — אונזער אויסזען, אייערע מעשים — אונזערע מעשים, און אייערע נעמען — אונזערע נעמען". די דאָזיקע מימיקרי איז עלטער פֿון דער עמאַנציפּאַציע. אַפֿילו אין דער אידישער געטאָ אין מיטל־אַלטער האָט שוין דער איד, אויב ער האָט זיך עס נאָר געקענט דערלויבן, אונטער זיין מאַנטל געטראָגן די קליידער פֿון זיינע הערשער, געלערנט זייער שפּראַך, געלייענט, אויף וויפֿיל די שומרים פֿון דער רעליגיע האָבן דאָס ניט באַמערקט, זייער ליטעראַטור. וואָרעם אויב ניט אַזוי — פֿון וואַנען וואָלט צו אונדז געקומען אַל חריזי, זיסקינד פֿון טרימבערג, די פֿאַרשיידענע אידישע דיאַלעקטן? פֿון וואַנען וואָלט צו אונדז געקומען שפּינאָזאַ? די דערשיינונגען זיינען,

הייסט עס, ניט קיין נייע, אָבער דער באַזונדער היסטאָרישער שטעמפּל וואָס זיי לייגן אַרויף אויפֿן לעבן פֿון עמאַנציפּירטן אַמעריקאַנער אידנטום, איז אַ פּראָדוקט פֿון אָט דער ספּעציפֿישער סביבה. עס איז דאָך דאָס ערשטע מאָל, וואָס אידן זיינען אַריינגעוואָרפֿן געוואָרן אין אַ סביבה, אין וועלכער עס איז ניט געווען קיין קולטור פֿון איין הערשנדיקן פֿאָלק, אין וועלכער עס איז בכלל ניט געווען קיין פֿאַר־ענדיקטע, סטאַבילע קולטור. די נעגער און מאָנגאָלן, וואָס זייער ראַסע־קאָליר איז פֿאַר זיי אַ מין קין־צייכן, גייען דאָך בכלל ניט אַריין אין חשבון, וואָרעם זיי זיינען דורך דער אַמעריקאַנער געזעל־שאַפֿט אויסגעשלאָסן געוואָרן און געשטעלט געוואָרן מחוץ למחנה. אָבער אויך אויסער זיי געפֿינען מיר אין „שמעלץ־טאָפּ" פֿופֿציק ווייסע פֿעלקער, פֿון וועלכע עס איז, אין אַ לאַנגן היסטאָרישן פּראָ־צעס, אויסגעגאָסן געוואָרן דאָס אַמעריקאַנער פֿאָלק. ניט אַלע עלע־מענטן לאָזן זיך אויפֿלייזן אין „שמעלצטאָפּ" מיט דעם זעלבן טעמ־פּאָ און מיט דער זעלבער לייכטקייט. צווישן זיי זיינען פֿאַראַן אַזעלכע (באַזונדערס די איטאַליענער, שפּאַניער און סלאַוון), וואָס האָבן אין דעם דאָזיקן אויפֿלייזונגס־פּראָצעס זיך אָנגעשטויסן אויף פֿיל ניט קליינע ווידערשטאַנדן. אָבער דאָס זיינען געווען ווידערשטאַנדן פֿון אַ בעיקר סאָציאַלן כאַראַקטער. ניט ווייל זיי זיינען איטאַליענער אָדער סלאָוואַקן, נאָר דערפֿאַר ווייל זיי זיינען קיבוצים פֿון אָרעמע אימיגראַנטן, שוואַכע פֿון אַ סאָציאַלן שטאַנדפּונקט, מינדערווערטיקע — פֿון אַן עקאָנאָמישן שטאַנדפּונקט און אָפּגעשטאַנענע פֿון אַ קולטורעלן שטאַנדפּונקט, האָבן זיי זיך אָנגעשטויסן אָן אַזויפֿיל ווידערשטאַנדן אויף זייער וועג צו דער אַסימילאַציע. אין דעם מאָמענט ווען זיי האָבן אָנגעהויבן שטייגן אויפֿן סאָציאַלן און קולטורעלן לייטער זיינען זיי גרינג פֿאַרשלונגען געוואָרן אין אַמעריקאַנער „שמעלצטאָפּ". קען מען דאָס אויך זאָגן בנוגע דעם איין־און־פֿופֿציקסטן „ווייסן פֿאָלק"? איז די איזאָלאַציע פֿון דער „אידישער געזעלשאַפֿט" אויך ניט מער ווי אַ פּראָדוקט פֿון עקאָנאָמישער און קולטורעלער אָפּגעשטאַנענקייט, פֿון אָרעמקייט און אומוויסנקייט? קען מען ווענן זיי אויך זאָגן, אַז וואָס שייך זיי וועט דער מאַטעריעלער אויפֿשטייג און די דערוואַרבונג פֿון העכערער בילדונג אויך סוף סוף פֿאַרטושן די דאָזיקע קעגנזאַצן ביז וואַנען זיי וועלן אינגאַנצן פֿאַרשווינדן אין דעם אַמעריקאַנער ראַסן־געמיש? מיר דוכט זיך, אַז אין משך פֿון די קומענדיקע צוויי הונדערט יאָר וועט זיך ניט געפֿינען קיין איין מענטש, אַפֿילו

דער סאַמע ענטוזיאַסטישסטער אידיש־אַמעריקאַנישער אַסימילאַטאָר, וואָס וועט אַרויסזאָגן אַזאַ מיינונג. עס איז בכלל ניטאָ קיין אידיש־אַמעריקאַנישע אַסימילאַציע־באַוועגונג וואָס זאָל אַרויסשטעלן די פֿולשטענדיקע אויפֿלייזונג אַלס פּראָגראַם. דאָס 51סטע פֿאָלק איז געווען און וועט בלייבן אַן אומצעשמעלצבאַרע שיכט אויף דעם שטויביקן באָדן.

די אידן לעבן צווישן זיך. איך מיין דאָ ניט יענע זאַכן וועגן וועלכע די צייטונגען שרייבן אַזויפֿיל: צום ביישפּיל, אַז אונזער „זעמל־מעל און סמעטענע" ווערט ניט אַריינגעלאָזן אין די עקסקלוזיווע קלובן פֿון דעם אַמעריקאַנער „זעמל־מעל און סמעטענע". דאָס איז ניט וויכטיק און ניט אינטערעסאַנט. גאָט וועט זיי טרייסטן אָדער אפֿשר וועט זיך די לאַגע מיט דער צייט ענדערן. איך האָב אין זינען די סאָציאַלע קעגנזאַצן וואָס רירן אָן די פֿאָלקסמאַסן. זיי געפֿינט מען באַזונדערס אין ווירטשאַפֿטלעכן לעבן. דאָס זיינען די קעגנזאַצן צווישן אידן און ניט־אידן וואָס עקזיסטירן זינט מיר זיינען אין גלות, דאָס הייסט אַ לאַנגע צייט איידער דער קאַפּיטאַליזם איז געקומען אויף דער וועלט. דער אידישער קבוץ האָט קיינמאָל ניט באַפֿרידיקט אַלע זיינע אייגענע הצטרכותן. די נייע קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפֿט האָט נאָך פֿיל מער פֿאַרשטאַרקט די דאָזיקע ווירטשאַפֿטלעכע פֿאַרבינדונגען מיט דער ניט־אידישער וועלט. דער איד שטויסט זיך אויף דעם ניט־אידן סיי אין ביוראָ און סיי אין קראָם. ער באַשעפֿטיקט ניט־אידן, נעגער און ווייסע, אַרבעטער און באַאַמטע, אָדער איז אַן אויפֿזעער איבער זיי. ער האָט ניט־אידישע קליענטן, ווייסע און שוואַרצע. דער קאַפּיטאַליזם האָט געבראַכט צו דער דעמאָקראַטיזאַציע פֿון די טראַנספּאָרט־מיטלען. ווען מען האָט אויפֿגעבויט די ערשטע עלעקטרישע טראַמווייען אין אינדיע האָבן די בראַהמינען ניט געוואָלט זיצן אין דעם זעלבן וואַגאָן מיט די אַנדערע קאַסטעס, כּדי ניט טמא צו ווערן פֿון דעם באַריר מיט זיי. אויך היינט קען דער נעגער אין די דרום־שטאַטן פֿון אַמעריקע ניט זיצן אין דעם זעלבן וואַגאָן מיט ווייסע, ער מוז זיך באַנוגענען מיט דער Jim Crow car. אָבער אין די גרויסע אינדוסטריעלע צפֿון־שטאַטן זיינען אָט די אַלע באַגריפֿן איצט כּמעט פֿאַרגעסענע פֿאָראורטיילן. אידן, נעגער, יענקיס, אַלע זיצן אָדער שטייען צוזאַמענגעדריקטע אין דער סאָבוויי און אין באַן־וואַגאָן. דער קאַפּיטאַליזם האָט אויך געבראַכט צו דער דעמאָקראַטיזאַציע פֿון די פֿאַרווײַלונגס־מיטלען און בילדונגס־אינסטיטוציעס. דער איד זיצט לעבן דעם ניט־אידן אויף דער באַנק פֿון דער פֿאָלקס־

שול און דעם קאָלעדזש, סינעמאַ און טעאַטער. דאָס אַלץ איז, דאַכט זיך, זעלבסטפאַרשטענדלעך, — אָבער מיט דער דאָזיקער זעלבסטפאַר־שטענדלעכקייט ענדיקט זיך דער גאַנצער ענין. פון דעם פונקט און ווייטער — נול. אויב מען זאָל צוזאַמענגעמען דעם חשבון פון אַט די אַלע באַציאונגען וועט מען מוזן קומען צום שלוס, אַז אין לעצטן סך־הכל האָבן מיר דאָ פאַר זיך, פון סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישן און סאָציאָ־לאָגישן שטאַנדפּונקט, ניט מער ווי אַ קאָמפּלעקס פון אויבערפלעכ־לעכע, ניט פאַרפליכטנדיקע באַציאונגען, וואָס גרייכן ניט און רירן ניט אָן די לעבנס־ספערע פון דעם פּרט; זעלישע באַציאונגען, די וואָס זיינען פּערזענלעך מער פאַרפליכטנדיק, וואָס האָבן אַ מער וואָגיקע ווירקונג אויפן שטח פון פּערזענלעכן לעבן, האָט דער איד אין 99 פאַלן פון 100 בלויז אין דער „אידישער געזעלשאַפט“. פאַלן ווי דער וועגן וועלכן עס דערציילט לודוויג לואיסאָן אין Upstream אַ מעשה מיט אַ אידיש קינד, וואָס וואַקסט אינגאַנצן אויף אויסער דער אידישער סביבה אין אַ שטעטל אין דרום־קאַראָליינע, טרעפן בלויז איין מאָל צווישן הונדערט. און אויך אים טרייבט דער „קעגנשטראָם“ צוריק צום אידישן כּלל. יענע אידן וואָס פרעגן אַמאָל מיט סנאָבישן שפּאָט בנוגע ארץ ישראל: „ווי אַזוי קען מען לעבן אין אַ ריין אידי־שער געזעלשאַפט?“ — פילן ניט, אַז זיי לאַכן פון זיך אַליין. זיי אַליין לעבן דאָך זייער אייגנטלעכן לעבן, אויסער אויבערפלעכלעכע, טעכ־ניש־אומפאַרמיידלעכע באַגעגענישן מיט ניט־אידן, — בלויז צווישן אידן. געמישטע הייראַטן רייסן אַמאָל אָפּ אַ גליד פון דער „אידישער געזעלשאַפט“. דאָס טרעפט אַמאָל אויך ביי די ראַנדן פון די גרויסע שטעט; אין דער צווישן־זאָנע וואָס טיילט אָפּ נאַציאָנאַלע קוואַרטאַלן, ביי דער איבערגאַנגס־ליניע צווישן אַ אידישן, אָן אירלענדישן אָדער איטאַליענישן קוואַרטאַל; אין די פאַרוואָרפענע ווינקלען פון די מערב־און דרום־שטאַטן, וואו שפּליטער פון אידישע ישובים ווערן פאַר־שלונגען אין דעם ים פון דער ניט־אידישער באַפעלקערונג. אַ רב אין פאַבלאָ האָט מיר אַפילו דערציילט וועגן געמישטע חתונות צווישן אידן מיט אינדיאַנערקעס אין דער געגנט פון לאָס וויגאַס און אַלבאַ־קוירק. די דערקלערונג פאַר דער דאָזיקער דערשיינונג, וואָס איך האָב געהערט פון דאָזיקן רב, ליגט זיך אויפן שכל. די דאָזיקע אינ־דיאַנישע מיידלעך האָבן גע'ירשנ'ט אַלטע יאַגד־שטחים, וואָס האָבן געהערט צו די רויט־הויטיקע שבטים, שטחים אין וועלכע מען האָט געפונען נאַפט־קוואַלן, און די רעגירונגס־קאַסע (דער אַפּוטרופּוס איבער

די איינגעבוירענע) צאָלט פֿאַר דעם דאָזיקן באָדן לעגענדאַרישע סומען. אַזעלכע טשיקאַווע פֿאַלן טרעפֿן אויך. עס איז אַפֿילו מעגלעך, אַז עס זאָל וואַקסן די צאָל פֿון געמישטע הייראַטן, עס איז אָבער קלאָר, אַז דאָס איז ניט קיין טיפּישע דערשיינונג פֿאַרן אַמעריקאַנער אידישן לעבן. דער עיקר איז: צי זיינען פֿאַראַן סימנים, אַז אויף דעם דאָזיקן געביט קומט פֿאַר אָדער האַלט ביים קומען אַ רעוואָלוציע? עס דאַכט זיך, אַז די מויערן וואָס רינגלען אַרום די אידישע געזעלשאַפֿט זיינען נאָך אַלץ זייער הויך.

און אין די מויערן? אין די מויערן לעבט אַ אידישע געזעלשאַפֿט, אַן איינגעשלאָסענע אין זיך — דאָס לעבן פֿון דער דרויסנדיקער אַמעריקע. די אינטעליגענץ איז אַריינגעטאָן אין די ביכער פֿון דזשאָן דיואי, באַטלער, אַדאַמס, און אפֿשר אויך ראָבינסאָן דזשעפֿערס און יודזשין אָניל. די יוגנט דיסקוטירט וועגן דער Nation וועגן דעם לעצטן טיפּ אויטאָמאָביל און די לעצטע נייעס פֿון דער „בייז־באָל־" וועלט, וועגן דעם לעצטן בוך פֿון בען לינדסעי אָדער וועגן קאַבעל און טעאָדאָר דרייזער. באַלעבאַטישע אידן, די אידישע „בעביטס", קלייבן יעדע וואָך נחת פֿון דער Saturday Evening Post. עס וועט דיר זיין שווער זיך פֿאָרצושטעלן ווי ווייט עס גייט די „בעביטיזאַציע" פֿון די דאָזיקע אידן, אַפֿילו פֿון מיטלקלאַס, אויב דו האָסט ניט גע־הערט איינע פֿון די רעדעס אין אַ Businessmen Lunch Club אָדער אַ פֿייערלעכן באַנקעט פֿון אַ שול־קאָנגרעגאַציע. אַנדערע גייען אין סינעמאַ, פֿאַרגיסן טרערן צוזאַמען מיט אַל. דזשאָלסאָן, הערן אויף דער ראַדיאָ דעם פּרעזידענטס רוזוועלטס אַ רעדע וועגן דעם רעגירונגס־קאָנטראָל איבער וואַסער־קראַפֿט, ווייסן ווען און ווי אַזוי מען דאַרף טראָגן אָוונט־קליידער, הויבן אָן זייערע באַנקעטן מיט גרייפּ־פֿרוכט און פֿאַרענדיקן מיטן נאַציאָנאַלן אַמעריקאַנער הימן. פֿרייטיק־צו־נאַכטס גייט מען אין „טעמפּל" און מען זינגט בצבור. מיר דאַכט זיך אַפֿילו, אַז די פּאָזיציע פֿון דעם רב אין דער אידישער עדה איז אין אַמעריקע אַ שיין ביסל פֿאַרבעסערט געוואָרן — אויך אַלס אַ רעזולטאַט פֿון דער זעלבער מימיקרי. דער ראַבאַי איז אַפֿילו אין די אויגן פֿון דער יוגנט דערהויבן געוואָרן צו דער מדרגה פֿון אַ „מיניסטער"; אַזוי ווי ביי די גוים, קוקט מען אויף אים מיט יראת הכבוד און מיט אַ פֿאָרמעלן אָנשטעל פֿון גייסטיקער און מאָראַלישער הכנעה און מען גיט אים איבער אָן קנאה, חלילה, די פּירערשאַפֿט־קרוין אין די צדקה־אינסטי־טוציעס, דערציאונגס־אַנשטאַלטן און די פֿאָנדן.

דו געדענקסט דאָך אָוודאי דעם מאמר פֿון דער אַגדה וועגן די פֿיר זאַכן וואָס אין זייער זכות זיינען די אידן אויסגעלייזט געוואָרן פֿון מצרים: „שלא שנו את שמם ולא שנו את לשונם ולא גלו מסתורין שלהם ולא בטלו את המילה" („דערפֿאַר וואָס זיי האָבן ניט געענדערט זייער נאָמען און ניט געענדערט זייער שפּראַך און ניט אַנטפּלעקט זייערע סודות און ניט בטל געמאַכט די מילה"). איז עס טאַקע בלויז אַ צופֿאַל, וואָס דער ערשטער זכות וואָס ווערט דערמאָנט אין דעם מאמר איז דער קלענער און אויסערלעכער ענין פֿון בייטן דעם נאָמען? יאָ, דער נאָמען איז טאַקע ניט מער ווי אַ פֿאָרמעלער ענין, אָבער ער איז זייער וויכטיק אַלס אַ סימבאָל. דער נאָמען איז דאָך אייגנטלעך, אַזוי צו זאָגן, די מענטשלעכע פּערזענלעכקייט אויף איין פֿוס. ער גיט דאָך דורך איין וואָרט די מעגלעכקייט זיך אויסצו־טיילן, אידענטיפֿיצירן און אָפּצוטיילן, אין אַ מאָס וואָס עס גיט ניט קיין שום אַנדער קאָמבינאַציע פֿון אותיות. און יעדער נאָמען האָט דאָך היסטאָרישע באַגלייטער, וואָס דערוועקן היסטאָרישע אַסאָסיאַ־ציעס. דאַכט זיך, אַז די מימיקרי בנוגע דעם נאָמען איז שטענדיק געווען אַ סימבאָל פֿון דער מאָס אידישער מימיקרי בכלל. פּאַרציי־טיקע ביכער דערציילן אונז שוין וועגן אַ ראובן, וואָס האָט זיך גערופֿן רופֿוס און אַ שמעון וואָס האָט זיך אַ נאָמען געגעבן — לוליאַנוס. עס איז דאָך אַלעמען באַקאַנט וואָס די אידישע אַסימילאַציע אין דייטשלאַנד האָט אויפֿגעטאָן אויף דעם דאָזיקן געביט — ווי זי האָט ביסלעכווייז דערגראָבערט אַלע העלדן פֿון „ניבעלונגען־ליד", די גי־גאַנטן פֿון טויטובורג־וואַלד: זיגפֿריד, הערמאַן, העלדא — און אויף זיי אַרויפֿגעלייגט דעם שטעמפּל פֿון דער אידישער פֿאַמיליע. און ווען די גויים האָבן שפּעטער אָפּגעטרייסלט פֿון זיך די דאָזיקע נעמען און האָבן זיך געזוכט אַ מקום מקלט אין די סקאַנדינאַווישע לענדער, האָט די אידישע אַסימילאַציע אין דייטשלאַנד אין משך פֿון עטלעכע יאָר אויך אַרויפֿגעלייגט איר האַנט אויף די סקאַנדינאַווישע לענדער: גערדאַ, עגאָן, אינגאַ. די אַמעריקאַנער אידן האָבן אויך איבערגע־נומען די דאָזיקע תאווה, מיט וועלכער עס האָבן זיך אויסגעצייכנט די אידן אין מצרים, רוים און דייטשלאַנד. די דאָזיקע מימיקרי באַקומט אַ באַזונדער חן, ווען מען דערמאָנט זיך, אַז אין דער אַנגלאָ־זאַקסישער פּראָטעסטאַנטישער וועלט זיינען פֿאַראַן קרייזן וואָס האַלטן זיך מיט אַ דערשטוינענדיקער עקשנות אָן דער טראַדיציע פֿון די אַלטע אידישע נעמען. אַז מען עפֿנט אַ פּרעסביטעריאַנישע אָדער באַפּטיסטישע ציי־

טונג, געפֿינט מען דאָרטן גלייך ניט נאָר די נעמען פֿון די אבות ואמהות און די גרויסע און קליינע נביאים, נאָר אַפֿילו נעמען וואָס זיינען זעלטן צווישן אידן, ווי אַבימלך, אליהו, בלהה, תּמר, עזרא, גמליאל. דאַקעגן אַז מען בלעטערט אַ אידיש־אַמעריקאַנישע צייטונג פֿון אַ העכערן קולטור־ניוואָ, זעט מען פֿאַר זיך אַן אַנדער בילד. דאָרטן שווימלט און גריבלט מיט אַזעלכע נעמען ווי אַלען און פֿראַנק, קליפֿטאָן און האָראַס, מעלוויל און ראַלף, פֿלאָרענס און בעאַטריס. אָבער דעם סאַמע שפּיץ דערגרייכט דער ענין בנוגע פֿאַ־מיליע־נעמען. וואָס פֿאַר אַ היסטאָרישע ברייטהאַרציקייט אונזערע אידן ווייזן דאָ אַרויס! האָט דען לאָרד דאָגלאַס, איינער פֿון די גרעסטע שאָטלענדישע נאָבל־לייט ניט געפֿירט זיין רומפֿולע, אין באַלאַדן באַ־זונגענע מלחמה קעגן דעם אוירל פּוירסי פֿון נאָרטה האמבערלאַנד — און וואָס איז דערפֿון אַרויסגעקומען? איז ער איצט ניט געצוואונגען אויסגענוצט צו ווערן אַלס אַ מאַסקע פֿאַר עפּעס אַ אידן, וואָס זיין נאָמען איז געווען דאָלגאָנאָס? איז דען פֿאַראַן אין דער ענגלישער געשיכטע אַן עפּאָכע, אין וועלכער עס האָט ניט געקלונגען דער נאָמען טשוירטשיל? — און אָט איז ער איצט געוואָרן אַ קרבן פֿון אידן, וואָס האָט פֿריער געטראָגן דעם נאָמען טוליטשילאַנסקי. און וואָס וועסטו זאָגן, צום ביישפּיל, וועגן אַ מאַקסוועל, וואָס האָט אַמאָל געהייסן בישראל מאָגילעווסקי, אָדער אַ פּוירגעסאָן — וועלכער איז אייגנטלעך אַ פּייגלסאָן? ניט לאַנג צוריק האָט אַ ריכטער אין שיקאַגאָ געזאָגט צו אַ אידישן אַדוואָקאַט, וואָס האָט געוואָלט בייטן זיין נאָמען פֿון לוי אויף לי, אַז דער דאָזיקער נאָמען פֿאַרנעמט אַ צו וויכטיקן פּלאַץ אין דער אַמעריקאַנער געשיכטע, אַז עמיצער זאָל זיך דערלויבן אים סתּם אַזוי איבערצונעמען — פֿון דער אַנדער זייט ווייס ער, אַז דער נאָמען לוי איז אויך זייער אַ פֿאַרצייטיקער און חשובער, כאָטש ער געהערט צו דער אַריסטאָקראַטיע פֿון פֿאַר קאָלאָמבוסעס צייטן. זאָל, אַגב, באַמערקט ווערן, אַז דער מאָטיוו וואָס דער אַדוואָקאַט האָט אָנגעגעבן פֿאַר זיין ווילן צו בייטן דעם נאָמען איז אויך געווען זייער כאַראַקטעריס־טיש — ער האָט גע׳טענה׳ט, אַז זיין פֿריערדיקער נאָמען וועט אים שטערן אין קאָנקורענץ־קאַמף פֿאַר ניט־אידישע קליענטן.

בייק, אין זכות פֿון אָפּהיטן דעם אידישן נאָמען וועלן די אַמערי־קאַנער אידן ניט אויסגעלייזט ווערן פֿון גלות־מצרים. זיי באַמיען זיך, ווי ווייט עס איז נאָר מעגלעך, איבערצונעמען די פֿאַרב פֿון דער סביבה, זיי רעדן אין דער שפּראַך פֿון זייער סביבה, — אָבער זייערע

אידישע „מסתורין" האָבן זיי ניט אַנטפּלעקט. אפשר דערפאַר וואָס די דאָזיקע "מסתורין" האָבן זיך אויך פאַר זיי אַליין ניט אַנטפּלעקט — אָדער אפשר קען מען זיי בכלל ניט אַנטפּלעקן. על כל פּנים די דאָזיקע „מסתורין" זיינען געבליבן ביז צום היינטיקן טאָג, זיי שוועבן איבערן אויסערלעכן לעבן פון דער דאָזיקער אידישער געזעלשאַפט, איבער דער אויסערלעכער צופּאַסונג און התבטלות — די מיסטעריעס פון דער אידישער אייגנאַרט, דער סוד פון אידישן לעבן.*

[1929]

* דאָ שטעלט זיך אָפּ דער מאַנוסקריפּט, וואָס האָט געזאָלט זיין אַ פיל מער אומפאַסנדיקע שטודיע וועגן אַמעריקער אידנטום.

פעטער קראָפּאָטקין

די רעוואָלוציע דערשיינט אומעטום וואו דער פֿרייער געדאַנק באַפֿרייט זיך פֿון דעם טויטן בוכשטאַב פֿון דער דאָגמע; וואו דער פֿאָרשנדיקער זשעני איז מבטל די פֿאַרעלטערטע לאָזונגען; וואו דער מענטשלעכער ווילן פֿאַרווירקלעכט זיך אַליין אין פֿרייער טאַט און זוכער פֿון אמת רעוואָלטירן קעגן פֿאַרשקלאַפֿנדיקע לערעס און פֿאַראייניקן זיך, אויס פֿרייען אַנטשלוס אין איינקלאַנג מיט זייערע אינערלעכע פֿאָדערונגען... כּדי פֿון דאָס ניי צו דעראָבערן — דורך פֿירערלאָזער אַסאָסיאַציע — זייער טייל אין לעבן און די פֿולע באַפֿרידיקונג פֿון זייערע באַדערפֿענישן.

(עליזע רעקלו)

א.

די אַנאַרכיסטישע באַוועגונג אין איראָפּע, וואָס פעטער קראָפּאָטקין איז געווען איינער פֿון אירע ערשטע וואָרטזאָגער און פֿאָרקעמפֿער, איז עד היום געבליבן אַן עזאָטערישע באַוועגונג. אירע טרעגער זיינען — פֿאַרהעלטניסמעסיק קליינע גרופּעס: איר איינפֿלוס קומט פֿון יחידים־גרופּעס. זי האָט זיך אַנטוויקלט אין די גרענעצן פֿון ענגע און געשלאָסענע קרייזן. און איבער איר פֿלאַטערט נאָך אַ דעמער־שלייער וואָס וואַרפֿט אָן אַ מיסטעריעזן פּחד — דער שלייער וואָס הילט איין די יוגנט פֿון יעדער צוקונפֿט־טראָגנדיקער באַוועגונג. אויך אין די לעצטע יאָרן פֿון דעם ניינצנטן יאָר־הונדערט, ווען דער אַנאַרכיזם האָט זיך פֿלוצלינג פֿונאַנדערגעבליט כּמעט אין גאַנץ איראָפּע — באַזונדערס אין איטאַליע און פֿראַנקרייך, עסטרייך און רוסלאַנד — איז אים, אין איינקלאַנג מיט די אָרגאַנישע געזעצן פֿון זיין אַנטוויקלונג, ניט געלונגען אַריינצודרינגען אין סאַמע צענטער פֿון דעם סאָציאַלן קאַמף. די דאָזיקע באַוועגונג, וואָס האָט דעמאָלט אַרויסגעוויזן פּעאיקייטן בלויז פֿאַר אויפֿרייס־אַקטן און קרענקלעכע ווילנס־אויסברוכן, איז נאָך אונטער יענע אומשטענדן ניט גרייט גע־

ווען צו ווערן דער כּוח וואָס פירט און באַהערשט די רעוואָלוציע. וואָרעם, ווען דער פרייהייטלעכער סאָציאַליזם וואָלט עולה לגדולה געווען פאַר דעם הערשאַפטלעכן סאָציאַליזם — וואָלט עס אינגאַנצן ווידערגעשפּראָכן די אינערלעכע לאָגיק פון די געשעענישן.

אָבער אין דער דאָזיקער אַנטשטייאונגס־עפּאָכע און אין איר אינערלעכן כאַראַקטער קען מען געפינען אַ דערקלערונג פאַר צוויי אַלגעמיינע דערשיינונגען, וואָס באַצייכענען די אַנטוויקלונגס־ליניעס פון דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג.

די ערשטע דערשיינונג האָט אַ שייכות מיט דעם אַלגעמיינעם אינהאַלט פון דער באַוועגונג. די יונגע סאָציאָלאָגיע, וואָס האָט ביז־לעכוויז אויך אָנגעהויבן אַריינגעמען דעם אַנאַרכיזם אין דעם קרייז פון אירע פאָרשונגען, געפינט אין דעם דאָזיקן אַנאַרכיזם אַ קאָמבי־נאַציע פון צוויי פאַרשיידענע אידייען און צוויי אַנטקעגנגעזעצטע שטרעבונגען. געמיינזאַם איז זיי ביידן דער פרייהייטס־באַגריף. אָבער אויסער דעם דאָזיקן באַגריף זיינען זיי פאַקטיש אין אַלצדינג מחולק. אין עצם אינהאַלט וואָס זיי לייגן אַריין אין דעם באַגריף „אַנאַרכיזם"; אין דער דורכאויס פאַרשיידענער באַציאונג צו סאָציאַלע פראַגן; אין דעם גרונט־אונטערשייד צווישן זייערע ענדצילן. דער דאָזיקער אונ־טערשייד קען פאָרמולירט ווערן דורך די ווערטער: פּערזענלעכער אַנאַרכיזם — סאָציאַלער אַנאַרכיזם.

מיט אַכציק יאָר צוריק, איידער עס האָט זיך אָנגעהויבן די שפּאַל־טונג צווישן אַרבעטער־דעמאָקראַטיע און בורזשואַזער דעמאָקראַטיע, איז געווען אַ באַוועגונג, וואָס האָט געהאַט פּאַראַלעלע אייגנשאַפטן מיטן מאָדערנעם אַנאַרכיזם. דער פּאָליטישער ראַדיקאַליזם האָט דעמאָלט אין זיך געטראָגן צוויי אַנשויאונגען און שטרעבונגען, וואָס האָבן זיך איינע די אַנדערע שטאַרק ווידערשפּראָכן: די ליבעראַלע דעמאָקראַטיע און דער יונגער סאָציאַליזם. עס איז גוט באַקאַנט אונטער וועלכע אומ־שטענדן עס האָט זיך אַנטוויקלט די זעלבשטענדיקייט פון דער לעצטער שטרעמונג. אויך אין דער געשיכטע פון אַנאַרכיזם זעען מיר די בולט'ע סימנים פון אַן ענלעכער אַנטוויקלונג. דער פּערזענלע־לעכער אַנאַרכיזם, וועלכער קומט אַלס דער געזעצלעכער יורש פון דעם עקסטרעמען ליבעראַליזם, האַלט אין איין פאַרלירן דעם באָדן — און זיין באַדייטונג, בעת דער פרייהייטלעכער סאָציאַליזם באַקומט, אַלס רעזולטאַט פון דער אַנטוויקלונג פון דעם הערשאַפטלעכן סאָציאַליזם, אַלץ מער און מער קאָנקרעטע אויפגאַבן און קאַמף־צילן.

די צווייטע דערשײַנונג איז פֿאַרבונדן מיט די אויסדרוקס־פֿאָרמען, וואָס זײַנען אַזוי אייגנאַרטיק פֿאַר דער דאָזיקער באַוועגונג.

די מעטאָדן פֿון אַ באַוועגונג — אין קעגנזאַץ צו דער לערע אַליין — ווערן ניט געשאַפֿן דורך מאַסן־אַקציעס, און בכלל ניט דורך אָרגאַניזירטע אַקציעס; זיי ווערן באַשטימט דורך יחידים. און ווידער לערנט אונדז די געשיכטע פֿון דער אַלגעמיינער סאָציאַליס־טישער באַוועגונג, אַז אָט־די דערשײַנונג דאַרף אויך פֿאַרשטאַנען ווערן היסטאָריש. די שאַפֿער פֿון דעם יונגן סאָציאַליזם זײַנען אויך געווען יחידים: סאַן סימאָן און פֿוריע, קאַבעט און אָוען, באַזאַר און אַנפֿאָנטען זײַנען געווען די מוסטער־מענטשן פֿון סאָציאַליזם, גרויסע סיסטעמען־בויער און זעלטענע דענקער, געניאַלע פֿירער און וויסנשאַפֿטלער. ווען די סעקטע ווערט ביסלעכווײַז פֿאַרוואַנדלט אין אַ פּאַרטיי און די באַוועגונג נעמט אָן די פֿאָרעם פֿון אַ שטאַרקער און פֿעסטער אָרגאַ־ניזאַציע — פֿאַרנעמט די אַנאָנימע מאַסע דעם פּלאַץ פֿון די יחידים: עס קומט די צײַט פֿון דעם ווײלער און פּאַרטיי־מיטגליד. אין דעם אינערלעכן מהות פֿון דער פֿירערשאַפֿט קומט פֿאָר אַ גרינטלעכע ענ־דערונג, וואָס פֿירט צום סוף צו — ביוראָקראַטיזאַציע.

דער היינטיקער אַנאַרכיזם, אין זײַנע צוויי הויפּט־שטרעמונגען, איז אויך געשאַפֿן געוואָרן דורך אַזעלכע גרויסע יחידים (מיט דעם ווערט ניט געמיינט, אַז די יחידים שאַפֿן די באַוועגונג, נאָר אַז אין זיי שפּיגלט זיך אָפּ די יונגע באַוועגונג אין איר גאַנצער לויטערקייט). דער ערשטער אַנאַרכיסטישער שטראָם ציט זיך פֿון שטירנער און מאָסט ביז טאָקער און מעקקעי. דער צווייטער שטראָם אַנטוויקלט זיך — מיט מער גלאַנץ, דערהויבנקייט און באַפֿרוכפּערנדיקער קראַפֿט — פֿון פּרודאָן, דורך באַקונין, ביז קראָפּאָטקין און זײַנע תּלמידים.

פּעטער קראָפּאָטקין איז ביז הײַנטיקן טאָג געבליבן דער לעצטער צווישן די גרויסע סאָציאַלע פֿאָרשער און די גרויסע סיסטעמען־בויער, וואָס איז איבערגעגאַנגען די גרענעץ פֿון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט און האָט פֿאָרגעזעצט זײַן אַרבעט ביז אונדזערע טעג. עס איז קיין צווייפֿל ניט, אַז ער שטייט מיט זיי אין איין ריי אין דער טיפֿקייט פֿון זײַן דענקען און זײַן מוט. ער שטײַגט זיי אַריבער אין אײַנפֿלוס אויף דער סאָציאַלער באַוועגונג און דעם יונגן דור. זײַן גאַנץ וועזן שטעלט מיט זיך פֿאָר אַ וואונדערלעכע אייניקייט פֿון רעוואָלוציאָנערן פֿײַער, אַ וויסנשאַפֿטלעכן חוש פֿאַר פֿאַקטן, אײַנגעוואָרצלטקייט אין דער קעגנ־

וואָרט, טאַט־ווילן און וויזיאָנערישן אידעאַליזם. אַט די דאָזיקע איינ־הייט פֿאַרכאַפּט אונז און באַהערשט אונז יעדעס מאָל פֿונדאָסניי.

אין זיין אַרט דענקן און זיינע וויסנשאַפֿטלעכע מעטאָדן געהערט קראָפּאָטקין צו דער צווייטער העלפֿט פֿון דעם 19טן יאָרהונדערט — די תקופֿה פֿון דער עקזאַקטער וויסנשאַפֿט, פֿון גלויבן אין אַבסאָלוטן פּראָגרעס, פֿון די גרויסע פֿאַרשונגען און אַנטדעקונגען אויף אַלע געביטן פֿון דער נאַטור, פֿון געוואַלטיקע טעכנישע דערגרייכונגען און פּאָזיטיוויסטישע פֿילאָזאָפֿישע סיסטעמען. פּעטער קראָפּאָטקין אָטעמט אין דער אַטמאָספֿערע פֿון דער דאָזיקער תקופֿה און איר גייסט שוועבט איבער אַלע זיינע ווערק. וואָס איז שייך דעם אינהאַלט פֿון זיינע סאָציאָלאָגישע אַנשויאונגען, דאַרף קודם־כּל דערמאָנט ווערן דער שטאַרקער און דויערהאַפֿטער איינפֿלוס פֿון אָגיוסט קאָנט און הערבערט ספּענסער.

עס איז פֿאַרשטענדלעך, פֿאַרוואָס די גייסטיקע וועלט פֿון קאָנט און ספּענסער זאָל אַזוי שטאַרק האָבן צוגעצויגן קראָפּאָטקינען — דאָס איז געווען אַן אינערלעכע נויטווענדיקייט. מער ווי אַנדערע סאָציאָלאָ פֿאָרשער, האָט קראָפּאָטקין פֿון דער ערשטער מינוט אָן געשטרעבט צו אַ סינטעז צווישן דער עקזאַקטער וויסנשאַפֿטלעכער דערקענטעניש און דער סאָציאָלער וועלט־אַנשויאונג. די דאָזיקע שטרעבונג, וואָס קומט אָרגאַניש פֿון דער טיפֿעניש פֿון זיין פּערזענלעכקייט, האָט באַ־שטימט די אַנטוויקלונגס־ליניע פֿון קראָפּאָטקינס גייסט.

אָבער ניט נאָר איז דער גרונט־יסוד פֿון קראָפּאָטקינס סאָציאָ־לאָגישע אַנשויאונגען פֿאַרוואָרצלט אין די נאַטור־וויסנשאַפֿטן און דעם פּאָזיטיוויזם — נאָך שטאַרקער איז מיט זיי פֿאַרבונדן דער מעטאָד פֿון זיינע אייגענע פֿאַרשונגען. פֿאַר דעם דאָזיקן פֿאַרשער, וועלכער איז צו די סאָציאַלע וויסנשאַפֿטן געקומען פֿון דער געאָלאָגיע, איז די מעטאָד־פֿראַגע בכלל ניט געשטאַנען אין דעם זעלבן זינען ווי זי איז געשטאַנען, צום ביישפּיל, פֿאַר מאַרקס און ענגעלס אין שייכות צו העגעלס דיאַלעקטיק. „דער דיאַלעקטישער מעטאָד", זאָגט קראָפּאָטקין, „שיינט דעם היינטיקן נאַטור־וויסנשאַפֿטלער צו זיין אַן אָפּגעלעבטע טעאָריע, וואָס האָט אַמאָל געהאַט געוויסע וואָרצלען אין דער וויסנ־שאַפֿט, און איז איצט אינגאַנצן אַראָפּ פֿון דער סצענע און פֿאַרגעסן געוואָרן. די אַנטדעקונגען פֿון דעם ניינצנטן יאָרהונדערט אויף די געביטן פֿון דער מעכאַניק, פֿיזיק, כעמיע, ביאָלאָגיע, פּסיכאָלאָגיע און אַנטראָפּאָלאָגיע זיינען ניט געמאַכט געוואָרן מיט דער הילף פֿון

דיאַלעקטישן מעטאָד, זיי זיינען געקומען מיט דער הילף פֿון דעם היסטאָריש־לאָגישן מעטאָד פֿון די נאַטור־וויסנשאַפֿטן. ווען מיר דערמאָנען זיך, אַז דער מענטש איז אַ טייל פֿון נאַטור־לעבן און זיין פּערזענלעך און סאָציאַל לעבן זיינען אויך נאַטור־דערשיינונגען, ממש ווי דאָס וואַקסן פֿון די בלומען און די אַנטשטייאונג פֿון אַ געזעלשאַפֿטלעכן לעבן צווישן די בינען און די מוראַשקעס — ווערן מיר פֿאַרשטיין, אַז עס איז נישטאָ קיין שום גרונט צו ענדערן אונזער פֿאָרשונגס־מעטאָד בעת מיר גייען אַריבער פֿון דער בלום צום מענטש און פֿון דעם מוראַשקע־בערגל צו דער מענטשלעכער שטאָט”.

צוויי שיטות, דער דאַרוויניזם און דער מאַרקסיזם, וועלכע קראָפּאָטקין האָט שפּעטער אַזוי מוטיק און וואָגיק באַקעמפֿט, זיינען אויך אַנטשטאַנען אין דער זעלבער אַטמאָספֿערע, אין וועלכער קראָפּאָטקין איז דערצויגן געוואָרן, און זייער באַציאונג צו די סאָציאַלע גרונט־פֿראַגן איז זייער ענלעך צו די אָנשויאונגען פֿון דעם רוסישן אַנאַרכיסט. אמת, דאָס איז ניט אינגאַנצן אמת בנוגע מאַרקס און דאַרווין אַליין, וואָס זייערע אָנשויאונגען זיינען רייף געוואָרן אין אַ פֿריערדיקער תּקופֿה — עס איז אָבער זיכער אמת בנוגע זייער שול, וואָס איז, ווי באַקאַנט, אין משך פֿון אַ קורצער צייט געוואָרן זייער באַרימט און פּאָפּולער. קראָפּאָטקין איז געבליבן דער איינציקער אַנאַרכיסטישער דענקער, וואָס האָט באַזיצט די וויסנשאַפֿטלעכע קוואַליפֿיקאַציעס זיך צו שטעלן אַנטקעגן דער דאָזיקער שול. די אַנדערע: באַקונין, רעקלו, גוסטאַוו לאַנדאַוער — שוין אָפּגערעדט פֿון לעוו טאָלסטאָי — זיינען אין זייערע גרונט־אייגנשאַפֿטן, אין דעם גייסטיקן מהות פֿון זייערע פּערזענלעכקייטן, געווען אַזוי אַנדערש פֿון זייערע קעגנער, אַז עס האָט זיך געדאַכט, אַז זיי רעדן אויף פֿאַרשיידענע שפּראַכן.

קראָפּאָטקין איז געווען דער איינציקער, וואָס האָט זיך מיט זיי באַגעגנט אין די גרענעצן פֿון זייער אייגענער גייסטיקער ספֿערע, וואָס האָט דעם קאַמף קעגן זיי געפֿירט מיט זייערע וואָפֿן.

עס איז כּדאַי זיך אָפּצושטעלן אויף נאָך אַ דערשיינונג, אין וועלכער עס קומט צום אויסדרוק קראָפּאָטקינס שייכות מיט דער געדאַנקן־וועלט פֿון ניינצנטן יאָרהונדערט — מיר מיינען דעם אוניווערסאַליזם פֿון דעם רוסישן אַנאַרכיסט. אין קעגנזאַץ צו דעם דאָזיקן אוניווערסאַליזם איז אונזער צייט אַ תּקופֿה פֿון ספּעציאַליזאַציע. די דאָזיקע ספּעציאַליזאַציע איז אפֿשר אַן אומפֿאַרמיידלעכע דערשיינונג, אָבער זי שאַפֿט אויך אין דער וויסנשאַפֿט — אין איינקלאַנג מיטן פּרינציפּ פֿון אַרבעטס־

טיילונג, וועלכער איז אַזוי אומנאַטירלעך אין דער וועלט פֿון געדאַנק — פֿראַגמענטאַרישע מענטשן, וואָס זיינען ניט מסוגל אַרויסצוגיין פֿון דעם ענגן ווינקל פֿון זייער פֿאַך, מענטשן אָן דער קראַפֿט פֿון סינטעז, פֿון צמצום און קאָנצענטראַציע. דער ניינצנטער יאָרהונדערט האָט נאָך געקענט אַזעלכע מענער ווי ווילהעלם פֿאָן־הומבאָלדט און דעם אַלטן געטע, וועלכע זיינען געווען באַוואָפֿנט מיט אַ ברייטן, ניואַנסן־רייכן, אומפֿאַסנדן וויסן און מיט אַ טיפֿן סינטעטישן גייסט. אין זיין אוניווערסאַליזם געהערט קראָפּאָטקין צו דער דאָזיקער גייסטיקער וועלט: ער איז אַ געאָלאָג און דער שאַפֿער פֿון אַ טעאָריע וועגן אַנט־שטייאונג פֿון די הויכע באַרג־קייטן און דער פּלאַטאָ, אַ טעאָריע, וואָס איז אַקצעפּטירט געוואָרן אין דער וויסנשאַפֿטלעכער וועלט; ער איז אַ געאָגראַף, וואָס האָט געמאַכט וויכטיקע פֿאָרשונגס־רייזעס אין צפֿון־און מזרח־אַזיע; ער איז אַ היסטאָריקער, דער מחבר פֿון אַ געשיכטע פֿון דער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציע, וואָס איז אפֿשר איינזייטיק, אָבער דאָך אַ גלענצנדיקע און איינדרינגלעכע שטודיע; ער האָט שטודירט די פֿאַרשיידענע היסטאָרישע פּאָליטישע סיסטעמען און רעגירונגס־פֿאָרמען; ער איז אַן עקאָנאָמיסט וואָס האָט זיך אָפּגעגעבן מיטן פֿאָרשן די באַדינגונגען פֿון דער נייער ווירטשאַפֿט און אירע טענדענצן; אַלס פֿילאָזאָף האָט ער זיך פֿאַרנומען מיט עטישע שטודיעס; און איבער אַלעמען, און מיט אַ גרעסערער אינערלעכער התלהבות ווי אויף אַלע אַנדערע געביטן, אַנטפּלעקט ער זיך ווי אַ סאָציאָלאָג, וואָס באַמיט זיך אויפֿצודעקן דעם סוד פֿון סאָציאַלן לעבן און צו שאַפֿן פֿון דער שפּע דערשיינונגען אַן אָרגאַנישע איינהייט.

עס קען זיין, אַז די עפּאָכעס אין וועלכע עס ווערן רייף און עס ברעכן אויס די גרויסע רעוואָלוציעס אין לעבן פֿון דער געזעלשאַפֿט זיינען באַזונדערס מסוגל צו ברענגען אויף דער וועלט אַזעלכע אוני־ווערסאַלע פּערזענלעכקייטן. עס איז איבעריק צו דערמאָנען דעם מוס־טער פֿון דער תּקופֿה וואָס איז פֿאַרויסגעגאַנגען דער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציע. אָט די דאָזיקע עפּאָכע — די אויפֿקלערונגס־עפּאָכע, די תּקופֿה פֿון וואָלטער, רוסאָ און האָלבאַך — וועט אייביק בלייבן אַ סימבאָל פֿון דער שטרעבונג צום אוניווערסאַליזם. אָבער אויך די רוס־לאַנד פֿון די לעצטע עטלעכע צענדליק יאָר וועט דער צוקונפֿטיקער היסטאָריקער זען אין דעם זעלבן ליכט. אין דער תּקופֿה, וואָס האָט צוגע־גרייט די גיגאַנטישע איבערקערעניש פֿון אונזער צייט, האָט דער רעוואָ־לוציאָנערער גייסט געפֿילט די באַדערפֿעניש אויף שריט און טריט צו באַ־

הויפּטן זיין אמת אַנטקעגן דער אַלטער טראַדיציע וואָס האָט זיך געפֿונען אונטערן קינסטלעכן שוץ פֿון דער הערשנדיקער פּאָליטישער מאַכט. אויף די מעכטיקע כוואַליעס פֿון דער רעוואָלוציע ווערט געטראָגן יענע ראַדיקאַלע רעוואָלוציע אין אַלע צווייגן פֿון גייסטיקן לעבן — אין דער קונסט, וויסנשאַפֿט, זיטן און מאָראַל — וואָס איר מקור איז דאָס אוניווערסאַלע באַוואוסטזיין און דער אומפֿאַסנדיקער בליק פֿון אירע פֿירער. פֿון דעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט, שטעלן מיט זיך פֿאָר די זעכציקער און אַכציקער יאָרן פֿון 19טן יאָרהונדערט אַן אייגנ־אַרטיקע תּקופֿה — און אָט פֿון דעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט דאַרף מען אָפּשאַצן דעם איינפֿלוס פֿון דער דאָזיקע תּקופֿה אויף אַ פּערזענלעכ־קייט ווי קראָפּאָטקין, וועלכער איז גייסטיק אויסגעוואַקסן אין דער דאָזיקער אַטמאָספֿערע.

דאָס זיינען די מקורות, פֿון וועלכע עס ציט זיין יניקה דער מעכ־טיקער שטראָם וואָס פֿליסט דורך פּעטער קראָפּאָטקינס שאַפֿן. דערפֿאַר לאָזט איבער זיין ווערק גופֿא, אין זיין אַלגעמיינער פֿאָרעם, דעם איינ־דרוק פֿון אַ וואונדערלעכן סינטעז פֿון אידייעס, ידיעות און לעבנס דערפֿאַרונגען, וואָס מוז, אַפֿילו אין זיינע הויפּט־שטריכן, דערשטוי־נען מיט זיין פֿילפֿאַרביקייט. דער דאָזיקער סינטעז אַנטהאַלט אין זיך אַ סאָציאַלע עוואָלוציע־טעאָריע, וואָס איז געבויט אויפֿן יסוד פֿון אַן אייגנאַרטיקער געשיכטס־פֿילאָזאָפֿיע; אַן אַנטוויקלונגס־טעאָריע פֿון דער איצטיקער געזעלשאַפֿט און אַ בילד פֿון דער צוקונפֿטיקער גע־זעלשאַפֿט — אַ פֿאַרענדיקט און דעטאַליזירט בילד, פֿאַר וועלכן קראָ־פּאָטקין האָט געקעמפֿט מיט זיין גאַנצן האַרצן און טעמפּעראַמענט. עס איז קלאָר, אַז עס איז שווער צו געבן אַן אומפֿאַסנדן באַגריף פֿון זיינע אַנשויאונגען; אונזער כּוונה איז בלויז זיך אָפּצושטעלן אויף עטלעכע פֿון די גאָר וויכטיקע פּראָבלעמען.

ב.

אין אירע אַלגעמיינע ליניעס, און אפֿשר בכלל, איז ניטאָ קיין אונטערשייד צווישן קראָפּאָטקינס סאָציאַלער גרונט־אַנשויאונג און דעם נייערן סאָציאַליסטישן „אני מאמין". פּונקט ווי זיי, באַטראַכט ער אויך די געזעלשאַפֿט ווי אַ לעבעדיקע איינהייט, דאָס הייסט ווי אַן אָרגאַניזם, ווי אַן אומפֿאַסנדע קאָלעקטיווע פּערזענלעכקייט מיט אַן אימאַנענטער, אַבסאָלוטער לעבנס־קראַפֿט, וואָס ווירקט אין די גרע־נעצן פֿון געוויסע אינערלעכע געזעצן און מוז דורכגיין אַ פּראָצעס

פון אַנטשטייאונג, אויפבלי און דעגענעראַציע. קראָפּאָטקין באַטראַכט אויך נישט די געזעלשאַפט ווי אַ פּראָדוקט פון גייסט אָדער אַ רעזולטאַט פון אַ כלומרשטן „סאָציאַלן קאָנטראַקט", נאָר ווי אַן אורשפּרינגלעכע איינהייט, וואָס איז אויסגעוואַקסן פון זיך אַליין און וואָס אירע אימאַנענטע געזעצן דאַרף מען זוכן אין די גרענעצן פון איר אייגענעםווירקונגס־פעלד.

עס איז נאַטירלעך, אַז דער דאָזיקער אויסגאַנגס־פּונקט זאָל קראָפּאָטקינען מחייב זיין צו באַטראַכטן די ווירטשאַפט ווי דעם יסוד און דעם אַנטשיידנדיקסטן גורם פון דער סאָציאַלער אַנטוויקלונג. די געזעצן פון דער נאַציאָנאַל־עקאָנאָמיע זיינען פאַר אים אַ מין סאָציאַלע פיזיאָלאָגיע, די וויסנשאַפט וועגן דער דערנערונג פון סאָציאַלן אָרגאַניזם. בעת ער באַרירט טעאָרעטיש די דאָזיקע פראַגן, אָדער בעת ער שילדערט קאָנקרעטע היסטאָרישע סיטואַציעס, זאָל דאָס זיין אין דער מיטלאַלטערלעכער שטאָט אָדער אין טונגוזן־דאָרף, אין דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע אָדער אין דער פעאָדאַלער עפּאָכע, געפינט ער שטענדיק פאַר נויטיק צו שענקען אַ באַזונדער אויפמערקזאַמקייט די עקאָנאָמישע באַדינגונגען און פאָרמען, אינסטיטוציעס און טענדענצן.

אָבער אַט די צוויי גרונט־אָנשויאונגען — די געזעלשאַפט אַלס אַן אָרגאַנישע איינהייט און די ווירטשאַפט אַלס דער יסוד פון סאָציאַלן לעבן — האָבן ביי קראָפּאָטקינען קיינמאָל ניט אָנגענומען יענע דאָגמאַטישע, קינסטלעכע און פאַרסירטע פאָרעם וואָס ביי די אָרטאָדאָקסישע אָנהענגער פון דער אָרגאַנישער געזעלשאַפטס־קאָנצעפּציע און די חסידים פון דעם היסטאָרישן מאַטעריאַליזם. די דאָזיקע אָנשויאונגען זיינען פאַר קראָפּאָטקינען פיל, פיל מער ווי אַ פאַרגליווערטע טעאָרעטישע דערקענטעניש. עס לעבט אין אים, קען מען זאָגן, אַן עלעמענטאַרע עמפפינדונג פון די סאָציאַלע דערשיינונגען — אַ לעבעדיקע און פליסנדיקע עמפפינדונג, וואָס בייט זיך כסדר און באַלייכט אַלץ כסדר פונדאַסניי. אָבער ניט געקוקט אויף דער וויכטיקייט פון דער דאָזיקער אייגנשאַפט פון דעם אַנאַרכיסטישן סאָציאָלאָג, איז זי אַליין נאָך ניט בכוח צו דערקלערן די אייגנאַרטיקייט פון דער דאָזיקער סאָציאַלער שיטה — אַ שיטה, וואָס איז אינגאַנצן דער פערזענלעכער קנין פון דעם רוסישן אַנאַרכיסט און דער סינטעז פון אַלע זיינע אינטעלעקטועלע „ירושות".

עס איז אינטערעסאַנט, וואָס דווקא די אַנאַרכיסטישע לערע איז אַזוי שטאַרק באַאיינפלוסט געוואָרן פון דעם ראַציאָנאַליזם. פאַר אַלעמען דאַרף מען דערמאָנען דעם געדאַנקנגאַנג פון רוסאָ, וואָס האָט די נאַטור

און די געזעלשאַפֿט באַטראַכט ווי צוויי פֿאַלוסן פֿון איין פּראָצעס. רוסאָ האָט באַטראַכט דאָס סאָציאַלע רעכט, וואָס איז אַנטשטאַנען אין דעם גאַנג פֿון דער געשיכטע און דאָס נאַטור־רעכט — דאָס מענטש־לעכע רעכט, וואָס איז מיט אונז געבוירן געוואָרן און איז פֿאַרוואָרצלט אין אונזער נשמה — ווי צוויי פֿאַרשיידענע רעכט־ספֿערעס. די עקזיס־טירנדיקע אָרדענונג און די געגאַרטע אָרדענונג — די נאַטירלעכע לעבנס־אָרדענונג, וואָס וואַקסט אַרויס פֿון אַ געוויסער היסטאָרישער קאָנסטרוקציע — זיינען פֿאַר רוסאָן צוויי אַנטקעגנגעזעצטע לעבנס־אָרדענונגען. די נאַטירלעכע אָרדענונג, וואָס איר יחוס ציט זיך, לויט דער דאָזיקער טעאָריע, פֿון די פֿאַר־היסטאָרישע צייטן און וועלכער ער באַשיינט מיט אַלע „נאַטירלעכע" טוגנטן: פֿרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט — איז פֿאַר רוסאָן די „גאָלדענע תּקופֿה", וועגן וועלכער עס דערציילן אונז די לעגענדע און די פּאָעזיע; דאַקעגן וואַרפֿט ער אַרויף אויף דער סאָציאַלער אַנטוויקלונג די גאַנצע שולד פֿאַר דער פֿאַרניכטונג פֿון דער נאַטירלעכער אָרדענונג — דורך געוואַלט־מיטלען און אונטערדריקונג.

פֿון דעם נעמט זיך די באַוואונדערונג פֿאַר די פּרימיטיווע תּקופֿות וואָס קראָפּאָטקין ווייזט אַרויס אין אַלע זיינע ווערק.

אַט דאָס זיינען די אידייען וואָס גיבן — ניט איינגאַנצן באַוואוסט־זיניק אָבער דאָך זייער אויסגעהאַלטן — אַזאַ אייגנאַרטיקן כאַראַקטער פּעטער קראָפּאָטקינס סאָציאַלער שיטה.

אַט די אַלע אַקאָרדן גיסן זיך צוזאַמען אין דער רעוואָלוציאָנערער סימפֿאָניע, מיט וועלכער ער שטורעמט אויף די יסודות פֿון דער עקזיסטירנדיקער אָרדענונג: „יאָ! מען דאַרף ניט זיין קיין רעוואָ־לוציאָנער כּדי צו קומען צו דעם אַנטשיידנדיקן אַנטשלוס: די זינד פֿון דער היינטיקער געזעלשאַפֿט שטעכן ממש די אויגן". די דאָזיקע סוביעקטיווע אָפּשאַצונג פֿון סאָציאַלע דערשיינונגען, וואָס שטייען פֿון יענער זייט פֿון יעדער סוביעקטיווער אָפּשאַצונג, ווערט אונז פֿאַרשטענדלעך בלויז אויב מיר נעמען אַריין אין חשבון דעם מאָדנעם זיווג פֿון דער ראַציאָנאַליסטישער און דער אָרגאַנישער געזעלשאַפֿטס־אויפֿפֿאַסונג, וואָס מיר געפֿינען אין פּעטער קראָפּאָטקינס געדאַנקנגאַנג.

און דאָרטן וואו עס זיינען פֿאַראַן חטאים, דאָרטן וואו עס איז פֿאַראַן שולד — מוז דאָך אויך זיין תּשובה און חרטה. און דאָ קומט די גרויסע עטישע פֿאָדערונג און דער מאָראַלישער אייפֿער, וואָס רייסן זיך אַרויס ווי אַ וואולקאַניש פֿייער פֿון די טיפֿענישן פֿון לויטערן

געוויסן, וואָס פֿלאַמט געהיים אין פעטער קראָפּאָטקינס יעדן געזאָגטן וואָרט.

מיט אויסערגעוויינלעכער קראַפֿט ווירקט דער דאָזיקער סינטעז אין דער גרונט־אידייע, וואָס איז פֿאַר קראָפּאָטקינען, ווי פֿאַר יעדן עכטן אַנאַרכיסט, דער לעצטער ענדציל פֿון דעם סאָציאַלן אידעאַל — די פֿרייהייטס־אידייע. ס׳איז משונה׳דיק: אַזויפֿיל באַוועגונגען און שולן, שיטות און פאַרטייען האָבן אַזויפֿיל מאָל און אין אַזויפֿיל פֿאַרשיידענע פֿאָרמען געשטעלט דעם פֿרייהייטס־באַגריף אין צענטער פֿון זייערע אויפֿגאַבעס — און דאָך האָבן בלויז ווייניקע צווישן זיי זיך ערנסט באַמיט אַריינצולייגן אין דעם דאָזיקן באַגריף אַ באַשטימטן און קלאָרן אינהאַלט. אויך קראָפּאָטקין העלפֿט אונז ניט פֿיל אַריינצודרינגען אין דעם סאַמע תּוך פֿון דעם דאָזיקן באַגריף. בעת ער אונטערזוכט, מיט גרויסן טאַלאַנט און מיט דער הילף פֿון סאָציאָלאָגישע מעטאָדן, די רעגירונגס־ און אונטערדריקונגס־פֿאָרמען, ווערט ביי אים דער פֿרייהייטס־באַגריף פֿאַרוואַנדלט אין אַ מאָדנעם געמיש פֿון עטיק און פֿילאָזאָפֿיע. אונטערדריקונג און פֿרייהייט ווערן ביי אים אויף אַזאַ אופֿן פֿאַרוואַנדלט אין וועזנטלעך פֿאַרשיידענע סובסטאַנצן, אין צוויי שטחים וואָס איינער האָט מיטן צווייטן קיין שום שייכות ניט.

בלויז אין לעצטער איבערבלייב פֿון דער דערשטיקטער נאַטירלעכער פֿרייהייט אַנטדעקט קראָפּאָטקין אין די וויסטעניִשן פֿון דער היינטיקער געזעלשאַפֿט: דאָס לעבן פֿון די מאַסן, די פֿאָלקס־אינסטינקטן און דער פֿאָלקס־שטייגער. מיט גרויסער התלהבות און איבערגעבנקייט האָט דער דאָזיקער רוסישער אַריסטאָקראַט אַריינגעדרונגען אין לעבן פֿון פֿאָלק, געפֿאָרשט, אָבסערווירט, אַרומגענומען עס מיטן כּוח פֿון זיין אינטואיציע און אַנטפּלעקט די זעלישע כּוחות וואָס ליגן באַהאַלטן אין זיינע טיפֿעניִשן. ביי די אַרבעטער פֿון דער שווייץ און די רוסישע פויערים, ביי מאַטראָזן אויף האָלענדישע טייכן און אין די סיבירער טורמעס, זוכט ער אין די טיפֿעניִשן פֿון מאַסן־געדאַנק און געפֿיל — אַן אָריגינעלן, איינגעוואָרצלטן פֿרייהייטס־באַוואוסטזיין — אַ באַוואוסטזיין וואָס איז, ניט געקוקט אויף דער סאָציאַלער אַנטוויקלונג נאָך אינגאַנצן ניט פֿאַרשוואונדן. די געשיכטע פֿון דער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציע, וואָס ער האָט געשריבן, איז אַ גרויסער פֿאַרזוך צו פֿאַרשטיין און אויסטייטשן דעם דאָזיקן פּראָצעס — דורך אַ שטודיום פֿון די באַדערפֿעניִשן פֿון די מאַסן, זייערע געפֿילן, זייער ווילן און באַוועגונגען. דער רוסישער פּרינץ האָט אַוועקגעוואָרפֿן רייכטום און

גלאַנץ, איז אַוועק צום רוסישן פֿאָלק און האָט ביי אים געזוכט די פֿאַרבאָרגענע קוואַלן פֿון דעם פֿרייהייטס־באַוואוסטזיין און דעם רעוואָלוציאָנערן גייסט — און דער היסטאָריקער פּעטער קראָפּאָטקין איז אַוועק אין קוואַרטאַל סאַן אַנטואַן, אין קאַרדאַלעי ראַיאָן און אין די דערפֿער פֿון די רעבעלירנדיקע פּויערים און האָט דאָרטן געפֿונען דאָס אמת׳ע לעבן פֿון פֿאָלק, וואָס רייסט זיך צו גרויסע ציל־קלאָרע מעשים. ווי מעכטיק ער שילדערט די שטראָמענדיקע באַוועגונג פֿון די אויפֿגעבראַוזטע פֿאָלקס־מאַסן ערב דעם אַנטשיידנדיקן 10טן אויגוסט 1792. ווי קליין עס זעען אויס די פֿירער, אַט די אַלע הינטערשטעליקע, צווייפֿלדיקע, כּסדר וואַקלדיקע יחידים — וואָס ווערן צום סוף, קעגן זייער ווילן, אויך פֿאַרכאַפּט פֿון דעם מעכטיקן שטראָם פֿון די פֿאָלקס־כּוחות. ווי ער שפּאָט עס פֿון דער פּוסטער מאַכט פֿון די פֿירער, פֿון דער פֿייערלעכער אויסגעפּוצטער פּוסטקייט, וואָס שלעפּט זיך נאָך דעם שטראָם פֿון די געשעענישן און רעדט זיך איין אַז זי באַהערשט די רעוואָלוציע!

אָבער איין זאַך דאַרף אונז זיין קלאָר. כאָטש קראָפּאָטקין באַטראַכט די מאַסן ווי אַ קוואַל פֿון אייביקע כּוחות, ווי די טרעגער פֿון דער וואַקסנדיקער לעבנס־קראַפֿט און שטענדיקער שפֿע; כאָטש ער לייגט אַלע זיינע האָפֿענונגען אויפֿן אויסברוך פֿון דעם שטורעם צווישן די פֿאָלקס־מאַסן — איז דער המון ביי אים קיינמאָל ניט קיין כאַאָטישע קראַפֿט, ניט קיין כוואַליע וואָס מאַכט אַלץ חרוב, וואָס פֿאַרפֿלייצט גרענעצן און מויערן, וואָס לאָזט קיינמאָל ניט שטעלן קיין גרענעץ צו זיין פֿלייצנדיקער ענערגיע. דער המון איז ביי אים שטענדיק — און פֿאַר זיין אויג, וואָס איז געשולט געוואָרן אין דער באַאָבאַכטונג פֿון אָרגאַנישן לעבן, מוז דער המון דערשיינען אין דער דאָזיקער פֿאָרעם — אַ געשטאַלט מיט אַן אייגענער סטרוקטור, אַ פֿיל־גלידערדיקער אָרגאַניזם, אַ קאָמבינאַציע פֿון פֿאַרשיידענע און אַנטקעגנגעזעצטע עלעמענטן. די פֿרייע געזעלשאַפֿט, וואָס דער דאָזיקער המון איז איר גרונט־יסוד, איז פֿאַר אים ניט קיין מעכאַנישע קאָמבינאַציע, קיין פֿאַרגליווערטע אַסאָסיאַציע, קיין סכום פֿון בלויז אויסערלעך פֿאַרבונדענע פּרטים. אַנטקעגן דער אינדיווידואַליסטישער צעשפּליטערונג שטעלט ער די שותּפֿות פֿון דעם געמיינדע־לעבן, אַנטקעגן דעם המון וואָס ווערט געשאַפֿן אונטערן דרוק פֿון צוואַנג — די פֿרייוויליקע פֿעדעראַציע. די פֿרייע געזעלשאַפֿט וועט צוזאַמענגעשטעלט ווערן פֿון פֿרייע געמיינדעס. זיי וועלן געשאַפֿן ווערן ווי אַ רעזולטאַט פֿון די

סיבות וואָס זיינען מחייב זייער צוזאַמעבונד. דאָס סאָציאַלע לעבן אין זיין עכטער פֿאָרעם ווערט פֿאַרוואַנדלט, ווי גוסטאַוו לאַנדאַוער האָט עס אויסגעדרוקט, אין דעם „בונד פֿון די בונדן״.

און אויך דאָ פֿירט קראָפּאָטקין די פֿראַנצויזישע רעוואָלוציע אויפֿן אמת׳ן וועג. אייגנטלעך איז דאָך אין משך פֿון די לעצטע יאָר־הונדערטן ניט געווען קיין איין תקופֿה, אין וועלכער פֿאָלקס־אַקציע זאָל אין אַזאַ קורצער צייט זיך קאָנצענטרירן אין אַזאַ קריסטאַליזירטער, קלאָרער און איינדרינגלעכער פֿאָרעם ווי אין דער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציע. אָפּטמאָל דוכט זיך אויס, אַז די פֿראַנצויזישע רעוואָלוציע איז אַ ריזיק פֿעלד פֿאַר סאָציאָלאָגישע עקספּערימענטן. קראָפּאָטקין ווייזט אונז ווי אַזוי יעדער קוואַרטאַל אין פּאַריז טראָגט אַריין זיין חלק אין דער כּלל־קאַסע; ווי אַזוי יעדער ראַיאָן איז אָרגאַניש פֿאַר־בונדן מיט די פֿאָלקס־מאַסן אין דער הויפּט־שטאָט; ווי אַזוי יעדער דאָרף, יעדער פֿאַריין און יעדע גרופּע שכנים קריסטאַליזירן זיך אויס אַלס איינצלנע צעלן פֿון דער מלוכה; ווי אַזוי די רעוואָלוציע און די באַנייאונג שטראָמען אַרויס פֿון יעדער צעל באַזונדער, און פֿון דער קאָמבינאַציע פֿון אַט די אַלע כּוחות ווערט געשאַפֿן דער דערהאַבענער פֿענאָמען וואָס טראָגט דעם נאָמען: „דאָס פֿראַנצויזישע פֿאָלק אין דער רעוואָלוציע״.

ג.

באַוואָפֿנט מיט די דאָזיקע אייגנשאַפֿטן, טרעט קראָפּאָטקין צו צו דער אויספֿאָרשונג פֿון דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג פֿון דער געזעלשאַפֿט. און בעת די בילדער פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט גיסן זיך צונויף מיט די וויזיעס פֿון דער צוקונפֿט — זעען מיר דעם אונטער־שייד צווישן זיי און דעם נעגאַציע־יסוד אויף וועלכן זיי זיינען געבויט. אָדער ווי גונדאָלף האָט זיך אויסגעדריקט: זיי קומען ניט פֿון דער נעגאַציע — זיי ווערן קלאָר אויף איר פֿאָן.

אויך קראָפּאָטקינס נעגאַציע טראָגט דעם שטעמפּל פֿון זיין באַ־זונדערער אייגנאַרטיקייט. עס איז אין איר ניטאָ דער פּאַטאָס, דאָס ווערטער־רייכטום און סימפּאַטיע וואָס מיר געפֿינען ביי פּיער זשאָזעף פּרודאָן; עס פֿעלט איר די ווילדקייט און דער פֿאַנאַטיזם פֿון אַ באַקונין; עס איז איר פֿרעמד די ליטעראַ, אויפֿפֿאָדערנדיקע עטיק פֿון אַ טאָלס־טאָי; זי האָט ניט דאָס שטאָלצע נביא׳ישע פֿייער פֿון אַ גוסטאַוו לאַנ־דאַוער. זי איז פּשוט, פּראַקטיש, קלאָר און געבויט אויף פֿאַקטן. זי צילט אין צוויי ריכטונגען. ערשטנס, גרייפֿט זי אָן די אָפּהיטער פֿון

סטאַטוס־קוואָ פֿון אַלע מינים און טענדענצן — סיי ווען זיי קומען אַלס נאַטור־פֿאָרשער אָדער אַלס עטיקער סיי אַלס פּאָליטיקער אָדער עקאָנאָמיסטן. אָבער ניט־ווייניקער באַקעמפֿט זי די פּסעוודאָ־רעוואָ־לוציאָנערן וואָס פּרעטענדירן צו זיין פֿאָלקס־פֿריינד.

קראָפּאָטקינס קריטיק צילט אין דעם פּונקט אין וועלכן עס באַ־געגענען זיך די צוויי גייסטיקע קעגנזאַצן, דער ליבעראַליזם און דער מאַרקסיזם. קראָפּאָטקין פֿרעגט אָפּ קודם־כּל די אַבסאָלוטע הערשאַפֿט פֿון דעם עגאָאיזם, די באַוואונדערונג פֿאַר דעם „אינטערעס", וואָס באַ־טראַכט זיך אַלס דעם איינציקן דערלייזער — מיט דעם רירט זי אָן די גרונט־דאָגמע סיי פֿון די ליבעראַלן און סיי פֿון די מאַרקסיסטן. אין צענטער פֿון קראָפּאָטקינס קריטיק שטייט שטענדיק דער שטאַט: אַלס דעם אוממיטלבאַרן יסוד פֿון דעם שטאַט זעט ער דעם קלאַס.

די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט פֿון בורזשואַזע ראַדיקאַלן, באַזונ־דערס פֿון די פֿראַנצויזישע (מיניע, גיזאָ און אַנדערע), איבערגענומען אָן גרינדלעכע ענדערונגען די לערע וועגן דעם קאַמף פֿון די סאָציאַלע קלאַסן, ווי דער הויפּט־פֿאַקטאָר אין דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג. די אויפֿקומנדיקע בורזשואַזיע האָט אין צענטער פֿון דער וועלט־געשיכטע געשטעלט אירע קאָלעקטיווע אינטערעסן. דערמיט האָט זי געמיינט צו באַרעכטיקן איר קאַמף קעגן די פּריווילעגיעס פֿון דער אַריסטאָקראַטיע. אויפֿן יסוד פֿון די דאָזיקע אינטערעסן האָט זי גע־בויט איר היסטאָרישע שליחות. נאָך מער, די אינטערעסן פֿון דעם קאָלעקטיוו זיינען פֿאַר איר די טרייב־קרעפֿטן פֿון דעם היסטאָרישן פּראָגרעס. קראָפּאָטקין באַקעמפֿט די דאָזיקע היסטאָרישע אויסטייטשונג, וואָס די יונגע סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט איבערגענומען פֿון דעם „קאָמוניסטישן מאַניפֿעסט" — „די גאַנצע געשיכטע איז אַ געשיכטע פֿון קלאַסן־קאַמף".

ער באַנוגנט זיך אָבער ניט מיט קיין אויבערפֿלעכלעכער פּאָלעמיק, זאָל זי אַפֿילו זיין זייער גלענצנדיק. ניט האָבנדיק מורא פֿאַר דער שווערער פֿאָרשונגס־אַרבעט, דרינגט ער אַריין אין די סאַמע טיפֿענישן פֿון וועלכע זיינע קעגנער האָבן געשעפּט זייער אמת. די טעאָריע פֿון קלאַסן־קאַמף בכלל, בפֿרט אין איר פֿולקאָמענער און רייפֿער פֿאָרעם, איז בעצם אַ דאַרוויניסטישער פּרינציפּ אַנגעווענדט אויף דער מענטש־לעכער געזעלשאַפֿט. דאָס געזעץ פֿון עקזיסטענץ־קאַמף ווערט דאָ פֿאַרוואַנדלט אין געזעץ פֿון דעם קאַמף פֿון די סאָציאַלע קאָלעקטיוון פֿאַר זייער חלק אין די פּראָדוקטן פֿון דערווירטשאַפֿט און קולטור.

אין יאָר 1827 האָט עקערמאַן פֿאַרצייכנט אַ שמועס וואָס ער האָט געהאַט מיט געטען וועגן צוויי יונגע פֿייגעלעך פֿון אַ געווּיסן מין, וואָס מענטשן האָבן געפֿונען אין נעסט פֿון פֿייגל פֿון אַן אַנדער מין. אַט דער דאָזיקער פֿאַקט, וואָס די מוטער־פֿויגל האָט די צוויי „אַדאָפּ־טירטע" פֿייגעלעך געכאָוועט צוזאַמען מיט אירע אייגענע, האָט געטע'ן אַריינגעבראַכט אין גרויסער התפּעלות: „ווען מיר וואָלטן נאָר גע־קענט באַווייזן" האָט געזאָגט דער אַלטער געטע, „אַז אַט דאָס דאָזיקע אויפֿפּאַסן אויף אַ פֿרעמדער באַשעפֿעניש איז אַן אַלגעמיינער נאַ־טור־געזעץ, וואָלטן מיר דורכדעם געלייזט אַסך רעטענישן".

קראָפּאָטקין באַמיט זיך צו ווייזן, אַז דאָס איז טאַקע אַן אַלגע־מיינער געזעץ, וואָס ווירקט אין דער נאַטור. אויפֿן יסוד פֿון פֿאַר־שיידנאַרטיקע און זעלטן־רייכע מאַטעריאַלן, אַ וואונדערלעכע קאָ־לעקציע פֿון פּרטים, וואָס ער אַליין האָט געזאַמלט אין משך פֿון פֿיל יאָרן, באַווייזט ער, אַז די קעגנזייטיקע הילף וואָס ווירקט אין דער וועלט פֿון מענטשן און בעלי־חיים איז דער שטאַרקסטער און פּער־מאַנענטסטער פֿאַקטאָר אין דעם היסטאָרישן פּראָגרעס. אַנטקעגן דעם קאַמף פֿון יחידים, קאָלעקטיוון און מינים שטעלט ער דעם פּרינציפּ פֿון אַסאָסיאַציע און פֿאַראייניקונג לשם קעגנזייטיקער הילף; אַנטקעגנ־איבער דעם עגאָאיזם פֿון יחידים, קאָלעקטיוון און מינים — די אַל־געמיינע סאָלידאַריטעט.

כּדי צו באַווייזן, אַז אויך די וועלט פֿון בעלי־חיים קען דאָס געפֿיל פֿון סאָלידאַריטעט, באַנוגנט זיך ניט קראָפּאָטקין בלויז מיט פֿאָרשן דאָס סאָציאַלע לעבן פֿון בינען און מוראַשקעס; אומעטום, אין לעבן פֿון אַלע מינים און אַרטן בעלי־חיים, האָט ער געזוכט און געפֿונען ביישפּילן וואָס דעמאָנסטרירן דעם כּוח פֿון די סאָציאַלע אינסטינקטן, די קעגנזייטיקע הילף. ער האָט אויסגעפֿאָרשט אַ געוואַלטיקע צאָל גרופּעס בעלי־חיים, באַזונדערס יאַגד־ און פֿיש־פֿאַנג־גרופּעס; ער האָט געזאַמלט וואונדערלעכע פּרטים וועגן דער אַסאָסיאַציע פֿון פֿייגל צוליב בשותּפֿות'דיקן וואַנדערן, וועגן פֿאַרשיידענע עלעפֿאַנטן־פֿאַ־מיליעס און סטאַדעס פֿון צפֿונדיקע הירשן. מיט אויסערגעוויינלעכער התלהבות דערציילט ער וועגן די מאַלפּעס וואָס האָבן געפֿאָדערט דעם קערפּער פֿון זייער דער'הרג'עטן ברודער מיט אַזאַ עקשנות, אַז די אויגן־עדות האָבן באַשלאָסן מאַלפּעס מער קיינמאָל ניט אָנצוטאָן קיין שאָדן.

ער שילדערט דאָס לעבן פֿון די הינט אין אַמעריקאַנער סטעפּעס:
„די ברייטע סטעפּעס זיינען באַדעקט מיט קופּעס ערד. אויף יעדן בערגל שטייט דער סטעפּ־הונט און פֿירט, דורך זיין אָפּגעהאַקטן בילן, אַ לעבעדיקן שמועס מיט זיינע שכנים. ווען די הינט באַקומען דורך באַזונדערע סימנים דעם סיגנאַל, אַז עס דערנענטערט זיך אַ מענטש, איילן זיי זיך צו באַהאַלטן אין די לעכער, און ערשט ווען עס גייט אַריבער די געפֿאַר גייען זיי משפּחה׳ווייז אַרויס און הויבן ווידער אָמאָל אָן זייערע שפּילן. די אַלטע היטן דעם לאַגער, מאַכן שפּאַצירן איינער צום אַנדערן, גראָבן קאַנאַלן פֿון לאָך צו לאָך און לעבן אין רו און פֿרידן".

אַפֿילו די רויב־חיות לעבן אין טשאַטעס, טוען זייער אַרבעט און באַפֿאַלן זייער רויב אין גרופּעס. פֿון דעם דרינגט קראָפּאָטקין, אַז אַפֿילו ווען די מענטשלעכע געזעלשאַפֿט וואָלט געשטאַנען אויף דער זעלבער מדרגה ווי די טשאַטעס וועלף — אַ רמז אויפֿן ווערטל „אַ מענטש צו אַ מענטשן איז אַ וואָלף" — וואָלט אין דער דאָזיקער געזעלשאַפֿט דער סאָלידאַריטעט־אינסטינקט געווען שטאַרקער אוןווירקנדיקער ווי אין דער היינטיקער סאָציאַלער אָרדענונג. אָבער דער איינפֿלוס פֿון דעם דאָזיקן אינסטינקט אויפֿן מענטשן וועט וואַקסן אין דער מאָס, וואָס די מענטשלעכע געזעלשאַפֿט וועט זיך אויפֿהייבן איבער דער וועלף־טשאַטע און די סטעפּ־הינט.

ווען מיר נעמען אַרום מיט אונזער בליק דעם ערד־קוגל, געפֿינען מיר אין לעבן פֿון גאַנצן מענטשלעכן מין, אָן אונטערשייד פֿון וואוינ־פּלאַץ, טאַטן און לעבעדיקעביישפּילן, וואָס דערציילן אונז וועגן דעם כּוח פֿון דער קעגנזייטיקער הילף — אין די פּאַפּואַסן־דערפֿער אַזוי ווי צווישן די טונגוזן־שבטים. נאָך מער: דווקא דאָרטן — אַ ווידער־קול פֿון רוסאָס אידעע! — אין די פּרימיטיווע געזעלשאַפֿטן, וואָס זייער יוגנטלעכע תּמימות האָט זיי באַשיצט קעגן דער ציוויליזירטער דעקאַדענץ, קען מען געפֿינען די סאָלידאַריטעט אין איר אורשפּרינג־לעכער ריינקייט. קראָפּאָטקין האָט אויס אייגענער דערפֿאַרונג קענען געלערנט צפֿון־ און מזרח־אַזיע מיט אַלע אירע פֿעלקערשאַפֿטן און שבטים, און ער געפֿינט דאָרטן דעם פּרינציפּ פֿון סאָלידאַריטעט אין טויזנטער פֿאָרמען — אין זייער עקאָנאָמישן לעבן און אין זייער יוסטיץ, אין זייערע געמיינדע־קאָנסטיטוציעס און אין זייערע עטישע עיקרים. ווי פֿרידריך שילער האָט געזאָגט: „אַלץ שעפּט אַחדות און לעבנס־שותּפֿות פֿון דעם שויס פֿון דער נאַטור".

לאָמיר מיט אונזער בליק אַרומנעמען אַלע עפּאָכעס אין דער מענטשלעכער געשיכטע — וועלן מיר די דאָזיקע אַחדות געפֿינען אין יעדן פּלאַץ וואו עס איז אַמאָל געשאַפֿן געוואָרן אַ היסטאָרישע ווירקלעכקייט. אָבער פֿון אָט די אַלע היסטאָרישע תקופֿות צייכנט זיך באַזונדערס אויס דאָס מיטלאַלטער, וועלכער דערשיינט פֿאַר אונז, אין ליכט פֿון קראָפּאָטקינס צענטראַלער אידעע, ווי אַן איבערראַשנדיקער, נייער, באַצויבערנדיקער און שעפֿערישער פֿענאָמען. די דאָזיקע תקופֿה קען דינען ווי אַ וואונדערלעכע אילוסטראַציע פֿון קראָפּאָטקינס אמת. דאָס ניינצנטע יאָר־הונדערט, מיט זיין ראַציאָנאַליזם און איבערפֿלעכלעכן מאַטעריאַליזם — אַ תקופֿה וואָס קליגלט זיך צופֿיל און פּרעטענדירט צו באַזיצן די העכערע ווייזהייט — באַטראַכט דעם מיטלאַלטער ווי אַ תקופֿה פֿון פֿינצטערניש און באַרבאַריזם, קנעכטשאַפֿט און אומוויסנהייט. קראָפּאָטקין באַמיט זיך, צו וואַרפֿן ליכט, ווייניקסטנס, אויף דער צווייטער זייט פֿון דער דאָזיקער עפּאָכע: דאָס געמיינדעלעבן אין מיטלעלטער, די שטאָטישע קאָמונעס פֿון דעם איטאַליענישן רענעסאַנס, די שטאָטישע רעפּובליק אין דייטשלאַנד, וואָס אין אירע מויערן האָבן געבליט אַ זעלטענע פֿרייהייט, סאָציאַלע גלייכהייט און אַלע פֿאָרמען פֿון קעגנזייטיקער הילף. מיט גרויס התלהבות און נאָסטאַלגיע שטעלט קראָפּאָטקין אַרויס אַלס מוסטער די דאָזיקע געזעלשאַפֿט, וועלכע איז נאָך געבויט אויף אוממיטלבאַרע באַציאונגען צווישן יחידים און גרופּעס, — דעם אָרגאַניזם פֿון סאָציאַלן לעבן אין דער פֿאָרעם פֿון די גילדעס, די פּערזענלעכע פֿרייהייט, די לעבעדיקע טראַדיציע און די קונסט וואָס איז איינגעוואָרצלט אין די מאַסן פֿון דעם אַרבעטנדיקן פֿאָלק.

אָבער אַפֿילו אין אונזער צייט און אין אונזער געזעלשאַפֿט, אין דער וועלט פֿון דעם צו פֿאַרניכטונג פֿאַראורטיילטן איראָפּעאישן קאַפּיטאַליזם, געפֿינט קראָפּאָטקין רעשטן און קערנדלעך פֿון דער קעגנזייטיקער הילף: רעשטן פֿון אַמאָל, ווי דער רוסישער „מיר” (דאָרף־געמיינדע) — אָט די דאָזיקע אינסטיטוציע וואָס קראָפּאָטקין, ווי אַ סך אַנדערע רוסן, האָט צוגעשריבן אַ גרויסע סאָציאַלע באַדייטונג; און קערנדלעך פֿון דער צוקונפֿט, וואָס זיינען אַן אָנזאָג אויף דער צוקונפֿטיקער קאָמוניסטישער געזעלשאַפֿט, — אָנהויבנדיק מיט דער קאָמונאַלער באַלייכטונג פֿון די גאַסן און מוניציפּאַלער וואַסער־צושטעלונג און ענדיקנדיק מיט דער שטאַרקער, וואַקסנדיקער קאָאָפּעראַטיווער־

באַוועגונג און די פֿאַרשיידענע פּראָלעטאַרישע אינסטיטוציעס פֿאַר קעגנזייטיקער הילף.

אָט די אַלע סאָציאַלע דערשיינונגען זאָגן עדות אויפֿן אמת פֿאַר וועלכן קראָפּאָטקין האָט געקעמפֿט: מען קען אָנווייזן אויף סאָציאַלע תּקופֿות און לעבנס־פֿאָרמען אין וועלכע דער סאָציאַלער קאַמף און דער קלאַסן־קאָנפֿליקט זיינען ניט געווען די הויפּט־פֿאַקטאָרן פֿון פּראָגרעס. אָבער פֿון דער אַנדערער זייט, איז ניטאָ אַפֿילו קיין איין תּקופֿה, קיין איין סאָציאַלע לעבנס־פֿאָרעם, איז בכלל ניטאָ קיין געזעלשאַפֿט אין וועלכער עס זאָל, אויף וואָסער איז אופֿן און אין וועלכן עס איז ווינקל, ניט קומען צום אויסדרוק דער אינסטינקט פֿון מענטשלעכער סאָלידאַריטעט און די קעגנזייטיקע הילף.

דאָ שטעלט זיך די פֿראַגע: וואָס זיינען די היסטאָרישע פֿאַקטאָרן וואָס האָבן געבראַכט דערצו, אַז דער עגאָאיזם, די עקספּלואַטאַציע און די געלט־גייציקייט זאָלן פֿאַרטרייבן די סאָלידאַריטעט, אַז די פֿעלקער פֿון אונזער צייט זאָלן זיך איינטיילן אין צוויי מחנות, וואָס איינע פֿון זיי באַמיט זיך אָפּצוהיטן דאָס עקזיסטירנדיקע און די צווייטע שטרעבט צו פֿרייהייט, אַזוי אַז עס איז דערגאַנגען דערצו, אַז פֿאַר דער מענטשהייט זאָל בלייבן בלויז דער וועג פֿון דער ראַדיקאַלער רעוואָלוציע, וואָס דאַרף ווידער אַמאָל מאַכן די קעגנזייטיקע הילף פֿאַרן יסוד־היסודות פֿון דער געזעלשאַפֿט — דאָס הייסט דעם סאָציאַליזם?

דערויף ענטפֿערט קראָפּאָטקין ווי יעדער אַנדער סאָציאַליסט: די גאַנצע שולד ליגט אויפֿן פּריוואַט־אייגנטום. ער האָט עס אויף דער וועלט געבראַכט דעם קאַפּיטאַליזם, די עקספּלואַטאַציע, די פֿאַרשקלאַפֿונג, דעם קלאַסן־האַס, די רעוואָלוציע. אָבער מיט זיין גאַנצער שטאַרקער שנאה קעגן פּריוואַט־אייגנטום, מיט וועלכן ער פֿירט אַ פֿאַנאַטישע מלחמה און וואָס אין זיין פֿולשטענדיקער פֿאַרניכטונג זעט ער די איינציקע האָפֿענונג פֿאַרן אויפֿבוי פֿון אַ פֿרייער קאָמוניסטישער געזעלשאַפֿט, האָט ער נאָך מער פֿיינט דעם שורש פֿון אַלדאָס שלעכטע, באַקעמפֿט ער נאָך פֿיל העפֿטיקער דעם יסוד פֿון דעם פּריוואַט־אייגנטום — די געוואַלט וואָס רויבט די פֿרייהייט, די הערשאַפֿט פֿון מענטש איבערן מענטשן. ער באַקעמפֿט די געוואַלט סיי בעת זי דערשיינט אין אַ מאַסקע און באַגעגנט ניט קיין שום ווידערשטאַנד — די ריטער און רויבער און באַראָנען פֿון מיטלאַלטער; סיי ווען זי הילט זיך איין אין דעם פּורפּור־מאַנטל פֿון דעם געזעץ וואָס זיין אויפֿגאַבע איז אָפּצוהיטן דעם פֿרידן אויף דער וועלט; סיי ווען זי טוט זיך אָן די

קעניגלעכע קליידער פֿון דעם הערשער וואָס באַדראָט מיט דער שווערד יעדן איינעם וואָס האָט די העזה זיך אים צו שטעלן אַנטקעגן; סיי ווען זי אַנטפּלעקט זיך אין איר גאַנצער גלאָריע אין דער מעכטיקסטער און סאַמע געפֿערלעכסטער פֿאָרעם, די וואָס ווערט אַזוי באַזונגען פֿון דער רעאַקציע — אין דער פֿאָרעם פֿון שטאַט.

די הערשאַפֿט פֿון מענטש איבער מענטש — אָט דאָס איז דער פֿאַקטאָר וואָס האָט מעגלעך געמאַכט די אַנטוויקלונג פֿון דעם פּריוואַט־אייגנטום און דעם אויפֿקום פֿון דער איצטיקער געזעלשאַפֿט. מיט אַ פּלאַסטישער פּשטות שילדערט קראָפּאָטקין דעם אָנהויב פֿון דעם דאָזיקן פּראָצעס אין דער פֿעאָדאַלער עפּאָכע — די תּקופֿה אין וועלכער עס האָט זיך אָנגעהויבן די אַקומולאַציע פֿון די גרויסע רייכטימער פֿון אונזער צייט. „אַ פֿעאָדאַלער באַראָן דעראָבערט זיך אַ פּרוכטבאַרן טאָל, אָבער כּל זמן ער איז נאָך ניט באַזעצט איז ער פֿאַרן באַראָן נאָך ניט קיין אמתער קוואַל פֿון רייכטום... ער מוז זוכן פּויערים... אומעטום קען מען געפֿינען מאַסן אָרעמעלייט, וואָס זיינען דערפֿירט געוואָרן ביז צום אָפּגרונט אונטערן דרוק פֿון מלחמות, מגפֿות און אומגערעטענישן; זיי האָבן ניט קיין פֿערד און ניט קיין אַקער, וואָרעם אייזן איז זייער טייער אין מיטלאַלטער און נאָך טייערער איז דאָס אַרבעטס־פֿערד. אָט די אַלע אָרעמעלייט חלום׳ען וועגן אַ לייכטערן לעבן. אין איין העלן טאָג זעען זיי אויפֿן שאָסיי וואָס ליגט ביי די גרענעצן פֿון באַראָנס גיטער אַ ליוונט אויף וועלכן עס ווערט געזאָגט אין ווערטער וואָס אַלע קענען פֿאַרשטיין, אַז יעדער איינער וואָס וועט מסכּים זיין זיך צו באַזעצן אויף דעם באַראָנס ערד וועט באַקומען באָדן און אַרבעטס־מכשירים און וועט דערביי ניט דאַרפֿן צאָלן קיין באָדן־אָפּצאָל אין משך פֿון אַזויפֿיל און אַזויפֿיל יאָרן... די אומגליקלעכע פֿאַרפֿלייצן ממש דעם באָדן פֿון דעם באַראָן, בויען שאָסייען, טריקענען זומפּן, שאַפֿן ישובים — אָבער איין יאָר שפּעטער לייגט ער אויף זיי אַרויף אַ פּאַכט־צינז, אין פֿינף יאָר אַרום וועלן זיי דאַרפֿן אין פֿאָרויס אָפּצאָלן דעם באָדן־צינז, אַביסל שפּעטער וועט ער פֿאַרטאָפּלען דעם דאָזיקן צינז, און אַזוי ווייטער אָן אַ סוף. ביס־לעכווייז, מיט דער הילף פֿון די געזעצן וואָס ווערן אַרויסגעגעבן דורך דעם נאָבעלן באַראָן, ווערט די אָרעמקייט פֿון די פּויערים אַלץ מער דער קוואַל פֿון וועלכן דער באַראָן ציט זיין רייכטום — און ניט נאָר דער באַראָן אַליין, נאָר אויך גאַנצע כאָפּטעס פּראָצענטניקעס וואָס באַזעצן זיך אין די דערפֿער".

פּעטער קראָפּאָטקין

עס זייַנען אַוועק הונדערטער יאָרן. אין משך פֿון די דאָזיקע יאָרהונדערטער האָט די געוואַלט־הערשאַפֿט געביטן אירע פֿאָרמען הונדערטער און טויזנטער מאָל, אָבער איר מהות בלייבט אין גרונט דער זעלבער — זי דערשטיקט די פֿרייהייט, רויבט דעם ווילן, פֿאַרשקלאַפֿט די געזעלשאַפֿט און באַפֿעסטיקט דעם פּריוואַט־אייגנטום און זייַנע עגאָאיסטישע אינטערעסן. צום סוף, אַלס דער העכסטער שטאַפּל פֿון דער דאָזיקער אַנטוויקלונג, ווערט געבוירן, באַקראַנצט מיט אַן אָרעאָל פֿון גאָטס גענאָד, דער העכסטער אויסדרוק פֿון קלאַסן־הערשאַפֿט און דער מעכטיקער כּלי־זין פֿון סאָציאַלער פֿאַרשקלאַפֿונג — דער מאָדערנער צענטראַליסטישער שטאַט.

קראָפּאָטקין האָט געהאַט די געלעגנהייט פּערזענלעך זיך צו באַקענען פּנים אל פּנים מיט דעם דאָזיקן מעכטיקן אַפּאַראַט פֿון פֿאָלקס־אָפּנאַרעריי און מאַסן־פֿאַרשקלאַפֿונג. ער האָט געוואוסט די סודות פֿון הינטער די קוליסן. אַלס אַ זון פֿון אַ פּרינצן־פֿאַמיליע, האָט ער פֿון נאָענטן געזען ווי מאָראַל און רעכט ווערט געפֿעלשט אונטערן שוץ און מיט דער ברכה פֿון דער קירך; אַלס אַן אָפֿיציר אין דער צאַרישער אַרמיי האָט ער קענען געלערנט יענע אינסטיטוציעס פֿאַרן שוץ פֿון דער עקזיסטירנדיקער אָרדענונג, וואָס האָבן געשפּילט אַזאַ ראָליע אין דער רוסישער מלוכה — די פּאָליציי און אַרמיי; אַלס אַנאַרכיסט, האָט ער זיך פֿון נאָענטן (אין רוסלאַנד און אין פֿראַנקרייך) באַקאַנט מיט די אָרגאַנען פֿון מלוכה׳שער „רו און אָרדענונג" — די טורמעס; און איבער אַלעם האָט ער אַלס היכער רוסישער באַאַמטער אין סיביר געזען ווי די מלוכה פֿונקציאָנירט אין טאָג־טעגלכן לעבן, — דעם פּאַראַזיטיזם פֿון דער באַאַמטנשאַפֿט און דעם מעכטיקן ביוראָקראַטישן אַפּאַראַט מיט זייַן געלט־גייציקייט און קאָרופּציע. פֿון אָט די אַלע קוואַלן האָט קראָפּאָטקין געשעפּט זייַן ביטערע שנאה קעגן דעם שטאַט און זייַן פֿאַרשקלאַפֿנדיקער מאַכט.

קראָפּאָטקין האַלט, אַז כּל זמן דער שטאַט בלייבט, קען ניט זייַן קיין שום האָפֿענונג זיך צו באַפֿרייען פֿון דעם יאָך פֿון דעם קאַפּיטאַליזם. „מיר זאָגן בפֿירוש", זאָגט ער אין איין פּלאַץ „אַז דער אַרבעטער וועט ניט באַקומען קיין פֿרייהייט ביז וואַנען ער וועט ניט פֿאַרניכטן דעם שקר פֿון צענטראַליזם, דער שווינדל פֿון אָט־דער ביוראָקראַטיע, וועמען דער שטאַט האָט איבערגעגעבן די אויפֿגאַבע אָפּצוהיטן געזעץ און אָרדענונג — אַ געזעץ וואָס די רייכע האָבן באַשטימט כּדי צו שאַפֿן די אָרדענונג און אַן אָרדענונג וואָס איר ציל איז אַרויפֿצולייגן

דעם יאָך פֿון די רייכע אויפֿן אָרעמען פֿאָלק. די באַפֿרייאונג פֿון דער אַרבעט וועט ניט קומען כל זמן מיר וועלן ניט שיקן צום טייוול אָט די אַלע פֿעלשונגען, ליגנס און אָפּנאַרערייען".

און אַזוי ווי עס איז אים קלאָר, אַז צוזאַמען מיט דער עקספּלואַטאַציע פֿון מענטשן דורך דעם מענטשן מוז אויך קומען אַ סוף צו דער הערשאַפֿט פֿון דעם מענטשן איבערן מענטשן, אַז צוזאַמען מיט דער ליקווידאַציע פֿון די פּריווילעגיעס פֿון קאַפּיטאַל דאַרף אויך פֿאַלן דער מאַכט־מאָנאָפּאָל — זעט ער מיט זיין קלאָרן בליק אויך די נייע סכּנה וואָס שטעלט זיך צווישן דער פֿרייהייט און דעם אַרבעטנדיקע מענטשן. פֿיל יאָרן פֿאַר דעם נצחון פֿון באָלשעוויזם — וואָס איר „פּראָלעטאַרישע מלוכה" האָט נאָך קראָפּאָטקין דערלעבט זען מיט די אייגענע אויגן — האָט דער רוסישער אַנאַרכיסט שוין אַנטבלויזט די אינערלעכע פֿאַלשקייט פֿון דעם פּראָלעטאַרישן שטאַט בכלל און פּראָקלאַמירט זיין אייביקע שנאה צו אַלע פּסעוודאָ־רעוואָלוציאָנערן, וואָס פּרובירן פֿאַרוואַנדלען דעם דערלייזנדיקן סאָציאַליזם אין אַ גרויס־מלוכה'שן שטאַטס־קאַפּיטאַליזם. צווישן די חורבות פֿון קאַפּיטאַליסטישן שטאַט זעט ער שוין די שפּראָצונגען פֿון דער נייער שקלאַפֿעריי. אָט וואַקסט שוין אויף אַ נייער קלאַס וואָס שטרעבט אויך צו מאַכט, צו קאָנצענטרירן אין זיינע הענט די הערשער־ירושה פֿון די דורות. אַנשטאָט דער ווייסער אַרמיי וועט קומען — די רויטע אַרמיי, אַנשטאָט דעם ווייסן באַאַמטן — דער רויטער באַאַמטער, אַנשטאָט דער ווייסער מלוכה — די רויטע מלוכה. און דער קרבן פֿון דער נייער מלוכה וועט שטענדיק זיין — דאָס פֿאָלק אין וועמעס נאָמען עס וועלן רעדן קאָמיסאַרן. קראָפּאָטקין איז דורכגעדרונגען מיט איין דערקענטעניש, דער פֿעלזן־שטאַרקער דערקענטעניש, אַז עס קען זיין בלויז אַ פֿרייהייטלעכער סאָציאַליזם, אַן אַנטי־שטאַטלעכער סאָציאַליזם, אַן אַנאַרכיסטישער סאָציאַליזם — אָדער די סאָציאַליסטישע אידייע וועט קיינמאָל ניט פֿאַרווירקלעכט ווערן.

אין אָט דעם דאָזיקן געשלאָסענעם געדאַנקען־קרייז ליגט קראָפּאָטקינס נעגאַציע. אומעטום באַקעמפֿט ער הערשאַפֿט און דעספּאָטיע. אין אַ בוך, וועלכער איז, לויט מיין מיינונג, דער גלענצנדיקסטער פֿון זיינע קלענערע חיבורים, „די היסטאָרישע ראָליע פֿון שטאַט". באַווייזט עס קראָפּאָטקין אויף אַ זייער איבערצייגנדן אופֿן. ער וואַרפֿט אָפּ די טאָטאַליטאַרע הערשאַפֿט פֿון די עקאָנאָמישע אינטערעסן און די העגעמאָניע פֿון קלאַסן־קאַמף: די קעגנזייטיקע הילף — דאָס

איז דער צענטער און דער באַרגשפיץ פֿון קראָפאָטקינס וועלט־אָנשויאונג.

אויפֿן שוואַרצן פֿאָן פֿון דער נעגאַציע שיינט אויף די באַפֿרייענדיקע טאַט פֿון אַנאַרכיסטישן סאָציאַליזם — אָבער בלויז אַלס רעזולטאַט פֿון שעפֿערישער פֿאָלקס־טאַט און אָרגאַנישער פֿרייער אַנטוויקלונג, ניט לויט אַ דיקטאַט פֿון אויבן — נאָר דורך דער שטויסקראַפֿט וואָס קומט פֿון דער טיפֿעניש, ווי דער בוים וואָס זיין שטאַם, זיינע בלעטער און זיינע צווייגן וואַקסן אַרויס פֿון איין שורש.

ד.

„אַ נייע געזעלשאַפֿטס־פֿאָרעם", האָט קראָפאָטקין איינמאָל געזאָגט אין זיין בוך „רעדע פֿון אַ רעוואָלוציאָנער", „האַלט ביים אַנטשטיין צווישן די ציוויליזירטע פֿעלקער און אין דער צוקונפֿט וועט זי פֿאַרנעמען דעם פלאַץ פֿון דער אַלטער געזעלשאַפֿט. דאָס וועט זיין אַ געזעלשאַפֿט פֿון גלייכע מענטשן וואָס וועלן ניט געצוואונגען זיין, אונטערן דרוק פֿון נויטווענדיקייט, צו פֿאַרקויפֿן זייערע מוסקולן און מוחות צו יענע וואָס עקספלואַטירן פֿרעמדע אַרבעט. פֿאַרקערט, יעדער איינער וועט באַקומען די מעגלעכקייט צו דינען מיט זיין וויסן און זיינע פֿעאיקייטן די פראָדוקציע אין אַ סאָציאַלן אָרגאַניזם, וואָס וועט באַווייזן צו פֿאַראייניקן אָט די אַלע טעטיקייטס־פֿאָרמען אין אַ העכערן סך הכל לטובת אַלע בירגער פֿון דער געזעלשאַפֿט, און צוזאַמען דערמיט וועט ער איבערלאָזן אַ ברייט און פֿריי פֿעלד פֿאַר דער פריוואַטער איניציאַטיוו".

די שפראָצונגען פֿון דער דאָזיקער צוקונפֿט זעט שוין קראָפאָטקין אין דער געזעלשאַפֿט, ווירטשאַפֿט און דערציאונג פֿון אונזער צייט. קראָפאָטקינס תפֿיסה נעמט אַרום דאָס נייע און ערשט־אַנטשטייענדיקע אין דער שפֿע פֿון סאָציאַלע דערשיינונגען, דרינגט אַריין ביז די פֿאַרבאָרגנסטע קערנדלעך פֿון דער צוקונפֿטיקער אַנטוויקלונג, און טרעט אויס נייע וועגן פֿאַר דעם סאָציאַלן באַוואוסטזיין.

בעת די קלאַסישע פאָליטישע עקאָנאָמיע טרוימט מיט אַ געוואַלטיקער התפעלות וועגן דער זיך־אויסברייטערנדיקער קאָנצענטראַציע פֿון דער אינדוסטריע און זעט פֿאָרויס מיט התלהבות די פֿאַרווירקלעכונג פֿון דער וויזיע פֿון די חסידים פֿון פֿרייען האַנדל; בעת די מאַרקסיסטישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, וואָס געפֿינט זיך אונטער דעם היפנאָז פֿון דעם טעכנישן פראָגרעס און דעם וואוקס פֿון דעם קאַפיטאַליזם, נעמט איבער, אין איר גרויסער נאַאיוויטעט, דעם דאָזיקן

חלום און די דאָזיקע נבואה אין איר סאָציאַליסטישער שיטה, — זעט און שטודירט קראָפּאָטקין דעם אויפֿקום פֿון אַ גרונט־פֿאַרשיידענער לעבנס־פֿאָרעם. איינע נאָך דער צווייטער הויבן פֿאַרשיידענע לענדער אָן צו באַפֿרידיקן זייערע אינדוסטריעלע הצטרכות׳ן פֿון זייער אייגענער פּראָדוקציע. אין דער צייט וואָס סיי קאַפּיטאַליסטן און סיי מאַרקסיסטן בלייבן געפּענטעט אין די קייטן פֿון אַלטע דאָגמעס ווערט די דעצענטראַליזאַציע פֿון דער אינדוסטריע אין אַלע לענדער אַלץ מער און מער אַ ממשות׳דיקע ווירקלעכקייט. אָבער ניט נאָר פֿון דעם שטאַנדפּונקט באַטראַכט קראָפּאָטקין די טעאָריע וועגן דער קאַפּיטאַליסטישער קאָנצענטראַציע ווי אַ טעות וואָס שטימט ניט מיט דער ווירקלעכקייט; אויך בנוגע די באַזונדערע איינצלנע אונטערנעמונגען אין דער אינדוסטריעלער ווירטשאַפֿט איז לויט זיין מיינונג די דאָזיקע טעאָריע ניט מער ווי אַ זינלאָזע סכעמאַטיזאַציע. די קליין־אינדוסטריע און דאָס האַנטווערק אין רוסלאַנד, פֿראַנקרייך און אַפֿילו אין ענגלאַנד און דייטשלאַנד זאָגן עדות דערויף, אַז די געשיכטע גייט גאָר אין אַן אַנדער ריכטונג. די דאָזיקע ווירטשאַפֿטס־פֿאָרמען בלייבן אומעטום עקזיסטירן, נאָך מער, זיי האַלטן אין איין וואַקסן, כאָטש גאַנץ פּאַמעלעך, ווי פֿאָרמען פֿון אָרגאַנישער אַרבעט. ביי דער זייט פֿון דער דאָזיקער אַנטוויקלונג זעען מיר די לאַנדווירטשאַפֿט וואָס ווערט כסדר אינטענסיווירט. די נצחונות פֿון דער לאַנדווירטשאַפֿט וועלן מיט דער צייט מעגלעך מאַכן צו שפּייזן אַ פֿיל גרעסערע צאָל איינוואוינער פֿון דעם ערד־קוגל. די מאַשין, וואָס דרינגט אַלץ מער און מער אַריין אין דער לאַנדווירטשאַפֿט, פֿאַרהונדערטפֿאַכט די פּראָדוקציע און גיט אַ מעגלעכקייט צו שאַפֿן אַ בריק איבער דעם תהום וואָס דער קאַפּיטאַליזם האָט געעפֿנט צווישן שטאָט און דאָרף, לאַנדווירטשאַפֿט און אינדוסטריעלער אַרבעט.

און איבער אַלעמען איז אין אונזער צייט אויפֿגעקומען אַ נייע דערציאונג וואָס טרעט אויס אַ וועג צו דער אַרבעטס־געזעלשאַפֿט פֿון דער צוקונפֿט, אַ דערציאונג וואָס האָט זיך געשטעלט די אויפֿגאַבע צו פֿאַראייניקן האַנט־אַרבעט און גייסטיקע אַרבעט, בייצוקומען די אַרבעטס־צעטיילונג — אָט דעם דאָזיקן נשמה־טויטנדיקן פּראָדוקט פֿון קאַפּיטאַליזם — צו פֿאַרבינדן דעם מענטשן פֿונדאָסניי מיט זיין שאַפֿונג, צו פֿאַרטיפֿן אין אים די פֿאַרשטענדעניש פֿאַר דער אָרגאַנישער ווירקלעכקייט און אַנטוויקלען אין אים די פֿעאיקייט פֿאַר פּלאַסטישער באַאָבאַכטונג.

פעטער קראָפאָטקין

קראָפאָטקין וויקלט אויף פֿאַר אונז אַ לאַנגע ריי סאָציאַל־ווירטשאַפֿטלעכע פראָבלעמען וואָס יעדע איינע פֿון זיי פֿאַרדינט באַהאַנדלט צו ווערן באַזונדער. ער באַרייכערט אונז מיט אַ גרויסער שפֿע אידייען וואָס יעדע פֿון זיי פֿאָדערט אַז מען זאָל זיך אין איר טיף און איינדרינגלעך אַריינטראַכטן.

עס איז זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, אַז מיר וועלן דאָס דאָזיקע רייכטום ניט פֿאַרמינערן אויף אַ האָר, אויב מיר וועלן אָפֿן זאָגן, אַז פֿילע פֿון קראָפאָטקינס אידייען נויטיקן זיך אין דערגענצונגען, פֿאַרבעסערונגען און מער אויספֿירלעכער באַאַרבעטונג.

מיר טאָרן זיך ניט באַנוגענען מיט די סטאַטיסטישע פֿאַקטן, וואָס באַשטעטיקן די עקזיסטענץ פֿון די קליינע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען און דערפֿון דרינגען וועגן דעם קיום פֿון די אָרגאַנישע אַרבעטס־פֿאָרמען אין אונזער צייט און זייערע אַנטוויקלונגס־מעגלעכקייטן אין דער צוקונפֿט, כּל זמן מיר האָבן אויספֿירלעך ניט אויסגעפֿאָרשט זייערע ווירטשאַפֿטלעכע פֿאָרויסזעצונגען — די אינערלעכע לאַגע, די ווירטשאַפֿטלעכע מעגלעכקייטן און די צוקונפֿטס־פערספעקטיוון. אַזאַ אויספֿאָרשונג מוז פֿירן צום אויספֿיר, אַז אַפֿילו אין יענע ערטער וואו די האַנט־אַרבעט אין אייראָפּע איז געבליבן עקזיסטירן, פֿירט זי בלויז אַ שיין־עקזיסטענץ בעת אין תּוך ווערט זי אינגאַנצן חרוב אָדער דערנענטערט זיך צו אַ שנעלן טויט, און אַפֿילו אויב עס זאָל פֿון איר עפּעס בלייבן קען דאָס געשען בלויז אין געוויסע צווייגן און אונטער באַשטימטע אומשטענדן.

מיר האָבן אויך ניט קיין רעכט זיך צו שאַפֿן אילוזיעס וועגן דעם, אַז די פּראָדוציר־כּוחות זײַנען אויף אַלע געביטן דערגאַנגען צו אַזאַ מדרגה, אַז זיי קענען אָן ספֿק און אָן שוועריקייטן פֿירן צו דעם געגאַרטן אידעאַל פֿון „וואוילזיין פֿאַר אַלעמען” און אַז די טעכניק איז געשטיגן צו אַזאַ הויך, אַז בלויז עטלעכע אַרבעטס־שעה׳ן וועלן זיין גענוג צו שאַפֿן די נויטיקע פּראָדוקטן. אָט די דאָזיקע אַלע גענעראַליזאַציעס פֿאָדערן גענויע חשבונות, פּינקטלעכע און קלאָרע פֿאָרשונגען, ווי עס האָבן אין די לעצטע עטלעכע צענדליק יאָר פּרובירט טאָן באַלאַד־אַטלאַנטיקום און פּאָפּער־לינקעאוס בנוגע דער פּראָדוקציע אין דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפֿט. אָבער אויך זייערע פֿאָרשונגען באַווייזן נאָר ווי צאָלרייך עס זיינען אויף דעם דאָזיקן געביט די בלויזן, וואָס מען געפֿינט אויף שריט און טריט.

אויסער דעם ווייזט קראָפּאָטקין אַרויס אַ דערשטוינענדיקע ניי־גונג צו שנעלע און אומבאַגרינדעטע גענעראַליזאַציעס. אויב פּויע־רים האָבן אין אַ געוויסן פּלאַץ, אונטער גינסטיקע, אויסערגעוויינ־לעכע באַדינגונגען, דערגרייכט אויסעראָרדענטלעכע גוטע רעזולּ־טאַטן אויף זייערע ווייץ־פּעלדער אָדער דורך קולטיווירן פּלאַנצן אונטערן גלאָז, קען מען נאָך דערפֿון מיט דער הילף פֿון פּשוטן כּלל ניט מאַכן קיין גענעראַליזאַציעס וואָס זיינען גילטיק פֿאַר דער גאַנ־צער געזעלשאַפֿטלעכער אַנטוויקלונג — ווי קראָפּאָטקין טוט עס אַזוי אָפֿט אין זיין בוך „פֿעלדער, פֿאַבריקן און וואַרשטאַטן".

נאָך אַן ענלעכער פֿאַל: מען קען גלויבן באמונה שלמה אין דער אָרגאַניזירנדיקער שעפֿערישער און בויענדיקער פֿעאיקייט פֿון די מאַסן, אָבער פֿונדעסטוועגן דערשטוינט אונז די לייכטע, מען קען זאָגן גראַציעזע פֿאָרם, וואָס עס האָט ביי קראָפּאָטקינען אָנגענומען דער רעוואָלוציאָנערער איבערגאַנג צו דער אַנאַרכאָ־קאָמוניסטישער געזעלשאַפֿט. דער גלענצנדיקער סאָציאָלאָג, דער מאַן וואָס האָט גע־שריבן די אייגנאַרטיקע געשיכטע פֿון דער פֿראַנצויזישער רעוואָ־לוציע, מיט דעם גאַנצן געמיש פֿון כּוחות וואָס האָבן זיך צוזאַמענגע־שטויסן אין דעם דאָזיקן פּראָצעס פֿון פֿאַרניכטונג און בוי, האָט די קו־מענדיקע סאָציאַלע רעוואָלוציע געמאָלן אין אָרעמע, בלאַסע און בלוט־לאָזע פֿאַרבן, כאָטש געוויסע פּרטים וואָס ער ברענגט זיינען אָפּטמאָל גאַנץ אינטערעסאַנט.

כאָטש ער איז דורכאויס געגרעכט אין זיין גרונט־הנחה, אַז דער ערשטער און הויפּט ציל פֿון דער רעוואָלוציע איז ניט דאָס שאַפֿן פֿון אַ „רעוואָלוציאָנערער רעגירונג", נאָר די באַפֿרידיקונג פֿון די דריי גרונט־באַדערפֿענישן פֿון פֿאָלק — שפּייז, דירה און קליידונג — דוכט זיך אונז, אַז דאָס אידילישע בילד וואָס ער מאָלט פֿון דער גרויסער עקספּראָפּריאַציע איז כּלל וכלל ניט רעאַליסטיש. דאָס איז אַ רע־וואָלוציע אָן רייבונגען. דער רעוואָלוציאָנערער המון נעמט איבער די אויפֿגאַבע צו באַזאָרגן די נויט פֿון די צענטרען. ער אָרגאַניזירט די צעטיילונג פֿון שפּייז־אַרטיקלען און קליידער, ער טיילט אויס דירות, ער אַליין אָרגאַניזירט די סטאַטיסטיק פֿון פּראָדוקציע און קאָנסום. „עס וועט מסתמא זיין אַביסל צעמישעניש, אָבער מען דאַרף זיך באַמיען אַז די דאָזיקע צעמישעניש זאָל אינגאַנצן ניט בלייבן אָן נוצן, און מען דאַרף זי דערפֿילן ביז צו נול. און דאָס איז מעגלעך, —

דאָס דאַרף אומאויפֿהערלעך און אומדערמידלעך אונטערגעשטראָכן ווערן".

מיר ווייסן ווי שווער עס איז צו מאָלן אַ רעאַליסטיש בילד פֿון דער צוקונפֿטיקער רעוואָלוציע, און דאָך דוכט זיך אונז אַז קראָפּאָטקינס בילד איז שוין צו העל, סיי אין זיין אַלגעמיינער שטימונג און סיי אין דער רייכקייט פֿון זיינע פֿאַרבן. מיר געפֿינען אין בילד ניט קיין שום אינערלעכע שוועריקייטן און קיין שום דרויסנדיקע שטערונגען.

אפֿשר איז אַ טייל פֿון די דערמאָנטע חסרונות אומפֿאַרמיידלעך ביי אַ דענקער ווי קראָפּאָטקין, וואָס האָט זיך געדאַרפֿט ראַנגלען מיט אַזאַ געוואַלטיקן מאַטעריאַל און איז געווען באַלאָדן מיט אַזאַ מעכטיקן פֿאָנד פֿון וויסן. אויב מיר זאָלן זיין שאַפֿן באַטראַכטן ווי איין גרויס און געשלאָסן ווערק, קען מען ניט קומען צו קיין שום אַנדער שלוס ווי דער: עס איז, ניט געקוקט אויף אַלע זיינע חסרונות, רייך אין פֿרוכטבאַרע איינבליקן, אין איבערראַשנדיקע און בריליאַנטענע געדאַנקען, אין אויפֿבליצן, וואָס וואַרפֿן ליכט אויף אומדערוואַרטעטע טונקעלע ווינקלען, סיי בעת ער רעדט וועגן לוין־פֿראַגן און סיי וועגן די פּראָבלעמען וואָס האָבן אַ שייכות מיט עטישע גרונט־פּרינציפּן און מיט דעם „פֿרייען אָפּמאַך". זיין אויג דרינגט אַריין אין די מיסטעריעס פֿון סאָציאַלן לעבן, אַנטפּלעקט דעם זשעני פֿון סאָציאַלער שעפֿערישקייט אין יעדן קליינעם פּרט, אין דער טאָג־טעגלעכסטער לעבנס־דערשיינונג — דער גאַס־לאַמטערן, דאָס פּאָסט־קאַרטל, דאָס רעטונגס־שיפֿל. אין דעם דאָזיקן לויטערן ליכט פֿאַלט אַוועק די פֿאַלשע מאַסקע פֿון יעדער קינסטלעך־קאָמפּליצירטער און אַבסטראַקטער דערשיינונג, און זי אַנטפּלעקט זיך אונז פֿונדאָסניי אין דער גאַנצער אורשפּרינגלעכער און נאַטירלעכער פּשטות. דער ציל פֿון דער רעוואָלוציע ווערט פֿאַר אים ניט אויסגעדריקט אין אַבסטראַקטע לאָזונגען. ניט די „פּראָלעטאַרישע מלוכה" אָבער אויך ניט די „באַנייאונג פֿון די מענטשן", נאָר דאָס סאַמע פּשוט׳סטע און חשוב׳סטע: „וואוילזיין פֿאַר אַלעמען, שפּייז, וואוינונג, רוים, ליכט, קליידער, וואַרעמקייט און אַ פֿרייע אַטמאָספֿערע פֿון מאַטעריעלער זאָרגלאָזיקייט". מיט איין וואָרט: מער דאַרף דעראָבערן דאָס סאַמע עלעמענטאַרסטע און העכסטע. אונזער אויפֿגאַבע איז צו שאַפֿן די באַדינגונגען, אונטער וועלכע עס זאָל קענען רייף ווערן און זיך פֿונאַנדערבליען אַלץ וואָס טראָגט אין זיך די פּאָטענץ פֿון וואַקסן.

קראָפּאָטקינס ווערק ווערט געטראָגן אויף די פֿליגלען פֿון דער שאַפֿנדיקער פֿאַנטאַזיע, וואָס אַנטפּלעקט אין דער שפּראָצונג דעם

בליענדן בוים פֿון מאָרגן, דעם געדיכטן וואַלד פֿון דעם אַנטשטייענדיקן; ער באַמיט זיך צו מאָלן דאָס בילד פֿון דער צוקונפֿטיקער געזעלשאַפֿט מיט אַ שפֿע פֿון פּרטים, וואָס מען קען זיך ניט פֿאָרשטעלן און משער זיין פֿאָרויס.

אָט די דאָזיקע געזעלשאַפֿט איז די נייע און פֿרייע געזעלשאַפֿט פֿון „וואוילזיין פֿאַר אַלעמען", אַ הערשאַפֿטסלאָזע געזעלשאַפֿט, די געזעלשאַפֿט פֿון דער קאָמוניסטישער אַנאַרכיע. קראָפּאָטקין מאָלט אונז ניט דאָס בילד פֿון דער צוקונפֿטיקער וועלט מיט פֿלאַמנדיקע ליבּווערטער, נאָר מיט די פֿאַלקסטימלעכסטע ווערטער און די פּשוט׳סטע בילדער. דער יסוד פֿון דער דאָזיקער געזעלשאַפֿט איז ניט די מאַכט, ניט די דיקטאַטור פֿון אַ מינדערהייט אָדער פֿון די פֿילע, ניט דער אויסערלעכער צוואַנג, אין דער פֿאָרעם פֿון אַ קויף־דאָקומענט אָדער פֿון אַ פּאָליציי־שטעקן, אין דער פֿאָרעם פֿון אַ מיליטערישן באַפֿעל אָדער פֿון אַ רעגירונגס־דעקרעט. זי איז געבויט אויף פֿרייוויליקער פֿאַרשטענדעניש, אויף הערשאַפֿטסלאָזער אַסאָציאַציע, אויף דער בויענדיקער לעבנס־קראַפֿט וואָס די אַנאַרכיסטישע טערמינאָלאָגיע באַצייכנט מיטן וואָרט Entente Libre („פֿרייער בונד").

דאָס דענקן פֿון אונזער דור איז געפֿאַנגען אין צויבער־קרייז פֿון דער מלוכה־אידייע, דערפֿאַר איז אונז אַזוי שווער ניט נאָר זיך אויסצומאָלן די דאָזיקע פֿרייע געזעלשאַפֿט, נאָר אַפֿילו צו גיין אין די פֿוסטריט פֿון די אַנאַרכיסטישע דענקער, ווי מען גייט צו אַ מעגלעכער ווירקלעכקייט.

דער היפּנאָז פֿון מאַכט, דיסציפּלין און „עפֿנטלעכער אָרדענונג" איז אַריינגעדרונגען אין אונזער בלוט מיט אַזאַ מין קראַפֿט, אַז מיר זיינען ניט מסוגל צו פֿאַרשטיין די גרויסע ראַליע וואָס די פֿרייע פֿאַרשטענדיקונג שפּילט אַפֿילו אין אונזער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפֿט. מיר קענען ניט משיג זיין, ווי אַזוי אַ גאַנץ פֿאָלק קען לעבן אָן אַ פּאָליציי, ווי עס האָט ערשט מיט פֿערציק יאָר צוריק געלעבט דאָס פֿיר הונדערט מיליאָניקע כינעזער־פֿאָלק. אָבער קראָפּאָטקין גלייבט אין דער דאָזיקער מעגלעכקייט, און ער ווייזט אונז אָן דעם וועג צו איר פֿאַרווירקלעכונג. ער איבערצייגט אונז אין דער מעגלעכקייט פֿון דער נייער געזעלשאַפֿט, וואָרעם ער אַליין איז דערין איבערצייגט.

אָבער אין אונזער געזעלשאַפֿט איז די „פֿרייע אַסאָציאַציע" געפּענטעט אונטער דעם יאָך פֿון דער מלוכה און איר אַפּוטרופּסות און זי האָט אין דער דאָזיקער שטיקנדיקער אַטמאָספֿערע ניט קיין מעג־

לעבקייט צו וואַקסן און בליען. אין דער צוקונפטיקער געזעלשאַפט וועט דער „פרייער בונד" זיין דער עיקר׳דיקער יסוד פון קאָלעקטיוון לעבן. ניט אונטערן דרוק פון צוואַנג, נאָר געפירט פון דער קראַפט פון אינטערעסן און אידעאַלע אַספּיראַציעס וועלן די יחידים זיך צוזאַמענ־שליסן אין גרופּן און פאַרבאַנדן. די גרונט־צעל פון די דאָזיקע קבוצים וועט זיין די קאָמונע, אין וועלכער די יחידים וועלן לערנען אַליין צו פאַרוואַלטן זייער לעבן און ווירטשאַפט. הונדערטער יאָרן פון קאַפּי־טאַליסטישער אַנטוויקלונג, וואָס האָבן געשאַפן אַזאַ כאַאָס אין דער געזעלשאַפט און אין דער ווירטשאַפט, אין דער פּראָדוקציע און אין דעם קאָנסום, האָבן געפירט דערצו אַז דער מענטש זאָל זיך איצט נויטיקן אין פיל „פּרושים", וואָס זאָלן דערקלערן דעם זינען פון פרייער אַסאָ־סיאַציע — צו פאַרוואַנדלען די פרייע קאָמונע אין אַ נאַטירלעכן וויר־טשאַפטלעכן אָרגאַניזם, אין אַ פיל־גלידערדיקער ווירטשאַפטלעכער קאָאָפּעראַציע, וואָס באַפרידיקט אירע באַדערפעענישן דורך בשותפות־דיקע אַרבעט און מאַטעריאַלן, אויפן יסוד פון קאָלעקטיוון אייגנטום און געברויך. אין דער פרייער קאָמונע וועט באַנייט ווערן דער אמת׳ער זינען פון דעם פּראָדוקציע־פּראָצעס, וואָס האָט אין דער קאַפּיטאַליס־טישער געזעלשאַפט פאַרלאָרן זיין נאַטירלעכע פונקציע, דערמיט וואָס ער האָט אויפגעהערט דינען די קאָנקרעטע און ממשות׳דיקע באַדערפעניש פון דעם אַרבעטנדיקן מענטשן און איז געוואָרן אַ מיטל פון קאַפּיטאַליסטישער אַקומולאַציע פון רייכטימער. אין דער קאָמונע וועט די פּראָדוקציע, סיי די וואָס באַפרידיקט עלעמענטאַרע לעבנס־באַדערפעענישן און סיי די וואָס שאַפט לוקסוס־אַרטיקלען, צוגעפּאַסט ווערן צו די קאָנקרעטע פאָדערונגען פון דעם אַרבעטער, ניט פאַר־לענגערנדיק די אַרבעטס־צייט. די פאַרייניקונג פון אינדוסטריע און לאַנדווירטשאַפט קען די אַרבעטס־ענערגיע דערפירן צו אַזאַ אינטענ־סיוויטעט און פאַרגרעסערן די פּראָדוקטיוויטעט אין אַזאַ מאָס, אַז עטלעכע אַרבעטס־שעה — פינף שעה, דוכט מיר, לויט קראָפּאָטקינס חשבון — וועלן יעדן אַרבעטער, לויט דער מאָס פון זיינע באַדערפע־נישן, פאַרזיכערן זיין חלק אין דעם „אַלגעמיינעם וואוילזיין".

„יעדן איינעם לויט זיינע באַדערפעניש" — דאָס איז דער לאָזונג לויט וועלכן די גיטער וועלן איינגעטיילט ווערן אין דער אַנאַרכאָ־קאָמוניסטישער געזעלשאַפט. „יעדן איינעם לויט זיינע פעאיקייטן!" — אַזוי האָט געזאָגט דער אַלטער סאָציאַליזם. זאָל יעדער איינער טראָגן די אַחריות פאַר זיינע פעאיקייטן און זאָל דאָס זיין די באַרעכטיקונג

פֿאַר זיין קלענערן חלק? — „יעדן איינעם לויט זיינע לייסטונגען!“ — אַזוי האָט נאָך דעם גע׳פּסק׳נט די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. אָבער — דאָס איז איינער פֿון קראָפּאָטקינס באַליבטע געדאַנקען, וועלכן ער האָט אָפֿט ליב איבערצו׳חזר׳ן — וואָס זאָל זיין דער מאָסשטאַב אויף אָפּצושאַצן די לייסטונגען פֿון יעדן אַרבעטער באַזונדער, אויב די דאָזיקע לייסטונגען זיינען אַ רעזולטאַט פֿון דער פֿולסטער אָנשטרענגונג פֿון זיינע כּוחות? ווער וועט וואַגן זיך צו גרויסן מיט זיינע אייגענע לייסטונגען אין אַ געזעלשאַפֿט, וואָס יעדער פּראָדוקט אירער איז געשאַפֿן געוואָרן אַלס רעזולטאַט פֿון דער פֿאַראייניקטער אָנשטרענגונג פֿון גאַנצע דורות דערפֿינדער און אַרבעטער? ווער וועט וואַגן פֿאָדערן אַ באַזונדערע אָנערקענונג פֿאַר זיין אַרבעט אין אַ גיגאַנטישער קאָאָפּעראַציע וואָס שאַפֿט אַלע אירע גיטער דורך דער געמיינזאַמער אָנשטרענגונג פֿון אַלע כּוחות? אַז עס וועט אַמאָל קומען די באַפֿרייאונג פֿון דער געזעלשאַפֿט פֿון דעם יאָך פֿון עקספּלואַטאַציע און שטאַט, און די אַנאַרכיסטישע קאָמונע וועט באַווייזן אַז זי קען אויסנוצן אַזעלכע אַרבעטס־פֿאָרמען — די דאָזיקע צוקונפֿט איז לויט קראָפּאָטקינס מיינונג ניט קיין חלום און ניט קיין אוטאָפּיע נאָר אַ פּאָטענציעלעווירקלעכקייט — וועט יעדער באַקומען זיין חלק פֿון דעם קאָלעקטיוון רייכטום אין איינקלאַנג מיט זיינע באַדערפֿענישן און זיין פּריוואַטער לאַגע.

די איינצלנע קאָמונע וועט זיך אָנשליסן אָן אַ צווייטער אָדער אָן אַ פֿאַרבאַנד פֿון קאָמונעס, בלויז אין דער מאָס וואָס זי וועט עס באַטראַכטן אַלס געוואונשן פֿאַר איר קיום. די קאָמונעם וועלן געמיינזאַם פֿאַרוואַלטן זייערע אינטערעסן אין אַ פֿרייען פֿאַרבאַנד. דורך אַזאַ האַרמאָנישן צוזאַמענשלוס וועט געשאַפֿן ווערן די געגאַרטע צוקונפֿטס־געזעלשאַפֿט, וואָס קראָפּאָטקין האָט געשילדערט מיט אַ שלל פֿון אינטערעסאַנטע און פֿאַרבנרייכע פּרטים.

די צוקונפֿטיקע געזעלשאַפֿט, די נאַציע אַלס אַ גרויסע פֿעדעראַציע פֿון פֿרייע קאָמונעס — אָט דאָס איז דער ענדציל וואָס שיינט אַרויס ווי אַ ליכטיקער און וועגווייזערישער שטערן פֿון קראָפּאָטקינס קאַמף און שאַפֿן.

קראָפּאָטקינס לעבנס־ווערק וועט קיינמאָל און פֿאַר קיין שום באַוועגונג ניט האָבן יענע דאָגמאַטישע וויכטיקייט, וואָס כאַראַקטעריזירט צום ביישפּיל דאָס ווערק פֿון מאַרקס און ענגעלס אין שייכות צו דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. פֿאַר דעם איז ער געווען צו ווייניק

פּעטער קראָפּאָטקין

„רבי”, צו ווייניק דאָגמאַטיקער. קראָפּאָטקינס לֿערע פּרעטענדירט ניט פֿעסטצושטעלֿן אַ צוואַנגס־אמת פֿאַר אַלֿעמען. אָבער ווען עס וועט קומען דער אַנטשיידנדיקער מאָמענט און דער קאַמף פֿאַר פֿרייהייט וועט אויסברעכן צווישן די פֿעלֿקער, וועט קראָפּאָטקינס מוטיק וואָרט, באַוואוסטזיניק אָדער אומבאַוואוסטזיניק, באַפֿרוכפּערן דאָס דענקן פֿון די קעמפֿער. און שפּעטער, ווען די פֿאַרטיידיקער פֿון אַ נייעם „סטאַטוס קוואָ” — דער צענטראַלֿ־ראַט פֿון דער פּראָלֿעטאַרישער מלוכה אָדער דער שעף פֿון דער פּראָלֿעטאַרישער פּאָלֿיציי — וועלֿן דורך דעפּאָר־טאַציע, באַפֿעלֿן, טורמעס, אויסנאַם־צושטאַנד און פּרעסע־צענזור פּרובירן דערשטיקן דעם אייביקן אומשטערבלֿעכן פֿרייהייטס־קערן, וועלֿן די רעוואָלֿוציאָנערן פֿון איבערמאָרגן פֿון קראָפּאָטקינס געדאַנקען־אוצר שעפּן — קראַפֿט, גייסטיקע הדרכה, הייליקן גייסט און לֿעבנס־ווילֿן.

[1921]

דער נאָך־מלחמה׳דיקער נאַציאָנאַליזם און די אידן

א.

אין ציוניסטישן לאַגער הייבט זיך אָן צו פילן, אַז עס איז צווישן אידן שוואַכער געוואָרן די צוציאונגס־קראַפט פון דער אידייע פון נאַציאָנאַלער באַפרייאונג, באַזונדערס וואָס איז שייך דעם יונגן דור. ניט געקוקט אויף די פּאָליטישע נצחונות וואָס די נאָך־מלחמה קאָניונקטור האָט געבראַכט דעם ציוניזם, ניט געקוקט דערויף וואָס די וויכטיקסטע גייסטיקע און פּאָליטישע פירער פון די אייראָפּעאישע פעלקער האָבן אָנערקענט דאָס רעכט און גערעכטיקייט פון ציוניזם, באַשטייט דאָך דער איינדרוק, אַז אינערלעך האָט די ציוניסטישע אידייע פיל פאַרלאָרן אין פאַרנעם און וואָג. די לאַגע דערמאָנט אָן יענער „משונה׳דיקער און וואונדערלעכער דערשיינונג״ וואָס אחד־העם האָט מיט צענדליקער יאָרן צוריק געשילדערט אין זיין ערשטן אַרטיקל, אָט יענע אינערלעכע שוואַכקייט וואָס איז אויף דער חובבי ציון באַוועגונג געקומען גראָד נאָך אירע ערשטע אויסערלעכע נצחונות און אירע ערשטע טריט אין פּראַקטישער אַרבעט אין ארץ ישראל.

מען קען אויסרעכענען אַ גאַנצע ריי סיבות, וואָס זיינען עלול צו דערקלערן די דאָזיקע „משונה׳דיקע און וואונדערלעכע דערשיינונג״. איינעם פון די סאַמע וויכטיקסטע גורמים דאַרף מען אפשר דווקא זוכן דערין וואָס די נאָך־מלחמה יאָרן האָבן נענטער געבראַכט די פאַרווירקלעכונג פון ציוניזם אויפן באָדן פון ארץ ישראל, און אָט די פאַרווירקלעכונג האָט — ווי יעדע ווירקלעכקייט וואָס איז פאַרבונדן מיט מענטשן און מענטשלעכע אינסטיטוציעס — אויך געמוזט ברענגען אַנטוישונגען פאַר די יעניקע וואָס פּרובירן די דאָזיקע ווירקלעכקייט צו פאַרגלייכן מיט דער „ריינער אידייע״, וואָס האָט פריער אינגאַנצן באַהערשט זייערע געמיטער. פון דער אַנדער זייט, ווירקט דאָ אַ צווייטער,

פֿאַרקערטער גורם: ווען מען מעסט די פּראַקטישע אַרבעט וואָס מיר האָבן אין משך פֿון די דאָזיקע יאָרן דורכגעפֿירט אין ארץ ישׂראל מיטן מאָסשטאַב פֿון די אויפֿגאַבן וואָס עס לייגט אויף אונז אַרויף די לייזונג פֿון דער אידן־פֿראַגע — ווערט די סתירה צווישן ווילן און מעגלעכקייט, צווישן ווילן און טאָט בולט אין אַזאַ מאָס, אַז עס מוז אַרויסרופֿן געדריקטע שטימונגען. עס שאַפֿט זיך דער איינדרוק אַז דער ציוניזם, וואָס איז אַרויס זוכן אַ מלוכה — מוז זיך היינט באַנוגענען מיט די אומגעקערטע „פֿאַרלאָרענע אייזלען". מען דאַרף אפֿשר נאָך צוגעבן, אַז נעמענדיק אין באַטראַכט די פּסיכאָלאָגיע וואָס באַהערשט היינט גרויסע טיילן פֿון דעם יונגן אידישן דור, איז שוין דער עצם פֿאַקט אַליין וואָס דער ציוניזם געהערט איצט צו די זיגרייכע און אָנערקענטע אידייעס געבוג אויף אָפּצושוואַכן זיין רעוואָלוציאָנערע צוציאונגס־קראַפֿט. אין דער הינזיכט איז די לאַגע פֿון ציוניזם אין אַ געוויסער מאָס ענלעך צו דער לאַגע פֿון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. די ציוניסטן, ווי די סאָציאַל־דעמאָקראַטן, זיינען געוואָרן „סאָלאָן־פֿעאיקע" מענטשן. די מענטשן וואָס האָבן אַמאָל גערעדט וועגן דער „אידישער רעוואָלוציע" זיינען שוין פֿון לאַנג געוואָרן סיים־דעפּוטאַטן און קהלה־פֿירער און האָבן שלום געמאַכט מיט דער עקזיסטירנדיקער וועלט. דער יונגער דור געפֿינט ביי זיי זייער ווייניק וואָס זאָל קענען זיך אַריינפּאַסן אין זיינע אייגענע באַגערן.

אָבער די גרונט־סיבה, וואָס עס ווערט אָפּט דערמאָנט אַלס אַ דערקלערונג פֿאַר דער אינערלעכער לאַגע אין ציוניזם, איז דער געדאַנק אַז די צייט פֿון נאַציאָנאַליזם איז שוין לאַנג פֿאַרשוואונדן; אַז די פּראָדוקטיווע תּקופֿה אין דעם נאַציאָנאַלן געדאַנק געהערט שוין דער פֿאַרגאַנגענהייט. אָט דאָס, זאָגט מען, איז דער שוואַכסטער פּונקט פֿון ציוניזם. די נאַציאָנאַלע אידייע האָט בכלל פֿאַרלאָרן איר דער־אָבערנדיקע און פֿירנדיקע קראַפֿט — און די דאָזיקע ירידה איז אויך משפּיע אויף דער אידישער נאַציאָנאַלער באַוועגונג. דאָס וואָס איז אַמאָל געווען אונזער סאַמע שאַרפֿסטער כּלי־זין איז שוין ניט מער קיין וואָגיקער וואָפֿן אין די גייסטיקע קאַמפֿן פֿון אידנטום.

און דאָס איז טאַקע די גרונט־פֿראַגע. איך האַלט, אַז די דאָזיקע אָפּשאַצונג איבער דער איצטיקער פּאָזיציע פֿון דער נאַציאָנאַלער אידייע איז איבעראיילט, געבויט אויף שטימונגען און שטאַרק אויבערפֿלעכלעך, אַז ער רירט אינגאַנצן ניט אָן דעם עיקר פֿון דער דאָזיקער פּראָבלעם. אָבער צווישן דעם דאָזיקן עיקר פֿון דער פּראָבלעם און דער אויבנ־

געבראַכטער דערקלערונג איז, לויט מיין מיינונג, פֿאַראַן אַ פֿאַרבינדונג אויף וועלכער עס איז כּדאַי זיך אָפּצושטעלן. דער עיקר פֿון דער פּראָבלעם דאַרף מען, גלייב איך, זוכן אין די ענדערונגען וואָס זיינען זינט דער מלחמה פֿאָרגעקומען אויפֿן שטח פֿון דער צווישנפֿעלקער־לעכער אָביעקטיווערווירקלעכקייט. די דאָזיקע ענדערונגען זיינען ווירקלעך זייער גרויסע. דער נאַציאָנאַליזם איז אַריינגעטראָטן אין אַ נייער תּקופֿה פֿון זיין געשיכטע. די דאָזיקע תּקופֿה עקזיסטירט שוין היינט אַלס אַ נייער פֿאַקט, אָבער זי עקזיסטירט נאָך ניט, אָדער כּמעט ניט, אַלס אַן אידעאָלאָגיע. די אידייע איז הינטערשטעליק אין פֿאַרגלייך מיט דער ווירקלעכקייט. פֿון דאַנען נעמט זיך דאָס געפֿיל פֿון שוואַכקייט און אומצוטרוי צו זיך אַליין אין דער געדאַנקען־וועלט פֿון די נאַציאָנאַלע באַוועגונגען. עס איז אונזער אויפֿגאַבע צו פֿאַר־שטיין די דאָזיקע נייע אַנטוויקלונגס־פֿאַזע און אירע אַנטשיידנדיקע יסודות און אויפֿן גרונט פֿון דער דאָזיקער דערקענטניש ווייטער צו כאָוועןn אונזער אידייע. די יעניקע וואָס זיינען היינט גרייט פֿון זיך אַראָפּצוואַרפֿן דעם גרויסן אמת פֿון דער ציוניסטישער אידייע אונטערן דרוק פֿון אַ מאָמענטאַלער פּאַניק באַווייזן אונז בלויז ווי נויטיק עס איז היינט אונזער „חשבון מיט זיך אַליין"; מיר דאַרפֿן זיך לערנען צו זען אונזער לאַגע און אונזער נאַציאָנאַלע באַוועגונג ניט אין שפּיגל פֿון פֿאַרבייגייענדיקע שטימונגען, נאָר אין ליכט פֿון די סאָציאַלע טענדענצן וואָס באַשטימען אונזער אָביעקטיווע לאַגע.

ב.

דער נייער קאַפּיטל אין דער געשיכטע פֿון דעם מאָדערנעם נאַ־ציאָנאַליזם, ווי ער ווערט דאָ דעפֿינירט, איז אַרויסגעוואַקסן פֿון די רעאַלע ענדערונגען אין די קעגנזייטיקע באַציאונגען פֿון די פֿאַרשיידענע נאַציעס, די גרויסע און די קליינע. מען דאַרף עס דערפֿאַר ניט באַ־טראַכטן ווי אַ טענדענץ פֿון אַ ריין־אינטעלעקטועלן כאַראַקטער, ווי איינעם פֿון די עטאַפּן אין דער אַזוי־גערופֿענער „גייסטיקער אַנטוויק־לונג פֿון דער מענטשהייט". מען קען טאַקע זאָגן אַז אויך אין דער הינזיכט איז די פּאָזיציע פֿון נאַציאָנאַליזם נאָך דער מלחמה געוואָרן אַנדערש פֿון דעם וואָס זי איז געווען אין דער פֿריערדיקער תּקופֿה. עס דאַרף גענומען ווערן אין באַטראַכט די פּסיכאָלאָגישע רעאַקציע וואָס איז אין דער וועלט געקומען נאָך דער לעצטער מלחמה. אַזעלכע רעאַקציעס זיינען בכלל גאַנץ אָפֿטע דערשיינונגען, און עס איז פֿאַר־

שטענדלֿעך פֿאַרוואָס מיר האָבן זיי איבערגעלֿעבט אויך אין די לֿעצטע יאָרן. מיר דוכט זיך, אַז די דאָזיקע פּסיכאָלֿאָגיש־אידעאָלֿאָגישע רעאַקציעס קומען אין צוויי ציקלֿען וואָס זיינען פֿאַרבונדן איינס מיטן אַנדערן. אויב מיר זאָלֿן זיך באַנוצן מיט אַ פֿאַרגלֿייך פֿון גאָר אַן אַנדער געביט, פֿון דער מאָדערנער ווירטשאַפֿטלֿעכער קריזיס־פֿאָרשונג, קען מען זאָגן אַז אויך בנוגע דעם נאַציאָנאַליזם זיינען געווען צוויי ציקלֿען — דער „גרויסער ציקלֿ" און דער „קלֿיינער ציקלֿ". אָנווענדנדיק די דאָזיקע טערמינאָלֿאָגיע אויף דער אידייען־געשיכטלֿעכער אַנטוויקלֿונג, קען מען זאָגן אַז דעם „גרויסן ציקלֿ" שטעלֿן מיט זיך יענע תּקופֿות וואָס זיינען אַרויסגעוואַקסן פֿון דעם אַרויף און אַראָפּ פֿון אוניווערסאַלֿע און פּאַרטיקולֿאַרע אידייען־שטרעמונגען. דער געוואַלֿטיקער גייסטיקער קאַמף צווישן די מיטלֿעלֿטערלֿעכע פּויפּסטן און דער רעפֿאָרמאַציע; די קאָנפֿליקטן צווישן דער צענטראַלֿיזירטער מלֿוכה־מאַכט און פֿאַרשיידענע באַוועגונגען וואָס האָבן געשטרעבט צו טעריטאָריאַלֿער אויטאָנאָמיע און באַטאָנט די ספּעציפֿישע אייגנשאַפֿטן און מנהגים פֿון דעם אָדער יענעם ראַיאָן; די סתּירה צווישן דער פֿראַנצויזישער ראַציאָנאַלֿיסטישער אויפֿקלֿערונג און דער היסטאָרישער ראָמאַנטיק — אָט די אַלֿע דערשיינונגען האָבן באַשטימט די לֿיניע פֿון דעם „גרויסן ציקלֿ". אָבער ווען מען אונטערזוכט אַביסלֿ דעם כאַראַקטער פֿון די דאָזיקע תּקופֿות, געפֿינט מען אַז זיי האָבן קיינמאָלֿ ניט אָפּגעלֿייקנט די ווירקלֿעכקייט וואָס איז דער יסוד פֿון דעם נאַציאָנאַלֿיזם. זיי האָבן אָפֿטמאָלֿ געבראַכט ענדערונגען אין די פֿאָרמען און אויסדרוקן פֿון דעם נאַציאָנאַלֿיזם, אָבער דעם עצם אינהאַלֿט פֿון דער נאַציאָנאַלֿער ווירקלֿעכקייט האָבן זיי ניט געזוכט צו פֿאַרניכטן. די דערשיינונגען וואָס זיינען פֿאַרבונדן מיט דער פּסיכאָלֿאָגישער רעאַקציע קעגן דעם נאַציאָנאַלֿיזם שטעלֿן מיט זיך פֿאָר באמת „קלֿיינע ציקלֿען"; די אייראָפּעאישע וועלֿט האָט זינט דער פֿראַנצויזישער רעוואָלֿוציע דורכגעמאַכט ניט ווייניקער ווי פֿיר אָדער פֿינף אַזעלֿכע ציקלֿען. עס איז ניט נויטיק צו דערקלֿערן, פֿאַרוואָס פּעריאָדן וואָס קומען נאָך „נאַציאָנאַלֿע" מלֿחמות זיינען באַזונדערס מסוגלֿ צו פֿירן צו קריזיסן און ירידות אין דער גייסטיקער פּאָזיציע פֿון דעם נאַציאָנאַלֿיזם. בעת אַ נאַציאָנאַלֿער מלֿחמה, אין די באַמיאונגען צו מאָביליזירן די נאַציאָנאַלֿע ענערגיע ביז צו דעם העכסטן פּונקט, איז מען גענויגט צו איבערטרייבן די באַדייטונג פֿון אַלֿע יענע גייסטיקע איינשטעלֿונגען וואָס פֿאַרבינדן דאָס פֿאָלֿק

מיטן נאַציאָנאַליזם: דער יסוד פֿון היסטאָריזם, דער קולט פֿון מאַכט און „דאָס רעכט פֿון שטאַרקן", די התבטלות פֿון דעם איינצלנעם פֿאַר דעם כּלל. אָבער די פֿאַרצווייפֿלונג פֿון די באַזיגטע און די אַנטוישונג פֿון די זיגער שאַפֿן, נאַטירלעך, תּקופֿות מיט אַ פֿאַרמינערטער פֿעאיקייט צו פֿאַרשטיין אָרגאַניש־היסטאָרישע דערשיינונגען און פֿון אויפֿשטייג פֿון סאָציאַלע שיכטן וואָס זיינען צוזאַמענגעבונדן דורך געמיינזאַמע אינטערעסן און נוצלעכקייט־חשבונות (קלאַסן און אַנדערע אינטערעסענטן־שיכטן). דאָס איבערטרייבן די באַדייטונג פֿון דער מלוכה־מאַכט מוז ברענגען אויף דער וועלט אידעאָלאָגיעס וואָס פֿאַרוואַרפֿן בכלל יעדע מלוכה־מאַכט, און די אונטערדריקטע רעכט פֿונם יחיד מוזן זוכן אַן אָנשפּאַר ביי פֿאַרשיידענע אָפּאָזיציאָנעלע אידעאָלאָגיעס, וואָס דערגייען אַמאָל ביז דער לעצטער גרענעץ פֿון אומגעפֿענטעטן עגאָאיזם. עס איז ניט שווער צו פֿאַרשטיין פֿאַרוואָס דער גרויסער חורבן פֿון דער לעצטער מלחמה האָט געבראַכט אויף דער וועלט אַזאַ מין רעאַקציע־ציקל.

אַזאַ רעאַקציע קען אפֿשר לאָזן לייכטע שפּורן אויף דעם אידישן נאַציאָנאַליזם, אָבער זיין יסוד קען זי ניט שעדיקן. די אידישע נאַציאָנאַלע באַוועגונג געהערט צו דער קאַטעגאָריע „הונגער־נאַציאָנאַליזם", און עס ניטאָ קיין שייכות צווישן אים און די פֿאַרשיידענע מינים שאָוויניזם און אימפּעריאַליזם וואָס שלעפּן זיך נאָך דער נאַציאָנאַלער אידייע. עס איז ניטאָ קיין שום שייכות צווישן דעם אידישן נאַציאָנאַליזם און וועלכן עס איז מאַכט־נאַציאָנאַליזם. אויך די רעזולטאַטן פֿון דער לעצטער מלחמה האָבן ניט געענדערט דעם יסוד פֿון דעם אידישן נאַציאָנאַליזם — דער קאַמף פֿון דעם אידישן פֿאָלק פֿאַר זיין עצם עקזיסטענץ. דער אידישער נאַציאָנאַליזם האָט ניט קיין שייכות מיט דער דעראָבערונג פֿון לענדער, מיט אַנעקסיעס, מיט דער אויסברייטערונג פֿון גרענעצן אָדער מיט קאַמף פֿאַר מער מאַכט. זיין אויפֿגאַבע איז צו שאַפֿן די סאַמע נויטיקסטע באַדינגונגען פֿאַרן לעבן פֿון אַ גרויסן קולטור־פֿאָלק, פֿאַר דעם ווייטערדיקן קיום פֿון דער אידישער נאַציאָנאַלער אינדיווידואַליטעט און אירע אייגנשאַפֿטן. מיט רעכט האָט מען אָנגעוויזן דערויף, אַז אַפֿילו אונזער קאָלאָניזאַציע־ווערק אין ארץ ישראל איז אַנדערש פֿון אַנדערע קאָלאָניזאַציעס דערמיט וואָס זיין ציל איז קאָנצענטראַציע, און ניט עקספּאַנסיע. עס האַנדלט זיך ניט וועגן אַ "מוטער־לאַנד" וואָס זוכט צו שאַפֿן אַ „קאָלאָניע" כּדי אויסצוברייטערן זיין מאַכט און שאַפֿן

נייע געלעגנהייטן פֿאַר זיינע איבערפֿליסיקע מענטשן און קאַפּיטאַלן, נאָר וועגן דער געמיינזאַמער אָנשטרענגונג פֿון בע׳עול׳טע מאַסן, וואָס שאַפֿן אַ „מוטערלאַנד" וואָס זאָל מעגלעך מאַכן די באַנייאונג פֿון דעם אידישן פֿאָלק און דינען אַלס באָדן פֿאַר דער אָפּהיטונג פֿון דער אידישער פֿיזיאָנאָמיע און איר פֿרייער, שעפֿעריִשער אַנטוויקלונג. עס דאַרף זיין קלאָר, אַז צווישן אַזאַ שטרעבונג און דעם „נאַציאָנאַליזם" פֿון אַ קלעמאַנסאָ אָדער וועסטראַפּ איז ניטאָ די מינדעסטע שייכות. דער מיסברויך פֿון ווערטער קען אפֿשר אין אַ צעמישטער איבערגאַנגס־צייט צעמישן איבערפֿלעכלעכע מוחות און שוואַכע ווילנס. עס איז אָבער אומפֿאַרמיידלעך, אַז מיט דער צייט זאָל דער לויטערער מהות פֿון אונזער נאַציאָנאַליזם קלאָר ווערן פֿאַר יעדן איינעם וואָס איז פֿעאיק זיך טיפֿער אַריינצוטראַכטן אין די ענינים. עס איז אוממעגלעך, אַז דער מענטשלעכער ווערט פֿון דעם עקזיסטענץ־קאַמף פֿון אַ היסטאָרישן פֿאָלק — „אַ קולטור־מאַכט" ווי אידן, אַ פֿאָלק וואָס לעבט אין אַזעלכע שווערע אוממענטשלעכע באַדינגונגען — זאָל ניט ווירקן אויפֿן באַוואוסטזיין און האַרץ פֿון בעסערן מענטשן, ניט געקוקט אויף אַלע מאָדערנע שטימונגען. דאָס וועט געשען בנוגע אידן, אַזוי ווי עס איז געשען מיט אַנדערע פֿעלקער. די בעסטע פֿון אַנדערע פֿעלקער האָבן מיט דער טיפֿסטער סימפּאַטיע באַגלייט דעם קאַמף פֿון די אונטערדריקטע פֿעלקער פֿאַר זייער עקזיסטענץ און פֿרייהייט — די Risorgimento פֿון די איטאַליענער, דעם גריכישן באַפֿרייאונגס־קאַמף, דעם קאַמף פֿון קאָשטשושקאָ און פּאַרנעל. די מאָמענט־רעאַקציע קעגן געוויסע נאַציאָנאַליסטישע אידעאָלאָגיעס קען דערפֿאַר ניט דינען אַלס מאָסשטאַב פֿאַר דער אינערלעכער באַדייטונג פֿון אונזער נאַציאָנאַלער באַוועגונג.

ג.

די נייע תּקופֿה אין דער נאַציאָנאַלער אַנטוויקלונג, ווי מיר פֿאַסן זי אויף, ווערט באַשטימט דורך ממשות׳דיקע ענדערונגען אין דער סטרוקטור פֿון די נאַציאָנאַלע באַציאונגען אין דער וועלט, און זיי איבן אויך אויס אַן איינפֿלוס אויף דער סטרוקטור פֿון דער נאַציאָנאַלער אידייע. די דאָזיקע ענדערונגען זיינען מערסטנטייל אויך רעזולטאַטן פֿון דער מלחמה. די ערשטע צווישן די דאָזיקע טאַטזאַכן איז אָן ספֿק דער אויפֿקום פֿון די נייע נאַציאָנאַלע מלוכות, וועלכע זיינען אַנטשטאַנען אַלס רעזולטאַט פֿון די פּאָליטישע רעוואָלוציעס אין

די יאָרן 1918־1917. דאָס שאַפֿן פֿון די דאָזיקע שטאַטן באַצייכנט דעם נצחון פֿון די פֿאַרשיידענע נאַציאָנאַלע באַוועגונגען. אויב די פֿאַר־שקלאַפֿטע פֿעלקער פֿון די רוסישע, עסטרייכישע און טערקישע אימ־פּעריעס זיינען פֿאַר דער לעצטער מלחמה געשטאַנען מיט אונז, אידן, אויף איין לאַנגער פֿראָנט־ליניע, האָבן אָבער היינט די מערסטע פֿון זיי דערגרייכט דעם ערשטן אויסערלעכן ציל פֿון זייער קאַמף. פּאָ־ליאַקן און טשעכן, דרום־סלאַוון און ליטווינער, אירלענדער און עסטאָנער — אַלע האָבן דערגרייכט נאַציאָנאַלע פֿרייהייט און נאַ־ציאָנאַלע מלוכות אויפֿן יסוד פֿון זעלבסט־באַשטימונג. אין דער הינזיכט איז געלייזט געוואָרן און אַראָפּ פֿון דער טאָג־אָרדענונג איינע פֿון די וויכטיקסטע פּראָבלעמען אין דעם פֿראַגן־קאָמפּלעקס פֿון דעם נאַ־ציאָנאַליזם בכלל. אַז מען וויל פֿאַרשטיין די אַלגעמיינע באַדייטונג פֿון דער דאָזיקער פֿראַגע, דאַרף מען זיך בלויז דערמאָנען אַז זי איז געווען איינע פֿון די הויפּט־סיבות וואָס האָבן געפֿירט צום אויסברוך פֿון דער לעצטער מלחמה. נאָך וויכטיקער איז אפֿשר, וואָס בעת דער מלחמה איז ניט געווען קיין שטאַרקערער און פּאָפּולערער לאָזונג ווי די באַפֿרייאונג און זעלבסטבאַשטימונג פֿון די אונטערדריקטע פֿעל־קער. דער נצחון פֿון די אַליאירטע פֿעלקער דערקלערט זיך אין גאָר ניט קיין קלענער מאָס דערמיט וואָס די „אַנטאַנט"־מלוכות האָבן ניט באַוויזן זיך עפֿעקטיוו צו באַנוצן מיט דעם דאָזיקן לאָזונג. אָבער דער אָביעקטיווער רעזולטאַט פֿון דער דאָזיקער אַנטוויקלונג האָט אומפֿאַרמיידלעך געפֿירט צו דער אויפֿלייזונג פֿון דעם לאַנגן פֿראָנט פֿון די פֿעלקער וואָס האָבן צוזאַמען געקעמפֿט פֿאַר זייער פֿרייהייט. דער טייטש דערפֿון איז, אין אַלגעמיינע טערמינען: אַן אַבסאָלוטער צוריקטריט פֿון דעם אַלגעמיינעם נאַציאָנאַליזם פֿון דעם שטח פֿון אַ קעמפֿנדיקער באַוועגונג צו דעם שטח פֿון מלוכה׳שער אַנטוויקלונג. פֿון דעם שטאַנדפּונקט פֿון אונזער אייגענער לאַגע הייסט עס: די אי־זאָלאַציע פֿון אידישע נאַציאָנאַליזם.

אַזוי ווי די אידישע נאַציאָנאַלע באַוועגונג, וואָס איז קאָנצענטרירט אויף ארץ ישראל, געפֿינט זיך אין גאָר אַן אַנדער לאַגע ווי די נאַציאָ־נאַלע באַוועגונגען פֿון די אַנדערע פֿעלקער — זי קען דאָך איר ציל ניט דערגרייכן דורך אַ פּאָליטישער רעוואָלוציע אָדער דורך פּראָ־קלאַמירן איר אומאָפּהענגיקייט, נאָר בלויז דורך אַ לאַנג־דויערנדיקן קאָלאָניזאַציע־פּראָצעס — איז דאָך ניט מעגלעך אַז זי זאָל אַפֿילו מיט די גרעסטע אָנשטרענגונגען, איר ציל דערגרייכן אַלס אַ רעזול־

טאַט פֿון אַ פּאָליטישער קאָניונקטור. אין בעסטן פֿאַל וועט זי מצליח זיין ווען זי וועט באַווייזן צו שאַפֿן די פֿאַרבאַדינגונגען פֿאַר דער דערגריי־כונג פֿון די צילן פֿון דער נאַציאָנאַל־פּאָליטישער באַפֿרייאונג — בעת די אַנדערע נאַציאָנאַלע באַוועגונגען האָבן דעם זעלבן ציל דערגרייכט אָדער וועלן עס דערגרייכן דורך אַ רעוואָלוציאָנער־פּאָליטישן פּראָ־קלאַמיר־אַקט, וועלכן מען קען אויספֿירן אין משך פֿון פֿיר און צוואַנציק שעה. אַזוי־אַרום איז די אידישע נאַציאָנאַלע באַוועגונג גע־בליבן איזאָלירט אין איר ספּעציפֿישער אַנטוויקלונגס־סטאַדיע. אין אַן ענלעכער לאַגע, אין אַ געוויסער מאָס, געפֿינט זיך אפֿשר בלויז די נאַציאָנאַלע באַוועגונג פֿון די אַרמענער.

לאָמיר זיך ניט איינרעדן, אַז אין רוסלאַנד, אין דעם סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, איז אַזאַ אַנטוויקלונג ניט פֿאָרגעקומען. אויך דאָרטן קומט פֿאַר דער דאָזיקער פּראָצעס, כאָטש ער האָט ניט געפֿירט צו דעם אויפֿשטעלן פֿון הונדערט פּראָצענט פֿרייע מלוכות, נאָר בלויז צום שאַפֿן פֿון נאַציאָנאַל־אויטאָנאָמע ראַיאָנען אין דער אומפֿאַסנדיקער ראַם פֿון דעם ראַטן־פֿאַרבאַנד. אָבער פֿון אונזער נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט איז די יורידישע פֿראַגע פֿון מלוכה׳שער אומאָפּהענגיקייט אַ פֿראַגע פֿון צווייטן ראַנג. אויך אין רוסלאַנד זיינען ביז דער לעצטער מלחמה די פֿאַרשיידענע פֿעלקער און שבטים, וואָס האָבן געלעבט אונטער דער בייטש פֿון די ראָמאַנאָווס, געווען פֿאַרייניקט אין איין בונד, וואָס האָט אויך אַריינגענומען די מיליאָנען רוסישע אידן און האָבן בשותּפֿות געפֿירט דעם קאַמף פֿאַר די נאַציאָנאַלע רעכט און פֿאָדע־רונגען. דאָס שאַפֿן פֿון נאַציאָנאַל־אויטאָנאָמע ראַיאָנען האָט באַפֿרי־דיקט די גרונט־פֿאָדערונגען פֿון די פֿעלקער וואָס זיינען געווען נאַציאָ־נאַל אונטערדריקט אונטער דעם צאַרישן רעזשים. אָבער די אידן זיינען, צו דער איבעראַשונג פֿון פֿילע, געבליבן איזאָלירט אין דער דאָזיקער אַנטוויקלונג. פֿון די פֿילע דעקלאַראַציעס פֿון סאָוועטישע מלוכה־מענער בנוגע דעם פּלאַן פֿאַר אַ אידישער טעריטאָריע אין קרים שטעקט אַרויס די דאָזיקע איבעראַשונג. איבעראַשט זיינען, פֿאַרשטייט זיך, בלויז די יעניקע וואָס זיינען ניט פֿעאיק צו זען די ספּעציפֿישע, פּרעצעדענטלאָזע באַדינגונגען פֿון דעם אידישן נאַציאָ־נאַלן קיום און דעם טראַגישן גרונט־פֿאַקט וואָס באַשטימט זיין מהות — די באָדנלאָזיקייט פֿון אידישן קיבוץ. די אידן האָבן געקעמפֿט צוזאַמען מיט די גרוזינער, אוקראַינער און פֿינען — עס איז גענוג צו דערמאָנען די ערשטע „דומע״ — פֿאַר די נאַציאָנאַלע רעכט פֿון

די אונטערדריקטע פֿעלקער, אָבער ווען דער דאָזיקער קאַמף האָט געבראַכט דעם זיג איז קלאָר געוואָרן אַז די גרוזינער, אוקראַינער און פֿינען זיינען באמת געווען מענטשן, איינגעוואָרצלטע אין באָדן, אָבער זייערע שותּפֿים, די אידן, זיינען בלויז שאָטנס פֿון מענטשן, באַשעפֿענישן וואָס האָבן ניט קיין באָדן און ניט דאָס רעכט אויף אים אויסצושפּרייטן זייער שאָטן. די אויטאָנאָמיע פֿון די רוסישע פֿעלקערשאַפֿטן איז דורכגעפֿירט געוואָרן אויף אַ טעריטאָריאַלן יסוד. די רוסישע רעגירונג האָט אָנערקענט ניט נאָר דאָס רעכט פֿון יעדן נאַציאָנאַלן ראַיאָן אויף זיין שפּראַך און נאַציאָנאַלער קולטור און ניט נאָר געשאַפֿן אַ גאַנצע ריי נאַציאָנאַלע דערציאונגס־סיסטעמען, אָנהייבנדיק מיט דער שול און ענדיקנדיק מיט דער אוניווערזיטעט, נאָר אַפֿילו די רעגירונגס־אַדמיניסטראַציע איז אין די דאָזיקע טעריטאָריעס, אונטערן דרוק פֿון אַ שטאַרקער נאַציאָנאַלער סטיכיע, איבערגעגאַנגען אין די הענט פֿון זייערע איינוואוינער. ביסלעכווייז זיינען אַפֿילו געשאַפֿן געוואָרן ספּעציעלע קאָמיסאַריאַטן פֿאַר דער נאַציאָנאַלער ווירטשאַפֿט. אָבער די אידן, וואָס פֿאָרמעל איז אָנערקענט געוואָרן זייער פֿאָדערונג אויף נאַציאָנאַל־פּערסאָנאַלער אויטאָנאָמיע, זיינען פֿאַקטיש (אויסער די שולן אויף דער אידישער שפּראַך) געבליבן מחוץ דער דאָזיקער אַנטוויקלונג. נאָך מער, אין משך פֿון דער צייט איז געקומען צו שאַרפֿע צוזאַמענשטויסן מיט זייערע נעכטיקע קאַמפּס־חברים וואָס זיינען דערווייל געוואָרן מלוכה־מענטשן. ווי מיר הערן, האָט די „נאַציאָנאַליזירונג" פֿון דער אַדמיניסטראַציע אין אוקראַינע די אידן געבראַכט ניט ווייניקער שאָדן, ווי די רוסן. אַזוי איז די אידישע נאַציאָנאַלע באַוועגונג איזאָלירט געוואָרן אויך אין די גרענעצן פֿון סאָוועטן־פֿאַרבאַנד.

עס איז אָבער ניט איבעריק צו באַמערקן, אַז אייגנטלעך עקזיסטירט די זעלבע לאַגע אויך אויפֿן איינציקן שטח אויף וועלכן עס פֿונקציאָנירט נאָך אויך היינט אַ בשותּפֿות'דיקע טעטיקייט צווישן אידן און אַנדערע נאַציאָנאַלע קבוצים — אויפֿן שטח פֿון דער מינאָריטעטן־פּאָליטיק. לאָמיר זיך איצט ניט אָפּשטעלן אויף פּאָליטיש־יורידישע פֿאָרמען פֿון דער מינאָריטעטן־באַוועגונג. איר פּאָליטישער אינהאַלט ליגט זיכער דערין וואָס פֿאַרשיידענע נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן לעבן אין דער ראַם פֿון איין מלוכה, אָבער אין די גרענעצן פֿון דעם דאָזיקן געאָגראַפֿישן שטח זיינען זיי אויך פֿאַרבונדן מיט דער מערהייט פֿון זייער פֿאָלק. אונטער אַזעלכע באַדינגונגען לעבן, צום ביישפּיל, די

דייטשן אין אויבערשלעזיע און דרום־טיראָל, די אוקראַינער און די רוסן און ווייס־רוסן אין פּוילן. דער כּוח פון די פאָדערונגען, וואָס די דאָזיקע מינאָריטעטן שטעלן, נעמט זיך דערפון וואָס זיי געפינען זיך אין אַ מאַגנעטישן פעלד פון אַן Irridenta. אַחוץ דעם איז אויך פאַראַן אַ פּראָבלעם פון אינזלען — קליינע שפּראַך־ אָדער ראַסע־אינזלען וואָס זיינען צעזייט און צעשפּרייט, אַרומגערינגלט פון אַ פרעמדן קולטור־לעבן. אַזוי לעבן די דייטשן אַרום לאָדזש אָדער אין טראַנסילוואַניע. אַ מינדערהייט וואָס באַשטייט אינגאַנצן פון אַזעלכע צעזייטע פאָלקס־ברעקלעך איז ניטאָ — אַחוץ אידן. און דערפאַר, ווען די אידן אין פּוילן פירן היינט אַ נאַציאָנאַלע פּאָליטיק געמיינזאַם מיט די אוקראַינער אָדער רוסן, איז זייער פּאָליטישע לאַגע ווידער דורכאויס אַנדערש פון דער לאַגע פון זייערע שותּפים. פון אויבן אויף זעט מען אַ פאַראייניקטן פראָנט, אָבער די דאָזיקע איינהייט קען זיך פונאַנדערפאַלן ביי יעדן ערנסטן קריזיס.

ד.

קען מען דערפאַר זאָגן, אַז בעת די אידישע נאַציאָנאַלע באַוועגונג איז פאַר דער מלחמה געווען אַ טייל פון אַ ברייטער אַלגעמיינער באַוועגונג פון אַלע אונטערדריקטע פעלקער וואָס האָבן געשטרעבט צו זייער זעלבסטבאַשטימונג, איז זי היינט, אין גרונט גענומען, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אייגנטלעך אידישער פראַגע. אין דער צייט וואָס פאַר דער מלחמה האָט זיך איר גלאַנץ און געוויכט אין דעם באַוואוסטזיין פון דער וועלט (און אויך אין באַוואוסטזיין פון די אידן) גענומען פון איר ברייטן פאַרנעם, דאָס הייסט פון דער אַלגעמיינער וויכטיקייט פון דער פּראָבלעם, דאַרף היינט די אידישע נאַציאָנאַלע באַוועגונג איר ליכט און איר ווערט שעפּן פון זיך אַליין, פון דער ספּעציפישער אידישער לאַגע און דער זעלבסט־חשיבות פון דער אידן־פראַגע. בעת זי האָט פריער זיך געקענט שטיצן אויף שטאַרקערע און וויכטיקערע פון איר אַליין, נויטיקט זי זיך היינט פיל מער אין אייגענע כּוחות, אינערלעכער פעסטקייט און אייגענער התמדה.

דרך־אגב, איז כּדאַי צוצוגעבן, אַז דער פאָרשריט פון דעם נאַציאָנאַליזם פון די אַזיאַטישע פעלקער אין די לעצטע יאָרן ענדערט ניט אין גרונט די איצטיקע לאַגע פון אונזער נאַציאָנאַלער באַוועגונג. איך וויל זיך דאָ ניט אַריינלאָזן אין פּרטים וועגן דעם אַזיאַטישן נאַציאָנאַליזם. עס איז בכלל אַ טעות צו מיינען, אַז די אינדישע אָדער כינעזישע נאַציאָנאַלע באַוועגונג האָט אַ וועזנטלעכע ענלעכקייט אויף

אַ מאָדערנער נאַציאָנאַלער באַוועגונג (כאָטש די דאָזיקע אַזיאַטישע נאַציאָנאַליזמען האָבן זייערע פֿאָרמען און סימבאָלן כמעט אינגאַנצן איבערגענומען פֿון דעם אַרסענאַל פֿון דעם אייראָפּעאישן נאַציאָנאַליזם). דאָס איז בעצם אַ ריין נעגאַטיווער נאַציאָנאַליזם, אַן אויפֿשטאַנד קעגן דעם דרוק פֿון פֿרעמדע פּאָליטישע אינטערעסן אָדער אַ ווידערשטאַנד קעגן אייראָפּעאישער הערשאַפֿט. פֿון שטאַנדפּונקט פֿון פּאָזיטיוון אינהאַלט, דוכט זיך מיר, אַז דער פֿעלקער־בונד וואָס טראָגט דעם נאָמען אינדיע אָדער דער פֿעלקער־בונד וואָס טראָגט דעם נאָמען כינע, אַנטהאַלט אין זיך גייסטיקע שטרעמונגען וואָס די פּראָבלעמען וואָס באַוועגן זיי זיינען אין עצם זייער ווייט פֿון דעם מאָדערנעם אייראָפּעאישן נאַציאָנאַליזם. דאָס אַנטשיידנדיקסטע אָבער איז וואָס די וואויך־לענדער פֿון די אידישע מאַסן אומעטום, אין אייראָפּע און אין אַמע־ריקע, געפֿינען זיך מחוץ דער קולטורעלער און פּסיכאָלאָגישער איינ־פֿלוס־ספֿערע פֿון די אַזיאַטישע נאַציאָנאַלע באַוועגונגען. דער דייטשער אָדער פּוילישער איד איז היינט עלול צו קוקן מיט סימפּאַטיע אויפֿן קאַמף פֿון די כינעזער קעגן די אימפּעריאַליסטישע גרויס־מאַכטן, ער איז אָבער צו ווייט פֿון די עלעקטרישע שטראָמען וואָס שטויסן זיך צוזאַמען אין דער דאָזיקער מלחמה, אַז ער זאָל פֿון זיי קענען ציען וואָסערע עס איז שלוסן בנוגע זיין לאַגע און זיין ספּעציעלער פּראָבלעם.

אונזער לאַגע איז דערפֿאַר טאַקע געוואָרן בוכשטעבלעך אונזער לאַגע, אָבער אין אָט דער טאַטזאַך ליגט ניט נאָר אַ נעגאַטיווער, נאָר אויך אַ פּאָזיטיווער עלעמענט, וועלכן עס איז כּדאַי בולט אַרויסצושטעלן. אויב איזאָלאַציע אין קאַמף איז פֿון איין זייט אַ סיבה פֿון שוואַכקייט, קען זי, פֿון דער אַנדערער זייט, ווערן אַ פֿאַקטאָר וואָס איז עלול צו סטימולירן גרעסערע אָנשטרענגונגען. אויב די דאָזיקע איזאָלאַציע שטעלט מיט זיך פֿאָר, פֿון איין זייט, אַ סכּנה און דראָאונג, שטאַרקט זי פֿון דער אַנדערער זייט דאָס געפֿיל פֿון סאָלידאַריטעט און דעם אַחריות־באַוואוסטזיין פֿון יעדן פּרט. בעת משה העס האָט אויפֿן שער־בלאַט פֿון זיין „רוים און ירושלים" געשריבן די ווערטער „די לעצטע נאַציאָנאַלע פֿראַגע" האָט ער אפֿשר אַליין ניט געוואוסט, וואָס פֿאַר אַן אמת'ע נבֿואה עס איז געלעגן אין דעם אונטערטיטל פֿון זיין בוך. אָבער אין באַוואוסטזיין פֿון אונזער צייט, און באַזונדערס אין באַוואוסט־זיין פֿון דעם יונגן אידישן דור, איז דאָס דאָזיקע וואָרט ניט מער קיין ליטעראַטור, נאָר לעבעדיקע, שאַרפֿע און דערשיטערנדיקע וויר־ק

לעבקייט. אַלע פּעלקער האָבן אין לעצטן יאָרהונדערט זיך דעראָבערט די פּאָליטישע און קולטורעלע באַדינגונגען, וואָס פאַרזיכערן דעם קיום פון דער היסטאָרישער אינדיווידואַליטעט — אָבער דער קיום פון אידישן פאָלק איז נאָך ניט פאַרזיכערט. די לעצטע נאַציאָנאַלע פראַגע, אונזער לעבנס־פראַגע, בלייבט שטיין ווי געווען און זי וועט בלייבן אומגעלייזט כל זמן עס וועלן ניט געשאַפן ווערן די גאַראַנ־טיעס פאַר אונזער צוקונפט דורך דעם אויפבוי פון ארץ ישראל און דער אָרגאַניזירונג פון די אידן אין גלות. קען זיך אַ איד באַפרידיקן מיט זאָגן מזל טוב די פּאָליאַקן און די טשעכן און גאָרניט טאָן פאַר זיך אַליין? דאַרף ער זיך ניט שטעלן זיבן מאָל אַ טאָג די פראַגע, צי קען די מענטשהייט פאַר אים זיין אַ מענטשהייט כל זמן זיין פאָלק האָט זיך ניט דעראָבערט אַ פּלאַץ אונטער דער זון? מוז ער ניט לערנען פון די לעצטע יאָרן אַז זיין נאַציאָנאַלע פראַגע, די אידישע פראַגע, עקזיסטירט אַזוי ווי פריער — נאָך אַלע סאָציאַלע און פּאָליטישע רעוואָלוציעס וואָס זיינען אין דער וועלט פאָרגעקומען — און אַז זי קען האָבן בלויז איין לייזונג: אויטאָעמאַנציפּאַציע? דאַרף ער ניט זאָגן זיך אַליין, אַז אין אָט דער שפּעטער שעה איז נייטיק די קאָנצענ־טראַציע פון אַלע כוחות כדי צו דעראָבערן די זעלבסט־באַפרייאונג פון אידישן פאָלק?

דאָס וואָס מיר זיינען געוואָרן כמעט די איינציקע טרעגער פון דער נאַציאָנאַלער אידייע, טראָגט אין זיך נאָך איין גרויסע פּאָזיטיווע מעגלעכקייט. בעת אונזער נאַציאָנאַלע באַוועגונג איז פריער געווען איינע צווישן פילע, ווערט אונז היינט געגעבן די מעגלעכקייט צו שעפן פון יענע ספּעציפישע ווערטן וואָס די אידישע קולטור האָט געשאַפן אין דער פאַרגאַנגענהייט און אין דער קעגנוואַרט. די דאָזיקע ווערטן זיינען אונז אויך מחייב בנוגע דער צוקונפט: ניט כאָוועץ פונדאַסניי די „מיסיע״־אידייע, נאָר בולט׳ער צו מאַכן די אייגנאַרטיקע ליניע אין דעם גייסטיקן לעבן פון דעם היסטאָרישן אָרגאַניזם, וואָס טראָגט דעם נאָמען אידיש פאָלק, צו דערקענען אין אונזער געשיכטע דאָס אייגנאַר־טיקע, וואָס האָט ניט קיין גלייכן אין דער מענטשלעכער קולטור. אַפילו דעם סאַמע טעמפּסטן צווישן אונז וועט זיך דורך דעם אַנטפּלעקן ניט נאָר דאָס רעכט פון אידישן פאָלק אויף לעבן, נאָר נאָכמער, זיין פליכט צו לעבן און ווייטער צו שאַפן.

ה.

דאָס אויבנגעזאָגטע שעפּט נאָך ניט אויס די וויכטיקסטע ענדערונגען וואָס זיינען פֿאָרגעקומען אין דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג אין דער נייסטער תּקופֿה. די נייע נאַציאָנאַלע מלוכות אַליין האָבן מיט דער צייט קלאָר געמאַכט אַ סתירה אין דעם פּרינציפּ פֿון נאַציאָנאַלער זעלבסט־באַשטימונג. עס האָט לאַנג ניט גענומען ביז מען האָט אָנגעהויבן רעדן וועגן דער „באַלקאַניזאַציע" פֿון אייראָפּע. ניט נאָר זיינען פֿיל פֿריערדיקע באַגייסטערטע חסידים פֿון דעם אַבסטראַקטן פּרינציפּ פֿון נאַציאָנאַלער פֿרייהייט אַנטוישט געוואָרן, זעענדיק דיווירקלעכקייט אין די דאָזיקע מלוכות, נאָר מען האָט זיך אַרומגעזען, אַז די יונגע מלוכות זיינען, אין זייערע האָניק־חדשים אַביסל צו ווייט אַוועק אין אַדמיניסטראַטיווע איבערטרייבונגען, עקסצעסן פֿון מאַכט־הונגער, גרענעץ־סכסוכים און גרענעץ־בלאָקאַדעס. אין דעם שאַפֿן פֿון די באַגלייט־דערשיינונגען פֿון די נייע מלוכות האָט אַנטשיידן אַן אָביעקטיווער פֿאַקטאָר. די נייע נאַציאָנאַלע שטאַטן זיינען אויפֿגעקומען אין אַ צייט בעת די ווירטשאַפֿטלעכע אַנטוויקלונג פֿון דער וועלט איז אַריבערגעטראָטן די גרענעצן פֿון דער סואווערענער נאַציאָנאַלער מלוכה. דאָס האָט געמוזט אַנטשיידנדיק ווירקן אַפֿילו אויף די גרויסע נאַציאָנאַליטעטן מלוכות. זיי זיינען, אין אַ געוויסן זין, אויך ניט מער ווי ראַיאָנען פֿון אַ ווירטשאַפֿטלעכער וועלט־סיסטעם. זייער סטרוקטור ווערט באַשטימט דורך זייער קעגנזייטיקער אָפּהענגיקייט און דורך די מעכטיקע ווירטשאַפֿטלעכע אינסטיטוציעס, די בענק, טראָסטן און קאַרטעלן, וואָס לאָזן זיך ניט איינשליסן אין די גרענעצן פֿון אַ באַשטימטן מלוכה־שטח. און אויב דאָס איז אמת בנוגע די גרויסע מלוכות, איז דאָך שוין אָפּגערעדט וועגן אַזעלכע קליינע מלוכות ווי ליטע, לאַטוויע אָדער אַפֿילו אונגאַרן און טשעכאָסלאָוואַקיע. אין משך פֿון אַ קורצער צייט איז, אונטערן דרוק פֿון די עקאָנאָמישע באַדינגונגען, קלאָר געוואָרן דער גרונט־פֿעלער פֿון די דאָזיקע יונגע נאַציאָנאַלע מלוכות — די שעדלעכע רעזולטאַטן פֿון זייער אָפּגעשלאָסנקייט. דער פֿאַקט וואָס די מערסטע נייע שטאַטן זיינען sukzessionsstaaten, דאָס הייסט, זיי זיינען אַנטשטאַנען אַ דאַנק דעם פֿונאַנדערפֿאַל פֿון ברייטערע ווירטשאַפֿטלעכע געביטן, וואָס האָבן פֿריער פֿונקציאָנירט אַלס איינהייטן — האָט נאָך בולט'ער געמאַכט די שעדלעכקייט פֿון דער נייער אַנטוויקלונג. די עסטרייכישע רעפּובליק, מיט ווין און איר הויך־אַנטוויקלטער אינדוסטריע, איז געבליבן אויף איין זייט

גרענעץ, בעת די רוי־מאַטעריאַלן און האַלב־פֿאַבריקאַטן זיינען אַריינגעפֿאַלן אין די גרענעצן פֿון טשעכאָסלאָוואַקיע. גלייכצייטיק זיינען אין אונגאַרן און יוגאָסלאַוויע פֿאַרשלאָסן געוואָרן ברייטע מערק פֿאַר די דאָזיקע פּראָדוקטן. צווישן אַט־די לענדער זיינען אויפֿגעשטעלט געוואָרן קאָמפּליצירטע טאַריף־ווענט, גרענעץ־הינדערנישן און קאָנטראָלן. בעת די פּוילישע אינדוסטריע, וואָס האָט אַמאָל אַזוי געבליט, איז געוואָרן חרוב און אָרעם, נאָכדעם ווי זי איז אָפּגעריסן געוואָרן פֿון רוסישן מאַרק, האָט זיך אין די באַלטישע לענדער אַנטוויקלט אַ נעבעכדיקע אינדוסטריע, כאָטש אַט־די אַלע מלוכות האָבן זיך באַמיט קינסטלעך צו כאָוועון זייערע אינדוסטריעס, דורך שוץ־טאַריפֿן און אַנדערע פֿאַרמען פֿון מלוכה־געזעצן.

אָט דער קאָנפֿליקט, אין וועלכן עס קומט צום אויסדרוק די סתּירה צווישן די ניי־געשאַפֿענע פּאָליטיש־נאַציאָנאַלע פֿאָרמען און דער אָביעקטיווער ווירטשאַפֿטלעכער אַנטוויקלונגס־סטאַדיע, מוז פֿירן צו דער רעלאַטיוויזאַציע פֿון דער אידעע פֿון נאַציאָנאַלער סוווערעניטעט. עס איז אָבער אינטערעסאַנט צו זען וויאַזוי די דאָזיקע סתּירה האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אויפֿן קולטור־לעבן פֿון די נייע נאַציאָנאַלע מלוכות. אַזוי גיך ווי זיי זיינען געוואָרן אומאָפּהענגיקע מלוכות און האָבן אָנגעהויבן איינפֿירן זייערע שפּראַכן אין די שולן, געריכטן און אַדמיניסטראַציע, האָבן זיי גלייכצייטיק אויך גענומען שטאַרק אונטערשטרייכן די פֿאַרבינדונגען וואָס פֿאַראייניקן די גאַנצע אייראָפּעאישע קולטור. אָקאָרשט איז באַפֿרייט געוואָרן די נאַציאָנאַלע קולטור און שוין האָט מען זיך אָנגעהויבן פֿילן, באַזונדערס אין די קרייזן פֿון דער אינטעליגענץ פֿון די קליינע פֿעלקער, זייער גערדיקט און מען האָט זיך אָנגעהויבן זאָרגן וועגן די רעזולטאַטן פֿון דער איזאָלאַציע אין די ענגע גרענעצן פֿון אַן אָפּגעשטאַנענער שפּראַך און קולטור. דווקא אין דעם מאָמענט האָט מען אָנגעהויבן שאַרף פֿילן די גייסטיקע איינהייט פֿון אייראָפּע. מיר זעען איצט פֿאַר די אויגן אַ נייעם אַקט פֿון דער דראַמע, וועלכן קאַרל רענער האָט אַמאָל כאַראַקטעריזירט אין אָט די ווערטער: „די פֿאַרכאַפּנדיקע דראַמע פֿון צעלן וואָס אַנטלויפֿן איינע פֿון דער צווייטער און ווערן פֿאַרפֿלאָכטן, אין דעם כּסדר׳דיקן פּראָצעס פֿון אַנטלויפֿן, אין דער אומזעבאַרער נעץ פֿון די געזעצן וואָס פֿירן זיי; פֿון צעלן וואָס שטויסן איינע דער צווייטער, אין די אָנשטרענגונגען זיך צו איזאָלירן, און גרופּירן זיך דאָך אין אַ קאָלעקטיוו, אין איין מאַסע".

די דאָזיקע דראַמע פֿאַרכאַפּט נאָך מער בעת מיר זעען, ווי אַזוי די זעלבע נאָך־מלחמה תּקופֿה, וואָס האָט אויף דער וועלט געבראַכט די נייע מלוכות, האָט אויך צו פֿאַרצייכענען די פֿאַרפֿעסטיקונג און דעם וואוקס פֿון די גיגאַנטישע אימפּעריאַלע ווירטשאַפֿטלעכע גרויס־מאַכטן. פּוילן און אונגאַרן האָבן זיך אָפּגעזונדערט — און אויף דער בינע זיינען דערשינען די גרויסע „איבערנאַציאָנאַלע״ איינהייטן, וואָס די וויכטיקסטע צווישן זיי זיינען היינט די פֿאַראייניקטע שטאַטן, די בריטישע פֿעלקער־געמיינשאַפֿט און דער סאָוועטן־פֿאַרבאַנד. דאָס הייסט, אַז אין דער מאָס וואָס עס זיינען בולט געוואָרן די אָביעקטיווע חסרונות פֿון דער אָפּגעזונדעטער נאַציאָנאַלער ווירטשאַפֿט זיינען, פֿון דער אַנדער זייט, קלאָר געוואָרן די ווירטשאַפֿטלעכע מעלות פֿון די עקאָ־נאָמישע אימפּעריעס: ברייטע, פֿאַראייניקטע און אומבאַגרענעצטע מערק, מעגלעכקייטן פֿאַר דער מאַסן־פּראָדוקציע, מעגלעכקייטן פֿון פּלאַנ־מעסיקער, ניט געשטערטער קאַפּיטאַליזאַציע. אויך אויסער די גרע־נעצן פֿון די דאָזיקע ווירטשאַפֿטלעכע אימפּעריעס מערקן זיך טענ־דענצן אויסצוברייטערן די עקאָנאָמישע ספֿערע איבער די גרענעצן פֿון דער נאַציאָנאַלער מלוכה. אַן אַנדער אויסדרוק פֿון דער דאָזיקער טענדענץ איז די אַזויגערופֿענע „מיטל־אייראָפּעאישע באַוועגונג״, וואָס האָט נאָך בעת דער מלחמה פּרובירט פֿאַראייניקן דעם גאַנצן שטח צווישן האַמבורג און באַגדאַד אין איין ראַם, ווייניקסטנס אין אַ פֿרייען האַנדלס־פֿאַרבאַנד. נאָך דער מלחמה האָט זיך די דאָזיקע טענדענץ ווידער באַוויזן, און געפֿונען איר אויסדרוק אין דעם לאָזונג: „די פֿאַרייניקטע שטאַטן פֿון אייראָפּע״. אַט די אַלע דערשיינונגען דאַרף מען באַטראַכטן ווי פּרואוון צוצופּאַסן די אַדמיניסטראַטיווע פֿאָרמען צו דער איצטיקער אַנטוויקלונגס־סטאַדיע פֿון די פּראָדוקציע־ באַ־דינגונגען, וואָס זיינען אַרויס פֿון די גרענעצן פֿון דער נאַציאָנאַלער מלוכה.

די דאָזיקע אַנטוויקלונג מוז אויך לאָזן אירע שפּורן אויף דער היינצייטיקער נאַציאָנאַלער אידעע. אַ היינטיקער אַמעריקאַנער גיט אָפּ אַ באַריכט וועגן דער צעריסענער אייראָפּע. ער דערציילט איראָניש, וויאַזוי פֿאַרשיידענע פּאַספּאָרטן־קאָנטראָליאָרן האָבן, אויף פֿאַרשיידענע שפּראַכן, עטלעכע מאָל אין טאָג געשטערט זיין רו, און ער שטעלט קעגן דער דאָזיקער אייראָפּע זיין היימלאַנד, אין וועלכן 48 שטאַטן זיינען פֿאַרייניקט דורך איין רעגירונג און איין שפּראַך. דאָס איז אויך אַן עלעמענט אין דער דערמאָנטער אַנטוויקלונג. ניט געקוקט אויף

אַלע שווערקייטן וואָס די בריטישע אימפּעריע מאַכט איצט דורך, פֿילט זיך אַ היינטצייטיקער ענגלענדער ווי אַ טייל פֿון אַ מעכטיקן פּאָליטישן אָרגאַניזם, וואָס איז פֿאַראייניקט אַרום גרויסע עקאָנאָמישע און קולטורעלע אויפֿגאַבן, און ער שטעלט, מיט אַ געוויסער רחמנות, די אימפּעריאַלע פּאָליטיק אַנטקעגן דער איזאָלאַציע פֿון די קליינע נאַציאָנאַלע שטאַטן — דאָס איז אַ צווייטער עלעמענט אין דער דערמאָנטער סיטואַציע. ווען מען וואָלט אַנאַליזירט דעם באַוואוסטזיין פֿון אַ בירגער פֿון איינער פֿון די דאָזיקע גרויסע פּאָליטישע אָרגאַניזמען, וואָלט קלאָר געוואָרן, אַז צווישן דעם באַוואוסטזיין־שטח, וואָס נעמט אַריין זיין נאַציאָנאַליטעט און דעם שטח, וואָס האָט אַ שייכות מיט זיין באַציאונג צו די אַנדערע פֿעלקער — וועלכן מיר זיינען זיך נוהג צו רופֿן „אינטערנאַציאָנאַל" — הייבט אָן בולט צו ווערן אַ נייער באַוואוסטזיין־קאָמפּלעקס — דאָס איז זיין שייכות צו איינער פֿון יענע גרויסע אָרגאַניזאַציעס, וואָס שטייען, דוכט זיך, איבער די גרענעצן פֿון די נאַציעס. מיר דוכט זיך, אַז אין דער דאָזיקער הינזיכט, שטעלן מיט זיך פֿאָר אַלע לענדער אין וועלכע עס הערשט די Pax Britannica אָן איינהייט, אין אַ גרעסערער מאָס, ווי דאָס קומט צום אויסדרוק אין דער קאָנסטיטוציע.

די דאָזיקע אַנטוויקלונג האָט געהאַט אַ טיפֿן איינפֿלוס אויף דער אינערלעכער חשיבות פֿון דעם נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין: צוזאַמען מיט דער וואַקסנדיקער דערקענטעניש וועגן דער נויטווענדיקייט פֿון גרעסערע איבערנאַציאָנאַלע פּאָליטישע קאָמפּלעקסן איז געוואָרן אַלץ מער און מער רעלאַטיוויזירט דער ווערט פֿון דעם נאַציאָנאַליזם. אָט די געענדערטע באַציאונג צום נאַציאָנאַליזם קען פֿאַרגליכן ווערן צו דער ענדערונג וואָס עס קומט פֿאָר אין דער אָפּשאַצונג פֿון דער גרויס און וויכטיקייט פֿון אַ לאַנד אויף דער לאַנדקאַרטע נאָכדעם ווי עס ווערט אַנטדעקט אַ לאַנד אָדער קאָנטינענט, וואָס איז פֿריער געווען אומבאַקאַנט. דאָס אַלטע לאַנד פֿאַרשווינדט ניט פּלוצלונג פֿון דער מאַפּע, און אַמאָל שטייגט אַריבער איר קולטורעלע חשיבות און ציוויליזאַטאָרישע באַדייטונג די ניי־אַנטדעקטע לענדער. אָבער עס פֿאַרנעמט מער ניט די פֿריערדיקע אַבסאָלוטע פּאָזיציע — פֿון איצט אָן און ווייטער ווערט זיין ווערט געזעצט אין פֿאַרהעלטעניש צו אַנדערע לענדער. אין אַ געוויסן זינען, ווערט דאָס אַלטע לאַנד פֿאַרוואַנדלט אין אַן אַלטער, באַקאַנטער טאַטזאַך. עס הערט אויף, נויטווענדיקערווייז, צו זיין דער איינציקער אָביעקט פֿון דער וועלטס אויפֿמערקזאַמ־

קייט. עס הערט אויך אויף צו זיין דער איינציקער קאַמפּס־אָביעקט. עס קען קיין ספק ניט זיין, אַז עס האַלט זיך אין איין ענדערן די ספּעציפישע באַדייטונג פון דעם נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין אין דער נשמה פון דעם מאָדערנעם מענטשן.

ז

די אידן האָבן אין דער דאָזיקער אַנטוויקלונג אַנטייל גענומען און געפילט אירע פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע רעזולטאַטן מער ווי אַלע אַנדערע פעלקער. עס קען זיין, אַז דאָס איז ניט מער ווי אַ צופאַל — עס איז אָבער אַ פאַקט, אַז די וואוינלענדער פון די אידישע מאַסן זיינען היינט פאַרטיילט דווקא צווישן דער זאָנע פון די נייע נאַציאָנאַלע מלוכות און דער זאָנע פון די ווירטשאַפטלעכע אימפּעריעס — די גרויסע און די וואַקסנדיקע. די אידישע מיליאָנען־מאַסן געפינען זיך היינט גראַד אין פוילן, ליטע און לאַטוויע — אָדער אין די פאַראייניקטע שטאַטן און אין דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. צוליב זייערע ווירטשאַפטלעכע טעטיקייטן בכלל, און באַזונדערס זייערע פאַרמיט־לערישע פונקציעס אין האַנדל און פינאַנסן, זיינען די אידן, מער ווי אַנדערע, שוין היינט מסוגל צו פאַרשטיין די אָביעקטיווע באַגרענעצט־קייט און דעם שאָדן, וואָס עס ליגט אין דעם קיום פון די נאַציאָנאַלע מלוכות, און באַגרייפן די פאַרטיילן פון גרויסע פּאָליטישע פאָרמאַציעס, מיט זייערע גרעסערע ווירטשאַפטלעכע מעגלעכקייטן. און אַזוי ווי די אידן האָבן ניט צו די דאָזיקע לענדער קיין היסטאָריש־אָרגאַנישן צובונד, און די דאָזיקע נייע אַנטוויקלונג שטויסט זיך ביי זיי ניט אָן אויפן ווידערשטאַנד פון אַ טיפער, פאַרוואָרצלטער טראַדיציע — טרעטן זיי צו איר צו מיטן מאַסשטאַב פון „גלייכן שכל” און דער מאָס פון פאַרלוסט און געווינס. דערפאַר געפינען מיר דעם שטאַרקסטן אויסדרוק פון דער רעלאַטיוויזאַציע פון דער נאַציאָנאַלער אידעע גראַד אין אידישן באַוואוסטזיין.

אין משך פון די לעצטע יאָרן האָט מען אין פילע לענדער געקענט זען סימפּטאָמען פון דער דאָזיקער דערשיינונג. ביי פאַרשיידענע גע־לעגנהייטן האָט מען געקענט באַמערקן, אַז די אידן — צווישן זיי אויך ציוניסטן, טרעגער פון דער שטרעבונג צו שאַפן אין דער קליי־נער ארץ ישראל אַ אידנשטאַט — קוקן אויף די נייע נאַציאָנאַלע מלוכות מיט ביטול, כאָטש זיי זיינען, פאַרשטייט זיך, לאָיאַלע ביר־גער פון די דאָזיקע מלוכות. אויב מיין אינפאָרמאַציע איז אַ קאָ־

רעקטע, נעמט זיך אויך דער וואוקס פֿון דעם אידישן שול־וועזן אין פֿילע פֿון די דאָזיקע לענדער אין אַ געוויסער מאָס דערפֿון, וואָס די אידן האַלטן זיך אָפּ פֿון צו שיקן זייערע קינדער אין די רייך־נאַציאָנאַלע דערציאונגס־אינסטיטוציעס, וואָס עקזיסטירן אין די דאָ־זיקע לענדער. פֿון דער אַנדערער זייט, איז גענוג צו רעדן מיט אַ אידישן יונגעמאַן, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין ענגלאַנד, כּדי זיך צו איבערצייגן, ווי טיף אַריינגעטאָן ער איז אָפּטמאָל אין די פּראָבלעמען פֿון דער בריטישער אָדער אַמעריקאַנער אימפּעריאַלער פּאָליטיק, וואָס נעמט אַרום די וועלט, בעת עס איז גאָרניט אַזוי גרינג צו פֿאַרקערעווען זיין אויפֿמערקזאַמקייט אויף אַ מער באַגרענעצטן שטח, כאָטש דאָרטן ווערט אַנטשיידן דער גורל פֿון זיין פֿאָלק. אידן האָבן שטענדיק אַרויסגעוויזן די נייגונג שנעל פֿאַרכאַפּט צו ווערן פֿון יעדער טעאָריע, וואָס פֿאַרשפּרעכט ברייטע פּערספּעקטיוון און באַ־פֿרידיקט די פֿאָדערונגען פֿון דעם „שכל הישר", אַפֿילו אויב זי גייט קעגן אָרגאַניש־היסטאָרישע געזעצן. היינט איז דאָס זיכער אַזוי: די ענדערונג אין דער ספּעציפֿישער באַדייטונג פֿון דער נאַציאָנאַלער אידעע ווערט אין דער אידישער פּסיכיק פֿאַרוואַנדלט אין אַ פֿאַר־מינערונג פֿון דער באַדייטונג פֿון דער דאָזיקער אידעע.

אָט דער גורם קען, אין אַן איבערגאַנגס־צייט, ווירקן אויף דער אינערלעכער באַציאונג פֿון דעם אידישן יחיד צו דער אידישער נאַציאָנאַלער באַוועגונג. אָבער דאָס קען אויך ניט זיין עפּעס מער ווי אַ פֿאַרבייגייענדיקע דערשיינונג אין אידישן באַוואוסטזיין. וואָרעם מען פֿאַרמישט דאָך דאָ צוויי באַזונדערע זאַכן. מען קען דאָך ניט צווייפֿלען, אַז דער אויפֿקום פֿון די ווירטשאַפֿטלעך־אימפּעריאַלע גרויס־מאַכטן דאַרף בשום אופֿן ניט שטערן דאָס שאַפֿן אָדער באַגרענעצן די עקזיסטענץ־מעגלעכקייטן פֿון די פֿאַרשיידענע טיילן, וואָס שטעלן צוזאַמען די מעכטיקע מלוכות. פֿאַרקערט, די באַזונדערע באַדייטונג און די זעלבסטשטענדיקייט פֿון די דאָזיקע טיילן ווערט אַלץ מער און מער בולט אין די דאָזיקע גרעסערע מלוכה־ראַמען. דאָס זיינען דאָך בעצם נאַציאָנאַליטעטן־מלוכות אויף אַ העכערער מדרגה ווי די עסט־רייך־אונגאַרישע אימפּעריע, אָדער די פֿאַר־מלחמה׳דיקע רוסלאַנד. אַלס ביישפּיל קען מען דערמאַנען די פֿרייהייט פֿון די בריטישע דאָ־מיניאָנס, וואָס ווערט, אַדמיניסטראַטיוו און פּאָליטיש, דווקא אַלץ ברייטער פֿון יאָר צו יאָר — און דאָך ווערט אַלץ גרעסער דער ווילן פֿון דער בריטישער אימפּעריע אַריינצונעמען אין אירע גרענעצן אַלץ

מער און מער קיבוצים, וואָס זיינען ניט ענגליש, לויט זייער אָפּשטאַם און אַפֿילו קולטור, אַלס פֿרייע און אויטאָנאָמע איינהייטן. אויב דער דאָזיקער כּלל איז שוין פֿיל דורות גילטיק בנוגע די פּראָווינצן אין קאַנאַדע, אויב ער ווערט אַלץ מער און מער פֿאַרווירקלעכט בנוגע די האָלענדער אין דרום־אַפֿריקע — ווערט ער אַלץ קלאָרער און אויסגעהאַלטענער, מיטן שאַפֿן פֿון דעם אירלענדישן „פֿריישטאַט" און די אויסגעברייטערטע רעכט פֿון אינדיע, וואָס וועט אינגיכן ווערן אַ דאָמיניאָן. און נאָך עפּעס. ווי גרויס עס זאָלן ניט זיין די אָביעקטיווע פֿעלערן פֿון די אומאָפּהענגיקע נאַציאָנאַלע מלוכות, באַזונדערס פֿון אַן עקאָנאָמישן שטאַנדפּונקט, טאָרן מיר אַפֿילו אויף אַ מינוט ניט אָננעמען, אַז עס וועט ווען עס איז מעגלעך זיין, בייצוקומען די דאָזיקע פֿעלערן דורך פֿאַרטושן אָדער אָפּמעקן די ספּעציפֿישע נאַציאָנאַלע אייגנשאַפֿטן און די פֿרייע אייגנאַרטיקע אַנטוויקלונג פֿון די פֿאַרשיידענע פֿעלקער. אַפֿילו די וואָס קעמפֿן היינט פֿאַר דער אידעע פֿון די „פֿאַראייניקטע שטאַטן פֿון איראָפּע", ווייסן גאַנץ גוט, אַז אין די דאָזיקע פֿאַראייניקטע שטאַטן וועט מען ניט קענען פֿאַרקוקן קיין איינעם פֿון די אין איראָפּע לעבנדיקע פֿעלקער. ניט ווייניקער ווי די דייטשן און פֿראַנצויזן, וועלן די באָלגאַרן, פֿינער און יוגאָסלאַוון זיין גלייכבאַרעכטיקטע מיטגלידער אין אַ פֿעדעראַציע פֿון די אייראָפּעאישע פֿעלקער. דער בעסטער און קלאָרסטער באַווייז פֿאַר דער דאָזיקער באַהויפּטונג, איז דער סאָוועטן־פֿאַרבאַנד. און נאָך מער: אין דער מאָס וואָס די שוועריקייטן וואָס ליגן אויפֿן וועג פֿון דער דאָזיקער אַנטוויקלונג, וואָס נעמען זיך פֿון די אינטערעסן־קעגנזאַצן, הייבן אָן אַלץ מער און מער צו פֿאַרשווינדן; אין דער מאָס וואָס דאָס זעלבסט־באַוואוסטזיין און דרייסטקייט פֿון די מאַסן וועלן וואַקסן, צוזאַמען מיט דער אויסברייטערונג פֿון דער פֿאָלקס־דערציאונג — וועלן אַלץ שטאַרקער און באַוואוסטזיניקער ווערן די נאַציאָנאַלע באַוועגונגען. ווער עס האָט נאָכגעפֿאָלגט די נאַציאָנאַלע פּאָליטיק פֿון די סאָוועטן, אַפֿילו אין אירע גרונט־ליניעס, קען אין דעם ניט צווייפֿלען. דער ציל, וואָס דאַרף פֿאַרווירקלעכט ווערן אין אָט־דער נייער עפּאָכע פֿון דעם נאַציאָנאַליזם, איז דער צוזאַמענשלוס פֿון פֿרייע און אויטאָנאָמע נאַציעס אין אַ מעכטיקער ראַם מיט אַ גרויסן עקאָנאָמישן און אַדמיניסטראַטיוון פֿאַרנעם. אויב אידן וועלן דעם פּראָצעס פֿאַרשטיין אַלס אַ כּלומרשט „קאָסמאָפּאָליטישע" ליקווידאַציע פֿון די נאַציאָנאַלע גרענעצן, וועט דאָס זיין אַ מיספֿאַרשטענדעניש, וואָס איז

עלול זיך נוקם צו זיין אין לעבן פון אידישן פאָלק ניט ווייניקער פון דעם אונטערגעבן זיך צו דער אַסימילאַציע אין דער צייט פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, אין דער תקופה פון ערשטער אַסימילאַציע און דער בירגערלעכער עמאַנציפּאַציע. די אידן־פראַגע וועט זיך דורכרייסן דורך אַלע פּאַרטושונגען און זיך אַנטפּלעקן אין אַלע אירע פאָרמען און גלגולים; און אַזוי ווי די אידישע אַסימילאַציע איז געווען ניט מער ווי אַ פאַרבייגייענדיקע דערשייַנונג אין דער פריערדיקער תקופה פון דעם נאַציאָנאַליזם, אַזוי וועט אויך איר שפּעטערדיקער רעפלעקס זיין ניט מער ווי אַ מאָמענט־עפּיזאָד אין לעבן פון דעם אידישן פאָלק.

אָבער דאָ דאַרף מען נאָך צוגעבן, אַז אויך אין דעם פּרט האָט די איבערטריבענע באַטאָנונג פון דער אידענטישקייט פון דער נאַציאָנאַלער אידעע מיט דער אידעע פון אַבסאָלוטער נאַציאָנאַלער סואווערעניטעט געבראַכט מער שאָדן ווי נוצן. ווען די דאָזיקע איבערטרייבונג, וועלכע איז אַ רעזולטאַט פון אַ באַשטימטער פאַזע אין דער אַנטוויקלונג פון בורזשואַזן נאַציאָנאַליזם פון דעם ניינצנטן יאָרהונדערט, וואָלט ניט באַהערשט די מוחות פון פיל אידן, צווישן זיי אויך ציוניסטן — וואָלטן מיר ניט דערגאַנגען דערצו, אַז אונזער ציוניזם זאָל אויפגעפאַסט ווערן ווי אַ פראַגרעס־שטערנדיקע און ענג־האָריזאָנטיקע באַוועגונג. אויב מיר זאָלן דאָ רעדן בלויז וועגן דעם ארץ ישראל'דיקן שטאַט, האָט דאָך ערשט איצט אַן אָנגעזעענער בריטישער סאָציאַליסטישער פּאָליטיקער דערמאָנט ארץ ישראל אַלס דער צוקונפטיקן זיבעטן דאָמיניאָן אין דער בריטישער אימפּעריע. פאַרשטייט זיך, אַז ער נעמט אויך אַריין אין חשבון בריטישע פּאָליטישע אינטערעסן, עס זיינען אָבער אויך פאַראַן געוויסע אידישע און ארץ ישראל'דיקע אינטערעסן, וואָסווירקן אין דער זעלביקער ריכטונג, וואָס קאָלאָנעל יאשיהו וועדזשוואוד האָט פאָרמולירט. אין דעם מאָמענט וואָס עס וועט, לויט דער קאָנסטיטוציע פון פעלקער־בונד, אַנולירט ווערן דער ארץ ישראל־מאַנדאַט און דער אידישער ישוב וועט קענען אויסנוצן זיין רעכט אויף זעלבסט־באַשטימונג — איז ניט אויסגעשלאָסן, אַז דער דאָזיקער ישוב זאָל מיטן פרייען ווילן זיך אַנטשליסן פאַר דער דאָזיקער לייזונג, פאַר אַן אויטאָנאָמער און פרייער ארץ ישראל — אין קולטורעלן, פּאָליטישן און אַדמיניסטראַטיוון זינען — אין די ראַמען פון דער בריטישער אימפּעריע. דאָס איז ניט קיין ענין פון אַנטשיידנדיקער באַדייטונג לגבי דער הויפּט־פּראָב־

לעם פֿון אונזער נאַציאָנאַליזם. די הויפּט־פּראָבלעם פֿון אונזער נאַ־ציאָנאַליזם איז דאָס שאַפֿן פֿון לעבנס־באַדינגונגען פֿאַרן אידישן פֿאָלק — ווי פֿאַר אַלע אַנדערע פֿעלקער אין דער וועלט — וואָס זאָלן עס געבן די מעגלעכקייט זיך אַליין צו באַשטימען אַלס פֿאָלק. דער באַשטימטער און קאָנקרעטער אינהאַלט, וואָס וועט געגעבן ווערן דעם דאָזיקן רעכט אויף זעלבסט־באַשטימונג וועט זיין אָפּהענגיק פֿון דער ווירטשאַפֿטלעכער און פּאָליטישער אַנטוויקלונג אין דער וועלט און פֿון דעם ווילן פֿון דעם דור אידן, וואָס וועט דאַרפֿן אַנטשיידן וועגן דער דאָזיקער פֿראַגע, אָבער די צוקונפֿט פֿון דעם אידישן פֿאָלק און זיין רעכט אויף עקזיסטענץ וועלן בשום אופֿן ניט זיין אָפּהענ־גיק פֿון דער דאָזיקער ספּעציפֿישער אַנטשיידונג.

ז

עס איז איבעריק צו שטעלן די פֿראַגע: וואָס זיינען די גורמים, וואָס האָבן די אידישע פֿראַגע געמאַכט פֿאַר דער לעצטער נאַציאָ־נאַלער פֿראַגע און געפֿירט דערצו, אַז דאָס אידישע פֿאָלק זאָל אַריינ־טרעטן אין דער נייער און רייפֿער תּקופֿה פֿון דעם נאַציאָנאַליזם אין דעם צושטאַנד פֿון אַזאַ הינטערשטעליקער און קאָמפּליצירטער באַפֿרייאונגס־באַוועגונג — אין פֿאַרגלייך מיט די אַנדערע פֿעלקער? עס איז גענוג צו זאָגן, אַז די וואָרצלען פֿון דער דאָזיקער טאָטזאַך ליגן אין די סאָציאַלע און ווירטשאַפֿטלעכע לעבנס־באַדינגונגען פֿון די אידישע מאַסן. אין משך פֿון דער גאַנצער תּקופֿה פֿון דעם קאַפּי־טאַליזם האָבן די דאָזיקע באַדינגונגען גויטווענדיקערוויז אַרויסגע־רופֿן אַ שטאַרקע נייגונג צו דער אַסימילאַציע ווי אויך צום שאַפֿן אַ באַ־וועגונג וואָס שטרעבט צו נאַציאָנאַלער זעלבסט־באַשטימונג. דאָס נאַציאָנאַלע באַוואוסטזיין האָט אין דער אידישער סביבה אַ שיין ביסל פֿאַרשפּעטיקט. און ווען דאָס דאָזיקע באַוואוסטזיין האָט זיך שוין יאָ באַוויזן אין דער אידישער סביבה, האָט עס געפֿונען אָרעמע לעבנס־באַדינגונגען און זיך אָנגעשטויסן אָן שווערע הינדערנישן. אַ פֿאָלק וואָס איז צעשפּרייט אין אַלע עקן וועלט, וואָס באַשטייט אין פֿיל לענ־דער פֿון אַ צעבראָקלטער קליין־בורזשואַזיע, אין זיינע וויכטיקע ישובים — פֿון מאַסן קליינבירגער, סוחרים, בעלי־מלאכות און כּל'ערליי אַגענטן, וואָס זיינען פּראָלעטאַריער בלויז לויט זייער לעבנס־סטאַנ־דאַרד; אַ פֿאָלק וואָס וועבט זיך אַריין, שפּראַכלעך און קולטורעל, אַלץ מער און מער אין לעבן פֿון דער פֿרעמדער קולטור־סביבה —

אַזאַ פֿאָלק מוז, אויפֿן וועג צום שאַפֿן אַ נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין, בייקומען כּל׳ערליי שווערע עיכּובֿים, פֿיל שווערערע ווי אַנדערע פֿעלקער. מען קען מיט רעכט זאָגן, אַז קיין פֿאָלק וואָלט אַזעלכע שוועריקייטן ניט געקענט בייקומען אין דער זעלבער מאָס ווי עס האָט דאָס געטאָן אונזער נאַציאָנאַלע באַוועגונג, נאָך פֿיל יאָרהונדערטער פֿון פֿולשטענדיקער צעשפּרייטקייט. ווען מען מעסט די רעזולטאַטן פֿון אונזער נאַציאָנאַלער באַוועגונג מיט דער מאָס פֿון די אָביעקטיווע לעבנס־באַדינגונגען אין וועלכע אונזער פֿאָלק האָט געלעבט, מוז מען קומען צום שלוס, אַז זי איז אַ גרויסער באַווייז פֿאַר דער אומאויס־לעשבאַרער לעבנס־קראַפֿט און אומגעבראָכענעם לעבנס־ווילן פֿון דער אידישער נאַציע.

אין משך פֿון די ווייניקע יאָרצענדליקער, וואָס זיינען אַריבער זינט עס איז אויפֿגעקומען די אידישע נאַציאָנאַלע באַוועגונג זיינען געשאַפֿן געוואָרן פֿאַקטאָרן וואָס האָבן גאַנץ גרינטלעך געענדערט די פֿיזיאָנאָמיע פֿון אידישן לעבן. די נייע תּקופֿה אין דעם נאַציאָנאַליזם האָט די אידן טאַקע געפֿונען אין אַן איזאָלירטער און געפֿערלעכער פּאָזיציע, אָבער זי האָט זיי אויך געפֿונען אין אַ צושטאַנד פֿון כּסדר׳־דיקער אַנטוויקלונג, וואָס מוז פֿון זיך אַרויסברענגען די כּוחות וואָס וועלן אין דער צוקונפֿט אַנטשיידן דעם גורל פֿון דעם אידישן פֿאָלק.

לאָמיר דאָ דערמאָנען עטלעכע טאַטזאַכן, וואָס ווייזן בולט דעם כּוח פֿון אונזער נאַציאָנאַלן לעבנס־ווילן זינט דעם אָנהויב פֿון אונזער נאַציאָנאַלער באַוועגונג, אין דער תּקופֿה פֿון די חובֿבֿי־ציון.

צו אַלעם ערשטן קומט די לעבעדיקע ארץ ישׂראל אַליין — ארץ ישׂראל מיט אַלע אירע סאָציאַלע, פּאָליטישע און קולטורעלע ענער־גיעס, מיט איר שטאַרקער, אָרגאַניזירטער אַרבעטער־באַוועגונג און דער אויפֿגעלעבטער העברעאישער שפּראַך. אָט די קאָנקרעטע אויפֿ־טואונגען האָבן ווידער אויפֿגעלעבט סימבאָלן און פֿאָרמען פֿון אידישן נאַציאָנאַלן קיום, וואָס האָבן שוין געשיינט צו זיין פֿאַר־שוואונדן. די דאָזיקע נייע סימבאָלן ווירקן שוין איצט אויף אונזער אינערלעכן לעבן אין אַ פֿיל שטאַרקערער מאָס, ווי מיר זיינען אַליין גענייגט צו גלייבן.

דער צווייטער פֿאַקטאָר, איז די אַנטוויקלטע פּאָליטישע אָרגאַ־ניזאַציע פֿון אידישן פֿאָלקס־לעבן, וואָס האָלט זיך אין איין אויס־ברייטערן אויף דער גאַנצער וועלט. עס איז אינטערעסאַנט צו באַאָב־אַכטן, ווי דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע־פּראָצעס מאַכט פֿאָרשריט דווקא

אין לאַגער פֿון די עקסטרעמע קעגנער פֿון דער אידישער נאַציאָ־נאַלער באַוועגונג. די סעפּאַראַטיסטישע אָרטאָדאָקסיע און די אַסי־מילירטע בורזשואַזיע האָבן זיך גענומען שאַפֿן גרויסע אינטער־טער־ריטאָריאַלע פֿאַרבאַנדן קודם כּל אַלס אַ וואָפֿן אין זייער קאַמף קעגן דעם אידישן נאַציאָנאַליזם. זייער אינטער־טעריטאָריעלע אָרגאַני־זאַציע קעגן דעם אידישן נאַציאָנאַליזם האָט דווקא געווירקט אַלס אַ נאַציאָנאַל־קאָנצענטרירנדיקער פֿאַקטאָר. די „אַפּיקורסישע" באַהויפּטונג, מיט וועלכער דער ציוניזם איז אַרויסגעקומען דער ערשטער, אַז דאָס אידישע פֿאָלק איז איין פֿאָלק און זיינע טיילן זיינען, טראָץ זייער טעריטאָריעלער צעשפּליטערטקייט, צוזאַמענגעבונדן דורך געמיינזאַמע אינטערעסן, האָט אַזוי אַרום באַקומען אַ נייע באַשטעטיקונג. דאָס איז ניט דאָס איינציקע וואָס די אָרטאָדאָקסיע און די ליבעראַלע אַסימי־לאַציע האָט ביי אונז איבערגענומען. אָט די דאָזיקע יסודות זיינען איצט, לויט זייער אינהאַלט, אויב ניט לויט דער פֿאָרמולירונג, „נאַ־ציאָנאַלער" ווי עס איז געווען דער אידישער נאַציאָנאַליזם אין זיינע אָנהייב־יאָרן.

דער דריטער פֿאַקטאָר איז די אויסערגעוויינלעכע אינטענסי־פֿיקאַציע פֿון דעם נאַציאָנאַלן זעלבסט־באַוואוסטזיין פֿון דער גייסטיק־שאַפֿנדיקער אידישער אינטעליגענץ. מעגן דאָס זיין שריפֿטשטעלער אָדער דיכטער, וויסנשאַפֿטלער אָדער קינסטלער, און אַלץ איינס אין וועלכן לאַנד אָדער קולטור־קרייז זיי שאַפֿן — דער אומקער צום פֿאָלק און דער ווילן אָנטיילצונעמען אין דעם אויפֿבוי פֿון זיין צו־קונפֿט, קומען אומעטום גאַנץ בולט צום אויסדרוק. אַזוי איז דאָס דער פֿאַל ניט נאָר אין דעם דייטשן און רוסישן קולטור־קרייז. ער מערקט זיך גאַנץ קלאָר אויך אַפֿילו צווישן דער אידישער יוגנט אין איטאַליע, פֿראַנקרייך און ענגלאַנד, וואָס איז טיף פֿאַרזונקען אין דעם אַסי־מילאַציע־תּהום. אַפֿילו אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן, וואו עס שאַפֿט זיך ערשט אַ זעלבסטשטענדיקע אידישע אינטעליגענץ פֿון דעם איי־ראָפּעאישן מין, איז אויך צו מערקן אַ פֿאַרשטאַרקונג פֿון דעם נאַציאָ־נאַלן זעלבסטבאַוואוסטזיין.

דער פֿערטער פֿאַקטאָר, וואָס נויטיקט זיך ניט אין קיין שום פּירושים, באַשטייט אין דער פֿעלקער־רעכטלעכער אָנערקענונג פֿון דער אידישער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ. די דאָזיקע אָנערקענונג איז אויסגעדריקט געוואָרן אין די פֿרידנס־אָפּמאַכן, אין דעם ארץ־ישׂראל־מאַנדאַט און אין די אידישע מינדערהייטס־רעכט אין די נאַציאָנאַ־

ליטעטן שטאָטן (און אויך דורך דער אָנערקענונג פֿון די אידישע נאַציאָנאַלע פֿאָדערונגען אין סאָוועט־רוסלאַנד).

דער יונגער אידישער דור געפֿינט דעם אידישן פֿאָלק אַלס אַ זעלבסטשטענדיקן סוביעקט אין דער פּעלקער־פּאָליטיק פֿון דער קעגנוואַרט. דער דאָזיקער דור דאַרף גאָר ניט וויסן וועגן די פֿאַר־שיידענע אידעאָלאָגישע מחלוקתן, וואָס האָבן זיך צוריק מיט יאָרן געפֿירט אַרום דער דאָזיקער פֿראַגע.

די דאָזיקע פֿאַקטאָרן זיינען די פֿעסטונגען, אויף וועלכע עס שטיצט זיך די אידישע נאַציאָנאַלע באַוועגונג אין דער נייער פֿאַזע פֿון דעם נאָך־מלחמה־נאַציאָנאַליזם. זי האָט נאָך דורכצומאַכן אַ לאַנגן וועג ביז זי וועט דערגרייכן איר ערשטען אויסערפּאָליטישן ציל — ביז דעם טאָג ווען אין ירושלים, די הויפּט־שטאָט פֿון אַ פֿרייער ארץ ישראל, וועט זיך צוזאַמענקומען דער אידישער נאַציאָנאַלער קאָנ־גרעס, וואָס וועט מיט זיך רעפּרעזענטירן דאָס אידנטום פֿון דער גאַנצער וועלט מיט אַלע זיינע גייסטיקע, רעליגיעזע, סאָציאַלע און פּאָליטישע שטרעמונגען. דער וועג צום דאָזיקן ציל איז נאָך ווייט, אָבער די מענטשלעכע און היסטאָרישע קרעפֿטן, וואָס באַוועגן אונזער נאַציאָנאַלע באַוועגונג זיינען אַזוי טיף און עלעמענטאַר, אַז מיר האָבן זיך ניט וואָס צו שרעקן. וואָס זיינען טאַקע אין דער אמת׳ן, אין פֿאַר־גלייך מיט אַזעלכע כוחות, שטימונגען און פּסיכאָלאָגישע רעאַקציעס פֿון אַ צייטווייליקן כאַראַקטער? און וואָס זיינען אַפֿילו, אין פֿאַרגלייך מיט די דאָזיקע כוחות, די גרעסטע סאָציאַלע אָרגאַניזאַציע־פּראָבלע־מען, וואָס זיינען ערשט געבוירן געוואָרן אין איצטיקן דור און אַלערליי אַבסטראַקטע צוקונפֿט־סכעמעס, וואָס זיינען ניט איינגעוואָרצלט אין קיין באָדן און האָבן ניט קיין יסוד אין דער געשיכטע?

(1927).

זשענעווער טאָגבוך

אין יאָר 1926 איז חיים אַרלאָזאָראָוו געפֿאָרן קיין זשענעווע, אַלס מיטגליד פֿון אַ דעלעגאַציע פֿון ועד לאומי. קומענדיק צוריק האָט ער פֿאַרעפֿנטלעכט דעם פֿאָלגענדיקן טאָג־בוך פֿון זיין רייזע.

די שיף „העלואַן”, דעם 30טן מאַי, 1926.

איך נוץ אויס די דאָזיקע פֿרייע טעג אויף דער שיף, כּדי ווידער־אַמאָל אַריינצוקוקן אין די פּראָטאָקאָלן פֿון דער מאַנדאַטן־קאָמיסיע. אַזוי שטייט מיר ווידער פֿאַר די אויגן די באַזונדערע אַטמאָספֿערע וואָס רינגלט אַרום די אַרבעט פֿון דער קאָמיסיע און די שייכות וואָס די קאָמיסיע האָט מיט די פּראָבלעמען וואָס שטייען פֿאַר איר. איך שטעל זיך מיר פֿאָר נאָך אַמאָל יעדן איינעם פֿון די צען אָדער עלף מיטגלידער פֿון דער דאָזיקער קאָמיסיע (דער ענגלענדער גרימשאָו באַטייליקט זיך אין די זיצונגען פֿון דער קאָמיסיע אַלס דער פֿאָרשטייער פֿון דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטס־אַמט, מיט אַ באַראַטנדיקער שטים). איך מאָל מיר אויס די דאָזיקע מענטשן, זייערע פּערזענלעכקייטן און כאַראַקטערן. צוליב דעם דאָזיקע צוועק קוק איך אַריין אין די פּראָטאָקאָלן וואָס האָבן אַ שייכות צו אַנדערע מאַנדאַט־לענדער. עס איז דאָך כּדאַי זיך צו באַקענען מיט דער אַטמאָספֿערע און מיט די מענטשן בעת זיי באַהאַנדלען אַזעלכע מאַנדאַט־לענדער ווי טאָגאָ און קאַמערון, דאָס הייסט בעת אין די פֿאַרהאַנדלונגען פּלאָנטערט זיך ניט אַריין די אידן־פֿראַגע מיט אַלע אירע באַזונדערע אייגנטימלעכקייטן.

אַ באַדייטנדער טייל פֿון די דאָזיקע מענטשן האָבן געטאָן פּראַקטישע אַרבעט אין פֿאַרשיידענע קאָלאָניאַלע לענדער. דער ענגלענדער סער פֿרעדריק לוגאַרד האָט פֿאַר דער בריטישער אימפּעריע דעראָבערט גרויסע און וויכטיקע שטחים אין מערב־אַפֿריקע און האָט זיי אויך געהאָלפֿן אַנטוויקלען; דער בעלגיער אָרטס האָט זיך באַטייליקט אין דער אַדמיניסטראַציע פֿון קאָנגאָ; דער האָלענדער וואַן ריס האָט

אַ חלק אין האָלענדיש־אינדיע. מיר דוכט זיך, אַז דער נייער פֿראַנצויזישער פֿאָרשטייער אין דער מאַנדאַטן־קאָמיסיע, דער גענעראַל מאַרלען, וואָס פֿאַרנעמט איצט דעם פּלאַץ פֿון אַ פֿאַרשטאָרבענעם קאָלעגע, איז אויך געווען אַ הויכראַנגיקער קאָלאָניאַל־אַדמיניסטראַטאָר. די דאָזיקע מענטשן צייכענען זיך זיכער אויס מיט אַ פּראַקטישן בליק און אַדמיניסטראַטיווער מענטאַליטעט, זיי האָבן אַ שוואַכקייט פֿאַר אומקאָמפּליצירטע סיטואַציעס און דורכזיכטיקע פּראָבלעמען, זיי קעגן די „איינגעבוירענע" פֿון פּערזענלעכער דערפֿאַרונג — אָבער גלייכצייטיק האָבן זיי אויך הומאַנע סימפּאַטיעס און וויטגייענדיקע פּלענער פֿאַר די דאָזיקע אָרעמע „איינגעבוירענע" אין די מאַנדאַטן־לענדער. זיי זיינען אַוודאי מענטשן מיט אַ שטאַרקן אינטערעס אין פּראַקטישע קאָנסטיטוציאָנעלע פֿראַגן. איין טייל פֿון דער קאָמיסיע באַשטייט פֿון געלערנטע, אינטעלעקטואַלן און וויסנשאַפֿטלער וואָס פֿאַרנעמען זיך מיט פּאָליטיק: קודם כּל ראַפּאַרד, וועלכער איז איצטער באַשטימט געוואָרן אַלס דער רעקטאָר פֿון דער זשענעווער אוניווערזיטעט; דער שפּאַניער פּאַלאַסיאָס, וועלכער איז אַ פּראָפֿעסאָר אין איינער פֿון די אוניווערזיטעטן אין זיין היימלאַנד; פּראָפֿעסאָר גרימשאָו, וואָס גיט זיך אָפּ אין דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטס־אַמט מיט מאַנדאַט־פֿראַגן, איז געווען אַ לערער אין דער לאָנדאָנער „הויכשול פֿאַר עקאָנאָמישע וויסנשאַפֿטן". די איבעריקע, דער פֿאָרזיצער פֿון דער קאָמיסיע, דער איטאַליענער טעאָדאָלי און דער פּאָרטוגעזישער מיטגליד ד'אַנדראַדע מאַכן דעם איינדרוק פֿון דיפּלאָמאַטן. ווי די וויסנשאַפֿטלער, זיינען זיי אויך אַמנאָענטסטן צום האַרצן די טעאָרעטיש־קאָנסטיטוציאָנעלע פֿראַגן און די פּרינציפּיעלע זייט פֿון די אַדמיניסטראַטיווע פֿראַגן. אַגב, מיט אַ באַזונדערן אינטערעס גיבן זיי זיך אָפּ מיט די פּראָבלעמען פֿון אינטערנאַציאָנאַלן רעכט, וואָס זיינען פֿאַרבונדן מיט דער נייער מאַנדאַטן־סיסטעם. אויף דעם דאָזיקן געביט זיינען זיי ממש אומדערמידלעך אין האַלטן אין איין אַרבעטן אויף פֿאַרשיידענע מעמאָראַנדומס און פּראָיעקטן.

אויסער די אויבנדערמאָנטע איז אין דער קאָמיסיע פֿאַראַן אַ פֿאָרשטייער פֿון יאַפּאַן און אַ שוועדישע דאַמע, מאַדאַם וויקסעל. די לעצטע זיינען, ווי עס ווייזט אויס, ניט קיין באַזונדערס וויכטיקע מיטגלידער און זיי האָבן אויך ניט קיין וויטגייענדיקע אַמביציעס. וואָס פֿאַר אַ מין פֿאַרשוין דער יאַפּאַנישער מיטגליד איז — קען מען ניט זאָגן. עס איז שווער אַריינצודרינגען אין זיין כאַראַקטער.

אַ משונה׳דיקער גורל האָט געוואָלט, אַז מיר , אַ פֿאָלק פֿון זעכצן מיליאָן, זאָלן ווערן אַן אָביעקט פֿון דער מאַנדאַטן־סיסטעם, פֿון דער דאָזיקער נייער המצאה אין דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק. צוזאַמען מיט די פּאַפּואַס אין ניי־גיענאַ, די דרוזן אין סיריע און די אַשאַנטי־שבטים אין אַפֿריקע שטייען מיר אונטער דער השגחה פֿון דער דאָזיקער קאָמיסיע. אַ נאַציע פֿון זעכצן מיליאָן, וואָס אַפֿילו איצט זיינען מיט איר, דורך בלוט און וועזן, פֿאַרבונדן אַזעלכע צען מענטשן ווי: איינשטיין, פֿרויד, בערגסאָן, ליבערמאַן, לוצאַטי, טראָצקי, הערבערט סעמיועל, ווייצמאַן, ביאַליק און לאָרד רעדינג, — און זי שטייט אונטער דער השגחה פֿון דער דאָזיקער מאַנדאַט־אַדמיניסטראַציע. רייַן־יורידיש גע־גערעדט, בין איך, פֿאַרשטייט זיך, ניט זייער פּינקטלעך. יורידיש גע־פֿינט זיך בלויז די „נאַציאָנאַלע היים״ אין ארץ ישראל אונטער אַ מאַנדאַט־אַדמיניסטראַציע, און אוודאי וועלן ניט טראָצקי און אויך ניט לאָרד רעדינג צוגעבן, אַז זיי האָבן וואָסער עס איז שייכות צו דער אידישער נאַציע. אָבער פּאָליטיש און גייסטיק איז זיכער געשאַפֿן געוואָרן אַ שייכות צווישן אידישן פֿאָלק און דער מאַנדאַטן־קאָמיסיע. פֿון דעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט טאָר מען ניט פֿאַרגעסן, אַז פֿאַר די מענטשן פֿון דער מאַנדאַטן־קאָמיסיע איז די פֿראַגע פֿון דער „נאַציאָ־נאַלער היים״ בלויז איינע צווישן פֿיל אַנדערע פּראָבלעמען אין שייכות צו קאָלאָניאַלע „איינגעבוירענע״, — איינע פֿון די קאָמפּליצירטסטע און אומבאַקוועמסטע מאַנדאַט־פּראָבלעמען.

מיט זייער אַ משונה׳דיקער און געוואָגטער אַרבעט פֿאַרנעמען זיך די דאָזיקע הערן פֿון דער מאַנדאַטן־קאָמיסיע. אין אַ געוויסן זינען קען מען אַפֿילו זאָגן, אַז דאָס איז אַ ראָמאַנטישע אַוואַנטורע. עס דערמאָנט צומאָל די קאָמעדיע פֿון דעם איטאַליענישן דראַמאַטורג פּיראַנדעלאָ: „זעקס דראַמאַטישע פּערזאָנען זוכן אַ מחבר״. די גרע־נעצן צווישן דערווירקלעכקייט און פֿאַנטאַזיע זיינען דאָ אינגאַנצן מטושטש; ווירקלעכקייט און אומווירקלעכקייט מישן זיך צוזאַמען. פֿון איין זייט, איז די גאַנצע מאַנדאַטן־סיסטעם, און דער פֿעלקער־בונד בכלל, געבויט אויף דער פֿולער אָנערקענונג פֿון מלוכה־סואווערעניטעט; פֿאַקטיש באַמיט מען זיך צו אינטערוועניר אַזוי ווייניק ווי מעגלעך אין די ענינים פֿון די מאַנדאַט־רעגירונגען, וועלכע טוען וואָס זייער האַרץ גלוסט. פֿאַקטיש איז ניטאָ קיין איין אינסטיטוציע, וואָס איז מסוגל ערנסט צו קלאַפּן אין דער טיר פֿון אַ מאַנדאַט־רעגירונג. פֿון דער אַנדער זייט, האָבן מיר פּאָליטישע פֿאַנטאַזיעס און שיינע הומאַנע

געפֿילן, טעאָריעס און אידעאָלאָגיעס בנוגע אַ קאָמפּלעקס פֿראַגן וואָס זיינען פֿאַרבונדן מיט דער פּראַקטיק פֿון אינטערנאַציאָנאַלן קאָנטראָל. אויב איין טעריטאָריע, אַ מאַנדאַט־לאַנד פֿון דעם טיפּ „א", זאָל גע־לינגען צו באַקומען אַ הלואה פֿון אַ געוויסן צד (וואָס מיר וועלן רופֿן „ב") און דער דאָזיקער מאַנדאַט זאָל אַריבערגיין פֿון דעם מאַנדאַט־לאַנד (וואָס מיר וועלן רופֿן „ג") אין רשות פֿון אַ נייעם מאַנדאַט (וואָס מיר וועלן רופֿן „ד") — „וואָס עס לייגט זיך כּלל און כּלל ניט אויפֿן שכל", ווי עס שטייט אין פּראָטאָקאָל — וואָס וועט דעמאָלט ווערן פֿון די חובות פֿון דעם דאָזיקן לאַנד? ווער וועט פֿאַר זיי טראָגן די פֿאַר־אַנטוואָרטלעכקייט? אָט מיט אַזעלכע פֿראַגן דאַרף זיך די קאָמיסיע אָפּגעבן, און אירע מיטגלידער געפֿינען זיך שטענדיק צווישן דעם האַמער און דער קאָוואַדלע. פֿון איין זייט: זייערע געוואוינהייטן און טראַדיציעס, פֿון וועלכע זיי קענען זיך ניט באַפֿרייען, דיקטירן זיי צו געבן די מאַנדאַט־לענדער די סאַמע אומבאַגרענעצטסטע סואווערע־ניטעט אין „זייערע" טעריטאָריעס, — פֿון דער אַנדערער זייט שטייט זייער התחייבות אָפּצוהיטן דעם „גייסט פֿון מאַנדאַט", צו אַרבעטן פֿאַר זיין פֿאַרווירקלעכונג. און דער „גייסט פֿון זשענעווע" איז דאָך די דאָזיקע מענטשן אויך געוואָרן אַזוי טייער. יאָ, אַ זייער קאָמפּלי־צירטע און משונהדיקע אויפֿגאַבע ליגט אויף דער מאַנדאַט־קאָמיסיע.

ביי דער באַן האָב איך צופֿעליק באַקומען אַ בלאַט „לאָנדאָן טיימס" וואָס האָט געבראַכט די ידיעה וועגן אונדזער דעלעגאַציע. עס איז געווען אַ שווערער איינדרוק. קודם־כּל, דאָס „קעפּל" אַליין: קריוודעס פֿון די אידן אין ארץ ישראל — רופֿט אַרויס אַ געפֿיל פֿון וועלכן מיר האָבן זיך די גאַנצע צייט געוואָלט באַפֿרייען. מ'האָט שוין אויף אונדז אַרויפֿגעלייגט דעם שטעמפּל פֿון מענטשן, וואָס קומען זיך באַקלאָגן. אַזוי רעדט מען ניט וועגן גלייכבאַרעכטיקטע אַליאירטע, וואָס באַטייליקן זיך אין אַ שותּפֿות'דיקער אונטערנעמונג; אַזוי רעדט מען וועגן „איינגעבוירענע" וואָס לאַנגווייליקן מיט זייערע קלאָגעס און פֿאָדערונגען. ליגט די שולד פֿאַר דאָזיקער אָפּשאַצונג בלויז אויף דער קאָלטער באַציאונג פֿון די ענגלענדער און דער פּאָליטישער לאַגע אין דער וועלט, אָדער איז אין דעם אויך שולדיק אונדזער אייגענע שטעלונג און דער גאַנצער סטיל פֿון אונדזער פּאָליטישער טעטיקייט? אין דעם מאָמענט וויל איך ניט מאַכן קיין שלוסן. דער פּראַקטישער רעזולטאַט איז אָבער, אַז אונדזער פּאָליטישע פֿראַגע איז איבערגערוקט געוואָרן פֿון דעם שטח פֿון קאָאָפּעראַציע צווישן אונדז און די ענג־

לענדער צו אַ סיטואַציע, אין וועלכער אַן „אויפגעקלערטע רעגירונג" טענה'ט זיך אויס מיט אומצופרידענע אונטערטאַנען. — אַזוי ווערט די זאַך פאַרגעשטעלט, און עס איז זייער צו באַדויערן.

זשענעווע, דעם 10טן יוני, 1926.

מיר זיינען דאָ נעכטן אָנגעקומען אין אַ גאָס רעגן. די זשענעווער לאַנדשאַפט איז זייער אַ שיינע. די באַפעלקערונג באַטרעפט סך הכל 120 טויזנט נפשות. אָבער דאָס וואָס זשענעווע איז דער זיץ־פּלאַץ פון פעלקער־בונד גיט דער שטאָט אַ בולט'ן אינטערנאַציאָנאַלן כאַראַקטער. די הויפּט־שטאָט פון דער וועלט! — זאָגן די זשענעווער. אין גאָס באַגעגנט מען גלייך פאַרשיידענע טיפּן ענגלענדער, אַמעריקאַנער, פאַשיסטן, אינדיער, טערקן און דייטשן. מען רעדט דאָ אויף אַלע שפּראַכן, אָבער באַזונדערס ענגליש. ווען מיר זיינען אַהער אָנגעקומען איז אונזער נעסט געווען פוסט. ד"ר יאַקאָבסאָן געפינט זיך איצט אין פּאַריז; אויך זיין סעקרעטאַר, אַ יונגער פראַנצויזישער שריפטשטעלער און דער רעדאַקטאָר פון Revue Juive איז ניט געווען אין שטאָט. קיינער האָט אונז ניט אָפּגעוואַרט אויף דער סטאַנציע. מיר זיינען, הייסט עס, אַליין. מיר וואוינען אין האָטעל „ענגלאַנד". ערשטנס, צוליב פּאַטריאָטישע סיבות און צווייטנס, ווייל ס'איז אַ האָטעל לויט אונזער גוסט. אַגב, איז דאָרטן ניטאָ כמעט קיין איין ענגלענדער, נאָר בלויז דיפּלאָמאַטן פון עטוואָס הינטערשטעליקע לענדער, ווי צום ביישפּיל דער פאָרשטייער פון גריכנלאַנד, דער פּאָרטוגעזישער מיטגליד פון דער מאַנדאַטן־קאָמיסיע, און אַ פאַשיסטישע דעלעגאַציע צו דער קאָנפערענץ פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטס־אַמט.

א., וועלכער האָט אונז באַזוכט דעם זעלבן אָוונט האָט געזאָגט גלייך אין דעם ערשטן שמועס: „וואָס ווילט איר? דער פעלקער־בונד איז דאָך ענגלאַנד!" פּינקטלעך איז די דאָזיקע דעפיניציע ניט, אָבער אַ קערנדל אמת ליגט אין איר. מען פילט עס אין דער לופט. אָן ענגלאַנד ווערט ניט אָנטשיידן די מינדעסטע פראַגע. קעגן ענגלאַנד איז בכלל אוממעגלעך עפּעס צו אַנטשיידן. ווען ענגלאַנד ליידט דאָ אַ מפּלה, איז עס געוויינלעך אַ מפּלה וואָס איז פאַרטראַכט געוואָרן און צוגעגרייט געוואָרן אין פאָרויס.

2טער יוני, 1926.

א פּולער, איבערגעלאָדענער טאָג.

פּאַרמיטאָג האָב איך אָפּגעשטאַט אַן ערן־וויזיט אין „פּעלקער־פּאַלאַץ". די דאָזיקע ווערטער דאַרפֿן זיכער פֿאַרשטאַנען ווערן דורכאויס אומאָפיציעל. דאָס הייסט, איך האָב זיך זייער שטאַרק געפֿרייט, וואָס די וועכטער און לאַקייען און די פֿאַרשיידענע באַדינער — וואָס יעדער איינער פֿון זיי זעט אויס, אויסערלעך, ווי דער מיניסטער פֿון אַ קליינער מלוכה — האָבן מיך אומגעשטערט געלאָזט אַריינגיין. לויט זיין אויסזען, איז דער „פּעלקער־פּאַלאַץ" אַ גיגאַנטישער בנין. פּיל צימערן פֿאַר באַאַמטע, שטאָקן איבער שטאָקן און טירן ביי טירן. אויף יעדער טיר — אַ קליין שילדל וואָס טראָגט אויף זיך דעם נאָמען פֿון אַ באַאַמטן — אַ זון פֿון איינעם פֿון די 54 פּעלקער.

און אָט איז דער איינדרוק, וואָס איז געבליבן נאָך עטלעכע שעה וואַנדערן אין דעם דאָזיקן ים פֿון צימערן: אַ מעכטיקער, אַדמיניסטראַטיווער קראַפֿט־מאָטאָר, וואָס איז ניט פֿאַרבונדן מיט קיין שום אַרבעטס־מאַשין. מיין מיין איז אַ קלאָרער: אַ מאַשין, ווי מיר, הדיוטים אין פֿראַגן פֿון טעכניק, פֿאַרשטייען דעם דאָזיקן וואָרט, דאַרף באַשטיין אין עצם פֿון צוויי טיילן: די קראַפֿט־מאַשין און די אַרבעטס־מאַשין, וואָס ווערט צו איר צוגעטשעפּעט (צום ביישפּיל, אַ דאַמף־מאַשין צו אַ דרעש־מאַשין אָדער אַ דינאַמאָ צו אַ מאַשין וואָס פּראָדוצירט שוך־זוילן). די געוואַלטיקע קראַפֿט־מאַשין אין זשענעווער פּאַלאַץ איז ניט פֿאַרבונדן מיט קיין שום אַרבעטס־מאַשין. זי איז דאָ אָוועקגעשטעלט געוואָרן דורך אַן אומבאַקאַנטער — ענגלישער — האַנט, און איז גע־בראַכט געוואָרן אין באַוועגונג. איצט דרייען זיך די רעדער — שנעל אָדער פּאַמעלעך, אָבער אומאויפהערלעך. עס פֿעלן אָבער טראַנסמיסיעס און שטופּנדיקע רימענס און צאָן־רעדער, וואָס זאָלן איבערטראָגן די ענערגיע, וואָס ווערט דאָ געשאַפֿן. אויסער גאָר אַ קליינעם פּראָצענט — גייט די דאָזיקע ענערגיע אינגאַנצן לאיבוד.

און פֿונדעסטוועגן האַלט מען דאָ אין איין לויפֿן, רעגירונגען קאָנ־קורירן פֿאַר אַ באַאַמטן־שטעלע אין דעם גרויסן אַפּאַראַט. יעדע רע־גירונג, דוכט זיך, באַטראַכט דעם פּעלקער־בונד אַלס אַ גוטע צו־גרייטונגס־שול פֿאַר אירע יונגע דיפּלאָמאַטן און אַדמיניסטראַטאָרן. די לעצטע לערנען דאָ פֿראַנצויזיש און ענגליש, באַקומען גוטע שכירות, און אַרבעטן זיך, חלילה, ניט איבער. אין דער זעלבער צייט באַקענען

זיי זיך מיט די אַרבעטס־מעטאָדן פֿון דעם פֿעלקער־בונד. לעצטנס גייט דאָ אַרום אַ קלאַנג, אַז מוסאָליני האָט געפֿאָדערט אולטימאַטיוו, אַז צוואַנציק פֿאַשיסטישע סעקרעטאַרן זאָלן גלייך באַקומען באַשעפֿטיקונג אין פֿעלקער־בונד, וואָרעם לויט זיין מיינונג איז דאָ די צאָל איטאַליענער הינטערשטעליק לגבי די ענגלענדער און די פֿראַנצויזן. איינער פֿון די באַאַמטע פֿון דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטס־אַמט — אַ נייער פֿאַראַלעלער אַפּאַראַט פֿאַר סאָציאַלער פּאָליטיק — האָט מיר דערציילט, אַז אין דער דאָזיקער ביורא אַליין זיינען איצט באַשעפֿטיקט אַרום 600 פּערמאַנענטע באַאַמטע. לויט זיינע ידיעות געפֿינען זיך אין די הענט פֿון דעם לייטער 26 טויזנט אַרבעטס־אַפּליקאַציעס. דער צווייטער איינדרוק איז, אַז מען געפֿינט זיך ניט אין פֿעלקער־בונד, נאָר אין די קאָרידאָרן פֿון די אַנגעשלאָסענע רעגירונגען. דאָ אין זשענעווע האָט אַ ווערט בלויז דער יעניקער וואָס האָט אַ מלוכה־עקזיסטענץ. דער פֿעלקער־בונד איז אַ ליגע פֿון נאַציעס לויט דעם ענגלישן זינען פֿון דעם דאָזיקן וואָרט, דאָס הייסט, פֿון נאַציעס וואָס זיינען קאָנצענטרירט אין אומאָפּהענגיקע לענדער. דער גאַנצער פֿעלקער־בונד איז געבויט אויפֿן יסוד פֿון דער אָנערקענונג פֿון מלוכה־סואווערעניטעט. יעדע מלוכה, אַפֿילו די שוואַכסטע און קלענסטע, ווי צום ביישפּיל אַלבאַניע אָדער ליטע אָדער עסטאָניע, האָט אירע פֿאָרשטייער אין דער אַלגעמיינער פֿאַרזאַמלונג, אירע רעכט און איר געוויכט. די דאָזיקע קליינע מלוכות קענען אַפֿילו אין אַ געוויסער מאָס שטערן. אָבער אַ נאַציע ווי די אידישע, מיט אַ גרעסערער צאָל מענטשן ווי בעלגיע, האָלאַנד און דענעמאַרק צוזאַמען איז דאָ בלויז אַ נול, זי עקזיסטירט אינגאַנצן ניט פֿון דעם שטאַנדפּונקט פֿון פֿעלקער־בונד. מיר האָבן דאָס רעכט צו וואַרטן אין די קאָרידאָרן פֿון די ענגלישע, פֿראַנצויזישע, איטאַליענישע אָדער עסטאָנישע באַאַמטע, — אויף דער וואָגשאָל וועגן מיר ניט מער ווי אַ קערנדל זאַמד.

מיר זיינען געבליבן לעצטע און איינזאַמע צווישן די פֿעלקער פֿון אייראָפּע. אַפֿילו די פֿעלקער פֿון אַזיע — יאַפּאַן, כינע, אינדיע, העדזשאַס, פּערסיע און טערקיי — האָבן געמאַכט אַ פֿיל גרעסערן פֿאָרטשריט ווי מיר. מיר דאַרפֿן מאַכן איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונגען און זיך איילן. די נאַציאָנאַלע פֿראַגע וועט גאָר אינגיכן געהערן צו יענעם טיפֿ פֿראַגן, אין וועלכע קיינער האָט שוין ניט קיין אינטערעס — וואָרעם זיי זיינען שוין געלייזט געוואָרן.

אַט די אַלע געפֿילן זײַנען בײַ מיר זייער פֿאַרשטאַרקט געוואָרן אין דעם זעלבן אָוונט בײַ אַ באַנקעט וואָס די זשענעווער זשורנאַליסטן האָבן געגעבן לכּבוד פּוילן. די פּוילישע פֿאָן האָט באַצירט די וואַנט. די שריפֿטשטעלער און שטאַטסמענער האָבן אָפּגעגעבן כּבוד דעם פּוילישן נאַציאָנאַלן הימן, מען האָט געלויבט דעם פּוילישן פֿאַרשטייער אין פֿעלקער־בונד, סאָקאָל, וועלכער שטאַמט, ווי מען דערציילט, פֿון אידן. מען האָט געזונגען לויב־געזאַנגען דער באַפֿרייאונג פֿון פּוילן. סאָקאָל האָט דערמאָנט אין זײַן רעדע, אַז ניט לאַנג צוריק האָבן די פֿירער פֿון דער פּוילישער באַוועגונג געפֿונען אַ מקום מקלט אין דער שווייץ: צוויי פּוילישע פּרעזידענטן, דער דערמאָרדעטער נאַראַטאָוויטש און מאָשטשיצקי, וועלכער איז נעכטן אויסגעוויילט געוואָרן, זײַנען געווען שווייצאַרישע בירגער און לערער אין שווייצאַרישע אוניווערזיטעטן.

די פּאָליאַקן האָבן דערגרייכט זייער ציל. די וועלט האָט אָקצעפּטירט דאָס פֿאָלק וואָס האָט דערגרייכט זײַן ציל. ווי צו דעם הינטערשטעליקן!

דעם 4טן יוני, 1926.

איך האָב הײַנט באַזוכט די זיצונג פֿון דער קאָנפֿערענץ פֿון דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטס־אַמט. דאָס איז די זעקסטע סעסיע פֿון דער קאָנפֿערענץ זינט דעם סוף פֿון דער מלחמה.

מיר זײַנען אַרײַנגעקומען ביים סוף פֿון דער אַלגעמיינער דעבאַטע, וועלכע האָט זיך געדרייט אַרום דעם רעפּאָרט וואָס איז געגעבן געוואָרן פֿון דעם דירעקטאָר אַלבערט טאָמאַס. די דיסקוסיע האָט מיר דערמאָנט ענלעכע עפּיזאָדן אין אונזערע קאָנגרעס־דעבאַטעס. די מערסטע דעלעגאַטן האָבן זיך בעת דער דעבאַטע געפֿונען ניט אין זאַל, נאָר אין די קולואַרן, אויף דער גאַלעריע, אין פּרעסע־צימער. אַ טייל האָבן זיך געלאַנגווײַליקט און אַנדערע זײַנען געווען פֿאַרנומען מיט לײַכטע שמועסן און זײַטיקע אַרבעטן. די דיפּלאָמאַטישע טריבונע, וואו איך בין געזעסן, איז געווען כּמעט אינגאַנצן פּוסט. אויף דער טריבונע פֿון קאָנגרעס וואָלט אין דעם דאָזיקן מאָמענט איצטער געשטאַנען אַ פֿאַרשטייער פֿון דער פֿראַקציע „דרור” אָדער איינער פֿון די פֿירער פֿון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין סאַלאָניקי. דאָ, אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער טריבונע, איז געשטאַנען דער פֿאַרשטייער פֿון דער גריכישער רעגירונג, עפּעס אַ דעלעגאַט פֿון פּערו אָדער דער

פירער פון די אַרבעטס־געבער אין עסטאָניע. קיינער הערט זיך נישט צו צו וואָס זיי רעדן. אַלע וואַרטן אויפן שלוס פון דער דיסקוסיע און אויף דעם ענטפער פון דער עקזעקוטיווע: אַנשטאָט ווייצמאַן — טאָמאָס. ערשט ווען ער הויבט אָן צו רעדן, ווערט דער זאַל אין משך פון עטלעכע מינוטן, פול.

טאָמאָס, איינער פון די פירער פון פראַנצויזישן סאָציאַליזם, און דער וואָפן־מיניסטער אין דער לעצטער מלחמה, איז היינט די נשמה פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטס־אַמט. די דריי צדדים, וואָס זיינען היינט פאַרייניקט אין דער דאָזיקער קאָמפּליצירטער און עטוואָס ראָמאַנטישער אָרגאַניזאַציע — די אַרבעטער, אַרבעטס־געבער און רעגירונגען — האָבן אים, ווייזט אויס שטאַרק ליב. יעדנפאַלס אַלע שעצן זייער הויך זיין אַרבעט. מען פילט, אַז אָן אים וואָלט דאָ ניט געווען קיין לעבן.

טאָמאָסעס שלוס־רעדע איז לויט מיין מיינונג געווען אויסערגעוויינלעך שיין און קלוג, אַ זייער גוט־געבויטע רעדע, פול מיט געפיל און אין דער זעלבער צייט ערנסט־זאַכלעך. מען האָט אים קריטיקירט, באַזונדערס מצד די אַרבעטער, דערפאַר וואָס אַ צאָל רעגירונגען האָבן נאָך ניט באַשטעטיקט די עיקר־אָפּמאַכן, וועגן וועלכע מען האָט זיך פאַרשטענדיקט אויף די אינטערנאַציאָנאַלע אַרבעטס־קאָנפערענצן — צווישן זיי די אָפּמאַכן וועגן אַכט־שעה׳דיקן אַרבעטס־טאָג און שוץ פאַר פרויען און קינדער. אויסער דער דאָזיקער קריטיק, איז דאָ אויך פאַראַן אַן אַלגעמיינער אומצוטרוי לגבי דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע. דערצו קומט נאָך דער אומצוטרוי פון די אַרבעטס־געבער, וואָס באַטראַכטן דעם דאָזיקן גאַנצן אַפּאַראַט ווי אַן אינסטרומענט פון סאָציאַליסטישן אָנגריף אויף זייערע אַבסאָלוטיסטישע פּריווילעגיעס איןווירטשאַפטלעכן לעבן.

די אַרגומענטן וואָס טאָמאָס האָט באַנוצט קעגן די דאָזיקע קריטיקער האָבן געטראָפן אין פּונקט: א. ער האָט פאַרגליכן די צאָל אָפּמאַכן פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטס־אַמט, וואָס זיינען באַשטעטיקט געוואָרן פון די פאַרשיידענע שטאַטן, מיט די אָפּמאַכן וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן פאַר דעם פעלקער־בונד. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז כאָטש אויף דעם געביט פון אַרבעטס־באַציאונגען זיינען די סאָציאַל־עקאָנאָמישע אינטערעסן פיל שטאַרקער ווי אויפן געביט פון „ריינער פּאָליטיק" — איז אָבער דאָך די צאָל אָפּמאַכן פון דעם אַרבעטס־אַמט שטאַרק געוואַקסן.

ב. ער האָט מודה געווען, אַז ניט אַלע חלומות זײַנען פֿאַרווירקלעכט געוואָרן, אָבער דערבײַ האָט ער געפֿרעגט: אויב עס וואָלט הײַנט ניט עקזיסטירט דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטס־אַמט — וואָלט דען מעגלעך געווען, נאָך דער רעאַקציאָנערער כוואַליע וואָס האָט פֿאַרפֿלייצט די וועלט אין די לעצטע יאָרן, אָפּצוהיטן, אַפֿילו אין דעם איצטיקן פֿאַרנעם, די דעראָבערונגען פֿון 1918?

ג. ער האָט באַטאָנט — און אין די דאָזיקע שטעלן האָבן זיך זײַנע ווערטער אויסגעצייכנט מיט גרויסער עכטקייט, וואָרעם דאָס איז דאָך אַ רעזולטאַט פֿון זײַנע באַמיאונגען — אַז הײַנט איז ניטאָ קיין איין מלוכה, אַרײַנגערעכנט די יעניקע וואָס האָבן נאָך די אָפּמאַכן ניט באַשטעטיקט — וואָס זאָל זיך דערלויבן צו דערקלערן איר שטעלונג אָן אַן ערנסטער אויספֿאָרשונג פֿון די באַדינגונגען און אָן געגנגעדיקע מאָטיוון. אָן גרינטלעכע פֿאַרהאַנדלונגען וועט איצט אַ מלוכה אַפֿילו ניט מאַכן קיין פֿאַרזוך אָנצורירן דעם אַכט־שעה׳דיקן אַרבעטס־טאָג אָדער דערלויבן די עקספּלואַטאַציע פֿון קינדער און פֿרויען.

ד. עס איז זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, אַז די דאָזיקע טעטיקייט איז באַגרענעצט דורך די עקאָנאָמישע מעגלעכקייטן — דאָס איז די אײנציקע טרייסט פֿון די אַרבעטס־געבער — און ערשט ווען די אינטערנאַציאָנאַלע עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציע וועט אָננעמען מער ממשות׳דיקע פֿאָרמען, וועט מען אויך קענען אויסברייטערן די יוריסדיקציע פֿון דעם אינטערנאַציאָנאַל׳ן אַרבעטס־געזעץ. ביים שלוס פֿון דער רעדע האָט אַלבערט טאָמאַס באַשוואָרן דעם „גייסט פֿון זשענעווע". וואָס איז דער דאָזיקער גייסט פֿון זשענעווע? דאָס איז אַ ספּעציפֿישע אַטמאָספֿערע, וואָס איז דורכגעדרונגען מיט דער אידעאָלאָגיע פֿון בשותּפֿות׳דיקער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעט און פֿרידלעכער פֿאַרשטענדעניש. אָט־דער גייסט גיט די דאָזיקע מענטשן דעם כּוח זיך צו באַנוגענען מיט אַזעלכע באַגרענעצטע רעזולטאַטן און פֿאָרזעצן דעם קאַמף פֿאַר דער פֿאַרווירקלעכונג פֿון די דאָזיקע טיילווײַזע רעזולטאַטן. דאָס איז אַן אַטמאָספֿערע, אין וועלכער עס לעבט נאָך אַפֿילו הײַנט, אַכט יאָר נאָך ווילסאָנס „פֿערצן פּונקטן", דער גלויבן אין פֿעלקער פֿרידן, אין אינטערנאַציאָנאַלער דעמאָקראַטיע, אין אינטערנאַציאָנאַלער פֿאַרשטענדעניש און קאָנטראָל. אין זשענעווע קען מען הײַנט אין גאַס הערן פֿון פֿאַרבײַגייער אַזעלכע זאַצן ווי: „דאָס איז אין ווידערשפּרוך צו די דעמאָקראַטישע פּרינציפּן", אָדער „דאָס וועט אָפּגעשאַפֿט ווערן

דורך אַן אינטערנאַציאָנאַלער פֿאַרשטענדיקונג". און דער מענטש צו וועמען די דאָזיקע ווערטער ווערן געזאָגט, שמייכלט ניט איראָניש. דאָס איז אַן אַטמאָספֿערע וואָס איז דורכגעדרונגען מיט דערוואַרטונג, די דערוואַרטונג אויף אַ נייער קאָניונקטור, וואָס וועט פֿונדאַסניי אויפֿלעבן די פּאַטענצן וואָס זיינען געלעגן אין די „פֿערצן פּונקטן", די פּאַטענצן וואָס זיינען געקומען צום אויסדרוק אין גענעראַל סמאָטס און אין בראַנטינגין. און אפֿשר איז דאָס גאָר נישט אַזוי ווייניק.

היינט האָט די דעלעגאַציע אָפּגעשטאַט איר ערשטן אָפֿיציעלן וויזיט ביי דעם לייטער פֿון דער מאַנדאַטן־אָפּטיילונג, אַן איטאַליענער מיטן נאָמען קאַטאַסטיני. עס איז באַקאַנט, אַז ער איז אונזערער אַ קעגנער וואָס שטייט צום דינסט פֿון טעאָדאָלי. אויסער אים, זיינען בשעת דעם וויזיט געווען אַנוועזנד איינער פֿון די באַאַמטע פֿון דער אָפּטיילונג וואָס פֿאַרנעמט זיך מיט אונזערע ענינים און דער סעקרעטאַר פֿון דעם הויפּט־סעקרעטאַר פֿון דעם פֿעלקער־בונד, סער עריק דרומאָנד. דער קבלת פּנים איז געווען אַ דורכאויס פֿאָרמעלער, קאַטאַסטיני איז געווען זייער פֿאַרזיכטיק. אַגב, מען פֿילט ווי די באַאַמטע האָבן דאָ מורא צו מאַכן וועלכן עס איז טעות אין וועלכן עס איז ענין; זיי היטן זיך ווי גנבים. באמת איז פֿאַראַן ניט קיין קליינע סכנה, אַז מען זאָל אויף יעדן שריט און טריט באַגעגענען איינע פֿון די 54 נאַציעס, וואָס זיינען אַנגעשלאָסן אין דעם פֿעלקער־בונד. דערפֿאַר גייען דאָ די באַאַמטע אויף די שפּיץ פֿינגער, אַזוי ווי זיי וואָלטן געטאַנצט אויף אייער און זיך געדאַרפֿט היטן זיי ניט צו צעברעכן. זיי צלמ'ען זיך נאָך יעדן וואָרט וואָס זיי לאָזן אַרויס פֿון מויל.

דעם 7טן יוני, 1926.

אייערנעכטן אָוונט האָט מען אונז מכבד געווען מיט אַ ציוניסטישן קבלת פּנים, וואָס איז אַראַנזשירט געוואָרן דורך דער זשענעווער סטודענטן־אָרגאַניזאַציע „השחר". עס זיינען געקומען פֿאַרשטייער פֿון דער אַזויגערופֿענער „נאַציאָנאַלער אינטעליגענץ" אָנהויבנדיק מיטן פּרעזידיום פֿון דער היגער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און פֿאַרענדיקנדיק מיטן פֿירער פֿון „פֿאַראיין פֿאַר קעגנזייטיקער הילף צווישן די אידישע סטודענטן". ווי געוויינלעך האָט מען געהאַלטן באַגייסטערטע און פּאַטעטישע קבלת־פּנים־רעדעס. די מיטגלידער פֿון „השחר" טראָגן נאָך אַלץ כּלערליי פֿאַרביקע היטלעך, לענטעס און גאַרטלען, וואָס מאַכן אַ משונה'דיקן איינדרוק. פֿאַרשטייט זיך, אַז איך האָב זיי

דערקלערט גאַנץ קלאָר, אַז אין ארץ ישראל איז היינט דאָס אַנטשיידנ־דיקע דער „חולין״, און אַז די פּראַקטישע פאַרווירקלעכונג פון ציוניזם זעט בדרך כלל אויס גאָר ניט ראָמאַנטיש און עקזאָטיש. איך האָב אויך גערעדט, ווי מען האָט געקענט דערוואַרטן, וועגן געצעלטן און באַראַקן און קי, וואָס דאַרפן געבן דריי טויזנט ליטער מילך.

נעכטן איז דער גאַנצער טאָג אַוועק אין פייערונגען לכבוד דער חנוכת־הבית פון דער נייער געביידע פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטס־אַמט. דאָס הויז איז גרויס און שיין און שטייט אין אַ ברייטן, מאָדערן־אויסגעלייגטן גאָרטן. אַלע רעפּרעזענטירטע פעלקער האָבן אַריינגעלייגט זייער חלק אין דער דעקאָראַציע פונם הויז: בילדער סטאַטועס, געמאָלטע פענצטער.

די חנוכת־הבית פּראָגראַם איז באַשטאַנען פון צוויי טיילן: אַ פייערלעכע זיצונג אינדערפרי, און אַ Garden party בעת דעם באַזוך אין דער נייער געביידע — נאָכמיטאָג. בעת דער פייערלעכער זי־צונג זיינען געהאַלטן געוואָרן 22 רעדעס. צווישן די רעדנער זיינען געווען דער פּרעזידענט פון דער שווייץ, סער אָסטען טשעמבערליין, קאַמיל הויסמאַנס, בענעש, סער עריק דרומאָנד, דער פראַנצויזישער און דער דייטשער אַרבעטס־מיניסטער, טאָמאַס — בקיצור, אַ גאַנץ אָנשטענדיקע געזעלשאַפט. עס איז געווען באמת אייסערגעוויינלעך לאַנגווייליק. אויסער טאָמאַסן, האָט מען ניט געהערט קיין איין לעבע־דיק וואָרט. בלויז אָפיציעלע, גלאַטע און סכעמאַטישע באַגריסונגען. אַ באַזונדער גענוס איז געווען צו הערן דעם דייטש, ד״ר ברוינס. ער האָט אין זיין רעדע געגעבן אַ געניועם אַנאַליז פון דער דייטשער מתנה צו דער נייער געביידע, אַ גיגאַנטיש באַמאָלטער פענצטער אין פינף טיילן. די מתנה, מיטן אַנאַליז פון דעם מיניסטער, האָט שוין צופיל געשמעקט מיט Parvenu. די רעדע האָט געשוויבלט און גע־גריבלט מיט פרידריך שילער, און ער האָט ציטירט גאַנצע קאַפּיטלעך פון דער „גלאָקע״. גאָט זאָל זיך מרחם זיין!

דעם 8טן יוני, 1926.

היינט האָט זיך געעפנט די ערשטע זיצונג פון דער קאָנפערענץ פון דער מאַנדאַטן־קאָמיסיע. טעאָדאָלי, וועלכער איז פונדאַסניי אויס־געוויילט געוואָרן אַלס פאָרזיצער פון דער קאָמיסיע, איז, צוליב עפּעס אַ פאַמיליע־פּאַסירונג, ניט געקומען, און וועט דאָ זיין ערשט סוף וואָך. גרימשאָו איז אויך ניטאָ, זיין מוטער איז געשטאָרבן מיט עט־

לעבּע טעג צוריק. די מיטגלידער פֿון דער מאַנדאַטן־קאָמיסיע האָבּן אויך מאַמעס; זייערע מאַמעס שטאַרבּן אויך. הייסט עס, אַז די זאַך איז ניט אַזוי שרעקלעך. בּדרך־כּלל איז די דערעפֿענונג־זיצונג, וואָס האָט זיך זייער שנעל געשלאָסן, באַשטאַנען בּלויז פֿון „איינדרוקן". דער האָלענדער איז געווען דער פֿאָרזיצער. די מיטגלידער זיינען געזעסן אַרום גרינע טישן, וואָס זיינען געווען אויסגעשטעלט אין דער פֿאָרעם פֿון אַ פֿאַדקאָווע. אינמיטן — די איבּערזעצער און סעקרעטאַרן. עס איז אויסגעאַרבּעט געוואָרן די טאָג־אָרדענונג. די איראַק־פֿראַגע איז אָפּגעלייגט געוואָרן אויף אָקטאָבּער. די סירישע פֿראַגע איז אויך אָפּגעלייגט געוואָרן, לויט דער בּקשה פֿון בּריאַן, כאָטש די לאַגע איז אין סיריע זייער אַן ערנסטע. ערשט מיט עטלעכע וואָכן צוריק איז אין דמשק פֿאָרגעקומען אַן ערד־ציטערניש, אין וועלכער עס זיינען אומגעקומען עטלעכע הונדערט פֿרויען און קינדער. און סיריע איז דאָך סוף סוף ניט ריך — דאָס איז דאָך אַ לאַנד וואָס שטייט אונטער אַ מאַנדאַט פֿון דעם פֿעלקער־בּונד.

וואָס איז שייך ארץ ישראל, האָט דער פֿאָרזיצער פֿאָרגעשלאָגן, אַז די דאָזיקע פֿראַגע זאָל אַראָפּגענומען ווערן פֿון דער טאָג־אָרדענונג און אָפּגעלייגט ווערן אויפֿן האַרבּסט. דער רעפּאָרט פֿון דער בּריטישער רעגירונג איז אָהער דערגאַנגען ערשט דעם 7טן יוני, דאָס הייסט נעכטן. קיין איין מיטגליד האָט נאָך ניט געהאַט די צייט אים צו שטודירן. און אַזוי ווי דער ארץ ישראל מאַנדאַט איז, לויט די רייד פֿון פֿאָרזיצער, איינער פֿון די גאָר וויכטיקסטע מאַנדאַטן — קען מען דאָך ניט טראַכטן וועגן פֿאַרהאַנדלען די פֿראַגע אונטער אַזעלכע אומשטענדן. קעגן דעם דאָזיקן פֿאָרשלאַג האָט גערעדט בּאַזונדערס ראַפּאַרד, וועלכער האָט בּאַטאָנט, אַז דער הויפּט־סעקרעטאַר פֿון דער ארץ ישראל רעגירונג געפֿינט זיך איצט אין אייראָפּע און די אָנוועזנהייט פֿון אַזאַ הויכן בּאַאַמטן איז פֿאַר דער דיסקוסיע וויכטיקער פֿון וועלכן עס איז רעפּאָרט. עס איז בּאַשלאָסן געוואָרן ארץ ישראל איבּערצולאָזן אין דער טאָג־אָרדענונג און אויסהערן וואָס סיימס, דער סעקרעטאַר פֿון דער ארץ ישראל רעגירונג, האָט צו זאָגן, אָבּער ערשט אַלס דעם לעצטן פּונקט אויף דער טאָג־אָרדענונג, וואָס וועט פֿאַרהאַנדלט ווערן אין צוויי וואָכן אַרום.

ראַפּאַרד איז בּיז היינט דער איינציקער מיטגליד פֿון דער קאָמיסיע מיט וועלכן מיר האָבּן געפֿירט אַן אָפֿיציעלן שמועס. ער האָט מיט אונדז געגעסן מיטאָג אין יאַקאָבּסאָנס היים — אַ פֿליישלאָזן

מאָלצייט לכּבוד דעם רב. ראַפּאַרד איז אַ טיפּ פון אַ וויסנשאַפטלער וואָס איז אַריינגעטאָן אין קאָנקרעטע לעבנס־פראַגן. אויף דייטש וואָלט ער געהייסן Sozialpolitischer prefessor. אַ שלאַנקער, פעסטער מאַן מיט קורץ געשוירענע האָר, וואָס זעט אויס ווי אַ קאָלאָנעל אין ציוויל־קליידער.

דער שמועס מיט ראַפּאַרדן האָט זיך געצויגן אַרום צוויי און אַ האַלב שעה, און האָט באַרירט אַלע פראַגן וואָס זיינען פאַרבונדן מיט אונזער אַרבעט, דאָס הייסט: אַפילו קיין איין פראַגע איז ניט באַהאַנדלט געוואָרן אין פולן ערנסט; קיין איין פראַגע איז ניט אַרויס פון די גרענעצן פון אַלגעמיינע הנחות. דאָס איז, דאַכט זיך מיר, די באַזונדערע שוועריקייט אין דער דאָזיקער אַרבעטס־סיסטעם, וואָס מאַכט מענטשן צוגענגלעך בלויז אין משך פון געציילטע שעה׳ן. די מיטגלידער פון דער מאַנדאַטן־קאָמיסיע זיינען בעת די זיצונגען פאַרנומען ניט ווייניקער ווי מיר אין די קאָנגרעס־טעג. אַזאַ שמועס גיט ניט די מעגלעכקייט צו באַהאַנדלען די פראַגן גרינטלעך. עס בלייבט דערפאַר ניט מער ווי די געלעגנהייט בולט אַרויסצוברענגען דעם כּוח פון אונזער אידייע און איר מענטשלעכע און נאַציאָנאַלע חשיבות, און אויף אַזאַ אופן שאַפן אַ בלייבנדיקן איינדרוק.

דעם 10טן יוני, 1926.

אין אונזער לאַגע איז דאָ פאָרגעקומען אַן ענדערונג. אין דעם איצטיקן מאָמענט באַהאַנדלט די קאָמיסיע פאָרמעל די פראַגע פון דעם אָפיציעלן אויפטריט פון די דעלעגאַציעס פאַר דער קאָמיסיע. איינע פון די סיבות וואָס האָבן געפירט צו דער דאָזיקער דיסקוסיע, איז אפשר אויך דער בריוו וואָס אונזער דעלעגאַציע האָט געשיקט צו דעם פאָרזיצער פון דער קאָמיסיע. אין דעם דאָזיקן בריוו האָבן מיר געמאָלדן וועגן אונזער שליחות קיין זשענעווע, באַטאָנט אונזער לאָיאַלע באַציאונג צו דער מאַנדאַט־רעגירונג און געבעטן די קאָמיסיע, אַז זי זאָל באַשליסן וועגן דער פאָרעם, אין וועלכער מיר זאָלן פאַר איר אויפטרעטן. ווען די קאָמיסיע וואָלט וועגן דעם אָנגענומען אַ פּאָזיטיוון באַשלוס, וואָלט באמת געשאַפן געוואָרן אַ נייער סטאַטוס פאַר דער דעלעגאַציע. מיר וואָלטן געהאַט דאָס רעכט אויפצוטרעטן פאַר דער קאָמיסיע און געבן דערקלערונגען וועגן די פאַרשיידענע פראַגן וואָס מען וואָלט אונז געשטעלט. כאָטש איך וואָלט דאָס זייער שטאַרק געוואָלט, גלויב איך ניט, אַז עס זיינען פאַראַן אויסזיכטן,

אַז דאָס זאָל געשען. איך גלויב ניט, אַז די קאָמיסיע וועט מסכּים זיין זיך מפֿקיר צו זיין צום דרוק פֿון כּסדר׳דיקע באַגעגענישן מיט פֿאַרשיידענע דעלעגאַציעס (סיריע!). אמת, בלויז די מאַנדאַטן־לענדער און אפֿשר אויך דרום־מערב־אַפֿריקע — וואו עס געפֿינט זיך אַ גרויסע צאָל דייטשן — קומען אין באַטראַכט. ווי מיר האָבן געהערט, זיינען אין דער קאָמיסיע פֿאַראַן עטלעכע איינפֿלוסרייכע מיטגלידער, צווישן זיי ראַפּאַרד און סער פֿרעדריק לוגאַרד, וואָס האָבן אַ פּאָזיטיווע באַציִונג צו דעם ענין פֿון אויפֿנעמען די דעלעגאַציעס. אָבער טעאָדאָלי, וועלכער געפֿינט זיך שוין סוף כּל סוף דאָ, איז, פֿאַרשטייט זיך, קעגן. מען מעג אָבער צווייפֿלען, צי טעאָדאָלי וואָלט זיך שטאַרק איינגעשפּאַרט אין זיין קעגנערשאַפֿט צו דער סירישער דעלעגאַציע (עמיר אַרסעלאַן). יעדנפֿאַלס,ביידע צדדים איז ניט קלאָר, וואָס עס זיינען די אויסזיכטן בנוגע דעם באַשלוס פֿון דער קאָמיסיע.

דערווייל האָבן מיר אויסגענוצט די דאָזיקע פּויזע כּדי קלאָר צו מאַכן מיטן פּרעזידענט פֿון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע עטלעכע קאָמפּליצירטע פֿראַגן, וואָס זייען עלול אויפֿצושווימען, באַזונדערס די פֿראַגע פֿון דער קאָנסטיטוציע און פּאַרלאַמענט, וועגן וועלכער איך האָב פֿאַרפֿאַסט אַ קליינעם מעמאָראַנדום: „אַלגעמיינע באַמערקונגען וועגן דער אָנווענדונג פֿון פּאַראַגראַף 22 פֿון דער פֿעלקער־בונד־קאָנסטיטוציע און פּאַראַגראַף 3 פֿון דעם מאַנדאַט אין די גרענעצן פֿון ארץ ישׂראל". אַגב, דער מעמאָראַנדום פֿון דעם ועד לאומי איז נאָך אין זשענעווע ניט דערהאַלטן געוואָרן; ווי עס ווייזט אויס האָט מען אים פֿאַרהאַלטן אין לאָנדאָן, אין קאָלאָניאַל־מיניסטעריום אָדער אין אויסערן־מיניסטעריום. אויף דער טעלעגראַמע וואָס מיר האָבן וועגן דעם געשיקט קיין לאָנדאָן האָבן מיר היינט געקראָגן אַ תּשובה, אַז ביז סוף וואָך וועט מען אים אָן ספֿק אָפֿיציעל אַהער איבערשיקן. נעכטן, ווען איך בין צופֿעליק געווען ביי וויצמאַנען, האָב איך ביי אים אין האָטעל געטראָפֿן דעם הער פּאַלאַסיאָס, דעם שפּאַנישן מיטגליד פֿון דער קאָמיסיע. אַזוי האָב איך געהאַט די געלעגנהייט זיך צו באַקענען מיט אַ צווייטן מיטגליד פֿון דער קאָמיסיע (דער ערשטער איז געווען ראַפּאַרד). בנוגע דעם דאָזיקן פּאַלאַסיאָס (וועלכן די ארץ ישׂראלדיקע פּרעסע האָט געמאַכט פֿאַר אַ גריך) האָב איך פֿון די פּראָטאָקאָלן און פֿון אונזער פּרעסע באַקומען גאָר אַן אַנדערן און גאָרניט ריכטיקן איינדרוק. ער האָט זיך מיר פֿריער אויסגעדאַכט צו זיין איינער פֿון אונזער שאַרפֿסטע און געפֿערלעכסטע

קעגנער, אָבער איצט האָב איך דעם איינדרוק, אַז ער איז גאָרניט אַזוי תּקיפֿות׳דיק און געפּערלעך. ער איז אַ טיפּ פֿון זייער אַ מילדן און ווייכן פּראָפּעסאָר, אַ לערער פֿון סאָציאַלער און קולטור־געשיכטע אין באַרצעלאָנאַ. זיין באַציאונג צו אונז איז זיכער ניט קיין פֿיינדלעכע — גראָד פֿאַרקערט. וויצמאַן האָט אויף אים געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק, און ער האָט אים אויך איינגעלאַדן צו באַזוכן ארץ ישראל. ער האָט אַ שפּיציק בערדל, פֿון דעם מין וואָס מען זעט אויף וועלאַסקעז׳ס בילדער, גוטהאַרציקע און מילדע אויגן און עטוואָס שווערע באַוועגונגען. ער האָט געזאָגט: יאָ, איך גלויב, אַז די מערהייט איינוואוינער פֿון שפּאַניע זיינען אידן. די דאָזיקע משונה׳דיקע טעאָריע האָט ער, צו מיין גרויסער אַנטציקונג, באַגרינדעט אָט אַזוי: „איר פֿאַרשטייט, מיינע ליבע הערן, אין אונזער אַדמיניסטראַציע און אַרמיי און שטאַט הערשט אַ מורא׳דיקע אומ־אָרדענונג, אָבער וואָס איז שייך ליטעראַטור, סקולפּטור, מאָלעריי — אין דעם צייכענען מיר זיך שטאַרק אויס". דאָס איז געווען גרויסאַרטיק.

ווען עס קומט צו ארץ ישראל פֿילט מען ביי אים און ביי אַלע אַנדערע מיטגלידער פֿון דער מאַנדאַטן־קאָמיסיע אַ געוויסן אומצוטרוי אין דער אייגענער אורטיילסקראַפֿט. אפֿשר וואָלט מען עס געקענט אָנרופֿן מיטן נאָמען „יורידישע געוויסן־פּלאָגענישן". די מערסטע פֿון די דאָזיקע מענטשן טראַכטן אין פֿאָרמעל־יורידישע טערמינען, און זייער געוויסן איז אויך סענסיטיוו בנוגע דער יורידיש־פֿאָרמעלער זייט פֿון די ענינים מיט וועלכע זיי באַשעפֿטיקן זיך. זיי ווילן דעם דאָזיקן געוויסן טריי בלייבן. וועגן דעם קען ניט זיין קיין צווייפֿל. און אָט פֿון דעם שטאַנדפּונקט איז זיי זייער שווער משיג צו זיין דעם ארץ ישראל מאַנדאַט מיט זיין שפֿע פֿון אויסערגעוויינלעכע אויפֿ־גאַבן, וואָס זייער יורידישע סטרוקטור און אויסגעהאַלטנקייט איז זיי זייער קשה. בעת איך האָב זיך צוגעהערט צו פּאַלאַסיאָס׳ן, האָב איך צייטנווייז געהאַט דעם איינדרוק, אַז ער ליידט באמת מאָראַלישע און גייסטיקע יסורים צוליב דער סתּירה, וואָס ער זעט צווישן אונזער נאַציאָנאַלער היים און דעם פּונקט 22 און ער מאַטערט זיך צו געפֿינען דעם שפּיץ מעסער, אויף וועלכן צו באַלאַנסירן זיין אינטעלעקטועלן גלייכגעוויכט. דאָס מאָל האָט ער אין דער קאָמיסיע געדאַרפֿט רע־פֿערירן וועגן דעם אַראַבישן מעמאָראַנדום. ווי ער האָט אונז איבער־געגעבן, איז דער דאָזיקער מעמאָראַנדום, פֿון אונזער שטאַנדפּונקט, זייער אַ גינסטיקער. ער האַלט, אַז כּל זמן די אַראַבער אָנערקענען

ניט פֿאָרמעל דעם גאַנצן אינהאַלט פֿון מאַנדאַט, איז אוממעגלעך צו טראַכטן וועגן געבן דעם לאַנד וואָסערע עס איז קאָנסטיטוציאָנעלע רעכט. לויט זיין מיינונג, קענען קיין שום קאָנסטיטוציאָנעלע רעכט ניט באַרירן דאָס גרונט־רעכט פֿון די אידן בנוגע זייער נאַציאָנאַלער היים (ער איז שטאָלץ דערמיט וואָס זיין פֿאָרמולע גייט ווייטער פֿון הער־בערט סעמיועלס: „אין מאַנדאַט” — זאָגט ער — „שטייט געשריבן 'די נאַציאָנאַלע היים' און ניט 'נאַציאָנאַלע היים'”. אָבער דאָס איז אויך אַ פּראָדוקט פֿון אַ פֿאָרמאַליסטישן צוגאַנג צו דעם גרונט־דאָקומענט פֿון מאַנדאַט).

דעם 11טן יוני, 1926.

ווייצמאַן, דער אומדערמידלעכער מענטש, וואָס רוט אַפֿילו ניט קיין איין טאָג, האָט זיך צוריקגעקערט קיין לאָנדאָן צוליב אַ טעלעגראַמע וואָס ער האָט פֿון דאָרטן באַקומען, נאָך דעם ווי ער האָט דאָ געשמועסט מיט די וויכטיקסטע מענטשן: ראַפּאַרד, אָרטס, לוגאַרד, די לייטער פֿון די פֿינאַנסן־ און אינפֿאָרמאַציע־דעפּאַרטמענטן, דעם גענעראַל־סעקרעטאַר און דעם לייטער פֿון אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטס־אַמט. קומענדיקן פֿרייטיק וועלן מיר זיך אין בערן באַגעגענען מיט דעם פּרעזידענט פֿון דער שווייצאַרישער רעפּובליק.

דעם 12טן יוני, 1926.

היינט האָבן מיר פֿון דעם פֿאָרזיצער פֿון דער מאַנדאַטן־קאָמיסיע באַקומען אַן ענטפֿער אויף אונזער בריוו. דער ענטפֿער איז, ווי מען האָט געקענט דערוואַרטן, אַ נעגאַטיווער. מען האָט ,אמת, ניט אָנגענומען קיין שום פּרינציפּיעלן באַשלוס אין דער פֿראַגע פֿון אויפֿנעמען דעלעגאַציעס, נאָר מען האָט די דאָזיקע פֿראַגע איבערגעגעבן צו דער אָנטשיידונג פֿון דעם „ראַט” פֿון דעם פֿעלקער־בונד. אָבער לויט דער מיינונג פֿון יודעי דבר (גרימשאָו און ראַפּאַרד) וועט דער „ראַט” אָפּוואַרפֿן אַלע פֿאָרשלאָגן פֿון דעם דאָזיקן סאָרט.

דאָס הייסט, אַז אונזערע קאָנטאַקטן מיט די מיטגלידער פֿון דער קאָמיסיע וועלן זיין ריין־פּערזענלעכע, אין דער פֿאָרעם פֿון שמועסן מיט אירע מיטגלידער. איינער פֿון זיי, דער פֿראַנצויז מאַרלען, האָט איינגעלאַדן דיזענגאָפֿן אויף אַ שמועס. מאַרלען איז אין דער קאָמיסיע אַריין ערשט איצט, נאָכן טויט פֿון זיין קאָלעגע. ער איז, הייסט עס, אַן „אָנפֿאַנגער”, און אַלס אַזעלכער איז ער פֿאָרזיכ־

טיקער און סקעפּטישער פֿון די אַנדערע. מען קען צו אים ניט צו־קומען. אַפֿילו אויפֿן וויזיט־קאַרטל וואָס ער האָט צוגעשיקט, צוזאַמען מיט זיין איינלאַדונג, האָט ער אָנגעשריבן recerva a titre purement privé. ווי דיזענגאָף דערציילט, האָט מאַרלען אויף אים די גאַנצע צייט געקוקט ווי אַ בודאַ, ניט אַרויסלאָזנדיק קיין איין וואָרט פֿון מויל. דער דאָזיקער טיפּ איז דער סאַמע אומאָנגענעמסטער. וועלכער סטודענט קען דאָס ניט דעם דרוק פֿון דעם שווייגנדיקן פּראָפֿעסאָר בעת אַן עקזאַמען?

די סירישע דעלעגאַציע, וועלכע איך האָב שוין אויבן דערמאָנט, האָט היינט אַרויסגעגעבן אַ דערקלערונג, וואָס איז געמיינט פֿאַר דער מאַנדאַטן־קאָמיסיע. איך בין זיך מודה, אַז די דאָזיקע דערקלערונג האָט ביי מיר אַרויסגערופֿן פֿיל ערנסטע פֿראַגעס. קודם־כל האָט זי געשטאַרקט מיינע ספֿקות בנוגע דער סיריש־פֿראַנצויזישער פּאָליטיק, וואָס מען האָט לעצטנס ביי אונז אָנגעהויבן פֿירן. אויפֿצוטרעטן אויף איין טריבונע מיט דעם סירישן הויך־קאָמיסאַר ביי דער געלעגנהייט פֿון אַ גרויסער ציוניסטישער פֿאַרזאַמלונג אין פּאַריז בלויז צוויי וואָכן נאָך די בייסטע אומרוען אין דמשק אין וועלכע עס זיינען, אויף דער פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿון דעם דאָזיקן הויך־קאָמיסאַר, דער־הרג׳עט געוואָרן פֿיל פּשוטע איינוואוינער, ניט קיין קעמפֿער, פֿרויען און קינדער; זיך צו שטעלן אין דעם איצטיקן מאָמענט פֿון אַ שווערער נאַציאָנאַלער נויט, בעת סיריע ראַנגלט זיך מיט אַ דעספּאָטישער פֿראַנצויזישער אַדמיניסטראַציע, אויף דער זייט פֿון דעם דאָזיקן אימ־פּעריאַליזם — צי איז דאָס ניט אַ צו־טייערער פּרייז פֿאַר דער ציוניס־טישער סימפּאַטיע וואָס מיר קענען אפֿשר דערפֿאַר באַקומען אין דער רעדאַקציע פֿון „מאַטען”? איך ווייס ניט, צי די דאָזיקע מענטשן, די עקסטרעם נאַציאָנאַליסטישע סירער אין ביירוט און אויך אין זשענעווע זיינען די אָרענטלעכע פֿאָרשטייער פֿון די ברייטע סירישע מאַסן און צי זיי זיינען פֿאַראַנטוואָרטלעכע און טרייע שליחים פֿון זייער פֿאָלק. איך ווייס אָבער יאָ, אַז יעדער „מאַרטירער” וואָס די פֿראַנצויזן שאַפֿן היינט אין סיריע ברענגט נאָענטער די שעה ווען די סאָלידע מערהייט פֿון דער סירישער באַפֿעלקערונג וועט שטיין אויף דער זייט פֿון דער דאָזיקער באַוועגונג, פּונקט אַזוי ווי די סאָ־לידע מערהייט פֿון די עגיפּטער, וועלכע שטייט היינט אויף דער זייט פֿון זאַגלול פּאַשאַ, כאָטש עס איז אַ ספֿק, צי זאַגלול און פֿיל פֿון זיינע חברים זיינען געטרייע און ערלעכע וואָרטזאָגער פֿון די איינ־

טערעסן פֿון עגיפּטישן פֿאָלק. איז טאַקע נויטיק, אַז דער אידישער ישוב אין ארץ ישראל זאָל מיט דער צייט דאַרפֿן דעקן די חשבונות פֿון דעם פֿראַנצויזישן הויך־קאָמיסאַר זשואווענאָל?

נעכטן האָבן מיר געהאַט אַן עפֿנטלעכע ציוניסטישע פֿאַרזאַמלונג. עס זיינען געקומען אַרום פֿיר הונדערט מענטשן, צווישן זיי אַ צאָל ניט־אידן, באַאַמטע פֿון דעם מאַנדאַטן־דעפּאַרטמענט און ענגלענדער מיט אַ שטיקל Spleen. דער היגער רב איז געווען דער פֿאָרזיצער. עס האָט ממש געטריבן צו פֿאַרצווייפֿלונג.

דעם 14טן יוני, 1926.

פֿאַרמיטאָג בין איך ווידער געווען אין פֿעלקער־בונד. די מאַנ־דאַטן־קאָמיסיע איז איצט פֿאַרנומען מיט אונזערע קאָלעגן, די פּאַפּואַס; די איבעריקע שפּילן זיך אין וועלט־פּאָליטיק. מיר, כּידוע, האָבן נישט אַזאַ געשעפֿט. דער אונגאַר בעטלען האָט געקראָגן אַ פּאַטש; ער איז זיכער ניט דער איינציקער וועלכער איז דאָס ווערט. בראַזיל האָט געלאָזט וויסן, אַז זי ציט זיך צוריק פֿון פֿעלקער־בונד. איך בין נייגעריק צו וויסן, צי אַמעריקע האָט אין דעם אויך אַ האַנט. באַל־גאַריע האָט באַקומען אַ הלוואה פֿון 2 מיליאָן פֿונט פֿאַר דער קאָלאָ־ניזאַציע פֿון אירע פּליטים. און מיר?

צו דער גרופּע מיטגלידער פֿון דער מאַנדאַטן־קאָמיסיע, מיט וועלכע מיר האָבן איינגעשטעלט קאָנטאַקט, איז היינט צוגעקומען ד׳אַנדראַדע, דער פּאָרטוגעזישער דעלעגאַט. דרך אַגב: די מיטגלי־דער פֿון דער קאָמיסיע ווערן ניט באַטראַכט ווי דעלעגאַטן פֿון זייערע לענדער, באַקומען ניט קיין שום אינסטרוקציעס, שטימען און רעדן בלויז אין איינקלאַנג מיט זייערע פּערזענלעכע איבערצייגונגען און מוזן זיך צוריקציען פֿון דער קאָמיסיע, ווען זיי ווערן באַשטימט אויף אַ רעגירונגס־פּאָסטן אין זייער לאַנד. אויך בנוגע ד׳אַנדראַדע האָב איך פֿון דער פּרעסע און די פּראַטאָקאָלן באַקומען גאָר אַן אַנ־דערן איינדרוק ווי עס האָט זיך נאָך דעם אַרויסגעוויזן אין פּער־זענלעכן קאָנטאַקט. זיין באַציאונג צו אונז איז בדרך כּלל אַ פֿריינד־לעכע אין פֿולסטן זין פֿון וואָרט. עס זעט אויס, אַז ער שטודירט זייער פֿלייסיק אונזערע מאַטעריאַלן. אויסער דער פֿראַגע פֿון עליה און אַרבעט, האָבן זיך זיינע פֿראַגן דער עיקר געדרייט אַרום דער אָרגאַניזאַציע פֿון די קהילות, וואָס איז אויפֿגעשוואומען אַ דאַנק דעם מעמאָראַנדום פֿון דער אגודת ישראל. די פֿראַגע פֿון אגודת ישראל

האָט דאָ בכלל אַרויסגערופֿן מער אויפֿמערקזאַמקייט ווי ביי אונז — און זיכער מער וויפֿיל זי פֿאַרדינט. די דאָזיקע פֿראַגע אינטערעסירט אַזוי די פֿעלקער־בונד־קרייזן קודם כּל דערפֿאַר וואָס קיינער פֿאַרשטייט נישט וואָס דאָס איז אַזוינס. אַפֿילו אָרמסבי גאָר איז צום ערשטן מאָל געצוואונגען געוואָרן זיך מודה צו זיין פֿאַר דער קאָמיסיע, אַז ער האָט, צו זיין באַדויערן, ניט גענוג מאַטעריאַל וואָס זאָל קלאָר מאַכן די דאָזיקע פֿראַגע (וואו איז אונזער פּאָליטישער אינפֿאָרמאַציע־דינסט ? ?). און אָט די דאָזיקע פֿראַגע, וואָס קיינער פֿאַרשטייט זי נישט, שפּיגלט זיך אָפּ אין אַלע מוחות ווי זייער אַ טיפֿער און וויכטיקער ענין. די פֿראַגע רירט דאָך אָן דעם ענין געוויסן־פֿרייהייט, און דאָס איז דווקא דאָ, אין זשענעווע, זייער אַ סענסיטיווער פּונקט. דעם פּונקט טאָר מען ניט אָנרירן. געוויסנס־פֿרייהייט איז דאָך אַן ענין וואָס איז צו גאָר ניט מחייב; דריטנס, איז גרויס די תאווה אויך אונז אַמאָל צו כאַפּן ביי אַ שטיקל זינד, ביי דער אונטערדריקונג פֿון עפּעס אַ מינדערהייט. מיר באַמיען זיך קלאָר צו מאַכן די פֿראַגע פֿון אונזער שטאַנדפּונקט.

דעם 17טן יוני, 1926.

זינט עס איז קלאָר געוואָרן, אַז עס איז ניטאָ קיין האָפֿענונג, אַז אונזער דעלעגאַציע זאָל אָפֿיציעל אויפֿגענומען ווערן, ווייניקסטנס כּל זמן דער „ראַט" האָט נאָך ניט באַשלאָסן וועגן דער פֿאָרעם פֿון דער אויפֿנאַמע, האָבן מיר, פֿאַרשטייט זיך, אַלע אונזערע כּוחות קאָנצענטרירט אויף באַגעגענישן, שמועסן און פֿאַרהאַנדלונגען מיט יחידים. אין דעם פּרט האָבן מיר אין די לעצטע צוויי טעג געמאַכט גאָר אַ סך פֿאָרטשריט. מיר האָבן זיך אין משך פֿון די טעג באַגעגנט מיט צוויי טיפּן: ערשטנס, מיט הויכע באַאַמטע און פֿאָרשטייער פֿון דעם פֿעלקער־בונד, באַזונדערס די לייטער פֿון די פּאָליטישע דעפּאַרטמענטן ; צווייטנס, מיט מיטגלידער פֿון דער קאָמיסיע.

צו דעם ערשטן טיפּ געהערט, הויפּטזעכלעך, אונזער באַזוך ביי דעם גענעראַל־סעקרעטאַר פֿון דעם פֿעלקער־בונד, סער עריק דרומאָנד. מעגלעך, אַז מען דאַרף צו דעם דאָזיקן וויזיט אַפֿילו צושרייבן אַ באַזונדערע וויכטיקייט. וואָרעם דאָס הייסט דאָך די אָפֿיציעלע אויפֿנאַמע פֿון דער דעלעגאַציע ביי דעם אַדמיניסטראַטיוון שעף פֿון דעם פֿעלקער־בונד. אויך אין דעם שמועס האָט מען בולט געזען די כאַראַקטעריסטישע שטריכן פֿון דער היגער באַאַמטנשאַפֿט ; אַן אַקצענטירטע און

אויסערגעוויינלעכע פֿאָרזיכטיקייט, צוזאַמען מיט אַ ספּעציעלער עמ־פֿינדלעכקייט בנוגע פֿראַגן פֿון פֿאָרעם און פּראָצעדור. אין משך פֿון דעם דאָזיקן שמועס, וואָס איז געפֿירט געוואָרן אויף ענגליש, האָב איך, צום ביישפּיל, באַרירט די פֿאָרמעלע פֿראַגע וועגן אויפֿ־נעמען דעלעגאַציעס דורך דער מאַנדאַטן־קאָמיסיע. בנוגע דער דאָ־זיקער פֿראַגע האָט אונז סער עריק געענטפֿערט אויף אַ זייער ליבנס־ווירדיקן אופֿן: סיי דער פֿעלקער־בונד און סיי די קאָמיסיע אַנער־קענען בלויז צו איין רעפּרעזענטאַנץ אויף אַ מאַנדאַטן־לאַנד, די רע־פּרעזענטאַנץ פֿון דער מאַנדאַט־רעגירונג, וואָס טרעט אויף אין נאָמען פֿון אַלע איינוואוינער. די יורידישע זייט פֿון דער פֿראַגע איז קלאָר. עס איז אויסגעשלאָסן, אַז מיר זאָלן אַנערקענען וועלכן עס איז אַנדערן פֿאָרשטייער. אויב עס איז פֿאַראַן אַ קבוץ — ווי מיר, צום ביישפּיל — וואָס וויל זיך אויף אַן אוממיטלבאַרן אופֿן ווענדן צום פֿעלקער־בונד, קען דאָס געטאָן ווערן בלויז דורך דער מאַנדאַט־מאַכט. אויב די מאַנ־דאַט־רעגירונג וועט עס פֿאָדערן, וועט די קאָמיסיע זיכער גרייט זיין אויסצוהערן די מיינונגען פֿון אַ דעלעגאַציע, וואָס באַשטייט פֿון לאָ־קאַלע זאַך־קענער. עס ווייזט אויס, אַז קיין אַנדער וועג איז איצט ניטאָ, — דאָס הייסט, אויב מען זאָל בכלל אָננעמען אַז די דאָזיקע פֿראַגע פֿון אויפֿנעמען דעלעגאַציעס איז פֿאַר אונז אַן אמת־וויכ־טיקער ענין.

פֿון די העכערע באַאַמטע האָבן מיר, אויסער דעם הויפּט־סעק־רעטאַר, געזען דעם נאָרוועגער קאָלוועז, דעם שעף פֿון דעם מינ־דערהייטן־דעפּאַרטמענט, און מאַנטו, אַ פֿראַנצויזישער איד, דער ליי־טער פֿון אַ סעקציע פֿון פּאָליטישן דעפּאַרטמענט. אויף דעם נאָרוועגער זאָגט מען, אַז ער איז איינער פֿון די לויטערסטע אידעאַליסטן אין דער דאָזיקער שטאָט. אַפֿילו פֿאַר מיין „אַנגלאָ־זאַקסישן" געשמאַק איז ער שוין אַביסל צו קיל, כאָטש ער איז אַ גאַנץ אָנגענעמער מיט־שמועסער. איר קענט זיך פֿאָרשטעלן מיין התפּעלות בעת איך האָב, קומענדיק צוריק אין האָטעל פֿון דעם דאָזיקן וויזיט, דאָרטן געפֿונען אַ פּעקל צייטונגען פֿון ארץ ישראל און געלייענט אין „דואר היום" די ערשטע נייעס וועגן אונזער באַזוך ביי דעם הויפּט פֿון דעם מינ־דערהייטן־דעפּאַרטמענט, אַ באַריכט פֿול מיט שאַרפֿער קריטיק. דאָס הייסט אַ פֿלייסיקער פּרעסע־דינסט! דער איד מאַנטו געהערט צו די סאַמע אינטעליגענטסטע באַאַמטע, וואָס איך האָב דאָ געפֿונען; אַ קינסטלער אין דער פֿראַנצויזישער און ענגלישער שפּראַך און אַ

זעלטענער פּסיכאָלאָג. דרך אַגב, מען האָט אים אָפּגעזאָגט פֿון זיין פאָסטן צוליב די הכנות וואָס ווערן דאָ געמאַכט אַריינצונעמען די דייטשן. איינער פֿון זיי וועט פֿאַרנעמען זיין פּלאַץ.

זשענעווע, אַזוי ווי ארץ ישראל, איז היינט, אין אַ געוויסער מאָס, אַ צענטער און אַ מקום מקלט פֿאַר כלערליי „משוגעים" און צעמישטע קעפּ. אָט איז אַן אַנעקדאָטישער ביישפּיל. אַרויסגייענדיק פֿון דרו־מאָנדס צימער האָט זיך צו אונז צוגעטשעפּעט אַן אַמעריקאַנער. ער האָט זיך פֿאַר אונז פֿאָרגעשטעלט אַלס דער פֿירער פֿון אַ „ליגע פֿאַר קאַלענדאַר־רעפֿאָרם". ער און זיין אָרגאַניזאַציע שטרעבן צו רעפֿאָר־מירן אויף דער גאַנצער וועלט דעם קאַלענדאַר לויטן מוסטער פֿון אידישן לוח — דאָס הייסט, גלייכע חדשים, צוזאַמען מיט עיבור־יאָרן אאַז״וו. ביים פֿעלקער־בונד איז פֿאַראַן אַ ספּעציעלע קאָמיסיע, וואָס גיט זיך אָפּ מיט דער דאָזיקער פֿראַגע פֿון קאַלענדאַר־רעפֿאָרם. אַז ער האָט דערהערט, אַז מיר זיינען אידן פֿון ארץ ישראל, איז ניט געווען קיין גרענעץ צו זיין פֿרייד. ערשטנס, ווייל משה רבנו איז געווען דער גרעסטער געזעצגעבער אויף דער וועלט (ער איז דאָך זיכער געווען דער שאַפֿער פֿון אידישן לוח); צווייטנס, ווייל ער אַליין איז מיט 28 יאָר צוריק געווען אין ארץ ישראל, און ער וואָלט געוואָ[…] וויסן, וואָס עס מאַכן די צוויי שאָטלענדישע דאַמען, וואָס האָבן ד[…] מאָלט אָנגעפֿירט מיט אַ קריסטלעכער קינדער־היים אין יפֿו או[…] האָבן אויף אים, ווייזט אויס, געלאָזן אַן אומפֿאַרגעסלעכן איינדרוק; דריטנס, ווייל די רבנים פֿון דער אגודת ישראל האָבן אויף דער לעצטער זיצונג פֿון דער קאָמיסיע געלייגט באַזונדערע שוועריקייטן אויפֿן וועג צו דער קאַלענדאַר־רעפֿאָרם. ער וויל אונז, הייסט עס, איבערצייגן. ער האָט אונז אָנגענומען ביי די קנעפּלעך, ביי די אַרבל און ביי די שירעמס און ניט אָפּגעלאָזן אַ גאַנצע שעה צייט. ער האָט יעדן איינעם פֿון אונז געגעבן אַ בראָשור וועגן דער דאָזיקער טעמע. זיין מיינונג איז, אַז דאָס איז איינע פֿון די וויכטיקסטע פֿראַגן אין דער וועלט און פֿון איר לייזונג איז אָפּהענגיק דאָס שפּאָרן פֿון מיליאָנען דאָלאַר און הונדערטער טויזנטער אַרבעטס־טעג. ער האָט אונז צוגעזאָגט צו שיקן פֿראַנצויזישע איבערזעצונגען פֿון דער בראָשור.

וויכטיקער זיינען, פֿאַרשטייט זיך, געווען אונזערע ווייטערדיקע שמועסן מיט די געערטע קאָמיסיע־מיטגלידער. די אָנגענעמסטע באַ־געגעניש אין זשענעווע איז פֿאַר מיר געווען דער באַזוך ביי גרימשאָו, וועלכער איז ערשט אָנגעקומען פֿון ענגלאַנד. דאָס איז באמת אַ פּראַקט־

פֿולער טיפֿ פֿון אַן ענגלישן וויסנשאַפֿטלער. אַ העלער, ענערגישער מענטש, 46 יאָר אַלט — און שלאַנק ווי אַן אוניווערזיטעט־סטודענט, אַריינגעטאָן אין דעם ענין מיט וועלכן ער באַשעפֿטיקט זיך, אָפּנ־האַרציק, אַן אמתער אידעאַליסט, וואָס באַציט זיך אויך צו אונז מיט איבערגעגעבענער פֿריינדשאַפֿט. עס איז פֿאַר מיר געווען אַ נחמה און אַ גוטער סימן וואָס אונזער זאַך איז מסוגל צו דעראָבערן אַזעלכע מענטשן. אין משך פֿון גאַנצן אָוונט האָבן מיר באַרירט כּמעט אַלע אַרבעטס־פֿראַגן אין ארץ־ישראל. ער האָט אַרויסגעוויזן אַ שיינע און טיפֿע פֿאַרשטענדעניש פֿאַר די פּראָבלעמען פֿון דעם אידישן אַר־בעטער אין ארץ ישראל. פֿריער האָט ער פֿאַרנומען דעם פּאָסטן פֿון אַ פּראָפֿעסאָר פֿון סאָציאַלע וויסנשאַפֿטן אין לאָנדאָנער אוניווערזיטעט. ער איז אַ תּלמיד פֿון גרעהעם וואַלאַס און אַ סאָציאַליסט פֿון דער „פֿאַביאַנער געזעלשאַפֿט”. איצט האָט ער זיך צוריקגעצויגן פֿון אַט די אַלע זאַכן און ער באַשעפֿטיקט זיך אין אינטערנאַציאָנאַלן אַר־בעטס־אַמט מיט די אַרבעטס־פֿראַגן אין די קאָלאָניעס און אין די מאַנדאַט־לענדער, מיטן קאַמף קעגן שקלאַפֿעריי און צוואַנגס־אַרבעט. ער איז מיט לייב און לעבן איבערגעגעבן דער אויפֿגאַבע צו פֿאַר־גרינגערן די לאַגע פֿון די אומגליקלעכע שקלאַפֿן און זיי באַשיצן קעגן דער ברוטאַלער עקספּלואַטאַציע. ער האָט מיר דערציילט אַ מעשה, וואָס וואַרפֿט אויף אַן אַמוזאַנטן אָבער טרעפֿלעכן אופֿן ליכט אויף דער מאַנדאַטן־סיסטעם. אין אַ געוויסן פֿראַנצויזישן מאַנדאַטן־געביט אין אַפֿריקע האָבן זיך געפֿונען צוויי הויפּטלינגען, וואָס האָבן צווישן זיך געפֿירט אַ שטאַרקן קאָנקורענץ־קאַמף. איינע פֿון די דאָ־זיקע פֿאַמיליעס איז דעפּאָרטירט געוואָרן אויפֿן באַפֿעל פֿון פֿראַנ־צויזישן אַדמיניסטראַטאָר, און זי האָט זיך פֿון איר „גלות” געווענדט מיט אַ בקשה צו דער מאַנדאַטן־קאָמיסיע. פֿון דער בקשה איז ניט קלאָר געווען, וועגן וואָס עס האַנדלט זיך — און די דערקלערונגען פֿון דער מאַנדאַט־רעגירונג האָבן אויך ניט געהאָלפֿן. דער אַדמי־ניסטראַטאָר אַליין איז געווען דער מחבר פֿון דער בקשה. צום סוף איז דער ענין קלאָר געוואָרן דורך פּריוואַטע בריוו: דער פֿראַנ־צויזישער אַדמיניסטראַטאָר האָט פֿון דעם הויפּטלינג פֿון דער זיג־רייכער משפּחה באַקומען אַ מתּנה זיין טאָכטער, אַ זיבעצן־יעריק מיידל, וואָס איז געווען באַרימט אין גאַנצן לאַנד מיט איר שיינקייט. אַט דערפֿאַר איז דער צווייטער הויפּטלינג פֿאַרשיקט געוואָרן אין גלות. פֿאָרמעל ווייס די קאָמיסיע עד היום ניט וועגן דער גאַנצער

מעשה, און זי קען וועגן דעם גאָרניט טאָן. וואָס איז שייך דעם פֿאַרשיקטן הויפּטלינג, וועט זיין גורל אינגיכן זיין ענלעך צו דעם גורל פֿון דעם נעגער־קעניג אין באַרימטן ליד. ער וועט אינגיכן טראָגן דעם פּויק אין איינעם פֿון די וואַנדערנדיקע צירקן אין אייראָפּע, און דער פֿעלקער־בונד קען אים גאָרניט ענטפֿערן אויף זיין בקשה. דאָס געהערט אויך צו דער מאַנדאַט־סיסטעם, און בלויז איבערגעשפּיצטע חכמים וועלן זאָגן: דאָס איז מאַנדאַט נומער צוויי.

מיט גרימשאָו האָב איך געשמועסט ניט נאָר וועגן פּראַקטישע פֿראַגן, ווי אַרבעטער־שוץ, נאָר אויך וועגן שאַפֿן פֿאַרבינדונגען צווישן דער הסתדרות און דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטס־קאָנפֿערענץ. אין דער פֿראַגע אַנטשיידט אויך דער פֿאָרמעלער מאָמענט. די אינטערנאַציאָנאַלע אַרבעטס־אָרגאַניזאַציע אָנערקענט אויך בלויז זעלבסטשטענדיקע מלוכות און דאָמיניאָנס. אין ווערסאַיל און שפּעטער איז גאָרניט דיסקוטירט געוואָרן בנוגע די קאָלאָניעס און מאַנדאַט־לענדער. אויך אין דעם פּרט קענען פֿאַרבינדונגען געשאַפֿן ווערן בלויז דורך דער מאַנדאַט־מאַכט. מיר האָבן צווישן זיך באַשלאָסן, אַז די הסתדרות זאָל זיך ווענדן צו דעם קאָנגרעס פֿון די בריטישע טרייד־יוניאָנס, כּדי די דעלעגאַציע פֿון דער בריטישער אימפּעריע זאָל, צו דער קומענדיקער אינטערנאַציאָנאַלער קאָנפֿערענץ, אויך איינשליסן פֿאָרשטייער פֿון די מאַנדאַט־לענדער. דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטס־אַמט וועט ענערגיש שטיצן דעם דאָזיקן פֿאָרשלאַג.

דעם 18טן יוני, 1926.

היינט האָבן מיר זיך געטראָפֿן מיט דער דאַמע פֿון דער מאַנדאַטן־קאָמיסיע, פֿרוי באָגאַ וויקסעל, אַן עלטערע שוועדישע פֿרוי. גלאַטע האָר, גאָלדענע ברילן און אַ זון־פֿאַרברענט, רואיק און גוט פּנים. זי האָט איבערגענומען צו רעפֿערירן וועגן דעם צושריפֿט פֿון דער אגודת ישראל און זי מאַטערט זיך איצט מיט דער פֿראַגע פֿון שחיטה און מיטן מצות־שטייער. דער רב און איך האָבן זי באַזוכט און מיט איר געפֿירט אַ לאַנגן שמועס. זי איז אַ בקי אין דעם רעפּאָרט און אין די פֿאַרשיידענע מעמאָראַנדומס. אָבער ווי גרויס איז די צעטומלעניש וואָס די פּראָפּאַגאַנדע פֿון דער אַגודת ישראל האָט אַריינגעבראַכט אין די קעפּ פֿון די דאָזיקע גוים, — אַ פּראָפּאַגאַנדע וואָס מוז שאַפֿן שנאה צו אידישע ענינים דורך רייצן די נערוון וועגן פֿראַגן וואָס קיין ניט־איד קען אין זיי ניט געפֿינען קיין הענט און

פֿיס. דאָס איז אַן אויסערגעוויינלעכער סקאַנדאַל! ביי קיין שום אַנדער פֿאָלק וואָלט ניט מעגלעך געווען אַזאַ מין נבלה. איך האָף, אַז נאָך אונזערע שמועסן אין דער דאָזיקער פֿראַגע וועלן די באַמיאונגען פֿון דער אַגודת ישראל זיך ענדיקן מיט אַ פֿולשטענדיקער מפּלה.

היינט האָט מען אָפֿיציעל אויפֿגענומען אונזער מעמאָראַנדום. דעם רעפֿעראַט האָט באַקומען ד׳אַנדראַדע. דער יאַפּאַנישער מיטגליד האָט באַקומען דעם רעפּאָרט פֿון דער אַגענטור. היינט איז דאָ אויך אָנגעקומען סיימס (דער סעקרעטאַר פֿון דער ארץ ישׂראל׳דיקער רעגירונג).

דעם 19טן יוני, 1926.

דינסטיק הייבט זיך אָן אין דער מאַנדאַטן־קאָמיסיע די ארץ ישׂראלדיקע דיסקוסיע. סיימס׳ פֿאַרהער וועט מסתּמא דויערן צוויי טעג און נאָך צוויי טעג בערך וועט מסתּמא דויערן די דיסקוסיע. דערווייל זעצן מיר פֿאָר אונזער אַרבעט. אייערנעכטן האָט די דעלעגאַציע באַזוכט פּאַלאַסיאָס׳ן. ער איז דאָס מאָל אויך געווען זייער פֿריינדלעך, און האָט אונז אין משך פֿון אַ האַלבער שעה געהאַלטן אַ לעקציע וועגן סאָציאַל־פּאָליטיק. מיר האָבן זיך דערוואוסט, אַז אין דער געשלאָסענער זיצונג, וואָס האָט פֿאַרהאַנדלט וועגן דעם סירישן מאַנדאַט, האָט זשואַווענאַל שטאַרק געלויבט אונזער אַרבעט אין ארץ ישׂראל.

היינט אינדערפֿרי איז געווען אַן עפֿנטלעכע זיצונג פֿון דער מאַנדאַטן־קאָמיסיע — מיט דער צושטימונג אָדער, ריכטיקער געזאָגט, אויף דער פֿאָדערונג פֿון זשואַווענאַל. דאָס האָט אים געגעבן די געלעגנהייט צו מאַכן אַן עפֿנטלעכע דערקלערונג וועגן דער לאַגע אין סיריע. די דאָזיקע זיצונג האָט געדאַרפֿט זיין אַ „פֿייערלעכע פֿאָרשטעלונג”, וואָס זאָל דעמאָנסטרירן פֿאַר דער וועלט, אַז די פֿראַנצויזישע שטאַטסמענער האָבן ניט קיין גרונט מורא צו האָבן פֿאַר דער שיין פֿון דער זון. דער עקספּערימענט איז, לויט מיין מיינונג, ניט געווען קיין געראָטענער. זשואַווענאַלס רעדע האָט אויף מיר, ווייניקסטנס, אין איין טייל געמאַכט אַ בידנעם איינדרוק, און אין זיין צווייטן טייל — דעם איינדרוק פֿון אַ זשורנאַליסטיש שטיקל אַרבעט אין ערגסטן זין פֿון וואָרט. (זשואַווענאַל איז דאָך אַמאָל, איידער ער איז באַשטימט געוואָרן אַלס דער פֿראַנצויזישער הויך־קאָמיסאַר, געווען דער רעדאַקטאָר פֿון „מאַטען”). זיין רעפֿעראַט איז אינגאַנצן געווען געבויט אויף אַ פּאָלעמיק קעגן דעם מעמאָראַנדום פֿון דער סירישער דעלעגאַציע. די פּאָלעמיק איז

געווען גלענצנדיק, וויציק — אָבער ניט מער. שטעלט זיך פֿאַר: די לאַגע אין סיריע איז זייער אַן ערנסטע, און דאָ קומט אַ גלענצנדיקע און שאַרפֿזיניקע רעדע מצד דעם הויך־קאָמיסאַר, וואָס זיצט זיך ביים טיש, און זיין גאווה׳דיק פּנים, מיטן מאָנאָקל אין אויג, נישטערט אין די פּאַפּירן, זוכט עפּעס אַ „פֿאַקט״... עס פֿאַרשטייט זיך אַליין, אַז דאָס וועט ניט ענדערן די לאַגע אין סיריע. ביי דער געשלאָסענער זיצונג האָט מען מסתּמא זיך פֿאַרנומען מיט וואָשן שמוציקע וועש, כאָטש זשוואוועגאַל איז אין געוויסע זשענעווער קרייזן זייער באַליבט. כּלפּי חוץ איז אַלץ זייער גלאַט. די סירישע דעלעגאַציע האָט אין דעם זעלבן טאָג איינגעלאַדן די זשורנאַליסטן אויף אַ גלאָז טיי. אויסער עטלעכע נעבאַך־זשורנאַליסטן, מערסטנטייל פֿאַרשטייער פֿון דייטשישע און אידישע צייטונגען, איז קיינער ניט געקומען. אָט אַזוי איז עס.

פֿון אָט דער גאַנצער לאַגע אין זשענעווע קען מען ציען אַ מוסר־השכּל וואָס קען אַמבעסטן אויסגעדריקט ווערן אין היינעס קלאַסישע ווערטער: Wer viel hat, der wird bald noch mehr dazu bekommen. נעכטן זיינען מיר אַלע געפֿאָרן קיין בערן אָפּצושטאַטן אַן ערן־וויזיט דעם פּרעזידענט פֿון דער שווייצאַרישער רעפּובליק. קאָנסטיטוציאָנעל שטייט דער שווייצאַרישער פּרעזידענט ווייטער ווי יעדער אַנדער מלוכה־הויפּט פֿון מאָנאַרכישע רעגירונגס־פֿאָרמען. יעדן יאָר ווערט דער פּרעזידענט אויסגעקליבן פֿונדאַסניי דורך דעם מיניסטעריום וואָס טראָגט דאָ דעם נאָמען „בונדעסראַט״. זיינע אויפֿגאַבן זיינען רעפּרע־זענטאַציע כּלפּי חוץ און פֿאָרזיצערשאַפֿט פֿון מיניסטאָרן־ראַט. קיין אַנדערע יוריסדיקציעס האָט ער ניט. די שווייצאַרישע דעמאָקראַטיע, וואָס איז אָרגאַניש אַרויסגעוואַקסן פֿון דער געשיכטע פֿון דעם דאָזיקן לאַנד און האָט טיפֿע וואָרצלען אין פֿאָלקס־לעבן, איז ווי עס וויזט אויס, זייער אַנטוויקלט, ווי מען קען זען פֿון אַזעלכע רייפֿע רעגי־רונגס־פֿאָרמען ווי רעפֿערענדום און פֿאָלקס־פּעטיציע. וויכטיק זיינען ניט די דאָזיקע יורידישע פֿאָרמען, נאָר ווי אַזוי מען באַנוצט זיך מיט זיי און ווי ווייט עס גייט זייער פּראַקטישער איינפֿלוס. די שווייץ איז אַ דעמאָקראַטיש לאַנד — אָבער עס איז אַ שטיל, מיושבדיק, באַשיידן און פּראָטעסטאַנטיש לאַנד. זי איז מיט אַנדערע לענדער פֿאַרבונדן דורך אינטערנאַציאָנאַלע אָפּמאַכן און האָט זיך נישט וואָס מורא צו האָבן פֿאַר ערנסטע קאָמפּליקאַציעס. אַפֿילו אויב עס ברעכט אויס אַמאָל אַ געוויסע אומרואיקייט אין טעסין אָדער סביבה (דאָס איז דאָך דער איטאַליענישער קאַנטאָן פֿון דער שווייץ), — קען דאָס, אַפֿילו ווען

דער פּאַשיסטישער עקספּאַנסיע־דראַנג זאָל ניט קלענער ווערן, ניט פירן צום ברעכן די נייטראַליטעט פון ווער שווייץ.

דער איצטיקער פּרעזידענט פון דער שווייץ איז אַ דייטש, אַ יוריסט לויט דער פּראָפעסיע, איינער פון די אָנגעזעענע אַדוואָקאַטן אין לאַנד. זיין געהאַלט באַטרעפט סך הכל 35 טויזנט פראַנק, דאָס הייסט אַרום 110־120 פונט אַ מאָנאַט, אַרום די העלפט פון די שכירות פון געוויסע מיטגלידער פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע. מען זאָגט, אַז דער דאָזיקער העבערליין — דאָס איז דעם פּרעזידענטס נאָמען — וואָלט אַלס אַדוואָקאַט געקענט פאַרדינען דריי אָדער פיר מאָל אַזויפיל. אָבער דאָס לאַנד פאָדערט די מעגלעכסטע באַשיידנקייט, און ער נעמט עס אָן מיטן גוטן ווילן. אונזער קבלת פנים איז געווען איינפאַך און האַרציק. מיר האָבן ביי אים פאַרבראַכט אַרום אַ האַלבע שעה, האָבן אים געגעבן במתנה אַן ארץ ישראל׳דיקן בילדער־אַלבום און מיט אים גערעדט וועגן דעם נייעם ישוב. ער האָט געענטפערט אויף אַ פריינד־לעכן און ליבעסווירדיקן אופן. אויך אויף אים, ווי אויף אַנדערע פּערזענלעכקייטן פון פעלקער־בונד, האָט דער דערפאָלג פון אונזער קאָלאָניזאַציע געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק.

דעם 20טן יוני, 1926.

היינט איז געווען דער ערשטער ניט־רעגנדיקער טאָג זינט מיר זיינען אָנגעקומען אין זשענעווע. עס איז געווען ליכטיק און וואַרעם. מיר זיינען געווען ביי סיימסן. דער שמועס איז געווען אַ פריינדלעכער, און מען האָט פון זיין צד געפילט אַ גוטע באַציאונג. ער האָט אונז אַפילו אַראַנזשירט אַ באַזוך ביי סער פרעדריק לוגאַרד, כאָטש מיר האָבן אים וועגן דעם ניט דערמאָנט. איבערמאָרגן אינדערפרי וועט ער שטיין צום „עקזאַמען”. מיר האָבן געהאַט דעם איינדרוק, אַז ער האָט זיך דערוויל דערוואוסט, אַז אונזער פּאָליטישע פּאָזיציע איז דאָ בעסער געוואָרן. זיין פּאָליטישע פּאָזיציע איז אויך אַ גאַנץ גוטע.

דעם 14טן יוני, 1926.

מאָנטיק, האָט די דעלעגאַציע אָפּגעשטאַט וויזיטן ביי אַלבערט טאָמאַס און סער פרעדריק לוגאַרד. טאָמאַס איז געווען באַלאָדן מיט אַרבעט. די קאָנפערענץ פון אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטס־אַמט איז נאָך עד היום ניט געשלאָסן געוואָרן; דאָס וועט געשען ערשט סוף קומענ־דיקע וואָך, נאָך אַן ערך פינף און דרייסיק — פערציק זיצונגען. די

אינערלעכע קעגנזאַצן אויף דער קאָנפֿערענץ שטעלן אין סכּנה דעם גאַנצן אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטס-אַמט. צווישן די אַרבעטער ווערן, ווייזט אויס, אַלץ מער און מער בולט קעגנערישע טענדענצן כּלפּי דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטס-אַמט. אין די דאָזיקע קרייזן צווייפֿלט מען אין דער נוצלעכקייט פֿון געמיינזאַמע טעטיקייטן פֿון דעם דאָזיקן סאָרט און מען באַטראַכט דעם גאַנצן ענין ווי אַ סטראַטעגישן צוג מצד די אַרבעטס-געבער. טאָמאַס האָט די שווערע אויפֿגאַבע צו האַלטן אָט די אַלע פֿאַרשיידענע כּוחות אין איין אָרגאַניזאַציע. ער האָט מיט אונז געשמועסט אויף אַ זייער פֿריינדלעכן אופֿן, האָט מיט שטאַרקע ווערטער אויסגעדריקט זיין סימפּאַטיע און האָט די פּרטים איבערגעגעבן גרימשאָון, וועלכער איז דער פֿאַראַנטוואָרטלעכער לייטער פֿון דעם דעפּאַרטמענט פֿאַר קאָלאָניאַל- און מאַנדאַט-לענדער אין דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטס-אַמט און איז אויך דער איינציקער, וועלכער איז גרינטלעך באַקאַנט מיט די מאַטעריאַלן. אין אָוונט האָב איך מיט אים און לעאָנאַרד שטיין פֿאַרבראַכט עטלעכע שעה אין אַ שמועס וועגן די פּרטים פֿון די אַרבעטס-פֿראַגן אין ארץ ישראל, באַזונדערס פֿון שטאַנדפּונקט פֿון סאָציאַלער געזעצגעבונג. איך גלייב, אַז גרימשאָו פֿאַרשטייט די פֿראַגן זייער גרינטלעך.

לוגאַרד ווערט דאָ באַטראַכט אַלס איינער פֿון די חשוב׳סטע און פֿאַראַנטוואָרטלעכסטע מיטגלידער פֿון דער מאַנדאַטן-קאָמיסיע. אונזער שמועס מיט אים וועט אָן ספֿק ברענגען נוצן. ער האָט זיך שוין באַקאַנט מיט אונזער מעמאָראַנדום. אין אָנהייב פֿון שמועס האָט ער געזאָגט, אַז בעת עס איז געגעבן געוואָרן די באַלפֿור-דעקלאַראַציע האָבן די ענגלענדער געמיינט, אַז די אידן וועלן אַליין בויען די נאַציאָנאַלע היים, און ער חידושט זיך וואָס איצט קומען זיי און פֿאָדערן פֿון דער רעגירונג אַן אַקטיווע מיטבאַטייליקונג אין דער דאָזיקער אַרבעט. אָבער שפּעטער האָט ער, ווייזט אויס, אָנגעהייבן בעסער צו פֿאַרשטיין — באַזונדערס די פֿראַגע פֿון דערציאונגס-בודזשעט און מלוכה-באָדן.

נאָכמיטיק האָב איך באַזוכט דעם פּאָליטישן רעדאַקטאָר פֿון דעם „זשורנאַל דע זשענעוו" וועלכע איז, ווי באַקאַנט, אַן אָנגעזעענע פּאָליטישע טאָג-צייטונג. אַן איידעלער, טיף דענקנדיקער מאַן, מיט אַן אויסערגעוויינלעכער פּאָליטישער בילדונג. דער שמועס איז געווען זייער אַן אינטערעסאַנטער. מיין מיטשמועסער האָט באַרירט באַזונדערס צוויי פֿראַגן: 1) צי איז עס באַרעכטיקט פֿון אונזער צד צו פֿירן אונזער גאַנצע קולטור-אַרבעט אין דער העברעאישער שפּראַך, וועלכע וועט

דאָך קיינמאָל ניט האָבן קיין איינפלוס וואָס זאָל אַרויסגיין פון אידישע גרענעצן? דורך דעם זיינען די אידן, לויט מיין מיינונג, מוותּר אויף אַ וויכטיקער השפעה אין דער גאַנצער מיטללענדישער וועלט; 2) צי דראָט ניט די סכנה, אַז מיט דער פאַרפעסטיקונג פון ישוב וועלן אויך שטאַרקער ווערן די שאָוויניסטישע עלעמענטן, און דורך דעם דאָזיקן אַגרעסיוון נאַציאָנאַליזם וועט דער ארץ ישראל׳דיקער שטאַט אויפגעריסן ווערן פון אינעווייניק? אין אַלגעמיין, האָבן מיר ביי אים געפונען אַ סך סימפּאַטיע פאַר אונזער זאַך און אַ הויכע אָפּשאַצונג פון אונזערע דערגרייכונגען.

אויף צומאָרגנס האָבן מיר זיך געזען מיטן פאָרזיצער פון דער מאַנדאַטן־קאָמיסיע, טעאָדאָלי, וועלכער איז דער איינציקער אויס־געשפּראָכענער קעגנער אין דער קאָמיסיע. ער איז אַ קליינגעוויקסיקער, אויסגעפּוצטער, אין אַ לאַנגן מאַנטל, מיט שפּיציקע וואָנצעס, פיל קנייטשן און קנייטשעלעך אויפן שטערן און אַרום די קליינע בליש־טשענדיקע און שטענדיק־באַוועגלעכע אויגן. ער רעדט מיט אַ סך טעמ־פּעראַמענט. ער האָט באַזונדערס אונטערשטראָכן זיין קאַטוילישן גלויבן; ער איז דאָך אַ פּרינץ אין וואַטיקאַן. שוין זיין ערשטע פראַגע איז געצילט געווען אין דער זעלבער ריכטונג. ער האָט דעם הויפּט־ראַבינער געפרעגט, צי עס איז אמת אַז די מערסטע ציוניסטן זיינען ניט קיין רעליגיעזע מענטשן? חוץ דעם האָט דער סעקרעטאַר זיך שטאַרק אינטערעסירט אין דער וואַל־סיסטעם צו דער אספּת הנבחרים און האָט געוואָלט וויסן, ווער עס האָט דעם קאָנטראָל איבער די קאַנדידאַטן־ליסטעס. צום סוף האָט ער באַמערקט, אַז ער האָט געהערט אַז ד״ר ווייצמאַן האַלט אים פאַר אַ קעגנער פון ציוניזם. דאָס איז ניט אמת. זיין אויפגאַבע איז בלויז אָפּצוהיטן דעם מאַנדאַט מיט אַלע זיינע פּרטים.

דערווייל איז נעכטן און אייערנעכטן פאַרגעזעצט געוואָרן דער סיימס־פאַרהער פאַר דער קאָמיסיע. ערשט נעכטן האָבן מיר געהאַט די געלעגנהייט צו הערן פּרטים וועגן דעם. די געלעגנהייט איז געגעבן געוואָרן ביי אַן איינפאַכן אָונטברויט, וואָס ראַפּאַרד האָט אַראַנזשירט אין איינעם פון די גרויסע האָטעלן אויפן ברעג פון דער זשענעווער אָזיערע. עס זיינען בייגעווען זיבן מענטשן: ד׳אַנדראַדע, דער פּאָרטוגעזישער גענעראַל, ראַפּאַרד און זיין פרוי, גרימשאָו, אַן אַמע־ריקאַנער דאַמע, הער דיזענהאָף און איך. די אַמעריקאַנער דאַמע האָט פּלוצלונג זיך געווענדט צו גרימשאָון מיט דער פאָלגנדיקער פראַגע: „אַנטשולדיקט, מר. גרימשאָו, איר האָט מיט עטלעכע מינוט

צוריק געזאָגט, אַז איר זייט אַ סאָציאַליסט — האָט איר דאָס טאַקע ערנסט געמיינט אָדער איז דאָס בלויז געווען אַ וויץ?". אַ בולט'ער אַמעריקאַניזם. די דאָזיקע דאַמע קען זיך גאָרניט פֿאָרשטעלן, אַז אַ מענטש וואָס איז מער אָדער ווייניקער אָנשטענדיק געקליידט קען זיין אַ סאָציאַליסט.

ביים אָוונטברויט האָט אונז ראַפּאַרד דערציילט, אַז סיימס האָט אויף דער קאָמיסיע געמאַכט אַ גוטן, אַפֿילו אַן אויסגעצייכנטן איינדרוק. בנוגע דעם ציוניזם האָט ער אַרויסגעוויזן אַן אָפֿענע און בולט'ע סימ־פּאַטיע, באַזונדערס אינטערעסאַנט זיינען געווען זיינע באַמערקונגען וועגן דער עקאָנאָמישער לאַגע, אויף וועלכער ער קוקט מיט אויסער־געוויינלעכן אָפּטימיזם.

גרימשאָו האָט אים געשטעלט פֿיל פֿראַגן וועגן אַרבעטס־ענינים, און סיימס האָט פֿיל פֿאַרשפּראָכן. ער איז געווען, ווי מען זאָגט, אינגאַנצן „אין קורס פֿון די זאַכן".

היינט האָבן מיר פֿון חיים ווייצמאַן באַקומען אַ טעלעגראַפֿישע ידיעה, אַז מיר וועלן אויפֿגענומען ווערן אין דעם „קאָלאָניאַל אָפֿיס". מיר פֿאָרן, הייסט עס, קיין לאָנדאָן.

די בריטישע באַאַמטנשאַפט אין ארץ־ישראל

1

אין דעם פֿירנדיקן דעמאָקראַטישן אָרגאַן אין ארץ ישראל „הארץ״, קריטיקירט אַ מיטגליד פֿון ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט דעם איינוואַנדערונגס־דעפּאַרטמענט פֿון דער ארץ ישראל׳דיקער רעגירונג. ער האָט דערויף, פֿאַרשטייט זיך, דאָס פֿולע רעכט, נאָכמער — אַפֿילו אַ פֿליכט. אַלע ווייסן אַז אויף דער קאָנטאָ פֿון דעם דאָזיקן דעפּאַרטמענט שטייען אַ סך פֿעלערן און חטאָים, אַוודאי פֿיל מער וויפֿיל עס איז אומפֿאַרמיידלעך אונטער די פֿאַרפּלאָנטערטע באַדינגונגען אונטער וועלכע די אימיגראַציע קיין ארץ ישראל קומט פֿאָר. נאָר ניט דאָס זיינען מיר היינט אויסן. אונז אינטערעסירט דאָס „ווי אַזוי״ פֿון דער דאָזיקער קריטיק: ווי אַזוי ווערט די קריטיק איבער דעם דעפּאַרטמענט געפֿירט? ווען דער שרייבער זאָגט, אַז די רעגולאַציעס פֿון דעם איינוואַנדערונגס־דעפּאַרטמענט שטייען אין פֿולשטענדיקן ווידערשפּרוך צום גייסט פֿון מאַנדאַט און דעם ציל פֿון אַ אידישער היים אין ארץ ישראל, בין איך אים דאָס מוחל. דאָס זיינען דאָך די סקאַרבאָווע פֿראַזעס פֿון דער ארץ ישראל׳דיקער פּרעסע. ווייניקער ווי דאָס קען דאָך שוין ניט זיין. אָבער ער זאָגט נאָך עפּעס: „עס קומען מאָמענטן ווען מיר פֿאַרגעסן ניט נאָר, אַז מיר זיינען אין דער אידישער היים. מיר פֿילן ווי מיר וואָלטן געלעבט אין דער אַלטער רוסלאַנד, עס קומען מאָמענטן ווען מיר זיינען גרייט צו זאָגן אַ גוט־וואָרט וועגן דעם אומברחמנות׳דיקן טשינאָווניק פֿון דער צאַריסטישער רעגירונג אינם לאַנד פֿון די שטענדיקע רדיפֿות אויף אידן. צייטנווייז דוכט זיך, אַז די צאַריסטישע טשינאָווניקעס זיינען געווען ווייניקער גרויזאַם ווי די באַאַמטע פֿון דער ארץ ישראל׳דיקער אַדמיניסטראַציע״. אָט אַזוי שרייבט אַ מענטש, וואָס איז אין האַרצן אַבסאָלוט לאָיאַל צו דער מאַנדאַטן־מאַכט, אין אַן אָרגאַן וואָס וועגן זיין לאָיאַליטעט קען קיין שום ספֿק ניט זיין.

און איצט די צווייטע זייט. מיט אַ פּאָר חדשים צוריק האָב איך פֿאַרנאָטירט אַן אויסצוג פֿון דער לאָנדאָנער וואָכנשריפֿט „ניר איסט״, וואָס זאָגט: „דער אַראַבער אין ארץ ישׂראל באַקומט גאַנץ לײַכט די סימפּאַטיע און פֿאַרשטענדעניש פֿון דעם ענגלענדער. דער איד איז אין די אויגן פֿון די ענגלענדער נאָך אַלץ די זעלביקע טונקעלע, מיס־טישע, צודרינגלעכע באַשעפֿעניש, וואָס ער איז געווען אין די אויגן פֿון דעם רוימישן באַאַמטן מיט 1800 יאָר צוריק״.

קלאָרער ווי אַלע לאַנגע אַרגומענטן שטעלן די ביידע ציטאַטן אַוועק די קאָמפּליצירטע פּראָבלעם פֿון דער אידיש־ענגלישער אַדמי־ניסטראַציע פֿון ארץ ישׂראל.

2

זינט עס גייט ביי אונז די דיסקוסיע וועגן דער בריטישער פּאָליטיק אין ארץ ישׂראל — און דאָס מיינט כמעט זינט דעם טאָג ווען די ענגלענדער האָבן דעראָבערט דאָס לאַנד — איז די פּראָבלעם פֿון דער ארץ ישׂראל׳דיקער באַאַמטנשאַפֿט איינע פֿון די הויפּט־טעמעס פֿון דער דאָזיקער דיסקוסיע. אין דער ארץ ישׂראל׳דיקער פּרעסע ווערט די פּראָבלעם באַהאַנדלט כמעט בלויז דעמאָלט ווען מען באַשולדיקט, פֿון צייט צו צייט, דעם אָדער יענעם העכערן אָדער נידעריקערן באַאַמטן אין אַנטיסעמיטישע חטאים אָדער אין אַנטי־ציוניסטישע סענטימענטן. אין דער ציוניסטישער פּאָליטיק שווימט די פּראָבלעם אַרויף הויפּט־זעכלעך אין דער פֿאָרעם פֿון רעוויזיאָניסטישע פּראָגראַמען און רעדעס, וואָס פֿאָדערן די „אויסרייניקונג״ פֿון דער ארץ ישׂראל׳דיקער אַד־מיניסטראַציע און די באַזייטיקונג פֿון אַנטי־ציוניסטישע אָדער ניט־ציוניסטישע באַאַמטע. ווי איבערפֿלעכלעך עס איז אָט דער מין באַ־שולדיקונג קען קלאָר ווערן פֿון פֿאַקט, אַז עס איז ניט געווען כמעט קיין איין העכערער באַאַמטער פֿון דער רעגירונג וועמען עס האָט אינגאַנצן אויסגעמיטן די באַשולדיקונג פֿון אַנטיסעמיטיזם און אַנטי־ציוניזם. צווישן די דאָזיקע באַאַמטע געפֿינען זיך אַ פּאָר, וואָס נאָכדעם ווי זיי האָבן פֿאַרלאָזן דאָס לאַנד, האָבן זיי אָפֿן אַרויסגעוויזן זייער פֿריינדשאַפֿט און סימפּאַטיע צום ציוניזם. און אויב אַפֿילו אַזאַ מאַן ווי סער ווינדהעם דידס האָט געדאַרפֿט אויסהערן די זעלבע טענות ווען ער איז געווען הויפּט־סעקרעטאַר אין הערבערט סעמיועלס צייט, מעג מען דאָך האָבן ספֿקות וועגן דער ריכטיקייט פֿון די באַשולדי־קונגען אויך אין אַנדערע פֿאַלן. פֿונדעסטוועגן איז און בלייבט די

פּראָבלעם גופא זייער אַן ערנסטע. אין משך פון די צען יאָר פון ענגלישן רעזשים האָבן מיר געהאַט געלעגנהייטן צו לערנען עפּעס וואָס די ענגלענדער אַליין ווייסן שוין פון לאַנג — אַז די אַדמי־ניסטראַציע איז ניט ווייניקער וויכטיק פון דער „קאָנסטיטוציע", און אַז אַמאָל קען די טאָג־טעגלעכע אַדמיניסטראַציע — פּאָליציי, געריכט, ביוראָס, שטייער־קאָלעקטאָרן — צו־נישט מאַכן די הייליקסטע דעק־לאַראַציעס און פייערלעכסטע קאָנסטיטוציאָנעלע פּרינציפּן. מיר האָבן אויך געהאַט די געלעגנהייט צו לערנען וואָס מיר האָבן ניט געוואוסט בעת די באַלפור־דעקלאַראַציע איז אונז געגעבן געוואָרן — אַז פאַרן פּרצוף־פּנים פון לאַנד איז אַמאָל וויכטיקער ווער עס זיינען זיינע בריוו־טרעגער, ווי ווער עס איז דער „האַי־קאָמישיאָנער". גראָד די מיטע־לערע און נידעריקערע שיכטן פון דער אַדמיניסטראַציע אַנטשיידן וועגן טויזנטער ענינים אין טאָג־טעגלעכן גאַנג פון דער פאַרוואַלטונג, ענינים וואָס דערגייען גאָרניט צו די הויכע פּאָליטישע אינסטאַנצן. אָבער די וויכטיקייט פון דער פּראָבלעם ליגט ניט נאָר אין דעם פאַקט וואָס ביי דער היינטיקער שעה איז דער גורל פון אונזער אַרבעט אין אַ גרויסער מאָס צוזאַמענגעבונדן מיט דער בריטישער אַדמיניסטראַציע און וועט מיט איר בלייבן פאַרבונדן אין משך פון דער שווערער אי־בערגאַנגס־צייט — וואָס וועט פון דעם אַדמיניסטראַטאָר פאָדערן אַ סך פאַרשטענדעניש, איידלקייט און גוטן ווילן. די פאַרבינדונג פון אידן מיט ענגלענדער איז ניט באַגרענעצט אויף אַ פּאָר יאָר און אַפילו ניט אויף אַ דור. מיר גלייבן — און, צו זאָגן דעם אמת, מיר האָפן — אַז די פאַרבינדונג איז מער ווי אַ צייטווייליקע. דאָס צוזאַמענלעבן פון ענגלענדער און אידן אין ארץ ישראל באַקומט דערמיט נאָך אַ גרעסערע באַדייטונג. חוץ דעם טאָר מען ניט פאַרגעסן, אַז די פּאָר הונדערט ענגלישע באַאַמטע וועלכע קומען צוריק פון ארץ ישראל־דינסט קיין ענגלאַנד שאַפן קלענערע אָדער גרעסערע צענטרען פון השפעה אויף דער עפנטלעכער מיינונג און פון עקספּערטיזע וועגן ציוניזם און ארץ ישראל, און מיר קענען זיך בשום אופן ניט באַציען גלייכגילטיק צו דעם, צי וועלן זיי אַגיטאַטאָרן פון שנאה אָדער פריינדשאַפט. אַ בוך ווי מאַיאָר אַשבי׳ס Palestine Notebook וועט ביי דעם אינדערהיים זי־צנדן ענגלענדער אַלעמאָל אַרויסרופן אַ באַזונדער צוטרוי. דאָס האָט דאָך געשריבן אַ מענטש וועלכער האָט גאַנצע זיבן יאָר פאַרבראַכט אין ארץ ישראל אין His Majesty's service.

די בריטישע באַאַמטנשאַפֿט אין ארץ־ישראל

3

די ערשטע פֿראַגע איז, צי קענען מיר זיך באַנוגענען מיטן וואַרפֿן באַשולדיקונגען פֿון אַנטיסעמיטיזם און פֿאָדערן די באַזייטיקונג פֿון די שולדיקע. אונז דוכט זיך אַז די פֿראַגע איז בשום אופֿן ניט אַזוי איינפֿאַך.

ווען מען קוקט זיך צו צו דער לאַגע אַביסל נענטער, מוז מען די ענגלישע באַאַמטנשאַפֿט אין ארץ ישראל, אין איר באַציאונג צו אידן און ציוניזם, פֿונאַנדערטיילן אויף דריי גרופּן:

די ערשטע גרופּע נעמט אַרום, לאָמיר זאָגן, צען פּראָצענט פֿון די „אָפֿיציעלע" ענגלענדער אין ארץ ישראל. זי באַשטייט פֿון הויך־אינטעליגענטע מענטשן מיט אַ גוטער בילדונג און מיט פֿאַרשטענדעניש פֿאַר מענטשלעכע אידעאַלן. זי באַשטייט כמעט אינגאַנצן פֿון העכערן קלאַס באַאַמטע, וואָס, אָדער זיי קומען אין לאַנד מיט אַ פֿאַרטיקן באַגריף וועגן דער אידן־פֿראַגע אויף דער וועלט און מיט אַ געוויסער סימפּאַטיע צו דער ציוניסטישער באַוועגונג, אָדער זיי באַקענען זיך אין לאַנד גופֿא מיט די דאָזיקע פֿראַגן און דאָרטן קריסטאַליזירן זיך זייערע איבערצייגונגען. דאָס הייסט ניט, אַז זיי הייבן אָן צו רעדן און זיך באַנעמען ווי מיטגלידער פֿון ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט. אין אַמט זיינען זיי קאָרעקט, און היטן אָפּ דעם פּרעסטיזש פֿון דער אַדמיניסטראַטיווער גערעכטיקייט, אויך קעגן די אידן, וואו דאָס פֿאָדערט זיך — און בלייבן זייערע איבערצייגונגען טריי אין זיך. צו דעם דאָזיקן טיפּ געהערן, לויט אונזער מיינונג, מענער ווי סער ווינדהעם דידס אָדער סער גילבערט קלייטאָן, די געוועזענע הויפּט־סעקרעטאַרן, אָדער לאָרד פּלומער, דער געוועזענער „האַי קאָמישאָנער". צו זיי געהערט אויך דער איצטיקער קאָמישאָנער פֿון דרום־דיסטריקט, מאַיאָר קעמפּבעל.

די צווייטע גרופּע איז בערך אַזוי גרויס ווי די ערשטע. זי באַשטייט פֿון דעם זעלבן גראַד אינטעליגענטע מענטשן, מיט דעם זעלבן גראַד בילדונג, און אויך, ווי מיר גלויבן, מיט דער זעלביקער פֿאַרשטענדעניש פֿאַר אידעאַלן. אויך אין דער גרופּע געפֿינען מיר מייסטנס הויכע באַאַמטע. זייער באַציאונג צו אידן און ציוניזם איז פֿון אָנהייב אָן אַן אויסגעשפּראָכן אַנטי־אידישע און אַנטי־ציוניסטישע. אַ טייל פֿון זיי געפֿינען זיך אונטער דער השפּעה פֿון קריסטלעך־מיסיאָנערישע קרייזן, וואָס מאָלן שרעק־בילדער פֿון אַ אידישער הערשאַפֿט איבער דעם הייליקן קבר. אָבער וואָס איז שייך די מערסטע באַאַמטע פֿון דער קאַטעגאָריע, זיי זיינען ניט אַזוי אַנטי־אידיש ווי ענטוזיאַסטיש פּראָ־

אַראַביש. מיר דוכט זיך, אַז עס איז היינט פֿאַראַן אַ גאַנצע שול אין דער אימפּעריאַלער באַאַמטנשאַפֿט אין לאַנדאָן און אין די פֿאַרשיידענע מזרח־לענדער, וואָס איז פּראָ־אַראַביש, אַמאָל ביז דער גרענעץ פֿון ניט־ענגלישקייט. דער ענגלישער כאַראַקטער איז, אין דער באַציאונג, צוויי־פּנימדיק. פֿון איין זייט דוכט זיך, אַז עס איז ניטאָ נאָך אַ נאַציע וואָס זאָל זיין אַזוי קאָנצענטרירט אויף זיך אַליין, אַזוי פֿרעמד צו דער אויסערלעכער וועלט, אַזוי עגאָ־צענטריש, ווי די ענגלישע. פֿון דער צווייטער זייט געפֿינט מען דאָ מאָדנע סתירות. אין קיין אין נאַציאָנאַלער פּאָעזיע שפּיגלט זיך ניט אָפּ אַזאַ נאָענטקייט און פֿאַרשטענדעניש פֿאַר איטאַליע, ווי אין דער ענגלישער; אין קיין ליטעראַטור האָבן די נאַציאָנאַלע באַוועגונגען פֿון די גריכן און אונגאַרן ניט געפֿונען אַזאַ אָפּקלאַנג ווי אין דער ענגלישער. נאָכמער, קיין עגיפּטער האָט אַזוי קריטיש און פּינקטלעך ניט געשילדערט די ענגלישע אָקופּאַציע פֿון מצרים ווי ווילפֿרעד סקאָען בלאָנט. אין די ערשטע שורות פֿון די קעמפֿנדיקע אינדישע נאַציאָנאַליסטן שטייט היינט אַני בעזענט און גאַנדיס ענגלישע יועצים. פּונקט אַזוי איז היינט פֿאַראַן אַן אי־דעאַליסטישע פּראָ־אַראַבישע גרופּע אין דער אימפּעריאַלער באַאַמטנשאַפֿט. עס איז גענוג צו לייענען די רעפּאָרטן און די בריוו פֿון גערטרוד בעל, וועלכע איז ניט לאַנג צוריק געשטאָרבן אין באַגדאַד אַלס אַ מיטגליד פֿון דער איראַקער רעגירונג. צו דעם טיפּ האָבן געהערט אין ארץ ישראל מענטשן ווי פֿילבי און קאָקס, די ענגלישע באַאַמטע אין אַבדולאָס הויף אין עבֿר הירדן. אַן ענלעכער טיפּ איז ריטשמאָנד, דער איצטיקער „דירעקטאָר אָוו אַנטיקוויטיס״ אין דער ארץ ישראל־רעגירונג.

די דריטע גרופּע נעמט אַרום, ווי דער חשבון וויזט, דריי פֿערטל פֿון דער באַאַמטנשאַפֿט אין לאַנד, דאָס הייסט די גרויסע מאַסע פֿון דער מיטעלער און נידעריקער באַאַמטנשאַפֿט אין לאַנד (אויף אַזוי ווייט ווי זי איז ענגליש). צו איר געהערן די אָפֿיצירן און סאַרזשאַנטן פֿון דער פּאָליציי, די מיטעלערע און נידעריקערע פּאָרט־באַאַמטע, די העכערע און מיטעלערע ריכטער, דער שטאַב פֿון די באַדן־ און גע־זונט־דעפּאַרטמענטן, די אינזשינערן פֿון דעפּאַרטמענט פֿאַר עפֿנטלעכער אַרבעט. מען טאָר ניט פֿאַרגעסן, אַז אונטער די ארץ ישראל'דיקע באַדינגונגען זיינען אָט־די אַמטן הויך־פּאָליטישע. אַ פֿערט־קלאַסיקער פּאָסט־מייסטער האָט אין טאָג־טעגלעכן לעבן אַ סך צו זאָגן, צי די העברעאישע שפּראַך זאָל אין זיין ביוראָ טאָקע הערשן בפּועל ממש,

אָדער בלויז אויפֿן פּאַפּיר; אַ פּאָליציי־אָפֿיציר קען אַרעסטירן אַ גאַנצע שמעון הצדיק־פּראָצעסיע; אַן אינזשינער פֿון דעפּאַרטמענט פֿאַר עפֿנט־לעכע אַרבעטן, קען מיט זיין באַציאונג שווערער מאַכן אָדער פֿאַר־לייכטערן די לאַגע פֿון די אַרבעטסלאָזע; אַ ריכטער קען אַנטשיידן, צי אין די יפֿו׳ער אומרועז זיינען שולדיק די אידן אָדער די אַראַבער. די גרויסע מאַסע מיטעלערע און נידעריקערע באַאַמטע, וואָס אַרבעטן אין אָט־די אַלע דעפּאַרטמענטן, קומען אין לאַנד ניט וויסנדיק דעם חילוק צווישן „גוט״ און „בייז״. זיי האָבן ווייניק אָדער גאָרניט קיין וויסן וועגן ציוניזם. די אידן־פֿראַגע ליגט זיי אין דער לינקער פּאה. זיי זיינען ניט אינפֿאָרמירט וועגן דער ספּעציעלער באַדייטונג פֿון דער אידישער אימיגראַציע און קאָלאָניזאַציע. זיי האָבן ניט קיין מיינונגען וועגן אונזער אַרבעט. איך גלויב, אַז זיי האָבן אויך ניט קיין פֿאָראורטיילן קעגן איר. עס קען זיין, אַז אַ טייל פֿון זיי האָבן געוויסע אַנטיסעמיטישע אינסטינקטן. אויך די וואָס זאָגן, אַז נאָר suburb-ענגלענדער האָבן אַנטיסעמיטישע אינסטינקטן, וועלן דאָך מוזן מודה זיין, אַז די מייסטע פֿון די דאָזיקע באַאַמטע קומען פֿון דער קליין־בורזשואַזיע פֿון די פֿאָר־שטעט און קליינע שטעטלעך אין דער פּראָווינץ. אָבער דאָך איז ניטאָ קיין גרונט צו זאָגן, אַז זיי ווערן אין זייער אַרבעט טאַקע באַהערשט פֿון די דאָזיקע אינסטינקטן.

און דאָ קומען מיר צו דעם, לויט אונזער מיינונג, אַנטשיידנדיקן פּונקט אין דער דאָזיקער פֿראַגע. די מאַסע באַאַמטע, וועגן וועלכע מיר רעדן, קומט קיין ארץ ישׂראל פּונקט ווי זי וואָלט קומען קיין איראַק, מצרים אָדער אַן אַנדער לאַנד. זי איז אין אָנהייב נייטראַל דורך אומוויסן, זי טאַפּט אין דער פֿינצטער כּדי צו געפֿינען אַן אָריענ־טאַציע. זי איז אין גרונט געגומען גלייכגילטיק — כּמעט אין דער טאָג־טעגלעכער אַרבעט ווייזט זי אַרויס דעם אָפֿיציעלן גוטן ווילן פֿון דעם איבערלייגטן קאָלאָניאַל־אַדמיניסטראַטאָר — בנוגע די „נייטיווס״. דער פּענדולום פֿון זייערע מיינונגען און איבערצייגונגען באַוועגט זיך אַהין און צוריק. אַ פּאָר וואָכן זיינען זיי סימפּאַטיש צו איין צד, אַ פּאָר וואָכן — צום צווייטן צד. נאָך אַ פּאָר חדשים זיך אויפֿהאַלטן אין לאַנד הייבט דער פּענדולום אָן זיך איבערצורוקן אויף איין זייט. זייערע מיינונגען הייבן זיך אָן צו פֿיקסירן אויף אַן אַראַבישער אָריענ־טאַציע. און דאָ ליגט דער הונט באַגראָבן. די דאָזיקע אַנטוויקלונג, וואָס האָט, פֿאַרשטייט זיך, אויך ניט ווייניק אויסנאַמען, און וועלכע קומט ניט פֿאָר ביי אַלע אין דער גלייכער מאָס, קען ניט אָפּגעהאַלטן

ווערן דורך באַזייטיקן די אַנטיסעמיטישע באַאַמטע. די דאָזיקע אַנט־וויקלונג וואָלט דאָך דאָס וואָס מיר רופֿן מיטן נאָמען „אַנטיסעמיטיזם״ אַלעמאָל פּראָדוצירט פּונדאָסניי. דאָס מאַכט די פּראָבלעם אַ סך ערנסטער און שווערער ווי מען שטעלט זיך ביי אונז פֿאָר.

4

וואָס זיינען די סיבות פֿון דער דאָזיקער דערשיינונג?

א) אַ גרויסער קאָנטינגענט פֿון דער ארץ ישראל׳דיקער באַאַמטנ־שאַפֿט — אַזוי ווי פֿון דער רוימישער מיט אַכצן הונדערט יאָר צוריק — קומט קיין ארץ ישראל פֿון אַנדערע קאָלאָניאַלע פּראָווינצן. דער באַ־אַמטער האָט זיך דאָרטן צוגעוואוינט צו אַ גאַנץ באַשטימטער רוטין פֿון קאָלאָניאַלער אַדמיניסטראַציע. יעדער באַאַמטער האָט ליב די רוטין. ער האָט ליב דעם גלאַטן גאַנג פֿון דעם אַדמיניסטראַטיוון אַפּאַראַט. ער האָט ניט ליב דעם וואָס וואַרפֿט שטיינדלעך צווישן די רעדער. שטיינדלעך צווישן די רעדער מיינט אָפּשטעלן די מאַשין: מען דאַרף זוכן וואו דער שאָדן איז, מען דאַרף פֿאַרריכטן דעם שאָדן, אויסריי־ניקן די שטיינער, פּונדאָסניי אָנהייצן די מאַשין און לאָזן באַוועגן די רעדער. ניטאָ קיין באַאַמטער אויף דער וועלט, וואָס זאָל עס ליב האָבן. אַ סך ארץ ישראל באַאַמטע קומען נאָך דערצו פֿון דינסט אין אַראַבישע לענדער, פֿון סודאַן, עגיפּטן אָדער מעסאָפּאָטאַמיע. זיי קענען די שפּראַך און די מנהגים פֿון די אַראַבער. ווען אין ארץ ישראל וואָלטן געווען בלויז אַראַבער, אָדער לכל הפחות אַראַבער און אייראָפּעאישע טוריסטן וואָס פֿאָרן אויף די הייליקע קברים, וואָלט אַלץ געווען פשוט, וואָלט עס געקענט גיין אויפֿן וועג פֿון פשוט׳ער רוטין. מען וואָלט געקענט לעבן ווי אין סודאַן אָדער אין עגיפּטן. אָבער אין ארץ ישראל געפֿינט זיך דער אידישער ישוב — ניט קיין טוריסטן — וועלכער וואַרפֿט שטיינדלעך אין דער מאַשין, וועלכער הויבט אויף קאָמפּליצירטע פּראָב־לעמען פֿון אַדמיניסטראַציע און פּאָליטיק, וועלכער ברעכט די רוטין לאָמיר אויך ניט פֿאַרגעסן, אַז איבער דעם מיטעלערן און נידעריקער, באַאַמטן ליגט זיין גאַנץ לעבן די מורא פֿאַר זיינע Superiors. נאָך אַלע מען, איז ער דאָך פֿאַראַנטוואָרטלעך ווען די מאַשין שטעלט זיך אָפּ נאָך אַלעמען דאַרף ער דורכפֿירן זיין „דזשאָב״, און טאַקע אין דער ריכטיקער צייט — און ער וויל זיין „דזשאָב״ טאָן אַזוי גרינג און גלאַט ווי מעגלעך. דער אינזשינער פֿון „פּאָבליק וואָירקס דעפּאַרטמענט״ זאָגט: (איך ציטיר ניט אַזוי פֿון דער פֿאַנטאַזיע, ווי לויטן געניעם

זכּרון): „איך דאַרף בויען די און די געביידע אָדער דעם און דעם שאָסיי. איך בין פֿאַראַנטוואָרטלעך אַז עס זאָל געטאָן ווערן גוט און שנעל. ווען איך נעם אַראַבישע אַרבעטער און בעלי־מלאכה, קען איך זייער פרימיטיווע טעכניק, איך קען מאַכן אַ חשבון. איך ווייס וואו איך האַלט. ווען איך נעם אידישע אַרבעטער, קומט צוגיין אַ גרופּע מענטשן, וואָס האָט זיך די אַרבעט אויסגעלערנט ערשט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק. יעדערער פֿון זיי קען פֿינף לשונות (אַ זאַך וואָס איז ניט מעגלעך ביי קיינעם, אויסער ביי באָלשעוויסטישע אַגענטן). זיי זיינען אָרגאַניזירט אין אַן אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, וואָס מישט זיך אַריין אין טויזנטער ענינים. פֿריער זיינען אַ טייל פֿון זיי געווען סטודענטן, אַ טייל — שניידער און שוסטער. זיי זאָגן, אַז אַ היסטאָרישער פּראָצעס האָט זיי געבראַכט אַהער און האָט זיי געמאַכט פֿאַר בוי־אַרבעטער. וואָס, צו אַל־די־רוחות, גייען מיך אָן היסטאָרישע פּראָצעסן?!״ אָט־די באַאַמטע שטייען אין טאָג־טעגלעכער באַרירונג מיט דער קאָנקרעטער, וואָכעדיקער אַרבעט. אַזוי ווי דער אינזשינער, רעדן אויך אַ סך אַנדערע באַאַמטע פֿון די אַנדערע דעפּאַרטמענטן.

ב) ביי אַ גרויסן טייל ענגלענדער באַשאַפֿט זיך אַ באַזונדערע ראָמאַנטיק. דער אָריענט ווערט רעפּרעזענטירט דורך די אַראַבער. דאָס שמעקט מיט אַוואַנטיורע און זון, מיט טויזנט און איין נאַכט און נאַרגילע, מיט מענער אין די קאַפּייען, מיט מועדזינען וואָס רופֿן ביינאַכט פֿון די מינאַרעטן. דאָס שמעקט מיט די ענגע געסלעך און באַזאַרן, מיט מעלאָדיעס פֿון די וואַסער־ און מעלאָנען־פֿאַרקויפֿער, מיט האַרון־אַל־ראַשיד און זיין וויזיר וואָס שפּאַצירן פֿאַרשטעלטערהייט ביינאַכט איבער די גאַסן צו הערן וואָס דאָס פֿאָלק רעדט. עס איז שווער צו פֿאַרשטיין פֿון וואַנען עס נעמט זיך ביים ניכטערן ענגלענדער אַזאַ ראָמאַנטיק. אפֿשר איז גערעכט דין אינדזש, ווען ער זאָגט, אַז דער ענגלענדער גופֿא וועלכער איז פֿון נאַטור נוטה צו אַ פֿלעגמאַטישן, אינדאָלענטן לעבן, פֿילט אינסטינקטיוו אַ געוויסע קרובה׳שאַפֿט צו די אָריענטאַלישע לעבנס־פֿאָרמען. דעם ענגלענדער אַרט זייער ווייניק וואָס דער ארץ־ישראל׳דיקער אַראַבער, ספּעציעל דער שטאָט־איינוואוינער מיט וועלכן ער לעבט, איז פֿון ראַסן־שטאַנדפּונקט זייער ווייט פֿון דעם שטאָלצן און מוטיקן אַראַבער פֿון דעם מדבר, וואָס ער איז אַ געמיש פֿון אַלע לעוואַנטינישע ראַסן, פֿון אידן און קרייץ־טרעגער, און האָט כּמעט ניט קיין שייכות מיט איבן־סאַאוד און די וואַהאַביס. עס אַרט אים אויך ניט וואָס דער אייגנ־

טימער פֿון אַ „גאַראַזש״ אין רמלה איז בעצם אַזוי ראָמאַנטיש ווי זיין filling station. ער בלייבט פֿאַר אים דער רעפּרעזענטאַנט פֿון דעם מזרח, וועגן וועלכן דער ענגלישער סאָלדאַט זינגט מיט קיפּלינגען:

Ship me somewhere west of Suez
Where the best is like the worst
Where there are no ten commandments
And a man may raise a thirst.

דער איד איז דער שטערנדיקער עלעמענט אין דעם דאָזיקן אידילישן בילד. ער טראָגט אין אים אַריין אַן איראָפּעאישן סטיל. אָבער דער דאָזיקער סטיל איז ניט קיין איראָפּעאישער אין ברייטן זינען פֿון וואָרט. אין אַ סך שטריכן איז עס אַ קאָפּיע פֿון דעם מזרח־איראָפּעאישן אידישן שטעטל מיט זיין מאַנגל אין פֿאַרוואָרצלטער שיינקייט און רחבות, מיט זיין אייביקן אומרו און יאָגעניש.

ג) אַן אַנדער זייער וויכטיקער פֿאַקטאָר איז, גלויב איך, דאָס וואָס דער אַראַבער איז אַ פֿאַרהעלטנסמעסיק פּרימיטיווער און דערפֿאַר דורכזיכטיקער טיפּ. נאָך אַ באַשטימטער קורצער צייט קען מען זיין כאַראַקטער גרינג פֿאַרשטיין, און דאָס וואָס מען פֿאַרשטייט — מיט דעם קען מען אויך סימפּאַטיזירן. דער דורכשניטלעכער ענגלענדער איז ניט קיין ראַפֿינירטער פּסיכאָלאָג און וויל זיך ניט מאַטערן מיט פּסיכאָלאָגישע פּלאָנטערס. ביים אַראַבער זיינען זיינע מעלות, ווי זיינע חסרונות, איינפֿאַך און דורכזיכטיק, ווי ביי קינדער. מען קאָן וועגן דעם פֿאַרשטייט זיך, ניט גענעראַליזירן; אַלע גענעראַליזאַציעס וועגן נאַ־ציאָנאַלן כאַראַקטער זיינען טעותדיק. און דאָך: דער אַראַבער בלייבט אַ ניט געבראָכענע גאַנצקייט. זיין חניפֿה און זיין שטאָלץ, זיין קאָ־רופּציע און זיין האַרציקייט, זיין גאַסטפֿריינדלעכקייט און זיין פֿאַלש־קייט — דאָס אַלץ איז איין ניט־געבראָכענע און איינפֿאַכע גאַנצקייט. אַפֿילו די טעכניק פֿון זיינע שקרים קען מען זיך שנעל אויסלערנען. אין פֿאַרגלייך מיט אים איז דער איד און דער ארץ־ישׂראלדיקער ישוב אַ ניט־אָרגאַנישע, קאָמפּליצירטע, רעטזעלהאַפֿטע, כמעט ניט־איינהייטלעכע דערשיינונג... וואָס האָט זיי אַהער געבראַכט? וואָס האָט מענטשן געשטופּט צו גיין פֿון רייכערע און אַנטוויקלטע לענדער אין דעם אָרעמען און פֿעלזיקן מזרח־לאַנד? וואָס האָט די זין פֿון פֿאַבריקאַנטן און די טעכטער פֿון באַנקירן געשטופּט צו לעבן אין געצעלטן און אין הילצערנע באַראַקן אויף אַ דיעטע פֿון טאָמאַטעס און אַליוון? וואָס פֿאַרבינדט דעם אַמעריקאַנער בעל־הבית אין תל־

אביב און דעם תּימנער טרעגער אויפֿן ראָג גאַס און דעם סטודענט פֿון דער דייטשער אוניווערזיטעט און דעם רוסיש־אידישן חובבי־ציון און דעם ענגליש־אידישן האַי־קאָמישאָנער און דעם בוכאַרישן סוחר? דאָס אַלץ איז ניט נאַרמאַל און אומהיימלעך. וואָס ווילן זיי? פֿאַרווירקלעכן אַן אידעע? מיר האָבן די עדות פֿון אַ הויכן ענגלישן אינטעלעקטואַל. בישאָף קרייטאָן זאָגט: „אַן ענגלענדער, ניט נאָר וואָס ער באַזיצט ניט קיין אידעען, — ער האָסט אידעען ווען ער שטויסט זיך אָן אויף זיי". און אויב שוין יאָ פֿאַרווירקלעכן אַן אידעע, צו וואָס דאַרף מען גאַנצע פֿופֿצן אידישע פּאַרטייען אין ישוב? וואָס באַדייט דער גאַנצער פּלאָנטער פֿון שנאה צווישן ספֿרדים און אשכּנזים, צווישן אָרטאָדאָקסן און אַפּיקורסים, צווישן סאָציאַליסטן און בורזשוען? אַ סך זאַכן אויף וועלכע מיר זיינען שטאָלץ, זיינען פֿאַרן ענגלענדער רעטענישן. אַ סך זאַכן וואָס זיינען פֿאַר אונז טראַגעדיעס זיינען פֿאַר אים אַבסורדן. און ווייטער: אויב פֿאַרווירקלעכן דעם ציוניזם אין קאָאָפּעראַציע מיט די ענגלענדער — וואָס־זשע באַדייט דער שטענדיקער פּלאָנטער פֿון שנאה און קריטיק, אויף וועלכע דער ענגלישער באַאַמטער שטויסט זיך אָן? די אידישע פּרעסע אין לאַנד מיינט אפֿשר גאָרניט קיין בייז: ס'איז ביי איר אַזאַ טראַדיציאָנעלער סטיל, עס איז די טראַדיציע פֿון דעם מוטיקן קאַמף קעגן דעם צאַריסטישן רעזשים. אָבער דער ענגלענדער, — ווי איינער פֿון זייערע שריפֿטשטעלער זאָגט, — „אָנערקענט גרענעצן וואָס אַפֿילו די פּאַרטייען־שנאה טאָר זיי ניט איבערטרעטן". די ענגלענדער, און ספּעציעל דער דורכשניטלעכער ענגלישער באַאַמטער, דער רוב מנין און רוב בנין פֿון דער ענגלישער אַדמיניסטראַציע, פֿאַרשטייען דאָס ניט. זיי פֿאַרשטייען ניט די טראַדיציעס, ניט דעם סטיל, ניט דעם אומגעצוימטן טעמפּעראַמענט.

עס זיינען פֿאַראַן נאָך אַ סך אַנדערע סיבות. עפּעס איז פֿאַראַן אין דעם אַראַבישן „ספּאָרט־גייסט", עפּעס וואָס האָט אַ געוויסע קרובה'שאַפֿט מיט די ענגלענדער וואָס קומען קיין ארץ־ישראל — ספּעציעל פֿערד־ספּאָרט, פֿערד־צוכט און יאָגד. מען טאָר ניט מיינען, אַז דאָס איז אַ קליייניקייט. מען דערציילט, אַז אין ווירדזשיניאַ האָבן די „דזשענטלמען־קאָלאָניסטן" געבויט זייערע היפּאָדראָמען איידער זיי האָבן געבויט דעם ערשטן קלויסטער. דאָס איז ניט קיין צופֿאַל. נאָך אַ סיבה איז ווידער אַמאָל די השפּעה וואָס די קריסטלעכע אָרגאַניזאַציעס האָבן אויף די באַאַמטע, ספּעציעל אויף די קאַטאָליקן און אַנגליקאַנער.

הייסט עס, סיבות זיינען פֿאַראַן אַ סך. דער רעזולטאַט איז איינער. דער פענדולוס הויבט אָן זיך צו פֿאַרקערעווען אויף איין זייט — און ניט אויף אונזער זייט.

.5

די פֿראַגע איז: וואָס דאַרף מען טאָן? אפֿשר איז איצטער שוין קלאָר, אַז די פּראָבלעם קען ניט געלייזט ווערן פּשוט דורך באַשולדי־קונגען אין אַנטיסעמיטיזם. רעוויזיאָניסטישע רעזאָלוציעס מאַכן די זאַך ניט בעסער און אפֿשר ערגער. די פּראָבלעם פֿון דער אַדמי־ניסטראַטיווער און פּאָליטישער צוזאַמענאַרבעט פֿון אידן און ענג־לענדער אין ארץ ישׂראל בלייבט אומגעלייזט. מען קען עס מיט טעכ־נישע מיטלען און מיט נסים ונפֿלאות ניט לייזן. די אידן וועלן זיך ניט בייטן, זייערע מנהגים, זייערע טראַדיציעס, זייער טעמפּעראַמענט וועלן זיי ניט אָוועקוואַרפֿן, זיכער ניט אַזוי גיך. ס׳איז נאָך ווייניקער וואַרשיינלעך, אַז די ענגלענדער אין ארץ־ישׂראל זאָלן בייטן זייער כאַראַקטער. די סתּירה איז אַ טיפֿע, און דער אַנטאַגאָניזם פֿון די טעמפּעראַמענטן קען שאַפֿן נאָך אַ סך רייבונגען און קאָנפֿליקטן. די אויפֿגאַבע, וועלכע שטייט פֿאַר אונז אין ארץ־ישׂראל פֿאַרלאַנגט, אַז די דאָזיקע רייבונגען און קאָנפֿליקטן זאָלן רעדוצירט ווערן צו אַ מינימום. ווי קען דאָס געטאָן ווערן?

דער מיטל, וועלכער וואָלט געווען דער בעסטער אונטער די עקזיסטירנדיקע אומשטענדן, קומט פֿאַר אונז ניט אין באַטראַכט. דער מיטל וואָלט געווען אַ פּאַרלאַמענט, צו וועלכן די באַאַמטנשאַפֿט וואָלט געווען פֿאַראַנטוואָרטלעך. דער ענגלישער ציוויל־באַאַמטער האָט אַ גוט־דערצויגענעם אינסטינקט פֿאַר פּאַרלאַמענטאַרישער פֿאַר־אַנטוואָרטלעכקייט. יעדער רעגירונגס־באַאַמטער וואָלט זיין אויער גוט אָנגעשטעלט אויפֿן פּאַרלאַמענט, און אויפֿגענומען אַפֿילו זיינע פֿיינסטע וויבראַציעס. ביים היינטיקן טאָג איז די ארץ ישׂראל פֿאַר־וואַלטונג אַ זעלבסט־הערשנדיקע קאָלאָניאַלע ביוראָקראַטיע. דורכדעם וואָס די באַדינגונגען דערלויבן אונז ניט צו באַגרענעצן איר מאַכט דורך אַן אָרגאַן פֿון זעלבסט־רעגירונג, זיינען מיר מוותּר אויף אַ ווערטפֿולן מיטל פֿון קאָנסטיטוציאָנעלער קאָאָפּעראַציע צווישן דעם אידישן ישוב און דער ענגלישער באַאַמטנשאַפֿט.

עס בלייבן צוויי מיטלען, פֿאַר זיך אַליין אפֿשר שוואַכערע, אָבער מיט באַדייטנדע מעגלעכקייטן, אויב מען פֿאַרשטייט די ערנסטקייט און די וויכטיקייט פֿון דעם ענין.

די בריטישע באַמטנשאַפֿט אין ארץ־ישראל

דער ערשטער מיטל: שאַפֿן אַן אָרגאַן פֿון עפֿנטלעכער מיינונג, וואָס זאָל אין אַ געוויסער מאָס דערזעצן דעם אָרגאַן פֿון זעלבסט־פֿאַרוואַלטונג און וואָס זאָל האָבן אַ השפעה אויף דער ענגלישער אַדמיניסטראַציע — דאָס הייסט, שאַפֿן אַן ענגלישן פּרעסע־אָרגאַן, וואָס זאָל שטיין אויף אַ הויכן און רעפּרעזענטאַטיוון ניוואָ. אַזאַ מין זשורנאַל מוז קוקן אויף דער קאָאָפּעראַציע צווישן אידן און ענגלענדער אין ארץ־ישראל, ניט ווי אויף אַ ציַיטווייַליקער, טעכנישער אויפֿגאַבע, וואָס איז אַ „מכה שלא כתובה בתורה”, נאָר ווי אויף אַ פּאָליטישער אויפֿגאַבע וואָס וועט באַשטימען די פֿאָרמען פֿון אונזער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ, אַפֿילו לאַנג נאָכדעם ווי מיר וועלן אין לאַנד זיין די מאַיאָריטעט. דער דאָזיקער אָרגאַן דאַרף דינען אַלס אַ פֿאַרבינדונגס־מיטל צווישן אַ זאַכלעכער און רייפֿער פּאָליטישער עפֿנטלעכער מיינונג פֿון ישוב און דער עפֿנטלעכער מיינונג אין ענגלאַנד.

דער צווייטער מיטל איז: שאַפֿן שטאַרקע געזעלשאַפֿטלעכע קאָנטאַקטן צווישן דעם אידישן ישוב און דער ענגלישער באַאַמטנשאַפֿט. אָפֿיציעלע קאָנטאַקטן קענען ניט אָפּשאַפֿן די פֿרעמדקייט צווישן זיי. דרך אגב, איז כדאַי צו זאָגן, אַז דאָרט וואו אַזוינע סאָציאַלע קאָנטאַקטן זיינען ביז איצטער באַשטאַנען, איז דער ישוב ניט געווען פֿאַרטראָטן דורך די בעסטע רעפּרעזענטאַנטן. סנאָביזם פֿון איין זייט און לעוואַנטיניזם — פֿון דער צווייטער זייט זיינען ניט בכוח צו באַזיגן די פֿרעמדקייט וועגן וועלכער מיר רעדן. דאָס גוטע אידעאַליסטישע נאַציאָנאַלע הויז אין תל אָביב אָדער אין ירושלים טראָגט אַ צו בולט׳ן מזרח־אייראָפּעאישן ספּעציפֿיש־רוסישן שטעמפּל. אַפֿילו דער זיווג צווישן די מערב־אייראָפּעאישע אידן און דעם מזרח־אייראָפּעאישן אידן גייט זיך דאָך גרינג ניט איין. אָבער מען מוז עס זיך אויסלערנען. מען מוז זיך נענטער באַקענען. נאָר דורך באַקאַנטשאַפֿט וואַקסט פֿאַרשטענדעניש. נאָר דורך פֿאַרשטענדעניש וואַקסט סימפּאַטיע.

אַזעלכע מיטלען זיינען פֿאַר דער לייזונג פֿון אונזער פּאָליטישער אויפֿגאַבע, אַ סך וויכטיקער, ווי סתם פּאָליטישע דעקלאַמאַציע. זיי זיינען, יעדנפֿאַלס, אַ מער זיכערער וועג צום „זיבעטן דאָמיניאָן” ווי אַלע רעזאָלוציעס וועגן דעם אידנשטאַט.

(1928)

„דער זיבעטער דאָמיניאָן"

„דער זיבעטער דאָמיניאָן", איז געווען דער נאָמען פֿון אַ בוך וועגן דער אַרץ־ישראַל־פּראַגע, וואָס דער בריטישער פֿריינד פֿון ציוניזם יאָשיה וועדזשוואוד האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אין יאָר 1928.

1

וואָס עס זאָל דערפֿון ניט ווערן, איז אָבער קלאָר אַז דער „פּאַטענט" אויף דער דערפֿינדונג פֿון „זיבעטן דאָמיניאָן", געהערט שוין אויף אייביק דעם קאָלאָנעל וועדזשוואוד, וועלכער פּריידיקט, ווי עס איז באַקאַנט, דעם געדאַנק, אַז ארץ ישראל זאָל ווערן אין דער צוקונפֿט אַ אידישער דאָמיניאָן אין דער בריטישער Commonwealth of Nations. די צרה איז נאָר וואָס ער האָט, ווי מיר גלויבן, זיך צוגעאײַלט דעם דאָזיקן „פּאַטענט" צו רעגיסטרירן. מיר האַלטן די פּובליקאַציע פֿון זיין בוך פֿאַר פֿריצײַטיק. נישט חלילה דערפֿאַר וואָס מיר האַלטן, אַז זיין אַנאַליז פֿון דער הייַנטיקער לאַגע אין ארץ ישראל, פֿון דער השפּעה פֿון די מיסיאָנערן־קרייזן, אָדער זיין קריטיק פֿון דער בריטישער אַדמיניסטראַציע זיינען ניט ריכטיק. אַדרבא, אַ סך אין זיין בוך, פֿון וועלכן דער וויכטיקסטער טייל אין זיין פּאָלעמיק קעגן דער „קוריעס־סיסטעם" אין די מוניציפּאַלע וואַלן, האַלטן מיר פֿאַר זייער און זייער ריכטיק. מיר ווייסן דאָך אויך, אַז מער ווי איינמאָל האָט קאָלאָנעל וועדזשוואוד פֿון די אַרבעטער־בענק פֿון פּאַרלאַמענט געוויזן, אַז ער איז גרייט אַקטיוו צו פֿאַרטיידיקן זיינע איבערצייגונגען. דאָס גיט אויך צו זיין קריטיק פֿיל געוויכט. און דאָך גלייבן מיר, איז די פּובליקאַציע פֿון „זיבעטן־דאָמיניאָן"־פּלאַן געווען פֿריצייטיק. מיר האַלטן דאָך בכלל, אַז אַלע דעבאַטעס אַרום דעם פּאָליטישן ענדציל פֿון ציוניזם זיינען פֿריצייטיק; אַז מיר זיינען אין דער דאָזיקער דעבאַטע אין דעם איצטיקן מאָמענט ניט פֿאַראינטערעסירט; אַז וואָס שפּעטער מיר וועלן אַריינגעצויגן ווערן אין דער דאָזיקער דעבאַטע אַלץ בעסער וועט זיין

פֿאַר אונז. די ענדגילטיקע פֿאָרמולע וואָס וועט פֿון דעם אַרויסקומען, מוז דאָך אויף זיך טראָגן דעם שטעמפּל פֿון די רעאַלע כּוחות־פֿאַרהעלטענישן אין ארץ ישראל — און וואָס פֿריער מיר וועלן אַריינגעצויגן ווערן אין דער דיסקוסיע, אַלץ אומגינסטיקער וועט עס זיך מוזן אָפּרופֿן אויף דער ענדגילטיקער ענדציל פֿאָרמולע. פֿאַקטיש האָט דער קבלת פּנים וואָס וועדזשוואָודס בוך האָט געפֿונען אין דער ענגלישער פּובליציסטיק טאַקע באַשטעטיקט אָט־די מיינונג. עס וואָלט ניט געאַרט ווען די קעגנערשאַפֿט פֿון דער „מאָרנינג־פּאָסט" אָדער אַפֿילו פֿון דער „טיימס" צום וועדזשוואָוד־פּראָיעקט, וואָלט געווען פֿון דעם זעלבן מין ווי, לאָמיר זאָגן, זייערע אַ פּאָזיטיווער אָדער נעגאַטיווער אָפּרוף אויפֿן פֿאָרשלאָג וועגן אַ נייער פֿלאָט־באַזע אין סינגאַפּור. אָבער פֿאַקטיש האָט די ענגלישע עפֿנטלעכע מיינונג, אויף וויפֿל זי האָט בכלל געפֿינען פֿאַר נויטיק זיך אָפּצושטעלן אויף קאָלאָנעל וועדזשוואָודס בוך, באַהאַנדלט זיין פּראָיעקט מיט ביטול, ווי פּוסטע חלומות, ווי אַ סתּם פֿאַנטאַזיע. אַזוי אַרום האָט אונז זיין בוך געבראַכט אין ענגלאַנד דעם היפּוך פֿון נוצן. די אַראַבער זיינען מן הסתּם געווען, פֿון איין זייט, אַנגערייצט און פֿון דער אַנדערער זייט, שטאַרק צופֿרידן מיט דער אויפֿנאַמע וואָס דאָס בוך האָט באַקומען. דאָס איז געווען דער רעזולטאַט וואָס מען קאָן דערוואַרטן פֿון יעדער ענד־ציל דיסקוסיע, אונטער די איצטיקע כּוחות־פֿאַרהעלטענישן אין ארץ ישראל.

נאָר וואָס געווען — איז געווען. וואָס עס איז אָפּגעטאָן געוואָרן — איז אָפּגעטאָן. דעם נעטן שאָדן האָבן מיר שוין סיי־ווי־סיי געהאַט. איצטער בלייבט נאָך צו קאַסירן דעם נעטן געווינס. מיר זיינען איצטער, נאָך דער פּובליקאַציע פֿון וועדזשוואָודס בוך, פֿריי צו אונטערזוכן די גאַנצע פּראָבלעם, וועלכע ער האָט באַהאַנדלט. אומאָפּהענגיק פֿון סטראַטעגישע חשבונות, לאָמיר פּרוּוון אַנאַליזירן וואָס עס דאַרף זיין אונזער באַציאונג צו דעם פֿאָרשלאָג פֿון אַ אידישער ארץ ישראל אַלס אַ „דאָמיניאָן" אין דער בריטישער אימפּעריע.

2

די ערשטע פֿראַגע, וואָס מיר האָבן זיך צו פֿרעגן, איז, אַזוי־צו זאָגן, אַ טעאָרעטישע. וועדזשוואָוד שלאָגט פֿאָר, אַז ארץ ישראל זאָל אויך אין דער וויטער צוקונפֿט, אויך דעמאָלט ווען מיר וועלן שוין האָבן די ברייט־אַרומגערעדטע מאַיאָריטעט, בלייבן אַן אינטעגראַלער טייל פֿון דער „בריטישער קאָמאָנוועלט אָוו ניישאָנס". ווי זאָל זיך דער ציוניזם

פֿאַרהאַלטן צו דעם דאָזיקן פֿאָרשלאַג? איז ער בהסכּם מיטן ציל פֿון ציוניזם אָדער איז ער אים סותר? עס איז אונזער פֿעסטע איבערצייגונג, אַז פֿון שטאַנדפּונקט פֿון ציוניסטישן אידעאַל, איז אין דעם פֿאָרשלאַג פֿון „זיבעטן דאָמיניאָן" ניטאָ קיין שום סתּירה. ווען מיר ווילן פּרובירן אויסדריקן דעם פּאָליטישן אידעאַל פֿון ציוניזם איז איין אומפּאַסנדער פֿאָרמולע, קענען מיר זאָגן: דער ציוניזם קעמפֿט דערפֿאַר, אַז דאָס אידישע פֿאָלק זאָל באַקומען דאָס רעכט אויף פּאָליטישער זעלבסט־באַשטימונג. ער קעמפֿט דערפֿאַר, אַז אין איין לאַנד זאָלן געשאַפֿן ווערן אַזעלכע באַדינגונגען, אונטער וועלכע דאָס אידישע פֿאָלק זאָל האָבן יענעם רעכט אויף זעלבסטבאַשטימונג, וואָס אַלע פֿעלקער געניסן. דער ציוניזם איז זיך ניט מתחייב צו קיין שום באַשטימטער פֿאָרעם פֿון דעם דאָזיקן רעכט אויף זעלבסט־באַשטימונג. די קאָנקרעטע פֿאָרעם פֿון דער זעלבסט־באַשטימונג איז אָפּהענגיק פֿון די קאָנקרעטע היסטאָרישע באַדינגונגען, אונטער וועלכע זי וועט אויסגעאיבט ווערן. אַפֿילו דאָס וואָרט „אידנשטאַט" זאָגט נאָך אויך גאָרניט וועגן דער קאָנקרעטער פֿאָרעם פֿון זעלבסט־באַשטימונג. טעאָרעטיש קען דאָך דער אידנשטאַט זיין אַ מאָנאַרכיע אונטער אוסישקינס דינאַסטיע, אָדער אַ סאָציאַליסטישע סאָוועטן־רעפּובליק. נאָר, ווי באַקאַנט, האָט די פֿאָרמולע פֿון אידנשטאַט אָפֿיציעל קיינמאָל ניט עקזיסטירט ערגעץ אַנדערשוואו ווי אויפֿן שער־בלעטל פֿון הערצלס בראָשור. שוין דער ערשטער קאָנגרעס האָט, זיך רעכענענדיק מיט באַשטימטע פּאָליטישע רעאַליטעטן, אין דער באַזעלער פּראָגראַם אָנגענומען די פֿאָרמולע „עפֿנטלעך־רעכטלעך געזיכערטע היים". שוין בעת הערצלס שמועסן מיט טערקיי, האָט ער פֿאַרהאַנדלט וועגן אַ פּלאַן, וועלכער וואָלט, ניט אָנרירנדיק די אָטאָמאַנישע סואווערעניטעט, געגעבן ארץ ישראל אַ געוויסע אויטאָנאָמיע אין די גרענעצן פֿון דער טערקישער אימפּעריע. אָט די פּראָגראַם איז נאָך מער באַגרענעצט געוואָרן נאָך דער יונג־טערקישער רעוואָלוציע. אַזוי איז עס שוין געבליבן ביזן סוף פֿון דער וועלט־מלחמה, ווען עס איז באַשטימט געוואָרן דער נייער סטאַטוס פֿון ארץ ישראל. די דערפֿאַרונג האָט אונז געלערנט, אויף ווי ווייט קאָנקרעטע היסטאָרישע באַדינגונגען באַשטימען די קאָנקרעטע פֿאָרעם, וואָס דאָס רעכט אויף פּאָליטישער זעלבסט־באַשטימונג דאַרף און קען אָננעמען. די דערפֿאַרונג האָט אונז געלערנט, אַז אָט די באַדינגונגען ענדערן זיך און אַז מען קאָן זיי כמעט ניט פֿאָרויסזען. דער פּאָליטישער ענדציל פֿון ציוניזם איז ניט פֿאַרבונדן מיט קיין קאָנקרעטער פֿאָרעם,

„דער זיבעטער דאָמיניאָן"

אַזוי ווי זיין טעריטאָריעלער ענדציל איז ניט פֿאַרבונדן מיט די קאָנקרעטע גרענעצן, וועלכע זיינען אָנגעצייכנט געוואָרן פֿאַר דער אידישער נאַציאָנאַלער היים אונטער דעם מאַנדאַט. דער עיקר אינהאַלט פֿון דעם פּאָליטישן ענדציל פֿון ציוניזם איז דאָס רעכט אויף זעלבסט־באַשטימונג גופֿא. דער פֿרייער ווילן פֿון דער אידישער ארץ ישראל וועט שוין באַשטימען, וועלכע פֿאָרעם זי וועט אים וועלן געבן. דער אַנטשיידנדער פּונקט איז, אַז די אידישע ארץ ישראל זאָל זיך דעראָבערן די פֿרייהייט אים צו געבן יענע פֿאָרעם, וואָס זי וויל. ווען די אידישע ארץ ישראל וואָלט, אין דעם אַנטשיידנדן טאָג, דורך אַ דעמאָקראַטישן באַשלוס פֿעסטגעשטעלט, אַז עס איז איר פֿרייער ווילן צו בלייבן אַלס אַ „דאָמיניאָן" אין די גרענעצן פֿון דער „בריטישער קאָמענוועלט אָוו ניישאָנס", וואָלט עס ניט אָנגערירט אַפֿילו אויף אַ האָר דעם פּאָליטישן אידעאַל פֿון ציוניזם.

די בריטישע „קאָמאָנוועלט אָוו ניישאָנס" איז ביי היינטיקן טאָג, לויט ראַסע און קולטור, ווי אויך לויט רעליגיע, ס׳־ווי־סיי אַ ליגע פֿון פֿאַרשיידענע נאַציעס. ניט נאָר נעמט זי אַריין די רוימיש־קאַטוילישע פֿראַנצויזישע מינאָריטעט אין קאַנאַדע מיט איר אייגענער שפּראַך, נאָר אויך אַ שטאַרקע האָלענדישע נאַציאָנאַלן גרופּע, מיט אַן אויסגעשפּראָכן אייגנאַרטיקער רעליגיעזער קולטור אין דרום־אַפֿריקע. אין דער בריטישער פֿעלקער־געמיינשאַפֿט געפֿינט זיך די קעלטישע און קאַטוילישע אירלאַנד, מיט אַספּיראַציעס אויף אַ רענעסאַנס פֿון אַן אַלטער ציוויליזאַציע. און ווען אינדיע וועט אויך באַקומען דעם סטאַטוט פֿון אַ דאָמיניאָן — און אויב איך האָב ניט קיין טעות, וועלן מיר זי דאַרפֿן אָפּטרעטן דאָס רעכט אויפֿן נומער זיבן—וועלן דריי הונדערט מיליאָן ניט ווייסע, ניט קריסטלעכע און ניט אייראָפּעאיש־רעדנדע מענטשן איינגעשלאָסן ווערן אין דער דאָזיקער ליגע. פֿון דער זייט, הייסט עס, איז ניטאָ קיין מניעה און ניט קיין סכנה.

מען מוז נאָך צוגעבן, אַז לויט דער אַנטוויקלונג ואָס דער דאָמיניאָן־סטאַטוס האָט דורכגעמאַכט ביזן היינטיקן טאָג, אַלס אַ שטאַטס־רעכטלעכע פֿאָרעם, אונטערשיידט ער זיך ווייניק וואָס פֿון דעם סטאַטוס פֿון אַ פֿולשטענדיק־אומאָפּהענגיקער מלוכה. עס קאָן זיין, אַז צווישן די בערך 72 פֿאַרשיידענע קאָנסטיטוציעס וואָס עקזיסטירן אין דער בריטישער אימפּעריע, איז שווער זיך פֿונאַנדערצוקלייבן. נאָר וואָס דער סטאַטוס פֿון די זעקס דאָמיניאָנס — אויסטראַליע, ניו־זעלאַנד, סאַוט־אַפֿריקע, קאַנאַדע, נוי־פֿאַונדלענד און אירלאַנד — זאָל ניט זיין,

איז אָבער ניטאָ קיין ספֿק אַז זיי אונטערשיידן זיך זייער ווייניק פֿון די פֿולשטענדיק אומאָפּהענגיקע מלוכות. די אימפּעריאַלע קאָנפֿערענץ פֿון יאָר 1926, אין וועלכער לאָרד באַלפֿור האָט געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָלע, האָט ענדגילטיק פֿאַרענדיקט אַ פּראָצעס, וועלכער איז שוין געווען דייטלעך ביים סוף פֿון דער מלחמה. שוין די פֿרידנס־אָפּמאַכן פֿון ווערסייל זיינען גע׳חתמ׳עט געוואָרן ניט נאָר פֿון לאָנדאָן אַליין, נאָר אויך מצד די איבעריקע זעקס „זיין מאַיעסטעט׳ס רעגירונגען". זינט 1926 האָבן די איינצלנע דאָמיניאָנס אַפֿילו אייגענע דיפּלאָמאַטישע פֿאַרטרעטערשאַפֿטן. אַזוי האָבן מיר אין וואַשינגטאָן ניט נאָר דעם ענגלישן אַמבאַסאַדאָר, נאָר אויך די פֿאָרשטייער פֿון קאַנאַדע און אירלאַנד. אויף דער ערשטער אַרבעטער־קאָנפֿערענץ פֿון דער בריטישער אימפּעריע האָבן די אירלענדישע דעלעגאַטן אַפֿילו פֿאַרטראָטן דעם שטאַנדפּונקט, אַז אין פֿאַל פֿון אַ מלחמה־דערקלערונג פֿון לאָנדאָן זאָל דובלין זיין פֿריי צו דערקלערן איר נייטראַליטעט און צו פֿאַרווערן דעם דורכמאַרש פֿון אַרמייען דורך איר טעריטאָריע. עס פֿאַרשטייט זיך, אַז אין דער ווירקלעכקייט ווערט ניט אַלץ סערווירט אַזוי הייס, ווי עס ווערט געקאָכט. דער אמת׳ער צוזאַמענבונד צווישן די פֿאַרשיידענע זעלבסט־רעגירנדע טיילן פֿון דער בריטישער אימפּעריע איז אַ סך אַ שטאַרקערער ווי עס קען זיך דוכטן פֿון די קאָנסטיטוציאָנעלע פֿאָרמולירונגען. עס איז פֿאַראַן אַ שטאַרקע געמיינשאַפֿטלעכקייט פֿון אינטערעסן און עס איז פֿאַראַן אַ סך שטאַרקערע שותּפֿות פֿון געשיכטע, קולטור, טראַדיציעס און ענלעכע פּאָליטישע אינסטיטוציעס — און זיי זיינען שטאַרקער פֿון אַלע געזעצן און פּאַראַגראַפֿן.

3

לאָמיר, אַלזאָ, זאָגן אַז אַ אידישע ארץ ישראל אַלס אַ „זיבעטער דאָמיניאָן" איז אַן ענין, וואָס איז פֿולקאָם אין הסכּם מיט די פּאָליטישע אידעאַלן פֿון ציוניזם. די צווייטע פֿראַגע איז אָבער, וואָס זיינען די מאָמענטן, וועלכע וואָלטן — אין דעם אַנטשיידנדן טאָג, וועגן וועלכן מיר רעדן, צו וועלכן אונזער פּאָליטישע פֿאַנטאַזיע האָט אונז היינט פֿאַרטראָגן — געקענט באַוועגן די אויסדערוויילטע פֿאָרשטייער פֿון דעם ארץ ישראל ישוב צו שטימען פֿאַר אַזאַ פֿאָרשלאַג? דאָס קענען באַווייזן בלויז זייערע רעאַלע אינטערעסן און חשבונות. מען קען זיך דאָך ניט פֿאָרשטעלן, אַז עס זאָלן זיי דערצו באַוועגן סענטימענטאַלע און ריין פּסיכאָלאָגישע מאָטיוון, ווי דאַנקבאַרקייט און סימפּאַטיע. אויף

„דער זיבעטער דאָמיניאָן"

דער ענגלישער זייט עקזיסטירן דאָך, ווי באַקאַנט, אַזעלכע ניט סענטימענטאַלע אַרגומענטן, וועלכע מאַכן עס פֿאַר געוואונשן, אַז דאָס היינטיקע מאַנדאַטן־לאַנד ארץ ישראל זאָל בלייבן אַן אינטעגראַלער טייל פֿון דער בריטישער וועלט־מלוכה. ווער עס האָט געלייענט דעם אַרטיקל וואָס וועדזשוואוד האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אין „קאָנטעמפּאָרערי רעוויו" באַלד נאָך זיין צוריקקער פֿון עגיפּטן, וועגן די נייע פּלענער, וואָס די אַדמיראַליטעט האַלט ביים אויסאַרבעטן, וועגן פֿאַרשטאַרקן דעם בריטישן גאַרניזאָן ביים סועץ־קאַנאַל, דער ווייס, אַז אַפֿילו וועדזשוואוד האָט געדאַרפֿט דורכגיין אַ „לייבאָר־אימפּעריאַליסטישע" שול ביז ער איז דערגאַנגען צום פּראָיעקט פֿון זיבעטן דאָמיניאָן. וואָס זיינען די אַרגומענטן פֿון אָט דעם רעאַליסטישן מין, וואָס קענען פֿון דער אידישער זייט געבראַכט ווערן פֿאַר דעם פּראָיעקט? מיר גלויבן, אַז עס זיינען פֿאַראַן אַזעלכע אַנטשיידענע אַרגומענטן, עקאָנאָמישע און פּאָליטישע.

דער אַנטשיידנדער עקאָנאָמישער מאָמענט איז, אַז שוין היינט איז די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג פֿון דער וועלט אַריבערגעשטיגן די גרענעצן פֿון דער נאַציאָנאַלער מלוכה און איז אַריבערגעגאַנגען צו פּראָדוציר־באַדינגונגען און פּראָדוציר־פֿאָרמען, וואָס די פּאַסנדיקסטע פּאָליטישע ראַמען פֿאַר זיי זיינען אַזעלכע גרויסע אימפּעריאַלע קאָמפּלעקסן, ווי די פֿאַראייניקטע שטאַטן פֿון אַמעריקע, די בריטישע אימפּעריע אָדער דער סאָוועטן־פֿאַרבאַנד. דאָס איז אויך ריכטיק אַפֿילו לגבי די גרעסערע נאַציאָנאַלע מלוכות, ווי דייטשלאַנד, פֿראַנקרייך אָדער איטאַליע, וועלכע געפֿינען זיך שוין היינט ניט קיין אַנדער עצה ווי די אַלעמאָל שטאַרקערע אינטערנאַציאָנאַלע טראָסטיפֿיקאַציע, טאַריפֿן־איינהייט און אַ ברייטערע עקאָנאָמישע לעגיסלאַציע. בנוגע די קליינע נאַציאָנאַלע מלוכות איז עס אוודאַי און אוודאי אמת. צווישן זיי האָבן אויסזיכטן אויף אַ רעלאַטיווער אומאָפּהענגיקייט בלויז די יעניקע וועלכע קאָנטראָלירן די רעסורסן פֿון די וויכטיקסטע און רעלאַטיוו־זעלטנסטע רוי־שטאָפֿן, ווי אויל אָדער בוימוואָל. א"י איז, גאָט צו דאַנקען, סיי אַ קליין לאַנד און סיי אַ לאַנד, וואָס איז אָרעם אין די דאָזיקע מאָנאָפּאָל־שטאָפֿן. ארץ ישראל איז אייגנטלעך אין דער טערקישער צייט געווען, פֿון ווירטשאַפֿטלעכן שטאַנדפּונקט, אַ טייל פֿון אַן איינהייטלעכער סירייִשער ווירטשאַפֿטס־ספֿערע. עס איז ניט קיין צופֿאַל וואָס בעת ד"ר רופּין איז צוגעטראָטן צו געבן די ערשטע אומפֿאַסנדיקע פֿאָרשונג וועגן די ווירטשאַפֿטלעכע פֿאַרהעלטענישן אין ארץ ישראל, האָט ער ארץ

ישראל געמוזט באַטראַכטן אין די ראַמען פֿון „סיריען אַלס ווירטשאַפֿטס־געביט". ווען די דאָזיקע ווירטשאַפֿטס־ספֿערע איז דורך די פֿרידנס־אָפּמאַכן צעבראָכן געוואָרן און דאָס אַלטע גלייכגעוויכט איז אויפֿגעטריי־סלט געוואָרן, האָט דאָס געמוזט פֿירן צו ערנסטע עקאָנאָמישע שטערונגען. דער ווייץ־אוצר פֿון ארץ ישראל, דער חורן, איז אַריבערגעגאַנגען צו דער פֿראַנצויזישער סיריע. פּונקט אַזוי זיינען אָפּגעשניטן געוואָרן די מערק פֿאַר געוויסע יפֿו'ער און חיפֿה'ער אימפּאָרט־אַרטיקלען און פֿאַר באַשטימטע לאָקאַלע אינדוסטריעס. עס האָט גענומען יאָרן און גרויסע אָנשטרענגונגען, ביז עס האָט זיך געשאַפֿן אַ נייער גלייכגעוויכט אונטער די נייע פֿאַרהעלטענישן. דאָס אַלץ איז שוין אמת היינט, און אַוודאי וועט עס זיין אמת אַ פּאָר צענדליק יאָר שפּעטער, אין יענעם צוקונפֿטיקן טאָג וועגן וועלכן מיר רעדן. אין משך פֿון די נאָענטסטע עטלעכע צענדליק יאָר וועלן אויסוואַקסן אַרום ארץ ישראל אַ רייע פֿון אַראַבישע מלוכות. צווישן זיי עקזיסטירט שוין און וועט נאָך מער עקזיסטירן אין דער צוקונפֿט אַ געוויסע פֿאָרעם פֿון פֿעדעראַציע. ארץ ישראל וועט דעמאָלט נאָך ווייניקער ווי היינט זיין אַ זעלבסט־גענוגנדיקע איינהייט. וועט זי דערפֿאַר שטיין פֿאַר דער ברירה: אָדער זיך געפֿינען אַ פּלאַץ אין אַזאַ מין פֿעדעראַציע פֿון סיריש־אַראַבישע מלוכות, אָדער זוכן אַ פֿאָרעם פֿון אָנשלוס אין די ראַמען פֿון אַן אַנדער עקזיסטירנדיקן אימפּעריאַלן קאָמפּלעקס. נעמענדיק אין באַטראַכט, אַז וואָס עס זאָל ניט זיין, וועט אין ארץ ישראל גופֿא בלייבן אַ זייער שטאַרקער אַראַבישער עלעמענט, איז קלאָר אין וועלכער ריכטונג עס ליגן אונזערע אינטערעסן. עס קען ניט זיין קיין פֿראַגע, וואָס עס דאַרף זיין אונזער ענטפֿער אויף דער אַלטערנאַטיווע: עקאָנאָמישער צוזאַמענבונד מיט אַ סירישער פֿעדעראַציע אָדער מיט דער בריטישער „קאָמאָנוועלט". אמת, מיר האַלטן ניט אַז דורך אַ פּאָליטישן באַשלוס קאָן מען באַשטימען די ריכטונג פֿון באַשטייענדיקע עקאָנאָמישע טענדענצן. אויב די צוקונפֿטיקע ארץ ישראל וועט זיך געפֿינען אין דעם מאַגנעטישן פֿעלד פֿון דער „סירישער ווירטשאַפֿטס־ספֿערע", וועלן מיר אָט די נאַטירלעכע אַנטוויקלונגס־טענדענצן ניט אָפּשטעלן — און עס וואָלט געווען נאַריש דאָס צו פּרובירן. עס וואָלט געהייסן אַוועקשטעלן קינסטלעכע הינדערנישן אויפֿן וועג פֿון דער אַנטוויקלונג פֿון די פּראָדוציר־קרעפֿטן און עס וואָלט זיך מן הסתם מיט דער צייט אויך ניט איינגעגעבן. עס איז אָבער יאָ וויכטיק, אַז אַפֿילו דעמאָלט זאָל עקזיסטירן אַ קעגנגעוויכט, כּדי צו באַלאַנסירן די עקזיסטירנדיקע איינ־

פֿלוסן. אַזאַ קעגנגעוויכט קען זיין דער אַנשלוס פֿון ארץ ישראל אין דער בריטישער פֿעלקער־געמיינשאַפֿט. אַ גוטער פּאַראַלעל פֿאַר דעם דערמאָנטן ענין איז די קעגנערשאַפֿט פֿון קאַנאַדער פּראָנצויזן צו יעדן פּלאַן וואָס מאַכט שטייפֿער די פֿאַרבינדונג צווישן קאַנאַדע און דער בריטישער אימפּעריע.

איצט קומט דער פּאָליטישער אַרגומענט. פֿאַר זיך איז ארץ ישראל, אַלס פּאָליטישע איינהייט, איינער פֿון אַ סך קליינע פּאָליטישע קערפּערס, וואָס אַפֿילו אַלס אַ זעלבסטשטענדיקער פּאָליטישער מיטגליד פֿון פֿעלקער־בונד, איז ער ניט מער ווי איינע פֿון די 45 שטערנדלעך, וואָס דרייען זיך אַרום די עטלעכע גרויסמאַכטן. זי וועט אפֿשר אין „גרויסן ראַט" פֿון דעם פֿעלקער־בונד קאָנען מאַכן אַ „פּאָינט אָוו אָרדער", נאָר דער „פּאָינט אָוו אָרדער" וועט ניט מאַכן קיין רושם. דאָס הייסט, זי וועט אויף אייביק זיין פֿאַר׳משפּט צו שפּילן די ראָלע פֿון אַ פּראָווינץ־דעלעגאַט אויף אַ ציוניסטישער קאָנפֿערענץ. דאָמיניאָן־סטאַטוס אין דער בריטישער אימפּעריע וואָלט ארץ ישראל געגעבן אַ פּאָליטישן געוויכט וואָס שטייט אויסער פּראָפּאָרציע צו איר גרויס און רייכטום. דורך באַטייליקונג אין דער אימפּעריאַלער קאָנפֿערענץ וואָלט אונז געגעבן געוואָרן די מעגלעכקייט צו האָבן אַ השפּעה אויף די גרויסע אינטערנאַציאָנאַלע פּראָבלעמען, על כל פּנים לויט דער מאָס איינפֿלוס וואָס אַ קליין פֿאָלק קען זיך דערלויבן. און לאָמיר ניט פֿאַרגעסן, אַז אונזער ווילן צו האָבן אַ השפּעה אַלס אַ נאַציע אויף די דאָזיקע ענינים איז ניט סתם אַ פֿאַרווילעניש, עס איז ניט סתם מעגאַלאָמאַניע און ניט דער חשק פֿון אַ קליין אינגעלע זיך אָנצוטאָן אין זיין הויכגעוואָקסענעם פֿעטערס קליידער. עס איז פֿאַראַן איין מאָמענט וואָס מאַכט אָט די השפּעה פֿאַר אַ בלוטיקן נאַציאָנאַלן אינטערעס — דער מאָמענט איז דער אידישער גלות, די עקס־טעריטאָריאַליטעט פֿון ברייטע מאַסן פֿון אידישן פֿאָלק. לאָמיר נעמען אַלס אַ ביישפּיל, אין דעם ליכט פֿון דעם מאָמענט, די פֿראַגע פֿון מלחמה און שלום. צו קענען ווירקן קעגן מלחמה איז פֿאַר אונז ניט קיין קאַפּריז. עס איז אַפֿילו ניט פּאַציפֿיזם אָדער אידעאַליזם. עס איז אַן עלעמענטאַרער אינטערעס, וואָס עס דיקטירט די לאָגיק פֿון אונזער נאַציאָנאַלן קיום. ווייסנדיק אַז יעדער מיליטערישער פֿראָנט, ווּאו ער זאָל זיך ניט געפֿינען, שניידט אויף שטיקער ניט נאָר טיילן פֿון דער מענטשהייט, נאָר שניידט אויך אין דער זעלבער צייט שטיקער פֿון דעם אידישן פֿאָלק, און שטעלט פֿונדאָס־ניי אידן קעגן אידן, מוז עס זיין דער אינטערעס פֿון דער אידישער

ארץ ישראל צו פֿאַרשטאַרקן וואָס מער איר פּאָליטישן כּוח און איר פּאָליטישע השפּעה. אָבער אַפֿילו אין צייטן פֿון אַ מער אָדער ווייניקער נאָרמאַלן שלום זײַנען אין דער גאַנצער וועלט פֿאַראַן גענוג אידישע אינטערעסן, בירגערלעכע און נאַציאָנאַלע, וועלכע וואָלטן געפֿאָדערט אַז די אינטערנאַציאָנאַלע השפּעה פֿון דעם אידישן היימלאַנד זאָל זײַן אַזוי שטאַרק ווי מעגלעך. קאָלאָנעל וועדזשוואוד נעמט טאַקע אַרײַן אין חשבון אָט די נויטווענדיקייט צו פֿאַרטיידיקן די פּאָליטישע און בירגערלעכע אינטערעסן פֿון דער אידישער „דיאַספּאָראַ". כּדי צו דערפֿילן אָט־די ראָלע קען פֿאַרן אידישן פֿאָלק ניט זײַן קיין בעסערער קאַנאַל ווי די בריטישע פֿעלקער געמיינשאַפֿט.

4

אָבער דאָס אַלץ איז דאָך צוקונפֿט־מוזיק. אָט די אַלע פּראָבלעמען און אויפֿגאַבן און מעגלעכקייטן געהערן צו אַ טאָג, וועלכער איז ניט הײַנט און אויך ניט מאָרגן. זיי געהערן צו אַ טאָג פֿון וועלכן מיר זײַנען נאָך הײַנט ווײַט, זייער ווײַט. אַז מיר רעדן פֿון דער צוקונפֿט, מאַכן מיר זיך דאָך גאָרניט קלאָר, ווי ווײַט מיר זײַנען פֿון איר. מיר פֿאַרגעסן, אָדער מיר זעען ניט די תּהומות, וועלכע ליגן צווישן אונז און דער צוקונפֿט, און איבער דעם דאָזיקן תּהום איז דאָך נאָך ניט אויפֿגעשטעלט געוואָרן קיין שום בריק. אָבער עס וואָלט דאָך געווען אַ טעות צו מיינען, אַז וועדזשוואוד האָט מיט זײַן פּראָיעקט וועגן „זיבעטן דאָמיניאָן" געהאַט אין זינען בלויז אָט־די ווײַטע צוקונפֿט. און, באמת, אַז מיר טראַכטן זיך אַרײַן אין זײַן פּראָגראַם געפֿינען מיר, אַז גראָד פֿאַרקערט — פֿאַר קאָלאָנעל וועדזשוואוד ליגט די וויכטיקייט פֿון זײַן פּלאַן דווקא אין דעם איבערגאַנגס־פּעריאָד. ער זעט אין דעם פּלאַן דווקא אַ מיטל צו פֿאַרלײַכטערן און צו פֿאַרגרינגערן אונזער וועג צו דער צוקונפֿט. ער זעט אין דעם אַ מיטל ווי צו בויען די בריקן איבער די תּהומות.

מען קאָן רעזומירן די רעזולטאַטן און ווירקונגען, וואָס קאָלאָנעל וועדזשוואוד דערוואַרט פֿון זײַן פּלאַן פֿאַר דעם איבערגאַנגס־פּעריאָד, ביז צו דער פֿאַרווירקלעכונג פֿון דעם זעלבסטבאַשטימונגס־רעכט, אין די פֿאָלגנדע דרײַ וויכטיקסטע פּונקטן. די הסכּמה פֿון די אידן צום „זיבעטן דאָמיניאָן"־פּלאַן וואָלט, לויט זײַן מיינונג, געדאַרפֿט פֿירן:

א) צו דער באַשטימונג פֿון אַ קאָלאָניזאַציע דעפּאַרטמענט בײַ

דער ארץ ישראל־רעגירונג, וואָס וואָלט איבערגענומען די סיסטעמאַטישע זידלונגס־אַרבעט וואָס ליגט היינט־צו־טאָג אויסשליסלעך אין די הענט פֿון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. די רעגירונג, אין לאָנדאָן און אין ירושלים, וואָלט געווען פֿאַראינטערעסירט וואָס גיכער און וואָס גרינטלעכער, גרויסצוגיקער און סיסטעמאַטישער דורכצופֿירן די קאָלאָניזאַציע־ און אימיגראַציע־אויפֿגאַבן.

ב) דאָס פֿאַרהאַלטן זיך פֿון דער בריטישער אַדמיניסטראַציע לגבי דעם אידישן ישוב אין ארץ ישראל, וואָס איז איצט אַזוי פּראָבלעמאַטיש, וואָלט זיך פּסיכאָלאָגיש פֿונדאַמענטאַל געענדערט. די בריטישע באַאַמטנשאַפֿט, וואָס איז היינט גענייגט צו גלייבן, אַז מען פֿאָדערט פֿון איר צו אַרבעטן פֿאַר אַ פֿרעמדן ענין, וואָלט דעמאָלט געוואוסט אַז די שייכות צווישן ארץ ישראל און די בריטישע אימפּעריאַלע אינטערעסן איז ניט קיין צייטווייליקע, און אַז זיי אַרבעטן פֿאַר זיך אַליין, ניט ווייניקער ווי פֿאַר די אידן. דאָס וואָלט געבראַכט צו אַן ענדערונג אין זייער גאַנצער באַציאונג.

ג) די פֿראַגע וועגן שאַפֿן פּאַרלאַמענטאַרישע קערפּערשאַפֿטן אין לאַנד, וועלכע שווימט פּעריאָדיש אויף אין די לעצטע יאָרן, און איז צווישן די פֿאַרפּלאָנטערסטע און ביטערסטע פּראָבלעמען פֿון אונזער פּאָליטיק, וואָלט אויטאָמאַטיש פֿאַרשוואונדן פֿון דער טאָג־אָרדענונג. די לעצטע זיצונג פֿון דער מאַנדאַטן־קאָמיסיע פֿון פֿעלקער־בונד, וועלכע האָט זיך ערשט איצט געענדיקט, האָט בפֿירוש באַשטעטיקט אַז עס איז אין רשות פֿון דער מאַנדאַטן־מאַכט צו באַשטימען דעם פּאַסיקן מאָמענט פֿאַרן איינפֿירן פּאַרלאַמענטאַרישע אָרגאַנען. דער באַשלוס איז אָנגענומען געוואָרן אַלס אַן ענטפֿער אויף די ווידערהאָלטע אַראַבישע פּעטיציעס וועגן דעם ענין. קאָלאָנעל וועדזשוואוד איז איבערצייגט, אַז אויב די אידן וואָלטן נאָר אָנגענומען זיין דאָמיניאָן־פּלאַן, וואָלט די בריטישע אַדמיניסטראַציע זיך אַנטזאַגט צו שאַפֿן וועלכע עס איז פּאַרלאַמענטאַרישע אָרגאַנען ביז די אידישע פּאָזיציעס אין ארץ ישראל וועלן ניט ווערן שטאַרקער.

די דאָזיקע דערגרייכונגען, וואָס מיר קענען, לויט קאָלאָנעל וועדזשוואוד באַקומען, אויב מיר זאָלן נאָר אָננעמען דעם פּלאַן פֿון אַ „זיבעטן דאָמיניאָן", זיינען זיכער ניט קיין קליינקייטן. עס זיינען פֿאַראַן גענוג ציוניסטן אויף דער וועלט, וואָס וואָלטן אונטערגעשריבן אַ קאָנטראַקט אַפֿילו מיט מעפֿיסטאָפֿעלעסן, ווען ער וואָלט זיי צוגעזאָגט אָט די „אוצרות שלמה". אָבער די פֿראַגע וואָס שטעלט זיך דאָ איז דאָך

אַ גאַנץ אַנדערע. וועדזשוואוד זאָגט: ווען די אידן וואָלטן דעם דאָמיניאָן־פּלאַן אָנגענומען. וואָס הייסט עס? וואָס הייסט אָננעמען — און ווער דאַרף עס אָננעמען? וועדזשוואוד האָט שוין גע׳פּועל׳ט ביי זשאַבאָטינסקין און ביי די רעוויזיאָניסטן. ער קאָן עס נאָך אַפילו פּועל׳ן ביי אונז. ער קאָן אַפילו שאַפן אַ „פּראָ־דאָמיניאָן״ געזעלשאַפט וואָס זאָל יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק אָננעמען אַ רעזאָלוציע פאַר דעם „דאָמיניאָן״. נאָכמער: לאָמיר אַפילו אָננעמען אַז אַ מאַיאָריטעט פון ציוניסטישן קאָנגרעס וואָלט געוועז גרייט אָנצונעמען די „דאָמיניאָן״־פּלאַטפאָרם — וואָס עס איז זייער מעגלעך, וואָס באַדייט עס אָבער? אַפילו דער ציוניסטישער קאָנגרעס קאָן דאָך ניט מחייב זיין אַ אידישע באַפעלקערונג פון ארץ ישראל בנוגע אַ צוקונפטיקער דאַטע, ווען ער וועט ניט האָבן קיין שום שליטה אויף דעם ווילן פון דער באַפעלקערונג. און עס איז קלאָר אַז אַזאַ מין דעקלאַראַציע מצד דעם ציוניסטישן קאָנגרעס, ווען זי וואָלט ביים היינטיקן טאָג געגעבן געוואָרן, וואָלט אויפגענומען געוואָרן פון דער אינטערנאַציאָנאַלער וועלט מיט ביטול; פון דער אַראַבישער וועלט — מיט ביטול און שנאה.

רעדן וועגן אָננעמען דעם „דאָמיניאָן״־פּלאַן ביים היינטיקן טאָג אַלס אַ קאָנקרעטע פּאָליטישע פאָרעם, קאָן האָבן נאָר איין זינען: זיך איצט שטעלן איינאַנצן אין רשות פון דער בריטישער מלוכה, דאָס הייסט, פאַרבייטן דעם סטאַטוס פון פעלקער־בונד מאַנדאַט אויפן סטאַטוס פון אַ קרוין־קאָלאָניע. מיט דעם וואָלט ארץ ישראל אַריינגעצויגן געוואָרן אין דעם נאָרמאַלן פּראָצעס פון קאָלאָניאַל־אַדמיניסטראַטיווער אַנטוויקלונג, דורך וועלכער עס זיינען דורכגעגאַנגען די אַנדערע דאָמיניאָנס — אַ פּראָצעס וואָס קען צום סוף פירן צו רעפּרעזענטאַטיווער זעלבסט־רעגירונג. עס איז איבעריק אַריינצולאָזן זיך אין אַ ברייטער דיסקוסיע וועגן ענין, כאָטש מען קען מיינען, אַז נאָך אַלעמען איז גאָרניט אַזוי שרעקלעך — ווי עס קען זיך דוכטן פון שטאַנדפּונקט פון דער פעלקער־בונד דאָקטרין — די פּערספּעקטיוו זיך צו באַפרייען פון דער סיסטעם פון געטיילטער פאַראַנטוואָרטלעכקייט און געטיילטער אַדמיניסטראַציע, וואָס איז פאַרבונדן מיטן מאַנדאַט. טאָפּלטער קאָנטראָל און פאַראַנטוואָרטלעכקייט איז אין ערגעץ ניט קיין ניצלעכע סיסטעם, און זיכער ניט אין ארץ ישראל. זיכער איז אָן שום ספק, אַז גלייך דעם ערשטן טאָג נאָכדעם ווי עס וועט אויסברעכן אַן אינטערנאַציאָנאַלער קאָנפליקט, בעת דער פעלקער־בונד וועט געצוואונגען זיין אָפּצושטעלן זיין טעטיקייט „ביז דער נעקסטער מעלדונג״ און זיינע באַאַמטע

וועלן זיך צעפֿאָרן אין זייערע זומער־וואוינונגען — וועט דער סטאַטוס פֿון די מאַנדאַט־לענדער ממילא געענדערט ווערן. אין סאַמע ערשטן טאָג פֿון דער צוקונפֿטיקער גרויסער מלחמה, וועט דער אומקלאָרער סטאַטוס פֿון די מאַנדאַטן־לענדער פֿאַרביטן ווערן אויף אַ זיכערן סטאַטוס — פונקט ווי אין אויגוסט 1914, ווען אין עגיפטן און אין ציפרוס זיינען אויפֿן פלאַץ פֿון די אַלטע מאַנדאַטן געקומען מער דעפֿיניטיווע סטאַטוסן. אין פֿאַל פֿון אַ מלחמה וועלן מיר דאָס סיי־ווי־סיי ניט קאָנען אויסמיידן. נאָר פונקט אַזוי איז קלאָר, אַז אַזוי לאַנג ווי דער אינטערנאַציאָנאַלער שלום וועט ניט צעשטערט ווערן, קען ניט זיין קיין שום פראָצעדור און קיין שום מעטאָד אויף דורכצופֿירן יענע ענדערונגען, וואָס דער וועדזשוואוד־פלאַן שלאָגט פֿאָר. איך בין זיכער אַז אויב אַפֿילו עס וואָלט געקומען אַן אָפֿיציעלער פֿאָרשלאַג פֿון וועלכער עס איז ניט זייט, אויפֿצוגעבן דעם פֿעלקער־בונד־מאַנדאַט און אָנצונעמען אַן איינזייטיקן בריטישן סטאַטוס, וואָלט דאָס בריטישע אויסערן־מיניסטעריום געווען דאָס ערשטע זיך אָפצוטרייסלען פֿון אַזאַ מין פראָיעקט. דאָס בריטישע אויסערן־מיניסטעריום וואָלט בשום אופֿן ניט צוגעגעבן, אַז ענגלאַנד איז פֿאַראינטערעסירט אָדער וויליק צו ברעכן די התחייבות׳ן, וואָס דער שלום־אָפמאַך האָט אויף איר אַרויפֿגעלייגט — אַ שלום־אָפמאַך וואָס פֿאַרטראָגט ניט קיין אַנעקסיעס. דאַונינג סטריט וועט אין אַזאַ פֿאַל מאַכן אַן אָנשטעל פֿון באַליידיקטער אומשולד.

הייסט עס, אַז היינט קאָן מען כמעט ניט געפֿינען קיין מעטאָד אָדער פראָצעדור, וואָס זאָל פֿירן צו דער פֿאַרווירקלעכונג פֿון וועדזשוואודס פראָיעקט. ער איז אַ מין „כלי" אָן אַ „הענטל". קאָלאָנעל וועדזשוואוד גיט אונז אַן אייזנבאַן בילעט — און טאַקע ערשטע קלאַס — צו אַ פלאַץ וואוהין עס פֿירן ניט קיין רעלסן. מיר זיינען מחויב צו פֿרעגן: וויאַזוי זאָלן מיר אַהין פֿאָרן? ערשט ווען וועדזשוואוד וואָלט געגעבן אַן ענטפֿער אויף אָט דער פֿראַגע וועגן דעם קאָנקרעטן פאָליטישן מעטאָד, אויף וועלכן צו בויען זיין פלאַן, וואָלט דער פראָיעקט באַקומען אַ אַקטועלע באַדייטונג, און ערשט דאַן וואָלט געווען דער אמתער מאָמענט צו זאָגן, צי מיר נעמען אָן דעם דאָמיניאָן־פלאַן.

5

דעמאָלט וואָלטן מיר לויט מיין מיינונג געדאַרפֿט זאָגן: יאָ. מיר וואָלטן עס געדאַרפֿט זאָגן, כאָטש עס איז פֿאַראַן איין וואָגיקער אַרגומענט, וואָס רעדט קעגן דעם דאָמיניאָן פלאַן. עס איז כדאַי זיך אָפצושטעלן אויף דעם דאָזיקן נעגאַטיוון מאָמענט.

זיינע וואָרצלען ליגן, נאָכאַמאָל, אין דער אומנאָרמאַלער לאַגע פֿון אידישן פֿאָלק אין דער וועלט. אידן פֿירן אַן עקס־טעריטאָריאַלע עקזיסטענץ, זיי זיינען צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט. אידן זיינען בירגער פֿון אַלע מלוכות אויף דער וועלט. איך בין ניט זיכער, צי אין דעם קאָנפֿליקט צווישן באָליוויאַ און פּאַראַגוואַי זיינען שוין ניט געווען באָליוויאַנער „בני דת משה״ און פּאַראַגוואַיער „בני דת משה״, וואָס זיינען גרייט געווען צו קעמפֿן פֿאַר דער פֿאַרטיידיקונג פֿון — דעם אין דער אידישער געשיכטע אַזוי באַרימטן „גראַנד טשאַקאָ״. אָט די צעשפּליטערטע און צעזייטע נאַציע וויל עס בויען פֿאַר זיך אַ נאַציאָנאַלן צענטער, אַ היימלאַנד פֿאַרן כּלל, אַ היימלאַנד פֿאַר דער נאַציאָנאַלער ציוויליזאַציע. מיט דעם אַנשלוס פֿון ארץ ישראל אַן דער בריטישער פֿעלקער־געמיינשאַפֿט וועט דאָס נאַציאָנאַלע היימלאַנד ווערן אַ טייל פֿון איינער פֿון די באַשטייענדיקע אינטערעסן־ספֿערעס. זי וועט ווערן אין אַ געוויסער מאָס אַ צד. לאָמיר אָננעמען — וואָס עס איז אויך זייער מעגלעך — אַז דער אַלטער ענגליש־רוסישער קאָנפֿליקט־געביט מיט זיינע גרויסע רייבונגס־שטחים: כינע, אַפֿגאַניסטאַן, אינדיע, פּערסיע און די דאַרדאַנעלן, וועט אַמאָל עקספּלאָדירן. אין רוסלאַנד געפֿינען זיך נאָך ביזן היינטיקן טאָג אַרום דריי מיליאָן אידן. שוין היינט טענה׳ן די קאָמוניסטן אַז די ציוניסטן זיינען בריטישע אַגענטן. וואָס וואָלט געווען ווען ארץ ישראל וואָלט באמת געוואָרן אַ בריטישער „דאָמיניאָן״? געוויס דאָס זעלבע וואָלט געשען אין דעם באַדויערנסווערטן, אָבער אויך ניט אוממעגלעכן פֿאַל, פֿון אַ בריטיש־אַמעריקאַנישן קאָנפֿליקט. אין דעם פֿאַל וואָלטן זיך פֿיר מיליאָן אַמעריקאַנער אידן געפֿילט אַלס hyphenated Americans אין בעסטן פֿאַל וואָלטן זיי זיך געפֿילט ווי די דייטש־אַמעריקאַנער בשעת דער לעצטער מלחמה, אין ערגסטן פֿאַל וואָלטן זיי אין סאַמע ערשטן טאָג פֿון דער מלחמה, צוליב פּאַטריאָטישע מאָטיוון, זיך געאיילט פֿון זיך אַראָפּצוואַרפֿן יעדע פֿאַרבינדונג מיט דער „פֿיינטלעכער״ טעריטאָריע. יעדנפֿאַלס, וואָלט דאָס נאַציאָנאַלע היימלאַנד צייטווייליק פֿאַרלאָרן זיין צענטראַלע פּאָזיציע אין לעבן פֿון דער גאַנצער נאַציע.

דאָס איז זייער אַ שווערע פּראָבלעם. דאָס איז באמת זייער אַ האַרבער ביסן. נאָר דעם אמת זאָגנדיק, זע איך בכלל ניט איין, ווי מען קען דאָס אויסמיידן, — מיט דעם „דאָמיניאָן״־פּלאַן אָדער אָן אים. ארץ ישראל געפֿינט זיך ניט אין קיין פּוסטן חלל. ארץ ישראל איז אַ לאַנד צווישן די לענדער. ווען מען גייט אַראָפּ פֿון די לופֿטיקע מיסיאָ־

„דער זיבעטער דאָמיניאָן“

נערישע הויכן, אויף וועלכן דער אידישער ליבעראַליזם אָטעמט און מען פֿאַרבינדט זיך מיט אַ שטיקל ערד, מוז מען אויך פֿאַרפּלאָנטערט ווערן אין קאָנפֿליקטן. ארץ ישראל איז ניט קיין לאַנד, וואָס איז געשאַפֿן געוואָרן צו זיין נייטראַל; מען וועט עס ניט לאָזן זיין נייטראַל. „אינטערנאַציאָנאַליזאַציע“ איז אַ פוסטע פֿראַזע. בעלגיע איז אויך געווען אינטערנאַציאָנאַליזירט. די פֿראַגע, צי ארץ ישראל געפֿינט זיך אין איינער פֿון די באַשטייענדיקע פּאָליטישע אינטערעסן־ספֿערעס איז שוין געלייזט געוואָרן. און נאָך אַלעמען, איז דאָס וואָס מען רופֿט Pax Britannica ניט די ערגסטע גאַראַנטיע, אַז ארץ ישראל זאָל אַזוי ווייניק ווי מעגלעך באַרירט ווערן פֿון די דאָזיקע קאָנפֿליקטן. פֿון דעם שטאַנדפּונקט, איז אפֿשר דער „דאָמיניאָן“־פּלאַן, נאָך אַלעמען, פֿאָרט דער בעסטער סטאַטוס פֿאַר דער ארץ ישראל פֿון מאָרגן.

דער קלאַסן־קאַמף אין דער ארץ־ישראל׳דיקער ווירקלעכקייט

פֿון אַ רעפֿעראַט וואָס איז געהאַלטן געוואָרן אויפֿן צוזאַמענפֿאָר פֿון דעם „הפּועל הצעיר“ אין יאָר 1926. אין יענער צייט איז אויף דער טאָג־אָרדענונג פֿון דער דאָזיקער פּאַרטיי געשטאַנען די פֿראַגע פֿון פֿאַראייניקונג מיט דער „אחדות עבודה“ — אַ פֿאַראייניקונג וואָס איז צושטאַנד געקומען מיט עטלעכע יאָר שפּעטער, אין יאָר 1930. וואָגיקע עלעמענטן אין „הפּעל הצעיר“ זיינען געווען קעגן אָננעמען אַן אויסגעשפּראָכן סאָציאַליסטישע פּראָגראַם, און באַזונדערס קעגן אָנשלוס אָן סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל.

פֿון צייט צו צייט שטעלן מיר זיך די פֿראַגע: וואוהין גייט די אַרבעטער־באַוועגונג אין דער ארץ ישראל׳דיקער ווירקלעכקייט? וואָס זיינען אירע וועגן און וואָס איז איר ציל? גרויסע טיילן פֿון אונזער אַרבעטער־צבור גיבן דערויף דעם אַלטן באַקאַנטן ענטפֿער: די ארץ ישראל׳דיקע אַרבעטער־באַוועגונג גייט אין די וועגן פֿון יענער אידעאָלאָגיע, וועלכע איז אָנגענומען אַלס דער יסוד פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין דער גאַנצער וועלט — די אידעאָלאָגיע פֿון קלאַסן־קאַמף.

אָבער די פֿראַגע וואָס איך האָב געשטעלט: וואָס פֿאַר אַ פּלאַץ דער קלאַסן־קאַמף פֿאַרנעמט אין אונזער וועג אין דער ארץ ישראל׳דיקער ווירקלעכקייט — האָט אַ דאָפּלטן זינען. ערשטנס איז דאָס אַן עמפּיריש־וויסנשאַפֿטלעכע, ניט קיין טעאָרעטיש־אַבסטראַקטע פֿראַגע. די פֿראַגע איז: אין וואָס פֿאַר אַ מאָס פּאַסט זיך די דאָזיקע אידעאָלאָגיע אַריין אין דער ארץ ישראל׳דיקער ווירקלעכקייט? די צווייטע זייט פֿון דער פֿראַגע האָט אַ פּאָליטישן און דערציעריש־פּראַקטישן זינען: וואָס פֿאַר אַ באַדייטונג דאַרף מען דער דאָזיקער אידעאָלאָגיע

צושרייבן פֿון שטאַנדפּונקט פֿון די אויפֿגאַבן וואָס ליגן אויף דער ארץ ישראל'דיקער אַרבעטער־באַוועגונג? זינט עס איז אין ארץ ישראל אַנטשטאַנען אַן אַרבעטער־באַוועגונג איז פֿון איר טאָג־אָרדענונג ניט אַראָפּ די דאָזיקע פֿראַגע. די געוואַלטיקע ענדערונגען וואָס זיינען אין דער ארץ ישראל'דיקער ווירקלעכקייט פֿאָרגעקומען אונטערן דרוק פֿון דער אידישער איינוואַנדערונג און קאָלאָניזאַציע שאַפֿן נייע שטיצפּונקטן פֿאַר דעם אַנאַליז פֿון דער דאָזיקער פֿראַגע. די איבערראַשונג פֿון ווערטן וואָס קומט פֿאָר אין דער גאַנצער וועלט האָט אויך געלאָזן איר איינפֿלוס אויף דער זעלישער און גייסטיקער סטרוקטור פֿון אונזער באַוועגונג אין ארץ ישראל. צו קיין דעפֿיניטיווע שלוסן קענען מיר ניט קומען. די דאָזיקע קלאָרמאַכונגען וועלן טיפֿער און ברייטער ווערן מיט דער אַנטוויקלונג און אויסברייטערונג פֿון דער אידישער געזעלשאַפֿט אין ארץ ישראל. דערווייל קענען מיר פֿאַר דער דאָזיקער פֿראַגע געפֿינען בלויז אַ טיילווייזע לייזונג, אַ לייזונג וואָס וועט אין דער צוקונפֿט זיך ניט איין מאָל ענדערן און אָננעמען אַנדערע פֿאָרמען.

קודם כל וויל איך עלימינירן צוויי ענטפֿערס, וואָס ווערן אַרויסגעדרונגען פֿון צוויי קאָנווענציאָנעלע אידעאָלאָגיעס. די ערשטע שטעלט אין צענטער געוויסע פסיכאָלאָגישע מאָמענטן אין לעבן פֿון דעם לוין־אַרבעטער: דער הונגעריקער חלוץ וואָס גייט פֿאַרביי אַ רייך הויז און רעאַגירט דערויף מיט אַ שאַרפֿער עמאָציאָנעלער קלאַסן־רעאַקציע. דער דאָזיקער ענטפֿער איז אַ פֿאַלשער, וואָרעם דער פענאָמען קלאַסן־קאַמף איז ניט קיין ענין פֿון פסיכאָלאָגישער רעאַקציע, אַפֿילו ווען עס איז אַ רעאַקציע פֿון טויזנטער. דער קעגנזאַץ צווישן רייך און אָרעם, וואָס עקזיסטירט זינט דעם אָנפֿאַנג פֿון דער געשיכטע, און דער קלאַסן־קאַמף — זיינען ניט איין און די זעלבע זאַך. אונטערשיידן אין לעבנס־סטאַנדאַרד עקזיסטירן אויך אין דעם אַרבעטער־קלאַס — צווישן דעם באַאַמטן און דעם אַרבעטער, דעם קוואַליפֿיצירטן און דעם ניט־קוואַליפֿיצירטן אַרבעטער. די דאָזיקע קעגנזאַצן פֿירן צו כל'ערליי רייבונגען, אָבער קיין קלאַסן־קאַמף איז דאָס ניט. דער צווייטער ענטפֿער קומט פֿון דעם קאָמוניסטישן צד. ער זאָגט: די גאַנצע וועלט האָט איין פנים, דער קאַפּיטאַליזם און זיינע אַנטוויקלונגס־געזעצן זיינען גילטיק בנוגע ארץ ישראל, ניט ווייניקער ווי בנוגע אַלע אַנדערע לענדער. אָבער, דער ענטפֿער איז אויך ניט קיין ריכטיקער. אַפֿילו אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער האָט ניט די גאַנצע וועלט איין פנים. עס זיינען פֿאַראַן קאַפּיטאַליס־

טישע לענדער, וואָס האָבן דערגרייכט גאָר אַ הויכע מדרגה פֿון אַנט־וויקלונג און פֿונדעסטוועגן האָבן דאָרטן, אין קעגנזאַץ צו דער טע־אָריע, די קלאַסן־קעגנזאַצן ניט אָנגענומען קיין שאַרפֿע פֿאָרמען. אַזאַ לאַנד איז, צום ביישפּיל, די פֿאַראייניקטע שטאַטן. פֿון דער אַנדערער זייט זיינען פֿאַראַן הינטערשטעליקע לאַנדווירטשאַפֿטלעכע לענדער, ווי רוסלאַנד פֿאַר דער רעוואָלוציע אָדער באַלגאַריע, וואו די קלאַסן־קעגנזאַצן זיינען זייער שאַרף און פֿאַרשפּיצט. ווייטער זיינען פֿאַראַן לענדער, ווי כינע און אינדיע, מיט הונדערטער מיליאָנען איינוואוי־נער, וואָס שטייען אינגאַנצן מחוץ דער דאָזיקער אַנטוויקלונג. אין דער לעצטער קאַטעגאָריע לענדער געהערן אויך די נייע קאָלאָניזאַציע־לענדער.

דער עמפּירישער אינהאַלט פֿון קלאַסן־קאַמף באַשטייט פֿון פֿיר עלעמענטן:

א. דער קאַמף צווישן די קלאַסן פֿאַר דער פּאָליטישער הער־שאַפֿט אין דער מלוכה. דער ציל פֿון דעם דאָזיקן קאַמף איז צו פֿאַר־זיכערן די באַטייליקונג פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין די אַדמיניס־טראַטיווע, געזעצגעבערישע און יורידישע אָרגאַנען פֿון שטאַט. דער ענדציל — די אַרבעטער־באַוועגונג זאָל איבערנעמען די פֿירערשאַפֿט פֿון דער מלוכה.

ב. קאַמף פֿאַר דער סאָציאַלער חשיבות פֿון אַרבעטער. די ריכ־טונג — די סאָציאַלע גלייכבאַרעכטיקונג פֿון דעם אַרבעטער און דער אַרבעט. דער ענדציל — צו פֿאַרוואַנדלען די סאָציאַלע ווערטן פֿון דעם אַרבעטער און דער אַרבעט אין די הערשנדיקע ווערטן אין דער געזעלשאַפֿט.

ג. דער קאַמף אויפֿן שטח פֿון דער פֿאַרטיילונג פֿון דער נאַ־ציאָנאַלער פּראָדוקציע צווישן די קלאַסן. די ריכטונג — צו פֿאַר־גרעסערן דעם חלק פֿון דעם אַרבעטער דורכן קאַמף פֿאַרן אַרבעטס־לוין. דער ציל — צו פֿאַרניכטן די הכנסה־צווייגן וואָס זיינען ניט געבויט אויף אַרבעט.

ד. דער קאַמף אויפֿן שטח פֿון פּראָדוקציע־קאָנטראָל. די ריכטונג — אויסצוברייטערן די באַטייליקונג פֿון דעם אַרבעטער אין דער אַדמיניסטראַציע פֿון דער ווירטשאַפֿט. דער ציל — צו שטעלן די נאַ־ציאָנאַלע ווירטשאַפֿט אונטער דער אַדמיניסטראַציע פֿון דער אַרבעט.

דער קלאסן־קאמף אין דער ארץ־ישראל׳דיקער ווירקלעכקייט

איצט לאמיר ווארפן א בליק אויף דער ארץ ישראל׳דיקער ווירקלעכקייט און זען, אין וואס פאר א מאס די דאזיקע ווירקלעכקייט שטימט מיט די פיר אויבן דערמאנטע ריכטונגען פון דעם קלאסן־קאמף.

א. פירט די ארץ ישראל׳דיקע ארבעטער־באוועגונג א פאליטישן קלאסן־קאמף — און מוז זי פירן אזא קאמף ? 1) ארץ ישראל איז ניט קיין זעלבסטשטענדיקע מלוכה, נאר א קאלאניאלע בריטישע טעריטאריע ; 2) ארץ ישראל איז א בי־נאציאנאלער שטאט. דער אויספיר פון די דאזיקע צוויי פאקטן נעמט אוועק דעם באדן פון דעם קלאסן־קאמף אין אונזער פאליטישער ווירקלעכקייט. אין ערשטן פאל : די אידעע פון קלאסן־קאמף איז געבויט אויף מארקס׳ גרונט הנחה, וואס זאגט, אז דאס פאטערלאנד איז א ליגן. אין דער קאפיטאליסטישער ארדענונג איז דער שטאט ניט מער ווי דער אויספיר־קאמיטעט פון דער בורזשואזיע. אבער לגבי קאלאניאלע לענדער איז די דאזיקע הנחה ניט קיין ריכטיקע. דער ארץ ישראל׳דיקער שטאט איז ניט קיין רעזולטאט פון די סאציאלע פארהעלטענישן אין דער ארץ ישראל׳דיקער געזעלשאפט. דער פאליטישער כאראקטער פון ארץ ישראל׳דיקן שטאט ווערט באשטימט דורך די קלאסן־כוחות אין דער ענגלישער געזעלשאפט. אין דעם איצטיקן מאמענט פירט די ענגלישע ארבעטער־באוועגונג, די פראפעסיאנעלע און פאליטישע, אין פארלאמענט און אין די קוילן־גרובן דעם פאליטישן קלאסן־קאמף פון די ארץ ישראל׳דיקע ארבעטער. דער בורזשואזער אידישער ישוב, ניט ווייניקער ווי דער ארבעטנדיקער, פילט זיך געקריוודעט דורך דער ארץ ישראל רעגירונג. אין אלע פאליטישע ענינים ארבעטן מיר אין פולשטענדיקער שותפות מיט קרייזן, וואס שטייען אויסער דער ארבעטער־באוועגונג. די קריוודעס פון פאבריקאנטן בנוגע טאריף־פראגן נעמען ביי אונז אן א נאציאנאלן כאראקטער. דאס אלץ וואלט געווען אמת אויך ווען אין לאנד וואלטן ניט געלעבט קיין צוויי פעלקער. אבער דא קומט נאך צו א צווייטער פאקט : עס עקזיסטירן צוויי פעלקער וואס איינער פון זיי שטעלט מיט זיך פאר א מערהייט און באקעמפט די שטרעבונגען פון דער מינדערהייט. דער דאזיקער פאקט פארטושט אבסאלוט יעדן פאליטישן קלאסן־קאמף אין לאנד. עס דערגייט אזוי ווייט, אז די אידישע ארבעטער־באוועגונג איז מוותר אויף עלעמענטארע פאליטישע פאדערונגען, ווי צום ביישפיל, בנוגע דאס שאפן פון קאנסטיטוציאנעלע ארגאנען און אויסברייטערונג פון דעם וואלרעכט.

אונזער באַוועגונג איז אויך מוותר אויף אַ זעלבסטשטענדיקער רעפּרעזענטאַנץ און ווירקט אין די ראַמען פֿון אַ נאַציאָנאַלער רעפּרעזענטאַנץ — די ציוניסטישע עקזעקוטיווע אָדער דער ועד לאומי.

ב. די סאָציאַלע פּאָזיציע פֿון דעם אַרבעטער און זיין באַטייליקונג אין דער נאַציאָנאַלער קולטור. אויף דעם געביט איז זיכער ניטאָ קיין יסוד פֿאַרן סאָציאַלן קאַמף אין ישוב. די אַרבעטער־באַוועגונג איז פֿון אָנהויב אָן געווען — צוזאַמען מיט די לערער און שריפֿטשטעלער, וואָס האָבן זיך מיט איר פֿאַרבונדן — די טרעגערין פֿון דער נאַציאָנאַלער קולטור־באַנייאונג, פֿון דער אויפֿלעבונג פֿון דער העברעאישער שפּראַך און פֿון פּיאָנערישער קולטור־אַרבעט. מען קען זאָגן, אַז דאָס קולטור־לעבן אין ארץ ישראל איז געבויט געוואָרן אויפֿן יסוד פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג. בדרך כּלל איז די סאָציאַלע חשיבות פֿון אַרבעטער און פֿאַרמער אין די קאָלאָניזאַציע־לענדער פֿיל העכער, ווי צום ביישפּיל, אין ענגלאַנד. ביי אונז, למשל, זיינען די דאָזיקע עלעמענטן אַרומגערינגלט מיט אַן אָרעאָל פֿון נאַציאָנאַלן פּיאָנערנטום. דאָס סאָציאַלע געוויכט פֿון דעם אַרבעטער איז אין ארץ ישראל דערגאַנגען צו אַ הויך, וואָס האָט ניט זיין גלייכן אין קיין שום אַנדער לאַנד. די אָרגאַניזירטע אַרבעטער־באַוועגונג אין ארץ ישראל איז ניט קיין באַוועגונג פֿון „פּראָלעטאַריאַט”; די אַרבעטערשאַפֿט איז די אַריסטאָקראַטיע פֿון דער אידישער קאָלאָניזאַציע. אויב אין ארץ ישראל איז בכלל פֿאַראַן אַ פּראָלעטאַריאַט וואָס באַטראַכט זיך סאָציאַל געקריוודעט, געפֿינט ער זיך אין די אָריענטאַלישע געמיינדעס פֿון „מאה שערים”. פֿון שטאַנדפּונקט פֿון פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע, ליגט די פֿירערשאַפֿט פֿון ישוב אין די הענט פֿון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטערשאַפֿט. דער אַרבעטער־קלאַס איז יענע שיכט וואָס אַסימילירט אין זיך פֿרעמדע — אַ שטריך וואָס באַצייכנט די סאָציאַלע חשיבות פֿון אַ קלאַס. די סאָציאַלע שיכטן זיינען ביי אונז ניט קיין געשלאָסענע, וואָרעם אונזער אַרבעטער קומט ניט פֿון קיין פּראָלעטאַרישער סביבה און דער איבערגאַנג פֿון איין סאָציאַלער שיכט צו דער צווייטער איז ביי אונז פֿיל גרינגער, ווי אין אַ סביבה וואו דער אַרבעטער ווערט אין זיין קלאַס געבוירן. פֿיל וויכטיקער ווי דער קלאַסן־אונטערשייד איז ביי אונז דער אונטערשייד צווישן דורות, דער קאַמף צווישן פֿאָטערס און קינדער.

ג. דער קאַמף אויפֿן שטח פֿון פּראָדוקציע־פֿאַרטיילונג איז דער הויפּט־יסוד פֿון קלאַסן־קאַמף. אין ארץ ישראל איז נאָך ניטאָ קיין

נאָרמאַלער פּראָדוקציע־פּראָצעס און דערפֿאַר אויך ניט קיין נאָרמאַלער פֿאַרטיילונגס־פּראָצעס. דערפֿאַר זיינען מטושטש די פֿאַרשיידענע סאָציאַלע שיכטן אין ישוב און אַזוי נעפּלהאַפֿטיק די אונטערשיידן צווישן זיי. דער אידישער ישוב לעבט ניט בלויז פֿון דער לאָקאַלער פּראָדוקציע, נאָר באַזונדערס פֿון קאַפּיטאַל־אימפּאָרט. נאָר דער דאָזיקער אימפּאָרטירטער קאַפּיטאַל, דער נאַציאָנאַלער און פּריוואַטער, שאַפֿט ביי אונז דעם פּראָצעס פֿון פּראָדוקציע־פֿאַרטיילונג. ווי אַזוי ווערט געשאַפֿן די דאָזיקע צעטיילונג? אויב מיר זאָלן לאָזן אָן אַ זייט דעם קאַפּיטאַל וואָס ווערט אינוועסטירט אין באָדן און אין הייזער, וועלכער באַטייליקט זיך ניט אין דעם פּראָדוקציע־פּראָצעס, שטראָמט דער קאַפּיטאַל אַריין קודם כל דורך די קאַנאַלן פֿון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע צו די אַרבעטער־ישובים, דער באַאַמטנשאַפֿט און אַזוי ווייטער. אַ גרויסע מאַסע לעבט אין ארץ ישראל אַ דאַנק דער צירקולאַציע פֿון די דאָזיקע קאַפּיטאַלן, דורך דעם האַנדל און קרעדיט וואָס זיינען מיט זיי פֿאַרבונדן. אויב עס זיינען דאָ פֿאַראַן סאָציאַלע רייבונגען און אינטערעסן קעגנזאַצן, זיינען דאָס דערשיינונגען פֿון „קאָנסומענטן עקספּלואַטאַציע“, וואָס האָבן ניט קיין שייכות מיט דעם ענין קלאַסן־קעגנזאַצן. אויסער די דאָזיקע צוויי ספֿערעס איז אויך פֿאַראַן די ספֿערע פֿון פּראָדוקציע־פֿאַרטיילונג — דאָס איז די פּריוואַט־ווירטשאַפֿט אין דער אַגריקולטור און אין דער אינדוסטריע. די סומע וואָס ווערט יערלעך אויסגעטיילט אין דעם דאָזיקן געביט איז זייער אַ קליינע — זי באַטרעפֿט ניט מער ווי 250—300 טויזנט פֿונט. די דאָזיקע ספֿערע איז אַ שטח פֿון עקאָנאָמישע קלאַסן־קעגנזאַצן. דער קאַמף אַרום אַרבעטס־לוין און סטרייקן שפּילט זיך אָפּ אין דער דאָזיקער ספֿערע. אויב עס איז פֿאַראַן אַ מענטש וואָס בויט אויף דעם דאָזיקן יסוד אַ טעאָריע וועגן קלאַסן־קאַמף און זאָגט אַז לוין־העכערונג איז דאָס זעלבע ווי קלאַסן־קאַמף און אַז דאָס איז דער אויסגאַנגס־פּונקט פֿאַר אַ סאָציאַלער ניי־אָרדענונג — קען מען אפֿשר נתפּעל ווערן פֿון זיין באַשיידנקייט, אָבער דאָס איז ניט קיין גענוגנדיקער טעאָרעטישער גרונט אויף וועלכן צו בויען אַ טעאָריע פֿון קלאַסן־קאַמף אין דער ארץ ישראל׳דיקער ווירקלעכקייט.

ד. דער עצם פּראָצעס פֿון פּראָדוקציע. סיי דער פּראָדוקציע־פּראָצעס אַליין און סיי די ראָלע וואָס די אַרבעטער שפּילן אין אים אין ארץ ישראל זאָגט עדות אויף אַ לאַנד און אַ ווירטשאַפֿט וואָס האַלטן ערשט ביים אָנהויב. פֿון דעם דאַרף מען דרינגען צוויי וויכ־

טיקע שלוסן: 1) דער ארץ ישראל׳דיקער סאָציאַליזם איז אַ סאָציאַליזם פֿון פּראָדוצענטן און ניט קאָנסומענטן; 2) אויף דעם דאָזיקן געביט שטייט פֿאַר דער ארץ ישראל׳דיקער אַרבעטער־באַוועגונג ניט קיין מער ערנסטע אויפֿגאַבע ווי די זאָרג פֿאַר דער עצם פּראָדוקציע און איר נאַציאָנאַלן אַפּאַראַט. אָט דאָס איז די צענטראַלע פּראָבלעם — פֿון דעם נאַציאָנאַלן און אויך סאָציאַלן שטאַנדפּונקט. זי קומט ביי אונז פֿריער פֿאַר אַלע פּאָליטישע און סאָציאַלע זאָרגן. דער אַרבעטער, וועלכער איז באַשעפֿטיקט אין אַן עקזיסטירנדיקערווירטשאַפֿט, קען פֿירן אַ קאַמף פֿאַר זיין באַטייליקונג אין דעם קאָנטראָל איבער דער ווירטשאַפֿט, אָבער מיר זיינען הויפּטזעכלעך פֿאַרנומען מיט אויפֿשטעלן דעם פּראָדוקציע־אַפּאַראַט.

ביי אונז עקזיסטירט אַ גאַנצע ספֿערע פֿון „קאָנסטרוקטיוון סאָציאַליזם״, וואָס ווערט פֿאַרוואַלט פֿון די אַרבעטער אַליין. די עצם עקזיסטענץ פֿון אַזאַ ספֿערע שאַפֿט באַשטימטע עקאָנאָמישע כוחות־פֿאַרהעלטענישן אין ישוב, און איז משפּיע אויף דער פּאָזיציע פֿון דעם אַרבעטער אין דער פּריוואַטער אינדוסטריע. „סולל־בונה״, דער בוי־קאָאָפּעראַטיוו פֿון דער הסתדרות, פֿירט דורך, אפֿשר ניט מער ווי אַ דריטל פֿון דער גאַנצער בוי־אַרבעט אין לאַנד, אָבער אין אַנדערע לענדער פֿירן ניט דורך די בוי־קאָאָפּעראַטיוון, אויב אַזעלכע זיינען בכלל פֿאַראַן, אַפֿילו קיין טויזנט־חלק פֿון דער אַלגעמיינער אַרבעט. די לאַנדווירטשאַפֿטלעכע אַרבעטער־ישובים זיינען אַ דעצידירנדיקער פֿאַקטאָר אין דער אידישער לאַנדווירטשאַפֿט. און ווען עס ווערט געגרינדעט אַ פּריוואַטע פֿאַבריק, ביי דער זייט פֿון דער קאָאָפּעראַטיווער פֿאַבריק — מוז זי געפֿירט ווערן לויטן פּרינציפּ פֿון „באַגרענעצטן מאָנאַרכיזם״ אין דער אינדוסטריע, אַ זאַך צו וועלכער עס שטרעבט די אַרבעטער־באַוועגונג אין אייראָפּע. ביי אונז זיינען שוין אין דער היינטיקער געשאַפֿן געוואָרן אַ ריי „גרונט־עיקרים״, וואָס נעמען אַרום אַלע פּראָדוקציע־צווייגן. דער נאַציאָנאַלער אינטערעס האָט געפֿאָדערט איינצופֿירן די אַרבעטס־ביוראָס. מען קען ניט אָפּזאָגן קיין אַרבעטער אויף אַ ווילקירלעכן אופֿן.

נאָכדעם ווי מיר האָבן געמאַכט דעם איבערבליק איבער די פֿיר שטחים פֿון דעם קלאַסן־קאַמף, מוזן מיר קומען צום שלוס, אַז ביי אונז עקזיסטירט די קלאַסן־קאַמף אידעאָלאָגיע בלויז ווי אַ „באַוואוסטזיין־טאַטזאַך״ אין דער פּסיכאָלאָגיע פֿון טויזנטער אַרבעטער. אַ תהום ליגט צווישן דער ווירקלעכקייט, וואָס מיר האָבן געשילדערט

און דעם באַוואוסטזיין וואָס לעבט אין די ברייטע שיכטן פון דער ארץ ישראל׳דיקער אַרבעטערשאַפט. אמת, אַזעלכע קאָנפליקטן צווישן דער ווירקלעכקייט אין דעם באַוואוסטזיין זיינען אויך פאַראַן אין אַנדערע לענדער. אָבער דאָרטן איז די לאַגע שטענדיק געווען אַ פאַרקערטע. מאַרקס באַצייכנט אין זיין „אַכצנטער ברומער" דעם פאַקט, וואָס בעת די פראַנצויזישע קליין־פויערים זיינען אונטער נאַפּאָלעאָן דעם דריטן שוין געווען, אין אָביעקטיוו־ווירטשאַפטלעכן זינען, אויסקריסטאַליזירט אַלס קלאַס, האָט זיי אָבער אינגאַנצן געפעלט יעדער קלאַסן־באַוואוסטזיין. זיי זיינען געווען אַ קלאַס an sich אָבער ניט für sich. ביי אונז איז די לאַגע אַ פאַרקערטע. די ארץ ישראל׳דיקע אַרבעטער זיינען שוין היינט אַ קלאַס für sich, אין זייער אייגענעם באַוואוסטזיין, נאָך איידער זיי האָבן זיך אויסקריסטאַליזירט אַלס קלאַס an sich. דער דאָזיקער תהום צווישן דער ווירקלעכקייט און דעם באַוואוסטזיין וואָלט ניט מעגלעך געווען, ווען אונזער אידעאָלאָגיע וואָלט אַרויסגעוואַקסן בלויז פון די ארץ ישראל׳דיקע לעבנס־באַדינגונגען. דאָס איז געשען אַ דאַנק דעם „אידעאָלאָגישן אימפּאָרט" פון גלות.

און עס שטעלט זיך די פראַגע: וואָס איז דאָס געוויכט פון דער דאָזיקער „באַוואוסטזיין־טאַטזאַך" לגבי די אויפגאַבן פון דער ארץ ישראל׳דיקער אַרבעטער־באַוועגונג? מאַרקס זאָגט: אַנטשיידנדיק איז ניט דאָס וואָס דער אַרבעטער טראַכט וועגן זיין וועג און ציל, זיין „באַוואוסטזיין", נאָר דאָס אָביעקטיווע „זיין" פון דעם אַרבעטער־קלאַס און דאָס וואָס דער אַרבעטער דאַרף טאָן לויטן היסטאָרישן הכרח. לאָמיר פרובירן פעסטשטעלן אונזער איינשטעלונג פון אָט דעם שטאַנדפונקט — פון שטאַנדפונקט פון די היסטאָרישע אויפגאַבן וואָס ליגן אויף דער אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס קומט קיין ארץ ישראל בויען אַן אַרבעטנדיק אידיש פאָלק. מיר דאַרפן ניט מורא האָבן פאַר ווערטער, אָבער מיר מעגן דאָך שטעלן די פראַגע: וואָס איז דער נעגאַטיווער אָדער פּאָזיטיווער ווערט פון דער פאַרשפּרייטונג פון דעם דאָזיקן סוביעקטיוון „קלאַסן־באַוואוסטזיין" אין גלות און אין ארץ ישראל? וואָס איז שייך דעם גלות, דאָס הייסט דעם „החלוץ" און דער יוגנט־באַוועגונג, מוז דער ענטפער זיין אַן אַבסאָלוטער „ניין". אַזאַ „קלאַסן־באַוואוסטזיין" וועט דער חלוצישער יוגנט ניט פירן צו איר אויפגאַבע, נאָר וועט זיי פאַרפירן צום „בונד" אָדער דעם קאָמוניזם. דער יוגנט, וואָס וואַקסט אויף אין אַן אַנדער סביבה, דאַרפן

מיר אויך ניט דערציען אויף דער דאָזיקער פֿרעמדער טערמינאָלאָגיע. אָבער לגבי דעם אַרבעטער־ציבור אין ארץ ישראל איז די פֿראַגע ניט אַזאַ שאַרפֿע. מיר וואָלטן ניט געוואָלט, אַז דאָס דאָזיקע „קלאַסן־באַוואוסטזיין" זאָל זיך פֿאַרטיפֿן אָדער עס אַריינשטעלן אין דער הסתדרות־קאָנסטיטוציע, דורך רעזאָלוציעס און סעיפֿים. אָבער זיך קריגן אַרום די דאָזיקע ווערטער דאַרפֿן מיר ניט.

אַז מיר באַטראַכטן די צילן פֿון דער ארץ ישראל'דיקער אַר־בעטער־באַוועגונג, שטעלן זיך פֿאַר אונז עטלעכע „באַוואוסטזיין־טאַטזאַכן". איינע פֿון זיי איז דער סאָציאַליסטישער אידעאַל, אַלס ענדציל. די דאָזיקע „באַוואוסטזיין־טאַטזאַך" איז אויך ניט אויסגע־וואַקסן פֿון זיך אַליין אויפֿן באָדן פֿון ארץ ישראל. זי איז אימ־פּאָרטירט געוואָרן פֿון אויסלאַנד. אָבער מיין קעגנערשאַפֿט צו דער קלאַסן־קאַמף אידעאָלאָגיע — כאָטש זי איז אַ אימפּאָרט־אַרטיקל — נעמט זיך בלויז דערפֿון וואָס איך האַלט, אַז זי גראַמט זיך ניט מיט דער ארץ ישראל'דיקערווירקלעכקייט. דאָ שטעלט זיך אויך די פֿראַגע: איז דען פֿאַראַן אַ האַרמאָניע צווישן דעם סאָציאַליס־טישן אינהאַלט פֿון דער באַוועגונג און דער ארץ ישראל'דיקער ווירקלעכקייט?

די פֿאַרווירקלעכונג פֿון סאָציאַליזם איז אַן ענין, וואָס מען ווייס שוין צענדליקער יאָרן, אַז ער קען ניט אויסגעשעפּט ווערן אין אַ פּשוט'ער, איינזייטיקער דאָגמאַטישער פֿאָרמולע. די פֿאַרווירקלעכונג פֿון דעם סאָציאַליזם האָט אָנגענומען פֿאַרשיידענע פֿאָרמען און קומט צום אויסדרוק אין פֿאַרשיידענע דערשיינונגען — אין איינקלאַנג מיט די ספּעציפֿישע באַדינגונגען אין פֿאַרשיידענע לענדער. די ענגלישע אַר־בעטער־באַוועגונג זעט פֿאַר זיך צוויי גרונט־פֿאַקטן: א) לאָנדאָן, דאָס פֿינאַנציעלע האַרץ פֿון דער וועלט; ב) ענגלאַנד, אַ לאַנד וואָס איז געצוואונגען זיינע מערסטע שפּייז־פּראָדוקטן צו אימפּאָרטירן פֿון אויס־לאַנד — און דערפֿאַר פֿאָדערט די סאָציאַליסטישע פּראָגראַם אויפֿן ערשטן פּלאַץ די נאַציאָנאַליזאַציע פֿון די באַנקען און דאָס שטעלן דעם אויסלאַנדס־האַנדל אונטער מלוכה־קאָנטראָל. פֿון דער אַנדערער זייט, שטייט דענעמאַרק, וואָס איר שטאַרקע סאָציאַליסטישע באַוועגונג שטיצט זיך אויפֿן קליין־פּויערטום. דאָרטן גייט די פֿאַרווירקלעכונג פֿון סאָציאַליזם אויפֿן וועג פֿון שאַפֿן אַ קאָאָפּעראַטיווע, אַרבעטנדיקע לאַנדווירטשאַפֿט און אַ לאַנדווירטשאַפֿטלעכן און אַלגעמיינעם פֿאָלקס־דערציאונגס־וועזן. אָבער די דאָזיקע שפּע וואַריאַנטן און נואַנסן פֿון

סאָציאַליסטישער פֿאַרווירקלעכונג פֿאַרטושן דאָך ניט דעם עצם איינהאַלט פֿון דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל. דער אַלגעמיינער מהות פֿון דער סאָציאַליזם איז באַקאַנט:

אין דער צוקונפֿטיקער געזעלשאַפֿט קען דער יחיד ניט זיין דער באַלעבאָס איבער די גיטער פֿון דער נאַציע. די געזעלשאַפֿט לייגט אַרויף איר קאָנטראָל אויף די פּראָצעסן פֿון דער פּראָדוקציע און דער פֿאַרטיילונג. די פּראָדוקטיוו־כּוחות דאַרפֿן געריכט ווערן קודם־כּל צו באַפֿרידיקן די גרונט־הצטרכותן פֿון די אַרבעטנדיקע, און ערשט נאָכדעם — אויף דער באַפֿרידיקונג פֿון לוקסוס־באַדערפֿענישן, אין איינקלאַנג מיט דער וואַקסנדיקער קויפֿקראַפֿט פֿון די פֿאַרשיידענע שיכטן. דער דאָזיקער קאָנטראָל וועט ניט מעגלעך זיין כּל־זמן אין דער נאַציאָנאַלער ווירטשאַפֿט וועט ניט איינגעפֿירט ווערן אַ געוויסע מאָס פֿון צענטראַלער אָרגאַניזאַציע און עס וועט ניט געמאַכט ווערן קיין סוף צו דער אַנאַרכישער סאָציאַלער אָרדענונג. ערשט דורך אַזאַ אָרגאַניזאַציע וועט מעגלעך ווערן צו דערגרייכן אַ קלאַסנלאָזע געזעלשאַפֿט.

אין דער צוקונפֿטיקער ארץ ישראל וועט די פֿאַרווירקלעכונג פֿון דעם סאָציאַליזם אויך אָננעמען פֿאַרשיידענע פֿאָרמען. אָבער די גרונט־הנחות וועלן זיין די זעלבע ווי אין אַנדערע לענדער.

ארץ ישראל וועט זיין הויפּטזעכלעך אַ לאַנד פֿון אַרבעטנדיקער לאַנדווירטשאַפֿט און ניט קיין לאַנד פֿון צענטראַליזירטער אינדוסטריע — אַפֿילו אויב עס וועלן דאָרטן מיט דער צייט זיין אַ צאָל אינדוסטריע־שטעט. די וועגן פֿון סאָציאַליסטישער פֿאַרווירקלעכונג וועלן אין ארץ ישראל זיין מער ענלעך צו דענעמאַרק ווי צו ענגלאַנד אָדער דייטשלאַנד. אָבער דער מהות פֿון סאָציאַליזם וועט זיין דער זעלבער ווי אין די אַנדערע לענדער, און פֿאַר די אַרבעטער וועט שטיין דער זעלבער סאָציאַלער אידעאַל.

וואָס איז געווען אונזער כּוונה בעת מיר האָבן געשאַפֿן די ערשטע פֿאָרמען פֿון אונזער לאַנדווירטשאַפֿטלעכער קאָלאָניזאַציע אָדער אונזערע ווירטשאַפֿטלעכע אינסטיטוציעס — המשביר, סולל־בונה, די אַרבעטער־באַנק? בלויז צו באַזעצן דרייסיק מענטשן אין אום־דזשוני (די שפּעטערדיקע דגניה), אַז זיי זאָלן דאָרטן פֿירן אַ גערעכטן צוזאַמענלעבן? בלויז שאַפֿן אַ קאָאָפּעראַטיוון אונטערנעמער אין בוי־פֿאַך? ניין, מיר האָבן געוואָלט שאַפֿן צעלן, וואָס זאָלן זיך צוזאַמענשליסן אין אַ סאָציאַלן אָרגאַניזם. די איינצלנע קבוצה און דער

איינצלנער מושב־עובדים זיינען ניט סאָציאַליסטיש און ניט אַנטי־סאָציאַליסטיש. זייער סאָציאַליזם קומט צום אויסדרוק אין די באַציאונגען צווישן די איינצלנע ישובים. ביי דער זייט פֿון אַ קבוצה מיט גרויסע נאַטירלעכע מעגלעכקייטן קען היינט עקזיסטירן אַ קבוצה וואָס פֿאַרמאָגט ניט קיין גוטע אויסזיכטן אויף צו וואַקסן. לעת עתּה איז די פֿראַגע נאָך ניט זייער קיין שאַרפֿע, וואָרעם מיר האַלטן נאָך ביים אָנהויב פֿון אונזער לאַנדווירטשאַפֿטלעכער קאָלאָניזאַציע — אָבער מיט דער צייט וועט די פֿראַגע אונז קוקן אין פּנים אַריין. בעת עס וועלן זיין הונדערטער אַרבעטער־ישובים, וועט די איזאָלירטע עקזיסטענץ דעם חבר ניט געבן דאָס געפֿיל פֿון אַ „געררעכטן צוזאַמענלעבן”.

און נאָך עפּעס. אין דער פּאָליטישער ווירקלעכקייט פֿון ארץ ישראל ווערן געשאַפֿן געביטן פֿון נאַציאָנאַלער זעלבסט־פֿאַרוואַלטונג, און דאָס שטעלט דער אַרבעטער־באַוועגונג פֿאַר וויכטיקן סאָציאַל־פּאָליטישע אויפֿגאַבן. לויט וואָסערע ריכט־ליניעס זאָלן מיר האַנדלען אויף דעם דאָזיקן געביט? איז דען ניט געוועזן קלאָר, אַז בעת אונזערע חברים אין דער תּל־אָביב׳ער מוניציפּאַליטעט זיינען געשטעלט געוואָרן פֿאַר פֿראַגן וואָס האָבן אַ שייכות מיטן בוי פֿון אַרבעטער־וואוינונגען און פֿאָלקס־בילדונג — וועלן זיי האַנדלען אין גייסט פֿון די סאָציאַליסטישע שטרעבונגען? אַזאַ טענדענץ פֿון סאָציאַליסטישן שאַפֿן איז אויך פֿאַראַן אין געביטן, אין וועלכע עס קומט ניט פֿאָר קיין קלאַסן־קאַמף.

אָט דאָס איז היינט דאָס בילד פֿון דער ארץ ישראל׳דיקער אַרבעטער־באַוועגונג. פֿאַרשיידענע טיילן אירע האָבן פֿאַרשיידענע בליקן אויף דער ארץ ישראל׳דיקער ווירקלעכקייט און דערפֿאַר זיינען אויך פֿאַרשיידן די וועגן אויף וועלכער די דאָזיקע טיילן גייען. אָבער אין אירע גרונט־אַספּיראַציעס איז די באַוועגונג אייניק. דאָס איז איר נאַציאָנאַלער כּוח און סאָציאַל־שעפֿערישע קראַפֿט. זי איז פֿאַראייניקט אין איר שטרעבונג צו בויען אַ באַפֿרייטע געזעלשאַפֿט, סיי אין נאַציאָנאַלן און סיי אין סאָציאַלן זינען.

די לעצטע רעדע

די פֿאָלגנדע רעדע האָט חיים אַרלאָזאָראָוו געהאַלטן אין וואַרשע, אין פֿרילינג 1933, אַ קורצע צייט פֿאַר זיין טראַגישן טויט. דאָס זיינען זיינע לעצטע עפֿנטלעכע ווערטער:

...דער ציל פֿון אונזער אַרבעט, איז די פֿאַרווירקלעכונג פֿון ציוניזם. כּדי צו דערגרייכן דעם דאָזיקן ציל, וועלן מיר גיין אויף אַלע מעגלעכע וועגן. דורך אונזערע טאָג־טעגלעכע אָנשטרענגונגען באַמיען מיר זיך צו שאַפֿן די באַדינגונגען, וואָס וועלן גרינגער מאַכן פֿאָרויס צו פֿירן דאָס אויפֿבוי־ווערק. אָבער מיר ווילן ניט נאָכמאַכן דעם פֿירער פֿון דער אָפּאָזיציע,* וועלכער קומט מיט אַ צוואַנציק יאָר־פּלאַן, אין וועלכן עס ווערט גענוי אויסגערעכנט אַלץ וואָס דאַרף געטאָן ווערן ביזן יאָר 1953... ס'איז אפֿשר אַ אידישע מידה גענוי אויסצופּלאַנעווען דעם 49טן און 50טן שריט, און דערביי ניט וויסן גענוי וואָס עס דאַרף זיין דער דריטער אָדער פֿערטער שריט. מיר ווילן קודם כּל אויסנוצן די פּאָליטישע באַדינגונגען פֿון דעם מאַנדאַט, כּדי ווייטער וואָס מערער צו בויען און זיך אַזוי פֿעסט ווי מעגלעך איינ־וואָרצלען אונטער די באַדינגונגען וואָס מיר קענען שוין זען און וואָס מען קען פֿאָרויסזען פֿאַר דער נאָענטער צוקונפֿט.

ווען מען רעדט וועגן ארץ ישראל, האָט מען קודם כּל אין זינען דעם באַרימטן דרייעק: ענגלענדער, אַראַבער און אידן. אָבער מען דאַרף ניט פֿאַרגעסן, אַז אין ארץ ישראל ווירקן אויך פֿאַרשיידענע אַנדערע פֿאַקטאָרן און אַז עס קרייצן זיך דאָרטן אינטערעסן פֿון פֿאַר־שיידענע רעגירונגען און גרופּן. עס זיינען אין ארץ ישראל פֿאַראַן באָלשעוויסטישע אַגענטן וואָס פֿירן אַ העפֿטיקע פּראָפּאַגאַנדע קעגן ציוניזם; קאַטוילישע אַגענטן וואָס האָבן זיך זייערע אינטערעסן; עס

* וול. זשאַבאָטינסקי.

שטויסן זיך דאָרטן צוזאַמען און קרייצן זיך די אַמביציעס פֿון איטאַליע, פֿראַנקרייך און טערקיי און פֿון די אַראַבישע רעגירונגען, אָבער פֿונדעסטוועגן זיינען די סאַמע וויכטיקסטע קראַפֿט־פֿאַקטאָרן ענגלאַנד, די אַראַבער און די אידן. עס דאַרף אויך באַצייכנט ווערן, אַז די אידישע קראַפֿט, כאָטש זי קען אפֿשר זיך ניט פֿאַרגלייכן מיט דעם כוח פֿון אונזערע שכנים, האַלט אין איין וואַקסן און ווערט אַלץ מער און מער וואָגיק.

אונזער פּאָליטישע אַרבעט האָט זיך אין די לעצטע יאָרן פֿאַר אַלעמען געשטעלט די אויפֿגאַבע אָפּצוראַמען די הינדערנישן וואָס ליגן אויפֿן וועג פֿון דעם בנין הארץ. קודם כּל זיינען מיר געצוואונגען געוואָרן איינצושפּאַנען אונזער גאַנצע ענערגיע, כּדי צו ליקווידירן דעם פּאַספֿילד־טשענסעלאָר רעזשים און בטל מאַכן דעם פֿרענטש־רעפּאָרט. מען וועט אפֿשר זאָגן, אַז דאָס איז אַ נעגאַטיווע אַרבעט. איך וועל אויף דעם ענטפֿערן מיטן ביישפּיל פֿון דער „טיטאַניק". 120 טעג האָבן די מאַטראָזן פֿון דער ריזיקער שיף געהאַלטן אין איין פֿאָרשן, פֿונוואַנען עס קומען די אייזבערג און אַזוי האָבן זיי טאַקע פֿאַרמידן אַ מעגלעכן צוזאַמענשטויס מיט זיי. די פּאַסאַזשירן פֿון דער שיף האָבן דאָס אפֿשר אינגאַנצן נישט געוואוסט און האָבן ניט אָפּגעשאַצט די גאַנצע חשיבות פֿון דער דאָזיקער „נעגאַטיווער" אַרבעט, וואָס איז אינגאַנצן באַשטאַנען אין פֿאַרמיידן געפֿאַרן. און אָט האָבן זיי דעם 121טן טאָג פֿאַרזען עפּעס אַ קליינעם פּרט, די שיף האָט זיך צוזאַמענגעשטויסן מיט אַ גרויסן אייזבאַרג — און עס איז געקומען די גרויסע קאַטאַסטראָפֿע.

אין ענגלאַנד און אַפֿילו אין די קרייזן פֿון פֿעלקער־בונד פֿלעגט מען קעגן אונז טענה'ן, אַז דורך דער אידישער קאָלאָניזאַציע ווערט אַלץ גרעסער און גרעסער די צאָל באָדנלאָזע אַראַבער. כּדי דאָס צו פֿאַרמיידן האָט מען געפֿאָדערט אַוועקצושטעלן אַ קאָנטראָל איבער דעם באָדן־קויף, מען האָט געוואָלט באַגרענעצן ביז צום מינימום דאָס אידישע רעכט צו קויפֿן באָדן, מען האָט געהאַלטן אין איין איבער־חזר'ן, אַז די אומרוען פֿון יאָר 1929 זיינען אַ רעזולטאַט פֿון דער גרויסער צאָל אַראַבער וואָס זיינען אַראָפּגעשטופּט געוואָרן פֿון באָדן; די אַראַבער גייען אַרום ליידיק און דערפֿאַר זיינען זיי געצוואונגען געוואָרן זיך נעמען צו רויב און מאָרד. די שאָו־קאָמיסיע האָט די דאָזיקע טענה אַריינגעשטעלט אין איר רעפּאָרט, און פּאַספֿילד האָט עס אויסגענוצט צו אונזער שאָדן. מיר זיינען געצוואונגען געוואָרן

צו באַוויזן, אַז די דאָזיקע טענה איז אינגאַנצן אומבאַגרינדעט. עס איז אויף אונז אַרויפגעלייגט געוואָרן די אויפגאַבע אָוועקצונעמען דעם שטרויכל־שטיין פֿון וועג, און מיר האָבן טאַקע באַוויזן: ערשטנס, אַז פֿון די 2800 אַראַבישע קלאַגעס וועגן באַדן־פֿאַרטרייבונג זיינען ניט ווייניקער ווי 2300 געווען אומבאַגרינדעט און אַפֿילו די פֿאַרבליבענע 500 זיינען זייער פּראָבלעמאַטיש. אין די מערסטע פֿאַלן האָט זיך עס ניט געהאַנדלט וועגן פֿאַרלירן באַדן, נאָר וועגן אַן איבערגאַנג פֿון לאַנדווירטשאַפֿט צו אַנדערע אַרבעטן אין שטאָט און אין דאָרף — אַ נאָרמאַלע דערשיינונג אויך אין אַנדערע לענדער.

מיר האָבן באַוויזן, אַז די טענות פֿון אונזערע קעגנער זיינען אומבאַגרינדעט; פּאַספֿילד און טשענסעלאָר זיינען שוין ניטאָ, דער פּרענטש־רעפּאָרט שטייט שוין מער ניט אויף דער טאָג־אָרדענונג, עס איז פֿאַר אונז אָפֿן דער וועג צו אַ גרויסער אויפֿבוי־אַרבעט.

נאָך די געשעענישן פֿון 1929 האָבן מיר ענערגיש געפֿאָדערט אַז עס זאָלן באַזייטיקט ווערן אַ צאָל הויכע באַאַמטע אין דער בריטישער ארץ ישראל־אַדמיניסטראַציע. ענגלאַנד האָט וועגן דעם ניט געוואָלט הערן. נייך, האָט מען אונז געזאָגט, עס איז ניט אין איינקלאַנג מיט דער טראַדיציע פֿון גרויס־בריטאַניע צו באַזייטיקן אַ באַאַמטן אונטער אַן אויסערלעכן דרוק, און פֿונדעסטוועגן... עס זיינען אַוועק בלויז דריי חדשים, און לוק האָט באַקומען אַן ערשטקלאַסיקע אויסצייכענונג, דעם טיטול „סער“, און מען האָט אים אַוועקגעשיקט אין מאַלטאַ, וואו עס איז „צופֿעליק“ ליידיק געוואָרן דער פּלאַץ פֿאַר אַ גאַווערנאָר. דער פּאָליציי־שעף איז אַוועקגעשיקט געוואָרן קיין טרינידאַד, וואו עס האָט זיך „צופֿעליק“ געפֿאָדערט אַן ענערגישער מענטש וואָס זאָל גלייך איינפֿירן „רו און אָרדענונג“... היינט איז אין ארץ ישראל ניט געבליבן קיין איינער פֿון די הויכע באַאַמטע וואָס זיינען דאָרטן געווען אין יאָר 1929. דאָס איז אַ רעזולטאַט פֿון אונזערע אומאויפֿהערלעכע פּראָטעסטן, פֿון אונזער אומדערמידלעכער אַרבעט אַוועקצונעמען שטערונגען. פֿון דער גאַנצער פֿריערדיקער פֿיינטלעכער אַדמיניסטראַציע איז כמעט ניט געבליבן קיין איינער. עס זיינען היינט פֿאַראַן נייע מענטשן, און אונזערע באַציאונגען מיט זיי זיינען אויך אינגאַנצן נייע.

בראש פֿון די נייע מענטשן שטייט דער הויך־קאָמיסאַר וואָקופּ. איך מוז אָפֿן זאָגן: איך גלייב ניט, אַז מיר וועלן ווען עס איז האָבן אין ארץ ישראל אַ בעסערן „היי קאָמישאָנער“ ווי ער. ער באַציט זיך

מיט אויפריכטיקער סימפּאַטיע צו אונזער זאַך, ער האָט אַ פאַרשטענ־דעניש פאַר אונזער זאַך. אָבער ניט געקוקט אויף דעם אַלעם פירט אויך דער דאָזיקער וואָקופּ אַ טראַדיציאָנעל־בריטישע מיטל־מזרח־פּאָליטיק, אַ פּאָליטיק פון גלייכגעוויכט און „אַהין און אַהער". אויב ער וועט, פון איין זייט, מאַכן עפּעס אַ קאָמפּראָמיס לטובת אידן, וועט ער, צוליב גלייכגעוויכט, אויך מאַכן אַ קאָמפּראָמיס לטובת די אַראַבער. ער איז פאַרזיכטיק און מעסיק ווי יעדער ענגלענדער.

אָבער די דאָזיקע פּאָליטיק לגבי אונז, די פּאָליטיק פון איינגע־האַלטנקייט, מוז זיך איצט ענדערן. אין אַנזיכט פון די געשעענישן אין דייטשלאַנד מוז קומען אַ נייע תקופה אין ציוניזם. דער פאַרטיליקונגס־קאַמף קעגן די אידן אין דייטשלאַנד שטעלט פאַר דער גאַנצער וועלט אין דער אָפנסטער און קלאָרסטער פאָרעם די פראַגע פון דער אידישער נויט. די טראַגעדיע פון די דייטשע אידן האָט דעם ציוניזם פאַרוואַנדלט אין אַ ברענענדיקער פראַגע, וואָס פאָדערט אַ נייעם צוגאַנג און אַ נייע באַטראַכטונג, אַ פראַגע וואָס מען קען מער ניט אָפּלייגן און וואָס פאַרטראָגט ניט קיין גלייכגילטיקייט, וואָס פאָדערט שנעלע און ענער־גישע שריט וואָס פירן פאָרויס. עס איז דערפאַר אומפאַרמיידלעך, אַז עס זאָל קומען אַן אמת'ע ראַדיקאַלע ענדערונג בנוגע דעם ציוניזם.

עס איז שווער צו גלייבן, אַז די געשעענישן אין דייטשלאַנד וועלן זיך דאָרטן אָפּשטעלן. די געפאַר איז גרויס אויך אין אַ צאָל אַנדערע לענדער. ווער ווייס, צי די סכנה דראָט ניט פאַר אַלעמען די פיר און אַ האַלב מיליאָן אידן אין די פאַראייניקטע שטאַטן? ווען איך האָב מיט זיבן יאָר צוריק וועגן דעם גערעדט מיט דעם לייטער פון דער פינאַנס־אָפּטיילונג פון דעם פעלקער־בונד, מר. סאָלטער, און איך האָב אים געזאָגט, אַז דער פעלקער־בונד דאַרף דורכפירן אַן אינטערנאַציאָנאַלע הלוואה פאַר די אידן, אַזוי ווי דאָס איז געטאָן געוואָרן פאַר די גריכן, באָלגאַרן און פאַר עסטרייך, האָט ער מיר געענטפערט:

„— אָבער די גריכן האָבן דאָך דורכגעמאַכט אַ קאַטאַסטראָפע, די באָלגאַרן זיינען דאָך געשטאַנען פאַר אַ קאַטאַסטראָפע!

דער פאַקט וואָס דאָס אידישע לעבן איז איין גרויסע און אומ־אויפהערלעכע קאַטאַסטראָפע, אַ שטענדיקער אומגליק און אַ כראָנישע קראַנקהייט מאַכט אויף קיינעם קיין איינדרוק ניט און קיינער ווערט דערפון ניט נתפעל. ווען אַ נאָענטער מענטש איז קראַנק אין משך פון יאָרן און מען זעט ניט קיין שום אויסזיכטן אַז ער זאָל געזונט ווערן, ווערט מען אינגאַנצן אָפּגעטעמפּט לגבי זיינע יסורים, דאַקעגן ווערן מיר

די לעצטע רעדע

דורכגעדרונגען מיט שרעק ווען אַ נאָענטער מענטש ווערט פּלוצלונג קראַנק און די סכּנה שטייט אונז פאַר די אויגן.

די וועלט האָט געדאַרפט אַ גרויס און פּלוצלומדיק אומגליק, כּדי זי זאָל דערשיטערט ווערן.

און אָט איז געקומען די גרויסע פּלוצלומדיקע סכּנה. די עמאַנציפּאַציע, וואָס די אידן אין די מערב־אייראָפּעאישע לענדער האָבן געגנאָסן אין משך פון 150 יאָר איז פּלוצלונג אַנולירט געוואָרן, איבער נאַכט זיינען ביי די דייטשישע אידן צוגענומען געוואָרן די עלעמענטאַרסטע מענטשלעכע רעכט. בלוטיקע פאַרברעכנס ווערן אָפּגעטאָן בנוגע אידן. עס מוז קומען אַ נייע תּקופה אין ציוניזם — און זי וועט קומען. עס מוז געטאָן ווערן עפּעס גרויסעס און דרינגנדיקעס. צי דאָס וועט זיין אַן אינטערנאַציאָנאַלע הלוואה פון פעלקער־בונד, אָדער עפּעס אַזוינס ווי אַ ליקווידאַציע־באַנק פאַר די באַדערפעניש פון דער אידישער קאָלאָניזאַציע, קען מען נאָך דערוויל נישט זאָגן — על כּל פּנים דאַרף די דאָזיקע געלעגנהייט אויסגענוצט ווערן אויפן מאַקסימאַלסטן אופן.

וואָס איז שייך דער אַראַבישער פראַגע און דעם עבר הירדן, איז איינער פון אונזערע וויכטיקסטע פּרינציפּן: אָפּצוהיטן אין ארץ ישראל דעם שלום אין משך פון די נעקסטע יאָרן. אין איינקלאַנג מיט דעם דאָזיקן פּרינציפּ דאַרפן מיר איינשטעלן אונזערע באַציאונגען מיט די אַראַבער. מיר זיינען אַמאָל געצוואונגען מוּתּר צו זיין אויף קליינע זאַכן, מאַכן פּשרות צוליב דעם שלום, אין וועלכן מיר נויטיקן זיך אַזוי שטאַרק. מיר געפינען זיך אין דער תּקופה פון בנין הארץ — און די דאָזיקע תּקופה דיקטירט פרידן. אין די געשעענישן פון 1929 האָבן מיר פאַרלאָרן ניט נאָר 200 נפשות, נאָר אויך צוויי אַרבעטס־יאָרן.

אמת, די אַראַבער האָבן אַן אַנדער חשבון און זייער ציל איז דער פאַרקערטער — ברעכן דעם פרידן און דורך דעם אויך אונזער בוי־אַרבעט. אָבער אויב דאָס וועט זיי ניט געלינגען און זיי וועלן געצוואונגען ווערן פונדאַסניי צו רעווידירן זייער שטעלונג, וועט אויפקומען אַ מין „רעוויזיאָניזם״ ביי די אַראַבער. אויב מיר וועלן באַווייזן אין די נאָענטסטע יאָרן אַריינצוברענגען קיין ארץ ישראל הונדערט טויזנט נייע אידן, צווישן זיי 50 טויזנט יונגע מענטשן — וועט דאָס געשען. די אַראַבער וועלן זיין געצוואונגען צו געבן זייער צושטימונג צו דער געשאַפענער לאַגע.

צוליב פּאָליטישע און פינאַנציעלע סיבות קענען מיר אין איצטיקן מאָמענט ניט אָנהויבן קיין נייע קאָלאָניזאַציע־טעטיקייט אין עבר הירדן. מיר מוזן ווידמען אַלע אונזערע כּוחות און מיטלען כּדי צו פאַרפעסטיקן אונזערע פּאָזיציעס אין ארץ ישראל. עס איז ניט כּדאַי זיך איצט צו נעמען אַרבעטן אין עבר הירדן און דערווייל פאַרנאַכ־לעסיקן ארץ ישראל. מיר קענען ניט צופיל פאַרלענגערן אונזערע פראָנט־ליניעס; אויף אַזאַ אופן קענען מיר זיי פיל אָפּשוואַכן. און אויסער דעם, וועט קיינער ביי אונז דעם עבר הירדן ניט אויסכאַפּן. פאַרשטייט זיך, אַז דער עבר הירדן מוז ווערן, און מיט דער צייט וועט ער ווערן, אַן אַרבעטס־געביט פאַר דער אידישער קאָלאָניזאַציע. די אַנטוויקלונג פירט אין דער דאָזיקער ריכטונג. דאָס איז אַן אומ־פאַרמיידלעכער פּראָצעס.

די אַראַבער פון עבר הירדן זעען ווי אַזוי ארץ ישראל בליט, בעת זייער לאַנד איז וויסט — און זיי ווילן אַז אידן זאָלן זיך דאָרטן באַזעצן. דער בודזשעט פון עבר הירדן באַטרעפט אַ פערטל מיליאָן פונט, בעת דער בודזשעט פון ארץ ישראל,כאָטש איר באָדן־שטח איז אַביסל קלענער פון עבר הירדן, באַטרעפט דריי מיליאָן פונט. עס דערנעענטערט זיך די צייט ווען דער עבר הירדן וועט מוזן געעפנט ווערן פאַר אידישער אַרבעט. דער פאַרלאַמענט פון עבר הירדן האָט אָפּגעוואָרפן דעם געזעץ וועגן פאַרבאָטן דעם פאַרקויף פון באָדן צו אידן. בעת ווייצמאַן האָט באַזוכט ארץ ישראל האָבן זיך די שֵיכן באַגעגנט מיט דער ציוניס־טישער עקזעקוטיווע און פאַרגעשלאָגן, אַז מיר זאָלן קומען אַרבעטן מיט זיי. יענע שֵיכן באַקלאָגן זיך אויף די ארץ ישראל׳דיקע אַראַבער, וואָס האָבן אויף די אידן אַ „מאָנאָפּאָל״...

און צום שלוס: אַ פאָלקס־מעשה. מען דערציילט וועגן אַ שׂרפה וואָס איז אויסגעבראָכן אין אַ שטעטל. פיל הייזער האָבן געברענט. פון אַלע זייטן האָט מען געטראָגן וואַסער — אַזוי אַז אין שטעטל איז געבליבן איין לײדיקער עמער. אידן האָבן ניט געוואוסט וואָס צו טאָן, זיינען זיי געלאָפן צום רבי׳ן און האָבן אים געפרעגט: רבי, וואָס זאָלן מיר טאָן? און דער רבי האָט זיי געענטפערט: גיסט וואַסער...

יאָ, אַרום אונז בושעוועט אַ שׂרפה און די איינציקע זאַך וואָס מיר דאַרפן טאָן איז גיסן וואַסער, גיסן וואַסער אָן אַן אויפהער. נאָך מער אידישע ענערגיע, נאָך מער מיטלען, נאָך מער אידישער שווייס — און מיר וועלן סוף־סוף דערגרייכן אונזער ציל.

בריוו*

יוגנט־יאָרן

בערלין, דעם 20סטן דעצעמבער, 1914

נעכטן בין איך געווען אויפֿן מכבים־אָוונט פֿון דער ציוניסטישער פֿאַראייניקונג... ערשטנס, איז געווען אַ פֿייערלעכע רעדע פֿון דעם הער שריפֿשטעלער ד״ר מאַרטין בובער, אַ רעדע וואָס איך האָב ווייניק פֿאַרשטאַנען. אָבער אַן אַנדער הער, אין אַ צילינדער, וואָס איז געזעסן לעבן מיר, האָט געזאָגט, אַז דאָס איז געווען אַ וואונדערלעכע פֿעסט־רעדע. זאָל זיין אַזוי! נאָך דעם איז געקומען די ריי פֿון די אידישע לידער און רעציטאַציעס, וואָס איך האָב ניט געקענט גוט הערן. אָבער דער הער אין צילינדער האָט געזאָגט אַז זיי זיינען געווען וואונדערבאַר. זאָל זיין אַזוי! אַגב, קוק אַריין אין מכבים־בוך: עטלעכע שטעלן זיינען מיר זייער געפֿעלן געוואָרן. און דעמאָלט ווען מיר וועגן דעם ברייטער רעדן... בכלל, איז געקומען די צייט, אַז אונזערע בריוו זאָלן ווערן אַ ביסעלע ערנסטער. דו הערסט? צום סוף האָט דער באַרימטער גאָלעניק געזונגען זעקס אידישע לידער. דאָס איז געווען באמת וואונדערבאַר! צוליב די אַפּלאָדיסמענטן, מיט וועלכע מיר האָבן אים באַשאָטן, איז ער געצוואונגען געוואָרן צו זינגען נאָך צוויי לידער.

...אָבער דער ציוניזם, ווייניקסטנס, וועט קיינמאָל ניט אונטערגיין — דאָס איז מיר נעכטן קלאָר געוואָרן פֿון די פֿלאַמענדיקע בליקן פֿון דעם גאַנצן עולם...

בערלין, דעם 1טן מערץ, 1916

מיין ליבער זאַלאָ,

היינט וויל איך דיר דערציילן אַ לעגענדע. פֿון אויבנאויף —

* אויסצוגן פֿון פּריוואַטע בריוו, וואָס זיינען געשריבן געוואָרן אין די יאָרן 1914—33 — פֿון דעם 15טן ביזן לעצטן יאָר פֿון חיים אַרלאָזאָראָווס לעבן.

אַ פשוטע, נאַאיווע לעגענדע, אין וועלכער עס ליגט אָבער פאַר־באָרגן אַזאַ טיפער זינען, אַז איך האָב געוויינט און לוסטיק געוועזן צוגלייך, בעת איך האָב פאַרשטאַנען איר מיין... אָבער איך גלויב אַז זי איז אמת:

בעת איך בין געוועזן אַ קינד, בין איך איין מאָל געזעסן לעבן מיין זיידן און געלייענט אַ בוך. איך האָב געלייענט ביז צו דעם פלאַץ, אין וועלכן עס ווערט דערציילט, אַז אין די טויערן פון רוים זיצט, אַן איינזאַמער, משיח — און וואַרט. בין איך צוגע־גאַנגען צו מיין זיידן און האָב אים געפרעגט: „אויף וועמען וואַרט דאָרטן דער משיח?" האָט דער זיידע אויף מיר אַ קוק געטאָן און געזאָגט: „גיי, מיין קינד!".

...דער ציוניזם שטרעבט ניט צו טראַנספּאָרטירן קיין ארץ ישראל אונזערע אָפּט־דערמאָנטע „אָרעמע" רוסישע ברידער, כּדי דאָרטן צו שאַפן אַ נייעם גלות. ניין, דער אידישער קאָלאָניזאַציע אין ארץ ישראל דאַרף פאָראויסגיין אַ שווערע און סיסטעמאַטישע צוגרייטונגס־אַרבעט. מען דאַרף אין אידישע הערצער ווידער איינ־פלאַנצן דאָס געפיל פון אָרגאַנישער פאַרבונדנקייט, ליבע צום פאָלק, צו זיין געשיכטע, צו זיין פאָטערלאַנד, צו זיין שפּראַך, — נאָך איידער די דאָזיקע אידן וועלן ווידער פאַרפלאַנצט ווערן אין זייער פאָלק, געשיכטע, פאָטערלאַנד, שפּראַך. אָ, עס איז גרינגער אויסצוראָמען די אוגעאישע שטאַלן איידער די הערצער פון די דאָזיקע אידן, וואָס זיינען פאַרזונקען געוואָרן אין דער בלאָטע פון די פאָראור־טיילן פון דער געטאָ און דער עמאַנציפּאַציע עפּאָכע. יעדער יחיד דאַרף זיין נשמה אָפּגעבן אַ גרינטלעכן דין וחשבון. צום טייוול מיט דעם ירושה־יאָך פון אַכצנטן יאָרהונדערט. זאָל דאָס הארץ פריי ווערן, אַז עס זאָל ווידעראַמאָל דערשפּירן יענעם שטאָלץ, יענע דערהויבנקייט, וואָס האָבן דער וועלט געגעבן די תּהילים־געזאַנגען. יעדעס אידיש האַרץ דאַרף זיך אומקערן אַהין. אויף דיר וואַרט דער משיח, דער איינזאַמער און אָרעמער, אין די טויערן פון רוים, און ס׳איז ניטאָ קיין פלאַץ פאַר קיין פּלפּול און פאַר קיין „חכמות". אָדער דו וועסט זיין אַזאַ מין איד — אָדער דו וועסט אינגאַנצן קיין איד ניט זיין. ביז דעם פּונקט זיינען מיר אַלע מסכּים. דער וואָס האָט איבערגעריסן דעם קעגנזייטיקן צובונד מיט פאָלק, ווי די עמאַנציפּאַציע־אידן האָבן עס געטאָן — מעג זיך גיין וואוהין ער וויל. די עמאַנציפּאַציע האָט פאַרענדיקט איר ראָליע, און יעדער

אײנער, װאָס האָט נאָך אָפּגעהיט דעם קעגנזײטיקן צובונד צום פֿאָלק, אָן אָרטאָדאָקסישן אָדער אַ נאַציאָנאַלן צובונד, מוז שטערבן צו באַנײאונג. אױף דעם װאָס שטערבט דערצו — װאַרט דער משיח...

פֿון דעם װערט געדרונגען אַלדאָס איבעריקע...

1. דער נאַציאָנאַלער איד דאַרף שטערבן צו באַנײאונג ניט נאָר פֿאַר די רוסישע אידן, נאָר פֿאַר זיך אַלײן און פֿאַר יעדן אײנעם.

2. דאָס הײסט, אַז דאָס אידנטום דאַרף שטײן איבער אַלץ, און פֿאַר די פּראָבלעמען פֿון אידנטום דאַרף פֿאַרשטומט װערן יעדער לאָקאַל־פּאַטריאָטיזם.

3. אין דעם װערטער־סדר פֿון דער באַזעלער פּראָגראַם דאַרף באַטאָנט װערן ניט דאָס װאָרט „געזיכערטע הײט", נאָר דאָס װאָרט „נאַציע" — דעמאָלט װעט אַלץ קלאָר װערן.

דאָס הײסט, אַז אַלץ װאָס מיר מוזן זיך דעראָבערן פֿאַרן פּרײז פֿון אונזער ליבע צו דײטשלאַנד, װעט שױן זײן אַ זעלבסטפֿאַרשטענד־לעכקײט פֿאַר אונזערע קינדער.

משיח װאַרט אױף דיר. און איך װאַרט אױף דײן בריװ.

ערשטע „עליה"

תל־אביב, דעם 2טן אַפּריל, 1921

מײן ליבע מוטער און אַלע מײנע טײערע,

...איך האָב שױן ניט אײנמאָל באַשלאָסן צו ענטפֿערן אײך אַלעמען — יעדן אײנעם באַזונדער און אױספֿירלעך — װאָרעם עס דוכט זיך מיר, אַז איך האָב עפּעס צו זאָגן יעדן אײנעם פֿון אײך, עפּעס װאָס איז צוגעטראָפֿן און װיכטיק בלױז פֿאַר דעם „אײנעם". אָבער אױב איך זאָל אָנהײבן דערצײלן װעגן לאַנד, װעגן דער נאַטור, װעגן די מענטשן, װעגן אונזער לעבן און צוקונפֿט און די אַלע פּראָבלעמען מיט װעלכע מיר פֿאַרנעמען זיך — װעט צום בריװ קײנמאָל ניט נעמען קײן סוף.

דאָס לאַנד איז אַ צױבער־לאַנד. דער װאָס האָט אײנגעאָטעמט זײן לופֿט און אַרױפֿגעקוקט צו זײנע הימלען, װעט שױן מוזן אַהער צו־ריקקומען. עס איז מעגלעך, אַז אין מזרח בכלל ליגט אַזאַ פֿאַר־באַרגענע קראַפֿט. אױב אַזױ, קומט נאָך אין ארץ ישראל צו צום דאָזיקן צױבער אַ ספּעציעלער װאונדערלעכער צוגאָב. אַלע װאָס האָבן

דאָס לאַנט פֿאַרלאָזן, אָדער קלײַבן זיך עס צו פֿאַרלאָזן, וועלן אַהער פֿריער אָדער שפּעטער צוריקקומען, דירעקט אָדער אויף קרומע וועגן, אין דער אָדער אין יענער פֿאָרם. איינער וועט גלייך צוריקקומען; אַ צווייטער, יאָרן שפּעטער; איינער וועט צוריקקומען מיט פֿאַר־ביטערטן ווידערשטאַנד און ווידערווילן — אַ צווייטער וועט פֿריי אָפּאָטעמען ווען ער וועט שטעלן די פֿיס אויפֿן באָדן פֿון לאַנד...

מען דאַרף דאָ אַליין זײַן, מען דאַרף פּלאַסטיש זען און פֿילן, וואָס עס הייסט אַזוינס ארץ ישראל — ערשט דעמאָלט ווערט מען אַריינגע־צויגן אין דעם צויבער־קרייז. איך בין זיכער, אַז איר אַלע וועט פֿון דעם דאָזיקן צויבער־קרייז קיינמאָל ניט קענען אַנטלויפֿן. הלוואי וואָלט איר אין אים שוין געפֿאַנגען געוואָרן!

אָבער די ווירקלעכקייט אין דעם דאָזיקן לאַנד איז זייער אַ שווערע. אין די אויגן־ווינקלען ווערן באַלד אויסגעקריצט קנייטשן און די פּנימער זעען אויס זייער מיד. אונזער ווירקלעכקייט איז אַ באַזונדערס שווערע און קאָמפּליצירטע. לאָמיר דערפֿאַר דערוויילע שווייגן.

...איבעראַיאָר וועלן מיר אַוודאי זײַן צוזאַמען — און אַז איך וועל זיך צוריקקערן קיין ארץ ישראל, וועט איר אַלע זײַן צוזאַמען מיט מיר...

דעם 11טן מאַי, 1921

ליבע מאַמע,

איך האָף, אַז דו האָסט באַקומען די טעלעגראַמע וואָס איך האָב דיר געשיקט אין די ערשטע טעג פֿון די אומרועןן אין יפֿו, כּדי דו זאָלסט נישט זאָרגן. די אידישע ארץ ישראל מאַכט איצט דורך שווערע טעג, וואָס זייער גלײַכן, גלייב איך, האָט נאָך דער פּיל־געפּרוּווטער ישוב ניט געזען. אָבער וואָס איז שייך מיר אַליין: דער גורל איז מיר פֿאַרבײַגעגאַנגען — און ניט צוגעוואָרפֿן קיין איין בליק.

...דערפֿאַר וואָס איך בין געווען איינער פֿון די ווייניקע, וואָס האָב געהאַט הייסן געווער, בין איך געשיקט געוואָרן אויף אַ שוץ־פּאָסטן אין דער אינערלעכער שטאָט, אין נוה שלום; דאָרטן בין איך די גאַנצע צייט געשטאַנען אויף דער וואַך, און דער־פֿאַר האָב איך ניט געקענט שרייבן אויספֿירלעך. אויסער דעם איז

די לאַגע נאָך ניט אינגאַנצן קלאָר, די נערוון זיינען זייער געשפּאַנט, אַז איך קען כמעט ניט געפינען קיין באַגריפן אויף אויסצודריקן זיך.

אויפן פּאָסטן אין לאָנדאָן

לאָנדאָן, 24סטן אויגוסט, 1929

— — — הײנטיקער טאָג האָט זיך באמת פאַרוואַנדלט אין אַ „שוואַרצן טאָג". אינדערפרי, בעת איך בין אַרויס אויפן וועג צום „בריטישן מוזעאום", האָט אַלץ אַרום מיר אויסגעזען שטיל און ליכטיק. עס איז געווען זייער אַ שיינער פרימאָרגן. איך בין זיך געגאַנגען פּאַמעלעך און געטראַכט וועגן דעם באַזונדערן צויבער פון דער דאָזיקער סביבה. כאָטש די מאָדערנע צייט האָט „בלומסבערי" * פאַרוואַנדלט אין אַ גרופּע פון פּאַנסיאָנען און האָטעלן, האָט נאָך דער דאָזיקער פּלאַץ פונדעסטוועגן אָפּגעהיט זיין אייגנאַרטיקייט. איך גלויב, אַז דאָס קומט פון די פּאַרקן, די „סקווערן" וואָס ציען זיך דאָ איינער נאָכן צווייטן און איינער ביי דער זייט פון צווייטן — ברייטע און אָפענע סקווערן, וואָס זיינען אַרומגערינגלט מיט פּריוואַטע היימען און גרינע לאָנקעס, וואָס היינט זיינען זיי פאַרפּאַרקאַנט און אַמאָל זיינען זיי מסתמא געווען אָפן פאַר די איינוואוינער פון קוואַרטאַל, בעת די גאַסן זיינען געווען ניט מער ווי פאַרבינדונגס־שטעגן צווישן די סקווערן.

אָבער אין דער מינוט וואָס איך האָב גענומען אין האַנט די צייטונג, בין איך געשטאַנען פּנים אל פּנים מיטן אומגליק, וואָס איז נעכטן געשען אין ירושלים, וואָס זיינע מעגלעכע רעזולטאַטן קען מען ניט פאָראויסזען אַפילו אין איצטיקן מאָמענט. ווידער בלוט־פאַרגיסעניש אין ארץ ישראל, אויף אַ גרויסן מאַסשטאַב, גרויסע אומרוען אין ירושלים. שטעל זיך פאָר וואָס איך האָב געפילט, בעת איך האָב געזען די אָוונט־צייטונגען מיט די סענסאַציאָנעלע „קעפּ": „קריגס־שיפן פאָרן אָפּ קיין ארץ ישראל!" די לעצטע ידיעות זיינען איצט: צוואַנציק געהרגעטע; אַ פאַמיליע פון זעקס נפשות וואָס איז אינגאַנצן אויסגעקוילעט געוואָרן אין מוצא; אַ דעלעגאַציע פון אַמעריקאַנער בירגער (ווייזט אויס, טוריסטן) איז דערשינען פאַרן

* אַ קוואַרטאַל אין לאָנדאָן.

אַמעריקאַנער קאָנסול און פֿון אים געפֿאָדערט, אַז ער זאָל ברענגען אַ קריגס־שיף, וואָס זאָל זיי צוריקפֿירן קיין אַמעריקע. ערגער פֿון אַלץ איז, וואָס אין ערגעץ זיינען ניטאָ די ריכטיקע מענטשן: אין ארץ ישראל איז אין איצטיקן מאָמענט ניטאָ קיין איין מיטגליד פֿון דער עקזעקוטיווע, און דער בוכהאַלטער פֿאַרטרעט איצט די אידישע אַגענטור אין ירושלים. אין לאָנדאָן איז אויך קיינער ניטאָ. ליפּסקי איז אָנגעקומען נעכטן, און היינט אינדערפֿרי האָט ער נאָך גאָרניט געוואוסט, ער האָט אַפֿילו ניט געזען די צייטונגען. דער „היי־קאָמי־שאָנער" — ער האָט מזל — איז ניט אין ארץ ישראל, ער איז ערגעץ אין וועג. אין קאָלאָניאַל־מיניסטעריום איז קיינער ניטאָ צוליב דעם „וויק ענד", דוב האָז האָט פּרובירט זיך זען מיטן וויצע־מיניסטער — אָבער עס איז אים ניט געלונגען.

...עס איז גרינג צו זאָגן: קאָלטבלוטיקייט! דער וואָס די מאַכט איז אויף זיין זייט קען האַנדלען קאָלטבלוטיק, אָבער די וואָס נויטיקן זיך אין דעם אַממערסטן, זיינען אַמווייניקסטן פֿעאיק זיך אויסצקלייבן די נויטיקע שטימונג.

— — — אַ גוטע נאַכט, טייערע, שלום — און שלום צו ארץ ישראל, אונזער לאַנד.

לאָנדאָן, דעם 23סטן נאָוועמבער, 1930

— — — אין די פֿאַרהאַנדלונגען מיט דער רעגירונג איז גע־קומען אַ קליינע הפסקה. הענדערסאָן [דער אויסערן־מיניסטער] האָט נאָך ניט געשיקט דעם ענטפֿער אויף אונזער דערקלערונג בנוגע דעם [פּאַספֿילד]־„וויס־בוך"; די רעגירונג פֿאַרהאַנדלט נאָך אַלץ, וויזט אויס, וועגן דעם עניין. מעגלעך, אַז עס זיינען אויך פֿאַראַן אינערלעכע מיינונגס־פֿאַרשיידנהייטן... דערווייל גרייטן מיר צו, — ווי איך האָב שוין דערמאָנט, — דעם מאַטעריאַל וועגן אונזערע פֿאָדערונגען בנוגע דער ווייטערדיקער אַרבעט. מיר דוכט זיך, אַז איך האָב דערביי געבראַכט אַ ביסל נוצן.

איצט וויל איך דיר שרייבן וועגן אַ משונה׳דיקן געדאַנק וואָס פֿליט דורך דורך מיין קאָפּ יעדן טאָג, כאָטש איך בין ניט זיכער, אַז עס וועט דיך אינטערעסירן. יעדן טאָג, אויפֿן וועג צו דער ביוראָ, גיי איך פֿאַרביי אַ קליינע, אָרעמע טיר, אין אַ פֿאַרוואָרפֿן, טונקל ווינקל פֿון גאָרדאָן־סקוועער, אויף וועלכע עס איז אויפֿגעשריבן, אויף אַ צינ־

קענעם לוח: „דער הויפּט־קאָנסולאַט פֿון פּאָרטוגאַל״. דער אויסזען פֿון דער טיר זאָגט עדות, אַז זי ווערט געעפֿנט זייער זעלטן. מיט פֿיר הונדערט יאָר צוריק, בערך, איז פֿאָרגעקומען אַ קאָנפֿערענץ פֿון אייראָפּעאישע רעגירונגען (אין דעם מאָמענט געדענק איך ניט גענוי, וועלכע), אויף וועלכער דער דעלעגאַט פֿון שפּאַניע־פּאָרטוגאַל האָט פּראָטעסטירט קעגן צולאָזן די ענגלישע רעגירונג צו אַזאַ באַראַטונג — וואָרעם מען קען איר דאָך בשום אופֿן ניט באַטראַכטן ווי איינע פֿון די אייראָפּעאישע גרויסמאַכטן. איז טאַקע אמת, אַז אין פֿיר הונדערט יאָר אַרום וועט זיך דער בריטישער קאָנסולאַט אין ריאָ־דע־זשאַנערא אָדער מאָסקווע געפֿינען אין איינער פֿון די זייטיקע געסלעך, הינטער אַ קליינער, גרינלעכער טיר, וואָס ווערט זייער זעלטן געעפֿנט? ס'איז מעגלעך. אָבער די דאָזיקע דאַטע איז נאָך זייער ווייט. ———

לאָנדאָן, דעם 24סטן נאָוועמבער, 1930

מיין טייערע מאַמע,

איך האָף, אַז דו האָסט מיין טעלעגראַמע שוין באַקומען, איידער דער דאָזיקער בריוו האָט דיך דערגרייכט, און האָסט פֿון איר אַרויסגעלייענט מיינע פֿון האַרצן־קומענדיקע גליקוואונשן צו דיין זעכציקסטן געבוירנטאָג און מיין האָפֿענונג, אַז דיין וואונדערלעכע לעבנס־קראַפֿט און, בעצם, דיין לעבנס־פֿרייד, וועלן דיך אומפֿאַרמינערט באַגלייטן נאָך זייער, זייער אַ לאַנגע צייט... אויב אַ מענטש איז בכלל עלול צו טראַכטן אין זיין יוגנט וועגן דעם, ווי אַזוי און אין וואָס פֿאַר אַ פֿאָרם ער וואָלט געוואָלט פֿייערן זיין זעכציקסטן געבוירנטאָג, איז אפֿשר מעגלעך, אַז ניט אַלץ זעט היינט אויס ווי דו וואָלסט זיך דאָס געקענט ווינשן. אָבער, פֿון דער אַנדערער זייט, איז אויך פֿאַראַן אַזוי פֿיל פּאָזיטיווס, אַז איך בין זיכער, אַז דו וועסט ניט וועלן זיין אומגערעכט אין דיין אורטייל. אַלע דיינע קינדער געפֿינען זיך אַרום דיר — כאָטש זיי גייען אויף זייערע אייגענע וועגן. וויפֿל עלטערן אויף דער וועלט זיינען היינטיקע צייטן זוכה אַפֿילו דערצו? די אייניקלעך — און זייער צאָל האַלט כסדר אין וואַקסן — שפּילן זיך אין דיין הויז, אַפֿילו אויב זיי מאַכן אַמאָל אָן אַ צו גרויסן טומל. ארץ ישראל, מיט דער גרויסער באַדייטונג וואָס זי האָט פֿאַר אונז, סיי אין זינען פֿון דער טראַדיציע און סיי אין

זינען פֿון די נאָך ניט דערפֿילטע האָפֿענונגען, איז דיר געוואָרן אַ צווייטע היים. וויפֿל דורות האָט די דאָזיקע האָפֿענונג אָפּגענאַרט — און וויפֿל אידן וואָלטן זיך גערן מיט אונז געביטן, אַפֿילו היינט? דאָס וואָס די מאַטעריעלע לאַגע איז ביי אונז אַלעמען ניט ווי זי וואָלט געדאַרפֿט זיין — איז דאָס גענוג איבערצובייגן די וואָגשאָל אַנטקעגן דעם שיינעם און גוטן, וואָס דאָס לעבן האָט אונז געגעבן? דיין אינערלעכע נאַטור וועט אַוודאי אין דעם דאָזיקן געבוירנטאָג מיט דער פֿולסטער קראַפֿט שפּירן אָט די אַלע פּאָזיטיווע ווערטן. בין איך דען שטענדיק ניט געווען נתפעל פֿון דיין גרויסער לעבנס־באַיאָאונג, דיין שטאַנדהאַפֿטיקייט און ענערגיע — און האָב איז זיך דען ניט באַמיט צו גיין אין דיינע דרכים?

דערהויבנדיקע מאָמענטן

באַזעל, דעם 16טן יולי, 1931

די לעצטע וואָך פֿון קאָנגרעס און פֿון דער זיצונג פֿון דער אידישער אַגענטור איז געווען אַזוי רייך אין דראַמאַטישע מאָמענטן און נערוועזער שפּאַנונג, און איך אַליין בין אַזוי טיף פֿאַרפּלאָנטערט געוואָרן, אָדער, ריכטיקער, פֿאַרכאַפּט געוואָרן אין אָט די ענינים, אַז אין משך פֿון זעקס טעג האָב איך ניט געהאַט די מעגלעכקייט דיר צו שרייבן אַפֿילו אַ וואָרט.

איך ווייס ניט וואָס, און ווי אויספֿירלעך, די פּרעסע האָט איבערגעגעבן — און צי דו האָסט געהאַט די געלעגנהייט דאָס אַלץ נאָכצופֿאָלגן — וועגן יענער אימה׳דיקער נאַכט פֿון דער אָפּשטימונג קעגן ווייצמאַנען, פֿון אונזער קאַמף קעגן דער דאָזיקער אָפּשטימונג וועגן דער „ענדציל״־רעזאָלוציע, וועגן דעם יונגן רעוויזיאָניסט וואָס האָט צעריסן די פֿאָן — אַ באמת שרעקלעכער מאָמענט — און דעם אַרויסטריט פֿון די רעוויזיאָניסטן און די פֿאַרהאַנדלונגען אַרום דעם צוזאַמענשטעל פֿון דער נייער עקזעקוטיווע — —

אָבער דער דראַמאַטישער הויכפּונקט פֿון דעם קאָנגרעס איז, לויט מיין מיינונג, געווען ניט יענע נאַכט, נאָר די נעכטיקע שלוס־זיצונג פֿון דעם קאָנגרעס. איידער די דאָזיקע זיצונג איז זיך צו־נויפֿגעקומען, האָט ווייצמאַן — נאָך דעם ווי אַלץ איז שוין קלאָר געווען — אויסגעדריקט דעם פֿאַרלאַנג, אַז מיר זאָלן צוזאַמענרופֿן

די אַרבעטער־פּראַקציע, כּדי אים צו געבן אַ געלעגנהייט זיך מיט אונז צו זעגענען. דער זאַל איז, פאַרשטייט זיך, געווען אַ געפּאַקטער. עס איז געווען אַ דערשיטערנדיקער מאָמענט. דעם איינדרוק האָבן געשאַפן ניט אַזוי די ווערטער וואָס זיינען געזאָגט געוואָרן, ווי דער אויסברוך פון גרויסן און אוממיטלבאַרן געפיל. איך בין געווען דער פּאַרזיצער, און נאָך די דאַנק־ווערטער, מיט וועלכע וויצמאַן האָט זיך צו אונז געווענדט, פאַר דעם „העראָאישן קאַמף פאַרן עכטן און ריינעם ציוניזם", זיינען מיר ביידע, פאַר די אויגן פון גאַנצן עולם, ספּאָנטאַן זיך געפאַלן אויף די העלדזער. פיל פון די אַנוועזנדיקע האָבן געוויינט. אָבער עפּעס גרעסערס איז געשען ערשט שפּעטער: איידער מיר האָבן געענדיקט, האָבן מיר באַקומען די ידיעה, אַז דער קאָנגרעס וואַרט אויף דער אַרבעטער־פּראַקציע — מען איז גרייט פאַר דער שלוס־זיצונג און וואַלן פון דער נייער עקזעקוטיווע. מיר האָבן זיך געלאָזט גיין, אַן עולם פון העכער הונדערט מענטשן — און וויצמאַן צוזאַמען מיט אונז. אויפן וועג האָב איך וויצמאַנען צוגעפּליסטערט, אַז ער זאָל מיט אונז אַריינגיין אין זאַל און זיך זעצן צווישן אונזערע דעלעגאַטן. דער לינקער פליגל פון זאַל איז געווען פּוסט — און פּלוצלונג האָט זיך אויפגעעפנט די טיר און וויצמאַן איז דערשינען — הינטער אים די דעלעגאַטן — און האָט פאַרנומען דעם ערשטן בענקל פון דעם לינקן פליגל, צוזאַמען מיט מיר און בערל לאָקער. פריידיקע אָוואַציעס האָבן אויסגעבראָכן לינקס, אויף דער טריבונע, אויף די גאַלעריעס. ער האָט זיך אויפגעשטעלט, זייער, זייער אַ בלאַסער אָבער מיט אַ געהויבענעם קאָפּ. יעדער אבר האָט גע־זאָגט — דער פירער, דער מאָראַליש אומבאַזיגטער, פאַרקערט, דער זיגער. איך האָב נאָכדעם געפרעגט אַ גרופּע ציוניסטישע יוגנט, „צופים" פון ווין, צי דאָס איז ניט געווען דער דערהויבנסטער מאָמענט פונם קאָנגרעס — און איינער פון די אינגלעך האָט געענטפערט, מיט ברייט־אָפענע אויגן: „פון קאָנגרעס? ניין — פון מיין גאַנצן לעבן".

פון דער לעצטער רייזע

וולאָצלאַוועק, דעם 28סטן מאַי, 1933

דו וואונדערסט זיך, מסתמא, וואָס איך שיק דיר פּלוצלונג אַ רעכענונג, לאָז איך דיר וויסן, אַז אויפן וועג פון וואַרשע קיין

בערלין האָב איך פֿאַרבלאָנדזשעט אַהער, כּדי צו האַלטן אַ וואָל־רעדע און אַז דאָס איז דאָס איינציקע פּאַפּיר אין דעם צענטראַלן האָטעל אין שטאָט. יעדנפֿאַלס, וולאָצלאַוועק איז אַ שטאָט מיט אַ אידישן ישוב פֿון העכער צען טויזנט נפֿשות, אַ פֿעסטונג פֿון ציוניזם, און דווקא פֿון די פּראָגרעסיווע עלעמענטן אין ציוניזם. דער דראַנג נאָך ארץ ישראל איז דאָ — ווי אומעטום אין פּוילן — זייער גרויס. צום וואָקזאַל זיינען מיך געקומען מקבל־פּנים־זיין אַלע תּלמידים פֿון דער העברע־אישער גימנאַזיע — עטלעכע הונדערט קינדער — און אַ גרויסע דעלעגאַציע פֿון אַלע אָרגאַניזאַציעס, און עס ווייזט אויס, אַז פֿאַר דער יוגנט איז דאָס באמת געווען אַ גרויסער טאָג. זיי האָבן זיך געפֿרייט דערמיט, וואָס איינער פֿון זיי, אַ „חבר", איז עולה־לגדולה געוואָרן אין דער „גרויסער" וועלט, מאַכט רייזעס פֿון בערלין קיין לאָנדאָן, און דערנענטערט דורך זיין „פּאָליטיק" די גאולה פֿון אידישן פֿאָלק. צווישן דער דאָזיקער אילוזיע און דערווירקלעכקייט זיינען, ווי איך ווייס, פֿאַראַן ווייניק באַריר־פּונקטן. דער אָביעקט פֿון זייער באַוואונדערונג איז אינגאַנצן אַ פּראָדוקט פֿון דער פֿאַנטאַזיע. אָבער אַפֿילו אַלס אַזעלכער, באַזיצט ער אַ סימבאָלישע באַדייטונג פֿאַר דער באַוועגונג — און אויף אַזאַ אופֿן ברענגט ער נוצן. אָבער, פֿון דער אַנדערער זייט, איז זייער ניט אָנגענעם דאָס ניט צו פֿאַרשטיין און עס איז אין דעם פֿאַראַן עפּעס דערנידעריקנדיקס, אין דעם זעלבן זינען ווי אַ מענטש וואָס באַקומט אַ מעדאַל פֿאַר עפּעס וואָס ער האָט ניט געטאָן. כאָטש די גרענעצלאָזע עקספּלואַטאַציע פֿון די סימבאָלישע ווערטן וואָס ליגן אין „פֿירערשאַפֿט" איז איינע פֿון די וויכטיקסטע מיטלען, מיט וועלכע עס באַנוצן זיך די נאַציס, באָלשעוויקעס און פֿאַשיסטן — דאָס הייסט, אַלע דערפֿאָלגרייכע באַוועגונגען אין אונזער צייט — קען איך זיך ניט באַפֿרייען פֿון דעם געפֿיל, אַז דערין ליגט עפּעס אומאָנגענעמס און, אייגנטלעך — אומווירדיקס, און עס ווייזט אויס, אַז איך וועל בשום אופֿן ניט מצליח זיין אַלס אַ פֿירער פֿון מאַסן־באַוועגונגען. דעם נאַאיוון גלויבן פֿון אַ מענטשן, וואָס איבערצייגט זיך, דורך זעלבסט־סוגעסטיע, אַז ער און זיין טעטיקייט זיינען אומדערזעצבאַר און האָבן ניט קיין גלייכן — קען איך אויף זיך ניט אָרויפֿצווינגען, און איך וואונדער זיך יעדן מאָל פֿונדאַסניי, ווען איך זע, אַז דער דאָזיקער גלויבן האָט פֿון זיך אַליין געשאַפֿן אַ סוגעסטיע ביי אַנדערע מענטשן.